STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05009

ESEYEN

Melech Ravitch

Permanent preservation of this book was made possible
by Robert L. Fonner
in memory of
Shuka Yohalom & Menahem Vardi, killed in action, October 1973

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מלך ראַוויטש / עסייען

מלך ראַוויטש

עסייען

גערגרייט צום דרוק
יאָסל בירשטיין

פֿאַרלאַג „נס״, ירושלים

דאָס בוך גייט אַרויס מיט דער הילף
פֿון מלך ראַוויטש פֿאָנד אין מאָנטרעאַל

©
כל הזכויות שמורות

Printed in Israel 1992

געדרוקט אין ישראל, תשנ״ב 1992

דרוקערײַ: צור-אות, ירושלים

מלך און רחל-אייזענבערג ראַוויטש
מאָנטרעאָל 1970

אינהאַלט

הקדמה — יאָסל בירשטיין 7
טראָפּנס צו אַ ים — אבֿרהם סוצקעווער 9
מלך ראַוויטש — חווה ראַזוענפּאַרב 11

וועגן אײַנשליסן אין אַ ספֿר הספֿרים די ייִדישע מחשבֿה און מעשׂה
פֿון די לעצטע צוויי טויזנט יאָרן 33

פּרץ מאַרקיש
די געשטאַלט פּרץ מאַרקיש 59
דער מענטש — דער ייִד — זײַן ווערק 100

שלום אַש
דער שליח 120
אַ בליק אין ״וואָס איך גלייב״ 140
משה 147
שבֿחי שלום אַש 160

ישׂראל יהושע זינגער
יאָשע קאַלב 183
די ברידער אַשכּנזי 190
די משפּחה קאַרנאַווסקי 199
געזעגענונג מיט י. י. זינגער 209

אבֿרהם סוצקעווער
עסטעטיק און עטיק אין אבֿרהם סוצקעווערס לידער 217
אָדע צו דער טויב 221
קאַנאַליאַדע און אייביקייט 226
אין פֿײַערוואָגן 229
גײַסטיקע ערד 234
סוצקעווער און די אייגנמאַליקייט 237

וועגן אייביקייט און מהות פֿון שאַפֿן (אַ שמועס מיט אבֿרהם טאַבאַטשניק) 242

שמואל יעקבֿ אימבער
דוד קעניגסבערג
בער האָראָוויץ
דרײַ פֿאַרגעסענע פּאָעטן 265

ברוך שפּינאָזאַ
נישט אונדזער גאָט — נאָר אונדזער מענטש... 273

יצחק באַשעוויס זינגער
אַן אינטערוויו פֿאַר אַן אינטערוויו נאָך פֿינעף און דרײַסיק יאָר... 280
מײַן טאַטנס בית־דין שטוב 286
גאַגאָל, באַשעוויס און צו וואָס דאַרף מען גוטע ליטעראַטור 290
די פֿאַמיליע מושקאַט — אַ גרויס ווערק מיט גרויסע חסרונות 292

ה. לייוויק
די לעצטע ערדישע יאָרן און טעג פֿון ה. לייוויק 306

יצחק לייבוש פּרץ
אַ הקדמה פֿון... יצחק לייבוש פּרץ 325
י. ל. פּרץ אַלס מײַן... רעצענזענט 327
דער פֿאָטער פֿון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור 335
פּרץ (ליד) 347

פֿראַנץ קאַפֿקאַ
אַרײַנפֿיר־וואָרט 349

ליניע און קרײַז — קרײַז און ליניע
אָדער
ייִד און וועלט — וועלט און ייִד 351

פֿון זעלבן מחבר 367

יאָסל בירשטיין

הקדמה

אינעם בוך זענען אײַנגעזאַמלט געוואָרן די עסייען "וועגן אײַנשליסן אין אַ ספר הספרים די יידישע מחשבֿה פֿון די לעצטע צוויי טויזנט יאָר", "ליניע און קרײַז — קרײַז און ליניע" און קריטישע מאמרים וועגן ביכער און שרײַבער וואָס זענען לאַנגע יאָרן נאָענט געווען צו מלך ראַוויטשעס געמיט. ברוך שפּינאָזאַ איז געווען פֿאַר אים מער ווי אַ פֿילאָסאָף און יצחק לייבוש פּרץ — מער ווי אַ גרויסער שרײַבער. דער קורצער מאמר וועגן פֿראַנץ קאַפֿקאַ — אַן אַרײַנפֿיר צו דער דערציילונג "דער דאָרפֿ-דאָקטער" וואָס מלך ראַוויטש האָט איבערגעזעצט — די ערשטע איבער-זעצונג פֿון פֿראַנץ קאַפֿקאַס אַ זאַך אויף יידיש — איז געווען געדרוקט אין די "ליטעראַרישע בלעטער" וואַרשע דעם 19טן יוני 1925.

מלך ראַוויטש האָט אַ סך געשריבן וועגן ליטעראַטור און וועגן דער שליחות פֿון שרײַבער, זײַן שמועס מיטן דיכטער אַבֿרהם טאַבאַטשניק אויף דער טעמע, גיט אַ גוטן באַגריף פֿון ראַוויטשעס פּאָעטישן בײַטראָג צו דער יידישער פּאָעזיע און וועגן דעם שאַפֿן פֿון די וויכטיקסטע פֿאָר-שטייער פֿון זײַן דור.

מלך ראַוויטש האָט אָנגעשריבן אַרום פֿיר טויזנט עסייען אויף פֿאַר-שידענע טעמעס וואָס האָבן זיך געדרוקט אין דער יידישער פּרעסע אויף דער גאָרער וועלט. דאָס בוך איז דער ערשטער אָפּקלײַב.

מלך ראַוויטש האָט געווידמעט זײַן פֿרוי רחלהן אַלע זײַנע ביכער וואָס זענען אַרויס אין די לעצטע פֿינעף און דרײַסיק יאָר פֿון זײַן לעבן. אין זײַן צוואה האָט ער אָנגעזאָגט אַז אַלע זײַנע ווערק דאַרפֿן טראָגן די ווידמונג:

דיר רחל — מיט געטרײַשאַפֿט ביזן סוף —
און אויך נאָך דעם ערדישן סוף —
אייביק —

אַבֿרהם סוצקעווער

טראָפּנס צו אַ ים

ווי עס דערציילט דער שרײַבער יאָסל בירשטיין, דער ממונה איבערן אַרכיוו אויפֿן נאָמען פֿון מלך און רחל ראַוויטש, אין דער נאַציאָנאַלער און אוניווערסיטעט-ביבליאָטעק אין ירושלים, האָט ראַוויטש, וואָס איז קודם-כּל פּאָעט, אָנגעשריבן אַרום פֿיר טויזנט עסייען, וואָס דער ערשטער באַנד, אַן אָפּקלײַב פֿון זיי, ווערט איצט אַרויסגעגעבן אין בוכפֿאָרם.

אין דער אָנגעגעבענער צאָל ווערן ניט אַרײַנגערעכנט די עסייען פֿון זײַנע פֿינף (דערוויַילע) ביכער **מײַן לעקסיקאָן**, וואָס דער מחבר זייערער אין זײַן באַשיידנקייט רופֿט זיי פּען-פּראָפֿילן, און ווײַל יעדער מאָדעל זײַנער איז באַשאָנקען מיט צוויי פּראָפֿילן, דרויסנדיקע און אינעווייניקסטע, אויב מען קען אַזוי זאָגן, הערט ער אויף שפּעטער זיך אַליין צו מינערן און רופֿט זיי אַן פּען-פּאָרטרעטן.

די דאָזיקע צוויי-דרײַ-זײַטיקע תּמציתדיקע עסייען פֿון שרײַבערס, מאָלערס, אַקטיאָרן, האָב איך באַזונדערש ליב. אַ צוגאָב צו מײַן ראַוויטש-ליבשאַפֿט: צו אים פּערזענלעך, ווו זײַן גײַסט זאָל ניט וואַנדלען, און צו זײַנע ווערק.

אין זײַן עסיי-פּאָרטרעט פֿון מאָלער אַרטור קאָלניק, שווערט זיך ראַוויטש אַז ער פֿאַרשטייט ניט קיין מאָלערײַ. די קונסט פֿון מאָלערײַ געהערט צו זײַן זון — יאָסל בערגנער. אָבער קאָלניק האָט אַן אַנדער מיינונג: „אַלע מאָלערס מוזן פֿאַרשטיין פּאָעזיע און אַלע פּאָעטן מוזן פֿאַרשטיין מאָלערײַ".

פֿאַראַן אין **מײַן לעקסיקאָן** פּאָרטרעטן, וואָס מען קען זיי אויפֿהענגען אויף די ווענט, און אַפֿילו אַן אַן אונטערשריפֿט וועט אַ מבֿין דערקענען ווער ס'האָט זיי באַשאַפֿן.

„עסייִיסטיק איז פּובליציסטיק אָנגעטאָן אין בגדי-יום-טובֿ" — שרײַבט

דער בעל-**מיין לעקסיקאָן**. און ער איז מקיים זיין דעפיניציע. ער מאָלט אַפילו זיינע פובליציסטישע העלדן אָנגעטאָן אין בגדי-יום-טובֿ. און ער האָט ליב זיינע אַלע מאָדעלן און ער פֿאַרנייגט זיך דאָ און דאָרטן פֿאַר די מאַרטירער-צייכנס אויף זייערע בגדי-יום-טובֿ.

מע וואָלט געקענט צונויפּשטעלן אַ קיצור-לעקסיקאָן פֿון סענטענצן, אָריגינעלע פּסוקים, רעגטגענישע אָבסערוואַציעס אינעם סאַמע אינעווייניק פֿון אונדזער ליטעראַטור אַרויסגענומען פֿון ראַוויטשעס עסייען.

מלך ראַוויטש איז אַ רעטעניש. ער האָט פֿיר און צוואַנציק שעה אין מעת-לעת געשריבן און איינציַיטיק — **מער** ווי פֿיר און צוואַנציק שעה אין מעת-לעת צייט געהאַט פֿאַר חבֿרים און פֿאַר גוטע מעשׂים.

זיינע עסייען פֿאַרשטעלן ניט זיין ליד. פֿאַרקערט, זיי פֿאַנצערן עס אַרום. אין איינס פֿון זיינע לעצטע לידער, געדרוקט אין **גאָלדענע קייט** נומער 82 (1974), לייענען מיר

אַרום מיר זענען לידער
אָבער איך בין דאָס ליד שוין אַליין.

מלך ראַוויטש האָט ליב געהאַט אַלע זיינע מאָדעלן וואָס ער האָט זיי געזאַלבט מיט אייביק לעבן. פֿון דעסטוועגן פֿרעגט זיך די שאלה ביים לייענען: וועלכן יידישן שרייבער האָט ער ליב געהאַט צום שטאַרקסטן? כ׳וועל אַנטפּלעקן דעם סוד:

זיין באַליבטסטער שרייבער איז די יידישע ליטעראַטור.

מיי 1991.

חוה ראָזענפּאַרב

מלך ראַוויטש

פּופּצן יאָר זענען פֿאַרבײַ זינט מלך ראַוויטש איז אַוועק פֿון אונדז. עס קומט מיר אויפֿן רעיון דער גריכישער ריז אַטלאַס וואָס האָט אויף זײַנע אַקסלען געטראָגן דעם גאַנצן ערדקיילעך, די גאַנצע וועלט. ראַוויטש איז געווען אַזאַ ייִדישער אַטלאַס, וואָס האָט אויף זײַנע אַקסלען געטראָגן דעם עול פֿון אונדזער ייִדישער קולטור-וועלט. ווען ער איז אַוועק, איז אויך טונקל געוואָרן אין אונדזער ייִדיש-וועלטל דאָ אין מאָנטרעאָל ווו ער האָט געלעבט, געווירקט, געבויט און געשאַפֿן. מיר זענען שטאַרק פֿאַראָרעמט געוואָרן. און אַט די אָרעמקייט איז אפֿשר שולדיק אין דעם וואָס ביז הײַנט צו טאָג איז נישט בנימצא בײַ אונדז אין שטאָט קיין איין אינסטיטוציע, קיין איין אָרט, קיין איין פֿאָנד, וואָס זאָל טראָגן דעם נאָמען פֿון אָט דעם מיפֿולן בויער פֿון דער ייִדישער קולטור אין מאָנטרעאָל.

מלך ראַוויטש, ווי אַ צענטראַלע פֿיגור אין דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור, ווי אַ צענטראַלער דענקער און בויער פֿון ייִדישן קולטור-לעבן פֿאַר און נאָך דער צווייטער וועלט-מלחמה, איז ווײַט נישט דערשאַצט געוואָרן בײַ אונדז, נישט נאָר אין מאָנטרעאָל, נאָר בכלל, און ער וואַרט נאָך אויף זײַן אַרומנעמענדיקן אָפּשאַצער, וואָס לײַדער זאַמט ער זיך צו קומען.

איך דערמאָן זיך ווען חבֿרים שרײַבער זענען זיך צוזאַמענגעקומען דאָ אין מאָנטרעאָל צו פֿײַערן ראַוויטשעס אַכציקסטן געבוירנטאָג. מיר האָבן זיך געפֿילט נישקשהדיק אומבאַהאָלפֿן אין אונדזער פֿאַרלאַנג אַרומצו-נעמען די געשטאַלט ראַוויטש, צו אַנאַליזירן זי, אינטערפּרעטירן זי. מען האָט צוגעגרייט אַ פּראָגראַם וואָס וואָלט זיך מסתּמא פֿאַרצויגן ביז העט אין פֿאַרטאָג אַרײַן. זעקס שרײַבערס האָבן ראַוויטשן געזאָלט באַהאַנדלען, און כּדי זיך מיט אים אַן עצה צו געבן, האָט מען זײַן לעבן און זײַן ווערק

פֿאַרטיילט אין זעקס ספּעציאַליזירטע קאַפּיטלען. יעדער שרײַבער האָט געזאָלט רעדן וועגן אַן אַנדערן ראַוויטשן. איינער האָט געזאָלט רעדן וועגן ראַוויטשן דעם פּאָעט, אַ צווייטער וועגן ראַוויטשן דעם דענקער, אַ דריטער וועגן ראַוויטשן דעם קולטור-בויער, אַ פֿערטער וועגן ראַוויטשן דעם כאַליאַסטרע-אַנפֿירער און דעם סעקרעטאַר פֿון שרײַבער-פֿאַראיין אויף טלאָמאַצקע דרײַצן, אַ פֿינפֿטער וועגן הומאָר בײַ ראַוויטשן, אַ זעקסטער וועגן ראַוויטשן דעם מענטש. ביז מען האָט זיך געכאַפּט, אַז מען האָט אַרויסגעלאָזט אַזוי פֿיל ראַוויטשעס, אַז מען וואָלט גאָר פֿאַרמינערט דעם פֿאַרנעם פֿון זײַן געשטאַלט און זײַן אויפֿטו. ביז מען האָט זיך געכאַפּט, אַז וועגן ראַוויטשן קאָן מען רעדן און רעדן און אַלץ זיך נישט דעררעדן.

ס'איז אונדז אויך קלאָר געוואָרן, אַז די וואָס שטייען נאָענט צו אַ גרויסן פֿראַכטפֿול-צעצווייגטן בוים, קאָנען אים סײַ ווי נישט אַרײַננעמען אין זײַן פֿולער גאַנצקייט, אין זײַן גאַנצער גרייס; אָבער אַז אָט די דאָזיקע האָבן מער מזל פֿון אַנדערע. ווײַל זיי קאָנען אײַנזאַפּן אין זיך דעם אַראָמאַט, די אַטמאָספֿער וואָס באַהויכט דעם בוים. מיר, וואָס האָבן געהאַט די זכיה צו לעבן אַזוי נאָענט פֿון ראַוויטשן, צו זען אים בײַ דער אַרבעט, צו פֿאַר-ברענגען מיט אים אויף געזעלשאַפֿטלעכע אָוונטן און פּריוואַט, אויב מיר קענען זען זײַן געשטאַלט מיט אַן אָביעקטיווקייט, איז דאָס אַזאַ אָביעקטיוו-קייט וואָס איז באַלויכטן מיט אַן אינטים-פּערזענלעכן שײַן. און טאַקע אויף אָט אַזאַ אופֿן וואָלט איך געוואָלט הײַנט פּרווון — מיט אַ טיפֿן צער און מיט גרויס בענקעניש — אויפֿצולעבן דאָס בילד וואָס איך פּערזענלעך האָב פֿון מלך ראַוויטשן, און אַזוי אַרום אפֿשר העלפֿן אײַך, טײַערע פֿרײַנד, אויפֿצולעבן אין אײַער אייגענעם געמיט אָט דעם אָפּשײַן וואָס ראַוויטש האָט געלאָזן אין אײַערע הערצער.

*

עס איז געווען אַ קאָנעקטיקער קאַנאַדישער פֿראָסט ווען איך בין מיט איבער פֿערציק יאָר צוריק אָנגעקומען מיט דער פֿאַראייזטער, פֿאַרקאָוועטער שיף "סאַמאַריאַ" אין פּאָרט פֿון האַליפֿאַקס. כ'בין געווען אַ גרינע, אַ יונגע און אַ מעובערתע. כ'בין געווען אַדורכגענומען מיט דער קעלט, צעטומלט, געפּליפּט פֿון דער אייזיקער ווײַסקייט וואָס האָט מיך באַגריסט. בײַ דער

באַן אין מאָנטרעאַל האָט מיך אָפּגעוואָרט העררי הערשמאַן, אַ גוט-באַ-קאַנטע מאָנטרעאַלער פיגור, אַן עסקן, וואָס לײדער וועט ער אויך זעלטן הײַנט דערמאָנט. ער איז געווען דער אַרויסגעבער פֿון מײַן ערשטן בוך לידער אין קאַנאַדע, און דאָס האָט ער מיך אַראָפּגעבראַכט אַהער. און ווי מיר שטייען אַזוי אויף דער פֿאַרפֿרוירענער ווינטיקער פּלאַטפֿאָרמע פֿון דער סטאַנציע, קומט אונדז אַנטקעגן אַ פּאָרל. די פֿרוי איז אַ דראָבנע, אַ יונג-מיידלשע. פֿון איר מיט צעפּ-באַקראַנצטן קאָפּ גליטשט זיך אַראָפּ אַ זויבער-ווײַסער שאַל. דער מאַן טראָגט אַ פֿראַנציײזישן בערעט אויפֿן קאָפּ, אַ לאַנגן שאַל אַרומגעוויקלט אַרום האַלדז, און שניי-ווײַסע זאָקן שײַנען אַרויס איבער זײַנע, מיט שניי-פֿאַרקאָוועטע, קאַלאָשן. ער האַלט אַ שטעקן אין דער באַהענטשקעטער האַנט. די פֿרוי און דער מאַן באַזוניקן מיך מיט אַ קלאָרן וואַרעמען שמייכל. „איך בין ראַוויטש און דאָס איז רחל אייזנבערג״, זאָגט דער מאַן צו מיר. און אָט ציט ער אַראָפּ די הענטשקע, הייבט אונטער מײַן האַנט און פֿאַרחתמעט אויף איר — אַ ריטערלעכן קוש. איך בין אַזש פֿריטשמיעלעט געוואָרן. איך בין נישט געוויינט געווען, אַז מען זאָל מיר קושן די האַנט. און צו ווערן באַשאַנקען מיט אַזאַ אַזאַ כּבֿוד נישט מער און נישט ווייניקער ווי פֿון מלך ראַוויטשן האָט נישקשהדיק בײַגעטראָגן צו מײַן צעטומלעניש.

אָט איז געשטאַנען פֿאַר מיר דער יִדישער שרײַבער וואָס האָט גע-שפּילט אַזאַ ראָלע אין דער פֿאָרמירונג פֿון מײַן גײַסטיקן אויסבליק אין מײַן יוגנט. מלך ראַוויטש, דער באַרימטער איבער גאַנץ פּוילן, וועמענס נאָמען איז אַזוי אָפֿט דערמאָנט געוואָרן בײַ מיר אין דער היים. איך האָב זיך דערמאָנט מיט וואָס פֿאַר אַ געפֿיל איך האָב ווי אַ יונג מיידל געלייענט זײַנע „קאָנטינענטן און אָקעאַנען״ און בין פֿאַרכאַפּט געווען מיט דער ראָמאַנטיק פֿון זײַנע עקזאָטישע רײַזע-באַשרײַבונגען. און ער איז דאָך געווען דער רעדאַקטאָר פֿון די „ליטעראַרישע בלעטער״, און פֿון דער ליטעראַרישער בײַלאַגע צו דער „פֿאָלקסצײַטונג״, וואָס פֿלעגן אַרײַנקומען צו אונדז אין דער שטוב אַרײַן.

און אָט בעת דעם מאָמענט, ווען אַלץ אַרום מיר האָט אויסגעזען אַזוי חלומדיק און נישט-רעאַל, האָט אַ מאַניע געטאָן פֿאַר מײַן זכּרון דאָס יאָר 1943. דאָס שאַרפֿע בילד פֿון אַ דאַכצימער אין אַ מעטאַל-פֿאַבריק אין

לאָדזשער געטאָ, ווו איך האָב ראַוויטשן אויפֿגערופֿן, צוהילף גערופֿן, ער זאָל אָנשטאָט מיר, רעדן מיט זײַן דיכטעריש-קול צו אַ קלאַס פֿון קינדער אָפּגעראַטעוועטע פֿון די אַרויסשיקונגען, קינדער וואָס האָבן געאַרבעט ווי דערוואַקסענע אין אַט דער פֿאַבריק, און האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אויפֿן פֿאַבריק-בוידעם כּדי אומלעגאַל צו לערנען ייִדיש, איך, זייער לערערין, האָב פֿאַר זיי פֿאָרגעטראָגן ראַוויטשעס ליד, ״פֿרילינג איבער אייראָפּע״, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין יאָר 1937. און איך האָב זיך דערמאָנט די שטימונג אין דעם דאַכצימער ווו זעכציק אויסגעדאַרטע, פֿאַרריסטע צוועלף-דרײַצן-יאָריקע געטאָ-קינדער, וואָס האָבן פֿאַרמאָגט די רײַפֿקייט און לעבנס-חכמה פֿון זקנים, האָבן, מיט דער הילף פֿון ראַוויטשעס פֿאַרביטע-רונג, געקאָנט אַרויסברענגען פֿון זיך זייער אייגענע ביטערניש. ס׳האָבן אויפֿגעלעבט אין מײַן זכּרון די שורות:

פֿרילינג. אין דערפֿער שמעלצט שוין דער שניי אויף די דעכער,
פֿון שניי-ווײַסע פֿלאַכן שוואַרצט זיך שוין פֿעלד.
הוראַ — אַ פֿעלד! אויף אַלע פֿעלדער דאַרפֿט זיך גיסן בלוט!
דײַטשלאַנד, דײַטשלאַנד איבער אַלעס אין דער וועלט!

און דאָ געפֿין איך זיך אין דער שטאָט מאָנטרעאָל אין פֿעברואַר 1950, און עס שטייט פֿאַר מיר אָט דער מלך ראַוויטש און קושט מיר די האַנט. איז דאָס קושן מיר די האַנט געווען אַן אויסדרוק פֿון זײַן אָפּשײַ פֿאַר די על-פּי-נס געראַטעוועטע פֿון גיהנום? אין אָט דעם קומען מיך באַגריסן אויף אַזאַ פֿראָסט, אין אָט דעם קוש אין דער האַנט, איז מיר געגעבן געוואָרן גלײַך פֿון אָנהייב צו דערקענען איינעם ראַוויטשעס בולטע כאַ-ראַקטער-שטריכן.

זינט יענעם טאָג בין איך געווען פֿרײַנד מיט ראַוויטשן און רחלען. ראַוויטש איז אַרײַנגעקומען אין דעם אײַנגעדונגענעם צימער ווו איך האָב געוווינט אויף דשין-מענס גאַס, און ער איז געווען דער ערשטער צו לייענען די ערשטע קאַפּיטלען פֿון מײַן טרילאָגיע ״דער בוים פֿון לעבן״ צום אַקאָמ-פּאַנימענט פֿון מײַן בייבי גאָלדעלעס גראַגערן אין וויגל.

אָבער מיר זענען קיין מאָל נישט געווען אויף ״דו״, ראַוויטש און איך. און דאָס איז נישט געווען צוליב דעם וואָס ראַוויטש איז געווען מיט אַזוי

פֿיל יאָרן עלטער פֿון מיר. אין זײַן פּריוואַטן טאָג-טעגלעכן לעבן איז ראַוויטשן נישט געווען לײַכט צו זײַן מיט מענטשן אויף "דו". ער האָט נישט ליב געהאַט דעם סתּם פּאַן-בראַטישן "דו", וואָס איז אַ הוילע אײַבערפֿלעכ-לעכע פֿאָרעם פֿון גוטפֿרײַנטשאַפֿט, וואָס אין תּוך מיינט זי גאָרנישט. ער האָט געהאַלטן פֿון אַן אָפּשטאַנד, אַ קליינעם דיסטאַנץ וואָס דער "איך" שאַפֿט צווישן איין יחיד און דעם אַנדערן. און דאָס איז געקומען פֿון זײַן גרויסן דרך-ארץ פֿאַר אַנדערע, פֿאַר דער פּריוואַטקייט פֿון אַנדערע. ווײַל ער אַליין איז געווען אַן אַריסטאָקראַט פֿון שענסטן מין און האָט באַהאַנדלט יעדן יחיד ווי אַן אַריסטאָקראַט פֿון שענסטן מין.

אָבער אין אַן אַנדערן נשמהדיקן זינען בין איך יאָ געווען מיט ראַוויטשן אויף דו, און ער האָט מיך געמאַכט פֿילן, אַז איך בין אַזוי אַלט ווי ער און ער איז אַזוי יונג ווי איך. ער האָט דאָך געגלייבט אין דער אומשטערבלעכ-קייט פֿון דער נשמה. און אויב אומשטערבלעך — טאָ וואָס מיינט יונג און וואָס מיינט אַלט? די נשמה ענדערט זיך נישט. בלויז דער גוף ניצט זיך אָפּ ווי אַ בגד און זײַנע יאָרן ציילט מען דאָס. די נשמה איז צײַטלאָז, עלטערלאָז, בפֿרט די נשמה פֿון שעפֿערישן יחיד.

יאָ, ווען איך טראַכט וועגן ראַוויטשן קומט מיר די אוממיטלדיקע אַסאָציאַציע מיטן וואָרט נשמה אויפֿן געדאַנק. נשמה אין זינען פֿון וווּנדער-לעכן צונויפֿשפּיל פֿון גײַסט און געפֿיל. זײַן מחשבֿה איז געווען אַדורכ-געגליט מיט עמאָציע. זײַנע עמאָציעס אַדורכגעקילט מיט דער אייגנאַרטי-קער קלאָרקייט פֿון זײַן לאָגיק. בעת דער באַגריף חומר, מאַטעריע זעט מיר אויס צו זײַן די ווײַטסטע אַסאָציאַציע, ווען איך טראַכט וועגן ראַוויטשן. ער האָט פֿאַרמאָגט די פֿעיִקייט אַדורכצולײַכטן אַלץ וואָס האָט אים אַרומ-גערינגלט מיט אַ דערהויבענער געלייטערטער רוחניות, צו פֿאַרגײַסטיקן אַל דאָס רעאַלע און באַרירלעכע.

איך דערמאָן זיך מײַן קומען צו גאַסט צו די ראַוויטשעס אין דער שטוב. צום ערשט זענען דאָס געווען די שטובן אויף עספּלאַנאַד און אויף קאָט-סענט-קאַטרין, אַ פּאָר ראָגעס פֿון דער אַמאָליקער ייִדישער פֿאָלקס-ביבליאָטעק. מיר דאַכט זיך, אַז צו יענער צײַט האָט ראַוויטש געלעבט נאָר פֿון לופֿט און ליבע. זײַן ריזיקע ביבליאָטעק און קאָלאָסאַלער אַרכיוו

זענען געווען אויסגעשטעלט אין פּאַמעראַנצן קעסטלעך. אַן אַלטער פּאַטעל איז געשטאַנען אין מיטן פֿון קליינעם צימער, איבערגעדעקט מיט אַ ברייט ברעט. דאָס האָט ראַוויטשן געדינט פֿאַר אַ טיש.

דערנאָך איז געווען די אַנדערע בעסערע דירה, ווידער אַ פּאָר ראַגעס פֿון דער נייַער הײַנטיקער ייִדישער פֿאָלקס-ביבליאָטעק. מיר זענען געזעסן אין קיכל, און רחל — רחל, וואָס איז דורך מסירות-נפֿש און ליבשאַפֿט געוואָרן אַזוי איינס מיט ראַוויטשן, אַז עס איז מער נישט פֿאַראַנען געווען קיין אונטערשייד צווישן זײַן יעדער תּנועה און אירער, צווישן יעדער איר וואָרט און זײַנעם — רחל האָט פֿאַרגרייט איר וועגעטאַרישן כּיבוד, אַזוי שיין, אָנגענעם. מיר האָבן געטרונקען אַ גלעזעלע טיי, צי זיי האָבן גאָר אַרויפֿגעשטעלט אויפֿן טיש אַ גאַנצע פֿלאַש משקה, הגם זיי אַליין האָבן נישט געהאַלטן פֿון מאַכן אַ כּוסה. ראַוויטש האָט מיר דערקלערט, אַז ער טרינקט נישט קיין שאַרפֿע געטראַנקען ווײַל ער איז בעצם אַ גרויסער שיכּור, און אַז ער קאָן שיכּור ווערן אַפֿילו פֿון אַ גלאָז וואַסער. און ער האָט מיר דערלאַנגט אַ פֿול גלאָז משקה ווי דאָס וואָלט טאַקע געווען אַ גלאָז וואַסער. ווײַל וואַסער צי ווײַן זענען איינס און דאָס זעלבע; ווײַל אין זייער חומרדיקן ווערט זענען זיי גאָרנישט ווערט, אויב דאָס טרינקען ווערט נישט באַגלייט מיט אַ גײַסטיק-נשמהדיקן שיכּרות. אַזוי זענען מיר געזעסן און געשמועסט. ראַוויטש האָט אָפּט גערעדט וועגן שפּינאָזאַ. גערעדט און גלײַכצײַטיק געבלעטערט דאָס ספֿרל, שפּינאָזאַס "עטיק". צי ער האָט זיך גאָר פֿונאַנדערגערעדט וועגן פּרצן. ראַוויטש איז זיך מודה געווען, אַז אָט די צוויי פּערזענלעכקייטן, שפּינאָזאַ און פּרץ, האָבן אים צום מערסטן משפּיעה געווען. און אײַנהערנדיק זיך צו אים האָב איך געטראַכט, ווי שטאַרק זייער ווירקונג איז פֿאַרראַוויטשט געוואָרן אין זײַן שאַפֿן. כ'האָב געקוקט אויף זײַן פּנים באַהויכט, וואָלט איך געזאָגט, מיט אַן עטערישער שיינקייט, און כ'האָב אַרײַנגעקוקט אין זײַנע ווייסנדיקע אויגן. כ'האָב געזופּט די טיי, פֿאַרביסן מיט אַ קיכעלע, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך שלינג אײַן אַ דערהויבענע רו און זופּ צו אַן איבערוועלטעדיקע געמיט-לעכקייט. מסתּמא האָט אָט אַזאַ שטימונג באַוועלטיקט חסידים ווען זיי זענען טועם געווען אַ כּזית שפּײַז מיט זייער רבין.

ווער איז ער בעצם געווען, אָט דער מלך ראַוויטש, דער מענטש, דער

קינסטלער, דער דענקער און פּראַקטישער קולטור-בויער? וואָס האָט ער מיט זיך פֿאַרגעשטעלט ווי אַ שעפֿערישער יחיד?

*

עס זענען, לויט מיר נאָך, פֿאַראַן שרײַבערס, וואָס זייער לעבן איז בולט אָפּגעטיילט פֿון זייער שאַפֿן, וואָס זייערע ווערק פֿאַרמאָגן אַזאַ פֿולקומע עסיסטענץ פֿאַר זיך אַליין, אַז מען קאָן פֿון זיי געניסן און הנאה האָבן, נישט האָבנדיק אַפֿילו די מינדסטע אינפֿאָרמאַציע וועגן זייער מחבר. אין דעם פֿאַל קאָן מען זאָגן, אַז דער שרײַבער און זײַן ווערק — עקזיסטירן יעדער פֿאַר זיך אַליין און באַזונדער.

פֿאַראַן אָבער שרײַבער וואָס זענען איינס מיט זייער ווערק, ווו די גרענעץ צווישן שאַפֿער און זײַן שאַפֿונג איז קיין גרענעץ נישט. בײַ אַזאַ שרײַבער איז דיכטונג און וואָרקייט איינס און דאָס זעלבע. אַזאַ שרײַבער איז פֿולשטענדיק אין זײַן ווערק, און איז, וואָלט איך געזאָגט, דאָס ווערק אַליין. אַזאַ איינער טוט זיך כּמעט רעשטלאָז אויפֿלייזן מיט זײַן גאַנצן חיות אין דער קינסטלערישער שאַפֿונג זײַנער — און בעת מעשׂה גיט אָט די קינסטלערישע שאַפֿונג אָן אַ פֿאָרעם פֿאַר דעם שרײַבערס אייגענעם ממשות-דיקן לעבן. און אין דעם פֿאַל איז נישט מעגלעך אָפּצוטיילן דאָס ווערק פֿונעם מענטש, ווײַל מאַכנדיק דעם שניט, באַקומט מען נאָר אַ האַלבן אמת סײַ וועגן ווערק, סײַ וועגן זײַן מחבר.

אַזאַ מין שרײַבער, שײַנט מיר, איז געווען מלך ראַוויטש. מען קאָן גאָרנישט רעדן וועגן אים נאָר ווי אַ שרײַבער, ווײַל זײַן ווערק און זײַן לעבן זענען פֿאַרזיוויגט, אַז עס לאָזט זיך קוים אויפֿשטעלן אַ מחיצה. מיר מוזן אים נעמען ווי ער גייט און שטייט, אויב ווילן מיר אים פּרוּוון פֿאַר-שטיין — אים, צוזאַמען מיט זײַן ווערק.

אַז מען וויל קאָן מען דאָ פּאַראַפֿראַזירן שלום-עליכמען. מען קאָן זאָגן, אַז יעדער מענטש איז געגליכן צו אַ שרײַבער. יעדער איינער פֿון אונדז טראָגט מיט זיך זײַן אייגענע פּריוואַטע מיטאָלאָגיע, זײַנע אייגענע לעגענ-דעס פֿון זײַן לעבן, זײַן אייגענע רגעס פֿון פּאָעטישער דערהייבונג, און זײַנע אייגענע פּסוקים פֿון האַרבער פּראָזע. און יעדער איינער גייט אַרום

און טראַכט, „אַ, ווען מײַן לעבן וואָלט מען געקאָנט אָנשרײַבן אַ בוך״. דער אונטערשייד צווישן שרײַבער און יעדן אַנדערן מענטשן איז נאָר דער, וואָס דער שרײַבער שרײַבט טאַקע אָן דאָס בוך. יעדער שרײַבער לעבט אויף אין זײַנע ווערק די מעשׂיות און לעגענדעס פֿון זײַן לעבן, צו מאָל פֿאַרקאַמופֿלאַזשירט ער קינסטלעריש אָט די אויטאָביאָגראַפֿישע מאַטעריאַלן אַזוי, אַז אַפֿילו דאָס שאַרפֿסטע קריטישע אויג זאָל זיי נישט דערקענען. אָבער זײַן ווערק איז דורכויס באַזירט אויף זיי, ווײַל זײַנע אייגענע נסיונות זענען די איינציקע מיטלען פֿון דערקענטעניש וואָס ער פֿאַרמאָגט. מיר זענען ביכולת צו זען די וועלט נאָר דורך אונדזערע אייגענע ברילן. דער ייִדישער שרײַבער וואָס האָט צום בולטסטן דעם חומר פֿון זײַן לעבן פֿאַר־וואַנדלט אין אַ קינסטלערישער לעגענדע — איז געווען מלך ראַוויטש.

וואָס אַנטהאַלט אָט דער חומר, דער ממשותדיקער געבײַ פֿון זײַן לעבן, וואָס פֿון אים האָט ראַוויטש קינסטלעריש אויסגעפֿורעמט זײַנע ווערק? אָט זענען אַ צאָל וויכטיקע פֿאַקטן פֿון ראַוויטשעס ביאָגראַפֿיע, וואָס איך שייל אַרויס פֿון זײַן בוך „דאָס מעשׂה־בוך פֿון מײַן לעבן״, אַ ווערק, וואָס זײַן ערשטער טייל, וועגן די קינדעריאָרן זײַנע, קאָן פֿאַרגלײַכט ווערן מיט טאָלסטאָיס בוך „קינדהייט״, צי מיט דיקענסעס באַשרײַבונגען פֿון זײַנע קינדעריאָרן אין דייוויד קאָפּערפֿילד, צי מיט זשאָן־פּאָל סאַרטרס בוך „לע מאָ״.

מלך ראַוויטש איז דער ליטעראַרישער נאָמען פֿון זכריה חנא בערגנער. ער איז געבוירן געוואָרן דעם 27־טן נאָוועמבער 1893, אין דער שטאָט רעדים אין מזרח־גאַליציע, וואָס האָט צו יענער צײַט געהערט צו פֿראַנץ יאָזעפֿס אימפּעריע. ראַוויטשעס היים איז געווען אַ נגידישע. די מאַמע זײַנע האָט געהאַט אַ שטאַרקע נייגונג צו דער פּוילישער אַסימילאַציע, און דער טאַטע — צו דער דײַטשער. די מאַמע איז געווען אַ באַלעזענע הויך־טאַלאַנטירטע פֿרוי, און אין 1946 האָט ראַוויטש, צוזאַמען מיט זײַן ברודער, דער שרײַבער הערץ בערגנער אַרויסגעגעבן אַ באַנד פֿון אירע זכרונות. ראַוויטשעס ערשטע שפּראַך, זײַן מאַמע־לשון, אַזוי צו זאָגן, איז דערפֿאַר געווען פּויליש, נישט ייִדיש. און זײַן צווייט לשון איז געווען דײַטש. ער האָט באַקומען אַ וועלטלעכע בילדונג, האָט געלערנט אין אַ האַנדלס־שול און

דערנאָך געאַרבעט ווי אַ באַנק-אָנגעשטעלטער פֿריער אין לעמבערג, דער-נאָך אין ווין.

גאַר פֿרי איז ראַוויטש געוואָרן אַ וועגעטאַריער און ער האָט אָנגעהויבן צו שרײַבן לידער. און געשריבן די לידער האָט ראַוויטש גראָד אויף ייִדיש. ער האָט געקענט דאָס ייִדישע לשון פֿון דער שטעטלדיקער סבֿיבֿה אַרום אים. אָבער ווי אַזוי ער איז געקומען צום שאַפֿן אין דער ייִדישער שפּראַך איז שיער נישט אַ מיסטעריע. ער אַליין פֿאַרבינדט אָט די מיסטעריע מיט דער טשערנאָוויצער שפּראַך-קאָנפֿערענץ. ער איז געווען אַ בחור פֿון פֿופֿצן יאָר און האָט געוווינט אין דער שטאָט סטאַניסלע, ווו ער האָט געלערנט אין דער האַנדלסשול. פֿון נאָענטן טשערנאָוויץ איז אַראָפּגעקומען אַ גרופּע פֿון פֿיר ייִדישע שרײַבערס, אויף אַ ליטעראַרישן אָוונט. אין דער גרופּע האָט זיך געפֿונען נאָמבערג, אַבֿרהם רייזען, שלום אַש — און יצחק לייבוש פּרץ. ראַוויטשעס אַ חבֿר מיטן נאָמען נאַטאַן דיק, האָט ראַוויטשן מיטגענומען אויף אָט דעם אָוונט. דעמאָלט האָט ראַוויטש צום ערשטן מאָל געזען און געהערט פּרצן. אויף צו מאָרגנס האָט ער אויפֿן וועג אין דער האַנדלס-שול דערזען פּרצן שטיין פֿאַר אַ שויפֿענצטער פֿון אַ בוכגעשעפֿט, און דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל וואָס ער האָט געזען פּרצן. און אָט אַזוי, דערקלערט ראַוויטש, האָט זיך אַ צעפֿלאַקער געטאָן זײַן פֿאַרליבטקייט אין לשון ייִדיש — און אין פּרצן און אין דער ייִדישער ליטעראַטור. דאָס איז געווען דער גורם פֿון ראַוויטשעס דיכטערישער קאַריערע אין לשון ייִדיש, וואָס ער אַליין גיט אונדז אָן. אָבער ווער ווייסט, אפֿשר זענען געווען אויך טיפֿערע פּסיכאָלאָגישע סיבות דערבײַ, ווי למשל זײַן יוגנטלעכע רעבעליע קעגן די עלטערן, געפּאָרט מיט אַ פֿאַרלאַנג צו געפֿינען די מער אויטענטישע, מער קערנדיקע וואָרצלן פֿון זײַן ייִדישקייט?

און ווי אַזוי איז ער געקומען צו דעם נאָמען מלך ראַוויטש? דערציילט ער אונדז, אַז אָט דער געטרײַער חבֿר זײַנער אין סטאַניסלע, דער זעלביקער נאַטאַן דיק, האָט איבערגענומען די איניציאַטיוו פֿונאַנדערצושיקן ראַ-וויטשעס ערשטע לידער אין רעדאַקציעס און אים באַרימט צו מאַכן איבער דער וועלט. אַז לידער טאָר מען נישט שיקן אין אייגענעם נאָמען איז געווען קלאָר. האָט מען געדאַרפֿט צוטראַכטן אַ פּסעוודאָנים. צום בעסטן זענען דעם יונגן פּאָעט געפֿעלן געוואָרן צוויי נעמען: דער נאָמען מלך כמיעלניצקי,

דער נאָמען פֿון אַ דעמאָלט באַקאַנטן יידישן פּאָעט, און דער נאָמען פֿון יאַנקאָ ראַוויטש, דער העלד פֿון לאַמעד שאַפּיראָס דערציילונג "אויפֿן ים", אַ דערציילונג וועגן אַן איינזאַמען וואַנדערער, אַ קינסטלער, וואָס באַגייט זעלבסטמאָרד אין מיטן פֿון ים. כּדי צופֿרידן צו שטעלן ראַוויטשעס פּאַר-ליבטקייט אין קלאַנג פֿוןביידע נעמען, האָט נאַטאַן דיק באַשלאָסן צו שאַפֿן צוויי פּסעוודאָנימס: צונעמען דעם מלך פֿון מלך במיעלניצקי, און דעם ראַוויטש פֿון יאַנקאָ ראַוויטש. און אַזוי האָט ער אָוועקגעשיקט לידער אין כּלערליי רעדאַקציעס, איין טייל פֿון זיי מיטן פּסעוודאָנים יאַנקאָ במיעלניצקי און דער צווייטער טייל מיטן פּסעוודאָנים מלך ראַוויטש. דאָס איינציקע ליד וואָס מען האָט אָפּגעדרוקט איז געווען אונטערן פּסעוודאָנים מלך ראַוויטש, און אַזוי האָט ראַוויטש געמאַכט זיין ליטעראַרישן דעביוט מיט אָט דעם נאָמען. ראַוויטשעס ערשטלינג ביכל לידער מיטן נאָמען "אויף דער שוועל" איז דערשינען אין ווין אין 1912. דערנאָך האָט ראַוויטש דאָס גאַנצע לעבן זיינע זיך אַ שטאָלצער אַרומגעטראָגן מיט אַ רעצענזיע — פֿון גאַנצע זיבן שורות — וואָס י. ל. פּרץ האָט וועגן אָט דעם ביכל אָנגעשריבן.

ווען ער האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין אַ באַנק אין ווין, דערציילט אונדז ראַוויטש, זענען זיינע לידער פֿול געוואָרן מיט וועלטשמערץ און יושר-זוכעריי, און דאָרט האָט ער סוף-כּל-סוף געפֿונען אַן אידעאַלן מאָראַליש-עטישן אָנשפּאַר אין די ווערק פֿון ברוך שפּינאָזאַ.

ביים אָנהייב פֿון דער ערשטער וועלט-מלחמה האָט ראַוויטש חתונה געהאַט און איז גלייך מאָביליזירט געוואָרן אין דער עסטרייכישער אַרמיי. ער איז פֿאַרוווּנדעט געוואָרן אויפֿן פֿראָנט, נישט חלילה פֿונעם שונאס אַ קויל, נאָר ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ יידישן זעלנער, אַ פּאָעט, פֿון זיין אייגענער האַנט — דאָס הייסט פֿאַרוווּנדעט געוואָרן איז ער אין אַ פֿוס. ער האָט נישט-ווילנדיק אַרונטערגעשטעלט דעם פֿוס אונטער אַ ראָד פֿון אַ האַרמאַט. אין שפּיטאָל האָט ראַוויטש אַן אויפֿהער געלייענט שפּינאָזאָס ווערק, וועלכע ער האָט געהאַלטן אין זיין רוקזאַק ווי אַ מין ביבלישע הייליקייט. דאָרט האָט ער אויך אָנגעשריבן אַ לאַנגן ציקל שפּינאָזאַ-לידער. אָבער זאָל דאָ אונטערגעשטראָכן ווערן פֿאַר דער געשיכטע, אַז ראַוויטש איז ווייט נישט געווען אָט אַזאַ שלים-מזלדיקער סאָלדאַט, איינער פֿון די וואָס מען לאַכט אָפּ פֿון זיי אין דער ליטעראַטור. ער איז געווען אַ דיסציפּלינירטער זעלנער,

אַ וווּנדערלעך-פֿינקטלעכער ציל-שיסער און זײַנע עסטרײַכישע קאָמאַנדירן האָבן אים שטאַרק געליבט. ווען די מלחמה, וואָס האָט געזאָלט ענדיקן אַלע מלחמות, איז געקומען צו אַ סוף, און דער שלום איז אויסגעבראָכן, ווי ראַוויטש זאָגט דאָס, איז ער געווען סײַ אַ תּלמיד אין אַן אָפֿיצירן-שול און סײַ אַ קעמפֿערישער פּאַציפֿיסט.

אין שפּיטאָל האָט ראַוויטש זיך געהאַט אָנגעשטעקט מיט טובערקולאָז. ער האָט אַדורכגעמאַכט אויפֿטרייסלענדיק-שווערע אַטאַקעס מיט בלוט-שורצן, און זײַן לעבן האָט געהימלט. אַ צווייט אויפֿטרייסלענדיק געשעעניש אין ווין, נאָך זײַן צוריקקומען אַהיים פֿון מיליטער איז געווען דער זעלבסט-מאָרד פֿון ראַוויטשעס 28-יאָריקן עלטערן ברודער, אַ גאָט-געבענטשטן מאָלער, אַ געווען חלוץ אין ארץ-ישׂראל. ווער ווייסט וואָס פֿאַר אַ מיסטעריעזע פֿעדעם עס האָבן פֿאַרבונדן ראַוויטשעס שוואַכקייט צו לאָמעד שאַפּיראָס זעלבסטמערדערישן קינסטלער-העלד יאַנקאָ ראַוויטש מיט אָט דעם אויפֿטרייסלענדיקן שפּעטערדיקן אומגליק אין זײַן לעבן. דעמאָלט שרײַבט ראַוויטש אַן דעם ציקל נאַקעטע לידער. נאַקעטע לידער, ווו דעם דיכטער די נשמה איז אַנטפּלעקט אַן באַפּוצונגען, לידער באַפֿרײַטע פֿון יעדן צוים. דאָס זענען פֿון די ערשטע עקספּרעסיאָניסטישע לידער אין דער ייִדישער פּאָעזיע, לידער וואָס זענען סײַ פּאָעטישע גרוסן פֿון דער גרענעץ צווישן לעבן און טויט, און סײַ רעבעליע-אויסגעשרייען קעגן גאָט און קעגן דער אַכזריות פֿון מענטשלעכן גורל.

צו די פֿריידיקע מאָמענטן פֿון יענער תּקופֿה אין ראַוויטשעס לעבן, האָט געהערט דאָס געבוירן ווערן פֿון זײַן טאָכטער, וועלכע איז שפּעטער געוואָרן די טענצערין רות בערגנער. און מיט אַ צײַט שפּעטער דער געבורט פֿון זײַן זון, דער שפּעטער באַרימט-געוואָרענער מאָלער יאָסל בערגנער.

ראַוויטש האָט געהאַט אַ געזיכערטן פּאָסטן אין אַ גרויסער באַנק אין ווין, ווו מען האָט שטאַרק געהאַלטן פֿון אים. דאָס גאַנצע לעבן זײַנס האָט ער געהאַט אַ פּאַסיע פֿאַר ציפֿערן אין זייער צונויפֿשפּיל. ער האָט געזען אַ ממש פּאָעטישע שיינקייט אין זיי, און האָט געהאַט אַ גוואַלדיק פֿאַרגעניגן פֿון דעם מאַכן די קאָלומנעס פֿון ציפֿערן שטימען מיטאַנאַנדער. האָט ער טאַקע געקאָנט שטייגן גאָר הויך אין זײַן פּראָפֿעסיע און ווערן אַ באַנק-דירעקטאָר. ער און זײַן משפּחה האָבן געפֿירט אַ פֿאַרזיכערט באַלעבאַטיש

לעבן. — אָבער נאָך אַ גרעסערע פּאַסיע ווי פֿאַר ציפֿערן האָט ראַוויטש געהאַט פֿאַר דער פּאָעטישער שיינקייט פֿון באַנײַטן יידישן וואָרט. צו אים זענען דערגאַנגען די גרוסן פֿון דעם יידישן קולטור-פֿרילינג אין פּוילן און ער האָט מער נישט געקאָנט אײַנרוען. עס האָט אים געצויגן אַהין מיט אַ גוואַלדיקן כּוח, אַ כּוח וואָס לאָזט זיך נישט אויסטײַטשן מיט קיין שום לאָגיק, אַחוץ מיט דעם התפּעלותדיקן פֿאַרדבקעטן דראַנג זײַנעם צו זײַן אין צענטער פֿון דעם וווּנדערלעכן יידישן גײַסטיקן אויפֿבראָז.

און אָט קומט ראַוויטש מיט זײַן משפּחה אין יאָר 1921 אָן קיין וואַרשע, און פֿאַרפֿאָרט גלײַך אין דער סאַמער נעסט פֿון דער וואַרשעווער אָרעמ-קייט, און אין דער סאַמע קאָכעניש פֿון דעם יידישן קולטור-לעבן. גלײַך הייבט ער אָן צו אַרבעטן אין דער צענטראַלער יידישער שול-אָרגאַניזאַציע „ציִשאָ", וואָס נעמט שוין דעמאָלט אַרום 200 יידיש-וועלטלעכע שולן, ווו עס לערנען זיך צוואַנציק טויזנט קינדער איבער שטעט און שטעטלעך פֿון גאַנץ פּוילן. ראַוויטשס אייגענע קינדער ווערן תּלמידים אין איינער אַזאַ שול.

און איידער וואָס ווען געפֿינט זיך שוין ראַוויטש אין דער אָנפֿירער-שאַפֿט פֿון דער פּאָעטישער חבֿרותא וואָס רופֿט זיך די כאַליאַסטרע. ער איז איינער פֿון דעם טאָנגעבנדיקן דרײַלינג וואָס באַשטייט אויך פֿון פּרץ מאַרקישן און אורי צבֿי גרינבערגן, און וואָס אויף אירע פּעריפֿעריעס פּאָרעט זיך, פֿון איין זײַט, דער שווײַגעוודיקער פּראָזאַיקער י. י. זינגער, יצחק באַשעוויסעס עלטערער ברודער, און פֿון דער אַנדערער זײַט — דער צעזונגענער פּאָעט משה בראָדערזאָן. טאַקע אין משה בראָדערזאָנס אַ ליד, האָט אָט די גרופּע געפֿונען פֿאַר זיך דעם נאָמען און דעם מאָטאָ:

מיר יונגען, מיר — אַ פֿריילעכע צעזונגענע כאַליאַסטרע,
מיר גייען אין אָן אומבאַוווּסטן וועג,
אין טיפֿע מרה-שחורהדיקע טעג,
אין נעבעך פֿון שרעק,
פּער אַספּעראַ אַד אַסטראַ (דורך דערנער צו די שטערן).

פּרץ מאַרקיש האָט געפּלעגט צוגעבן צו דעם מאָטאָ: „מיט שטיוול אויפֿן קאָפּ און מיט צילינדערס אויף די פֿיס — גייען מיר!"

בעצם איז די כאַליאַסטרע גאָר קיין באַוועגונג נישט געווען און האָט

קיין ריכטונג נישט געהאַט, נאָר איז גיכער געווען אַ מין אויפֿבליץ, אַ מין קורצדויערנדיקער אויפֿרײַס אויפֿן יידישן ליטעראַרישן הימל, אַ מין התלהבותדיק-ייִאושדיקער אויסגעשריי פֿון דינאַמישער פּאָסיע, פֿון אַ סטיכישן שעפֿערישן כּוח וואָס זוכט אַ פֿאָרעם. די אָנפֿירערס פֿון דער כאַליאַסטרע האָבן יעדער געדאַוונט לויט זײַן אייגענעם סידור. מאַרקיש איז געווען אַ קאָמוניסט, גרינבערג אַ ציוניסט און ראַוויטש אַ דאַיִסט, אַ חסיד פֿון דאַיִקייט. אויך אין דער מענטאַליטעט און פּאָעטישן סטיל זענען זיי געווען פֿאַרשיידענע וועלטן. מאַרקיש האָט געפֿלעגט זאָגן צו ראַוויטשן: „אַז מען זאָל אין דײַנע אָדערן אַרײַנגיסן אַ ביסל פֿון מײַן בלוט, אָדער פֿאַרקערט, וואָלט בײַ אונדז דאָס בלוט גערונען געוואָרן". אָבער עס האָט זיי אַלעמען פֿאַרבונדן די ברודערשאַפֿט פֿון יוגנט, פֿון פּראָטעסט און אידעען-זוכעניש און פֿון אַ גליענדיקער בונטאַריש-פֿאַרשייטער אהבֿת-ישׂראל, געפּאָרט מיט אַ פֿאַרליבטקייט אין קלאַנג פֿונעם באַנײַטן יידישן וואָרט. אָט דער כאַליאַסטרע-שטורעם, קורץ ווי ער איז געווען, האָט געהאַט אַ דויערנדיקע אויסווירקונג אויף דער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע. און אין די שפּעטערע יאָרן האָט ראַוויטש אָט דאָס „כאַליאַסטרע"-קול באַטראַכט ווי אַן אַפּאָקאַליפּטיש נבֿואה-קול וואָס האָט פֿאָרויסגעזאָגט די זאַווערוכע פֿון דער צווייטער וועלט-מלחמה און דאָס אומגליק פֿון אונדזער חורבן. בעת-מעשׂה איז אָט דער כאַליאַסטרע-עפּיזאָד, אין צוריקבליק, געוואָרן פֿאַר ראַוויטשן אַ מין צײַט פֿון גלאָריע, אַ לײַכט-טורעם וואָס האָט אים צוגעלײַכט אויף זײַן ווײַטערדיקן וועג אין לעבן.

ביז צום יאָר 1934 און זײַן פֿאַרלאָזן פּוילן איז ראַוויטש געווען דער סעקרעטאַר פֿון יידישן ליטעראַטן-און זשורנאַליסטן-פֿאַראיין אויף טלאָמאַצקער 13 אין וואַרשע. טלאָמאַצקע 13 — אָט דאָס צעוויגטע שיפֿל, וואָס האָט זיך געטראָגן ווי אַ צענטראַלער אָנשפּאַר-פּונקט איבער דעם צעבראַזטן צעכוואַליעטן ים פֿון יידיש ליטעראַרישן אויפֿלעב. עס איז כּמעט נישט געווען קיין יידישער שרײַבער אין פּוילן, צי צווישן די אויסלענדישע שרײַבער-געסט וואָס האָבן זיך באַוויזן אויף טראָמאַצקע 13, צי אַ קולטור-טוער, צי אַפֿילו אַ פּאָליטישער עסקן, אַז ראַוויטש זאָל נישט זײַן מיט אים אין אַ חבֿרישן קאָנטאַקט.

עס איז מערקווערדיק: ראַוויטשעס ווערק, „דאָס מעשׂה-בוך פֿון מײַן

לעבן״, אין דעם חלק וואָס נעמט אַרום די צײַט ביז ראַוויטשעס קומען קיין וואַרשע, איז פֿול מיט פּרטים פֿון זײַן פּערזענלעכן לעבן. אָבער דערנאָך פֿאַרשווינדט זײַן פּריוואַט לעבן בכלל פֿון די קאַפּיטלער, און דאָס בוך, זײַן אויטאָביאָגראַפֿיע, ווערט פֿאַרוואַנדלט אין דער ביאָגראַפֿיע פֿון דער יידישער ליטעראַטור צווישן ביידע וועלט-מלחמות. זײַן לעבן און דאָס לעבן פֿון דער יידישער ליטעראַטור לאָזן זיך מער נישט אָפּטיילן איינס פֿונעם אַנדערן. און ווי אַ מאָנומענט פֿון אָט דעם לעבן ברענגט אונדז ראַוויטש אין די שפּעטערע יאָרן די בענדער פֿון זײַן ווערק ״מײַן לעקסיקאָן״, אין וועלכע ער גיט אונדז צענדליקער און צענדליקער פֿאָטאָגראַפֿיע-אַרטיקע פּען-פּאָרטרעטן פֿון שרײַבערס, פֿון בויערס און שאַפֿערס פֿון דעם יידישן קולטור-לעבן, וועמען ער האָט פּערזענלעך געקענט. אין דעם זינען איז ראַוויטש געווען און פֿאַרבליבן דער איין-און-איינציקער. נישט געווען און עס איז נישטאָ בײַ אונדז נאָך אַזאַ איינער, וואָס זאָל אָט אַזוי מיטאָטעמען מיטן אָטעם פֿון דער יידישער ליטעראַטור.

ראַוויטש איז אַ סך אַרומגעפֿאָרן איבער דער וועלט, סײַ ווי אַ פֿאַרשטייער פֿון דער ״ייִוואָ״, סײַ ווי אַ זשורנאַליסט, סײַ ווײַל דער אומרו האָט אים געטריבן. אָט די נסיעות געפֿינען זייער אויסדרוק אין זײַן בוך לידער ״קאָנטינענטן און אָקעאַנען״. אין אַ צאָל לענדער מיט גרויסע יידישע ישובֿים האָט ראַוויטש פֿאַרבראַכט לענגער, ווי למשל אין דרום-אַמעריקע, מעקסיקע און אַרגענטינע. אין וועלכן לאַנד ער איז נאָר געקומען האָט ער זיך אַקטיוו אַנגאַזשירט אין דעם יידישן קולטור-לעבן פֿון אָט דעם ישובֿ. פֿון יאָר 1936 ביז 1938 האָט ער געוווינט אין מעלבורן, אויסטראַליע. אין 1941 איז ער אָנגעקומען קיין מאָנטרעאָל און דאָ האָט ער, מיט אַ פּאָר-יאָריקע איבעררײַסן וואָס ער האָט פֿאַרבראַכט אין מדינת-ישׂראל, געלעבט און געווירקט ביז ער איז אַוועק פֿון דער וועלט.

יאָרן לאַנג האָט ראַוויטש געאַרבעט אין דער יידישער פֿאָלקס-ביבליאָטעק אין מאָנטרעאָל, ממש געוווינט אין איר. און כ׳לעבן, עס וואָלט נישט געווען קיין עוולה, אַז אָט דער בנין — אין וועלכן מיר געפֿינען זיך הײַנט — זאָל אָנגערופֿן ווערן ״יידישע פֿאָלקס-ביבליאָטעק אויפֿן נאָמען פֿון מלך ראַוויטש״. ער איז געווען דער גרינדער און אָנפֿירער פֿון יידישן פֿאָלקס-אוניווערסיטעט בײַ דער ביבליאָטעק. אַ דאַנק אים איז אונדזער שטאָט

געוואָרן אַ ייִדישער ליטעראַרישער צענטער. ער איז געווען דער גרינדער און פֿאַר אַ צײַט דער פֿאָרזיצער פֿון היגן ייִדישן שרײַבער-פֿאַראיין. ער איז געווען אַן אומדערמידלעכער רעדנער, אַ לעקטאָר, אַ לערער פֿון פֿאָלק. ער האָט באַקומען אַלע מעגלעכע ליטעראַרישע פּריזן און בעת דעם באַנקעט לכּבֿוד דער וועלט-אויסשטעלונג פֿון "עקספּאָ" אין 1967 האָט דער דע-מאָלטיקער קוויבעקער קולטור-מיניסטער אַרויסגעהויבן ראַוויטשן פֿאַר זײַנע פֿאַרדינסטן אויפֿן געביט פֿון קאַנאַדישער ייִדישער קולטור.

ראַוויטש האָט שווער איבערגעלעבט דעם חורבן. אַ טייל פֿון אים, פֿון זײַן לעבן איז חרובֿ געוואָרן. זײַן צוויי-און זיבעציק-יאָריקע מאַמע איז אַוועק מיט די פֿלאַמען פֿון דער קרעמאַטאָריע אין בעלזשעץ. אַזוי האָט ער אויך פֿאַרלוירן אַ גרויסן טייל פֿון זײַן איבעריקער משפּחה.

*

און דאָס זענען אַ צאָל פֿאַקטן אויף וועלכע עס באַזירט זיך ראַוויטשעס אַזוי רײַכע, אַזוי פֿילפֿאַרביקע לעבנסלעגענדע. וואָסזשע זײַנען אירע לייט-מאָטיוון ? וואָס דערציילט מיר פּערזענלעך דאָס מעשׂה-בוך פֿון זײַן לעבן, צו וועלכן עס געהערן, אין אַ ברייטערן זינען, אַלע זײַנע לידער, זײַנע אַלע פּובליציסטישע אַרטיקלען, אַלע זײַנע רייד און רעדעס, אַלע זײַנע נסיעות און נסיונות, אַלע זײַנע טואונגען און איבערלעבונגען ?

עס דערציילט מיר קודם-כּל, אַז ראַוויטש איז געווען אַ מאָדערנער ייִד, אַ ייִדישיסט אין שענסטן זינען פֿון וואָרט און אַ דורכויסיקער הומאַניסט. עס דערציילט מיר, אַז ראַוויטש האָט געגלייבט, אַז אויב דער מענטש איז נישט גוט, האָט ער דעם פּאָטענציאַל צו זײַן גוט. ראַוויטש אַליין האָט אומאויפֿהערלעך געאַרבעט איבער זיך, כּדי מיט ווילן און באַוווּסטזײַן אויסצופֿאָרמירן זײַן אייגענעם כאַראַקטער ווי מען פֿאָרמירט אויס אַ קונסט-ווערק, צו דערגרייכן דעם מצבֿ פֿון ווערן אַן אידעאַלער מענטש. צוליב פֿאַרשטענדלעכע סיבות איז דאָס אים נישט תּמיד געלונגען. אין ענינים פֿון מענטשלעכקייט איז נישטאָ קיין פּערפֿעקציע. אָבער שוין אין די יונגע שטורעם-און-דראַנג-יאָרן פֿון דער כאַליאַסטרע, ווען די רוסישע רעוואָ-לוציע האָט סטימולירט די יונגע ייִדישע קינסטלערס צו פּראָקלאַמירן דעם אידעאַל פֿון אינדיווידועלער פֿרײַהייט אָן באַגרענעצונגען, האָט ראַוויטש

זיך באַמיט אַרומצוצוימען אָט די פֿרײַהייט מיט אַ מאָראַלישער באַריערע, מיט אַ קאָדעקס פֿון עטישע פּרינציפּן.

דאָס מעשה־בוך פֿון זײַן לעבן דערציילט מיר אויך, אַז ווי אַ שעפֿערישע פּערזענלעכקייט איז ראַוויטש קודם־כּל און פֿריער פֿון אַלע געווען אַ פֿולבלוטיקער מאָדערנער ייִדישער פּאָעט, אַ פּאָעט אַ דענקער, אַן אָריגי־נעלער ייִדישער גײַסט. דיכטונג איז בײַ ראַוויטשן געווען אַ מין פּועל־יוצא פֿון מחשבֿה; און די מחשבֿה אַ סטימול צו זײַן דיכטונג, אַ פֿאָרעם פֿון אויסקריסטאַליזירן זײַן געדאַנק. אַפֿילו אין ראַוויטשעס פּשוטע אינטימע לידער קלאַפּט זײַן האַרץ אין איין ריטעם מיטן שׂכל. אַוודאי זענען פֿאַראַן בײַ אים אויך לידער וואָס קומען דירעקט פֿונעם האַרץ, צום בײַשפּיל זײַנע לידער געווידמעט רחלען, אָבער זיי זענען דאָ ווי כּדי אונטערצושטרײַכן דעם כּלל. ראַוויטש זאָגט אין זײַן הקדמה פֿון בוך "לידער פֿון מײַנע לידער", אַז אַלע זײַנע לידער זענען לעגאַלע קינדער פֿון דעם פּאָרפֿאָלק, זײַן קאָפּ און זײַן האַרץ. אָבער אויב אַ פּאָרפֿאָלק — שפּילט דאָ דאָס האַרץ די אונטערגעאָרדנטע ראָלע פֿון ווײַב, און דער מאַן, דער שׂכל, גייט אין די הויזן. דער קאָפּ האָט די לעצטע דעה. דערפֿאַר וואָלט איך גיכער געזאָגט, אַז ראַוויטש איז נישט אַזוי ווײַט אַ זינגער, ווי אַ פּאָעטישער זאָגער; אַ זאָגער מיטן התלהבֿות פֿון אַ וואָלט וויטמאַן, אין די יונגע יאָרן, אַ זאָגער מיט געמאָסטנקייט — אין די עלטערע יאָרן. ראַוויטש האָט זײַן אייגנאַרטיקן סטיל, זײַן אייגענע שפּראַך אין זײַנע לידער, און זײַן אייגענע פֿאָרעם, וואָס אָפֿט גייט ער אַריבער אירע גרענעצן, און די לידער זײַנע ווערן אויסגאָסן פֿון שטימונגען, פֿון מעדיטאַציעס און חלומות, פֿון קאָמענטאַרן אויפֿן לעבן, אַ מין "סטרים־אָף־קאָנשציעזנעס"־לידער, ווי מען וואָלט דאָס געזאָגט אויף ענגליש. אויב אָט די לידער פֿאַרמאָגן אַ ריטעם, איז דאָס דער אינער־לעכער ריטעם וואָס ער הערט אים מיטן דריטן אויער, אַזוי צו זאָגן.

און גייען מיר אַריבער צו ראַוויטשעס פּראָזע, שטעלט זיך די פֿראַגע פֿאַר וואָס ער האָט קיין מאָל קיין בעלעטריסטיש ווערק נישט געפּרוווט אָנ־שרײַבן, נישט געקוקט אויף דעם וווּנדערלעכן דערציילערישן טאַלאַנט, וואָס ער ווײַזט אַרויס אין דעם ווערק "דאָס מעשה־בוך פֿון מײַן לעבן". מעגלעך, אַז צוליב דער צו שטאַרקער פֿאַרזיווגטקייט צווישן זײַן לעבן און זײַן שאַפֿן איז ער נישט בכּולת געווען אָנצושרײַבן קיין בוך ווו ראַוויטש

דער שרײַבער, זאָל נישט זײַן ראַוויטש דער העלד. "דאָס מעשׂה-בוך פֿון זײַן לעבן", איז דער איינציקער מין ראָמאַן וואָס ראַוויטש האָט אונדז געקאָנט געבן. מעגלעך אויך, אַז ער האָט נישט געקאָנט שרײַבן אַנדערש, ווײַל ער האָט געהאַט אַ ווידערווילן צו באַקליידן זיך, זיך צו פֿאַרשטעלן און אויפֿצוטרעטן איקאָגניטאָ אין זײַן ווערק, ווי בעלעטריסטן טוען דאָס. ער האָט נישט פֿאַרמאָגט די קונסט, צי די קונץ פֿון פֿאַרשלייערן זיך. וואָס ער דערציילט אונדז איז באַזירט אויף דער ממשותדיקער וואָר פֿון זײַנע אייגענע איבערלעבונגען. ראַוויטש דער קינסטלער טרעט דאָ אויף נאָר אין דעם ווי אַזוי ער דערציילט אָט די מעשׂיות — און אין דער קונסט איז דאָך דער עיקר דער ווי אַזוי.

אויך ראַוויטשעס פּראָזע איז פֿון אַן אייגנאַרטיקער קאַטעגאָריע. עס איז אַ שמועס-פּראָזע. אַ שמועס מיט זיך, אַ שמועס מיטן לייענער. און פּונקט אַזוי האָט ראַוויטש זײַן אייגענע שפּראַך אין דער פּובליציסטיק. ס'איז גענוג געווען צו זען דאָס קעפּל פֿון אַן אַרטיקל און וויסן, אַז ראַוויטש איז דער מחבר דערפֿון.

*

אַז מיר זאָלן אורטיילן לויט ראַוויטשעס שפּראַך און דעם אויבנאויפֿיקן זינען פֿון זײַן טעמאַטיק, סײַ אין זײַן פּאָעזיע, סײַ אין זײַן פּראָזע, קומט ראַוויטש אונדז אויס ווי אַ קינסטלער פֿון לויטער פּשטות. ווי מען זאָגט אויף פּויליש, "יאַק מניע ווידזשיש טאַק מניע מאַש". ער באַקליידט זיך אין דער רו פֿון אַ תּמיד-אַזוי-אייגן פֿרײַנדלעכן סטויִקער. זײַן וואָרט שרײַט נישט און איז נישט בלחש. עס האָט זײַן קאָרעקטן קלאַנג. עס איז נישט באַפּוצט און מאַכט נישט קיין קונצן. עס איז נישט צו שיין און איז נישט צו מיאוס. עס איז ממש מאַטעמאַטיש ריכטיק אויפֿן אָרט. עס מיינט דאָס וואָס עס זאָגט.

אָבער... עס מיינט אויך אַ סך מער ווי דאָס וואָס עס זאָגט. ווען מיר הערן זיך אײַן צום קלאַנג און צו דעם טיפֿערן מײַן פֿון זײַן וואָרט מיט אַ פֿילעוודיק אויער, אַנטפּלעקן מיר גלײַך, אַז אונטער דעם לבֿוש פֿון אָט דער באַהערשטער פּשטות באַהאַלט זיך די נאַטור פֿון אַ גוואַלדיק שטורמישן און קאָמפּליצירטן מענטש, און פֿון אַ קאָמפּליצירטן שרײַבער, וואָס בײַ

אים איז דאָס וואָרט לגמרי נישט דער עיקר. ער באַניצט עס ווי ער באַניצט זײַן חבֿר, דעם שפּאַציר-שטעקן, זיך אויף אים אָנצושפּאַרן. אונטער דער רו און געמאָסטנקייט פֿון זײַנע שורות לאָזט זיך אַרויספֿילן דער גלי פֿון אינערלעכע געפֿעכטן, פֿון שטורעמס און ראַנגלענישן. עס לאָזט זיך אַרויס-פֿילן אַ פֿיבערדיקע פּולסירונג, אַ פֿאַרבאָרגענע פּאַסיע פֿון אַ גייער, ווי בײַ מנחם באַריישאַ, וואָס שפּרײַזט צו דער באַגעגעניש מיט זיך אַליין דורך צענדליקער וועגן און אומוועגן.

און מען קאָן נשתּומם ווערן ווי אומצאָליק עס זענען די ראַוויטשעס וואָס מען קאָן באַגעגענען זוכנדיק ראַוויטשן אויף די דאָזיקע פּאָעזיע-און פּראָזע-וועגן, און אויף די אומוועגן פֿון זײַן לעבן. עס זענען פֿאַראַן אַזעלכע ראַוויטשעס וואָס, ווען מען וואָלט זיי אָנטקעגנגעשטעלט איינעם אַנטקעגן דעם אַנדערן, וואָלטן מיר געווען עדות פֿון אַן אינטערעסאַנטן וויכּוח, אַ שטרײַט אַפֿילו. אָט זעען מיר אים ווי איינעם פֿון די כאַליאַסטרע אַנפֿירערס, ווי אַ פֿאָנענטרעגער, אַ בונטאַר און אַ רעוואָלוציאָנער. און אָט טרעפֿן מיר אים שפּאַצירן געלאַסן דורך שטעגן מנוחהדיקע, יחידישע, ווו מענטש, חיה און פֿלאַץ זענען מתפּלל צוזאַמען. אָט זעען מיר אים ווי ער טראָגט זיך דורך קאָנטינענטן און אָקעאַנען אוניווערסאַלע, ווי ער שפּרייזט דורך מעטראָפּאָליעס ווי אַ וועלט-בירגער. און אָט קען מען אים באַגעגענען וואַנ-דערן דורך גאַסן און געסלעך פֿון זײַן היימשטאָט-ייִדישקייט. אָט קען מען אים זען ווי עמעצן וואָס האַלט זיך בײַ זײַנע אַנדערשדיקע פֿירעכצער, אַ ווינקל-דאַוועגער, אַ וועגעטאַריער. און אָט הערן מיר אים ירמיהודיק באַ-קלאָגן, אין טראַדיציאָנעלן נוסח, דעם גורל פֿון ייִדישן פֿאָלק, צי פֿון מענטש בכלל. אַזוי האָבן מיר אַ ראַוויטשן אַ גלייביקן און פֿרומען און אַ ראַוויטשן אַן אויסגעשפּראָכענעם אַטעיִסט. מיר האָבן אַ ראַוויטשן אַ וועלט-פֿאָרער, און אַ ראַוויטשן וואָס האָט פֿײַנט צו פֿאָרן. מיר האָבן אַ ראַוויטשן אַן ענטוזיאַסטישן נע-ונדניק, און מיר האָבן אַ ראַוויטשן וואָס באַזינגט די היים. מיר האָבן אַ ראַוויטשן וואָס בענקט צו דער אומענדלעכקייט, כ׳וואָלט געזאָגט צו דער אומשטערבלעכקייט, און מיר האָבן אַ ראַוויטשן וואָס אים שרעקט די אומענדלעקייט און די שטערבלעכקייט.

אָבער אָט די אַלע פֿאַרשיידנערלייִקע ראַוויטשעס ציִען דורך די אַלע וועגן און אומוועגן צו איין דרך-המלך — ווו זיי באַגעגענען זיך אין דער

געשטאַלט פֿון אַט דעם אומדערמידלעכן גייער, דעם פֿאַרעקשנטן זוכער...

דאָס גאַנצע מעשה-בוך פֿון ראַוויטשעס לעבן, איז, אין אַ ברייטערן זינען אַ מין רייזע-באַשרײַבונג פֿון נסיעות גײַסטיקע און ממשותדיקע פֿון אַ יידישן דאָן קיכאָט, די מסעות פֿון אַ בנימין השלישי, די וואַנדערונגען פֿון אַ חסידישן רבין, די זוכענישן פֿון אַ פֿאַרבענקטן ריטער — נאָכן הייליקן גראַאַל, דעם מיסטישן כּוס פֿון דערקענטעניש און לייטערונג. אַ זוכעניש צו געפֿינען דעם זינען פֿון לעבן, פֿון דאָ זײַן, אַ זוכעניש צו געפֿינען זיך. און צו געפֿינען זיך, מיינט בײַ ראַוויטשן צו געפֿינען דעם צווייטן אין זיך. מיינט אַרײַנצוהויכן אינעם גלײַכגילטיקן קאָסמאָס דעם אָטעם פֿון ליבע און האַרמאָניע צווישן מענטש און מענטש, מענטש און בעלי-חי, מענטש און וועלט, מענטש און גאָט.

און אפֿשר צוליב אָט דעם גוואַלדיקן דראַנג זײַנעם צו האַרמאָניע, קלאַמערט זיך ראַוויטש אָט אַזוי שטאַרק אין סדר, אין אָרדענונג. ער, דער עסטעט, קאָן דעם הפֿקר נישט אָננעמען. יעדער אומפֿינקטלעכקייט שאָקירט אים, טוט אים ממש וויי. ווען ער פֿלעגט אַרײַנקומען צו מיר אין שטוב און ער האָט באַמערקט, אַז דאָס שטריקל פֿון טעלעפֿאָן איז אײַנגעפּלאָנטערט, האָט ער קאָמפּולסיוו זיך אַ טראָג געטאָן דערצו און עס אויסגעגלייכט.

דערציילט ער דאָך אַליין אין זײַן לעקסיקאָן, אַז אין די צײַטן ווען ער איז געווען סעקרעטאַר פֿון שרײַבער-פֿאַראיין אין וואַרשע, איז אַ מאָל פֿאַרגעקומען אַן אָוונט פֿאַר איציק מאַנגערן. מאַנגער, דער צעשויבערטער טרובאַדור, האָט מיט זײַן הולך פֿאַרשאַפֿן ראַוויטשן, דעם עסטעט, אַ סך צער, ממש אַ פֿיזישן ווייטיק. האָט ראַוויטש, איידער דער אָוונט האָט זיך אָנגעהויבן, אָוועקגעשטעלט מאַנגערן אויף אַ בענקל און אים אָפּגעפּוצט די בגדים און די שיך און אים פֿאַרריכט דעם שניפּס. וואָס וואָלט ראַוויטשן געאַרט ווען מאַנגער וואָלט דערשינען פֿאַרן עולם אַ צעבראַסטעטער? עס האָט אים געאַרט, ווײַל סדר אַרום זיך גיט ראַוויטשן אַ געפֿיל פֿון זיכערקייט, אַז עס קאָן אַלץ זײַן בסדר מיט דער וועלט אויך. און ווי גערן וואָלט ראַוויטש גענומען, זי — די וועלט — און זי אָפּגעפּוצט פֿון דער אומ-האַרמאָנישקייט. ווי גערן וואָלט ער זי זויבער און גאַנץ געמאַכט.

און ווײַל ראַוויטש איז אַזוי אין דער היים אין דער וועלט, טוט זי אים

ווײַ, ווי אַ צעבראָכענע הײם קאָן ווי טאָן. ווײַל אין תּוך בענקט ראַוויטש דאָך אַזוי טיף, אַזוי ממעמקימדיק, אַז אײנס פּלוס אײנס זאָל ווערן — אײנס, און אַז דווקא אָט דער חשבון זאָל זײַן אַזוי שׂכלדיק און פּשוט, ווי אַ מאַטעמאַטישע פאָרמולע.

אין אָנהײב פֿון זײַנע זוכענישן איז ראַוויטש סײַ טרויעריק, סײַ ביטער, סײַ מרידהדיק און סײַ סאַרקאַסטיש. אָבער ביסלעכווײַז, ביסלעכווײַז ווערט זײַן טרויער וואַרעמער און דאָס ביטערניש — ווייכער. ער זאָגט צוזאַמען מיט י. י. זינגערן, „וואָס זאָל איך טאָן, אַז דאָס גליק פֿיל איך אין גאַנצן נישט, און דאָס אומגליק פֿיל איך אַזוי שטאַרק?" אָבער בעת־מעשׂה הײבט אָן בליען אַ שמײכל אויף ראַוויטשעס ליפּן. עס שרעקט אים נאָך אַלץ דער תּהום צווישן דער קאָסמישער בענקשאַפֿט פֿון דער אײנס צום אין־סוף — און דעם אומפֿאַרמײַדלעכן סוף פֿון אַלעם לעבעדיקן. אָבער בײַם סוף פֿון זײַן לעבן נעמט ראַוויטש אָט דעם פּחד אַרײַן אין דער קאָנסטעלאַציע פֿון גורלדיקײט. ער שאַפֿט זיך אַ בילד פֿון דעם לעבן און דעם דאָ זײַן — אין דער פֿאָרעם פֿון דער געאָמעטרישער סימבאָלישער ליניע, דעם קרײַז. אין אים געפֿינט ער דעם ענטפֿער אויף אַלע אומפֿאַרענטפֿערטע שאלות. נאָכן אַרומקרײַזן די וועלט און צוריקקומען צום זעלביקן פּונקט פֿון דער ספּיראַלע, נאָר אַ שטאַפּל עלטער, אַ מדרגה רײַפֿער, האָט ראַוויטש אויס־געמוסטערט זײַן קרײַזן־פֿילאָסאָפֿיע און איז געקומען צום אויספֿיר, אַז עס איז

נישטאָ קײן שטאַרבן און קײן לעבן
נישטאָ קײן פֿריער און קײן שפּעטער.
נישטאָ קײן אויפֿגאַנג און קײן אונטערגאַנג.
אַלץ איז נאָר קרײַזן, רינגען, רעדער.

קענסט פֿון מיליאָנען רגעס, זאַכן — קלאָר
דעם פּראָסטן שׂכל אײביק דרינגען.
אויב נישט קײן טויט און קײן געבוירט — איז לעבן אַלץ.
און אַלץ נאָר רעדער־קרײַזן — רינגען.

אַלץ איז נאָר קרײַזן, רינגען, רעדער,
און שוין גאָר אין די בעסטע פֿאַלן,
זענען די אַראָפּגענג און אַרויפֿגענג
קרײַזן, אָבער קרײַזן אין ספּיראַלן.

אַזוי האָט ראַוויטש אָנגעהויבן מיט סדר אין זײַנע פּאַפּירן, אין זײַנע ווערק, אין זיך גופֿא — און אַזוי איז ער דערגאַנגען צום סדר אין דער סדרלאָזיקייט פֿון דער וועלט. געפֿונען אַ זינען אין דער זינלאָזיקייט פֿון דער וועלט. עס איז נישטאָ קיין הפֿקר. מיר מענטשן, מיר חיות, מיר פֿלאַנצן, זענען נישט קיין צופֿאַל, נאָר אַ טייל פֿון אַ גרויסן אידעען-סיסטעם. עס איז פֿאַראַן אַ פֿאַר וואָס און אַ וואָהין און מיר באַצוועקן עפּעס. מיר זענען די פּונקטן אויפֿן קרײַז, וואָס האָט נישט קיין אָנהייב און קיין סוף און וואָס יעדער פּונקט אויף אים איז דער אָנהייב און דער סוף. און אין צענטער פֿון דעם קרײַז שטעלט ראַוויטש אַוועק די זון, דאָס מיינט בײַ אים דעם זין — דעם זינען.

און דאָס איז אויך ראַוויטשעס ייִדישקייט-פֿילאָסאָפֿיע. אויב עס איז נישטאָ קיין אָנהייב און קיין סוף און אַלץ איז לעבן, איז אויך ייִדישקייט אַ פּונקט, וואָס באַוועגט זיך אויפֿן קרײַז, און וואָס קאָן בײַטן די פֿאָרמען און דאַרף בלײַבן די זעלבע אין איר עצם. ווײַל זײַן ייִדישקייט-פֿילאָסאָפֿיע איז אויך אַ טייל פֿון זײַן לעבנסבילד, פֿון זײַן וועלטבילד. דערפֿאַר איז ראַוויטש געווען אַזוי אינטים פֿאַרבונדן מיטן ייִדישן וועלט-פֿאָלק און האָט אַזוי שטאַרק געשפּירט זײַן גורל-געמיינשאַפֿט מיט אים. דערפֿאַר זײַנע אידעען פֿון וועלט-שליחותן, זיי שטרעבן צו באַשאַפֿן אַ נײַעם תּנ״ך, ווי אַ צוגאָב צום אַלטן. ווײַל נישט געקוקט אויף זײַנע איבערלעבונגען, נישט געקוקט אויף די צוויי וועלט-מלחמות וואָס ער האָט אַדורכגעלעבט, איז ער, דער פֿאַרעקשנטער הומאַניסט, געבליבן מיטן גלויבן אין וואָרט; מיטן גלויבן, אַז ליטעראַטור קאָן איבערבײַטן די וועלט און זי בעסער מאַכן. אָט וואָס ער זאָגט אין זײַן אויטאָפּאָרטרעט:

„איך בין פֿאַרגלייבט אין דער שליחות פֿון ייִדישן פֿאָלק אין דער וועלט און אין שליחות פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. אין די רעמען פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור וועט זיך אויסקריסטאַליזירן דער ספֿר-הספֿרים

פֿון דער ייִדישער מחשבֿה און מעשׂה פֿון די לעצטע צוויי טויזנט יאָר, און וועט דער וועלט ברענגען דאָס אויסלייזנדיקע וואָרט פֿון מידת-הרחמים אין זײַן רײנסטער פֿאָרעם... וואָרעם די שטרעבונג פֿון אַלע שטרעבונגען איז די הייליקונג פֿון מענטשלעכן לעבן, די הייליקונג פֿון לעבן בכלל."

דאָס איז ראַוויטשעס אני-מאמין. ער וויל די מענטשהייט, דאָס פֿאָלק ישׂראל און יעדן איינעם פֿון אונדז אַרומנעמען מיט איין טרייסטנדיקער ספּיראַלע פֿון האָפֿענונג, פֿון פֿאַרבענקטן פֿילאָסאָפֿישן בטחון. און אַזוי שליסט זיך די לעגענדע פֿון ראַוויטשעס לעבן אין אַ קרײַז.

און מיר אַלע, וואָס דערמאָנען אים הײַנט מיט דאַנקבאַרקייט און ליבשאַפֿט, קערן זיך אום צוזאַמען מיט אים צום ערשטן רינג פֿון זײַן לעבנס-ספּיראַלע, צו זײַן סאַמע אָנהייב, וואָס ער האָט באַזונגען אין איינעם פֿון זײַנע לידער מיט די שורות צו זײַן מאַמען:

אַ לויב דיר, מײַן מאַמעס בויך,
פֿאַר דײַנע יסורים און פֿאַר דײַן פֿרייד,
וואָס דו ביסט געגאַנגען שווערערהייט, שוואַנגערערהייט
און האָסט געטראָגן אַ זון צו דער זון, צו ליכטיקייט.
אַ לויב דיר, לויב דיר, מײַן מאַמעס בויך.
דײַן זון איז געגאַנגען אין ליכט אַרײַן.

וועגן אײַנשליסן אין אַ ספר הספרים די ייִדישע מחשבה און מעשה פֿון די לעצטע צוויי טויזנט יאָרן

דער דאָזיקער רעפֿעראַט (קלײנע הוספֿות און ענדערונגען זײַנען געמאַכט געוואָרן פֿאַרן דרוק) איז געלעזן געוואָרן אויף אַן עפֿנטלעכער זיצונג פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט אין ניו־יאָרק, זונטיק, דעם 7טן דעצעמבער 1947. דעם פֿאָרזיץ האָט געפֿירט דער וויסנשאַפֿטלעכער דירעקטאָר פֿון ייִוואָ — דר. מאַקס ווײַנרײַך. נאָכן רעפֿעראַט האָבן גענומען קורצע ווערטער, און זיך אַרויסגעזאָגט וועגן די אָנגערירטע פּראָבלעמען, די פֿאָלגנדיקע ייִדישע שרײַבער: (לויט דער רײ פֿון זייער אַרויסטרעטונג) אברהם רײַזען, יוסף אָפּאַטאָשו, משה שטאַרקמאַן, אהרן צײַטלין, קלמן מרמר, ישראל גאָלדבערג (רופֿוס לעאַרסי), ה. לייוויק, חנן אַיאַלטי, וואָלף יונין, לעאָן קוסמאַן, דר. מאַקס ווײַנרײַך.

*

דאָס שניִרל, מיט וועלכן אײַער קנעכט נעמט אַרום דאָס דאָזיקע בינטל — היפּשלעך כאַאָטישע — געדאַנקען, וואָס ער טראָגט אײַך — חשובֿע צוהערער — איצט אונטער, רופֿט ער: וועגן אײַנשליסן אין אַ ספֿר הספֿרים די ייִדישע מחשבֿה און מעשה פֿון די לעצטע צוויי טויזנט יאָר.

אָבער שוין אין דעם קעפּל אַליין זײַנען פֿאַראַנען נישט־פּינקטלעכקייטן. ראשית וואָלט דאָ גיכער געפּאַסט די ציפֿער דריטהאַלבן טויזנט יאָר — און נישט צווייטויזנט.

שנית רעדט זיך עס אין קעפּל, דעפֿיניטיוו וועגן ייִדישער מחשבֿה און מעשה און דאָס וואָלט מען געדאַרפֿט אויסטײַטשן, אַז דאָס קענען זײַן נאָר געדאַנקען און כתובים באַשאַפֿן דורך ייִדן און מעשים אַקטיווע און פּאַסיווע דורך ייִדן, אין דער אמתן גייט עס אָבער דעם זאָגער פֿין דו רייד אין מחשבֿה און מעשה פֿון, פֿאַר און אַפֿילו קעגן ייִדן — אויך פֿון נישט ייִדן.

אַזוי איז עס דאָך בפֿירוש געווען אין אַמאָליקע, אייביק געבליבענע ספֿרי הספֿרים בײַ אונדזער פֿאָלק.

נאָר נישט אין טיטל גייט עס. אַ טיטל איז אַ היטל. אונדז אינטערעסירט דער מוח און דאָס האַרץ.

*

ווייל ווייס איך, אַז התנצלות איז נישט קיין שיינע מידה. און איך ווייס אַפילו אַז... נישט אַלעמאָל לאָזט זי זיך אויסמײַדן — ווי שטאַרק מען זאָל נישט וועלן.

מוז איך מיך טאַקע לכתחילה אַ ביסל מתנצל זײַן:

דער כאַראַקטער און די נאַטור פון דער יידישער סביבה אין מײַן גאַליצישן געבוירן־שטעטל, און אין מײַן משפחה, זענען געווען אַזעלכע, אַז קיין תלמיד חכם האָב איך זיכער נישט געקענט אויסוואַקסן. מען האָט מיך אַפילו קיין איין טאָג אין חדר נישט געשיקט, אַפילו קיין ריכטיקע מלמדים נישט געהאַלטן, נײַערט דאַטשטשע, און אין בעסטן פאַל שוין דאַטשמערישע לערערס — און דעם פועל יוצא דערפון פיל איך ביטער דאָס גאַנצע יידישע לעבן מײַנס. העלפן קען איך נישט מער.

אָפט טראַכט איך, אַז מײַן אַמעראַצעס איז פשוט אַ קללה.

אָבער אין מידע שעהען איז זיך דאָס אַמעראַצעס אַליין מתנצל פאַר מיר און עס זאָגט מיר אונטער, אַז אַ מאָל קען עס אויך זײַן אַ ברכה. און אַ ברכה דערפאַר, ווײַל עס צווינגט איינעם צו מוזן זען דאָס גאַנצע און דעם גרויסן כלל — מחמת מען קען נישט אַרײַנקוקן אין די קליינע, שוואַרצע פינטעלעך פון דעם אין אמתן אמת אַלע מאָל ווייניקער וויכטיקן פרט.

אין דעם פאַל, אין מײַן פאַל, אין איצטיקן פאַל — אפשר איז עס טאַקע אַ ברכה.

גרויסע בעלי זכרון קלאָגן זיך אָפט, אַז צופיל געדענקען איז אַ לאַסט, וואָס לאָזט נישט זיך אויפהייבן און פליִען. קליינע בעלי זכרון קלאָגן זיך, אַז צו ווייניק פון דעם מין איז אַ צרה, מחמת זכרון איז אַ פאַר פליגלען, אָן זיי קען מען אינגאַנצן נישט פליִען.

אָבער גענוג מיט דעם. די אַלע התנצלותן האָבן אײַער קנעכט פאַרט געגעבן דעם כוח אויפצוהייבן פאַר אײַך דעם קאָפּ, מײַנע חשובֿע, און צו זאָגן גאַנץ פראַסט און פשוט דאָס צו וואָס ער האָט זיך דערטראַכט, אָדער עס דאַכט זיך אים אַז ער האָט זיך דערטראַכט, אין פאַרלויף פון יאָרן און יאָרן.

*

דערטראַכט, דערפאַרשט און דערפילט מיט זײַן גאַנצן מהות, אַז — עפּעס מאָנען פון אונדז די גוטע פון דער וועלט. מאָנען שטומערהייט. זיי מאָנען פון אונדז אונדזער וואָרט, אונדזער דין וחשבון כלפּי פּנים און כלפי חוץ פאַר די לעצטע צוויי טויזנט יאָר. זיי מאָנען און זיי שרעקן זיך, ווײַל זיי האָבן צווייטויזנט יאָרן לאַנג געזייעט שטורעם און זיי דערוואַרטן אַ הוראַגאַן.

און אויך מיר אַליין — לכל הפחות יענע צווישן אונדז, וואָס זענען לויט זייער נאַטור באַרעכנטע, און אַזעלכע, וואָס קאָנטראָלירן זייערע אַפעקטן — מאָנען אַט דעם חשבון מיט זיך און דין מיט דער וועלט אין אַ פּרעציזירטער פאָרם. עס איז אַ שטום מאָנען, און די דאָזיקע ווערטער אַט אַ דאָ זענען נישט מער ווי אַן אָנרופן מיט אַ נאָמען אַ זאַך, וואָס איז דאָ און איז בולט, כאָטש מען האָט איר נאָך אַלץ קיין נאָמען נישט געגעבן. פאַרוואָס? איך וויל אין דעם גאָרנישט אַרייַנגיין.

עס גייט מיר נישט אין: פאַרוואָס נישט?

עס גייט מיר אין: פאַרוואָס יאָ?!

אין אַ סך, אַ סך מוחות ייִדישע, און אין נאָך מער הערצער ייִדישע, לעבט דער געדאַנק וועגן דער נאַציאָנאַלער פאָלקס־לעבנס־נויטווענדיקייט פון איינשליסן די ייִדישע מחשבה און מעשה פון די לעצטע ייִדישע טויזנטער יאָרן אין אַ ספר הספרים — אָבער אויף ווייניק ליפּן איז ער דערווייַל אויפגעקומען. די סיבה? אפשר וועט דער וויכוח נאָך אַט די ווערטער אַ ביסל ליכטיקער מאַכן אין מוח מכּוח דעם.

און דאָך דרינגט דער געדאַנק אַפילו אויף ליפן אויך דורך. אַ מאָל אין אַ רעדע, אַ מאָל אין שריפט און אַ מאָל איןביידע צוזאַמען.

איך וועל ציטירן בלויז צוויי אַזעלכע אַרויסזאָגונגען לדוגמא:

אין "טאָג" פון 2טן נאָוועמבער 1947, אין אַ באַריכט "ניו־יאָרקער ייִדישע שרייַבער גיבן האַרציקן קבלת פּנים צו העברעיִשע שרייַבער פון ארץ ישראל" האָב איך געפונען אַט אַזוי צ. אַ. ציטירט אַ רעדע פון דר. שמואל מאַרגאָשעס:

— עס דאַרף אין ייִדישן שטאַט געשאַפן ווערן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל לויטן גייַסט זייַן אַ צווייטער תּנ"ך.

אין "ייִדישן קעמפער" פון 12טן סעפּטעמבער 1947 פאַרענדיקט דער טיף־רעליגיעזער ייִד און ייִדישער געלערנטער פּראָפעסאָר אברהם יהושע העשל זייַן עסיי "דער זינען פון ייִדישן קיום" (אַן עסיי, וואָס האָט פריִער געדינט אויך ווי אַ רידע) אַט אַזוי: — דאָס איז אפשר דער זינען פון אונדזער עקזיסטענץ: מיר דאַרפן אַזוי לעבן, אַז פון אונדזער געשיכטע זאָל ווערן אַ תּורה.

און אַז איך בלעטער צוריק אין רייד און אין שריפטן געפין איך אַלערליי, וואָס האָט אַ שייַכות. אַט זע איך אין באַריכט־בוך פון ערשטן אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס, פּאַריז 1937, זייַט 307, אַז יוסף אָפּאַטאָשו האָט צ. אַ. אין אַ רעדע אַט אַזוי געזאָגט: כ'וויל הייַנט אָוונט אויך וואַרפן אַ וואָרט, ס'זאָל זיך אָננעמען. ס'זאָל זיך איינוואָרצלען צווישן אונדז, אַ וואָרט, וואָס דאַרף ווערן אַ טאַט. איינע פון אונדזערע מעשים דאַרף זייַן צו שאַפן אַ נייַ בוך, דאָס ייִדישע בוך. אַזוינע ביכער האָבן מיר פון עלטערע תּקופות, מיר האָבן דעם אָפּשניט פון תּנ"ך, פון משנה, פון תּלמוד, ווו אַסיפות, אויסגעקליבן פון פאָלק, האָבן פון הונדערטער ביכער אָפּגעקליבן אונדזערע בעסטע און אָריגינעלסטע שאַפונגען, זיי איבערגעגעבן

דעם פֿאָלק. מיר דאַרפֿן אַ נײַ בוך אין ייִדיש, וווּ ס'זאָל אַרײַנגיין אַן אָפּקלײַב פֿון אונדזערע בעסטע קולטור־שאַפֿונגען פֿאַר די לעצטע טויזנט יאָר.

און אַז איך בלעטער נאָך ווײַטער צוריק אין מײַנע אייגענע רייד און שריפֿטן, געפֿין איך אין אַן ענגלישן זשורנאַל "מאָניטאָר" פֿון דער בני ברית לאָזשע אין שאַנכאַי (מאַי 1935) אַן אָפּדרוק פֿון מײַנעם אַ רעפֿעראַט א. נ. "אונדזער מאָדערנער תּנ"ך". די לעצטע ווערטער זענען דאָרט: און אויב מיר וועלן צוגעבן צו דער ייִדישער ליטעראַטור די מאָדערנע העברעיִשע ליטעראַטור און די ווערק פֿון אַלערליי שרײַבער וואָס שרײַבן אין אַלערליי לשונות און באַטראַכטן זיך פֿאַר ייִדן, און אויב מיר וועלן פֿון אַלע די ווערק אַרויסנעמען דעם תּמצית, דעמאָלט וועלן מיר באַשאַפֿן אַ ווערק, וואָס מען קען עס אָנרופֿן "דער מאָדערנער תּנ"ך", אָדער "דער תּנ"ך פֿון 20טן יאָרהונדערט". עס וואָלט נישט באַשאַפֿן אַ נײַע רעליגיע, עס וואָלט אָבער אַנטהאַלטן ווערן, וואָס וואָלטן אין ווערטער אונדזער דור פֿאַראייביקט פֿאַר דורות פֿון די קומענדיקע יאָר־טויזנטער. און ווען מען וועט בלעטערן די זײַטן זון דעם אויסגעחלומטן ספֿר פֿון 19טן און 20טן י"ה וועט מען זען, אַז אונדזערע לײַדן האָבן געהאַט אַ זינען, זיי זענען געווען קרבנות, וואָס האָבן געהאָלפֿן פֿאַנאַנדערוויקלען די פּראָבלעמען פֿון דער מענטשהייט.

אָבער גענוג מיט ציטאַטן.

אוודאי זענען די אַלע מחשבֿות נישט אידענטיש מיט דעם, וואָס עס רעדט זיך דאָ. קיינער קען אָבער נישט לייקענען, אַז זיי זענען אין אַ גרויסער מאָס פּאַראַלעל. אפֿשר אַביסל אין זיגזאַג, אָבער די הויפּט־ליניע כּמעט פּאַראַלעל.

און גערעכט איז געווען מײַנער, זייער אַ געאַכפּעטער פֿרײַנט (וואָס, נישט האָבנדיק קיין רשות דערצו, רוף איך דאָ זײַן נאָמען נישט אָן), ווען ער האָט מיר געשריבן, אַז ווען ער וואָלט געלעבט נאָך הונדערט יאָר, און די גאַנצע צײַט זיך פֿאַרנומען בלויז מיט אויפֿקלערן דעם נס פֿון תּנ"ך — וואָלט ער עס דאָך נישט באַוויזן. און איר רעדט וועגן נאָך אַ ספֿר־הספֿרים.

ווי וויל עס איז מער ווי אמת, אַז דער תּנ"ך איז אַ נס, שטייט אָבער אין ערגעץ נישט געשריבן, אַפֿילו נישט אין תּנ"ך, אַז אַ נס קען צוויי מאָל נישט געשען.

*

אוודאי רעדט זיך יעדער דור פֿון יעדן פֿאָלק אײַן, אַז ער איז דאָס אויבערשטע פֿון שטויסל פֿון זײַן פֿאָלקס געשיכטע. אָבער — נישט קיין צו גרויסע דאָזע פֿון אָביעקטיוויטעט איז נייטיק, אין אונדזער ייִדישן פֿאַל, און עס בלײַבט קיין ברעקל ספֿק נישט, אַז מיר שטייען טאַקע אויף אפֿשר דעם גרעסטן פּרשת דרכים פֿון אונדזער וועלט־געשיכטע. פּרשת דרכים — נישט נאָר אין פֿיגוראַטיוו־סימבאָלישן, נאָר אין פֿיזישן זינען ממש. אין טויזנטער יעריקע וויזיעס האָבן מיר פֿון דער רגע

געחלומט אויף אַלערליי אופֿנים. און יעדע מינדסטע אויפֿוועקונג, אַפֿילו פֿון אַ יחיד־מענטש נאָך איין נאַכט, ברענגט אויסניכטערונג, יעדע אויסניכטערונג — שפּאָגל־נײַע זאָרגן.

און עפּעס איז דאָך אין אונדז, מיט אונדז און אַרום אונדז געשען אין דער לאַנגער, מילעניאַלער נאַכט.

אַוודאי זעט אין חלומות דער מענטש אַלע מאָל דעם נעכטן, אָבער אין וויזיעס, אָבער אין חזיונות זעט מען דאָך אַלע מאָל דעם מאָרגן. און מיר האָבן חלומות און חזיונות אָן אַ צאָל געהאַט.

לאָמיר זשע אויפֿשטעלן אויפֿן פּרשת־דרכים אַ לײַכט־טורעם, אַ סימן פֿון אַמאָל און גלײַכצײַטיק אַ לאַמטערן אין דער קומענדיקייט אַרײַן.

פֿאַראַנען אַן אוראַלט וואָרט, מײַן טאַטע שוין פֿלעגט עס נאָכדערציילן פֿון זײַן זיידן, אַז אַלע ייִדן קענען זיך, מחמת ווען צוויי ייִדן טרעפֿן זיך דאָס סאַמע ערשטע מאָל אין לעבן, האָבן זיי צווישן זיך אַלע מאָל אַ דריטן, וואָס ביידע קענען, און צוליב וועלכן זיי ווערן פֿרײַנט און זייער אָפֿט אַפֿילו קרובֿים, און דערפֿאַר זאָגט מען, אַז כּל ישׂראל חבֿרים.

מיר שטייען אויף אונדזער גרעסטן שיידוועג — און ווער ווייסט ? נישטאָ קיין פּרעצעדענט אַזאַ אין אונדזער געשיכטע.

לאָמיר־זשע באַצײַטן צוגרייטן דעם דאָזיקן מיסטעריעזן דריטן, וואָס מיר זאָלן אים ביידע קענען און דורך וועלכן מיר זאָלן זיך אַלעמאָל, און אין אַלע אייביקייטן דערקענען ווי פֿרײַנט, ווי קרובֿים, ווי ברידער.

דאָס ספֿר הספֿרים, וואָס זאָל אײַנשליסן אונדזער מחשבֿה און מעשׂה פֿון פֿאַרגאַנגענעם און דורכגעגאַנגענעם וועג פֿון דעם לעצטן גרויסן פּרשת דרכים ביזן איצטיקן.

*

מיר נעמען אַלגעמיין אָן, אַז דער חומש און דער נ״ך, מיט אַלץ וואָס אין זיי, אין מעשׂה־פֿאָרם און אין געזעץ־פֿאָרם, זענען דאָס געצײַג אויף אַ פֿעסטן, הימלגרייכנדיקן שטאַם, אַ מין מאָנאָליט, וואָס באַווײַזט דאָס וווּנדער פֿון צעצווײַגונג, דער מאָנאָליט פֿון דער איין־גאָט־אידעע.

מיר נעמען אַלגעמיין אָן דעם געדאַנק, כאָטש מיר אַלע ווייסן, אַז — באַלויכטן מיט אַ רעפֿלעקטאָר פֿון ביבל־קריטיק — קריגט דער מאָנאָליט גרויסע און געפֿערלעכע שפּאַלטן. נאָר ווי גרויס די דאָזיקע שפּאַלטן זאָלן נישט זײַן, דער תּנ״ך גופֿא קען נישט מער לײַדן דערפֿון. ער בלײַבט מאָנאָליט. אַזוי זינט די טעג פֿון די אנשי כּנסת הגדולה ביז אייביק. וועגן די ספֿרים, וואָס זענען שפּעטער געחתמעט געוואָרן איז נישטאָ קיין חילוקי דעות וועגן דער איין־גאָט־אידעע, וואָס אין זיי.

נאָר כאָטש דער סייג לתּורה שטייט אַפילו הײַנט נאָך פֿעסט — זענען איבער אים, טאַקע, שוין אפֿשר זינט דער צײַט פֿון די אנשי כּנסת הגדולה, כּסדר אַריבערגעשפּרונגען דיכטער און דענקער און — פּאַראַלעל צום מאַנאַליט פֿון דער איין גאָט־אידעע — געשאַפֿן אַן איין־מענטש־אידעע. און זי איז דער שטאַם אַרום וועלכן עס צווײַגן זיך די — שוין עקזיסטירנדיקע, אָבער נאָך נישט אײַנגעזאַמלטע אין איין שײַער — אינטעגראַלע טיילן פֿון דעם ספֿר הספֿרים, אין וועלכן עס וועט זײַן אַנטהאַלטן די ייִדישע מחשבֿה און מעשׂה פֿון די לעצטע צוויי טויזנט, אָדער מער יאָר.

אין דער אומבאַהאַלפֿנקייט פֿון אַ מענטשן, וואָס איז בשום אופֿן, און אין קיין פּרט, נישט קיין וויסנשאַפֿטלער, פֿרעג איך מיך אָפּט: דאָס ביסל מינימאַלע קענטשאַפֿט, מינימאַלע און פֿולשטענדיק דילעטאַנטישע, פּלוס דער גלײַענדיקער ייִדישער אינטואיציע, זאָגט דיר טאַקע אַן, אַז אַזאַ פּאַראַלעלע אידעע, אויסערן סייג לתּורה (און אפֿשר אין אים — פֿאַר וואָס נישט?) איז טאַקע דאָ, אָבער לאָזט זיך עס באַווײַזן? דו אוודאי נישט, אָבער קענען עס כאָטש אַנדערע באַווײַזן?

איך האָב דאָ אַנומלט, גראָד אין אַ גלחישן ביבל־ווערטערבוך, באַמערקט אַ טשיקאַווען געדאַנק (וועמעס ער איז ווייס איך נישט, אפֿשר אין ער אַפילו זייער פּאָפּולער), אַז די סתּירות אין דער גאָט־און מענטש־באַהאַנדלונג אין תּנ״ך זענען דאָ דערפֿאַר, מחמת דורך אים דערציט גאָט דער פֿאָטער זײַן זון דאָס ייִדישע פֿאָלק. און מען קען דאָך נישט דערוואַרטן, אַז אַ פֿאָטער וועט לערנען זײַן קינד באַלד פֿון צוויטן לעבנס־יאָר אָן אויפֿן זעלבן אופֿן. מיט דעם וווקס פֿון דער אינטעליגענץ פֿון זון וואַקסט און ענדערט זיך לפֿנים נאָר די תּורה פֿון דעם פֿאָטער. ער פּאַסט זיך כּסדר צו צו זײַן זון, אַזוי לאַנג ביז ער גלײַכט אויס דעם זונס באַגריפֿן מיט זײַנע.

דער געדאַנק לאָזט זיך אָנווענדן אויך אויף די צוויי טויזנט יאָר, אין וועלכע אונדזער מחשבֿה און מעשׂה בנוגע דער איין־מענטש־אידעע האָט זיך פֿאָרמירט.

*

נישט גאָטס קינד, גאָטס זון, זענען מיר געוועזן מער, אַזוי גיך מיר זענען אַרויס אין דער ברייטער וועלט — סײַ נאָך חורבן בית ראשון און סײַ, נאָך מער, נאָך חורבן בית שני — נײַערט דאָס קינד אָדער שטיפֿקינד פֿון דער וועלט, פֿון דער מענטשהייט. כאָטש די אײַנרעדעניש, אַז מיר זענען נישט נאָר גאָטס קינד, נאָר גאָטס אויסגעקליבענע קינד איז אונדז כּסדר נאָכגעגאַנגען און גייט אונדז אויך הײַנטצוטאָג נאָך.

דורכמאַכנדיק אומצאָליקע גילגולים האָט זיך בכן אין אונדז, און אַרום אונדז,

געמוזט פֿאַרמירן אונדזער שטעלונג צו דער וועלט, אונדזער שטעלונג צום מענטש, צו דער מענטשהייט, די שטעלונג פֿון דער מענטשהייט צו אונדז.

און מען טאָר קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן, אַז דאָס סאַמע, סאַמע ערשטע פֿון אַלע אונדזערע געבאָטן איז לעבן, פּרו ורבו ומלאו את הארץ.

און אַזוי איז עס געשען, אַז די דערהאַלטונג פֿון מענטשלעכן לעבן אויף דער ערד, און ממילא אויך אונדזער לעבן, האָט — באַוווּסט און אונטערבאַוווּסט — אויסגעפֿילט אונדזער טאָן און טראַכטן. אַרויסגעשטעלט אויף גאָטס באַראָט, שווימענדיק אויף די כוואַליעס פֿון דער געשיכטע, האָבן מיר געמוזט טראַכטן כסדר וועגן דעם, צי עס איז בכלל דאָ אַ געזעצמעסיקייט אין זייער שטראָמען און צי קען מען זיי קאָנטראָלירן און רעגולירן.

און אַזוי זענען מיר דערגאַנגען צו דער נויטווענדיקייט פֿון אַן עטישן געדאַנק, אויב לעבן זאָל פּראָדוצירן נישט נאָר גליקלעכע אָדער אומגליקלעכע צופֿעליקייטן, נייערט קאָנטראָלירטע לעבנס־פֿרייד — וואָס דאָס איז דער הויפּט־געדאַנק שפּינאָזאָס.

אין דעם אומענדלעכן שפּיל פֿון די לעבנס־קרייַזן פֿון דער גאַנצער אַרומיקער וועלט זענען מיר געוועזן די אומענדלעכע ליניע, די אַקס אין אַלע די קרייַזן, וואָס זוכט און גיט אַ זינען צו זייער זינלאָזן געדרייִ.

די אידעע פֿון דער הייליקייט און אייביקער אומבאַרירלעכקייט פֿון איין גאָט האָט זיך מיט דער הילף פֿון אומצאָליקע גילגולים, רעאינקאַרנירט (דאָס וואָרט איז אפֿשר געפֿערלעך און נישט אינגאַנצן אויפֿן פּלאַץ דאָ) אין דער אידעע פֿון דער הייליקער און אייביקער אומבאַרירלעכקייט פֿון איין מענטש.

און צוריקקומענדיק צו דער אידעע פֿון גאָטס קינד — מאַטעריעל זענען מיר טאַקע געבליבן אָפּהענגיק פֿון דער וועלט, גייַסטיק האָבן מיר כסדר און כסדר געמוזט מאָנען בייַ דעם שטרענגען באַלעבאָס־פֿאָטער אונדזערן און סוף כּל סוף אים געבן כסדר אָנווייַזונגען ווי זיך אויפֿצופֿירן, ווו צו לעבן עטיש.

וואָס טיפֿער אונדזערע לייַדן — אַלץ העכער אונדזערע אידעאַלן.

*

די צענטראַלע אידעע, די לייַכטענדיקע אַקס פֿון דעם תנ״ך איז די איין גאָט־אידעע.

די צענטראַלע אידעע, די לייַכטנדיקע אַקס פֿון דעם, שוין אויפֿגעשריבענעם און שוין דורכגעלעבטן ספֿר הספֿרים פֿון דער ייִדישער מחשבֿה און מעשה פֿון די לעצטע צוויי טויזנט יאָר, איז די איין מענטש־אידעע. לאַנגזאַם און פֿאַרזיכטיק, ווי אַ זון, גייט זי אויף אין די ערשטע יאָר־הונדערטער פֿאַר און נאָך דער אַלגעמיין אָנגענומענער צייַטרעכענונג, כּדי הויך און דאָמינירנדיק און איבער אַלץ און אַלעמען צו לייַכטן אין זיבעצעטן יאָרהונדערט אין אַמסטערדאַם און אין וואָן דער האַג.

אפשר בלויז פאַרזיכטיק אַזוי, און אפשר נאָך אומקלאָר און פאַרהוילן און מיסטיש אַזוי זענען געווען די אָנהייבן פון דער צווייטער אידעע שוין אין די ספרים פון די נביאים. דער חלום און די בענקשאַפט צום אויסלייזער מענטש, אַ סך זענען געווען די גילגולים פון דער איין־גאָט־אידעע און אומצאָל, און דאָס איז נאַטירלעך, זענען געווען, און זענען נאָך, די גילגולים פון דער איין־מענטש־אידעע. אויך די אידעע פון דעם אויסלייזער־פאָלק, אין אַ וועג, געהערט צו דעם. פילאָס פאָלק־כהן און יהודה הלויס האַרץ־פאָלק אין דעם אָרגאַניזם מענטשהייט. און די אידעע פון משיח בן יוסף און משיח בן דוד. און די טויזנט און איינס פאַרמענטשלעכע געשטאַלטן פון אליהו הנביא, און אַפילו דער ליימענער גולם־גילגול פון דער זעלבער אידעע.

נישט איך וויל, און נאָך ווייניקער קען איך, דאָ די אַלע גילגולים אויסרעכענען.

פון די קריסטלעכע אַפּאָסטאָלן אַרום דעם מענטש, וואָס איז גאָטס זון, דער צווייטער דירעקטער זון נאָך אדם הראשון, לויט קריסטלעכער מסורה, ביז די הייליקע רבי׳ס פון אַכצעטן און נײַנצעטן יאָרהונדערט, וואָס האָבן אויך גערעדט מיט גאָט כּדבר איש אל רעהו — איין ליניע פון בענקשאַפט צו פאַרגעטלעכן דעם מענטש, נישט נאָר דעם געקליבענעם יחיד, נאָר יעדן איינציקן יחיד באַזונדער, און דאָס הייסט: דעם כּלל, די מענטשהייט אין דער אמתן.

אַט די דאָזיקע מאַכטלאָזע בענקשאַפטן און געפילן, אויסגעדריקט אין וויזיעס און אין בילדער, האָבן געפונען זייער מחשבה־אינקאַרנאַציע (ווי שווער עס זאָל ווידעראַמאָל זײַן צו געברויכן דאָ דאָס וואָרט) אין שפּינאָזאָס באַוויזענער טעזע, אַז יעדער מענטש איז נישט נאָר די וועלט, נאָר ער קען אויך הערשן איבער איר און דאָס הייסט: יעדער מענטש איז אין פאַטענץ גאָט.

די צענטראַלע, די לייכטנדיקע אַקס־אידעע, פון דעם שוין אויפגעשריבענעם, שוין דורכגעלעבטן, נאָר נאָך נישט צוזאַמענגעקליבענעם ספר־הספרים, איז די איין מענטש אידעע.

*

אויב מען וואָלט געקענט די גאַנצע טויזנטער־יעריקע געשיכטע פון דעם אָקצידענט, און מיר ייִדן באַלאַנגען צום אָקצידענט, צוזאַמענשליסן אין איין לאָגישן קאָמפּלעט, וואָלט פון אַט דער דיאַלעקטיק איבער יאָרטויזנטער אַריבער אַרויס־געקומען:

די טעזע פון דער אייביק־אַבסאָלוטער גערעכטיקייט פון גאָט, וואָס איז אײַנגעשלאָסן אין תנ״ך.

די אַנטיטעזע פון דער אייביקער באַרעכטיקונג פון אַלע מעשים פון מענטש, וואָס איז פאַראַנען אין דער העלענישער פילאָזאָפיע און איז אויך סוף כּל סוף אײַנגעשלאָסן אין די ביכער פון דעם נײַעם טעסטאַמענט.

די סינטעזע פֿון בײדע די ספֿרי הספֿרים — וואָס איז דאָ אין שפּינאָזאָס עטיק. אָבער אַט די סינטעזע איז דערוויַיל נישט מער ווי אַ נאַקעטער געדאַנק און באַדאַרף די הלבשה פֿון מעשׂים און מעשׂיות. (כאָטש די ווערטער קלינגען אַזוי ענלעך צו דעם בראַסלאַווערס רייד וועגן נאַקעטע געדאַנקען — האָבן זיי אָבער קיין שייַכות נישט דערצו).

נישט טעזע — די טעזע איז דאָ אין די עשׂרים וארבע — די אַנטיטעזע צוביסלאַך און די סינטעזע בעיקר וועט אויספֿילן דעם ספֿר הספֿרים פֿון דער ייִדישער מחשבֿה און מעשׂה פֿון די לעצטע צוויי טויזנט יאָר.

*

דאָס מעשׂהלע פֿון דעם שעיר לעזאָזל איז אין חומש אַ מדבר־מעשׂהלע, וואָס עכו"ם־גײַסט שוועבט נאָך איבער איר.

די געשיכטע פֿון דעם שׂעיר לעזאָזל פֿון דער וועלט וועט אין צווייטן ספֿר הספֿרים אויסוואַקסן צו וועלט־געשיכטלעכע דימענסיעס, זי וועט טורעמען הימל־הויך אין זייַן אגדה־טייל, זי וועט דורכלײַכטן זײַן הלכה־טייל. זי וועט וואָרענען, אַז די געשיכטע לערנט, אַז דער שׂעיר איז גאָר אַ פֿעניקס און פֿון דעם שאול פֿליט ער באַלד ווידער אין נײַער גלאָריע אַרויף, אָבער די וואָרפֿערס זײַנע, וואָס פֿאַלן מיט אים, וואַרפֿנדיק אים, בלײַבן שוין ליגן טויט צווישן דעם פֿעלדז־געשטיין.

*

אויף נעמען אויף זיך חובֿות און אויף פֿאָדערן פֿאַר זיך רעכט, אויף פֿליכטן און רעכטן איז געבויט די מענטשלעכע געזעלשאַפֿט. רעכט און פֿליכט זענען דער טרעף־פּונקט פֿון מענטש און גאָט, און מיר האָבן אַ האַרבן גאָט אַלע מאָל געהאַט, און ער האָט געפֿאָדערט אַלע מאָל אַ סך פֿליכטן און צוגעזאָגט זייער ווייניק רעכט. דאָס געבן די רעכט, איז געמאָסטן געוואָרן מיט אַ קאַרגער האַנט, דער חשבון פֿון די פֿליכטן איז צוגעשטעלט געוואָרן מיט אַ שטאַרקער האַנט. איך ווייס נישט צי עמיץ האָט שוין צעמאָסטן און צעוויגן דעם סכום פֿון ייִדישע רעכטן און פֿליכטן לויטן תּנ"ך, נאָר איך בין זיכער, אַז טאָמער וואָלט עס עמיץ געטאָן, וואָלט די וואָג שטאַרק אַריבערגעשווערט אויף דער זײַט פֿון חובֿ און פֿון פֿליכט.

אויב עס איז דאָ ערגעץ אויך אַ מאָס און וואָס פֿון אונדזערע רעכט און פֿליכטן לויטן נאָך נישט צוזאַמענגעשטעלטן ווײַטערדיקן ספֿר הספֿרים פֿון אונדזער מחשבֿה און מעשׂה, געדאַנקען־חלום און איבערלעבונג אויף דער וואָך פֿון דערווירקלעכ־קייט, דעמאָלט האָבן מיר, דער עיקר לויט דער לעצטער מעשׂה פֿון אונדזערע איבערלעבונגען, דאָס רעכט צו זאָגן בפֿני כּל עם ועדה וועלט, אַז דער מענטש איז שלעכט. ולא יחרץ כּלב לשונו — און וועלכער פֿון די וועלט־הינט וועט נאָך קענען שאַרפֿן זײַן צונג אויף אונדז און בילן, אַז מיר האָבן נישט דאָס רעכט?

אָבער נישט אויף אונדזערע רעכטן איז באַזירט אונדזער אַ מאָל און איצט, נאָר אויף אונדזערע פֿליכטן. זײַן פֿאַרויס קען אפֿשר גאָט, אָבער קוקן פֿאַרויס מוז דער מענטש, און מיר ייִדן האָבן אַלע מאָל געקוקט פֿאַרויס און אַלע מאָל געוווּסט, און ווייסן אויך איצט, אַז אַפֿזאָגן, אַז דער מענטש איז שלעכט און ווײַטערלעבן איז טראַגיש־העלעניש, מיט איין וואָרט: אום־ייִדיש. און דעריבער מוזן מיר מיט פֿאַרביסענע צײַנער פֿון ווײ און מיט אַש פֿון זעקס מיליאָנען אויף אונדזער קאָפּ, און מיטן גאַנצן האַרץ פּראָקלאַמירן, אַז דער מענטש איז גוט. אַזוי דיקטירט אונדז די פֿליכט, די טיף פֿאַרשטאַנענע פֿליכט לגבי אונדזער אייגענער קומענדיקייט, און דער עיקר די פֿליכט לגבי דעם עתיד פֿון דער גאַנצער מענטשהייט, וואָס אָדער מיר זענען אַן אינטעגראַלער טייל אירער, אָדער מיר זענען גאָרנישט. וואָלטן מיר געהאַלטן אונדזער בליק אין עבֿר אַרײַן געווענדט, ווי די העלענער טוען, וואָלטן מיר געדאַרפֿט זאָגן, אַז דער מענטש איז שלעכט, אָבער אונדזערע אויגן זענען אַלע מאָל אַרײַנגעוועבערט אין דער צוקונפֿט און דעריבער זאָגן מיר: דער מענטש איז גוט — — אין דער פּאַטענץ, נאַטירלעך. איך מוז דאָ דערמאָנען אַ געוואָגטע זאַך פֿון אַ ייִדן, פֿון דעם משלים־שרײַבער לייבל אַליצקי, וואָס האָט זײַן, אויף פּוילישער ערד, באַדעקט אַן אייל די הייך מיט ייִדישן אַש, דערשינענע נײַע זאַמלונג אַנגערופֿן: דער מענטש וועט גוט זײַן. דאָס איז ייִדיש. דאָס וועט זײַן דאָס אינערלעכע קלינגוואָרט פֿון צווייטן ספֿר הספֿרים.

*

די באַרימטע ווערטער, וואָס זענען אַמאָל, אַמאָל אַרויסגעזאָגט געוואָרן ערבֿ אַריבערגיין דעם ירדן, די ווערטער: כּי לא על הלחם לבדו יחיה האדם כּי על־כּל־מוצא פּי־יהוה יחיה האדם — זענען הײַנט פּונקט אַזוי אַקטועל ווי אַמאָל, נאָר זיי וואָלטן געדאַרפֿט אַ ביסל פּאַראַפֿראַזירט ווערן: נישט אויף אַ מלוכה אַליין לעבט אַ פֿאָלק, נײַערט אויך אויף אַ מיטאָס, וואָס איז און דאַרף זײַן די נשמה פֿון יעדער מלוכה פֿון יעדן פֿאָלק.

איך וואָלט נישט וועלן, אַז מײַנע ווערטער זאָלן צוזאַמענגעמישט ווערן מיט וועלכער נישט איז פּאָליטיק פֿון וועלכער נישט איז פּאַרטיי. צי אויפֿן שוועל פֿון אַ קלענערער אָדער גרעסערער מלוכה — אויפֿן שוועל פֿון אַריבערגיין אין אַ נײַער געשיכטלעכער פֿאַזע שטייען מיר געוויס.

האָט דען גאָט מיט אונדז נישט גערעדט אין פֿאַרלויף פֿון די צוויי טויזנט שווערערע און אַנגעלאָדענערע יאָרן פֿון אונדזער עקזיסטענץ — פּונקט ווי ער האָט גערעדט אין די ערשטע צוויי טויזנט יאָר? פֿאַרוואָזשע זאָלן מיר דאָס אַנדערע כּל־מוצא פּי־יהוה נישט מיטנעמען מיט זיך ווי אַ נײַעם מיטאָס?

בלויז אַ טרויזם איז דאָך דער פֿאַקט פֿון מיטאָס אין יסוד פֿון דער מלוכה פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון אַמעריקע און אויך פֿון סאָוועט־רוסלאַנד. דער

קאַנאָן איז איןביידע די פֿאַלן, און נאָך אין אַ סך אַנדערע ענלעכע פֿאַלן, דאָ — ער איז נאָר נישט אָפּגעשלאָסן, געחתמעט. און מיר האָבן אַלע מאָל בפֿירוש געחתמעט און דאַרפֿן עס אויך איצט טאָן.

*

אויב מיר זאָלן אָננעמען אות באות דאָס גמרא־וואָרט, אַז אַבֿרהם אָבֿינו — און ממילא אויך זײַנע מיליאָנען אייניקלעך אין אַלע טויזנטער יאָרן — זענען עבֿרים דערפֿאַר ווײַל פֿון איין זײַט שטייען זיי און פֿון דער אַנדערער זײַט ברעג די גאַנצע וועלט — איז אַ בריק צווישן אָט די וועלטן, איבער אָט דעם אָפּגרונט אַ גרויסע, גרויסע זאַך.

דער תּנ״ך — אַ בריק פֿון איין פֿאָלק צו אַלע פֿעלקער פֿון דער וועלט. אַ בריק צווישן דער יודעישער און העלענישער וועלט. אַ בריק צווישן דער אַמאָליקער געצן־וועלט און דער איצטיקער גאָט־וועלט. אַ פֿאַרצווײַגטע בריק צווישן די זיבעצן מאָל זיבעציק שפּראַכן פֿון דער וועלט. און נישט נאָר איז ער אַ בריק צווישן עבֿר און עבֿר מיט אַן עין, נאָר אויך אַ בריק צווישן אבֿר און אבֿר, מיט אַן אלף, צווישן די אָפּגעריסענע אבֿרים פֿון אונדזער פֿאָלק גופֿא. און זײַן איז ער דאָס דער עיקר דערפֿאַר, ווײַל ער איז דאָ אין אַלע זיבעצן מאָל זיבעציק לשונות.

אָט אַזאַ בריק וועט זײַן דאָס ספֿר הספֿרים פֿון די לעצטע צוויי טויזנט יאָר.

און קען דען ווער צווייפֿלען, אַז מיר דאַרפֿן אַזאַ בריק, אַז דאָס דויערנדיקע פֿעלן פֿון אַזאַ בריק — דער עיקר איצט און אַ פּאָר צענדליק יאָרן נאָך איצט — קען האָבן קאַטאַסטראָפֿאַלע פֿאָלגן? אַן אָפּגרונט, איבער וועלכן עס איז נישטאָ קיין בריק, וואַקסט אפֿשר נישט פֿיזיש, אָבער ער וואַקסט גײַסטיק. צוויי שטעט אויף צוויי זײַטן ברעג־אָפּגרונט, איבער וועלכן עס איז קיין בריק נישטאָ, ווערן מיט דער צײַט צוויי באַזונדערע וועלטן, כאָטש דער אָפּגרונט צווישן זיי ווערט נישט ברייטער.

און נישט נאָר אַ בריק —

נאָר אויך אַן אלכּסנדר מוקדון־שווערד, וואָס וועט מיט איין שניט אויפֿוויקלען פֿאַר אונדז דעם גאָרדישן קנופּ פֿון די פֿאַרפּלאָנטערטע ייִדישע דערציִונגס־פּראָבלעמען איבער גאָר דער וועלט און אויפֿשליסן אונדז דעם וועג צום זיג איבערן גרעסטן שונא, וואָס לויערט אויף אונדז אין די דזשונגלען פֿון דער קומענדיקייט: די אַסימילאַציע פֿון די נאָכגייענדיקע דורות. אַלע ייִדישע לערערס, וואָס נעמען זייער פֿאַך מיטן טיפֿסטן האַרצן ערנסט, וועלן פּלוצלונג אַ נײַעם טאָג דערזען, אַ לאַנג געגאַרט ליכט, אַ זון פֿון אַ נײַ לעבן.

*

עס בלאָסט די קראַפֿט פֿון ייִדישן צערעמאָניאַל, וואָס האָט יאָרטויזנטער, יאָר־

הונדערטער, טאָג אויס און טאָג איַין, איבער גאָר דער וועלט, אַרומגענומען דאָס גאַנצע ייִדישע פאָלק: פאַרצווייפלט קוקן זיך דענקענדיקע ייִדן אַרום נאָך אַ צווייטן צערעמאָניאַל, וואָס זאָל קענען זיך צופּאַסן און באַשטיין לאַנג, לאַנג — אפשר אייביק.

האָב איך אַמאָל געהערט, אין דער היץ פון אַ פּאַטעטישער רעדע, אויסרופן מנחם באָריישאַן; לאָמיר אין יעדער ייִדישער שטוב אַוועקשטעלן דאָס נײַע ייִדישע בוך אין אַ געהייליקטן ווינקל און זאָל אַ האַלבע שעה אין יעדער ייִדישער שטוב, און יעדן טאָג, איבער גאָר דער וועלט געהייליקט זײַן צו בלעטערן אין אָט דעם בוך.

אין פאַרלויף פון אַ וויכּוח האָב איך אַ מאָל ה. לייוויקן געהערט זאָגן: אוודאי אַ בוך, אַ געהייליקט בוך, אָבער איך קען מיר נישט פאָרשטעלן, אַז מען וועט אַ מאָל יעדן טאָג דאַווענען אַ בלעטל שלום עליכם.

דערויף האָט יוסף אָפּאַטאָשו ספּאָנטאַן געענטפערט: אָבער אַ בלעטל פּרץ קען מען יאָ דאַווענען יעדן טאָג.

דאָס אַלץ זענען צופעליקע ווערטער געווען. צופעליקע — און ווידער אַ מאָל — כאָטש נישט אידענטישע, זענען זיי אָבער שטאַרק פּאַראַלעל צו די מחשבות, אַרום וועלכע עס דרייען זיך אין ספּיראַלן, מיט אַן אָנגעשטרענגטן ווילן צו שטײַגן שריט נאָך שריט כּסדר אַ ביסל העכער, די ווערטער אויף אָט די בלעטער.

אויך די זוכער פון אַ צווייטן צערעמאָניאַל וועלן פלוצלונג אַ נײַעם טאָג דערזען, אַ לאַנג געגאַרט ליכט, אַ זון פון אַ נײַ לעבן, אַ באַנײַטע הייליקע עבֿודה. בלויז באַנײַט. דער טראָפּ איז אויף דעם וואָרט באַנײַט.

*

פון צוויי זײַטן פון דעם גרויסן אינדזל אויף אונדזער פּלאַנעט, לויט די געאָ־פּאָליטישע באַגריפן, פון זײַן מערבֿ־פּונקט ארץ־ישראל און זײַן מזרח־פּונקט בירא־בידזשאַן, גייט אויף אונדז דער אַלטער פּסוק: והיינו גם אנחנו ככל הגויִם; ער גייט אויך פון אינעווייניק פון אונדז אַליין אַרויס און ער גייט פון אויסנווייניק אויף אונדז אַרויף. ער גייט אויף אונדז אויך פון צוויי פּאַלוסן פון די וועלט־באַנעמונגען אין אונדזער צײַט, פון די גרויסע מערבֿדיקע פּאַראייניקטע שטאַטן מיט זייער אַנטשלאָסענעם ווילן אויפצובויען אַ זעלבשטענדיקע ייִדישע מלוכה, אויסער די גרענעצן פון זייערע טעריטאָריעס, און אויך פון דער גרויסער מזרח־מלוכה, מיט איר אַנטשלאָסענעם ווילן אויפצובויען אַ ייִדישע מלוכהשאַפט אין די גרענעצן פון אירע קאָלאָסאַלע לענדערײַען, און אויך מיט איר שטיצן דאָס בויען פון דער ייִדישער מלוכה אויסער אירע גרענעצן. דער באַגריף „ייִדיש וועלטפאָלק" גייט לעצטנס דורך זייער גיכע און אומדערוואַרטע מעטאַמאָרפאָזעס. וואָס שייך די צוויי מיליאָנען ייִדן אין ראַטן־פאַרבאַנד האָבן זיי שוין, זינט עטלעכע יאָר, אַן אָפיציעלן

נאָמען: דאָס סאָוועטישע יידישע פֿאָלק. דאָס אולטימאַטיווע פּנים פֿון דעם מערבֿ־מעטאַמאָרפֿאָז פֿון יידישן וועלטפֿאָלק וועט זיך גיך באַווייַזן נאָך דער באַשאַפֿונג פֿון דער יידישער מלוכה אין ארץ ישראל. און דער והיינו גם אנחנו ככל הגוים וועט זייַן קאָמפּלעט, אָבער שטאַרק, שטאַרק אַנדערש ווי אין די צייַטן פֿון שמואל הנבֿיא.

נאָך זייַנע וועלטרייַזעס האָט דער זאָגער פֿון די ווערטער זיך געשטעלט די גורל־פֿראַגע: איין יידיש פֿאָלק — אָדער 75 יידישע פֿעלקער? דעמאָלט, און געוועזן איז עס אינגאַנצן מיט זיבן יאָר צוריק, האָט עס געקלונגען מער וואָרטשפּיל ווי ערנסט. הייַנט שטייען מיר פֿאַר אַ דרייַ־טיילונג בלויז, דרייַ יידישע פֿעלקער, אָבער סאַנקציאָנירט און ראַטיפֿיצירט דורך דעם פּאַרלאַמענט פֿון דעם פּלאַנעט.

קיין קראַפֿט אין דער וועלט קען זיך נישט, און וועט זיך נישט קענען, אַנטקעגנשטעלן דער לאָגיק פֿון אַזאַ סיטואַציע פֿון אַ צווייטוויזנטיעריק וועלט־פֿאָלק, אויף אָט דעם פּרשת דרכים, אייַנצושליסן זייַן מחשבֿה און מעשׂה — יענע, וואָס איז נאָך נישט אַזוי אייַנגעשלאָסן — אין אַ ספֿר הספֿרים. עפּעס זענען מיר דאָך, חוץ אַלעמען, זינט דעם זיבעטן יאָרהונדערט, אויך דאָס עם הספֿר.

*

קלאָרע און פּרעציזירטע דאָגמעס, אָדער דברות, אָדער עיקרים, מוזן אין אַ ספֿר הספֿרים, איין, אָדער צוויי מאָל, אָדער מער מאָל, אין אַ קריסטאַליזירטער פֿאָרם זייַן אייַנגעשלאָסן.

אַ ספֿר הספֿרים איז אַליין אַן אַקס, אָבער די דאָגמעס, דברות, עיקרים זענען די אַקס פֿון דער אַקס.

און אַפֿילו דער גאַנג דאָגמעס, דברות, עיקרים מוז האָבן איין עיקר, איין דאָגמע, וואָס דאָס איז דער, שיער נישט, אומזיכטבאַרער אימאַנענטער כּוח זייַנער, די אַקס פֿון אַלע אַקסן.

איך בין גאָט — — און עס האָט דעם מענטש דערהויבן און סוף כּל סוף נישט בעסער געמאַכט.

איך בין דער מענטש — און ער וועט טיף אין זיך זינקען און ער וועט בעסער ווערן.

*

נישט נאָר אַ צווייטער אנכי אין אַ באַנייַטן רעליגיעזן זינען, נייַערט אויך אַ באַנייַטער צוגאַנג צום אנכי פֿון אַ פֿאָלק, און דאָס הייסט צום נאַציאָנאַליזם, וועט זייַן אין צווייטן ספֿר הספֿרים.

צוויי פֿעלקער פֿון דער וועלטס אַלע פֿעלקער, און דאָס, וואָס עס האָט מיט זיי אין די לעצטע יאָרצענדלינקער געטראָפֿן, וועלן גורם זייַן דערצו.

האָט איין פֿאָלק בשוגג — ווײַל במזיד דאָס צו טאָן וואָלט געווען מענטשן־אוממעגלעך — גענומען אויף זיך די ראָלע, ריכטיקער באַקומען די ראָלע, פֿון דער וועלטס גרעסטן מאַרטירער און אויסגעפֿירט זי אין אַ זעקסמיליאָניקן קאָלעקטיוון איך.

האָט אַן אַנדער פֿאָלק במזיד — ווײַל צו שלעכטס קעגן יענעם איז לײַכטער זיך פֿאַרצושטעלן פֿרײַע בחירה — גענומען אויף זיך די ראָל פֿון אַ קאָלעקטיוון זעקסמיליאָניקן מערדער.

לאַנג, לאַנג וועלן זיי אַזוי שטיין פּנים אל פּנים — אפֿשר אַ יאָרהונדערט לאַנג. מאַרטירער־פֿאָלק אָל מערדער־פֿאָלק.

און גורם זײַן אַ פֿולע רעוויזיע פֿון נאַציאָנאַליזם, אויב מין מענטש זאָל נישט אַראָפּ פֿון פּנים פֿון דער ערד און איבערלאָזן זײַן אָרט דער מוראַשקע אָדער דעם טערמיט.

און דאָס וועט זײַן, און איז שוין נאָך איינער פֿון די אויסקלאַנגען פֿון צווייטן ספֿר הספֿרים.

*

איז דער תּנ״ך, איז אַ תּנ״ך אַ בוך?

איז ער אַ בוך פֿון ביכער? איז ער אַ ספֿר הספֿרים?

האָט אַ תּנ״ך אַן אייגענעם סטיל?

איז דער תּנ״ך אַן ענציקלאָפּעדיע, אַ לעקסיקאָן, אַן אַנטאָלאָגיע? אפֿשר גאָר אַ ליטעראַרישער תּוהו ובֿוהו, אַ כאַאָס?

זענען די מעשהלעך אין אים מעשהלעך, די אַלעגאָריעס און משלים — אַלעגאָריעס און משלים, און אַזוי די לידער, די שטיקער געשיכטע, די כראָניקעס, די נאָוועלן, די ראָמאַנען, די דראַמעס, די געזעצן, די חשבונות און רשימות, די רעגולאַמינען, די גלײַכווערטלעך, די רעדעס, די וויזיעס, די גענעאַלאָגיעס און, און?

און דאָס גאַנצע צוזאַמען — גאַנץ פּשוט תּנ״ך, ספֿר הספֿרים? אָבער נאָך אַלץ ספֿר?

ניין — נישט ספֿר, נאָר אידעאַל פֿון ספֿר, אידעאַל פֿון בוך. אור־בוך, אור־ספֿר. אידעאַל און אידעע פֿון ספֿר אין ריינסטן פּלאַטאָנישן זינען.

איך שטעל מיר אַפֿילו פֿאָר, אַז די צונויפֿשטעלער, אָדער איינער פֿון די צונויפֿשטעלער פֿון תּנ״ך האָט שטילערהייט געהאַט די אידעע דורך דעם תּנ״ך צו קרעירן אין דער ווירקלעכקייט דאָס וואָס איז אַזיסט אוממעגלעך — די אור־אידעע, דעם אידעאַל פֿון בוך, און טאַקע לויט דער פּלאַטאָנישער קאָנצעפּציע פֿון אידעאַלן. כראָנאָלאָגיש איז דאָס זיכער נישט קיין נאָנסענס.

*

און — אגבֿ — דאַרף מען דען ערשט איבערחזרן דעם טרויִזם, אַז סך הכּל פֿון פֿראַגמענטן איז נישט אַלע מאָל אַ מאַטעמאַטישער ענין. סך הכּל פֿון פֿראַגמענטן איז אַ מאָל מער און אַן אַנדערש מאָל ווייניקער ווי די מאַטעמאַטיק ווײַזט.

ווען אונדזער תּנ״ך וואָלט אַפֿילו געווען דאָס אויסשליסלעכע אייגנטום פֿון אונדזער פֿאָלק, נאָר ער וואָלט נישט געווען סך הכּל וואָלט נישט געווען קאָנאָניזירט — וואָלט ער געווען אַ סך, אַ סך ווייניקער.

מחמת באַוווסטזיניקע זאַמלונג איז אַלע מאָל אויך קאָנדענסירונג. זאַמלונג צווינגט אַרויף צימצום. און צימצום איז זייער אַפּט קרעאַטיווע, נײַע שאַפֿונג.

אַז מיר ווען ווידער זאַמלען, באַוווסטזיניק זאַמלען, וועלן מיר אין דער זעלבער צײַט אויך קאָנדענסירן. מיר וועלן אין די זעלבע אוצרות, וואָס מיר פֿאַרמאָגן הײַנט אין אַ פֿראַגמענטירטער פֿאָרם, נײַ ליכט דערזען, וואָס איז דאָ אין זיי אָבער וואָס שײַנט נישט מחמת גײַסטיקן גלות אין וועלכן די אוצרות געפֿינען זיך.

אַ פֿעלד מיט זאַנגען פֿולע מיט קערנער איז עפּעס אַנדערש — ווי עס שטייט אין פֿעלד.

און עפּעס אַנדערש ווי עס איז געבונדן אין סנאָפּעס.

און עפּעס אַנדערש אין שײַער אײַנגעזאַמלט.

און עפּעס אַנדערש אין קאָרן־זעק אין שפּײַכלער.

און עפּעס אַנדערש אין מעל־זעק אין דער מיל.

און גאָר עפּעס אַנדערש אַלס ברויט אויפֿן טיש. כאָטש דאָס ברויט איז שוין אין די פֿולע זאַנגען אויפֿן פֿעלד געווען — איז עס אָבער דאָך ערשט אמת געוואָרן, דאָס הייסט נײַ־באַשאַפֿן געוואָרן, אַלס ברויט אויפֿן טיש.

*

אַ פּאָר מחשבֿות וועגן די עלעמענטן פֿון אַ ספֿר הספֿרים:

זײַן סובסטאַנץ איז וואָרט.

די אַטריבוטן פֿון דעם וואָרט אין תּנ״ך זענען אמת און יושר.

די מאָדוסן פֿון דעם וואָרט אין תּנ״ך זענען אַלע, אין דער צײַט פֿון זײַן חתימה, באַקאַנטע ליטעראַרישע פֿאָרמען: ליד, משל, דערציילונג, דראַמע, באַריכט, כראָניק, סטאַטיסטיק, רעגיסטער, געזעץ, באַפֿעל, ווידוי, זינג־ליד, דיטיראַמב, געשיכטע, פּאַנעגיריק, פֿאַרשריפֿט, דאָקומענטאַציע, סטאַטוט, רעטעניש, בויפּלאַן, בריוו, שליחות, כּישוף־שפּרוך, נבֿואה.

די מאָדוסן פֿון דעם וואָרט אין אַ ספֿר הספֿרים בײַ ייִדן פֿון די לעצטע צוויי טויזנט יאָר וועלן, נאָטירלעך, באַשטיין פֿון די אַלע אויבן אויסגערעכנטע ליטעראַרישע פֿאָרמען מיט אַ צוגאָב פֿון די נײַ־אַנטשטאַנענע פֿאָרמען זינט דעם תּנ״ך.

און עס וועלן צוקומען נאָך עלעמענטן, וואָס זענען אין די יאָרן פֿון דער חתימה פֿון תּנ״ך טעכניש נישט מעגלעך געווען. די עלעמענטן הייסן: בילד און מוזיק־שריפֿט. די סובסטאַנץ איז וואָרט.

די אַטריבוטן זענען אמת און יושר.

די מאָדוסן — אַלע ליטעראַרישע פֿאָרמען, און דערצו אַלע גראַפֿישע מעגלעכ־קייטן צו פֿאַרפֿיקסירן פֿאַר איצטיקייט און קומענדיקייט, סטאַטיק און דינאַמיק פֿון מענטשלעכער מחשבֿה און מענטשלעכער מעשה.

*

איך האָב באַקומען אַ בריוו פֿון אַ פֿרײַנט אין אייראָפּע, אַ ייִד אַ תּלמיד חכם. אָבער נישט קיין רעליגיעזער מענטש. ער האָט מיר געשריבן: איך האָב געהערט, אַז דו האָסט געמאַכט אַן אַרבעט וועגן קאַנאָניזירן אַן אויסקלײַב פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור... א.א.וו. — — איך האָב מיך טיף געוווּנדערט, איך האָב פּשוט נישט געקענט פֿאַרשטיין, ווי אַזוי אין געדאַנק פֿון מײַן פֿרײַנט האָט זיך געקענט אַרײַנ־פּלאָנטערן אַזאַ אידעע, ווי אַזוי האָט ער — נישט נאָר מײַן ווייניקייט — נאָר וועמען עס איז געקענט צושרײַבן אַזאַ מין נישט דערטראַגענע האַלב־אידעע?

איך האָב מיט אַ צײַט צוריק באַקומען אַן אַנדערן בריוו פֿון אַ פֿרײַנט. ער האָט מיר געשריבן: איך האָב — דאַכט זיך, געלייענט — אָדער האָט מיר עמעץ דערציילט, אַז דו האָסט אויסגעאַרבעט אַ פּראָיעקט וועגן אַ נײַעם קאַנאָן בײַ ייִדן אַ:ן אויך אַ פּלאַן, וואָס צו קאַנאָניזירן אין דעם נײַעם ספֿר. — אַז איך האָב דעם בריוו געלעזן האָבן מײַנע הענט געציטערט, אַזוי ווי עמעץ וואָלט אויף מיר אַ בילבול געמאַכט, ווי עמעץ וואָלט מיך באַשולדיקט אין עפּעס אַ שווערן פֿאַרברעך. ווען איך וואָלט געקענט, וואָלט איך באַלד אין יענער רגע געפֿלויגן צו יענעם פֿרײַנט און אים געבעטן: חלילה דיר צו רעדן וועגן מיר אַזעלכע רייד...

נישט אויפֿן שפּיץ פֿון מײַן צונג, און אודאי נישט אויפֿן שפּיץ פֿון מײַן פֿעדער וואָלטן אַזעלכע דעטאַלע פּראָיעקטן געקענט אויפֿקומען. ווער און וואָס בין איך דען?

אויף צו טאָן דאָס דאַרף מען פֿאַרמאָגן אַטריבוטן, וואָס איך פֿאַרמאָג אַפֿילו נישט אַ שאָטן פֿון זיי.

פֿאַר אונדזערע אויגן ליגט זינט מער ווי צוויי טויזנט יאָר אויסגעשפּרייט אַ מוסטער פֿון אַ ספֿר־הספֿרים אין אַ פּערפֿעקטער פֿאָרם און מיט אַ פּערפֿעקטן אינהאַלט. אויף דעם וועג פֿון יענעם ספֿר דאַרף מען גיין — צוזאַמענשטעלנדיק אַ צווייטן ספֿר אַזאַ.

*

איך האָב דאָ פֿריער געזאָגט: נישט אויפֿן שפּיץ פֿון מײַן צונג און אוודאי

נישט אויפֿן שפּיץ פֿון מײַן פּעדער, אָבער איך בין פּאַרזיכטיק געגוג געוועזן נישט צו זאָגן אויך: נישט אויפֿן שפּיץ פֿון מײַנע מחשבֿות און חלומות.

ווײַל ווי איך זאָל די געדאַנקען פֿון זיך נישט טרײַבן — קומען אויף כּסדר און כּסדר, בײַם לעזן אין דער טיף פֿון ייִדישן אַמאָל, און אין דער ברייט און לענג פֿון ייִדישן הײַנט, אין געשיכטע, ליטעראַטור אין אַלע פֿאָרמען, אין דאָקומענ־טאַציע — געדאַנקען, שאַרפֿע ווי אַ ווײַזפֿינגער אין אַ זילבערנעם יד, און ווײַזן אָן, און ווײַזן אָן: אָט דאָס וועט מען דאַרפֿן קאָנאָניזירן, אָט דאָס וועט מען דאַרפֿן אײַנשליסן, אָט דאָס וועט מען דאַרפֿן אַרײַנחתמענען, אָט דאָס וועט מען דאַרפֿן אויפֿנעמען.

און דאָך וויל און וועל איך אויסהיטן דעם שפּיץ פֿון מײַן פּען — כאָטש דער נאַר אין מיר שטופּט זי מיט אַלע כּוחות — צו דערמאָנען נעמען פֿון ווערק און פֿון מעשׂים. אַפֿילו נישט ווערק פֿון קדושים און מעשׂים פֿון קדושים וועל איך דאָ דערמאָנען.

ווײַל איך מיין עס אויף אַן אמת און מיטן גאַנצן האַרצן ערנסט.

און דאָס אָנרופֿן דוגמאות, און דער עיקר דאָס ערשטע מאָל אָנרופֿן דוגמאות, איז אין דעם צוזאַמענהאַנג געפֿערלעך ביז גאָר. עס איז ווי דער ערשטער שריט איבער אַ נאַר וואָס געפּרוּווירענעם טײַך. אַלץ שטייט בײַ אָט דעם ערשטן שריט אין קאָן. דער קאַלטער אָפּגרונט פֿון פֿאַרגעסן אונטערן אײַז געניצט ברייט, מען דאַרף נאָך וואַרטן. און דער עיקר — נישט איך קען זײַן דער טויער פֿון דעם דאָזיקן געפֿערלעכסטן ערשטן שריט.

*

קאַנאָן איז דאָס גוייִשע וואָרט דערפֿאַר; כאָטש דאָס וואָרט איז גריכיש, איז דער באַגריף אַליין, דער באַגריף פֿון גלײַכן געטלעכן אָדער רעליגיעזן וועג, צי גלײַכער ווירע, אָדער ליניע אַ סך, אַ סך עלטער און ווײַטער אויפֿן מזרח צו זוכן, אפֿשר טאַקע אויפֿן ווײַטן מזרח, אפֿשר מיט גאַנצע טויזנט יאָר און מער פֿאַרן סוף פֿון פֿערטן יאָרהונדערט, ווען דער ערשטער קריסטלעכער קאַנאָן איז אויפֿ־געשטעלט געוואָרן אויפֿן נאָענטן מזרח.

חתימה איז דאָס ייִדישע וואָרט דערפֿאַר. און עס איז אויך שוין נישט יונג.

פּונקט ווי קאַנאָן איז אַ גלײַכער וועג, אָדער גלײַכע ווירע, איז ער אויך זייער אַ לאַנגער וועג, לאַנגע וויורע. אויך חתימה איז נישט קיין איינמאָליקער און מאָמענטאַנער אַקט. עס איז דער רעזולטאַט פֿון אַ לאַנגען פּראָצעס, אַ קייט, אַ שנור פֿון אַקטן, וואָס צילײַען זיך אָן, קייטלען זיך איינס אין איינס, גיכער עוואָלוציע ווי רעוואָלוציע. אָבער יעדע קייט מוז זיך דאָך ערגעץ אָנהייבן, יעדע שנור פּערל מוז ערגעץ ווו, ערגעץ ווען אויפֿציען די ערשטע פּערל.

די ייִדישע געשיכטע לערנט אונדז, אַז מיר ייִדן האָבן זיך קיין מאָל נישט

געשראָקן פֿאַר אַן אַלץ נײַעם און נײַעם קאַנאָן, כאָטש — דער אמת איז — אַז דער נײַער קאַנאָן האָט קיין מאָל נישט אומגעוואָרפֿן דעם פֿריערדיקן, ער האָט אַלע מאָל נאָר מוסיף געווען.

פֿיר חתימות זענען דאָך זיכער געווען, דאָס זאָגט דאָך יעדע געשיכטע פֿון ייִדן. ריכטיקער וואָלט אפֿשר געווען צו רעדן וועגן פֿינעף חתימות. און איך האָב אַפֿילו אַ מאָל געהערט פֿון מויל פֿון אַ גרויסן ייִדישן געלערנטן רעדן וועגן זעקס חתימות.

קען זײַן, אַז חתימה איז אין דער צײַט פֿון קאַפּיטלען מיט גריפֿלען און געגנזענע פֿעדערס און בערשטעלעך, פֿון ריין טעכנישן שטאַנדפּונקט, געווען אַ פֿיל וויכטי־קערע זאַך אויף אויסצומײַדן פֿאַרגרײַזונגען, ווי אין דער צײַט פֿון אַפּסעט־דרוקערײַען, וואָס שליסן אויס פֿאַרגרײַזונגען מחמת דער פֿאָטאָ־דרוק גרײַזט נישט ווי דער מענטש־קאָפּיסט.

אָבער חתימה, קאַנאָן — נישט אין זייער מילדסטער און נישט אין זייער שטרענגסטער פֿאָרם — זענען נישט נאָר אַ טעכנישער ענין. חתימה גייט אַרײַן און אַריבער אויפֿן געביט פֿון אינערלעכער קאָלעקטיווער דיסציפּלין — און נישט נאָר פֿון אַ יחיד, נײַערט פֿון אַ כּלל.

קאַנאָן איז אַ לאַנגער וועג, חתימה אַ לאַנגער פּראָצעס, אַ גאָלדענע קייט, אַ שנור פּערל, אָבער ערגעץ ווו און ווען דאַרף און מוז מען מאַכן דעם ערשטן שריט, אויסשמידן דעם ערשטן רינג, אָנציליען די ערשטע פּערל.

*

ביכער, ספֿרים אַפֿילו, דאַרף מען ערשט אויפֿשרײַבן כּדי זיי זאָלן זײַן. אָבער ספֿרי הספֿרים דאַרף מען ערשט נישט אויפֿשרײַבן, אַז זיי זאָלן זײַן — מחמת זיי זענען דאָך שוין דאָ. זיי זענען דאָ אין אַן עלעמענטאַרער, און פֿאַרן אויג דערווײַל, אומזעבאַרער פֿאָרם. דער אמת איז אַפֿילו, אַז ספֿרי הספֿרים זענען שוין געווען אַפֿילו פֿאַר די ספֿרים, אָדער ביכער אַליין, פֿון וועלכע זיי ווערן טיילווײַז צוזאַמענגעשטעלט, צוזאַמענגעזאַמלט, ווי מען זאַמלט די פּרוכט פֿון אַלערליי מינים און אַלערליי פֿעלדער אין איין שײַער אַרײַן. דער אמת איז ,אַז עס איז בלויז אַן אַפּטישע פֿאַרבלענדעניש, אַז אַ ספֿר הספֿרים איז אַ מין עקסטראַקט פֿון ספֿרים — מחמת טעכניש שטעלט עס זיך לרובֿ צוזאַמען פֿון טיילן פֿון ספֿרים אָדער גאַנצע ספֿרים. דאָס איז נאָר אַן אויג־אָפּנאַרעניש. אַ ספֿר הספֿרים גייט אין דער אמתן צוריק צום עלעמענטאַרן געדאַנק און דער עלעמענטאַרער מעשה. עס גייט אפֿשר צוריק צו יענער אורצײַט, ווו וואָרט און מעשה זענען נאָך איינס, איידער דער צעשפּאַלטונג און צעצווײַגונג אין אַ דעלטאַ, כּדי סוף כּל סוף זיך ווידער צו פֿאַרייניקן אין איין ים.

זענען דאָס אַלץ דאָ פֿריִער מיסטיש־אומקלאָרע הירהורים, חלומערײַען וועגן

אומווירקלעכקייטן? אזוי וואָלט עס געווען — ווען פֿאַר אונדז וואָלט נישט געלעבט שוין טויזנטער יאָרן דאָס ספֿר הספֿרים, וואָס מיר רופֿן תּנ״ך.

און לאָמיר דאָ אַ ביסל פּאַראַפֿראַזירן דאָס וואָרט פֿון מיינעם אַ הויך גע־אַכפּערטן פֿריינט, וואָס איך האָב דאָ פֿריִער ציטירט נישט אַנרופֿנדיק זיין נאָמען: מען דאַרף נישט קיין הונדערט יאָר לעבן כּדי צו פֿאַרשטיין דעם נס פֿון תּנ״ך, און דער נס באַשטייט נישט אין זיין עקזיסטענץ. איז דען אַ נס דער ריינער ציגל גאָלד, וואָס מען האָט אַרויסגעצויגן כעמיש פֿון אַ פֿעלדזיקער גרודע, אַ מאָל אַזוי גרויס ווי אַ הויז? אַ נס איז די איינשטעלעניש פֿון מענטשן צוצולייגן די האַנט דערצו, צו האָבן דעם איינפֿאַל דאָס צו טאָן. אָט דעם טייל פֿון נס פֿון אונדזער תּנ״ך וואָלט איך אַפֿילו אין הונדערט יאָר נישט געקענט פֿאַרשטיין. און עס דאַכט זיך מיר, אַז שוין די אַנדערע הונדערט יאָר קלער איך און קען נישט באַנעמען פֿאַרוואָס, אויב אַזאַ נס איז שוין געשען, ווערט ער נישט איצט ווידער איבער־געחזרט. עס שטייט דאָך אין ערגעץ נישט געשריבן, אַז צוויי מאָל דערזעלבער נס איז לאו דווקא.

*

די גרעסטע און מערקווירדיקסטע קראַפֿט פֿון דעם תּנ״ך באַשטייט אין דעם, וואָס ער איז נישט קיין אַפּאָלאָגעטיש ספֿר בנוגע די, וואָס האָבן אים כּמעט וואָרט אין וואָרט געשאַפֿן, אויסגעטראָגן און דערטראָגן ביזן היינטיקן טאָג. אַ דיאַלעקטיש ספֿר איז ער אין ברייטסטן און אין העכסטן און אין טיפֿסטן זינען פֿון דעם וואָרט.

אין אים גייט אָן אַ כּסדרדיקער טיטאַנישער קאַמף, אי כּמעט אות־באותיקן זינען פֿון דעם וואָרט, מחמת עס איז אַ קאַמף פֿון אַ פֿאָלק קעגן זיין גאָט; און אַ קאַמף פֿון אַ גאָט קעגן זיין פֿאָלק. און נישט אַ קאַמף פֿון פֿאַרניכטונג איז עס, נאָר אַ קאַמף פֿון דערהייבונג. גאָט וויל כּסדר אויפֿהייבן דאָס פֿאָלק צו זיך און דאָס פֿאָלק וויל זיך כּסדר אויפֿהייבן צו אים, אָבער כּסדר שטייען גיגאַנטישע אבני נגף אין וועג.

און נאָר דאָס דאָזיקע דיאַלעקטישע זיך שליידערן אַהין און אַהער פֿון צוויי טיטאַנען, וואָס איינער פֿון זיי איז גאָט און דער צווייטער וויל זיין מער ווי מענטש, דאָס איז די קראַפֿט, וואָס האָט דאָס בוך פֿאַרוואַנדלט אין אַן אייביקן סמבטיון, וואָס האָט נישט קיין שבת אַפֿילו קיינמאָל און איז דערפֿאַר לעבן געבליבן אייביק. וואָלט עס געווען אַן אַפּאָלאָגעטיש ספֿר פֿון אָנהייב ביזן סוף און נישט קיין דיאַלעקטישס, וואָלט עס שוין לאַנג געדרימלט דעם שטיינערנעם שלאָף פֿון נעכטיקער אייביקייט. אַזוי אָבער וואַכט עס אין אַן אייביקן היינט.

און אַזוי וועט זיין דאָס ספֿר הספֿרים, וואָס וועט איינשליסן די יידישע מחשבֿה און מעשׂה פֿון די לעצטע טויזנטער יאָרן. אַן אַנדערער טיטאַנישער קאַמף וועט כּסדר אָנגיין אין אים, דער קאַמף פֿון אַ פֿאָלק מיט דער מענטשהייט. אַ מאָל די

מענטשהייט קעגן דעם פֿאָלק און אַ מאָל דאָס פֿאָלק קעגן דער מענטשהייט, און אַלע מאָלביידע אין טיפֿן תּוך אַרײַנגעטוענע, אין דעם ווילן צו דערהייבן און צו דערנענטערן זיך צו גאָט, וואָס דאָס איז מענטש, אָדער צו מענטש, וואָס דאָס איז גאָט.

און אַזוי וועלן ביידע די ספֿרים זײַן ווי די צוויי אויפֿגעהויבענע הענט צום הימל — הענט, וואָס וועלן טאַקע דעם הימל דערגרייכן.

דערפֿון איז נאַטירלעך שטאַרק קלאָר, אַז דאָ גייט עס נישט אין אַן אַפּאָלאָגע־טישער אַנטאָלאָגיע, עס גייט בכלל נישט אין קיין שום אַנטאָלאָגיע, אויך נישט אין אַ גײַסטיק־געשיכטלעכער דאָקומענטן־זאַמלונג, עס גייט אין אַ ספֿר וואָס זאָל — נישט האָבנדיק קיין שום שײַכות מיט טעאַטער — דראַמאַטיזירן דעם קאַמף פֿון אַ פֿאָלק מיט אַ מענטשהייט אַזוי מעכטיק, אַזוי אייביק, אַזוי ווי דער תּנ״ך האָט דראַמאַטיזירט דעם קאַמף פֿון אַ פֿאָלק מיט גאָט, זײַן גאָט.

*

איך לייען און לייען דאָס בוך, וואָס איז גאָר קיין בוך נישט, און האָט גאָר קיין נאָמען נישט, און מיר קענען עס ווי דעם תּנ״ך, און איך טראַכט מיר: ווי אַזוי ביסטו געוואָרן?

און אויפֿן געדאַנק קומט אַ בוים — אַ בוים, וואָס וואַקסט פֿון אינעווייניק אויס, פֿון האַרץ אַרויס. ער שטעלט זיך אַליין צוזאַמען פֿון די עלעמענטן,׳ וואָס זענען דאָ אין דער פּאָטענץ אין אים זינט זײַן זאָמען אָן.

אָט אַזוי ווי אַ בוים אַנטשטייט אַ תּנ״ך.

און דאָך איז עס נישט אַזוי, וואָרום הענט פֿון מענטשן שטעלן דאָך אַ תּנ״ך צוזאַמען, קנעטן אַרום מיט רינגען פֿון מענטשלעכן וואָרט די לכתּחילהדיקע, פֿון אייביק־אַניקע אידעע.

עס וואַקסט נישט ווי אַ בוים — אַ ספֿר הספֿרים, אָבער אַז עס איז דאָ, איז עס ווי אַ בוים און מען קען מער בשום אופֿן נישט גלייבן, אַז נישט ווי אַ בוים איז עס פֿון אינעווייניק אויס אַליין געוואַקסן, נאָר מען האָט עס דאָך פֿון דרויסן, רינג בײַ רינג, צוזאַמענגעשטעלט און געשאַפֿן זײַן שטאַמיקייט.

אָבער אין ביידע פֿאַלן איז דער זוימען דער עיקר. די אידעע פֿון אידעען.

*

אין זײַן אומפֿאַרגלײַכלעכער ליבע צום וואָרט בײַ ייִדן האָט חיים נחמן ביאַליק גערופֿן צו אַ גרויסן כּינוס פֿון אָט דעם וואָרט. ער האָט געחלומט חזיונות וועגן לאַנגע, לאַנגע שורות פֿון ספֿרים, ער האָט געחלומט פֿון אַ שײַער, אין וועלכן אַלץ ווערטפֿולע זאָל אַרײַנגעטראָגן ווערן נאָכדעם ווי עס איז דורכגעגאַנגען דורך דער לײַטערונג פֿון אָפּקלײַב, אויב העברעיִש, און אויב נישט, איז פֿון אָפּקלײַב

און איבערזעצונג אויף לשון קודש. ער האָט געחלומט מסתּמא פֿון קומענדיקע דורות תּלמידי חכמים, וואָס וועלן זייער לעבן לאַנג נישט עפּעס אַנדערש טאָן ווי לערנען, אפֿשר דאָס גאַנצע פֿאָלק, אפֿשר די גאַנצע וועלט.

אַ ספֿר הספֿרים איז אָבער אַ ספֿר און נישט קיין ביבליאָטעק. טויזנט זײַטן און ניט טויזנט ביכער. עס מוז קענען באַגלייטן אַ מענטשן אַן שוועריקייטן אומעטום, ווי זײַן העמד אויפֿן לײַב — דאָס העמד פֿון זײַן נשמה. אומעטום און יעדן מענטש, וואָס וויל עס נאָר און ווען ער וויל עס נאָר.

אַוודאי איז די מענטשלעכע באַרעדעוודיקייט אין די לעצטע יאָרהונדערטער שטאַרק געוואַקסן. איין גרויסע צופֿלוס־כוואַליע איז געקומען נאָך דעם 15טן יאָרהונדערט. דעם יאָרהונדערט פֿון דער דרוק־דערפֿינדונג, די צווייטע — נאָך דער צווייטער העלפֿט פֿון 19טן יאָרהונדערט, ווען די שרײַבמאַשין איז אײַנגעפֿירט געוואָרן. אָבער אין דער זעלבער פּראָפּאָרץ איז געוואַקסן די פֿאַרשטענדניש פֿאַר צימצום און דער פּאָטענציעלער כּוח צו באַהערשן אים.

און נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל; אַ ספֿר הספֿרים איז נישט קיין אַנטאָלאָגיע, נישט קיין אָפּקלײַב פֿון פּערל, נישט קיין בלומענקראַנץ, און אַפֿילו נישט קיין דערנערקראַנץ, נאָר אַ סאָליד ווערק, אינטעגרירט, אין יעדן חלק באַזונדער — גאַנץ, און אין אַלע חלקים צוזאַמען — ווידער גאַנץ.

די טויזנט אָדער צוועלפֿהונדערט זײַטן זענען אַ תּנאי. מחמת אַ ספֿר הספֿרים, איז אַזוי אינערלעך געבויט, אַז עס זאָל קענען אין אַ נויטפֿאַל זײַן דאָס איינציקע ספֿר פֿון אַ יחיד־מענטש נאָך וועלכן ער שטרעקט אויס די האַנט, אויב מען זאָגט אים: — איין ספֿר איז דיר דערלויבט אין דער דאָזיקער איינזאַמקייט פֿון אַ מדבר־רײַזע, אַ תּפֿיסה, אַ שפּיטאָל, אַ קראַנקנבעט, אַ טויטנבעט אַפֿילו.

און פֿאַר אַ פֿאָלק איז אַ ספֿר־הספֿרים אַן עמוד־האש בײַנאַכט און עמוד־הענן בײַטאָג. און די ראָלע קען נישט נעמען אויף זיך אַן אַלמער מיט ספֿרים, נײַערט אַן איינציק ספֿר.

*

איך חלום וואַכנדיק און אין חלום חלומענדיק פֿרעג איך:

— ווערעס האַנט, ווערעס הענט וועלן עס זײַן, וואָס וועלן אַ צווייט ספֿר הספֿרים פֿאַר יידן צוזאַמענשטעלן?

— וועט עס זײַן איין פּאָר הענט פֿון אַ יחיד, וואָס איז ערגעץ דאָ אין דער יידישער וועלט, וואָס מיר קענען זײַן נאָמען נישט, און וועלן קיינמאָל זײַן נאָמען נישט קענען, מחמת ער איז אַזוי נאָענט צו גאָט, ווי דער צוזאַמענשטעלער פֿון תּהילים; און נישט זײַן נאָמען, נאָר זײַן ווערק וועלן מיר קענען? וועלן עס זײַן דרײַ פּאָר הענט פֿון אַ מזומן, צען פּאָר הענט פֿון אַ מנין, דרײַ און צוואַנציק

פֿאַר הענט פֿון אַ קליינעם, אָדער איין און זיבעציק פֿאַר הענט פֿון אַ גרויסן סנהדרין ?

און מײַן וואָך ענטפֿערט מײַן חלום: פּלוצלונג וועט דאָס ספֿר זײַן. עס וועט זײַן, און אַ טראַגישע וויזיע זאָגט: נאָר דאָס ערשטע וועט נישט באַשטיין. עס וועט זײַן ווי דער משיח בן יוסף אין וואָרט. עס וועט אונטערגיין, און נאָך אים וועט קומען דער משיח בן דוד אין וואָרט — און דאָס צווייטע ספֿר הספֿרים וועט באַשטיין אַזוי אייביק ווי דער תּנ״ך.

*

נישט אָנענדיק קיין סך און נישט וויסנדיק גאָרנישט וועגן דעם יחיד, דעם מזומן אָדער דעם מנין, וואָס וועט זיך אַ נעם טאָן צום צונויפֿשטעלן דאָס ספֿר הספֿרים פֿון דער ייִדישער מחשבֿה און מעשה פֿון די לעצטע טויזנטער יאָרן — אָנט מיך אָבער אַ סך, און איך ווייס אַפֿילו אַ ביסל, וועגן דעם, וואָס פֿאַר אַ יחיד, אָדער חברותא, עס טאָר נישט, און וועט אויך זיך נישט נעמען דערצו.

דורך דעם נעגאַטיוון דאָס פּאָזיטיווע צו דערקענען איז אַן אַלטער ייִדישער נוסח.

עס קען נישט זײַן קיין וויסנשאַפֿטלער, וואָס דערזעט אָפֿט הונדערט קליינע פּרטים בעסער, ווי דעם איינעם גרויסן כּלל. און דאָ גייט עס נישט אין קיין פּרטים. דאָ מוז מען קענען, ווי אליהו הנביא מיט פֿיר פֿליגל־שלעג, די גאַנצע וועלט אַרומנעמען.

עס קען נישט זײַן קיין טעאָלאָג, ווײַל, ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט קלינגען, אַפֿילו דער תּנ״ך איז נישט קיין דורכויס רעליגיעז ספֿר, נײַערט אַ טיף־נאַציאָנאַל ספֿר אין איידלסטן זינען פֿון דעם וואָרט — מכּל שכּן דאָס ספֿר הספֿרים פֿון די צווייטע צוויי טויזנט ייִדישע יאָר.

עס קען נישט זײַן אַזאַ ייִד, וואָס האָט וועלכן נישט איז פּאַרטייִש־פּאָליטישן צוגאַנג צום ייִדישן אַמאָל, איצט אָדער דעם וואָס קומט. אַ ספֿר הספֿרים פֿון אַ פֿאָלק קען אַ פֿאָלק נאָר ווי אַ גאַנצקייט, וואָס איז גאַנץ אין אַלע זײַנע חלקים, גאַנץ און אינטעגרירט. דער פּאַרטיימאַן אָבער קען אַ פֿאָלק, אָדער די מענטשהייט, נאָר אין דעם חלק, וווּ זײַן פּאַרטיי איז.

עס קען נישט זײַן אַ בעלעטריסט, אַ שיינגײַסט — וואָרום אַ ספֿר הספֿרים איז פּונקט אַזוי הלכה ווי אגדה.

עס קען נישט זײַן אַ געזעץ־שרײַבער, אַ שטראָפֿער, אַ שטרענג־גײַסט — וואָרום אַ ספֿר הספֿרים איז פּונקט אַזוי אַגדה ווי הלכה.

און איך וואָלט געקענט נאָך ווײַטער גיין מיט אָט דעם צעטל, אָבער גענוג מיט דעם.

*

אַ פֿרײַנט מײַנער, אַ מענטש פֿון גרויסן יידישן וויסן, קענען און פֿאַרשטיין, װעמען מײַנע רייד װעגן אַ צװייטן ספֿר הספֿרים האָבן איבערצײַגט, האָט צום סוף פֿון אונדזערן אַ שמועס אַ פֿרעג געטאָן אי זיך אַליין און אי מיך:

— יאָ, אָבער װאָס װעט זײַן דאָס לשון?

— ייִדיש — האָט מײַן האַרץ מאָמענטאַן געענטפֿערט און דאָס מויל באַלד אַרויסגעבריגט אויף די ליפּן. און דער מוח האָט שפּעטער רעזאָנירט אין דער הייך: אונדזערע דרײַ גרויס־לשונות זענען װי די שלשה אָבֿות. אַבֿרהם אָבֿינו איז לשון קודש, יצחק, דער שװאָגער פֿון לבֿן הארמי, איז אַראַמעיִש, און יעקבֿ אָבֿינו מיט זײַן גאַנצן באַרעדעװדיקן בני בית איז לשון־ייִדיש, מאַמע לשון.

אונדזערע ביז איצטיקע חתימות האָבן נישט נאָר געחתמעט די גרויסע אינהאַלטן אויף אַלע אייביקייטן, נאָר זיי האָבן אויך אויף אַלע אייביקייטן געחתמעט די פֿאָרמעס, אין װעלכע זיי זענען אַרײַנגעגאָסן און אײַנגעשלאָסן געװאָרן — די לשונות. דורך דעם אײַנשליסן פֿון די אינהאַלטן װעט אויך די פֿאָרם, װאָס דאָס איז ייִדיש לשון, אײַנגעשלאָסן און געחתמעט װערן. די אַרומנעמענדיקע אָרעמס װעלן זײַן מאַמע־לשון, אָבער אינעװייניק װעלן מיר, דאָרט װוּ עס װעט נייטיק זײַן, אַרײַננעמען פֿראַגמענטן אין אַנדערע לשונות. מיר האָבן דאָך גרויסע טראַדיציע אין דעם זינען.

און — אַגבֿ — װעגן קיין שבֿעים לשונות רעדט זיך עס דאָ נישט. העכסטנס קען זיך עס רעדן װעגן פֿראַגמענטן אין זעקס לשונות, חוץ דעם הויפּט־לשון: לשון קודש, אַראַמעיִש, גריכיש, לאַטיין, אַראַביש און דײַטש.

די חתימה אין אַ לעבעדיק פֿאָלקס־לשון איז נאָך צוליב אַ סיבה נייטיק. אַ ספֿר הספֿרים איז װי אַ בוים, װאָס װערט נײַ־געפֿלאַנצט, אַן אָבֿר, װאָס װערט טראַנספּלאַנטירט — לעבן מוז באַלד װידער פֿליסן אין זיי, אַרײַנװאַקסן אין נײַעם באָדן, אַרײַנלעבן אין נײַעם אָרגאַניזם.

*

עס איז שוין די טבֿע פֿון מענטש בכלל און ייִד בפֿרט, אַז גראָד אויפֿן געביט פֿון לשון װערט מען זייער לײַדנשאַפֿטלעך, אַ דונאַם צי אַ דלת על דלת לשון, און דער עיקר מאַמע לשון, פֿאַרטיידיקט מען אַ מאָל מיט מער בלוטיקער לײַדנשאַפֿט, װי אַזוי פֿיל מאַמע־ערד.

איך װיל דעריבער גראָד אויף דעם געביט אַפֿילו אַ קוצה של יוד נישט מיספֿאַרשטאַנען װערן.

עס גייט דאָ נישט אין קיין ייִדישיסטישן שאָװיניזם.

איך האָב שוין פֿריִער באַמערקט, און איך װיל נאָך מאַריך זײַן מיט אַ װאָרט װעגן דעם, אַז נאָר דער שטאַם פֿון דעם צװייטן ספֿר הספֿרים דאַרף זײַן, לויט זײַן לשון נאָך, ייִדיש. דער תּנ״ך, אַ ספֿר, װאָס האָט געאָגראַפֿיש ראַטירט אַרום אַ

קליינעם ווינקל וועלט, האָט זיך געקענט דערלויבן שפּראַכלעך צו זײַן מאָנאָליט, ער איז אָבער נאָר כּמעט מאָנאָליט, ער האָט צוגעלאָזן קליינע פּרעמדע צווײַגעלעך אויף זיך. דער צווייטער ספר הספרים וועט ראַטירן געאָגראַפיש, און אויך געשיכטלעך, אַרום דער גאַנצער וועלט ממש — וועט שוין דער מאָנאָליט שפּראַכלעך מוזן אַ סך, אַ סך מער נאָכגעבן פון זײַנע פּרינציפּן.

אין טויזנטער וואַריאַציעס — און שוין נאָך דרײַ אָדער פיר יאָר נאָך דעם גרעסטן אויטאָ־דאַ־פע פון אונדזער פאָלק, וואָס איז דער גרעסטער אין דער וועלטס געשיכטע בכלל — הערט מען פון טויזנטער מײַלער פּיטעפּולע רייד וועגן דעם לשון, וואָס מיט אים אין מויל זענען מיליאָנען פון אונדזערע פאָלקס־ברידער און־שוועסטערן געגאַנגען אויף קידוש השם. עס וואָלט געוועזן לײַכטזין, ווען איך וואָלט געגלייבט, אַז דאָס רעדט מען נאָר אַזוי זיך, צוליב שיינקייט וועגן. עפּעס איז מען שולדיק אָט דעם לשון פון יענע מיליאָנען לעצטע ווערטער פון קדושים. און דאָס, וואָס דאָס לשון האָט אַזוי פיל גערמאַנישע ווערטער, גראָד דאָס קלינגט דווקא אַן ערגעץ טיף, טיף אין מיסטישע אַפּגרונטן, אורהיילן פון מענטש־געשיכטע און אונדזער ייִדישער געשיכטע...

דעם ערשטן גרויסן, נאַציאָנאַלן, אָפיציעלן הספד אויפן אויסגעהרגעטן דריטל פון אונדזער פאָלק האָט חיים ווייצמאַן געמאַכט אין מאַמע־לשון.

עס לאָזט זיך נאָך רעדן און רעדן אויף דעם געביט פון לשון, אָבער זאָל זײַן גענוג.

*

שוין זינט יאָרן פאָרש איך דיסקרעט צווישן יונג און אַלט, אויף דער און אויף יענער זײַט ים געבוירן, געלערנט און פּראָסט — אָבער ייִד — און איך בין געקומען צו דער טרויעריקער מסקנא, אַז נאָר אַ פאַרשווינדנדיקער טייל פון אונדזער פאָלק האָט זיך אָנגעטאָן דעם אומענדלעכן נחת דורכצולעזן בלעטל בײַ בלעטל, וואָרט בײַ וואָרט, אין וועלכן נישט איז לשון דעם גאַנצעטשקן תּנ״ך; פון דעם באַרימטן ערשטן פּסוק פון בראשית ביז צום, ווייניקער באַרימטן, פּסוק פון כּורש מלך פּרס, אויפן לעצטן בלעטל פון דברי הימים.

איז מה דאָך דער קאַנאָניזירטער תּנ״ך איז אַזוי ווייניק פּאָפּולער — וואָזשע דאַרף מען נאָך ספרי הספרים?

דער תּירוץ איז, אַז אַזוי איז פאָלק און אַזוי איז אויך אונדזער פאָלק.

פאָלק איז — און איך זאָג עס מיטן ריינסטן דעמאָקראַטישן געוויסן — דער חלום פון אַ פּאַר, אָדער פאַרהונדערט זין און טעכטער פון דעם פאָלק וועגן דעם פאָלק.

ערגעץ ווו קלאַפּט אַ האַרץ אין אונדזער גוף. אונדזער גאַנץ לעבן דרייט זיך אַרום אונדזער האַרץ, טויזנט מאָל יעדן טאָג רופן מיר עס אָן בײַם נאָמען — האַרץ.

אָבער נאָר יעדער טויזנטסטער פֿון אונדז אינטערעסירט זיך מיט דער מיסטעריעזער, פּולסירנדיקער, פּויסטפֿאַרמיקער באַשעפֿעניש אין דער מיט פֿון די אַנדערע רמ״ז אברים. און געשען געשעט עס, כאָטש יעדער פֿון אונדז ווייסט פֿון זײַן פֿריסטער קינדהייט אָן, אַז האַרץ — איין קליינינקייט: האַרץ —

ניין, די אומקענטשאַפֿט פֿון דעם תּנ״ך בײַ די מאַסן פֿון אונדזער פֿאָלק איז קיין שום באַווײַז נישט, קיין שום אַרגומענט נישט קעגן אַ ספֿר הספֿרים, אַ האַרץ, וואָס זאָל פּולסירן מיט דער ייִדישער מחשבֿה און מעשה פֿון די לעצטע צוויי טויזנט יאָר.

*

און אָט בין איך שוין בײַם סוף פֿון מײַנע רייד.

און סײַ מײַנע רייד, און סײַ זייער מחבר קוקן איצט אַרויף צו אײַך, פֿרויען און מענער פֿון ייִדישן פֿילן און טראַכטן, פֿון ייִדישן וויסן און לערנען, און מײַנע רייד ציטערן איצט אַ ביסל, ווײַל זיי פֿילן, אַז זיי וועלן באַלד געפּאַלמעסט ווערן מיט שאַרפֿע סקאַלפּעלן, און ווער ווייסט וויפֿיל פֿון זיי וועלן קענען באַשטיין.

איך וויל אײַך בעטן נאָר איינס — סקאַלפּירט מײַנע רייד מיט וואָס איר ווילט, אָבער נישט מיט סקאַלפּעלן פֿון פּסוקים.

און בשעת מײַנע רייד און איך בעט דאָס בײַ אײַך, קוקן מיר אַרויף מן המיצר פֿון דער באַדרענגעניש פֿון די פּסוקים־לאָזע, אָדער פּסוקים־בלאָנדזשלינגען, צו די הייליקע פּאַטראָנען אונדזערע ווײַל אויך מיר האָבן פּאַטראָנען. אינגאַנצן שוצלאָז זענען מיר נישט. דער לעצטער פֿון די לעצטע, קלענסטער פֿון די קלענסטע, וואָס שטעלט זיך אין זייער שאָטן, ווענדט זיך איצט צו זיי מן המיצר: פֿילאָן דער אַלכּסנדרוני, טעאָדאָר הערצל, יצחק שיפּער — אום נאָר עטלעכע נעמען פֿון זיי אָנצורופֿן.

נאָכוואָרט

נאָכן אויסהערן די אַרויסזאָגונגען פֿון די עלף חשובֿע ייִדישע שריפֿט־שטעלער, וואָס האָבן געגומען אַ וואָרט וועגן די אין רעפֿעראַט אָנגערירטע פּראָבלעמען, האָט דער רעפֿערענט באַקומען דאָס לעצטע וואָרט — צום ענטפֿערן.

ער האָט אָבער בלויז געדאַנקט פֿאַר די אַרויסגעזאָגטע מחשבֿות אין צוזאַמענ־האַנג מיט זײַן פֿאַרלעזונג, מחשבֿות, וואָס ער וועט שטאַרק נעמען אין אַכט; געענטפֿערט אין תּוך האָט ער אָבער נישט. ער האָט געזאָגט אַן ערך: (דאָס נישט דערזאָגטע אין דער אימתא דציבורא ווערט דאָ דערשריבן).

עס גייט נישט אין דער דיאַלעקטיק אַרום דעם באַרירטן פּראָבלעם, עס גייט

נישט אין אַ וויכּוח. עס גייט נישט אין ווען עפּעס אויספּירן אינדיוויִדועל. עס איז כּלל נישט קיין אינדיווידועלער פּראָבלעם. עס גייט אין טיפּסטן תּוך. עס גייט אויף אַז אמת וועגן אַ צווייט ספר הספרים בײַ ייִדן, וואָס זאָל זײַן אַ בפירושער המשך — נישט אַנרירנדיק אַפילו קיין שאָטן פֿון אַ פּאַסיקל פֿון תּגין פֿון אַן אות פֿון אונדזער יצירה און דער גאַנצער וועלטס ירושה דעם תּנ״ך. מחמת: געפֿין איך ערגעץ בלויז אַ שאָטן פֿון אַ געדאַנק, אָדער — ווער שמועסט — אַ גאַנצן געדאַנק, וואָס באַשטעטיקט מײַנע גריבלענישן און הרהורים, איז ווי מען וואָלט מיר אַ נײַע נשמה אַרײַנגעזעצט. נישט אין זײַן אָריגינעל, נײַ, דערפֿינדעריש גייט עס דאָ, נײַערט אין באַווײַזן פּונקט דאָס פֿאַרקערטע, ווײַל עס גייט אין טיפּסטן תּוך, עס גייט טאַקע אויף אַז אמת אין דער מעשה און נישט אין ווערטער אַרום איר.

עס איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז דער ערשטער שריט איז דאָס צונויפשטעלן און פֿאַרלעזן פֿאַר דער אוידיטאָריע פֿון ייִוואָ אָט די ווערטער. דער ערשטער שריט איז אַריבער. אָבער שוין בײַם צווייטן שריט (און שריט דאַרפֿן זײַן אַ סך. אַפילו ביזן אָנהייב פֿון אָנהייב) שטיי איך דערווײַל ווי פֿאַר אַ וואַנט. איך שטיי אָבער מיט טיפֿן גלויבן — נישט פֿאַרצווייפֿלט און אַפילו נישט פֿאַרלוירן. און הלוואי, הלוואי זאָל שוין דעם צווייטן שריט מאַכן אַ צווייטער, וואָס וועט אומענדלעך מאָל מער ווערט זײַן ווי אַני הקטן.

די געשטאַלט פּרץ מאַרקיש

(אַ שנירל מאָמענטן מיט אים און אַ שנירל בריוו זײַנע
פֿון זײַנע ייִנגערע יאָרן — 1921-1935)

אַ וואָרט פֿריִער

שוין נאָענט צו פֿערציק יאָר נאָך מײַן ערשטער באַגעגעניש מיט פּרץ מאַרקיש אין וואַרשע. די ייִדישע, די העברעיִשע און אַפֿילו די ענגליש־ייִדישע פּרעסע איז אָפּט פֿול מיט ידיעות און מיט בילדער פֿון מאַרקישן. מער נאָך ווי בערגעלסאָן, מער נאָך ווי איציק פֿעפֿער איז מאַרקיש געוואָרן דער סימבאָל פֿון דער טויט־פֿאַרשטומונג פֿון דער ייִדישער קולטור אין ראַטן־פֿאַרבאַנד. פֿאַר וואָס? פֿאַר וואָס ער — מער ווי אַלע אַנדערע?

צען און איינע סיבות. אַט זענען עטלעכע:

זײַן ליטעראַרישע פּראָדוקטיוויטעט האָט גאַר קיין גרענעצן נישט געהאַט. ווייניק קענען זײַנע ווערק גרינטלעך. אָבער זײַן ליטעראַרישער געניוס איז ממש אַ לעגענדע.

אַ לעגענדע איז אויך זײַן שיינקייט. פֿרויען, וואָס האָבן אים ווען עס איז געווען, זאָגן, אַז ער איז זיכער דער שענסטער מאַן פֿון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. און פֿאַרגייענדיקע שיינקייט האָט אין זיך דעם גאַנצן טרויער פֿון דער וועלט. דעם טרויער פֿון דער פֿאַרגייענדיקער זון.

זײַן נאָמען איז אַזאַ, וואָס אַז מען הערט אים איין מאָל — קען מען אים מער נישט פֿאַרגעסן. ער הייבט זיך אָן אַזוי סאָליד און טראַדיציאָנעל: פּרץ — אָבער ער פֿאַרענדיקט זיך עפּעס אַזוי אומדערוואַרט און אָן אַ זין: מאַרקיש — אָבער ער בלײַבט סײַ ווי אין זכרון.

אַלע ווייסן, אַז פּרץ מאַרקיש איז אַן אויפֿריכטיקער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמוניסט און אַן אויפֿריכטיקער נאַציאָנאַלער ייִד. ער איז פֿול מיט ליבע. ער קען אויך האָסן, אָבער ער האָסט נאָר די, וואָס האָסן די, וועמען ער האָט ליב. און ער האָט ליב נאָר די, וואָס זענען ווערט זײַן ליבע. כאָטש פּאַטאָס באַגלייט אויף פֿליגלען יעדעס וואָרט מאַרקישעס — פֿילן אַלע, אַז דאָס איז אמתער פּאַטאָס.

און נאָך און נאָך סיבות זענען געווען, וואָס צוליב זיי האָט מען זינט דעם

יאָר 1948, דעם יאָר פֿון דער גרויסער פֿאַרשטומונג פֿון דער ייִדישער קולטור אין ראַטן־פֿאַרבאַנד, אָנגערופֿן אין דער ערשטער ריי דעם נאָמען פּרץ מאַרקיש, ווען מען האָט אין דעם טראַגישן שייכות אָנגערופֿן נעמען.

און אפֿשר אויך צוליב דעם ווײַל דער סאָוועטיש־ייִדישער זינגער פּרץ מאַרקיש איז געווען געבענטשט מיט דער מעכטיקסטער שטים אין דעם כאָר פֿון די חבֿרים זײַנע. און ממילא האָט זיך די גרויסע פֿאַרשטומונג צום טיפֿסטן באַמערקט אין דעם פּוסטן תּהום, וואָס איז געבליבן אויף דעם אָרט, ווו פּרץ מאַרקיש איז אין דעם גרויסן כאָר געשטאַנען. מאַרקיש איז אויך — אַן סימבאָלן — געווען אַ זינגער און געהאַט אַ טונקעלן און טראַגישן באַס אין די יאָרן ווען איך האָב אים געקענט: זיבן אין דער צאָל, און דערצו נאָך איין באַגעגעניש אין איין טאָג. שוין אין מאָסקווע. די זיבן יאָר — בעיקר אין וואַרשע.

אַז זײַן קרויגוווערק מלחמה, אַן עפּאָס אין 1300 זעכצן־שורהדיקע סטראָפֿעס, איז אין רוסלאַנד אויפֿגענומען געוואָרן מיט חשד, זאָגט עדות אַן אַרטיקל, וואָס איז דערשינען אין דער מאָסקווער אייניקייט, אָקטאָבער 1948. דעמאָלט איז געפֿאַלן אַ שאָטן אויף זײַן נאָמען אין זײַן געליבטן לאַנד, אין זײַן געלויבטן לאַנד און דער שאָטן איז געוואָרן אַלץ געדיכטער און געדיכטער, ביז ער איז געוואָרן אומדורכ־דרינגלעכע נאַכט און צום סוף די נאַכט פֿון די נעכט — דער טויט.

איך האָב כּסדר, ממש מיט די הענט אָפּגעשטופּט פֿון זיך די אַלערליי ידיעות וועגן פּרץ מאַרקישן. עס קען נישט זײַן. אַלע זענען דאָך נישט אומגעבראַכט געוואָרן. און עס זענען געווען נאָענט צו אַ האַלב טויזנט אירע אין דער ייִדישער ליטעראַטנשאַפֿט אין ראַטן־פֿאַרבאַנד. און וויפֿל עס וועלן בלײַבן — וועט צווישן זיי זײַן מאַרקיש. טויט־מיד וועט ער זײַן, טאָטאַליטאַר פֿאַרשטומט אין אומגלויבן נאָך צענדליקער יאָרן פֿון טאָטאַליטאַרן גלויבן. זײַן מויל וועט שטומען — זײַנע שיינע אויגן וועלן רעדן טויזנט ווערטער אין איין מינוט, ווי אַ מאָל זײַן ווערטער־וואַסערפֿאַל, זײַן נבֿיאיש געבענטשט מויל. אַזוי וועלן איצט רעדן זײַנע אויגן. אָבער נישט מיט דער מאַכט פֿון וואַסערפֿאַל. נאָר מיט דער שטומער, אָנגעלאָדענער שווערקייט פֿון אַ טייך, ווען זײַן מויל פֿאַראייניקט זיך מיט דעם ים, אָדער מיט אַן אַנדערן טײַך.

אָבער זינט דעם יאָר 1952 זענען די ידיעות געוואָרן איינגעשפּאַרטער און אָנגעלאָדן מיט גורלדיקן אמת. זיי זענען — משמעות — געקומען פֿון אַן אויטענטישן אָרט. אָבער דאָס אויטענטישע אָרט האָט געהאַט סיבות נישט אויס־צוגעבן זיך.

און וואָס איינגעשפּאַרטער די ידיעות, אַלץ אײַנגעשפּאַרטער האָט זיי מײַן באַוווסטזײַן ממש מיט די הענט אָפּגעשטופּט פֿון זיך.

ביז אין איין מערץ־טאָג 1956 האָב איך געהערט די ראַדיאָ־ידיעות אין תּל־אָבֿיבֿ און צווישן די נײַעס פֿון די פֿאַראייניקטע פֿעלקער אין ניו־יאָרק און די נײַעס

וועגן בלוטיקע צוזאַמענשטויסן אויף דער ישׂראל־אַראַבישער גרענעץ — האָט אַ קלונג געטאָן אין מויל פֿון דעם העברעיִשן ספּיקער — פּע־רעץ־מאַר־קיש — פּרץ מאַרקיש איז טויט זינט דעם יאָר 1952.

איך האָב אָוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויפֿן טיש און די הענט אויפֿן קאָפּ און געוויינט, געוויינט — דו ביסט מער נישטאָ, פּרץ מאַרקיש, דו ביסט מער נישטאָ.

דו ביסט מער נישטאָ — און עס דאַרפֿן בלײַבן זכרונות וועגן דיר.
דײַנע ווערק האָסטו אַליין איבערגעלאָזן —
זכרונות וועגן דיר דאַרפֿן דײַנע נאָענטע איבערלאָזן —

טויזנטער האָבן דיך געקענט, טויזנטער — ליב געהאַט. הונדערט פֿון זיי זענען שרײַבערס און זיי וועלן — וועט פֿריִער און וועט שפּעטער — שרײַבן זכרונות וועגן דיר.

אָבער איך בין שוין אַלט — איך בין צוויי יאָר עלטער געוועזן פֿון דיר, פּרץ מאַרקיש, און איך מוז מיך אײַלן מיט מײַנע זכרונות וועגן דיר.

די ערשטע באַגעגעניש

דעם נאָמען פּרץ מאַרקיש האָב איך דאָס ערשטע מאָל געהערט אין ווין אין יאָר 1920. עמעץ האָט דערציילט, אַז קיין ווילנע איז פֿון דעם דעמאָלטיקן רוסישן כאַאָס אַרויס אַנגעקומען אַ יונגער פּאָעט, וואָס קיינער פֿאַרשטייט אים נישט און מען לויפֿט אויף זײַנע אַרויסטריטן אין גרויסע זאַלן ווי אויף אַ בייז וווּנדער.

און אָט ברענגט משה זילבורג, דער רעדאַקטאָר פֿון דער צײַטשריפֿט קריטיק, אַ גרויסן באַריכט פֿון ווילנער טאָג וועגן אַ "יונגן נבֿיא", וואָס נישט ווערטער, נאָר פֿײַער שיט זיך פֿון זײַן מויל און זינט די טעג פֿון פּרץ איז נאָך אַזאַ פֿײַערדיקער רעדנער בײַ ייִדן נישט געווען. עס איז אמת, אַז עס איז אים שווער צו פֿאַרשטיין, אָבער סײַ ווי זענען זײַנע רייד נבֿיאישע און די צײַטן — אַפּאָקאַליפּ־טישע. דערצו איז געווען די באַשרײַבונג פֿון דעם אויסזען פֿון דער דיכטערישן יונגן נבֿיא. דעם באַריכט האָט געשריבן זלמן רײַזען. — — איך האָב דאָס בלאָט גענומען צו זיך און עס אַ סך מאָל געלייענט. עס האָט אויף מיר געמאַכט אַ טיפֿן רושם. כאָטש די אומפֿאַרשטייעלעכקייט האָט כּסדר געקילט. אויך איך אַליין בין געווען היפּשלעך אומפֿאַרשטייעלעך — אָבער איך האָב זיך אײַנגערעדט, אַז מײַנע געדאַנקען זענען ווי צוויי־מאָל־צוויי. און איך האָב געהאַט אַ קולט פֿאַר פּשטות און נאָך מער פֿאַר פּראָסטקייט.

אין פֿרילינג 1921 בין איך דאָס ערשטע מאָל געקומען קיין וואַרשע. מײַן ערשטער גאַנג — אויף טלאָמאַצקע 13. מײַן ערשטער פֿאַרלאַנג — צו זען פּרץ מאַרקישן, ווײַל איך האָב געוווּסט אַז ער געפֿינט זיך גראָד אין וואַרשע — דעמאָלט איז נאָך זײַן מער־ווייניקער שטענדיקער וווינאָרט געווען ווילנע.

קיין בילד פֿון מאַרקישן האָב איך נאָך ביז דעמאָלט נישט געזען. געקענט זײַן פֿיזיש אויסזען נאָר פֿון דער באַשרײַבונג פֿון זלמן רייזען. איך האָב מיך אָוועקגעזעצט אין ליטעראַטן־פֿאַראיין אַנטקעגן דער טיר און בײַ יעדן אַרײַנקום פֿון אַ יונגן מענטש האָט מײַן האַרץ אַ ציטער געטאָן. אָבער עס האָט געדויערט צו לאַנג און מאַרקיש איז נישט אַרײַנגעקומען. און ווו אים זוכן, האָב איך נישט געוווּסט. סײַ ווי זײַן אַדרעס נישט געהאַט. קיין מאָל מיט אים נישט קאָרעספּאָנדירט. און איך האָב מיך צוגעזעצט צו אַ חבֿרה, וואָס האָט געדיכט באַלאַגערט אַ טישל אין אַ פֿאַרשאָטנט ווינקל פֿון דעם פֿאָדערשטן צימער פֿון קלובלאָקאַל.

און פּלוצלונג זע איך ווי פֿון דעם געזעמל פּנימער אַרום דעם טישל קוקן אויף מיר אויגן. און די אויגן קומען נענטער און דער, וואָס צו אים באַלאַנגען די אויגן, שטופּט זיך דורך צו מיר.

— ביסטו נישט אַ מאָל מ. ר. ?

— ביסטו נישט אַ מאָל פּרץ מאַרקיש ?

— איז וואָס זשע שווײַגסטו ?

— און וואָס שווײַגסטו ?

מיר האָבן זיך קיין מאָל נישט געאירצט. אַפֿילו נישט אין דער ערשטער רגע פֿון דער ערשטער באַגעגעניש. עפּעס אַזוי ווי סאָלדאַטן אין אַ קאַזאַרמע. אָדער גיכער ווי מאַרשירערס אין אַ ווילדער דעמאָנסטראַציע. אַזאַ צײַט איז דעמאָלט געווען.

כאָטש אַ וואָסערפֿאַל פֿון רייד — איז מאַרקיש נישט געווען קיין מאָל קיין נודניק, ווי עס מאַכט זיך אָפֿט בײַ די בעסטע פּאָעטן פֿון גאָטס וועלט. ער איז געווען אַ סבֿלן — אַ הערער. און כאָטש ער האָט מיר געהאַט צען מאָל מער צו דערציילן, ווי איך אים — ער איז געקומען פֿון אַ ווולקאַן אַרויס אין וועלכן עס האָט זיך געקאָכט אַ נײַע וועלט, וואָס האָט געדאַרפֿט פֿאַרפֿלייצן דעם ערדקײַלעך, און איך בין בלויז געקומען פֿון דער חורבֿה פֿון אַן איינגעפֿאַלענער צענטראַל־אייראָפּעיִשער אימפּעריע, עסטרײַך — איז מאַרקיש אָבער געווען אַזוי אייראָפּע־הונגעריק, אַז איך האָב אים געמוזט דערציילן און דערציילן.

און עס האָט אָנגעהויבן צו טונקלען און איך האָב מיך אָנגעהויבן אַרומצוקוקן מיט אַ בסל שרעק : ווו וועל איך דאָ נעכטיקן אין וואַרשע ? און מאַרקיש האָט עס אַרויספֿאַרשטאַנען ממש פֿון מײַן בליק און אַ זעץ געטאָן אין מײַן פּלייצע אויף זײַן שטייגער :

— און נעכטיקן וועסטו — מלך־קרול, אַזוי ווי עס פּאַסט פֿאַר דיר, דו וועסט נעכטיקן בײַ דער קרולאָווע... געווען דעמאָלט אַזאַ פּריוואַטע דירה אויף דער נאַוואָליפּיע־גאַס, וואָס די באַלעבאָסטע האָט דאָרט געהייסן "מאַדאַם קרול" און אַ צענדליק אירע זענען זיך דאָרט יעדן אָוונט צונויפֿגעקומען אויף אַ ביליק נאַכטלעגער.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די פֿרײַנדשאַפֿט, וואָס האָט אָנגעהאַלטן יאָרן און און איינציקן חבֿרישן דורכוועדטלען זיך, אָן רכילות־טרײַבערײַ, ווי עס מאַכט זיך צווישן פֿרײַנד, אָבער אויך מיט אַן אייביקער שטומער, שטילער, ביידע־זײַטיק קלאָר־באַוווסטער, קיין מאָל אָפֿן נישט דערמאָנטער, נאַטירלעכער מחיצה פֿון צווי פֿאַרשיידענע נאַטורן. ווי ווײַט איך געדענק האָט מיך מאַרקיש אייביק פֿאַרטיידיקט — און אויך איך אים, און מיט דער גאַנצער אויפֿריכטיקייט. אפֿשר טאַקע צוליב דער מחיצה, וואָס האָט געשאַפֿן פּערספּעקטיוו און דערלאָזט צו דערזען דעם פֿרײַנד גאַנץ ; ליכט און שאָטן צו גלײַך.

דער געוועזענער משורר

באַרעדעוודיק ווי אַ קוואַל אין הויכע בערג — האָט פּרץ מאַרקיש קיין מאָל נישט סתם דערציילט וועגן זיך. עס האָט געמוזט זײַן אַ ספּעציעלע געלעגנהייט דערצו. אָבער דעמאָלט — נישט איין מאָל האָט זיך מיר געדאַכט, אַפֿילו אין די יאָרן פֿון דער נאָענטסטער פֿרײַנדשאַפֿט, אַז מאַרקיש באַהאַלט זײַן פֿאַרגאַנגענהייט, אָדער כאָטש אייניקע פֿראַגמענטן אירע. געוועזן זאַכן וועגן וועלכע איך האָב אים און ער האָט מיך נישט געפֿרעגט. כאָטש געוועזן סיטואַציעס, ווו יענע פֿראַגעס זענען געלעגן ממש אויפֿן שפּיץ צונג. נאָר זיי האָבן זיך אין ווערטער נישט געשטאַלטיקט און קיין מאָל זיך פֿון דער שפּיץ צונג נישט אַראָפּגעגליטשט.

מאַרקיש האָט וועגן ליבע נישט געשריבן.

ערדישער סעקס — להיפּוך — האָט אין מײַן שרײַבן דווקא דאָמינירט.

אָבער עס איז געווען ממש אַ צניעותדיקע צוריקגעהאַלטנקייט אין אונדזערע שמועסן, ווען עס איז געקומען צו דער פּראָבלעם פֿון עראָטיק.

נו — צו שווײַגן וועגן עראָטיק זענען פֿאַראַנען פּסיכישע סיבות. אָבער אויך גאַנץ פּשוטע פּרטים פֿון מאַרקישעס ביאָגראַפֿיע בין איך — צו מײַן שטוינען — געוואָר געוואָרן אָפֿט דורך אַ צופֿאַל. בײַ זײַן גאַנצן פּאַטאָס איז מאַרקיש נישט געווען קיין באַרימער און בײַ זײַן שטיין כּסדר אין דער ערשטער ריי בײַ יעדער ליטעראַרישער מאַניפֿעסטאַציע — נישט קיין כּבֿוד־זוכער.

איך האָב יאָרן לאַנג נישט געוווסט, אַז מאַרקיש איז געווען אַ משורר בײַ אַ חזן. און ווו ? אין בערדיטשעוו.

און עס מאַכט זיך אַ מאָל, אַז איך האָב אין אַ קליינעם אַלמאַנאַך אין גאַליציע אָפּגעדרוקט לירישע מעדיטאַציעס וועגן דעם לאַנד פֿון מײַן געבוירן און יוגנט, און דאָרט זענען געווען עטלעכע שורות מוזיק־נאָטן — דאָס וויגליד פֿון מײַן מאַמען, וואָס זי האָט אונדז קינדער אַלע מאָל געזונגען. עס איז געוועזן אַ פּויליש ליד. נאָטן שרײַבן האָב איך נישט געקענט — און די נאָטן פֿון דעם ליד זענען אַרײַן אין דעם דערמאָנטן אַרטיקל דורך דער פֿרײַנדלעכער מיטהילף פֿון דעם קאָמפּאָזיטאָר

הענעך קאָן. און אַט זעט מאַרקיש ביי מיר אָפּגעדרוקט די לירישע מעדיטאַציעס וועגן גאַליציע און — צו מיין שטוינען — לייענט ער זינגענדיק די עטלעכע שורות נאָטן, ווי מען לייענט שריפֿט.

— מאַרקיש, ווי אַזוי קענסטו לייענען נאָטן? דאָס איז נישט פֿון די גרינגע זאַכן. און דערצו אַזוי לייענען — ווי מען לייענט אַ בוך?

— איך בין געווען אַ משורר.

— אַ משורר גאָר?

אָבער אַ סך רעדן וועגן דעם האָט ער נישט געוואָלט. אָפּגעקומען מיט אַ פּאָר באַמערקונגען און דאָס גאָר.

ביי מסיבות האָט מאַרקיש ליב געהאַט צו פֿירן דאָס רעדל און זינגען. זינגען שיכּור־לידער. דער עיקר האָט ער ליב געהאַט דאָס אַלטע ייִדיש־פֿאָלקסטימלעכע, הומאָריסטישע טרינקליד

איך וועל דיך, משקה, טייער האַלטן
און שטיין פֿאַר דיר, ווי פֿאַר אַן אַלטן, —

אַז דער מחבר פֿון דעם ליד איז אליקום צונזער — האָבן מיר דעמאָלט נישט געוווּסט. אַט דאָס ליד פֿלעגט מאַרקיש ליב האָבן צו דיריגירן ביי מסיבות און זינגען עס מיט באַנומענע קולות.

— זינג אַ מאָל אויף עפּעס אַן ערנסט ליד! זינג אַ חזנישע זאַך! זינג אַ רוסיש ליד!

— איך קען נישט זינגען — לאָזט מיך געמאַך!

איין מאָל, און געווען איז עס אין אַ שטוב פֿון אַ חבֿר אין אָטוואָצק, אין דער וווינונג פֿון דעם דיכטער יעקבֿ פֿרעגער, איז פֿאַרגעקומען אַ מסיבה צו מאַרקישעס אָפּפֿאָרן קיין רוסלאַנד אויף אַ שטיקל צייט. די רייזע איז געווען אַ געפּערלעכע. איבער דער "גרינער גרענעץ"... אַזעלכע רייזעס האָט מאַרקיש געמאַכט אַ סך. נאָר יחידי סגולה ווייסן דעם סוד פֿון דעם אופֿן פֿון פֿאָרן. אין דער אָפֿן הייסט עס, אַז מאַרקיש פֿאָרט קיין בערלין. חבֿרים טרינקען. מאַרקיש — קוים אַ טראָפּן. אַן אומעטיקע מסיבה מיט נישט־דערזאָגטקייטן. און אַט איז גאָר אַ מינוט פֿון עפּעס אַ פּיינלעך שווייגן. קיינער קען דאָ נישט איבעררייסן. קיינער געפֿינט קיין וואָרט נישט. פֿאַרגליווערט געוואָרן. און —

פּלוצלונג הייבט אָן מאַרקיש צו זינגען. שטיל און אַלץ העכער און העכער, מיט אַ טונקעלן, טראַגישן באַס. ער הייבט זיך אויף. ער איז אויף אַ בינע. טויזנטער הערן אים. זיין פּנים לייכט. די אויגן צו. ער זינגט די באַלאַדע וועגן די שוואַרצע הוזאַרן, וואָס טרינקען דעם לעצטן כּוס פֿאַר דער שלאַכט — — די פֿערד אין דער געדיכטער נאַכט אין דרויסן — — טרינקט גיכער דעם לעצטן כּוס — — די

פּערד טופּען מיט די פּיס — — דער מלאך־המוות זיצט שוין אויף זיי — — מען דאַרף אַרויס אין דער נאַכט, שוואַרצע הוזאַרן, מען דאַרף רײַטן —

עס איז אַ רוסישע הערא‏ָישע באַלאַדע. נאָר מאַרקיש זינגט זי נישט סתּם. ער אימפּראָוויזירט. ער אינטערפּרעטירט. ער זינגט זײַן אייגענע געפּערלעכע רײַזע, וואָס הייבט זיך אָן אין אַ שעה אַרום. און ער ווייס, אַז די גרענעצן זענען גרין — אָבער דאָס בלוט פֿאַרבט זיי אויף רויט — די גרענעצן צווישן פּילסודסקיס פּוילן און לעני‏ַנס רוסלאַנד.

— מאַרקיש, פֿאַר וואָס האָסטו קיין מאָל נישט געזאָגט, אַז דו קענסט אַזוי שיין זינגען?

— וואָס געזונגען, ווער געזונגען? אַט דאָס הייסט זינגען? איך קען נישט זינגען. לאָזט מיך אָפּ.

דרײַ טעג שפּעטער איז אָנגעקומען פֿון אים אַ קאַרטל אויף אַ נײַטראַלן אַדרעס מיט אַן אונטערשריפֿט פֿון דער הפטורה — פֿון קיִעוו. אַ וואָך שפּעטער — פֿון מאָסקווע. צוויי וואָכן שפּעטער איז ער שוין געווען צוריק אין וואַרשע.

בענקשאַפֿט נאָך שטילקייט

דאָס האָט געמוזט זײַן אין יאָר 1923. אַ פֿרײַטיק אויף דער נאַכט. זעלטן ווען פֿלעגט פּרץ מאַרקיש אין אַ פֿרײַטיק אויף דער נאַכט בלײַבן אין וואַרשע. ס'רובֿ פֿלעגט ער אַרומפֿאָרן איבער שטעט און שטעטלעך מיט זײַנע הייסע וואַסער־פֿאַלן פֿון רייד — מיט זײַנע בריִענדיקע גייזערס, זײַנע רעפֿעראַטן מיט אַלערליי נעמען, אָבער איין טעמע: וואַרשע, מאָסקווע, ניו־יאָרק, ירושלים — די ייִדישע ליטעראַטור, איר נעכטן, הײַנט און מאָרגן.

אָבער צוליב עפּעס אַ סיבה איז ער הײַנט געבליבן אין וואַרשע. מסתּמא האָט מען פֿון אַ שטעטל טעלעגראַפֿירט, אַז דער סטאַראָסטע האָט נישט געגעבן קיין „פּאָזוואָלענסטוואָ" אויפֿן רעפֿעראַט. מאַרקיש פֿלעגט אַפֿילו אין אַזעלכע פֿאַלן סײַ ווי צופֿאָרן אין שטעטל אַרײַן און רעדן אויף אַן אומלעגאַלן אופֿן. דאָס מאָל איז עס מסתּמא נישט מעגלעך געווען און ער איז געבליבן אין וואַרשע.

האָבן מיר אויסגענוצט די געלעגנהייט און באַשלאָסן אַרײַנצופֿאָרן קיין שווידער בײַ אָטוואָצק אין קאָציזנעס ווילע. עס איז פֿרילינג. דער דאַטשע־סעזאָן האָט זיך נאָך נישט אָנגעהויבן. די באַן קיין אָטוואָצק איז נאָך היפּשלעך פּוסט. נאָך מער — ווייל מיר פֿאָרן מיט דעם לעצטן צוג און די דאַטשניקעס פֿאָרן אָוועק צו זייערע משפּחות איידער דער שבת פֿאַלט צו.

מיר זענען אייניִנקע אַליין אין וואַגאָן.

די באַן שטעלט זיך אָפּ אַלע עטלעכע מינוט אויף די קליינע סטאַנציעס פֿון דער „ליניע". דאָ גייט ווער אַרײַן, דאָרט גייט ווער אַרויס. די נאָפּטלעמפּלעך

אויף די וואַקזאַלעכלעך שפּרייטן רו — ווי אין אַ שטילער פּויערישער כאַלופּע.

מאַרקיש שווײַגט כּמעט די גאַנצע צײַט. אַ פּאָר מאָל הייב איך אָן צו רעדן — אָבער ער ענטפֿערט כּמעט נישט. אַפֿילו אַ שמועס וועגן אַ נײַעם נומער פֿון דער כאַליאַסטרע, וואָס דאָס האָט אים אַלע מאָל אַרויסגעפֿירט פֿון אַלע כּלים, לאָזט אים איצט קאַלט. ער קוקט אַרויס דורכן פֿענצטער. די לבֿנה איז פֿול און זילבערט די שוין גאַנץ הויך אויפֿגעגאַנגענע תּבֿואות, שײַנט דורך די שיטערע וועלדלעך, פֿליסט וואַסער־זילבערדיק אויף לאָנקעס. דאָ און דאָרט לײַכט זיך אַ פֿענצטערל אין אַ כאַלופּע. דאָ און דאָרט בילט אַ הונט. עס איז אַזוי שטיל, אַז מען הערט אים אַפֿילו דורך דעם גאַנג פֿון די רעדער פֿון דער קליינער באַן.

— וואָס איז דיר, מאַרקיש? וואָס ביסטו עפּעס אַזוי פֿאַרכאַפּט? וואָס נעמסטו נישט אַוועק די אויגן פֿון פֿענצטער?

ער דרייט זיך אויס צו מיר. זײַנע אויגן זענען פֿול מיט טרערן.

— אַ שטיל לאַנד דאָ. איך האָב שוין לאַנג אַזאַ שטילקייט נישט געזען — נישט געהערט. איך האָב אַזוי ליב די שטילקייט.

און ער האָט פֿאַרדעקט דאָס פּנים. אפֿשר האָט ער געוויינט.

איין פֿערטל שעה שפּעטער זענען מיר שוין געווען אין שווידער, אין קאַציזנעס ווילע. דאָרט — אַ גאַנצע חבֿרה. זינגער, קאַציזנע, קאַרליניוס, סתּם אַ פּאָר ייִדן און די פֿרויען פֿון די חבֿרים און — — אַ פֿלעשל "מאַנאַפּאָלקע".

מאַרקיש האָט שוין צעקלאַפּט אַלע פּלייצעס. אַראָפּגעוואָרפֿן דעם קראַוואַט, אויפֿגעשפּיליעט דאָס ווײַדענע העמדל, אַראָפּגעוואָרפֿן די מאַרינאַרקע:

— לאָמיר צעשטערן אַלע שטילקייטן פֿון דער ערדרד! — —

דער בערגעלסאָן־קאָמפּלעקס

פּרץ מאַרקיש האָט דאָס גאַנצע ליטעראַרישע לעבן זײַנס געליטן פֿון אַ בערגעלסאָן־קאָמפּלעקס. עס קען אויך זײַן, אַז בערגעלסאָן האָט זינט דעם יאָר 1918, ווען ער האָט דאָס ערשטע מאָל געדרוקט מאַרקישעס לידער אין די זאַמלביכער אייגנס אין קיִעוו, געליטן פֿון אַ מאַרקיש־קאָמפּלעקס. זיי זענען געווען אַנטיפּאָדן — פֿיזיש און גייסטיק. מאַרקיש — אַ פּערפֿעקטער קראַסאַוועץ, אַ שם־דבֿר ממש פֿון מענערישער שיינקייט. בערגעלסאָן — אַ ייִד מיט אַ בולטער נאָז און דיקע, אַראָפּפֿאַלנדיקע ליפּן. מאַרקיש — אַן אומבאַרעכנטער און אומבאַדאַכטער וואַסער־פֿאַל פֿון פּאָעזיע, בערגעלסאָן — אַ באַדאַכטער, פּיקחדיקער, מיט אינערלעכן, אײַנגעהאַלטענעם, קוים שמייכלענדיקן הומאָר, אַ גאָט־געבענטשטער פּראָזאַיִקער. און אַזוי ווײַטער און ווײַטער — אומעטום: אַנטיפּאָדן.

כאָטש זייערע טאַלאַנטן זענען דאָך געגאַנגען אין ריכטונגען, כּרחוק מיזרח ממערבֿ, זענען זיי אָבער ביידע געווען אויף איין דעק פֿון איין שיף פֿון איין

ייִדישער ליטעראַטור. און מעג זיך שפּינאָזאַ זאָגן, אַז אַ בוים איז נישט מקנא דעם מוט פֿון אַ לייב און אַ לייב נישט דער הייך פֿון אַ בוים — דאָס לעבן פֿון שרײַבער ווייס נישט פֿון דער טעאָריע. צווישן מאַרקיש און בערגעלסאָן איז אייביק אַנגעגאַנגען דאָס, וואָס עס איז אָנגעגאַנגען.

בערגעלסאָן, וואָס האָט געהאַט אַ טבֿע אַ גוטע מעשׂה צו דערציילן הונדערטער מאָל, האָט געהאַט אַ סטאַנדאַרד־מעשׂה וועגן מאַרקישן: מאַרקיש איז ווי אַ וואַנטזייגער אין אַ פֿינצטערער נאַכט, אַ וואַנטזייגער, וואָס זײַן קלינגווערק איז קאַליע. ליגסטו אַ מאָל אַזוי און שלאָפֿסט נישט און ווילסט וויסן, ווי שפּעט עס איז. עס גייט דיר אין לעבן, צי איז עס ערשט חצות, אָדער שוין אַ זייגער פֿינף אין דער פֿרי, אָדער — און אָט האָסטו זיך דערוואַרט: דער זייגער קלינגט און קלינגט איבער די צוועלף און קלינגט און קלינגט און דו הערסט אויף צו ציילן און דער זייגער הערט אויף צו קלינגען. ערגעץ ווו ביז אַ געוויסן קלונג איז ער דאָך גערעכט געווען און ער האָט אויסגעקלונגען די פּינקטלעכע שעה, אָבער אַזוי ווי ער האָט געקלונגען נאָך און נאָך האָט ער שוין אַלץ קאַליע געמאַכט...

מאַרקיש האָט וועגן דער דאָזיקער בערגעלסאָן־מעשׂה געוווּסט און געליטן פֿון איר. אָבער ער האָט זיך סײַ ווי נישט געקענט העלפֿן. איז עס געקומען צום קלינגען — האָט ער געקלונגען ווײַט איבער די צוועלף, שוין נישט אָן אָן אָפּשטעל.

און ביידן האָט עס געצויגן קיין רוסלאַנד צוריק, ווי די צווי הײַנע־גרענאַדירן קיין פֿראַנקרײַך צוריק.

זיי האָבן אַרויסגעגעבן צײַטשריפֿטן — מאַרקיש אין וואַרשע און פּאַריז, בערגעלסאָן — אין בערלין. און די צײַטשריפֿטן האָבן גאַנץ דײַטלעך איבערגעקוקט איבערן גרויסן מיזרח־פּליוט: וואָס וועט מען דאָרט זאָגן? מאַרקיש האָט געשטעכווערטלט די בערלינער חבֿרה און בערגעלסאָן — די וואַרשעווער פּוסטע־פּאַסניקעס.

זייער ביידנס נאַטירלעכער וועג איז געווען, אָדער וואָלט געדאַרפֿט זײַן, צו לאָזן זיך קיין אַמעריקע און אײַנגלידערן זיך דאָרט אין דער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס האָט דעמאָלט דאָרט געבליט אין איר שענסטן זומער. אָבער חוץ דעם, וואָס זיי האָבן ביידע געהאַט וויצע־ווערזאַ קאָמפּלעקסן צו זיך, האָבן זיי אויך ביידע געהאַט אַ רוסלאַנד־קאָמפּלעקס און האָבן מורא געהאַט, אַז איינער וועט דעם אַנדערן דאָס דאָזיקע מאַנסטערלאַנד פֿון אַלע מעגלעכקייטן אויסצולעבן זיך, ווי אַ לויתן אין אוקינוס — אויסכאַפּן. און זיי זענען סוף־כּל־סוף ביידע דאָרט אַרײַנגעשווומען.

י. י. זינגער און מאַרקיש זענען לאַנגע יאָרן געווען געשווירענע פֿרײַנד — כאָטש אויך זיי זענען געווען אַנטיפּאָדן. נישט ווי בערגעלסאָן־מאַרקיש — אָבער

פּאַרט. זייער פֿרײַנדשאַפֿט האָט געצויגן די וואָרצלען פֿון געמיינזאַמע יאָרן פֿון לײַדן און נויט אין רוסלאַנד און פֿון געמיינזאַמען אַנטיבערגעלסאָניזם.

פֿלעגן זיי זיך אָפֿט ביידע מיט חשק צוכאַפּן צו אַ רכילותל אויף בערגעלסאָנען. זינגער האָט דערציילט פּשוט און פּראָסט און מיט דער זיכערקייט פֿון אייגענער קראַפֿט פֿון אַ גרויסן פּראָזאַיִקער. מאַרקיש האָט דערציילט מיט פּאַטאָס און מיט אַזאַ כּוח, אַט ווי ער וואָלט וועלן, אַז מען זאָל אים דערהערן אין קיִעוו און אין מאָסקווע. אָבער פּאַוואָליע איז איבער אים געקומען די חרטה און דער סוף איז געווען ממש אַ ליבעזאַנג אויף די אומפֿאַרגלײַכלעכע פֿײַנקייטן פֿון בערגעלסאָנס אייגנאַרטיקן טאַלאַנט.

פֿלעגט זינגער אָפּהאַקן:

— נו, גיי שוין, גיי! דו קענסט נישט רעדן קיין רכילות אויף בערגעלסאָנען. דו ביסט אין אים פֿאַרליבט. לאָמיר רעדן וועגן אַנדערע זאַכן.

בערגעלסאָנס בערלין־ווילנער צײַטשריפֿט האָט געהייסן אין שפּאָן.

אַז זיי גייען ביידע אין שפּאָן פֿון איין טראַגישן גורל, האָבן זיי ביידע נאָך דעמאָלט נישט געוווּסט, ווען זיי האָבן — צוליב קעגנזײַטיקע קאָמפּלעקסן — זיך געהאָלפֿן איינער דעם אַנדערן אַנטאָן דעם יאָך.

אונטערהאַנדלונגער מיט שלום אַש

אַרום דעם יאָר 1923 האָט שלום אַש אַ צײַט לאַנג געוווינט אין וואַרשע. ער פֿלעגט אָפֿט אַרײַנקומען אין ליטעראַטן־פֿאַראיין אויף טלאָמאַצקע 13 און דאָ פֿלעגט ער אָפֿט זען די חבֿרים פֿון דער כאַליאַסטרע־גרופּע בראש מיט פּרץ מאַרקישן. כאָטש אין דער גרופּע איז געווען אַזאַ פּראָזאַיִקער ווי י. י. זינגער, און די נאַטירלעכע קינאה־אינסטינקטן פֿון דעם וועלט־באַרימטן יִידישן דערציילער האָבן זיך געדאַרפֿט ווענדן אין אַט דער ריכטונג — איז עס אָבער דווקא געווען פּרץ מאַרקיש, וואָס האָט גערייצט שלום אַשן. ער האָט אים טייל מאָל געדוצט, ער האָט אים גערופֿן ״מלך מאַרקיש״ פּונקט ווי ער האָט מיך כּסדר גערופֿן ״פּרץ ראַוויטש״. ער האָט געמאַכט וויצן איבער מאַרקישן און אַליין פֿון זיי הויך געלאַכט. ער האָט — ווען מאַרקיש איז צופֿעליק נישט געווען אין לאָקאַל — זיך באַלד נאָכגעפֿרעגט אויפֿן ״קראַסאַוועץ״.

איז אַ מאָל אַש אַרײַנגעקומען מיט אַן עקזעמפּלאַר פֿון זיין יוסף — אַ שעפֿער־שפּיל אין האַנט און זייער דרינגענדיק געזוכט דעם ״קראַסאַוועץ״.

און אַט איז מאַרקיש. אַש זעצט זיך מיט אים בײַ אַ באַזונדערן טישל און באַלד איז דאָס טישל אַרומגערינגלט געווען פֿון אַ פּאָר צענדליק חבֿרים, וואָס האָבן זיך צוגעהערט צו די אונטערהאַנדלונגען פֿון די צוויי.

אַש האָט מיט זייער אַ גרויסן ערנסט פֿאַרגלייגט מאַרקישן, אַז ער זאָל

שפּילן די הויפּטראָלע פֿון דער נײַער ביבלישער דראַמע זײַנער. דאָ האָט ענדלעך געפֿונען אַש אַ געלעגנהייט אַרײַנצוזאָגן מאַרקישן אין דער זיבעטער ריפּ: — און איך זאָג אײַך, אַז איר ווייסט נישט, וואָס איר זענט, איר זענט נישט קיין שראַאַבער, איר זענט נישט קיין פּאָעט, איר זענט אַן אַקטיאָר...

געפּלעפּט פֿון דער פּראָפּאָזיציע, באַליידיקט און אין דער זעלבער צײַט ערגעץ געחנפֿעט פֿון איר, האָט מאַרקיש מיט פֿולן ערנסט אונטערהאַנדלט און געשפּילט אַ ראָלע — און אפשר נישט געשפּילט, נאָר טאַקע עס ערנסט געמיינט — אַז ער איז מסכּים. אַז ער איז גאָר גליקלעך פֿון דער פּראָפּאָזיציע, אַז ער האָט אַליין געטראַכט וועגן דעם ווען ער האָט די ביבלישע דראַמע פֿון אַשן געלייענט. אַז ערשטנס וויל ער בכלל אָנהייבן שרײַבן דראַמעס און זיי טאַקע אַליין שפּילן אַזוי ווי פֿראַנק וועדעקינד — און דאָ האָט ער אַ געלעגנהייט זיך לערנען שערן אויף אַ פֿרעמדער באָרד און דערצו דאַרף ער פּונקט איצט האָבן אַ סך געלט, ווײַל ער דאַרף ווידער מאַכן אַ רײַזע קיין מערבֿ־אייראָפּע. הכּלל, ער נעמט אָן די פּראָפּאָזיציע — אָבער מה יקר? וויפֿל וועסטו מיר באַצאָלן, שלום? — האָט אויך מאַרקיש — מעשׂה נאָענטשאַפֿט — געדוצט דעם מחבר פֿון דער "שעפֿער־מעשׂה", וואָס איר הויפּטראָלע איז טאַקע ממש ווי אָנגעמאָסטן אויף אים.

און דער אמת איז, אַז אַלע אַרומשטייענדיקע זענען אויך געווען איינס אין דעם, אַז שענער ווי מאַרקיש וועט קיינער נישט אויסשפּילן די יוסף־געשטאַלט. און אַלע האָבן שוין אין די מחשבֿות געזען מאַרקישן אין כּתונת פּסים און נאָך מער אים געזען אין דער ראָלע פֿון דעם אַנטלויפֿער פֿון פּוטיפֿרס ווײַב.

און דער האַנדל איז טאַקע שיִער נישט געוואָרן ערנסט. מאַרקיש האָט געשטעלט אַ פּרייז — פֿינף הונדערט זלאָטעס פֿאַרן ערשטן שפּילן די ראָלע ביז צו דער צענטער פֿאָרשטעלונג. און שפּעטער וועט מען ווײַטער זען — ער האָט לאָגיש רעזאָנירט, אַז די ערשטע צען פֿאָרשטעלונגען וועלן דערווײַזן, צי דער ענין איז אַן ענין אי פֿאַר אים, אי פֿאַרן מחבר און אי פֿאַרן טעאַטער — און אויב דער ענין וועט זײַן אַן ענין, וועט ער זײַן "אויפֿן פֿערדל" און ער וועט קענען דיקטירן די ווײַטערדיקע באַדינגונגען.

עס איז אַוועק אַ האַלבע שעה און אַ שעה — און דער עולם קיבעצערס האָט אָנגעהויבן שיטער צו ווערן אַרום דעם טישל און עס איז געווען קלאָר, אַז שלום אַש וויל זיך שוין, ווי זײַן שטייגער, פּלוצלונג אַ הייב טאָן און אַוועק אָן אַ "זײַ געזונט". זײַן קינאה־געפֿיל צו דעם יונגן דיכטער, וואָס נעמט אײַן אַ וועלט, איז געווען אָנגעזעטיקט. ער וואָלט אַוודאי טאַקע געוואָלט אַז מאַרקיש זאָל שפּילן יענע יוסף־ראָלע, אָבער דאָס איז נאָך געווען אַ נישט־זיכערער ענין אין טעאַטער גופֿא.

און דאָ האָט מאַרקיש אויסגעכאַפּט די שפּיל. נאָך גיכער ווי אַש וואָלט עס געטאָן, האָט ער זיך איצט אַ ריס געטאָן און אַ קלאַפּ אין טיש:

— פינף הונדערט זלאָטעס! דאָס ערשטע און דאָס לעצטע וואָרט!

און ער איז אַוועק אַן אַ „זיי געזונט״.

די אונטערהאַנדלונגען זענען נאָך אָנגעגאַנגען שפּעטער אויך, אָבער אָן שום טעמפּעראַמענט. פון דעם גאַנצן ענין איז — געוויינטלעך — גאָרנישט געוואָרן. מאַרקיש איז טאַקע קיין מאָל אויף דער בינע נישט אויפגעטראָטן, אָבער ער האָט אַ סך טעאַטער־שטיק שפּעטער געשריבן און דעם ענין טעאַטער גאַנץ טיף באַנומען און — מען דערציילט — אַליין עטלעכע פון זיינע טעאַטער־שטיק רעזשיסירט.

ראַדיאָ

אַז איך בין אַ מאָל געווען אין קאָוונע האָט מען מיר דאָרט דערציילט, אַז אַ דאָרטיקער יונגער דיכטער האָט אַ נייע לידער־זאַמלונג זיינע אָנגערופן „אַספּאַלטאָס״. פאַר וואָס אַספּאַלטאָס? מחמת ער איז אַזוי אַנטציקט און באַ־גייסטערט געווען פון דער ערשטער גאַס אין זיין הויפּטשטאָט, וואָס איז נאָר וואָס אַספּאַלטירט געוואָרן, אַז ער האָט אַזש לזכרון עולם פון דער געשעעניש זיינע לידער באַקרוינט מיט אַן אַספּאַלטירטן נאָמען.

די ערשטע פּערמאַנענט פונקציאָנירנדיקע ראַדיאָ־סטאַנציע איז געעפנט געוואָרן אין אַמעריקע אין יאָר 1920 און איך בין נישט זיכער, צי האָבן שוין אין ראַטן־פאַרבאַנד, אין יאָר 1922, פונקציאָנירט ראַדיאָ־סטאַנציעס אויף אַ פּערמאַנענטן באַזיס פאַרן ברייטן עולם. אָבער פּרץ מאַרקיש, וואָס האָט אין יענעם יאָר געוווינט און אַקטיוו געווען ווי אַ לעבעדיקער ראַדיאָ־טורעם אין פּוילן — האָט זיין נייע לידער־זאַמלונג אָנגערופן ראַדיאָ. און אַלס פאַרלעגער האָט ער אָנגעגעבן דעם מיסטעריעזן נאָמען „אַמבאַסאַדאָר״... אָט די זאַמלונג איז דערשינען אין אַ גרויסן פאָרמאַט אין קוואַרטאָ, אָבער זי איז געדרוקט געוואָרן אין עפּעס זייער אַ שלעכטער און פינצטערער דרוקעריי און דערצו האַלב־געהיים. מאַרקישעס פאַרהוילענע לינקע פּאָליטישע אַוואַנטורעס זענען מיר נישט אַלע מאָל קלאָר געווען און איך האָב אַפילו מורא געהאַט פאַר זיי אַ היפּש ביסל. זיי זענען מיר אויך געווען פרעמד. מאַרקישן האָט, ווי אַ מעכטיקער עלעקטראָ־מאַגנעט כסדר געצויגן און געפּישופט דער פּאַטאָס פון דעמאָלטיקן קאָמוניזם — און איך בין אַ וועגעטאַריער און אַן אַבסטינענט און דאָס זאָגט אַלץ.

איין מאָל איז מאַרקיש צו מיר אַריינגעקומען, אין אַ שאַרפן ווינטערטאָג סוף 1921, און מיין שטיבל האָט ממש פאַרגליט מיט ליכט און מיט היץ פון זיין סעריע לידער מיטן אַלגעמיינעם טיטל ראַדיאָ, וואָס זיי זענען מיר אין ערשטן מאָמענט פּונקט אַזוי אומפאַרשטענדלעך געווען ווי זיי האָבן מיך פאַרכאַפּט מיט

אַ ריטעם און אַ שיינקייט, וואָס האָט אין יענער צײַט קיין גלײַכן נישט געהאַט אין דער ייִדישער ליריק:

אין קרוינשטאָט ברענען אַלע מויערן,
עס לויפֿן בלאָנדזשליגנען אַרום גאָס אײַן, גאָס אויס,
באַשפּיגענע מיט העלער, שריפֿהדיקער שײַן!
נאָר צוגעשלאָסן זענען אַלע טויערן!
קיין אַנגעצונדענער וועט נישט אַרויס,
קיין דורכגייער וועט נישט אַרײַן!...

און אַז מאַרקיש האָט געזען מײַן באַגײַסטערונג, און געוווּסט האָט ער, אַז איך פֿלעג נאָך אין ווין פֿון צײַט צו צײַט מאַכן צייכענונגען פֿאַר הילעס פֿון ביכער, און אַפֿילו אַליין שנײַדן די לינאָלעום־קלישעס, האָט ער דעקרעטירט הויך און שטורמיש, ווי אַ ראַדיאָ־טורעם:

— דו וועסט מאַכן די הילע צו מײַן ראַדיאָ!

און שוין האָב איך געמוזט צייכענען פּראָיעקטן און שוין זענען מיר אַראָפּגעגאַנגען איינקויפֿן אַ שטיקל לינאָלעום און אַ דעמבן ברעטל און שוין זענען די מכשירים פֿאַר לינאָלעום־שניטן, וואָס איך האָב צופֿעליק געהאַט, די דלאָטקעלעך און שפּיזלעך און שטאָלענע רינעלעך, וואָס מאַרקיש האָט גערופֿן מיט דעם טשודנעם נאָמען "סטאַמעסקעלעך", געווען אין מײַנע הענט און מאַרקיש איז שוין נישט אָפּגעטראָטן פֿון מיר ביז דאָס... קונסטווערק איז פֿאַרטיק געוואָרן. איך האָב געמאַכט אַ פּרימיטיוון אָפּצוג מיט געוויינטלעכער טינט און מאַרקיש איז געווען באַגײַסטערט — דער עיקר, וואָס עס איז שוין דאָ, ממש ווי פֿון כּישוף... און מאַרקיש איז אַנטלאָפֿן מיט דער לינאָלעום־קלישע.

אַ זייגער איינס בײַ נאַכט האָט מיך מאַרקיש אין זעלבן טאָג שטיל אויפֿגעוועקט פֿון שלאָף און געהייסן זיך אָנטאָן און מיטנעמען מײַנע "סטאַמעסקעלעך" און גיין אין דער דרוקערײַ, ווײַל עפּעס איז קאַליע געוואָרן מיט דער גאַנצער פּאַסטראַיקע און איך מוז פֿאַרריכטן. זענען מיר ערגעץ געקראָכן דורך אַן אַלטן טויער, דורך וועלכן עס איז גערונען אַן אָפֿענער קאַנאַל, געקראָכן דורך אַ קופּע אַלט אײַזן און אַרײַן אין אַ דרוקערײַ וואָס איז מער ענלעך געווען צו אַ שאַלאַש פֿון שאָף אין מידבר; און עפּעס אַ "סטרעמפּל" האָט געבערענט און בײַ דעם ליכט פֿון דעם דאָזיקן רויטלעכן לעמפּל, ממש פֿון טאָמאַס עדיסאָנס ערשטע יאָרן, האָב איך געדלובעט די אותיות "מאַרקיש — ראַדיאָ — אַמבאַסאַדאָר" — אותיות ווי דראָטן, אותיות ווי שטראַלן — לויט מײַן דעמאָלטיקן באַגריף פֿון אַ ראַדיאָ־טורעם... און די מאַשין מיט דער ברענרויטער פֿאַרב האָט געוואַרט און מאַרקיש איז יעדע רגע געלאָפֿן צו דער אָפֿענער טיר פֿון דעם שײַער, צי "מען קוקט נישט" — און איך בין קוים, ציטערדיק, פֿאַרטיק געוואָרן מיט דער מלאכה. אַז מאַרקיש האָט דערזען

די ערשטע בויגנס מיט די פֿײַער־רויטע שטראַל־דראַטיקע אותיות ״מאַרקיש — ראַדיאָ — אַמבאַסאַדאָר״, האָט ער פֿאַרגעסן מורא צו האָבן צי ״מען קוקט נישט״ און האָט געכאַפּט דער דרוקער און מיך און מיר האָבן געמוזט אַ טאַנץ טאָן אַ הוראַ!

אַן אָוונט פֿון דרײַ

דאָס האָט געמוזט זײַן אין יאָר 1922 — און געווען איז עס אין אַ שבת אין פֿרילינג. האָט פּרץ מאַרקיש געהאַט אַן אײַנפֿאַל, אַז די דרײַ פּאָעטן פֿון דער שטורעם־בריגאַדע, וואָס איז זיך צונויפֿגעקומען אין וואַרשע פֿון דרײַ לענדער — רוסלאַנד, גאַליציע און עסטרײַך — אײַנצונעמען אָט די אַלטע פֿעסטונג, זאָל אָנהייבן אָרגאַניזירן געמיינזאַמע אָוונטן. און דאָס הייסט, אַז נישט נאָר וואַרשע וועט ווערן אײַנגענומען, נאָר ממש דאָס גאַנצע לאַנד. די דרײַ פּאָעטן — געוויינטלעך — די פּאָעטן, וואָס מען האָט שוין דעמאָלט גערופֿן מיט דעם שותּפֿותדיקן נאָמען: די כאַליאַסטרע. און זייערע באַזונדערע נעמען: אורי צבֿי גרינבערג, פּרץ מאַרקיש און מלך ראַוויטש. דער אמת איז שוין דעמאָלט געווען, אַז נישט נאָר האָבן די דרײַ געהאַט באַזונדערע נעמען, נאָר זיי האָבן אין תּוך באַלאַנגט צו דרײַ באַזונדערע וועלטן אין ייִדישן לעבן. דעם ערשטן האָט עס געצויגן קיין ארץ־ישׂראל און דעם צווייטן קיין ארץ־ראַטן־פֿאַרבאַנד און דער דריטער האָט געגלייבט אין דאַיִקייט און אין אַ סאָלידער צוקונפֿט פֿון דער ייִדיש־ציוויליזאַציע אין פּוילן, ווו עס איז געווען אַ ביסל שיטערע דעמאָקראַטיע אַ געוויסע צײַט אין יענע יאָרן, דערפֿאַר אָבער געדיכטע ייִדישע רירעוודיקע מאַסן, אַ גרויסע יוגנט, און אַ טיפֿע טראַדיציע פֿון דער גאָלדענער תּקופֿה פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור בימי יצחק לייבוש פּרץ. און די דרײַ פּאָעטן האָבן אויך אַרויסגעגעבן דרײַ באַזונדערע צײַטשריפֿטן, וואָס האָבן געהאַט קלינגענדיקע נעמען, אָבער נישט קיין אריכת־ימים. האָט גרינבערג געהאַט זײַן אַלבאַטראָס און מאַרקיש זײַן כאַליאַסטרע און ראַווטש זײַן וואָג. און אויב איר וועט זיך טיפֿער אַרײַנהערן אין די דרײַ נעמען, וועט איר פֿון זיי אַרויסהערן די דרײַ וועלטבאַנעמונגען.

איין מאָל איז מאַרקיש אַרײַנגעפֿלויגן מיט אַ ראַזמאַך אין ליטעראַטן־פֿאַראיין אויף טלאָמאַצקע 13 און האָט אויפֿגעזוכט זײַנע צוויי חבֿרים, וואָס זענען דאָרט כּסדר געווען צו געפֿינען, און האָט אָנגעזאָגט איין וואָרט: טשענסטאָכאָוו! ער האָט נאָר וואָס געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט אַ טשענסטאָכאָווער בחור, און שבת אין אָוונט — און געווען איז שוין מאַנטיק — וועט דאָרט פֿאָרקומען אין גרעסטן זאַל דער גרעסטער ליטעראַרישער אָוונט, וואָס איז ווען עס איז פֿאָרגעקומען אין דער דאָזיקער שטאָט בײַ ייִדן. רופֿן וועט מען דעם אָוונט: אַן אָוונט פֿון דרײַ — און ער, מאַרקיש, האָט שוין פֿאַר יעדן באַשטימט די טעמע. עס איז אין דער אמתן קיין

חילוק נישט געווען ווי אַזוי די טעמע איז באַשטימט געוואָרן, מחמת געדעדט האָט מען שטענדיק דאָס זעלבע. נישט אַלע דריַי דאָס זעלבע. פֿאַרקערט — יעדער האָט גערעדט עפּעס אַנדערש פֿון דעם אַנדערן, אָבער ער אַליין — אַלע מאָל דאָס זעלבע.

ווער דער בחור פֿון טשענסטאָכאָוו איז געווען, צו וועלכער פּאַרטיי ער געהערט, אָדער כאָטש זיַין נאָמען און אַדרעס האָט מאַרקיש נישט געוווּסט. אָבער דער אַפּמאַך איז אַפּמאַך און די תּשוקה איז געווען גרויס און דער גיַיסט, ממש דער גיַיסט פֿון די גרויסע קאָנקוויסטאַדאָרן פֿון נאָך דעם סוף פֿון מיטל־עלטער: ניַיע ציַיטן, ניַיע וועלטן, ניַיע לענדער, ניַיע שטעט — און די ערשטע שטאָט: טשענסטאָ־כאָוו!

און שבת אין דער פֿרי האָבן זיך די דריַי קאָנקוויסטאַדאָרן געלאָזט קיין טשענסטאָכאָוו מיט דער באַן. קוים צונויפֿגעקראַצט די הוצאות־הדרך און מיט מזל גאַנץ שפּעטלעך אין אָוונט דערפֿאָרן קיין טשענסטאָכאָוו. ביַי דער באַן האָט קיינער נישט געוואַרט. גרינבערג איז געוואָרן נאָך רויטער פֿון כּעס צוליב דער באַליידיקונג און באַלד געוואָלט צוריקפֿאָרן. כאָטש — מיט וואָס? סיַידן גיין צו פֿוס... מאַרקיש האָט געגומען פֿיַיערן סתּם אין דער וועלט אַריַין — כּדי מען זאָל אים אַליין נישט נעמען אויפֿן צימבל פֿאַר זיַין שלימזלדיקער אָרגאַניזאַציע און זיַין אַפּמאַך מיטן ווינט אין פֿעלד. נאָר דער דריטער האָט שפּינאָזיסטיש־רויִק געעצהט אַרויסצוגיין פֿון וואָקזאַל און זען צי עס זענען דאָ פּלאַקאַטן אין שטאָט וועגן דעם אָוונט און די פּלאַקאַטן וועלן שוין ווערן דער וועגוויַיזער. כּך־הווה. די שטאָט איז געווען באַקלעפּט מיט גרויסע פּלאַקאַטן. און די דריַי נעמען האָבן געלויכטן ביַים שיַין פֿון די טונקעלע לאַמטערנעס פֿון קאַרגן גאַז. נאָר דער זייגער איז שוין געווען האַלב עלף... און טשענסטאָכאָוו איז שוין געשלאָפֿן. אַ לויפֿפֿיַיער איז דורכגעלאָפֿן די שטאָט, אַז די דריַי אורחים זענען נישט געקומען, און דער יונגער־מאַן, וואָס האָט אַליין געשריבן לידער — און דווקא נישט קיין גוטע — האָט די שטאָט פֿאַרפֿירט אין באָד אַריַין, געמאַכט כּלעם פֿון טשענסטאָכאָוו און, אַגבֿ, צו קיין שום פּאַרטיי געהערט ער אויך נישט — און שטאָט איז אָוועק שלאָפֿן.

אַז דער יונגער־מאַן, וואָס איז אין זאָל געווען, און מאַרקיש האָט אים דערקענט, האָט דערזען די דריַי — איז אים פֿינצטער געוואָרן אין די אויגן. דאָס לעצטע רעשטל אַרום זאָל — אַ מאַן 70 — האָט זיך אַ קער געטאָן צו דער קאָסע און זיי קויפֿן בילעטן און זיי פֿאָדערן דעם אָוונט, כאָטש עס איז שפּעט, און דער יונגער־מאַן האָט געוווּסט, אַז אויב דער אָוונט וועט פֿאָרקומען, וועט ער מוזן באַצאָלן דעם האָנאָראַר — און מאַרקיש האָט געהאַט גרויסע השגות — דריַי הונדערט זלאָטעס חוץ די הוצאות־הדרך — און ווו וועט ער עס נעמען, ווו וועט ער כאָטש נעמען אויף די הוצאות־הדרך צוריק?

די זיבעציק אין זאָל האָבן גענומען טופּען מיט די פֿיס און פֿיַיפֿן: גיט אונדז וואָס גיכער די דריַי דיכטערס!!! אָבער מאַרקיש האָט געפֿירט אונטערהאַנדלונגען

מיט דעם דערשראָקענעם בחור... און דאָ האָט גראָד גרינבערג געהאַט אַ געניאַלן איַינפֿאַל: היות ווי עס איז שוין איצט זיכער, אַז דעם גאַנצן האָנאָראַר פֿאַר די דריַי דיכטערס וועט מען נישט באַצאָלן — וועלן אַרויסטרעטן נאָר אַזוי פֿיל דיכטערס וויפֿל הונדערטער זלאָטעס עס וועלן צוגעשטעלט ווערן... מאַרקיש איז אַזוי באַגיַיסטערט געוואָרן פֿון דעם פּלאַן, און ער האָט גענומען אַזוי באַראַבאַנעווען איבער דער פּלייצע פֿון דעם פּלאַנגעבער, אַז זיכער געדענקט ער עס נאָך היַינט.

דער יונגער־מאַן איז אַוועק אויף אַ באַראַטונג מיט זיַין קאָמיטעט און אין אַ מינוט אַרום איז ער געוועזן צוריק מיט דעם באַשלוס: אין די אומשטענדן קען נישט געצאָלט ווערן צו הונדערט זלאָטעס פֿאַר אַ דיכטער, נאָר פּופּציק און דאָס געלט וועט מען ערשט נאָכשיקן אַהיים און אויך וויל דער קאָמיטעט נאָר אין אַזאַ פֿאַל גאַראַנטירן צו פּופּציק זלאָטעס פֿאַר אַ דיכטער, אויב נאָר איין דיכטער וועט אַרויסטרעטן... און וועגן די הוצאות־הדרך וועט מען רעדן מאָרגן אין דער פֿרי. און וואָס שיַיך שלאָפֿן וועט דער קאָמיטעט זיך באַראָטן נאָך דער פֿאַרענדיקונג פֿון אָוונט. און נאָך איין באַדינג: די דריַי דיכטערס זאָלן אָננעמען זייער באַשלוס אין פֿאַרלויף פֿון איין מינוט צייַט.

און איידער וואָס ווען האָט מאַרקיש באַשלאָסן: ערשטנס, אָנצונעמען דערוויַיל די באַדינגונגען, צווייטנס, זיך אַליין מקריב זיַין צו זיַין דער איינער, וואָס וועט אַרויסטרעטן און רעדן און דריטנס, באַשטראָפֿן אַזאַ זינדיקע שטאָט און אוועקפֿאָרן מיט דעם ערשטן נאַכטצוג קיין וואַרשע. אַזאַ שטאָט איז נישט ווערט, אַז מען זאָל בכלל אַפֿילו זען איר פּנים ביַי טאָג... און כּהרף־עין איז שוין מאַרקיש געוועזן אויף דער בינע.

און מאַרקיש האָט גענומען שטראָפֿן די שטאָט ממש אָט אַזוי: הוי גוי חטא, עם כּבד עוון, זרע מרעים, בנים משחיתים — און אַזוי וויַיטער און וויַיטער. ישעיה איז אַ מילד שעפּעלע אַנטקעגן די רייד פֿון פּרץ מאַרקיש אשר חזה על טשענסטאָ־כאָוו. און אין מיטן איז נאָך מאַרקיש אַרויסגעלאָפֿן הינטער דער בינע און אַרויסגעפֿירט אונדז אויף איין רגע אויף דער בינע צו וויַיזן, אַז געקומען זענען מיר אַלע דריַי, נאָר פֿאַר אַזאַ שטאָט וועלן מיר אַלע דריַי נישט אַרויסטרעטן. און מאַרקיש האָט נאָך גערעדט פֿאַר פֿיַיער און וואַסער אַ שעה צייַט און צום סוף פֿאַרוועט, אַז מען זאָל אים אַפּלאָדירן. און מאַרקיש איז געוואָרן שטיל און אַרויס־געלאָפֿן צו אונדז הינטער די קוליסן און האָט זיך צעוויינט: וואָס וועט איצט זיַין?

איינער פֿון די דריַי האָט געענטפֿערט: גאַנץ פּשוט — איין שטאָט האָט מען שוין איַינגענומען, איצט וועט מען פֿאָרן איַינעמען אַן אַנדער שטאָט...

אָבער די סיטואַציע איז נאָך געפֿערלעכער געוואָרן. דער בחור־אָרגאַניזאַטאָר איז אַריַינגעקומען און געזאָגט, אַז אַ טייל פֿון עולם איז געבליבן פֿאָרן זאַל און וואַרט אויף די דריַי דיכטערס מיט שטעקנס און שטיינער, אָדער כאָטש מיט זלזולים. און מען זאָל דערוויַיל בליַיבן אַ שעה כאָטש הינטער די קוליסן. פֿון האָנאָראַר

איז קיין רייד נישט, נישט היינט און אפילו נישט איבער א יאר. נאר די בילעטן זענען דא. און די באן גייט א זייגער דריי פאר טאג. און דער בחור איז אוועק.

אזוי פריילעך ווי עס איז אונדז אלעמען פלוצלונג געווארן, אז מיר זענען איבער די טויטע, נאכטיקע טשענסטאכאווער גאסן געגאנגען פאר טאג צו דער באן, איז אונדז נאך קיין מאל נישט געווען. די גרויסע פלאקאטן האבן שוין געבלויט אין פארטאג און אונדז געזעגנט מיט גרויסע אותיות: דא סווידאנא, מארקיש; שלום, גרינבערג; דא ווידזעניא, ראוויטש!

בליץ קעגן בליץ

אנגעלאדן מיט יוגנטלעכער ענערגיע פון די ערשטע נאכמלחמה־און נאכ־רעוואלוציע־יארן פון ארום 1920 אין אייראפע, האט די גרופע פון די ״כאליאסטרע״־דיכטערס אין ווארשע נאר ארויסגעקוקט אויף עפעס א לייטישן צוזאמענשטויס מיט די רעפרעזענטאנטן פון דער ״רעאקציאנערער, עובר־בטלדיקער, פארפוילטער, פארמישפטער״ וועלט. איז אונטערגעקומען הלל צייטלין און האט אויפגעהויבן די ״געווארפענע הענטשקע״ און זיך געשטעלט צום דועל מיט פעדער און ווערטער קעגן דער ברויזנדיקער יוגנטלעכער גרופע מיט פרץ מארקישן בראש.

ווארשע האט פארמאגט אין יענע יארן א לפי ערך מעכטיקע יידישע טעגלעכע פרעסע. און אין די רעדאקציעס איז געזעסן א שטאב מיטארבעטערס, וואס איז געווען גוט סיטויִרט און גוט ארגאניזירט אין דער פראפעסיאנעלן שרייבער־פאראיין אויף טלאמאצקע 13. דער דאזיקער לאקאל איז, לויט עפעס א טראדיציע, געווען א הפקרדיק שפיל־און קאמפפעלד פאר יעדן איינעם, וואס האט נאר ״געהאלטן א פעדער אין האנט״. אבער די רעדאקציעס זענען געווען פארשלאסענע און פארפאנצערטע פעסטונגען. דער עיקר דער מאמענט. נאך מער ווי דער היינט. די בונדישע פאלקסצייטונג איז געווען אויף דער זייט פון דעם יונגן דור. אבער אויך זי האט זיך נישט געקענט צו פיל אנגאזשירן אין דעם קאמף, מחמת דעם עקספערימענטאלן כאראקטער פון די שריפטן פון דער ״כאליאסטרע״, מחמת זייער אומפארשטענדלעכקייט. די בונדישע מאסן האבן געדארפט פשוטע, קלארע ליטע־ראטור מיט א סאציאלער טענדענץ. מאריס ראזענפעלד, אברהם רייזען.

דער גרויסער ווארטזאגער אין מאמענט איז געווען הלל צייטלין און איין שיינעם טאג איז ער ארויס קעגן דער ״כאליאסטרע״.

משה בראדערזאן, וואס האט געוווינט אין לאדזש און דארט געפראוועט טיש, אזוי ווי מארקיש אין ווארשע, האט פארעפנטלעכט א ליד, און אין ליד איז געווען אזא סטראפע:

מיר יונגען, מיר — פריילעכע, צעזונגענע כאליאסטרע,
מיר גייען אין אן אומבאוווסטן וועג,

אין טיפֿע מרה־שחורהדיקע טעג,
אין נעכט פֿון שרעק
פּער אַספּעראַ אַד אַסטראַ! (דורך דערנער ביז שטערן!)

האָט הלל צײַטלין פֿון אָט דער סטראָפֿע אַרויסגעכאַפּט דאָס וואָרט "כאַליאַסטרע" און האָט אַזוי אָנגערופֿן די יונגע גרופּע — איז געקומען די יונגע גרופּע און האָט דאָס אַקצעפּטירט און זיך פֿון איצט אָן אַ געוויסע צײַט טאַקע אַזוי אָנגערופֿן.

און הלל צײַטלין, וואָס האָט אַרום יענער צײַט אַרויסגעגעבן אַ וואָכנבלאַט מיט דעם נאָמען דער בליץ און האָט אויך עטלעכע מאָל געשריבן אין מאָמענט, ווו ער איז געווען איינער פֿון די צוויי־דרײַ פּאָפּולערסטע מיטאַרבעטער־זײַלן, איז אַרויס אויף זײַן סופּער־טעמפּעראַמענטפֿולן שטייגער קעגן דער "כאַליאַסטרע". האָט איין אַרטיקל זײַנער געהייסן "דער בונט פֿון די גראַפֿאָמאַנען", און דער אַנדערער "אין תּהום פֿון טאַלאַנטלאָזיקייט". און אַז מען וויל געפֿינען דזשיקע פּאָעטישע שורות בײַ עקספּערימענטירנדיקע דיכטערס — און דער עיקר אין אַזאַ אַפּאָקאַליפּטישער צײַט ווי עס איז דעמאָלט געווען — דאַרף מען נישט לאַנג זוכן...

אין וואָס עס גייט דאָ אייגנטלעך האָט קיינער קלאָר נישט געוווּסט. פּונקט ווי עס ווייס קיינער נישט קלאָר אין וואָס עס גייט דעם רבונו־של־עולם אין אַ מיטן הייסן זומערדיקן טאָג, ווען עס ווערט גאָר פּלוצלונג שטאָק־פֿינצטער און עס צעשפּילן זיך די בליצן און די דונערס, אָט אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך צוליב עפּעס אַ געהיימער סיבה געשלאָגן בליץ קעגן בליץ. אָבער וואָס איז די געהיימע סיבה?

נאָר אין דעם פֿאַל האָט די "כאַליאַסטרע" געמיינט, אַז זי האָט יאָ אַנטדעקט די געהיימע סיבה פֿון הלל צײַטלינס שטורעם. עטלעכע און צוואַנציק יאָר איז דעמאָלט אַלט געווען הלל צײַטלינס זון אַהרן צײַטלין. ער איז געווען אַ דיכטער פֿון זײַן קינדהייט אָן ממש. אָנגעזאַפּט מיט תּורה און קבלה פֿון זײַן ייִדיש־הויכגעבילדעטער היים, און בכלל מיט ליטעראַרישער טראַדיציע, האָט ער אויך געשריבן היפּשלעך אומפֿאַרשטענדלעך. עס וואָלט געווען נאָר נאַטירלעך, אַז אויך ער, דער זון, זאָל צושטיין צו דער "כאַליאַסטרע". ער איז אָבער געווען אָנגעזאַפּט מיט רעליגיעזער טראַדיציע און די "כאַליאַסטרע" איז געווען אַנטשלאָסן קעגן דעם רבונו־של־עולם. און ערגעץ אין דעם פּלאָנטער פֿון פֿאָטער־ליבע און רעליגיעזן קאָנסערוואַטיזם און סתּם נישט גענוג אויסגעלאַדענעם טעמפּעראַמענט פֿון אַ גרויסן שרײַבער, וואָס איז איבערגעלאָדן מיט שרײַבערישער ענערגיע, איז טאַקע געווען די סיבה, וואָס הלל צײַטלין איז מיט אַזאַ פֿײַער אַרויס קעגן דער "כאַליאַסטרע".

דער זייגער פֿון דער וועלט־פּאָליטיק, וואָס איז שוין דעמאָלט געווען נישט ווייניק משוגע אין גאַנץ אייראָפּע בכלל און אין מיזרח־אייראָפּע בפֿרט, האָט זיך אין ייִדישן וואַרשע אין גאַנצן אָפּגעשטעלט אין יענע חדשים פֿון יאָר 1922, ווען

עס איז געגאַנגען בליץ קעגן בליץ — הלל צײַטלין קעגן פּרץ מאַרקיש. די שטעט זענען געגאַנגען אויף רעדער, ווי מאַמע־לשון דריקט אויס אַזאַ מעמד, די שטעטלעך — אויף קליינע רעדלעך און וואַרשע, די עיר הבירה, אויף גרויסע רעדער... צײַטלין האָט געשריבן, אַ מאָל אויך גערעדט, מאַרקיש — וואָס האָט קיין צײַטונגס־טריבונע נישט געהאַט, ווי צײַטלין — האָט גערעדט און אַ מאָל אויך געשריבן. עטלעכע מאָל זענען אויף טלאָמאַצקע 13 פֿאָרגעקומען עפֿנטלעכע דעבאַטעס, איין מאָל זענען זיי אַפֿילו געשטאַנען פּנים־אל־פּנים אויף דער טרי־בונע — הלל צײַטלין און פּרץ מאַרקיש. הלל צײַטלין איז שוין דעמאָלט כּמעט פֿופֿציק יאָר אַלט געווען — מאַרקיש אַ העלפֿט פֿון די יאָרן. הלל צײַטלין מיט זײַן מאַיעסטעטישער געשטאַלט, לאַנגער ברוינלעך־רויטלעכער־גרויליעכער באָרד מיט שפּיצן, ווי דער בריסקער רבֿ אין פּרצעס צווישן צווײ בערג, און אויך אַ היפּשלעכער טשופּרינע אויפֿן קאָפּ; און פּרץ מאַרקיש מיט דער שוואַרצער צעפֿלויגענער טשופּרינע, וואָס פֿלעגט בײַ זײַן רעדן פֿלאַטערן מיט די טויזנט לאָקן, ווי מיט טויזנט שוואַרצע צונגען, ווי אַ סנה, וואָס ברענט מיט טונקעלן פֿײַער.

דאָס איז געווען בשעת אַ רעפֿעראַט פֿון הלל צײַטלין — טאַקע וועגן דער "כאַליאַסטרע" און די פּראָבלעמען פֿון דער מאָדערנער ליטעראַטור.

האָט זיך דעמאָלט פּלוצלונג אין זאַל באַוויזן מאַרקיש מיט זײַן סוויטע און אני בתוכם. און אַז הלל צײַטלין האָט געענדיקט האָט מאַרקיש גענומען אַ וואָרט. אין זאַל איז געווען הייס ווי אין אַ קליינער קרעטשמע נאָך אַ גרויסן יאַריד. און אַז מאַרקיש איז אַרויף אויף דער עסטראַדע און האָט נאָר אַרויסגעשריגן דאָס ערשטע וואָרט — איז אים אַזוי הייס געוואָרן, אַז ער האָט באַלד אַראָפּגעוואָרפֿן די מאַרינאַרקע און געבליבן שטיין אין זײַדענעם בלויען העמדל. און אַז מאַרקיש האָט אַ וואָרף געטאָן דאָס רעקל, האָבן אַלע אין זאַל אַ ציטער געטאָן... די מער פֿאָרזיכטיקע האָבן זיך אַפֿילו שוין אָנגעהויבן רוקן צו דער טיר. אַז עס איז קאַמף — האָט מען געוווסט. און אַז די וועלט איז ממש אויף משקולת אין דעם דאָזיקן קאַמף — האָט מען אויך געוווסט. מען האָט דאָך געזען, אַז אַלץ אין דער וועלט האָט זיך אָפּגעשטעלט שוין זינט חדשים און אַלץ איז קאָנצענטרירט אויף "כאַליאַסטרע". אַהין, אָדער אַהער. אָבער אַז דער קאַמף איז נישט בלויז וואָרטבליץ קעגן וואָרטבליץ, נאָר ממש, האָט מען ערשט איצט געמיינט צו דערזען, אַז מאַרקיש האָט אַראָפּגעוואָרפֿן די מאַרינאַרקע און געבליבן בלויז אין זײַדן העמדל — כּדי די הענט זאָלן זײַן פֿרײַ...

דער איינציקער וואָס האָט זיך נישט דערשראָקן איז געווען הלל צײַטלין, ווײַל אין טיפֿן תּוך האָט ער מאַרקישן און בכלל זײַן גאַנג ליב געהאַט און ער האָט אינטויִטיוו געפֿילט, אַז אויך מאַרקיש האָט אים ליב אין טיפֿסטן תּוך.

גאָר באַלד איז דער גרויסער עולם אַנטוישט געבליבן. אַט די בליצן — בליץ קעגן בליץ — וואָס זענען אין דער דיסטאַנץ געווען אַזוי מעכטיק, זענען

אין דער נאָענט און פּנים־אל־פּנים גאַרנישט געפּערלעך געווען. און מאַרקיש האָט בכלל אין יענעם אָוונט אַנטוישט.

אין זאַמלבוך כּאַליאַסטרע, וואָס איז צו יענער צײַט דערשינען אונטער דער רעדאַקציע פֿון י. י. זינגער און פּרץ מאַרקיש, איז נישטאָ קיין שפּור פֿון דעם קאַמף קעגן הלל צײַטלין. דאָרט פֿאַרנעמט מען זיך גאָר מיט דעם קאַמף קעגן דער גרופּע פֿון די ייִדישע פּליטים־שרײַבערס, וואָס זענען אַוועק פֿון רוסלאַנד און האָבן זיך באַזעצט אין בערלין.

אויפֿן פֿאַפּירענעם קאַמפּספּעלד — הלל צײַטלין = דער בליץ און פּרץ מאַרקיש = כּאַליאַסטרע — איז נאָך דער גרויסער זאַווערוכע געבליבן ליגן נאָר מײַנע אייגענע בראָשורע מיט פּיאַלעטע האַרט־פּאַפּירענע טעוועלעך און אָן אויפֿשריפֿט אין לינאָלעום־שניט:

פּ ר אָ
פּ ר ץ
מ אַ ר
ק י ש

אַז מיר האָבן אין יאָר 1924 אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן די וואָכנשריפֿט ליטעראַרישע בלעטער האָט פּרץ מאַרקיש אַליין פֿאַרבעטן אהרן צײַטלינען אַלס מיטאַרבעטער און אין די זאַמלביכער וואַרשעווער אַלמאַנאַך און וואַרשעווער שריפֿטן אין שוין אַפֿילו קיין שפּור מער נישט געווען פֿון יענעם בליץ קעגן בליץ!...

און עס איז דאָך נישט מער ווי אַ פּאָר יאָר געווען זינט דער געשעעניש, וואָס האָט חדשים לאַנג געהאַלטן אין שפּאַנונג די גאַנצע ייִדישע יוגנט און אויך אַ גרויסן טייל פֿון דעם עלטערן דור ייִדן אין פּוילן. אָט אַזוי ווי די "כּאַליאַסטרע" וואָלט זיך פֿאַרמאָסטן אַ ליאַדע טאָג צו מאַכן אַ פּוטש, איבערצונעמען די ממשלה און צו קרוינען פּרץ מאַרקישן אין וואַרשע מיט דעם טיטל "פּרץ דער צווייטער"...

איינע אַ נאַכט אין קאַציזנעס ווילע

געווען איז עס אַ זומערנאַכט. און דאָס יאָר 1925. און אפֿשר 1924, און אפֿשר 1926 — וואָס איז פֿאַר אַ חילוק. 1928 זיכער נישט, ווײַל אין יאָר 1927 איז שוין פּרץ מאַרקיש געהאַט אַוועקגעפֿאָרן אויף שטענדיק פֿון וואַרשע קיין ראַטן־פֿאַרבאַנד. און די מעשה איז טאַקע וועגן פּרץ מאַרקיש. ער איז איר הויפּטהעלד, כאָטש נאָך עטלעכע זײַטיקע העלדן זענען דאָ אין איר.

די זומערנאַכט־מעשה, וואָס איך דערצייל דאָ, איז פֿאַרגעקומען אין אַלטער קאַציזנעס ווילע אין שווידער. ווער אַלטער קאַציזנע איז געווען דאַרף מען קיינעם נישט דערציילן. וואָס איז שווידער און וואָס איז קאַציזנעס ווילע, —

דאָס דאַרף מען שוין יאָ דערציילן, ווײַל אין די פּרטים — האָט די מעשׂה קיין טעם נישט.

שווידער איז געווען די פֿאַרלעצטע סטאַנציע, פֿאַר דעם זאַמדיקן דאַטשעאָרט אַטוואָצק, מיט די געדיכטע סאָסנעוועלדער. די שטרעקע צווישן וואַרשע און אַטוואָצק פֿלעגן די ייִדן רופֿן ״די אַטוואָצקער ליניע״, אָדער קורץ: די ליניע. די ליניע — אין ערך 20 קילאָמעטער לאַנג האָט געהאַט אַ מנין סטאַנציעס, און יעדע סטאַנציע — אַ דאַטשעאָרט. אינעם דאַרף מיעדזעשין איז געווען די באַרימטע מעדעם־סאַנאַטאָריע. שווידער איז געווען אַ גאַנץ יאָר אַ דאַרף ווי אַלע דערפֿער און נאָר זומערצײַט האָבן אויפֿגעלעבט די ווילעס. דורך שווידער איז דורכגעגאַנגען אַ געדריידלט טײַכל — ווי אַ שרויפֿן־ציִער — און גערופֿן האָט זיך עס ״שווידערעק״, כּלומר אַ קליין שרויפֿן־ציִערל.

נאָר פֿאָרט מוז מען נאָך דערציילן, כאָטש מיט עטלעכע ווערטער וועגן קאַציזנעס ווילע. דאָס זענען געווען עטלעכע הילצערנע זומער־הײַזקעס אַרום איין צענטראַלן גרעסערן הויז מיט ווערענדעס. און די אַלע הײַזקעס און דאָס הויז זענען געשטאַנען אין אַ היפּשלעכן גאָרטן מיט אַ סך סאָסנעס, מיט אַ פּאָר פּירות־ביימער און אַ גרינסגאָרטן מיט אַ פּאָר בלומענבייטן — און אַלץ אַרומגערינגלט מיט אַ פּלויט, וואָס יעדער הונט האָט איבער אים געקענט אַריבערשפּרינגען און יעדער גנבֿ אַריבערשפּרײַזן אין דער מינדסטער אָנשטרענגונג. און דאָך האָט זיך עס אונדז אַלעמען געדאַכט, אַז אָט די קאַציזנעס ווילע איז אַ וועלט פֿאַר זיך, אַזוי אָפּגעשלאָסן און אַזוי אומדערגרייכלעך, ווי דער אָלימפּ.

פֿון וואַנעם האָט זיך צו קאַציזנען גענומען די ווילע האָט קיינער נישט געוווּסט. ער איז געווען אין זײַן פּרנסה־פֿאַך אַ פֿאָטאָגראַף. אין זײַן גורל־פֿאַך — אַ באַרימטער דערציילער, דיכטער, עסייִסט. ערגעץ אַ מאָל בשעת די דעוואַלוואַציעס פֿון פּוילישן געלט האָט ער באַקומען אַ גרעסער געצאָלט אין דאָלאַרן פֿון ״דזשאָינט״ און האָט — מיט דער הילף פֿון זײַן וווּנדערלעכער חנהן געכאַפּט אַ מציאה, די ווילע — און די ווילע איז אַלע מאָל זומערצײַט באַוווינט געווען דורך שרײַבערס־דאַטשניקעס.

האָט זיך עס געמאַכט, אַז איין מאָל — לאָמיר זאָגן אין יאָר 1925 — איז קולבאַק געווען אין וואַרשע — שטענדיק געוווינט אין ווילנע — און מען האָט באַשלאָסן צו פֿאַרברענגען אַלע אין קאַציזנעס ווילע. זענען זיך צונויפֿגעפֿאָרן פֿון וואַרשע קיין שווידער אין דער ווילע אַ צוויי־דרײַ מנינים. פּרץ מאַרקיש און י. י. זינגער און ב. קאַרליניוס און קולבאַק און יוסף קירמאַן און איך און פֿרויען און מיידלעך און קינדער און נישט אַלעמען געדענק איך מער.

די הויפּט־סעודה איז פֿאָרגעקומען אין הויז פֿון די באַלעבאַטים — אין הויז מיט די ווערענדעס. און די הויפּט־סעודה איז באַשטאַנען פֿון אַ בערגל שוואַרץ־ברויט אָנגעשניטן אין הונדערטער רעפֿטלעך און פּעניצלעך און פּונקט אַזאַ בערגל

אַנגעשניטענע פּעניצלעך פֿון ווײַסן דאַרפֿישן קעז. איין גרויסע פּלאַש ״מאַנאַפּאָלקע״ — פּוילישע, שאַרפֿע וואָדקע — איז געווען אויפֿן טיש און עטלעכע שוועסטער־פּלעשלעך אין אַ ווינקל אין שטוב האָבן געוואַרט אויף זייער גורל. די געסט האָבן אויך מיטגעבראַכט עטלעכע אייגענע הערינג און זיי צעשניטן אויף צײַטונגען, מחמת אַלטער קאַציזנע איז געווען אַ וועגעטאַריער און מען האָט געוווּסט, אַז דעם דעליקאַטעס מוז מען זיך אין זײַן שטוב אַליין ברענגען, אויב מען וויל אים האָבן צו דער סעודה.

די נאַכט איז געווען אַ וואַרעמע און נאָך איידער מען האָט געמאַכט דעם ערשטן שהכל — האָבן זיך אַלע אויסגעטאָן די רעקלעך. פּרץ מאַרקיש האָט געטראָגן אַ טונקל־בלוי זײַדן העמדל און משה קולבאַק אַ ווײַן־רויטע רובאַשקע, אָבער נישט איבער די הויזן. מאַרקישעס טשופּרינע איז געווען געקרויזלט און קולבאַקס איז געווען גלאַט און איז געפֿאַלן כּסדר אין פּאַסמעס אויף זײַן פּנים. אַזוי זענען אויך געווען די סטילן פֿון זייער שרײַבן. אַזוי זייערע לידער און אַזוי זייער אופֿן פֿון דעקלאַמירן. צווישן די צוויי דיכטערס איז געווען אַ דזשונגל פֿון קינאה און זיי האָבןביידע געוווּסט, אַז פֿאַר ביידן איז בעסער זיך נישט אַרײַנצולאָזן אין אָט דעם דזשונגל. און אַז זיי פֿלעגן זיך באַגעגענען — זענען זיי געווען דיפּלאָמאַטיש צוריקגעהאַלטן און גערעדט זייער קלאַסיש און כאָטש זיי האָבן זיך, נאַטירלעך, געדוצט, ווי אַלע חבֿרים פֿון יענער צײַט, האָבן זיי זיך אָבער אויך געאירצט. אין די געדאַנקען האָבן זיי זיך געדוצט, אָבער אַז זיי האָבן זיך באַגעגנט פּנים־אל־פּנים — און דערפֿילט פֿון דער נאָענט דעם דזשונגל פֿון דיכטערישער קינאה — האָבן זיי זיך שוין בעסער געאירצט. עס איז געווען זיכערער.

איך פֿלעג מיך אויף די אַלע סעודות אַרומדרייען ווי אַ פֿרעמדער. געטרונקען האָב איך נישט, קיין הערינג האָב איך נישט געגעסן און דערצו האָב איך נאָך געטראָגן אַ באָרד און האָב ליב געהאַט שמועסן וועגן עטיק און וועגן רעאַלע אויפֿטוען און דער עיקר, וואָס איך בין אַלע מאָל געווען ניכטער. און אַז מען האָט אויפֿגעזונגען דאָס שיכּור־ליד ״מיר זענען ניכטער!״ פֿלעגט מאַרקיש אַלעמען באַפֿעלן שטיל צו זײַן, מחמת נאָר איך אײנער האָב אַ רעכט דאָס ליד צו זינגען און דיכטערס מוזן טאַקע נישט זאָגן דעם אמת, אָבער זינגען דעם אמת מוזן זיי! אַזוי האָט מאַרקיש באַפֿוילן.

און אָט קום איך אַרײַן אויף דער סעודה. עס איז שוין געווען שפּעטלעך, און איך האָב מיך צוגעשטעלט צו די צוויי בערגלעך — דעם שוואַרצן פֿון ברויט און דעם ווײַסן פֿון קעז... זיי זענען שוין געווען היפּשלעך צעוואָרפֿן, אָבער נאָך גענוג אויף צו דערקוויקן אַ וועגעטאַרישע נשמה אין אַ וועגעטאַרישן גוף. דערזעט מיך מאַרקיש, און כאָטש אין זײַן מאָגן איז געווען בלויז איין גלעזל מאַנאַפּאָלקע, איז אָבער אין זײַן האַרץ געווען אַן עמער מיט דיכטערישער קינאה, וואָס האָט געשרפֿהט נאָך ערגער ווי די 90־גראַדיקע מאַנאַפּאָלקע. זי איז געווען אַלע 100

גאַרד. העלפֿן האָבן זיך בײדע דיקטערס נישט געקענט. דערצו איז מיט אַ טאָג פֿריִער פֿאַרגעקומען אַ ליטעראַרישער אָוונט. בײדע דיקטערס זענען אויפֿגעטראָטן. אָבער אַלע אַפּלאָדיסמענטן האָט באַקומען קולבאַק. ער האָט אַ קלונג געטאָן מיט זײַן פּשטותדיק־קלאַנגיקער שטים, וואָס האָט געהאַט עפּעס אַזאַ מאָדנעם ציִענדיקן כּישוף אין זיך:

העי, אַנטאָשע, טו אַ זונג,
טו אַ קלונג
אויף דער באַנדורע:
שורע, בורע, מורע, טורע,
אָט אַזוי,
הע, העי.

וויפֿל מאַרקיש האָט זיך אויף יענעם אָוונט אָנגעשטרענגט — קיין אַפּלאָ־דיסמענטן זענען נישט געקומען:

איך האָב דיר אויפֿגעשטעלט אין מאַרק אַ נײַעם משכּן, גאָט,
אַ שוואַרצע קופּע ווי אַ בלאָטער...
באַזעץ זיך אויף איר דאַך, דעם ברוסטיקן,
גלײַך ווי אַ ראָב, אַן אַלטער אויף אַ מיסטקאַסטן...

קיין אַפּלאָדיסמענטן זענען נישט געקומען. מאַרקיש האָט אַזוי לאַנג גערופֿן כּסדר צו נײַס, נײַס, יונגס, אַנדערשדיקס — און איצט האָט דער רוף געבומעראַנגט אויף אים אַליין...

און אָט קום איך אַרײַן און איך שטיי מיר אַזוי רויִק בײַ דעם ווײַסן בערגל און דעם שוואַרצן בערגל און איך קײַ אַזוי רויִק ווי אַ בהמה בײַם זשלויב... און די רו מײַנע האָט מאַרקישן צענומען און אויף מיר האָט ער זיך רויִק געקענט וואַרפֿן און אַרויספֿײַערן דאָס פֿײַער, דאָס אָנגעזאַמלטע. און ער איז צוגעלאָפֿן צו מיר און האָט מיך אײַנגעקלאַמערט אין די אָרעמס און געשריגן אַזוי הויך, אַז דער קאָלך האָט זיך גענומען שיילן פֿון דער סטעליע:

— איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל — מלך — דו מוזסט אָנהייבן טרינקען! אָדער אָנהייבן טרינקען אָדער אויפֿהערן פֿרעסן!

און ער האָט אויסגעגאָסן אַ גאַנצע פֿלאַש מאַנאַפּאָלקע אויף די צוויי בערגלעך מיט ברויט און מיט קעז:

— איצט פֿרעס!

אָבער איך בין געבליבן רויִק און גלײַכגילטיק — אַזוי ווי שפּינאָזאַ, מײַן נבֿיא, האָט מיר באַפֿוילן...

האָט מאַרקיש גענומען מיך שטאַרקער דריקן צו זיך:

— ער האָט אויפֿגעהערט צו פֿרעסן און האָט נישט אָנגעהויבן צו טרינקען — די וועלט גייט מיר אונטער, וואָס טוט מען איצט ? !

און ער האָט עפּעס נישט ווילנדיק מיט זײַן פֿעסטער גאָמבע מיר אַ זעץ געטאָן אין די ציין און עס האָט זיך באַוויזן בלוט אויף מײַן מויל.

מאַרקיש האָט געוווּסט, אַז מיט יאָרן צוריק האָב איך געהאַט בלוט־אויסגוסן פֿון די לונגען און עס האָט זיך אים איצט געדאַכט, אַז ער האָט מיר מיט זײַן דריקן צו זיך, צעריסן די לונגען און אָט וועט זיך ווידער אַ גאָס טאָן אַ שטראָם בלוט. וויפֿל איך האָב אים באַרויִקט — עס האָט נישט געהאָלפֿן. און ער האָט גענומען שרײַען :

— אויב איך האָב געהרגעט מײַן בעסטן פֿרײַנד — טאָ זאָל צעשטערט ווערן די גאַנצע וועלט און אָנהייבן זאָל מען מיט קאַציזנעס ווילע ! . . .

און מאַרקיש האָט זיך אַרומגעקוקט נאָך הילף צום צעשטערן די וועלט. בײַ דער זײַט איז געשטאַנען יוסף קירמאַן. שטאַרק ווי שמשון הגיבור, מיט הענט ווי ריסקאַלעס, און שיכור ווי לוט און וויליק ווי אַ שקלאַף און פֿאַרקוקט אויף מאַרקישן, וואָס איז אַלע מאָל געווען אַ מליץ יושר פֿון יוסף קירמאַנס פּשטותדיק־עקספּרעסיאָניסטישע דיכטונגען.

— און וואָס זאָל איך אָנהייבן צו טאָן ? — האָט קירמאַן געפֿרעגט מיט זײַן באַס.

— האָסט דאָך געהערט — יוסף ! צעשטערן די גאַנצע וועלט און אָנהייבן מיט קאַציזנעס ווילע ?

קירמאַן איז אַרויס אויף דער וועראַנדע און אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָבן זיך דערהערט דומפּיקע קלעפּ — ווי אייזקריִעס וואָלטן געזעצט אין די סלופּעט פֿון אַ הילצערנער בריק.

די טרינקערס האָבן ווײַטער געטרונקען — מילא, קלאַפּט דאָרט ערגעץ. אָבער אַז זינגער — וואָס פֿלעגט קיין מאָל נישט שיכור ווערן, וויפֿל ער זאָל נישט האָבן געטרונקען — און איך זענען אַרויס אויף דער וועראַנדע, האָבן מיר געזען, ווי קירמאַן שטייט אויף אַ טיש. און מיט די בלויזע הענט קלאַפּט ער אַרויס מעטאַדיש דרענגל נאָך דרענגל פֿון דער וועראַנדע און לייגט זיי אויס אין אַ קופּקע. אַז ער האָט דערזען זינגערן און זינגערס שטאָלענעם בליק, וואָס האָט אַ בליץ געטאָן אין ליכט פֿון דעם לאָמטערן אויף דער וועראַנדע — האָט ער אַ זיכערן שמייכל געטאָן מיט זײַנע צוויי שורות גרויסע, ווײַסע ציין :

— מאַרקיש האָט געהייסן . . .

— קריכט ש ו י ן אַראָפּ, כעלעמער, און גייט תיכף שלאָפֿן !

זינגערס ניכטערקייט האָט קירמאַנען תיכף אויסגעניכטערט. ער איז אַראָפּ פֿון טיש, זיך געזעצט אויף אַ באַנק, אָנגעקעלייגט דעם קאָפּ אויפֿן טיש און זיך יאָמערלעך צעוויינט. נישט די דומפּיקע קלעפּ, נאָר דאָס דומפּיקע וויינען האָט

אַלעמען אַרויסגערופֿן פֿון דער שטוב און אַ לאַנגע רגע האָט קיינער נישט געוווסט וואָס דאָ איז פֿאָרגעקומען, וואָרעם אויך מאַרקיש האָט שוין דערוויַיל פֿאַרגעסן זיַין באַפֿעל און מיַינע פֿאַרבלוטיקטע צייָן. צום שטאַרקסטן האָט זיך געוווּנדערט דער באַלעבאָס פֿון דער ווילע — אַלטער קאַציזנע: קירמאַן ליגט און וויינט — דרענגלעך אויפֿן טיש, אַ שטיק פֿון דער ווראַנדע שוין היפּשלעך צעשטערט און די ניכטערסטע צוויי פֿון גאַנצן ווילדן אָוונט שטייען איבער דעם וויינענדיקן דיכטער... און אַז זינגער האָט זיך אָנגערופֿן:

— איר קענט מיר אַלע דאַנקען, איך האָב נאָר וואָס אָפּגעראַטעוועט די וועלט פֿון חרובֿ ווערן — —

האָט שוין בכלל קיינער גאָרנישט פֿאַרשטאַנען.

ווי די זאַך זאָל נישט זיַין — די וועלט איז אין יענער נאַכט נישט חרובֿ געוואָרן — און דער ערשטער וועלטווינקל, וואָס האָט זיך געראַטעוועט פֿון וועלט־חורבן, איז געווען אַלטער קאַציזנעס ווילע.

אָבער מיטן ראַטעווען די וועלט האָט זיך די נאַכט אין קאַציזנעס ווילע נאָך נישט געענדיקט, וואָרעם שטאַרקער ווי דער געדאַנק פֿון וועלט־חורבן איז די קינאה צווישן דיכטערס...

און אַז מאַרקיש האָט ערשט באַנומען נאָך עטלעכע זאַכן, אַז זיַין בעסטן פֿריַינד האָט ער נישט געהרגעט, ווי ער האָט זיך איַינגערעדט, און אַז דעם באַפֿעל זיַינעם חרובֿ צו מאַכן די וועלט האָט קירמאַן נישט אויסגעפֿירט און אַלע זענען גאַנץ — האָט ער ערשט באַפֿוילן, אַז קיין איין טראָפּן טאָר נישט בליַיבן אין קיין איין פֿלעשל!

האָט זיך ווידער אָנגעהויבן די שפּיל. אַפֿילו זינגער האָט שוין נישט געוווּסט מער — צי ער איז ניכטער, אָדער ער איז שיכּור. און דער איינציקער, וואָס האָט געוווּסט, אַז אַלע זענען שיכּור — בין איך געווען.

און די געראַטעוועטע וועלט איז אַנגעגאַנגען וויַיטער און האָט זיך גענומען גרייטן צום טאָג. די שטערן זענען שיטערער געוואָרן, די אייבערשטע הימלען מילכיקער און די אונטערשטע — ראָזיקער. בין איך געשטאַנען אויף דער ווראַנדע און פֿאַוואַליע מיט איין דרענגל אינעם צווייטן אָנגעהויבן צוריק אויפֿבויען די וועלט און אָנגעהויבן מיט קאַציזנעס ווילע.

פּלוצלונג — אַ גרויסע שטילקייט אין צימער, אַז עס האָט מיך אַזש דערשראָקן און איך בין אַריַין צוריק צו די חבֿרים. געווען איז פּונקט יענע רגע פֿאַר טאָג ווען אַלע טרינקערס דערזעען פּלוצלונג דעם אומזין פֿון זייער טאָן און עס גיבן אַ שווים אַריף אַלע טאָג־טעגלעכע זאָרגן און דאגות און ביַי דיכטערס: קינאות — די אומזיניקסטע צווישן זיי — קינאת סופֿרים.

זאָגט משה קולבאַק צו פּרץ מאַרקישן מיט זיַין זינגענדיקער, פּשטותדיקער, ציִענדיקער און פֿישופֿדיקער שטים:

— העי אַנטאַשע טו אַ זונג — —

ביסט בייז, וואָס איך האָב דיר פֿון אונטער דער נאָז צוגענומען אַלע דײַנע שיינע לייענערינס —

— טו אַ קלונג אויף דער באַנדורע — העי — העי — —

און מאַרקיש האָט זיך אַ ריס געטאָן — און אינסטינקטיוו מיר אַלע מיט אים — און ער האָט ממש איבערן טיש אַ שפּרונג געטאָן צו משה קולבאַקן און איידער מיר האָבן זיך געקענט אומקוקן אין דער פֿערטל רגע — האָט ער אַרומגענומען משה קולבאַקן און האָט אים מיטן גאַנצן כּוח געקושט.

— דו נאַרישער יונג, דו מיינסט, אַז איך האָב דיך פֿײַנט, ווער נאָך קען דיך אַזוי ליב האָבן ווי איך!

און ער האָט זיך צעוויינט.

און קולבאַק:

— און דו נאַרישער קראַסאַוועץ, דו מיינסט, אַז איך האָב דיך פֿײַנט; ווער נאָך קען דיך אַזוי פֿאַרשטיין, ווי איך!

און די לאַנגע טשופּרינע איז דעם ליטוואַק געפֿאַלן אין די גרויסע אויגן אַרײַן און ער האָט זיי פֿאַרשטעלט מיטן צעכראַסטעטן אַרבל פֿון העמד, אַז מען זאָל אין זיי נישט זען די טרערן.

אַז מען איז זיך צעגאַנגען אין די הילצערנע הײַזלעך צו כאַפּן ערגעץ אַ געלעגער איז שוין קיין איין שטערן אויפֿן הימל נישט געווען.

אַ האָן האָט דערזען די כאַליאַסטרע און זיך הויך צעקרייעט.

— הער אויף צו קרייען — פּרץ מאַרקיש! — האָט זינגער ווי אַלע מאָל געמאַכט אַ מאַרקיש־וויץ, כאָטש בײדע האָבן זיך ליב געהאַט ווי דאָס לעבן און זיך קיין מאָל נישט געקריגט. אַלע זענען טויט־מיד געווען און קיינער האָט שוין פֿון דעם וויץ נישט געלאַכט.

און אַזוי האָט זיך געענדיקט איינע אַ נאַכט אין קאַציזנעס ווילע.

געווען איז עס אין יאָר 1925, און אפֿשר אין יאָר 1924 און אפֿשר גאָר אין יאָר 1926 — וואָס איז פֿאַר אַ חילוק.

יענע וועלט איז דאָך שוין לאַנג, לאַנג חרובֿ.

די לעצטע באַגעגעניש

דאָס איז געווען אין יאַנואַר 1935 — 7־8 יאָר נאָך אונדזער אָן אַ סיבה זייער קאַלטער געזעגענונג אין מיטן גאַס אין וואַרשע. קען זײַן, אַז די קעלט אין געקומען דעמאָלט דערפֿון, ווײַל איך האָב מיך שטאַרק אַנטקעגנגעשטעלט, אַז מאַרקיש זאָל אַוועקפֿאָרן פֿון וואַרשע, און — בעיקר — זאָל זיך פֿאָרן באַזעצן אין ראַטן־פֿאַרבאַנד. קען אויך זײַן, אַז די קעלט האָט געהאַט אַ שײַכות צו מײַנער אַ שלעכטער

צופעליקער שטימונג, וואָס האָט לגמרי נישט געהאַט קיין שייכות צו פּרץ מאַרקישן. ווי די זאַך זאָל נישט זײַן — דאָס געפֿיל פֿון יענער קאַלטער געזעגענונג איז געבליבן אין מיר און איך געדענק זי.

קאָרעספּאָנדירט האָבן מיר, אָבער זעלטן. נישט מאַרקישן איז געווען צו דער האַנט צו באַקומען אָפֿטע בריוו פֿון אַ "קאָנטררעוואָלוציאָנער" און אין פּוילן איז אויך בעסער געווען נישט צו באַקומען אָפֿטע בריוו פֿון "יענער זײַט". כאָטש פֿון קיין "קאַלטן קריג", אָדער "אײַזערנעם פֿאָרהאַנג" האָט מען נאָך דעמאָלט נישט געוווּסט.

מיר איז אויסגעקומען עטלעכע מאָל, אַלס רעדאַקטאָר פֿון דער ליטעראַרישער בײַלאַגע פֿון דער פֿאָלקסצײַטונג, פֿאָלקס-צײַטונג פֿאַר ליטעראַטור, צו שרײַבן וועגן מאַרקישעס ביכער און איך האָב געשריבן נעגאַטיוו, זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם אָפֿענעם אַגיטאַציע-כאַראַקטער פֿון די שריפֿטן. מאַרקיש האָט אָדער די אַרטיקלען זעלטן באַקומען, אָדער שטילערהייט מסכּים געווען מיט זיי, אָדער זיך נישט געוואָלט וויסנדיק מאַכן. אין די בריוו האָט ער זיי זעלטן דערמאָנט.

און אַזוי זענען געגאַנגען די יאָרן — און די צוויי ווינקל-ליניעס, וואָס זענען אַ מאָל אין איין פּונקט געבוירן געוואָרן, זענען זיך אַלץ מער און אַלץ ווײַטער פֿונאַנדערגעגאַנגען.

און — דאָס איז געווען אין יאַנואַר פֿון יאָר 1935:

אין שליחות פֿון "אָרט" און "אָזע" בין איך געפֿאָרן קיין מאַנדזשוריע און כינע — צו די דאָרטיקע ייִדן, געוויינטלעך — און זיך אָפּגעשטעלט אויפֿן וועג איבערן גאַנצן ראַטן-פֿאַרבאַנד — אויף צוויי טעג אין מאָסקווע. קיינעם אין מאָסקווע קיין וואָרט נישט געשריבן, אַז איך וועל דאָרט ווײַלן אַ פּאָר טעג.

און מיר האָט געציטערט און געפֿלאַטערט די גרויסע דערוואַרטונג, איינע פֿון די פֿלאַטערדיקסטע אין מײַן לעבן, צו באַגעגענען זיך פּלוצלונג — און אין גאַנצן אומגעריכט פֿאַר אים — מיט מײַן גרויסער ליטעראַרישער פֿרײַנדשאַפֿט, אפֿשר דער גרעסטער אין מײַן לעבן, מיט פּרץ מאַרקישן. מען האָט נישט געדאַרפֿט האָבן צו פֿיל אינטויציע אין אַכצנטן לעבנסיאָר פֿון ראַטן-פֿאַרבאַנד און אין זעקסטן יאָר פֿון סטאַלינס דיקטאַטור צו פֿאַרשטיין, אַז אַט די באַגעגעניש איז שוין די לעצטע.

מײַנע געפּלאַנטע צוויי טעג אין מאָסקווע זענען אין לאָנדאָן באַצאָלט געווען דורך דעם "אינטוריסט" — האָטעל, מאָלצײַטן, טוריסטן-פֿירערס, וואָס זענען לרובֿ אויך שוין געווען די אויגן און אויערן פֿון דעם סיסטעם איבער דעם טוריסט.

מיר איז צוגעטיילט געוואָרן אַלס פֿירערין אַ יונגע, שטאַרק ייִדיש-אויסזעענ-דיקע, געזונטע און שיינע פֿרוי מיט אַ ייִדישן נאָמען. אָבער אַזוי ווי ייִדיש האָט זי נישט געקענט — האָבן מיר גערעדט אַ ביסל רוסיש און אַ ביסל ענגליש. דעם פּלאַן פֿון מײַנע טעג האָב איך אַליין געמעגט באַשטימען און מיר האָבן צוזאַמען

אויסגעשטעלט אַ צעטל וואָס צו זען, ווו צו זײַן. קיין באַגרענעצונגען — אָפיציעל — זענען נישט געווען.

האָב איך געזאָגט מײַן פֿירערין — נאָכן זען אַ פּאָר פּלעצער, קירכן און אינסטיטוציעס, אַז איך וויל דאָ באַזוכן פּרץ מאַרקישן, מײַנעם אַן אַלטן פֿרײַנד. די יידישע טאָכטער האָט זיך שטאַרק דערפֿרייט מיט מײַן פֿאָרשלאָג: ״אוזשע דיעסיאַטאָק ליעט קאַק יאַ זשיווו ווּמאָסקוויע, אי יאַ ניקאָגדאַ ניע זנאַלאַ טשטאָ פּערעץ זשיוואָט זדיעס״... איך האָב מיך באַלד אָריענטירט אין דעם נח־מיט־זיבנגרײַזנדיקן טעות פֿון דער פֿירערין מײַנער און זי געמוזט שטאַרק אַנטוישן. דערפֿאַר האָב איך איר אַרײַנגעגעבן אין נדן די אָלימפּישע שיינקייט פֿון דעם מאָדערנעם ״פּערעץ״ — פּרץ מאַרקיש.

מיר האָבן אָפּגעשטעלט אַ דראָזשקע און אָנגעזאָגט דעם ״יאַמשטשיק״ צו פֿירן אונדז אויף נאַשטשאָקינסקי פּערעולאָק נומער אַזוי און אַזוי. דער שאַרף־ווינטיקער פֿראָסט האָט געצומען שנײַדן די פּנימער און אין מיר האָט אַלץ געפֿלאַטערט פֿון עפּעס אַ מישונג פֿון שרעק און דערוואַרטונג. דאָס האַרץ האָט שיער נישט אויפֿגעהערט צו שלאָגן: איז ער דאָ, איז ער נישט דאָ? וועט ער מיך דערקענען? (זינט אונדזער לעצטער באַגעגעניש האָב איך אָפּגעראַזירט די באָרד) וועט ער רעדן מיט מיר? וואָס?

נישט גרינג איז געווען אין אַלטן הויז, אין אַ שמאָל, אַלט געסל צו געפֿינען דעם גאַרן און געפֿינען די דירה מאַרקישעס, אָבער די געניטע פֿירערין האָט זיך אַן עצה געגעבן. און אָט קלאַפּן מיר אין אַ טיר, אין מאַרקישעס טיר... עס קומט אַרויס אַ יונגע, בייזלעכע פֿרוי, זי לאָזט אונדז שטיין אין קלאַפּט אינעווייניק אין אַ טיר און זאָגט דאָרט אַרײַן מיט אַ געבייזער ״פּרישלי ק׳וואַם!״ און אַליין טראָגט זי זיך אָפּ. (שפּעטער בין איך געוואָר געוואָרן, אַז דאָס איז געווען מאַרקישעס ערשטע פֿרוי, מיט וועלכער ער איז שוין דעמאָלט געווען צעגאַנגען, אָבער — ווי אָפֿט אין אַזעלכע פֿאַלן אין רוסלאַנד — טיילן זיי נאָך צימערן אין דער דירה).

און אָט קלאַפּן מיר שוין אין דירה־קאָרידאָר אין אַ פֿאַרמאַכטער טיר און אויף דער שוועל שטייט פּרץ מאַרקיש. די ערשטע רעאַקציע — ער ציט אונדז ביידע אַרײַן און פֿאַרמאַכט די טיר. אין זײַן צימער זיצט אַ ייִד און קלאַפּט אויף אַן אַלטער, גרויסער שרײַבמאַשין. די צווייטע רעאַקציע — מיר זענען אַרומגענומען, צעקושט — ווי קען עס דען אַנדערש זײַן? די דריטע רעאַקציע — מיט דעם קאָפּ אויף מײַן אַקסל און מיט דעם פּנים צו מײַן באַגלייטערין, דער אינטוריסטקע מיט אַ סימן פֿון איר אָמט אויפֿן אַרבל, פֿרעגט מאַרקיש: ״אַ בומאַגי יעוואָ וו׳פּאָריאַדקע?״ און איך ענטפֿער הויך און דײַטלעך צו דער אַנטקעגנאיבערדיקער וואַנט, ווײַל נאָך אַלץ זענען מיר אַרומגענומענע: ״וו׳פּאָריאַדקע, וו׳פּאָריאַדקע — מאַרקיש! אָט וועל איך דערציילן. און איך דערצייל די גאַנצע מעשׂה.

מיר זיצן און מיר רעדן — דער עיקר וועגן משפּחה און וועגן פֿרײַנד. מאַרקיש

איז גליקלעך און אומגליקלעך, צערודערט און רויִק, שטיל און טומלדיק. ער האָט שוין גוט געמערקט, אַז איך פֿאַרשטיי די סיטואַציע און אַז איך וועל אים נישט שטעלן קיין שום אומבאַקוועמע פֿראַגעס און נישט רעדן קיין שום קאָנטררעוואָ־לוציאָנערע נאַרישקייטן. זײַן סעקרעטאַר, דער ייִד מיט דער באָרד, ווערט באַפֿרײַט. מאַרקיש דערציילט מיר זײַן ייִחוס, דאַכט זיך אַן אַמאָליקער העברעיִשער שרײַבער, אָדער לערער, און ער ציט כּסדר אַרײַן די אינטוריסט־פֿירערין אין שמועס. אָבער אויך זי ווערט עפּעס אומרויִק. און אָט גיט זי אַ קוק אויף איר האַנטזייגערל, אירע אַרבעט־שעהען זענען געענדיקט און זי בעט מאַרקישן ער זאָל מיך אָפּפֿירן אין האָטעל און זי פֿאַרשווינדט. מאַרקיש הייבט אָן צו פֿיבערן פֿון אומרו. ער טוט זיך אָן און ער האָט אַ "געניאַלן" אײַנפֿאַל. ער וועט מיך פֿירן אין ביוראָ פֿון "געזערד" און "אָרט". דאָרט איז דאָ אַ טעלעפֿאָן, וועט ער מיטטיילן דער שטאָט וועגן גאַסט. איך וויל מיך אָפּבעטן. וואָס דאַרף איך עס? מיר איז געגוג זיך נאָר צו זען מיט אים, מאַרקישן. ער אָבער וויל נישט הערן און געדענקען; און אָט איז ער שוין אָנגעטאָן און מיר שפּאַנען שוין. מאַרקיש דערציילט מיר וועגן זײַן רײַזע קיין בירא־בידזשאַן און וועגן דעם ווי אַזוי געגעראַל בליוכער — און אפֿשר אַן אַנדערער גענעראַל — האָט באַזוכט די געגנט, גערעדט דאָרט צו ייִדן, אויסגעלערנט זיך בײַ זיי איין ייִדיש וואָרט "כּשר", און אין אַ רעדע פֿאַרזיכערט די איבערוואַנדערערס: מיר וועלן אײַך מאַכן אַ כּשרע ייִדישע רעפּובליק! מאַרקיש חזרט איבער די מעשׂה אפֿשר צען מאָל, און עס איז קענטיק, אַז טראַכטן טראַכט ער וועגן עפּעס אַנדערש.

און אָט זענען מיר שוין אין ביוראָ פֿון "אָרט". מאַרקיש איז גלײַך בײַם טעלעפֿאָן, ער טעלעפֿאָנירט בערגעלסאָנען, האָפּשטיינען, קוויטקאָן — טרעפֿט ער נישט אין דער היים — בקול רם: ווייסט איר וואָס פֿאַר אַ גאַסט מיר האָבן — ראַוויטשן! איך פֿיל מיט אַלע חושים, אַז פֿון יענער זײַט ענטפֿערט מען אים: האָסט געכאַפּט אַ העכט, ער בײַסט דיר אָפּ די פֿינגער, האַלט דיך מיט אים...
אָבער מאַרקיש איז אומנאַטירלעך פֿריילעך. ער האָט לעגאַליזירט זײַן באַגעגעניש. זיך נישט באַהאַלטן מיט איר אונטערן טיש. איצט מעג שוין די אינטוריסטקע, די פֿירערין, דערציילן וועמען זי וויל, וואָס זי האָט געזען און געהערט.

מײַנס האָב איך דערגרייכט, איך דאַרף נאָך בלײַבן אין מאָסקווע 36 שעה. און איך פֿיל, אַז יעדע מינוט לענגער מיט מאַרקישן קאָסט אים אַ טאָג לעבן. איך וויל מיך אָפּבעטן, דינגען אַ דראָזשקע און פֿאָרן אין האָטעל. מאַרקיש גייט מיך באַגלייטן — צום האָטעל דאַרף מען דורכגיין דעם רויטן פּלאַץ. ער וויל מיר אַליין ווײַזן דעם רויטן פּלאַץ. איך זאָל מיך דאָרט אָננעמען מיט אמתן גײַסט. און ער פֿירט מיך און אָט זענען מיר שוין אויפֿן רויזיקן סקוועער.

מאַרקיש זשעסטיקולירט מיט באַגײַסטערונג. עס איז פֿאַר נאַכט. דער פּלאַץ איז היפּשלעך ליידיק. נאָר דאָרט אין ווינקל שטייט אַ ריי און וואַרט אַרײַנצוגיין אין

לענין־מאַוואַליי. איך זע איצט מאַרקישעס הערלעכע הויכע געשטאַלט אויפֿן פֿאָן פֿון אַ בליי־גרויען און גלייכצייטיק שקיעה־בלוט־רויטן ווינטערדיקן הימל.

פלוצלונג גיט זיך מאַרקיש אַ חאַפּ: — אוי וויי, איך האָב געדאַרפֿט אָפּשיקן אַ טעלעגראַמע און האָב אין גאַנצן פֿאַרגעסן. עס איז וועגן אַ לעקציע אין קיִעוו. און ער טרייסלט מיר די הענט מיט אַזאַ אימפּעט, ווי ער וואָלט געפּרוווט זיי מיר אַרויסצורייסן. און אָט לויפֿט ער שוין... צו דער פּאָסט. פֿון דער ווייטן שרייַט ער צו מיר — קאָפּ צו מיר, פּיס צו דער... פּאָסט, אַז ער וועט מיר נאָך טעלעפֿאָנירן.

איך בין שטיין געבליבן אַליין אין פֿראָסט און ווינט און אים נאָכגעקוקט לאַנג, לאַנג ביז ער איז פֿאַרשוווּנדן — אויף אייביק. גוטע מענטשן האָבן מיר זייער העפֿלעך געוויזן דעם וועג צום האָטעל. עס איז געוועזן היפּשלעך ווייַט, אַז איך בין אָנגעקומען בין איך געווען אַ שטיק אײַז.

בריוו און בריוו-פֿראַגמענטן פֿון פּרץ מאַרקיש

25סטער דעצעמבער 1921

אַסטראָג, וואָלין, פּוילן — בײַ דער סאָוועטישער גרענעץ

טײַערער זינגער און ראַוויטש!

ווי עס זעט אויס וועל איך זיך די טעג אַריבערכאַפּן אויף יענער זײַט. אויב ס'וועט גיין בשלום רעכן איך אין משך פֿון צוויי וואָכן זײַן צוריק. פֿאַר דער פּינקטלעכקייט שרײַב איך זיך, געוויינטלעך, נישט אונטער. — — איך האָב דאָ גערעדט מיט אַ פּאַרשוין, וואָס איז מסכּים געבן אַ האַלבן מיליאָן (הלוואה) אויף אַרויסגעבן אַ רייע אונדזערע ביכלעך. איך וועל דאָס אויף צוריקוועגס אויסנוצן. וואָס הערט זיך מכּוח דעם זשורנאַל? — — גריסט גרינבערגן. וואָס הערט זיך מיט זײַנע פֿאַרלוירענע כּתבים? — — אייער פּרץ.

גריסט די באַנדיטן פֿון קולטור־ליגע.

7טער אַפּריל 1922

אַסטראָג, וואָלין, פּוילן

טײַערער האַרציקער, איינציקער מ. ר.

נעכטן בין איך געקומען קיין אַסטראָג. איך דענק מאָרגן פֿאָרן ווײַטער... וואָס הערט זיך מיט די רינגען? זע, אַז מײַן אַרטיקל זאָל נישט געשעדיקט ווערן. — — ווי גייט דײַן בראַשור? [פּראָ פּרץ מאַרקיש — מ. ר.] איך דענק ברענגען פֿון ד אָ ר ט ן אַ ביסל מאַטעריאַל פֿאָרן צווייטן נומער רינגען. גריס די גאַנצע קאָמ־פּאַניע — זינגערן, גרינבערגן. — — ראַוויטש, האַלט זיך אָפּ מיט דײַן בראָשור וועגן מיר ביז מײַן קומען. — —

דײַן פּרץ

17טער אָקטאָבער 1922, פּאַריז

ליבער ראַוויטש!

איך האָב דיר אינמיסטן נישט געוואָלט שרײַבן פֿון בערלין, כּדי עס זאָל דיר נישט

איבערגיין קיין שלעכטע מחשבֿע, אַז איך וויל זיך דאָרט באַזעצן. פּערספּעקטיוון אויף חבֿרשאַפֿט מיט "זיי" איז געוועזן איידער זיי האָבן איבערגעלייענט מײַן "ביזנעס". מען האָט מיר דאָ איבערגעגעבן, אַז אַ פּאָר וואָכן פֿאַר דער דערשײַנונג פֿון כּאַליאַסטרע האָט בערגעלסאָן, קלייבנדיק זיך קיין וואַרשע, געזאָגט: — "מע, איך וועל קומען קיין וואַרשע, צוגיין צו מאַרקישן און אים זאָגן: 'געקריגט האָבן מיר זיך נישט, צוליב וואָס זאָלן מיר זײַן איינער אויפֿן אַנדערן ברוגז'?" — — איך האָב געהאַט אַ רעפֿעראַט אין בערלין אונטערן נאָמען "פּאַרטיזאַנשטשינאַ וו יעווריעיסקאָי פּאָעזיִי". קעגן מיר זענען אַרויסגעטראָטן לאַצקי, משה ליפֿשיץ און נאָך עטלעכע, נאָר זיי האָבן געהאַט אַ מפּלה. — — איך בין אָנגעקומען קיין פּאַריז מיט 200 פֿראַנק, דאָס איז אויף אַ וואָך לעבן שלעכט. — — אין בערלין האָב איך זיך אָפּגערעדט מיט שאַגאַלן, נאַטאַן אַלטמאַן, ליסיצקי, טשאַיקאָוון און אייניקע פֿון די ליטעראַטן, אַז די צווייטע כּאַליאַסטרע זאָל זײַן באמת אַ גרויס ליטעראַריש־קינסטלעריש געשעעניש. — אין אַלגעמיין האָט די כּאַליאַסטרע אין "אייראָפּע" געמאַכט אַ גוטן כּאַליאַסטרעדיקן, אָפּפֿרישנדיקן איינדרוק. מען איז פֿון איר זייער צופֿרידן. — — איצטער, ליבער ראַוויטש, אויב דו ווילסט מיך נאָך אַרויסבאַקומען פֿון פּאַריז, מוזסטו מיר גלײַך אַרויסשיקן 100 עקזעמפּלאַרן פֿון כּאַליאַסטרע, וועל איך האָבן אויף הוצאות, אַנישט פּגר איך דאָ אַוועק. — — —

דײַן מאַרקיש

24סטער נאָוועמבער 1922, פּאַריז

עס גלוסט זיך מיר איצט נישט מאַכן קיין "איבערראַשונג פֿון זיך" — צי פֿאַרדין איך אַזוי פֿיל ליבע דײַנע — צי ניין. עס איז מיר וואָרעם ביז טרערן, וואָרעם פֿון דײַן בריוו און איך וויל זיך נישט פֿאַרשטערן דאָס ביסעלע שבת אין פּאַריז. פֿאַרשטייסטו מיך, ליבער ראַוויטש, דאָס וואָס בײַ אַ סך אַנדערע פֿון אונדזערע ברידער איז: דיכטערישע סענטימענטאַליטעט, איז בײַ דיר קינדעריש פּראָסטע נאַטירלעכקייט. — — דערפֿאַר, אַז איך הער דיך רעדן, צי איך לייען דײַנעם אַ בריוו, איז מיר נישט אַזוי וויכטיק דער ענין, ווי דו אַליין. וואָרעם סוף־כּל־סוף פֿירן דאָך אַלע וועגן צו זיך. — — דער עיקר איז דאָס וואָס איר האָט זיך אַלע אַ ביסל דערנענטערט: זינגער מיט גרינבערגן, גרינבערג מיט זינגערן, דו מיט זיי ביידע — און אויב מײַן אָרט צווישן אײַך אַלע איז נאָך נישט אָפּגעמעקט, וועל איך אין גיכן זײַן אויף דעם. — — מײַן בלײַבן אין דער פֿרעמד הייסט פֿאַרן קיין לאָנדאָן אויף אַ 10־12 טאָג. נאָר אויף לאָנדאָן דאַרף מען "פֿונטן" און מײַן גאַנצע וואָג באַטרעפֿט איצט נישט מער ווי אַ האַלבע "קילאָ". דריי איך דעם קאָפּ די קאָנסולן ביז מען וועט מיך סוף־כּל־סוף נישט אַרויסוואַרפֿן און איך זאָל קאָנען

מיט אַ ריינעם געוויסן אויסשרײַען ווי שלום־עליכם האָט אַ מאָל געשריגן: לאָנדאָן, פֿאַר וואָס ברענסטו נישט?

דײַן פּרץ

4טער דעצעמבער 1922, לאָנדאָן

זינגערותו האַרציקער!
איך פֿיל שוין מיט אַלע מײַנע אבֿרים, אַז איך דאַרף זײַן אין וואַרשע. עס ווערט מיר שוין הייס און קאַלט אין די קני, אַז איך באַקום אַ וואַרשעווער צײַטונג. ווער שמועסט, אַז מען איז דאָרטן נאָך מזכיר נשמות עמעצן פֿון אונדזערע יאַטן, — ווער איך פֿאַרציטערט. צופֿעליק איז מיר הײַנט אַרײַנגעפֿאַלן אין די הענט דער זיבעטער "בליץ" פֿונעם בית צײַטלין. — — דו, ברודער לעבן, שרײַבסט אַ קאָמעדיע צי אַ דראַמע צי אַ טראַגעדיע, ווייסט אַליין נישט, און איך שפּיל שוין איבער צוויי חדשים דעם "ערשטן לובאַווניק" פֿון אַלע דרײַ אין איינעם: בערלין, פּאַריז, לאָנדאָן און ווײַטער? נאָך אַ שטאָט, נאָך אַ וואָקזאַל, נאָך אַ מוזעום. איך פֿרעג זיך אַ מאָל אַליין אין אַ צוג פֿאַרנדיק: — ווו קאַטשעסטו זיך עס פּאַניע שלעפּער? — — איך וועל מיט מײַנע גיי־מאַשינעס די וועלט נישט אויסגיין. און אַז יאָ? וועל איך אויך נאָך נישט פֿאַרשטיין דעם שׂכל אַפֿילו פֿון די נאַרישע פּיס אַליין. טאָ וואָס זשע אײַל איך זיך אַזוי? — — אַגבֿ, איידער איך בין געפֿאָרן קיין לאָנדאָן, האָב איך טעלעגראַפֿירט איינעם אַ פּאַרשוין ער זאָל מיך "אָראָפּנעמען פֿון דער שיף". נאָר אַז איך בין אָנגעקומען, האָט מיך שוין אָפּגעוואַרט אַ גרויסע שאַפּערן־דעלעגאַציע פֿון גאַנץ ענגלאַנד און אַ קאָנדוקטאָרן־דעלעגאַציע פֿון אַלע טראַמווייען און אַ פֿרײַוויליקע דעלעגאַציע פֿון סתם בעל־עגלות — חוץ דעם איינציקן פּאַרשוין, וועלכן איך האָב טעלעגראַפֿירט, נאָר ער אַליין האָט סך־הכּל געפֿעלט. — —

דײַן פּרץ

12טער דעצעמבער 1922, לאָנדאָן

ליבער ראַוויטש,
ווי דו זעסט, האַלט איך שוין בײַ לאָנדאָן און בײַם פֿאַרענדיקן לאָנדאָן. איך האָב שוין דאָ אַ גרופּע יידישע שריפֿטשטעלערס אין ענגליש (נישט קעניג און נישט משה עובֿד), זייער באַגײַסטערטע פֿון דער כאַליאַסטרע און בכלל פֿון דער גאַנצער חבֿרה. זיי זאָגן מיר צו צו סובסידירן די שריפֿט — און זי פֿאַרשפּרייטן אין לאָנדאָן.

און בכלל, וואָס זיי וועלן נאָר קענען וועלן זיי פֿאַר אונדז טאָן. דעם 24סטן דעצעמבער האָב איך דאָ אַ רעפֿעראַט און דעם 25סטן פֿאַר איך אַפּ שוין אויף דער אמת. — —

דײַן פּרץ

יאַנואַר 1923, בערלין

מײַן ליבער זינגערותו!

איצט בין איך שוין צוויי, אָדער דרײַ טעג אַליין אַ בערלינער. שוין געהאַט די זכיה צוויי מאָל פֿאַרשוויצט ווערן אין ראָמאַנישעס קאַפֿע, וועגן וועלכער מיר האָבן אַזוי פֿיל פֿאַנטאַזירנדיק געשוויצט אין וואַרשע אויף נאַוואָליפּקי. שוין אויסגעהערט אַ ווויל ביסל מוסר פֿון גוטע פֿרײַנד. — — אַ ביסל דיפּלאָמאַטיע פֿון די "נייטראַלע" פֿאַר די "ביזנעס", אָפּגעגעבן דעם אַלבאַטראָס גרינבערגס אין רשות פֿון די ים־פֿייגלען אין בערלינער זאָאָלאָגישן גאָרטן — — און אָפּגענומען דאָס ביסל דרך־ארץ פֿאַר אונדזער כאַליאַסטרע, וואָס מיר האָבן ערלעך פֿאַרדינט. און איצט קאָן איך דיר אַליין שוין אויך זאָגן, אַז די גאַנצע מעשׂה "בערלין" איז אַן אויסגעטראַכטע. ראָמאַנישעס קאַפֿע נעמט אַרײַן אין אירע ווענט אַ פּאָר טויזנט געשפּאָלטענע דײַטשן און — אינעם רויך פֿון די דײַטשע וואָלוועלע ציגאַרן ווערן זיי אַלע [די ייִדישע עמיגראַנטן — מ. ר.] דאָ פֿאַרלוירן. — — זיי שפּילן זיך דאָ אין "קולטור", אַקוראַט ווי די קליינע קינדער שפּילן זיך אין מאַן און ווײַב, אָדער אין טאַטע־מאַמע און די עטלעכע רײַכע קרעמערס זענען יוצא אַ גרויסן נאַציאָנאַלן חובֿ, וואָס זיי וואַרפֿן אַראָפּ אַט די קונצן־מאַכערס שטיקלעך ברויט פֿון די הויכע נגידישע פֿענצטער, אײַנגעוויקלט אין דײַטשע מאַרקן — אַנשטאָט פּראָסט פּאַפּיר. — —

זײַ מיר געזונט, דײַן פּרץ

1טער פֿעברואַר 1923, בערלין

טײַערע זינגער און ראַוויטש און גרינבערג!

כאָטש איך האָב נאָך נישט באַקומען פֿון אײַך קיין ענטפֿער אויף מײַנע לעצטע בריוו, אין וועלכע איך האָב אײַך געשריבן וועגן דער פֿאַקטישער לאַגע פֿון כאַליאַסטרע, דאָך שרײַב איך אײַך נאָך אַ מאָל, ווײַל ווי עס זעט אויס שאַפֿן זיך נײַע שטערונגען צו קומען קיין וואַרשע. נעכטן מיטוואָך אין אָוונט בין איך שוין געווען גרייט מיט האַק און פּאַק אין וועג אַרײַן. איך ווייס אַפֿילו נישט ווי פּראַקטיש דאָס וואָלט געווען, נאָר פֿאַרפֿאַלן, וואַרשע איז וואַרשע. האָב איך

באַקומען אַ דעפּעש אין וועלכער מען הייסט מיר זיך אָפּהאַלטן מיטן קומען. ווי עס ווײַזט אויס, איז דאָס אין צוזאַמענהאַנג מיט דער מאָביליזאַציע, וואָס אין גיכן דאַרף בײַ אײַך פֿאַרקומען. — — איצט, נאָך אַ וואָרט צו דיר, ליבער ראַוויטש, קיין צוויי כאַליאַסטרעס זענען נישטאָ, אַזוי ווי עס זענען נישטאָ קיין צוויי ליטעראַטורן. אַז דו שרײַבסט מיר "אײַער" כאַליאַסטרע איז דאָס גלײַך ווי דו זאָלסט מיר זאָגן "אײַער יידיש". איין זאַך וויל איך, אַז פֿון דער כאַליאַסטרע זאָלן נישט בלײַבן קיין ווערטער מיט בריוולעך. אַן אַלמאַנאַך דאַרפֿן מיר ! — — קורץ : אָדער איך שיק אײַך מאַטעריאַל (אָבער נישט אויף ליגן !) אָדער איר מיר. אין דעם אָדער יענעם פֿאַל דאַרף עס געטאָן ווערן גלײַך ווי איר באַקומט דעם בריוו. אויב נישט גלײַך — וועלן מיר ווידער האָבן מאַטעריאַל, אָבער נישט קיין כאַליאַסטרע. — — איך וואָרט אומגעדולדיק. מײַן נסיעה קיין וואַרשע האָב איך פֿאַרלויפֿיק אָפּגעלייגט ביז מען וועט נישט קאָנען פֿאָרן פֿרײַ אַן פּערספּעקטיוון ווערן אַ פּוילישער זעלנער.

אײַער פּרץ

9טער אויגוסט 1923, בערלין

ליבער ראַוויטש,
איצט אַ ביסל לשמך — דאָס הייסט פֿון דײַן באַמען וועגן. וואָס הערט זיך עפּעס בײַ דיר ? קערסט שוין אַוודאי האָבן אין וואַרשע אַן אייגענע "מוריה" און מיר וועלן שוין באַלד אָנקומען צו דיר ווי צו אַ פֿאַרלעגער. אויב עס איז שוין אַזוי ווי איך טראַכט, איז די ערשטע באַשטעלונג וועט פֿאָרט זײַן די "כאַליאַסטרע". — — איך האָב שוין אַוועקגעשיקט אָפּאַטאַשון אַ בריוו, ער זאָל אַרויסשיקן דרינגענד זײַן קאַפּיטל. צו לייוויקן האָב איך אָנגעשריבן אַן עקסטרא בריוו און מיר מיט זינגערן דאַרפֿן זײַן גרייט. — — איך וועל זיך מסתמא אַרומשלעפּן נאָך אַ חודש ביז עס וועט אָנקומען פֿון אַמעריקע אַן ענטפֿער און דאַן פֿאָרן מיר זיך צונויף. — — איך פֿאַרדין נישט קיין פּרוטה. — — מײַנע גליקן מיט די "לידלעך" צו אָפּאַטאַשון — ווייסטו דאָך שוין פֿון אָפּאַטאַשוס בריוו. גיב אַ פֿרעג נחמן מײַזילן, ער האָט אויך אַוועקגעשיקט מײַנע לידער און אַרטיקלען און פֿון ערגעץ זע איך קיין פּרוטה נישט. איך ווייס נישט וואָס, נאָר זיי דרוקט מען באַלד און מען צאָלט זיי גלײַך, און בײַ מיר — אָדער די פּאָסט דערטראָגט נישט אַהין, אָדער די פּאָסט דערטראָגט נישט צוריק. — —
זײַ געזונט און שטאַרק און זײַ גרייט צו דער כאַליאַסטרע.

דײַן פּרץ

מלך ראַוויטש

21סטער אויגוסט 1923, בערלין

אַלזאָ, ליבער האַרציקער ראַוויטש, לאָמיר אונדזערע זייער זעלטענע פּאַפּיר־גריסן נישט פֿאַרוואַנדלען אין פּאָלעמיק, קריטיק און אין ענלעכע געהויבענע ״ליטעראַטור־געשפּרעכן״. סײַדן דאָס איז דאָס איינציקע, וואָס פֿאַרבינדט אונדז. מ׳גלעך. איך גלייב דאָך, אַז אונדזער נאָענטקייט איז בלויז אַ פּראָדוקט פֿון סאָציאַלער און קלאַסן־אײַנגעטיילטקייט. אין אינעווייניק, בײַ אונדזער בעסטער קעגנזײַטיקער ליבע, געהערן מיר צו פֿאַרשיידענע גײַסט־קאַטעגאָריעס. צײַטנווײַז דאַכט זיך מיר אויס, אַז ווען מען זאָל אין דײַנע אָדערן אַרײַנגיסן איין טראָפּן פֿון מײַן בלוט, אָדער פֿאַרקערט, וואָלט בײַ אונדזביידן דאָס בלוט גערונען געוואָרן. בשעת מיר לויפֿן, אָדער שרײַען צוזאַמען פֿילן מיר נישט, ווי טראַגיש ס׳ציטערט און ס׳וואַרפּט זיך איין שטים, ווען זי ווערט דורכגעשטאָכן פֿון דער צווייטער, מיר פֿילן דאָס נישט, ווײַל ווען מ׳זאָל אונדז ביידע אַרײַנלייגן דעמאָלט אַ טערמאָמעטער, וואָלט ער זיכער געפּלאַצט פֿון אונדזער היץ, נישט געקוקט דערויף וואָס די היץ איז נישט פֿון איין קאַטעגאָריע, אָדער פֿון איין און דעם זעלבן פֿײַער. אָבער נאָך דעם ווערט אומעטיק. אַ שווערער אומעט, גרעסער ווי דאָס געשריי, זעצט זיך אוועק אויף די אַקסל און לייגט זיך ווי אַ גיפּסענער באַנדאַזש צו אַן איבערגעפּאָרן האַרץ. ליבער ראַוויטש, מיר וואָלטן געוויס געקאָנט אָפּלעבן אַ גאַנץ לעבן, אַרבעטן, ״שאַפֿן״, דרוקן און טאָן און וועגן דעם זיך נישט דערמאָנען. עס איז אָפּילו נישט איבעריק נייטיק. אָבער ס׳איז נישט גוט. מיר זענען נישט אין גאַנצן דרײַסט, נישט אין גאַנצן אויפֿריכטיק איינער צום אַנדערן און ליגנערן אַ ביסל אויך, ווען עס ווערט ליטעראַריש־נייטיק. און בײַ דעם זענען מיר שטענדיק אַנגעלאָדן — און אָנהייבן רעדן וועגן דעם ווען מיר זענען נאָענט, וואָלט עס געהייסן מאַכן אַ פֿאַרזוך פֿון שיסן — איינער אין דעם אַנדערן, אין דער צײַט ווען מיר זענען אַרומגערינגלט און באַלאַגערט פֿון אַלע זײַטן. איצט — האַבנדיק זיך איינער דעם אַנדערן אויף אַ דיסטאַנץ, געענוגנדער צום רויִקן באַטראַכטן און אפֿשר ״דענקען״ — זאָג איך דיר דאָס, וואָס דו ווילסט מיר אפֿשר שוין אַ גאַנץ יאָר זאָגן און האָסט אפֿשר פּשוט קיין צײַט נישט געהאַט דערויף, ווײַל מיר זענען דאָך שטענדיק אַנגעלאָדן, כאָטש נישט מער ווי מיט ליטעראַרישע מאַנעוורען. באַזונדערס האָט מיך באַוועגט אַ ביסל מיט דיר זיך צערעדן וועגן דעם ליגן, אָדער טעות פֿון אונדזער אמתער, מענטשלעכער נאָענטקייט טאָקע גרינבערג, זײַן דריטער אַלבאַטראָס און מיט דײַן באַציִיונג צו אים.

אויף דעם פּונקט קומען זיך צונויף די ווידערשפּרוכן פֿון פֿאַרשיידענע גײַסט־קאַטעגאָריעס, וועלכע אינעם ״פּראָגרעס״ און אין דער קולטור פֿון די לעבנס־געזעצן ווערן געפּעגעטעט מיט איין סאָציאַלער קייט; ווערן אַרײַנגעוואָרפֿן ווי געפֿאַנגענע הינט אין איין קלאַסן־קעסטל, אין וועלכן יעדער הונט זוכט זיך,

וואַיעגדיק, אַ לאַך אויף אַרויס פֿון זיך. דו, גרינבערג, און איך — אַט זענען די דרײַ געפֿאַנגענע פֿון אַ באַשטימטער סאָציאַלער אָרדענונג — הינט, וועלכע רײַסן זיך צו פֿאַרשיידענע אויסגענג פֿון איין תּפֿיסה־קאַסטן. פֿון דרויסן הערט זיך דער געשריי פֿון קאַסטן, אָדער קאַמער, נומער "א" אָדער "ת", און מען נעמט עס אָן פֿאַר איין געשריי. מיר, אַליין, נעמען עס צײַטווײַז אויך אָן פֿאַר איין געשריי, פּשוט פֿון מידקייט און ענלעכקייט פֿון לײַדן. דאָס אַלץ זאָג איך דיר, ווײַל מיר גייען דאָך איצטער צו אַן ערנסטער אַרבעט פֿון דער צווייטער און פֿאַראַנטוואָרט־לעכער כּאַליאַסטרע. זאָל אונדז אַלעמען זײַן קלאָר די וועגן, די מיטלען און די סיבות פֿון האַלב צוגעמאַכטע אויגן פֿון איינעם צום אַנדערן. גרינבערגן דערלויב איך מיטן גאַנצן האַרצן האַלטן אין גאַנצן פֿאַרמאַכט די אויגן, ווײַל ער האָט פֿאַרשפּעטיקט מיט זײַן פֿילאָסאָפֿיע אויף איין האַלבן יאָרהונדערט. מיר זענען רוי און אפֿשר נאָך נישט דערוואַקסן צו אונדזער צײַט און צו דער גרויסער פּראָבלעם וואָס הייסט אין גאַנצן: "איך" אינעם זינען פֿון אונדזער קראַנקער עפּאָכע. און דערפֿאַר פּלאָנטערן מיר זיך. טאָ לאָמיר זיך לכל־הפּחות פּלאָנטערן אויפֿריכטיק. די כּאַליאַסטרע מוזן מיר אַרויסגעבן.

איך וואַרט פֿון צוקונפֿט אויף אַ פּאָר דאָלאַר איך זאָל קאָנען אָפּפֿאָרן פֿון בערלין. פֿאַרשטייט זיך, אַז אויב נישט קיין רוסלאַנד איז דאָ אין דער גאַנצער וועלט איין וועג, וואָס פֿירט קיין וואַרשע.

מיט לאָנדאָן האָב איך איבערגעריסן. פֿון דאָרט האָט מען מיר די גאַנצע צײַט קיין פּרוטה נישט געשיקט. אַ ביסל האָב איך געאַרבעט — נישט דאָס וואָס איך האָב געפּלאַנט. איך פֿאַרפֿאַרטיק צום דרוק אַ נײַ ביכל פּאָעמען. עס וועט אַהינצו אַרײַנגיין די באַאַרבעטונג און פֿאַרגרעסערטע פּאָעמע "ווײי־לאַנד", "דער אָרעמער מאָלצײַט", "פּאַריז" און אַנד. איצט נאָך אַ פּאָר ווערטער וועגן זיך. איך וועל זיך מסתּמא נאָך דעם דערשײַנען פֿון דער צווייטער כּאַליאַסטרע אומקערן קיין רוסלאַנד.

איך מוז אָנהייבן טראַכטן וועגן פּרנסה. עס האָט קיין זינען נישט אַרויסקוקן אויף אַ נישט־געצאָלט אַרטיקל און אומזיסט איבערגעדרוקט ליד. און פֿאַר די מיליאָנען, וואָס וואַרשעווער ליטעראַטן־פֿאַראיין האָט מיר פֿאַרשריבן בײַ שטאָבזיכן — קאָן איך קיין ברויט נישט עסן.

ליבער ראַוויטש — זײַ מיר מוחל אויב איך האָב דיר אומאָנגענעם געמאַכט מיט מײַן בריוול. מיר זענען שוין דערוואַקסענע מענטשן. און אונדזער שפּיל אין "געגנעראַלן" איז אַ קינדישע. זײַ מיר געזונט און שטאַרק און שרײַב מיר אָן.

דײַן פּרץ

8טער יאַנואַר 1927, מאָסקווע

טייערער ראַוויטש,

נו, איך מײַן, אַז נאָך דעם ווי מיר האָבן זיך גאַנצע זעקס חדשים צוגעהערט איינער צום אַנדערן פֿון דער ווײַטנס מעג מען זיך כאָטש געבן אַזאַ צייכן, אַז מיר ווייסן איינער פֿון אַנדערן. איך מיין דײַנע אַרטיקלען. עס איז מיר אויסגעקומען דאָ זייער פֿיל צו רעדן איבער זיי און בײַ מיר איז שוין פֿאַרטיק אַן ענטפֿער אויף זיי. איך ווייס נאָך נישט ווו איך וועל אים דרוקן. דערווײַל האָב איך דאָ אָנגעגעבן צום דרוקן אַן אַרטיקל וועגן דער יִדישער ליטעראַטור אין פּוילן. אַ גרויסן אַרטיקל: פֿון ווײַסענבערגן ביז קירמאַנען. אַלץ אַרומגערעדט אָדער אַרומגערכילותט. דאָ איז די לאַגע אומגעפֿער אַזוי:

עפּעס גאַנץ רוסלאַנד טראָגט די פֿרײַהייט ווי דער זעלבער די ווינטאָװקע. איז — גריסן זיך בשאת [דאָ האָט מאַרקיש געמאַכט אַ טעות אין דעם פֿאַנעטישן אויס־לייג — מ. ר.] מען טראָגט די ווינטאָװקע טאָר מען נישט, אָבער שטעכן זיך מיט איר — דאָס מעג מען יאָ. דערפֿאַר איז דאָ אַזוי אָרט [אַן אומפֿאַרשטענדלעך וואָרט — מ. ר.] און אַזוי מאָדנע מיספֿאַרשטייענדיק. אי סע שטעכט און אי דער שטאָך איז פֿון דער פֿרײַהייט. און בלאָזן זיך איז נישטאָ אויף וועמען. ס׳וואַקסן אויס צען טראַגישע יאָר — ווערט מען שטיל. אָט אַזוי גייט עס ״מאַנטיקדיק״.

און מיט יִדיש איז די מעשה [אויסגעלייגט טראַדיציאַנעל — מ. ר.] אַזוי: די 99% ״כלל ישׂראל״ ווילן ווערן אויס! ווילן — נישט ווערן! דער איין פּראָצענט ״שורש ישׂראל״ איז אַזוי ווי דער רויטער שאַנדצייכן אויפֿן יִדן אין מיטל־עלטער. אָבער יִדיש — טרעט אַרײַן אין פֿאַזע פֿון אַ קאַסטע. אפֿשר וועט עפּעס דערפֿון זײַן.

ליטוואַקאָוו מיט דעם גאַנצן יִדישן אָפּיציאָז — שלעפּן זיך נאָך ווי אַן אײַנגעריכטע צויט אונטער איוואַנס לאַפּטשעס. ער איז אויך מער טראַגיש ווי קאָמוניסטיש. אָבער אַ פּאָר ווילע כבֿרה [ווידער אַ טעות אין פֿאַנעטישן אויסלייג — מ. ר.] זענען דאָ פֿאַראַנען. אויף וויפֿל עס וועט קלעקן איז שווער צו זאָגן. ווײַל מען ווייסט נישט אויף וויפֿל עס וועט קלעקן אין פֿאָלק. אונדזער ביסל יִדישקייט האַלט זיך נאָך אויפֿן עם־הארצות. וואָס ווייניקער עס בלײַבט עם־הארצות אַלץ ווייניקער בלײַבט יִדיש. אין דעם זינען איז רוסלאַנד די געפֿערלעכסטע באַזע.

און אַזוי איז אַלץ ווי עס באַדאַרף צו זײַן. בײַ מיר פּערזענלעך איז נאָך אַלץ זיך נישט באַשטימט. איך האָב פֿאַרקויפֿט אַ גרויסע פּאָעמע, 8־10 דרוקבויגנס, דער קיִעווער קולטור־ליגע און דרוק אין די פּאָר זשורנאַלן, וואָס גייען דאָ אַרויס. רויטע וועלט און שטערן.

מײַן אַרטיקל האָסטו געלייענט. איך האָב זיי עפּנטלעך געמאָלדן, אַז איך וויל ווידער אָװעקפֿאָרן. שרײַב דײַן מיינונג וועגן מײַן אַרטיקל און שיק מיר דעם אָפּרוף

פֿון דער פֿאָלקס־צײַטונג. וועגן מײַן ראָמאַן פֿיר איך שוין אונטערהאַנדלונגען. עס איז מיר פֿון דעסטוועגן אַ שאָד, וואָס דו קענסט זיך נישט אָראָפּכאַפּן אַהער אויף אַ שטיקל צײַט. עס שאַדט נישט. איצט פֿאָר איך קיין קיִעוו און וואַרט אויף דײַן בריוו. זײַ מיר געזונט און גיב איבער זינגערן, אַז ער זאָל מיר אָנשרײַבן וועגן זײַן פּלוצלונגדיקן אוועקפֿאָרן. [זינגער איז אין יענער צײַט געווען אַלס קאָרעס־פּאָנדענט פֿון פֿאָרווערטס אַ צײַט לאַנג אין רוסלאַנד — מ. ר.].

דײַן פּרץ

מײַן אַדרעס: קיִעוו, קולטור־ליגע, קראַסנאַאַרמייסקאַיאַ 43.
שיק מיר אַרויס דעם אַלמאַנאַך. [געמיינט זיכער די וואַרשעווער שריפֿטן, וואָס זענען צו יענער צײַט דערשינען — מ. ר.].

2טער אָקטאָבער 1928, קיִעוו

מײַן טײַערער ברודער ראַוויטש!

עס רײַסט מיר דאָס האַרץ פֿאַר דײַן יעדן וואָרט — פֿון דײַן וואָרט איבער זיך אַליין, איבער דער ליטעראַטור און איבער אַלץ, און פּונקט אַזוי רײַסט מיר דאָס האַרץ פֿאַר זינגערן. (און געוויס טוט דיר ווי דאָס האַרץ פֿאַר מיר). אָבער הער מיך אײן מאָל אויס, ראַוויטש, אַזוי ווי עס באַדאַרף צו זײַן. קיין טאָם (תהום) [די דאָזיקע צוויי ווערטער זענען אַזוי געשריבן געוואָרן צוזאַמען — מ. ר.] האָט זיך נישט אויפֿגעעפֿנט צווישן אונדז. עס איז נישט ריכטיק. עס ליגט נאָר צווישן אונדז אַ שמאָל פּאַסיקל, וואָס הייסט "גרענעץ" פֿון לאַנד צו לאַנד, פֿון אַ לאַנד ווו מען גייט מיט צעריסענע שיך איבער אַ גוטער וואַרעמער ערד — ביז אַ לאַנד, ווו מען גייט אין אָפּגעפּוצטע לאַקשיך — נישט אויף ערד, נאָר אויף גלאָז און אַ סך פּאַר־זשאַווערטע טשוועקעס. און אָט דאָס לעצטע לאַנד איז דײַנס. אָט דאָס לאַנד פּאַליעסאַ [אַן אומפֿאַרשטענדלעך וואָרט — מ. ר.] און פֿון דעם דאָזיקן לאַנד ווילסטו אויסשלאָגן דײַן דיכטערישע פֿרײַקייט. גלייב מיר, אַז עס איז נישט ריכטיק, ווען מען זאָגט דיר, אַז מיר זענען דאָ געצוווּנגען צו שרײַבן לויט אַן אָנווײַזונג פֿון אויבן. איך מיין "נישט געדײַגעט" איז שלעכט, איז עס דערפֿאַר ווײַל איך האָב עס בעסער אָנשרײַבן נישט געקענט. און כּדי זאָלסט זיך איבערצײַגן אין דער נישט־ריכטיקייט פֿון דײַן געדאַנק, אַז מיר זענען דאָ נישט פֿרײַ — טאָ נעם, לייען איבער מײַן פּאָעמע אין נומער 5 פֿון רויטער וועלט, לייען מײַן דערציילונג, וואָס דרוקט זיך אין איצטיקן אָקטאָבער־נומער פֿון רויטער וועלט. ענדלעך וועסטו לייענען דאָס בוך, וואָס דאַרף באַלד אַרויס. פֿון דעם אַלעמען וועסטו זען, אַז דו ביסט זיך טועה.

אָביעקטיוו איז נישט פֿאַראַנען קיין צוואַנג צו שרײַבן אַזוי אָדער אַנדערש; פֿאַרקערט — סוביעקטיוו — ווײַל יעדער פֿון אונדז צוליב אונדזער פּערזענלעכער קינסטלערישער נויטווענדיקייט מיט פֿולן באַוווסטזײַן און פֿרײַען ווילן שרײַבן אין אײַנקלאַנג מיט דער צײַט, מיט דער עפּאָכע. פֿאַרגעס נישט, אַז מיר קומען אין באַרירונג מיט אַרבעטערס, מיט יידישע פּויערן, מיט מאַסן און עס גלוסט זיך מיט זיי רעדן און פֿאַר זיי רעדן און האָבן מיט זיי געמיינזאַמס. זאָלסט זײַן איין טאָג דאָ בײַ אונדז אין לאַנד, וואָלסטו זיך דעם קאָפּ צעשלאָגן פֿאַר פֿרייד, וואָס וואַקסט צווישן דעם גרויסן בראָך. אַז מען זיצט אין וואַרשע און מען שרײַבט וועגן די שווייסיקע פֿרײַטיק־צו־נאַכטן אין ליטעראַטן־פֿאַראיין מיט די גראַשעוואַטע צאָרעס איז עס באַרעכטיקט. איז עס פֿרײַ. פֿון דער דיקטערישער פֿרײַהייט. און אַז מען שרײַבט וועגן דער רעוואָלוציע, וועגן דעם איבערגעבורט פֿון אַ פֿאָלק און פֿון פֿעלקער — איז עס דווקא אומפֿרײַ.

עס איז נאָר אַ פֿראַגע וועגן שרײַבן גוט — קינסטלעריש. אָבער נישט וועגן צוואַנגען פֿון דרויסן. קיינער צווינגט קיינעם נישט. אויב עס איז פֿאַראַנען צוואַנג גייט ער פֿון אינעווייניק. פֿון אונדז. מיר קענען נאָך דאָ קיינער נישט שרײַבן גוט און קינסטלעריש וועגן אָט דעם גרויסן, וואָס טראָגט אונדז. לערנען מיר זיך און מיר מאַכן טאָעסן. אָפֿט זענען מיר לעכערלעך, אָבער מיר גייען און האָבן אַן אַדרעס וווהין. און מיר ווייסן, וואָס מיר ווילן.

קום, זאָג איך דיר, ראַוויטש, צו פֿאָרן צו אונדז, וועסטו דאָס אַליין דערפֿילן און וועסט זיך געפֿינען. איך וואַרף דיר נישט קיין ווערטער גלאַט אין דער וועלט אַרײַן. איך זאָג עס מיט דער גאַנצער אַכראַיעס פֿון מײַן געוויסן. קום צו פֿאָרן און פֿאַרזוך איין מאָל אין דײַן לעבן, אַרײַנגיין אין מעלוכע־פֿאַרלאַג — אין ברידערלעכער געזעלשאַפֿט פֿון אוקראַיִנישע, רוסישע שרײַבערס און דערפֿיל, אַז די מעלוכע טראָגט פֿאַר דיר זאָרגן און קויפֿט בײַ דיר ביכער און קלערט ווי אַזוי אַרום דיר שאַפֿן מיגלעכקייטן צו אַרבעט און פּרווו דעמאָלט זײַן נישט־פֿרײַ!

איצט וועגן אַנדערע זאַכן: ראָכל קאָרן איז אַ גרויסע דיכטערין. איך בין געווען איבערראַשט פֿון אירע אייניקע לידער (דער שינדער און אַנד.). זי האָט אונדז אין לידער איבעררשטיגן. ס'איז בעעמעס אַ יאַנטעוו. איר בוך וועט זײַן אַזאַ, וואָס די ליטעראַטור האָט שוין לאַנג אַזאַ נישט געזען. גריס איר האַרציק פֿון מיר און בעט, זי זאָל גיכער אָנשרײַבן. זאָלסט מיר שיקן איר בוך. איך וועל וועגן דעם דאָ שרײַבן און לאָזן אייניקע זאַכן איבערזעצן אויף רוסיש.

און איצט, זײַ מיר געזונט און האָט נישט וועגן אונדז אַזאַ פֿאַרפֿירטע מיינונג. פֿאָרן לעצטן ביסל ענערגיע, וואָס וואַרשע האָט נאָך נישט באַוויזן אויפֿפֿרעסן בײַ דיר — קום צו פֿאָרן!

איך קוש דיך — דײַ פּרץ

18טער יאַנואַר 1932
מאָסקווע, אַדרעס: סאַדאָוואַיאַ 6

טײַערער, טײַערער האַרציקער ראַוויטש!
איך וויל דיר אַ סך דאַנקען. אין קיין בריוו, פֿיל איך, וועט עס נישט אַרויסקומען. איך וואָלט מיט דיר צוזאַמען זיך אויסגערעדט און עפּשער אויך צוזאַמענגערעדט. אַזוי פּאַשעט מענטשלעך — אָן דײַנע הומאַניסטישע און אָן מײַנע סאָציאַלע כקירעס. ס'ווילט זיך מיר שוין מיט דיר זיצן אַ ביסל אין איינעם, מיר זאָלן איינער דעם אַנדערן זיך דערמאָנען, אַז מיר זענען שוין ביידע באַלד זקיינים און מיר האָבן נאָך ביידע קימאַט גאָרנישט אויפֿגעטאָן.
אַי ראַוויטש, ראַוויטש — עפּשער וואָלסטו זיך אויף דער עלטער גענומען אַ שטעקן און אַוועקגעגאַנגען צו אונדז אין ראַטן־פֿאַרבאַנד זיך אָנוואַרעמען די ביינער און אָפּפֿרישן אונדזער "אלף־בית".
עס איז בײַ אונדז דאָך — בעסער ווי אומעטום! בעסער, בעסער, בעסער, טײַערער ראַוויטש, זאָלן מיר נאָך ביידע אַזוי אָנשרײַבן אַ פּאָר גוטע זאַכן אויף אונדזער לעבן, ווי בײַ אונדז איז בעסער. עס טוט מיר וויי דאָס האַרץ פֿאַר דיר און פֿאַר זינגערן, וואָס איר זענט דאָרטן אײַנגעמויערט אין די ווענט פֿון דער בונדישער דעמאָקראַטיע.
נו, וועגן דעם — ווייס איך — וועסטו מיט מיר נישט וועלן רעדן איז — נישט. איז שיק מיר אַרויס דײַנע אַ ל ע ביכער אויפֿן אַדרעס פֿון רעדאַקציע עמעס. לאָמיך האָבן דײַנע ביכער. איך וואָלט דיר אַרויסגעשיקט מײַנע — איז לאָזט זיי די פּוילישע צענזור נישט דורך.
זײַ געזונט — דײַן פּרץ — מיט אַ האַרציקן קוש.
פֿאַר וואָס וויל מיר זינגער נישט אָנשרײַבן? שרײַב אָן!

פרץ מאַרקיש

דער מענטש — דער ייִד — זײַן ווערק

א

טיפֿער גורל האָט אי צוגעצויגן און אי אָפּגעשטויסן דרײַ ייִדישע פּאָעטן אין די יאָרן באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, וואָס האָבן זיך באַגעגנט — אין יענע צעשטורעמטע פֿרילינגדיקע צײַטן, אויף אַ ווילדשווימענדיקער קרײַע, וואָס האָט זיך גערופֿן ״כאַליאַסטרע״. די דרײַ פּאָעטן: אורי צבֿי גרינבערג, פּרץ מאַרקיש און — דער שרײַבער פֿון די שורות.

איז עפּעס שותּפֿותדיק געווען בײַ די דרײַ? עפּעס, וואָס האָט מאַגנעטיש צוגעצויגן? יאָ!

דאָס איז געווען און געבליבן אַ גליִענדיקע אהבֿת־ישׂראל, אַ גורלדיקע אהבֿת־ישׂראל. אַוודאי מוז יעדער דיכטער פֿון אַ פֿאָלק פֿאַרמאָגן ליבע צו זײַן פֿאָלק. אָבער אין דער ליבע זענען דאָ מדרגות און ליבע ממש פֿון דער העכסטער מדרגה צו זײַן פֿאָלק האָט פֿאַראייניקט אַלע די דרײַ.

גרינבערג איז געקומען פֿון לעמבערג, מאַרקיש פֿון וואָלין, דער דריטער פֿון ווין. אַלע דרײַ האָט געצויגן די גלאָריע פֿון וואַרשע, ווו עס איז נאָר וואָס — מיט דרײַ, פֿיר יאָר צוריק, אונטערגעגאַנגען די זון, וואָס איר נאָמען איז פּרץ. לאַנג, לאַנג אין דער נאַכט אַרײַן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן, איז נאָך געשטאַנען איבער וואַרשע דאָס רויטלעכע ליכט פֿון דער שקיעה... און דאָס ליכט האָט געצויגן, געוועקט גרויסע האָפֿענונגען, ווײַל ליכט פֿון שקיעת־השמש און זריחת־השמש זענען ענלעך צו זיך.

גרינבערג, וואָס איז גלײַכצײַטיק געווען אַ העברעיִשער דיכטער האָט, קאָנ־סעקווענט, דערזען זײַן היים אין ארץ־ישׂראל; מאַרקיש, וואָס איז געווען פֿאַרכליבעט און פֿאַרגלייבט אין דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, וואָס ער האָט מיטגעמאַכט אין די יאָרן 1917 און 1918, האָט אין אָט דער רעוואָלוציע געזען אויך די ייִדישע ישועה. דער דריטער האָט געזען די ישועה אין וואַרשעווער המשך, ער איז געווען דער קאָנסערוואַטיווסטער פֿון די דרײַ. און אַלע דרײַ האָבן געצויגן די קאָנסעקווענצן פֿון זייערע אײַנשטעלונגען, אַראָפּ פֿון דער קרײַע ״כאַליאַסטרע״, צוויי זענען אַוועק אין צוויי באַזונדערע שיפֿלעך, אין באַזונדערע ריכטונגען, קיין ירושלים, קיין

מאָסקווע; דער דריטער האָט געדאַרפֿט בלויז צושלאָגן מיט דער קריִע צום ברעג — וואַרשע.

ב

אַז פּרץ מאַרקיש איז אין יאָר 1921 געפֿאָרן פֿון יונגן ראַטן־פֿאַרבאַנד איינ־צונעמען וואַרשע פֿאַר זײַנע ליטעראַרישע אידעען, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אַ שטיקל צײַט אין ווילנע. דאָ האָט אים דער גרויסער ענטוזיאַסט פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור זלמן רייזען געקרוינט מיט דעם טיטל "יונגער נבֿיא". מאַרקיש, וואָס איז שוין דעמאָלט געווען אַ מענטש מיט אַ ממש גליִענדיקער אַמביציע, אָבער נישט קיין באַרימער, האָט דאָס הויכע, העכסטע וואָרט וועגן אים קיין מאָל נישט דערמאָנט צווישן פֿרײַנד. טיף אין זײַן נשמה האָט עס אייביק פֿערמענטירט און געטריבן כּסדר פֿאָרויס און פֿאָרויס און כּסדר אויך אין דער טיף אין זיך, און כּסדר אין דער הויך, אויף געזען און געהערט צו ווערן אין דער ייִדישער וועלט. דער "יונגער נבֿיא", געבוירן אין פּאָלאָנאָיע, וואָלין, דעם 7טן דעצעמבער 1895, איז דעמאָלט אַלט געווען פֿינף און צוואַנציק יאָר.

מאַרקיש האָט היפּשלעך אַ סך געלערנט אין חדר, נישט ווייניק בײַ זײַן אייגענעם פֿאָטער, דערצו איז ער אַ ריי יאָרן געווען אַ משורר בײַ אַ חזן און ער האָט פֿאַרמאָגט אַ סאָלידע, טראַדיציאָנעלע ייִדישע באַזע. אין די יאָרן 1918־1920 זענען צוגעקומען אַ סך בלוטיקע לעקציעס פֿון דורכגעמאַכטע פּאָגראָמען. אין יאָר 1921 האָט זיך אַפֿילו פֿאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז ער איז אַליין געווען אַ קרבן פֿון אַ פּאָגראָם. אהבֿת־ישׂראל האָט אויסגעפֿילט זײַן נשמה ביז אין לעצטן ווינקל. גלײַכצײַטיק אָבער אַ פֿלאַמענדיקע ליבע, נישט נאָר איבערצײַגונג, נאָר ממש ליבע, צום ראַטן־פֿאַרבאַנד, אין וועלכן ער האָט געזען די רעטונג פֿון דער מענטשהייט און די פֿולשטענדיקע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַפֿרײַונג פֿון זײַן אייגן פֿאָלק, דעם ייִדישן. ער האָט נישט נעגירט די עקסיסטענץ און די עקסיסטענץ־באַרעכטיקונג פֿון ייִדישע צענטערס חוץ דעם ראַטן־פֿאַרבאַנד, ער האָט אָבער אין מאָסקווע געזען דעם צענטער פֿון די צענטערס. אין יאָר 1925, אפֿשר 1926, זענען אונטער מאַרקישעס אָנפֿירונג פֿאָרגעקומען אין וואַרשע און אין אַ ריי שטעט אין פּוילן סימפּאָזיומס מיט דעם נאָמען "וואַרשע, ניו־יאָרק, מאָסקווע, ירושלים", אין וועלכע מאַרקיש האָט געמאַכט זײַנע אויספֿירן. נישט גלייבנדיק, אַז ירושלים קען ווערן אַ פּאָליטישער צענטער פֿאַר ייִדן, האָט ער אויך נישט געגלייבט — דעמאָלט, אין יאָר 1925, אפֿשר האָט ער שפּעטער זײַנע מיינונגען געענדערט — אין אַ צוקונפֿט פֿאַר דער מאָדערנער העברעיִשער ליטעראַטור. העברעיִש האָט ער געקענט און ליב געהאַט בלבֿ ונפֿש און אין זײַנע ווערק זיך נישט נאָר באַנוצט מיט אַ מאַקסימום העברעיִזמען, נײַערט אויך מיט פּסוקים.

דער ראַטן־פֿאַרבאַנד האָט מאַרקישן, ווען ער איז אין יאָר 1928 אויף שטענדיק אַהין צוריקגעקומען, פֿערזענלעך און געזעלשאַפֿטלעך געגעבן אַלע מעגלעכקייטן

צו אַרבעטן אין דער ברייט און אין דער טיף. ער האָט זיך ממש פֿול אויסגעלעבט סײַ אַלס ייִד און סײַ אַלס בירגער פֿון לאַנד. רוסיש האָט ער גוט געקענט. אין דער ערשטער צײַט פֿלעגט ער רופֿן ייִדישע שרײַבערס צו באַזעצן זיך אין פֿאַרבאַנד און אויך דער שרײַבער פֿון די שורות האָט נישט איין בריוו־רוף אַזאַ פֿון זײַן יוגנט־חבֿר באַקומען. אַ מיטגליד אין דער פּאַרטיי איז מאַרקיש, אויף וויפֿל איך ווייס, קיין מאָל נישט געוואָרן. דאָס האָט אָבער נישט געמינערט זײַן לאָיאַליטעט צום פֿאַרבאַנד. אָרדנס האָט ער געהאַט אַ סך. און פֿון די העכסטע. באַקומען זיי פֿאַר זײַנע פּאַטריאָטישע ווערק.

די ייִדישע שרײַבערס פֿון דער וועלט, אפֿשר אויך די העברעיִשע שרײַבערס, די פֿון עלטערן דור אַוודאי, זענען מאַרקישן אַלע מאָל אַנגעאַנגען. פּאָזיטיוו, צי נעגאַטיוו, מאַרקיש האָט כּסדר אַרויסגעוויזן אויך אַ גרויסע פֿאַראינטערעסירונג מיט דעם ייִדישן וועלטפֿאָלק, געוואָלט אים זען גליקלעך און זיך אַנטוויקלען אין זין פֿון זײַנע אידעיִשע אײַנשטעלונגען.

דעם גרעסטן טייל פֿון זײַנע סאָוועטישע יאָרן האָט מאַרקיש געוווינט אין מאָסקווע, וווּ עס איז קאָנצענטרירט געווען דער גרעסטער ייִדישער ייִשוב אין ראַטן־פֿאַרבאַנד — אַרום אַ דריטל ביז אַ האַלבער מיליאָן. און דאָ האָט זיך אַנגעהויבן אַ טראַגישע סתּירה אין זײַן לעבן. די זעלבע סתּירה, וואָס האָט באַגלייט מאָריס ראָזענפֿעלדן אין זײַן צײַט, אין איר פֿאָרעם. אַז מאָריס ראָזענפֿעלדס געליבטער זון, וואָס איז אַזוי טראַגיש יונג געשטאָרבן, האָט אָנגעהויבן שרײַבן לידער אין ענגליש, האָט דער פֿאַרליבטער פֿאָטער זיך נאָר געפֿרייט מיט דעם פֿאַקט פֿון די לידער, ער האָט אַפֿילו עטלעכע פֿון זיי איבערגעזעצט אין ייִדיש. אַז דער זון פֿון איינעם פֿון די גרעסטע דיכטערס בײַ ייִדן, אין דער שוין דאַן גרעסטער ייִדישער שטאָט, וואָס האָט דערצו דעמאָלט כּמעט דורכויס גערעדט ייִדיש, שרײַבט אין ענגליש — דאָס האָט דער פֿאָטער אַפֿילו נישט באַמערקט. אויך אין מאַרקישעס שטוב אין מאָסקווע איז געוועזן די זעלבע סתּירה, די זעלבע טראַגישע סתּירה. מיר איז עס אויסגעקומען צו זײַן אין יאָר 1935 בײַ מאַרקישן אין שטוב אין מאָסקווע. דער איינציקער מענטש, וואָס האָט דאָרט גערעדט ייִדיש איז געווען זײַן סעקרעטאַר, אַן עלטערער ייִד. איך דערמאָן דאָ דעם פֿאַקט אין אָט דעם עסיי, ווײַל איך וויל, אַז דאָס דראַמאַטישע בילד פֿון מײַן טײַערן יוגנט־חבֿר און גרויסן־גרויסן דיכטער זאָל אַרויסקומען אַזוי עכט און אומפֿאַרפֿעלשט ווי לעבן אַליין.

זאָל מיר דערלויבט זײַן דעם אָפּשניט פֿון אָט דער אַרבעט צו פֿאַרענדיקן מיט אַ ציטאַט פֿון מײַנס אַ ליד, געשריבן אין יאָר 1936, „פֿאַרטאָג־תּפֿילה אויפֿן ים פֿאַר ייִדישע פּאָעטן“:

און פֿאַר פּרץ מאַרקישן בעט איך דיך, גאָט,
פֿאַר מאַרקישן מיט זײַן שיינעם קאָפּ,

וויַ דו אַליין, שיין,
ווי דו אַליין, אין דײַנע יונגע יאָרן,
זײַנע ווילדע בילדער, זײַנע ווילדע לידער, זענען
פֿייגל, וואָס זענען איבער אַלע וועלטן געפֿלויגן —
און איצט זענען זיי מיט צעבראָכענע פֿליגל
צוגעפֿאַלן צו די מויערן פֿון קרעמל, צו די קאַלטע ציגל,
און עס דאַכט זיך זיי און זייער זינגער,
אַז זיי האָבן געפֿונען די פֿײַערדיקע רוט,
וואָס נעמט נקמה פֿאַר יִדישע טאַטעס און מאַמעס
און שוועסטערס און ברידערס פֿאַרגאָסן בלוט.
און ווײַל עס ברענט אים, ווײַל ער האָט זיך אין דעם בלוט,
אין זײַן "קופּע" געוואַלגערט,
קושט ער איצט מיט זײַנע געטלעכע ליפּן די פֿײַערדיקע נקמה־רוט.
טו, גאָט, אַז זײַן גלייבן זאָל אייביק געדויערן. —
רײַס אים נישט מער אַוועק פֿון די קרעמל־מויערן,
פֿון זײַן טרוים פֿון לעצטן גליק
אין אונדזער איינזאַמער וועלט פֿון פֿאַרצווייפֿלונג צוריק.

איך ווייס נישט צי מאַרקיש האָט ווען עס איז דאָס ליד געלייענט און, אויב ער האָט עס געלייענט, צי האָט ער כאָטש טיילווײַז מסכּים געווען מיט מײַן קאָנצעפּציע. די געשיכטע, אַזוי ווײַזט עס אויס, לערנט אונדז, אַז זי איז נישט ווײַט אַוועק פֿון דעם אמת. מאַרקיש האָט זיך מיט זײַן גאַנצן התלהבֿות אָנגעהאַלטן אָן די קרעמל־מויערן ביז צו יענעם נאָוועמבער אין יאָר 1948, ווען אַ פֿאַרניכטנדיקע האַנט האָט אים פֿון די מויערן יאָ אַוועקגעריסן. ווו איז ער הײַנט? ווו? — איך פֿרעג, און — קיין ענטפֿער איז נישטאָ.

ג

מאַרקישעס פֿיזישע שיינקייט איז יאָרן לאַנג געווען אין פּוילן ממש אַ שם־דבֿר. ער איז אַזוי שיין געווען, אַז ער האָט אַזש... נישט געהאַט קיין דערפֿאַלג בײַ פֿרויען. ער איז געווען צו שיין, און זיי האָבן מורא געהאַט צוצוגיין נעענטער, כּדי זיך נישט אָפּצובריִען אויף אַ לעבן לאַנג. און מאַרקיש אַליין האָט זיך נישט צו פֿיל אָפּגעגעבן מיט זײַנע ראָמאַנטישע איבערלעבונגען. קיין נזיר איז ער נישט געווען. ער האָט אָפֿילו נישט אין גאַנצן פֿײַנט געהאַט דעם ביטערן טראָפּן. ער איז לייכט שיכּור געוואָרן און האָט דערפֿון זייער געליטן. אויך פֿיזיש. אָבער עפּעס אַ געהיימע קראַפֿט האָט אים גאָר באַלד אויסגעניכטערט און אין עטלעכע שעה אַרום, אָפֿט נאָך אַ דורכגעוואַכטער נאַכט, פֿלעגט ער זיצן מיט דער געדולד פֿון אַ

מוראַשקע בײַ זײַנע געדיכט געשריבענע מאַנוסקריפּטן. אַ שריפֿט האָט ער מיט נידעריקע, ברייטלעכע אותיות — און ער שרײַבט און שרײַבט איבער און איבער און פֿאַרריכט אָן אָן אויפֿהער. ער פֿלעגט שרײַבן זייער שווער און זייער לאַנגזאַם זײַנע שטראָמיקע לידער, זײַן געדיכטע פּראָזע, זײַנע באַרעדעוודיקע דראַמעס. פֿאַרטיקערהייט האָט עס אויסגעזען, ווי אַט דער פּאַטעטישער שטאָף וואָלט עקס־פּלאָדירט פֿון זײַן פּעדער, ער האָט אים אָבער מיט שווערער פֿאַראַנטוואָרטלעכער מי אַרויסגעריסן פֿון דער טיף פֿון זײַן נשמה, וואָס האָט די אַלע עקסטראַוואַגאַנצן גענומען זייער ערנסט. ענלעך זענען אויך געווען זײַנע רעדעס און ער איז אין יענע פּוילישע יאָרן (מיט איבעררײַסן) פֿון 1921 ביז 1928 געווען באַטראַכט פֿאַר אַן ערשטקלאַסיקן אָראַטאָר. האָט עמעץ פֿון דער ווײַטן געהערט זײַן רעדע — האָט זיך געדאַכט, אַז אַ באַרגשטראָם מיט רייד גיסט זיך דאָרט ערגעץ. פֿון דער נאָענט האָט מען געזען די ספּאַזמען פֿון זײַן גאַנצן לײַדנדיקן וועזן, האָט מען געזען ווי ער רײַסט ממש מיט שטיקער לײַב זײַן רעדע אַרויס פֿון זיך, ווי ער קנײַפּט זי פֿון זײַן נשמה אַרויס. זײַן אַנצוג פֿלעגט נאָס ווערן אויף אים ווי דאָס העמד פֿון אַ ריקשאַ, ווען ער פֿאָרט מײַלן ווײַט באַרג־אַרויף.

אוודאי האָט מאַרקיש געהאַט אַ פּערזענלעך לעבן און אַפֿילו אַ גאַנץ אינטענסיוו, אָבער אַלץ איז בײַ אים געווען זײַן דיכטערישע שליחות, זײַן ייִדישע דיכטערישע שליחות. ער האָט ערנסט געזוכט צו פֿאַרבינדן פֿעדעם פֿון דער נבֿואה פֿון עמוס, פֿון זכריה, פֿון ישעיה מיט די פֿעדעם פֿון דעם ברענענדיקן קנויט פֿון זײַן אייגענער דיכטונג. און עס איז קיין צופֿאַל נישט וואָס זײַן דיכטונג איז כּמעט דורכויס סאָציאַל. סאָציאַל און נאַציאָנאַל. אין בעסטן פֿאַל דיכטערישע עפּיק, וואָס איז אויך פֿול מיט סאָציאַלע שײַכותן. קליינע אויסנאַמען זענען אין דעם גרויסן פֿילבענדיקן — כּאָטש נישט צוזאַמען אַרויסגעגעבענעם ספֿר פֿון זײַנע לידער — די נאַטור־שילדערונגען. אין זיי האָט ער זיך פּשוט נישט געקענט אַנטקעגנשטעלן זײַן ליבע צו בילדערישקייט. אין זײַנע לידער הויבן זיך בילד אויף בילד אָפּט אַרויף און אַרויף, איינס אויפֿן אַנדערן, ווי די עלף דעכער פֿון דער בודיסטישער פּאַגאָדע, אַרויף, אַרויף ביז דעם הימל ממש.

ער איז איינער פֿון די ווינציקע, און אפֿשר דער איינציקער גרויסער דיכטער בײַ ייִדן אין דער מאָדערנער צײַט, וואָס האָט קיין מאָל קיין ליבע־לידער נישט געשריבן. יעדנפֿאַלס נישט געדרוקט. אין דעם זינען באַגעגנט ער זיך מיט די דיכטערס פֿון דער השׂכּלה פֿון פֿאַר הונדערט יאָר. אויך זיי האָבן נישט געקענט פֿאַרשטיין, ווי מען קען אין אַזאַ ביטערער וועלט, פֿול מיט לײַדן און מיט פּראָבלעמען, זיך אָוועקזעצן בענקען צו אַ געליבטער. אַזוי אויך מאַרקיש, דער אולטראַמאָדערנער דיכטער.

ד

געווען אַ סך געזאַמלטע אויסגאַבעס פֿון די ווערק פֿון פּרץ מאַרקיש. נישטאָ אָבער — און ווער ווייסט ווען עס וועט זײַן — אַ פֿולע אויסגאַבע. זײַן בוך „פֿאָטערלעכע ערד", אַרויסגעגעבן דורך דעם „אוקרמעלוכענאַצמינד־פֿאַרלאַג", אין קיִעוו, אין יאָר 1938, אַנטהאַלט 392 זײַטן און איז דערשינען אין 1,500 עקזעמפּלאַרן. עס איז, ווי־זט אויס, אַ מין זעלבסט־אַנטאָלאָגיע. אין אַט דעם בוך זענען דאָ — אין אַ קווערשניט — אַלע סאָרטן לידער און פּאָעמעס, וואָס מאַרקיש האָט ביז דעמאָלט געשריבן, אַפֿילו דאָס באַרימטע ליד זײַנס „קומט צו מיר פֿאַרנאַכט אַ שאָף", געשריבן אין יאָר 1917, צו זײַנע 22 יאָר. עס איז אָבער נישטאָ קיין סימן פֿון די לידער פֿון דער „קופּע", דעם טראַגישן קדיש פֿון דעם דיכטער אויף די אוקראַיִנישע פּאָגראָמען פֿון 1918־1919. די אידיליע „וואָלין", באַענגט צו 40 זײַטן, געשריבן אין יאָר 1918, איז אָבער יאָ דאָ אין דער אַנטאָלאָגיע. אַזוי איז אין יענער צײַט געווען די ליניע: לעבנסלוסטיקער אויפֿבוי פֿון לעבן, אין ערגסטן פֿאַל אַ ביסל אומעט, אָבער גלײַכצײַטיק ווילן צו באַפֿרײַען זיך פֿון אים. און דאָס גאַנצע בוך הייבט זיך אָן מיט אַ ליד־הקדמה פֿון דעם דיכטער, ווו עס קומט צום אויסדרוק זײַן לײַדן צוליב דער נויטווענדיקייט זיך אַרײַנצופּאַסן, זײַן מוזן זיך אָפּזאָגן פֿון זײַנע ייִדיש־טראַגישע לידער. אָט אַזוי פֿאַרזינגט־פֿאַרוויגט ער אין זיך אַליין אָט דעם ייִדישן טרויער זײַנעם, אָט דאָס מוזן ברענגען ליד־קרבנות צוליב העכערע סאָציאַל־פּאָליטישע נויטווענדיקייטן:

ס'טוט אפֿשר ווי דעם שטיין,
ווען שטײַפֿע פֿײַל אים פֿײַלט און פֿורעמט, —
אויף יעדן קנאַל פֿון אָפּגעהאַקטן טייל
קריצט אפֿשר אויף אין פּײַן דער אַנמעכטיקער אוראַלט...
נאָר אונדז, נאָר אונדז אַליין, —
פֿאַרשווירענע באַצווינגער פֿונעם שטורעם, —
געגעבן איז באַזײַטיקן דעם ווי
און דאָס געשריי פֿון קרעאַטורן!
ס'טוט אפֿשר ווי דעם בוים,
ווען צווײַגן, וואַקסנדיק, זײַן קאַרעלײַב צעזעצן, —
און אפֿשר שרײַט די ליים,
ווען האַנט, ווען פֿורעמדיקע קנאָדערט דאָרט און קנעט זי,
ווען צו געשטאַלט און צו געביין
פֿאַרקלאַמערן זיך נעצן...
נאָר אונדז, נאָר אונדז אַליין
באַוווּסט זענען געזעצן,

געזעצן קלוגע פֿון פֿאַרוואַנדלונג, —
נאָר אונדז געגעבן איז באַנעמען און פֿאַרשטיין
דעם זין פֿון איבערגאַנג אאַז״וו.

איך וויל קיין ווײַטערדיקע אויספֿירן פֿון דעם ציטאַט נישט מאַכן. ער שרײַט דיכטעריש זײַן אייגענעם צער געגנוג דײַטלעך אַרויס.

מאַרקישן זענען אָפֿט מאָל געגעבן געוואָרן מיגלעכקייטן אַרויסצוגעבן אַלערליי קאָמבינירטע זאַמל־אויסגאַבעס פֿון זײַנע ווערק, יעדע איז אָבער דערשינען אין אַן אַנדערער צײַט, אַן אַנדערער היסטאָרישער קאָנסטעלאַציע און ווײַזט אויף אַן אַנדערן צוגאַנג. דער גאַנצער מאַרקיש, דער מענטש, דער ייִד, דער אויפֿריכטיקער סאָוועטישער בירגער איז געבליבן באַהאַלטן אין זײַן גרויס דיכטעריש האַרץ. אין דעם גאַנץ־בילד פֿון זײַנע ווערק — און דער גרעסטער טייל זייערער איז געקומען צו דער עפֿנטלעכקייט — אָנהייבנדיק מיט דער זאַמלונג ״שוועלן״, דערשינען אין יאָר 1919 און — דערווײַל — ענדיקנדיק מיט זײַן גרויסן צערפֿולן עפּאָס ״מלחמה״, דערשינען אין יאָר 1948, איז אויך דאָ דאָס גאַנץ־בילד פֿון אַ טראַגיש־גרויסן ייִדישן דיכטער אין זײַן גאַנג דורך 29 יאָרן פֿון דעם דריטן חורבן פֿון זײַן געליבט פֿאָלק.

ה

געבן אַ פֿולע ביבליאָגראַפֿיע פֿון פּרץ מאַרקיש הייסט פֿאַרנעמען מיט איר פֿיל צענדליקער זײַטן, אַפֿילו געבנדיק בלויז די טיטלען און דאַטעס פֿון די בוך־אויסגאַבעס און גרעסערע ווערק, וואָס האָבן זיך געדרוקט אין צײַטשריפֿטן; אַ רשימה פֿון אויסגאַבעס, וואָס ער האָט רעדאַגירט און אַ רשימה פֿון גרעסערע אַרבעטן וועגן אים, איז עס דאָ נישט מיגלעך אויסצופֿירן. זאָל זשע כאָטש דערלויבט זײַן צו וואַרפֿן אַ בליק איבער אַ ריי ווערק. דאָס וועט אונדז כאָטש געבן אַ באַגריף פֿון דעם פֿאַרנעם פֿון דער אַרבעט פֿון אָט דעם דיכטער, פּראָזאַיִקער, דראַמאַטורג, עסייִסט; וואָרעם אויף אַלע די געביטן איז ער טעטיק געוועזן. אין דער ערשטער ריי איז ער אָבער אַ דיכטער.

אין ראַטן־פֿאַרבאַנד פֿירט זיך עס נישט, אַז מען זאָל אויף ביכער געבן ביבליאָגראַפֿיעס פֿון די מחברים. די סיבה איז אַ פּשוטע: נישט די מלוכה, דער אַרויסגעבער, און נישט דער מחבר זענען אַלע מאָל פֿאַראינטערעסירט, אַז דער נעכטן זאָל גאָר געדענקט ווערן, אַלץ איז הײַנט! און איך מוז מיך דעריבער פֿאַרוואָרענען קעגן וויכטיקע דורכלאָזן.

״שוועלן״ איז געוועזן מאַרקישעס אָנקלאַפּ אין טיר פֿון דער ייִדישער ליטע־ראַטור — קיִעווער פֿאַרלאַג, 1919, 160 זײַטן. 24 יאָר איז דער דיכטער אַלט. און שוין דאָ זענען צו געפֿינען אַלע זײַנע קומענדיקע דיכטערישע מעלות, און אויך חסרונות. אָט אַזוי הויפּט ער בילד אויף בילד, באַשרײַבנדיק הויכע בערג:

אין דר׳הויך, בײַ די צעלאָזטע פֿעלדזנבערג צוקאָפּן
שלעפּט אום אַ ווינט אַ שוואַרצן פֿליגל פֿון אַ קראָ,
דאָרט קלײַבט אַ כמאַרע שטיל אַ טראָפּן צו אַ טראָפּן, —
געפֿונען האָט זיך דאָרט איר שטילע היים די רו.
ווי מחנות פֿערד געשוואָלענע, געשפּאַנט בײַ דר׳ערד,
רײַסן זיך הויך די קעפּ, די פֿיס אין אָפּגרונט טיף געשטעלט,
אויף זייערע געקייטלט שטײַפֿע רוקנס — פֿערד אויף פֿערד,
דאָרט וואַקסן סודות צו צעשטערן און באַשאַפֿן נײַ אַ וועלט...

״סתם״ איז אַ זאַמלונג פֿון אַ זײַטן 190. פֿאַרשטײן זי — נישט לײַכט. אָבער די וועלט, אין וועלכער זי איז אַרײַנדערשינען — צום ערשטן מאָל אין קאַטערי־נאָסלאַוו, 1920 — האָט געבענקט נאָך היסטאַרישן פּאַטאָס, ווײַל מיט קלאָרן שׂכל האָט מען דאָן גאָרנישט געקענט באַנעמען. און דערמיט איז עס צו דערקלערן, וואָס אָט די זאַמלונג איז דערשינען אַזש פֿיר מאָל, דערפֿון צוויי מאָל אין וואַרשע, 1922. מאַרקישעס פּאַטעטישער מהות איז שוין דאָ אָנגעצונדן ביז ווײַס־גליִען ממש. און ער זינגט:

טויזנט־אַטעמדיקער וויכער,
אויף מײַן האַלדז אַ ווײַסער שלייף איז,
פֿלאַקערט, פֿלאַקערט ווײַסע שׂריפֿהס,
ווינטן גיכער, גיכער, גיכער,
וויכער — וויִעס ווילד צענעם מיר,
ווינט — לבֿנות ווײַסע צינד אָן —
גיסט פֿון מײַלער, גיסט פֿון עמער,
שיט פֿון אויבן, שיט פֿון אונטן,
ווײַסע בלאָזזעק, ווײַסע שמידער,
איך בין ווידער,
איך בין ווידער!

״פּוסט און פּאַס״ איז נאָך צעלאָזענער און ווילדער ווי ״סתם״, שוין אַפֿילו אין טיטל. אין תּוך, ווי צוויי טראָפּנס פֿון איין צעגליטער, פֿײַערדיקער מאַסע. לאָמיר ציטירן:

מיר איז צו קליין דער וועג — פֿאַר מײַן נישט־וויסן ווו איך גיי דאָ,
און פֿאַר מײַן אײַנשפּאַנען זיך ווילד איז פֿויל און שלעפּעריק דער ווינט;
וואָס איז די וועלט קעגן מײַן אייגן פֿירן זיך צו דער עקידה,
די אייביקייט וואָס איז קעגן מײַן שטאַרביקן אַצינד?...

פאַר מײַן נישט דאַרפן גאַרנישט — ווייניק איז מיר אַלץ, וואָס זען
נאָר איך אַליין קען,
די גאַנצע טריקעניש איז קאַרג פאַר מײַן אַפּצאָס;
וואָס איז דען מיידלש לײַב קעגן מײַן פלאַקערן און בענקען,
וואָס איז מײַן פלאַקערן און בענקען — קעגן מײַן פּוסט־און־פּאַס!

"די קופּע" איז אַ פּאָעמע פון 23 לידער, סך־הכּל אַ 35 בוכזײַטן. זי איז דערשינען 1921 אין וואַרשע, איין מאָל פריִער און איין מאָל שפּעטער אין רוסלאַנד, און איז פאַרשוווּנדן פון די ווייטערדיקע אויסגאַבעס פון מאַרקישעס ווערק און חוץ־לראָטן־פאַרבאַנד איז זי אויך מער נישט דערשינען. די וואַרשעווער אויסגאַבע איז אַרויס אונטער מאַרקישעס אייגענער האַנט. ער האָט אײַנסיסטירט, אַז דאָס יאָר אויפן שער־בלאַט זאָל זײַן דאָס ייִדישע יאָר ה׳תרפ״ב, אַז די נומעראַציע פון די זײַטן זאָל זײַן א, ב, ג, אאַז״ו, און די גאַנצע פּאָעמע איז פּונקט אַזוי פול מיט קדיש־פּסוקים ווי מיט גאָט־לעסטערונגען. עס איז מאַרקישעס קדיש:

נאָך אײַך, הרוגים פון אוקראַיִנע,
ווו פול מיט אײַך די ערד איז,
און אויך נאָך אײַך, געשאָכטענע אין קופּע,
אין האַראַדישטש, דער שטאָט בײַם דניעפּער,
קדיש!

דאָס וואָרט "קופּע" איז אין יענער גרויסיקער צײַט — 1917־1919 — געווען איינס פון די "טעכנישע" (ווײ איז אונדז!) פּאָגראָמוואָרטער, וואָס האָט באַצייכנט די קופּעס הרוגים, וואָס זענען אומעטום אַרומגעלעגן און געוואַרט אויף קבֿר־ישׂראל.

אָבער נישט נאָר טראַגישער פּאַטאָס, אָפט מאָל אַפילו סתּם ווילדער פּאַטאָס האָט געשפּאַרט פון מאַרקישן אין זײַנע ווילדע ריטמען, ווי אַ וואַסערפאַל אין הויכע בערג, נײַערט אויך פּשוטע לעבנספרייד, יונגנטלעכקייט. אַ טאַפּלשטראָם. אַ מין ליכט־ און שאָטן־שפּיל. אַן ערך ווי דער טאָפּלשטראָם פון טראַגעדיעס און — גלײַכצײַטיק — קאָמעדיעס בײַ גרויסע דראַמאַטורגן.

צווישן די יאָרן 1919־1922 זענען דערשינען עטלעכע ווײַטערדיקע זאַמלונגען, לרובֿ באַשטימט פאַר קינדער און יוגנט. "וואָלין" — אַן אידיליע פול מיט רו און ליכטיקייט און שבתדיקייט, "שטיפעריש", קינדערלידער וועגן די פיר צײַטן פון יאָר, "זאַנג־געזאַנג" און "גאַלאַגאַנער האָן" — קינדער־זאַמלונגען. אָט אַזוי ווערט דער פרילינג באַשריבן:

וואַש זיך ערד און וואַש זיך הימל,
וואַשט זיך פעלדער און זײַט ריין,

כאַפּט זיך אויף פֿון אײַער דרימל
און דערקענט זיך נישט אַליין . . .
וויינט זיך אויס, פֿאַרפֿוילטע דעכער,
קאַפּעט נאָך אַ טרער, אַ טרער ;
הימלען ווערן איצטער העכער,
און מען דאַרף אײַך שוין נישט מער.

״פֿאַבייגייענדיק״ איז געווען אַ קליינע זאַמלונג פֿון עסייען, אַרויס אין ווילנע, 1921, 74 זײַטלעך קליינע. אייגנטלעך איז דאָס געווען די אויפֿשריפֿט פֿון די גערעדטע ליטעראַרישע רעפֿעראַטן, וואָס מאַרקיש פֿלעגט דעמאָלט האַלטן און מיט זיי פֿאַרצויבערן די דעמאָלטיקע ייִדישע יוגנט. אָט דאָס קליינע ביכל, ווי כאַאָטיש עס איז, איז אַ געהיים־שליסל צום גאַנצן שפּעטערדיקן מאַרקיש, מיט אַלע זײַנע מעלות און חסרונות. כאָטש מאַרקיש האָט לײַדנשאַפֿטלעך געשריבן עסייען און זיי געדרוקט בײַ יעדער געלעגנהייט, האָט ער לײַדנשאַפֿטלעך פּאָלעמיזירט און אַפֿילו געשריבן רעצענזיעס. אין ביכער האָט ער זיי נישט געזאַמלט. אָבער אויך דער טייל פֿון זײַן אַרבעט וועט נישט טאָרן איגנאָרירט ווערן בײַ אַ גאַנצער זאַמלונג, אָדער כאָטש אַ פֿולערן אויסקלײַב.

״ראַדיאָ״, 1922 — וואַרשע, איז דערשינען אין אַן אויסגעטראַכטן פֿאַרלאַג מיטן נאָמען ״אַמבאַסאַדאָר״. מאַרקיש האָט דעמאָלט געהיים מיטגעטיילט זײַנע חבֿרים — הײַנט מעג מען דעם סוד אויסזאָגן — אַז די מיטלען אויף דער אויסגאַבע האָט צוגעשטעלט די סאָוועטישע אַמבאַסאַדע אין וואַרשע. און עס איז אַ דורכויס רעוואָלוציאָנערע סאָוועטישע פּאָעמע. אָט אַזוי שפּאַרט אין אָט דער פּאָעמע, אַרויסגעגעבן אין פֿאָליאָ־פֿאָרמאַט, ווי ״די קופּע״, פֿון מאַרקישן דער באַרגשטראָם פֿון רעוואָלוציאָנערע בילדער :

אין קרוינשטאָט גלעקער אַלע גלעקערן !
טרומפּייטן־רוף איז שווידערלעך און גרויס :
— וועלט־איינס ! וועלט־צוויי ! וועלט־דרײַ ! . . .
אומזיסט ! מיט ברענענדיקע הענט אין וועג אַרײַן !
קיין אָנגעצונדענער וועט נישט אַרויס,
קיין דורכגייער וועט נישט אַרײַן !

און עס קומט אַ קורצער פּעריאָד פֿון באַרויִקונג, אפֿשר שטילן צווייפֿל. מאַרקיש רעדאַגירט בשותּפֿות מיט י. י. זינגערן (וואָס פֿאַר אַ פּאַראַדאָקס ! זיי זענען אָבער געווען פֿרײַנד — מיטגעמאַכט קאַלטס און וואַרעמס — נאָך פֿון קיִעוו אויס) די ״כאַליאַסטרע״, 1922, שפּעטער, 1924, מיט י. י. זינגער, נחמן

מייזיל, אַלטער קאַציזנע און דעם שרײַבער פֿון די שורות, אַ יאָר לאַנג "ליטעראַרישע בלעטער", ער מאַכט רײַזעס איבער אייראָפּע, וווינט אין בערלין, פּאַריז, לאָנדאָן, פֿאַרפֿאָרט אַפֿילו קיין ארץ־ישׂראל, קומט צוריק קיין פּוילן אויף אַ שטיק צײַט, פֿאָרט ווידער, באַזוכט געהיים דעם ראַטן־פֿאַרבאַנד, ער האָט עפּעס געהאַט אַ מאָדנע כּשוף־שפּרונג בײַם גיין אַהין און אַהער איבער די "גרינע גרענעצן", אַ פּאַס האָט ער געהאַט אַ פּוילישן; און אין יאָר 1928 באַזעצט ער זיך אויף שטענדיק אין ראַטן־פֿאַרבאַנד. זײַן שטענדיקן אומרו און וואַנדערלוסט מוז ער איצט שטילן אין כּסדרדיק זיגזאַגישע רײַזעס איבערן ריזיקן פֿאַרבאַנד. מערערע מאָל פֿאַרפֿאָרט ער ביז בירעבידזשאַן. אַז רוסלאַנד נעמט אײַן עטלעכע לענדער אויף מערבֿ, אין יאָר 1939, איז מאַרקיש דאָרט גאַסט נומער איינס בײַ די דאָרטיקע ייִדן און דער עיקר ייִדישע שרײַבערס.

באַלד אין די ערשטע יאָרן נאָך שטענדיק זיך באַזעצן אין ראַטן־פֿאַרבאַנד האָט מאַרקיש פֿאַרווירקלעכט זײַן חלום, פֿאַרענדיקט און אַרויסגעגעבן זײַן גרויסן ראָמאַן (אַרום 900 זײַטן) אין צוויי בענד "דור אויס — דור אײַן" (1929). עס איז אַ צעצויגענער ראָמאַן פֿון די רעוואָלוציאָנערע יאָרן, 1917־1919, וואָס זענען דעם דיכטער אַזוי גוט באַקאַנט געווען. דאָס ווערק איז פֿול מיט שאַרפֿער בילדערישקייט, ווי אַלץ וואָס מאַרקיש שרײַבט, און נישט ווייניקער פֿול מיט אַגיטאַציע, מיט אויסטענהן זיך מיט די העלדן, קריגן זיך מיט די שלעכטע, קושן די גוטע. פֿאַראַנען אין בוך אַ סך שאַרפֿע סאַטירע איבער די אומאַנטשלאָסענע מענטשן צווישן צוויי דורות.

דער קורס אין דער ראַטן־פֿאַרבאַנדישער ליטעראַטור איז איצט: גלאָריפֿיצירן די יאָרן פֿון דער רעוואָלוציע, אַראָפּרײַסן דאָס אויסלענדישע, הייבן דעם אַרבעטס־גײַסט אין לאַנד. עס זענען די יאָרן פֿון די "פּיאַטילעטקעס", די יאָרן פֿון סטאַכאַנאָוויזם. מאַרקיש איז אײַנגעשפּאַנט מיטן גאַנצן ברען פֿון זײַן טעמפּעראַמענט אין אָט דעם נײַעם גאַנג. ער שרײַבט אַ גרויסע פּאָעמע "ברידער" — נאָענט צו 300 זײַטן — אויף צו באַטייליקן זיך אין דער גלאָריפֿיקאַציע פֿון דער מלחמה מיט די מערבֿ־מלוכות, וואָס האָבן געוואָלט אויסנוצן די שווערע צײַט אין רוסלאַנד און האָבן אינטערווענירט קעגן דעם זיך אויסשפּרייטנדיקן באָלשעוויזם. אויך דער גאַנג פֿון די אַרמייען פֿון בודיאָני אויף פּוילן ביז וואַרשע פֿאַלט אויס אין יענער צײַט. די דאָזיקע פּאָעמע איז מאַרקישעס דיכטערישע צוגרייטונג צו דעם קרוין־ווערק פֿון זײַן שטראָמיקער שעפֿערישקייט, צו דער דריטהאַלב מאָל אין פֿאַרנעם אַזאַ גרויסער פּאָעמע "מלחמה", וואָס וועט אַרויס אין יאָר 1948. די פּאָעמע "ברידער" איז אַרויס אין קיִעוו, אין יאָר 1929. אויך דאָ, אין דער געשיכטע פֿון די צוויי ברידער, פּונקט ווי אין דער שפּעטערדיקער פּאָעמע "מלחמה", איז דאָ אַ שלל מיט פֿאָלקסטימלעכער ייִדישקייט. דאָ אָבער זענען נאָך דאָ און דאָרט פֿאַראַנען די באַוווסטע יעווסעקישע אַנטי־קלעריקאַלע באַמערקונגען, וואָס האָבן בײַ מאַרקישן

שפּעטער אין גאַנצן אויפֿגעהערט. די פּאָעמע איז די קריגסכראָניק פֿון צוויי ברידער,ברידער, צוויי סאָלדאַטן:

זײַט וויסן זיסע ווײַנגערטנער, ווײַנטרויבן און פֿערשקעס,
זײַט וויסן טיפֿע ימען, זײַט וויסן הויכע בערג:
צוויי געטרײַע זין פֿאַרמאָגט מנחם הערש,
איינער הייסט עזריאל, דער צווייטער שלמה בער!

און אַז די זין קומען אום גייט אויך די מאַמע אָוועק פֿון דער וועלט פֿון צער, און אַט אַזוי זעט אויס די אַ מאָל גליקלעכע שטוב פֿון מנחם הערשן:

לײַכטערס צוויי צוקאַפּנס, אומעטיקע, גלײַכע,
ס'וויינט אַראָפּ צום פּאָל דער שבתדיקער טישטעך.
קיינער וועט דעם טײַטש־חומש מער שוין נישט פֿאַרמאַכן,
מער שוין נישט פֿאַרמאַכן, מער שוין נישט קיין קוש טאָן.

צווישן די אומצאָליקע עפּיזאָדן אין דער פּאָעמע איז דאָ אויך אַ באַלאַדע וועגן דעם טויט פֿון דעם פּלאָצקער רבֿ, וועמען די פּוילישע לעגיאָנערן האָבן באַשולדיקט אין זײַן אַ שפּיאָן לטובֿת די באָלשעוויקעס און אַ שפּעטערדיק געריכט האָט נישט געוואָלט ריינוואַשן... און אויך דער טראַגישער עפּיזאָד איז ווי אַ צוגרייטונג צו דער באַלאַדע פֿון דעם טויט פֿון דעם אַלטן שניצער לוי פּונקט צו כּל־נדרי (אין עפּאָס „מלחמה").

אויף דער ייִדישער גאַס פֿאַנגט זיך אָן דער גאַנג צום סטעפּ, ריכטיקער — דער רוף צום סטעפּ. און מאַרקיש מאַכט ליטעראַריש מיט אַט דעם רוף אין דער פּולער מאָס. דער לעניניסטער „ב.ע.פּ." איז לאַנג שוין געענדיקט און די ייִדן דאַרפֿן דעפֿיניטיוו פֿאַרלאָזן די קראָמען און אָדער זיך אינדוסטריאַליזירן, אָדער זיך קאָלאָניזירן. קרימער קאָלאָניעס און ביראבידזשאַנער טייגע — אַהין דאַרף איצט רופֿן דער דיכטער אויף דער ייִדישער גאַס. און — נאַטירלעך — מיטהעלפֿן שטאַרק דעם טעמפּ פֿון דער ענערגיש אָנגעפֿירטער אינדוסטריאַליזאַציע.

עס אַנטשטייט די ממש שלום־עליכמדיק טוביהדיקע פּאָעמע „נישט געדאגהט" און שפּעטער די פּיעסע מיט דעם זעלבן נאָמען. מאַרקיש האָט בכלל אַ טבֿע צו באַאַרבעטן זײַנע טעמעס אָפֿט אי אין פּאָעטישער, אי אין פּראָזאַישער און אין דראַמאַטישער פֿאָרעם. ער נעמט אָפֿט אויך אַריבער זײַנע העלדן פֿון איין בוך אין אַן אַנדערן אַרײַן. אייניקע באַגלייטן אים שוין צענדליקער יאָרן. אין דעם עפּאָס „מלחמה" האָט ער געמאַכט אַ מין אַסיפֿה פֿון אַלע זײַנע העלדן. דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אים, פֿאַר זײַן פֿאַמיליאַרישקייט און שטענדיקער וואַלט ווויטמעניִשער ברידערלעכקייט. דער גרויסער אמת איז דאָך, אַז אַלע ביכער פֿון אַן אמתן דיכטער זענען איין בוך, און אַלע העלדן און אַלע סצענעס אין זיי, נישט

מער ווי אַ שפּיגל פֿון אייגענעם לעבן און אייגענע פֿיזישע אָדער גײַסטיקע איבער־לעבונגען.

עס קומט פֿאַר די ראַדיקאַלע קאָלעקטיוויזאַציע פֿון דאָרף. אויף דער אַלגע־מיינער סאָוועטישער גאַס גייט אַן דער קאַמף מיט די אַ״ג ״קולאַקעס״. אויף דער יידישער גאַס רופֿן זיך די ״קולאַקעס״ — ״באַלעגופֿים״. מאַרקיש מאַכט אויך דאָס מיט. ער שרײַבט די פּאָעמע ״אַנשל זאַליאַזניק״. די פּאָעמע צעוואַקסט זיך ביז 230 זײַטן און דערשײַנט אין דער ענדגילטיקער פֿאָרעם אונטער דעם טיטל ״דעם באַלעגופֿס טויט״ אין יאָר 1935, אין פֿאַרלאַג ״עמעס״, אין מאָסקווע. די פּאָעמע פֿאַרענדיקט זיך מיט די דאָזיקע כאַראַקטעריסטישע שורות אויפֿן חשבון פֿון באַלעגוף:

> וואָס זעט זיך אַן אין אַ וואַלד פֿאַרפֿלאַנצן נאָך אַ בוים,
> צי אויסהאַקן אַ בוים און אויסוואָרצלען אין גאַנצן ?...

מאַרקיש האָט אויך געשריבן אַ גאַנצע ריי פּיעסעס, אַנדערע פֿון זיי זענען בלויז דראַמאַטיזאַציעס פֿון זײַנע פּאָעמעס. נישט אַלע פּיעסעס זענען געדרוקט געוואָרן, אייניקע בלויז געשפּילט, און אַוודאי נישט איינע בלויז אויפֿגעשריבן. די פּיעסעס זענען לכתּחילה באַשטימט געווען פֿאַרן טעאַטער, אַלע זענען זיי אַקטועל. אין זײַנע געזאַמלטע ווערק (יאָר 1933) איז דער זעקסטער באַנד אויסגעפֿילט מיט דרײַ פּיעסעס .אַלע דרײַ סכעמאַטישע אַגיטאַציע־פּיעסעס. ״ערד״ האָט אַן אונטערטיטל: דראַמאַטישער וואַריאַנט פֿון דער פּאָעמע ״נישט געדאַגהט״. ״ווער וועמען״ איז אַ פּיעסע וועגן דעם גאַנג פֿון יידן צו דער שווערער אינדוסטריע (אין דעם פֿאַל: קוילן־גרובן). ״דער פֿינפֿטער האָריזאָנט״ איז אַ פּיעסע, וואָס האָט אַ שײַכות צו אויסלענדישער פּאָליטיק פֿון דער ראַטנמאַכט אין די דרײַסיקער יאָרן. דאָס קלינגוואָרט איז דעמאָלט געווען: דעריאָגן און איבעריאָגן! מאַרקיש איז געגאַנגען באַוווסטזיניק אין שפּאַן.

זײַענדיק איינער פֿון די יידישע שרײַבערס אין ראַטנלאַנד, וואָס האָבן יאָרן לאַנג פֿאַרבראַכט אין מערבֿ־אייראָפּע, האָט זיך שוין מאַרקיש אויך געהאַלטן פֿאַר אַ קענער פֿון אַמעריקער יידן, כאָטש ער איז אין אַמעריקע קיין מאָל נישט געווען. דער ראָמאַן ״איינס אויף איינס״, קיִעוו, 1934, איז די געשיכטע פֿון אַן אַמעריקאַנער ייִד נייטן בעקער, וואָס איז אַוועק קיין רוסלאַנד זיך דאָרט נוצלעך צו מאַכן און צו לערנען די דאָרטיקע אַרבעטער דעם אַמעריקאַנער ״האַרי אַפּ״. ער בלײַבט אָבער אַ באַזיגטער אין אַן ענדגילטיקן געוועט, מחמת די אַרבעט פֿון די דאָרטיקע סטאַכאַנאָווצעס איז אי אַ גיכע און אי אַ שכלדיקע. און דער אַמעריקאַנער סיסטעם איז טאַקע גיך, אָבער אַן שׂכל... דער ראָמאַן איז אויך דראַמאַטיזירט געוואָרן. געווען שטאַרק דערפֿאָלגרײַך אין טעאַטער. די גאַנצע זאַך איז אַ הונדערט־פּראָצענטיקע אַגיטקע.

דער באַרימטער עלעקטרישער פּראָיעקט "דניעפּראָסטראָי" איז געוואָרן אַ סימבאָלישע טעמע פֿאַר אַלע סאָוועטישע דיכטערס. און אויך מאַרקיש איז נישט אָפּגעשטאַנען. דעם רעקאָרד אויף דעם געביט האָט אָבער געשלאָגן, דאַכט זיך, איציק פֿעפֿער. מאַרקישעס דניעפּראָסטראָי־פּאָעמע רופֿט זיך "אויפֿגאַנג אויפֿן דניעפּער", מאָסקווע, 1937, 320 זײַטן. ווי אומעטום אין די דאָזיקע פּראָגראַמאַטישע סאָוועטישע דיכטונגען זײַנע, פּירט אויך דאָ מאַרקיש אַרײַן יידישע העלדן. עס שווּבלט און גריבלט דאָ מיט פֿאַרשוינען און מיט אַקציע, מיט דראַמאַטישע געשעענישן, פֿאַרפּלייצונג בשעתן גאַנג פֿון דער קריִע, אָבער די פּאָעמע מאַכט מיד דעם לייענער, רײַסט נישט מיט.

ו

שווער צו מאַכן אַ פֿול בילד פֿון דער שאַפֿונג פֿון אַ סאָוועטישן שרײַבער, נאָך שווערער פֿון אַ סאָוועטיש־יידישן שרײַבער און צום שווערסטן פֿון אַזאַ דינאַמישן סאָוועטיש־יידישן שרײַבער ווי עס איז פּרץ מאַרקיש, וואָס האָט אָנגעהויבן זײַן קאַריערע אין די סאַמע ערשטע יאָרן פֿון דער רעוואָלוציע, אַריבער־געטראָגן זײַן דיכטערישן וואַרשטאַט אין גאַנצן קיין פּוילן אויף אַ ריי יאָרן, דאָ קינסטלעריש געריפּט, געוואַנדערט אַ ביסל אין מערבֿ־לענדער, און סוף־כּל־סוף פֿאַרבונדן זײַן לעבנס־גורל ווידער מיט דעם ראַטן־פֿאַרבאַנד. מיר האָבן שוין אין אָנהייב ציטירט זײַנס אַ ליד, וואָס דערציילט אונדז אין אַ דיכטערישער פֿאָרעם וועגן אָט די מעטאַמאָרפֿאָזעס. עס איז אָבער כּדאַי נאָך איין ציטאַט צו ברענגען, איצט אין פּשוטער און דײַטלעכער פּראָזע. אין בוך פּאָעמעס, צווייטער באַנד פֿון דער אויסגאַבע "געזאַמלטע ווערק", דאָס מאָל מינסק, 1936, שרײַבט מאַרקיש אין "פֿאָרוואָרט" כּהאי לישנא:

> דער גרעסטער טייל פּאָעמעס, וואָס קומען אַרײַן אין דעם דאָזיקן באַנד, געהערן צו פֿאַרשידענע פּעריאָדן פֿון מײַן קינסטלערישער און אידעאָלאָגישער פֿאָרמירונג. עס ליגט אויף זיי דער שטעמפּל פֿון אַלע שטרויכלונגען, וואָס זענען אייגנשאַפֿטלעך פֿאַר דעם גאַנצן דיכטע־רישן דור, צו וועלכן איך געהער. אין דער ערשטער ריי זענען דאָס שטרויכלונגען פֿון קולטור־באַלאַסט, מיט וועלכן מיר האָבן זיך זייער שווער געשיידט, ווען מיר זענען לויטן באַפֿעל פֿון דער געשיכטע אויפֿגעפֿאָדערט געוואָרן אָפּרייניקן דעם אָרט פֿונעם דאָזיקן נאַציאָנאַלן קולטור־באַלאַסט פֿאַר דער נײַער סאָציאַליסטישער קולטור פֿון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. פֿאַר דעם דאָזיקן קולטור־באַלאַסט האָבן מיר אָפֿט מאָל געשטריטן ווי פֿאַר קולטור־ירושה. אויסער דעם האָבן זיך אונדז נאָכגעשלעפּט די איבערבלײַבענישן פֿון דעקאַדאַנס. דאָס

האָט אומפאַרמײַדלעך געפֿירט צום נײַטראַלן אינדיווידואַליזם. ביז נאַציאָ־נאַלער באַגרענעצטקייט איז שוין געווען איין שפּאַן. אאַז״וו.

אַט די ווערטער מאַרקישעס זענען ממש אַ שליסל צו זײַן גאַנצן גאַנג און גערעאַנגל אין אידעיִשן זינען אין זײַן ווערק, וואָס איז כּמעט פֿון ערשטן מאָמענט אָן געווען סאָציאַל און נאַציאָנאַל. אויך זײַנע ערשטע פּוסט־און־פּאַסע שריט אין דער דיכטונג זענען געווען נאָר אַ סאָציאַלע אָפּשפּיגלונג פֿון דער צײַט, אין וועלכער זיי זענען געשאַפֿן געוואָרן.

זײַן גאַנג און גערעאַנגל אין קינסטלערישן זינען ליגט פֿאַר אונדז אַזוי אָפֿן, ווי אַלע זײַנע ביכער, מחמת אויף דעם געביט איז זײַן גערעאַנגל געווען דורכויס זײַנער. אויף דעם אידעאָלאָגישן געביט האָט ער כּסדר געמוזט זיך רעכענען, ווי אַלע סאָוועטישע שרײַבערס; אויף דעם קינסטלערישן געביט איז ער געווען אין גאַנצן ער: דער גרויסער מײַסטער פֿון פֿאַרעם און פֿון שפּראַך, דער מײַסטער פֿון שטראָמיקן ריטעם, פֿון קלאַנגיקן גראַם, פֿון קאַליידאָסקאָפּיש־פֿאַרביקן בילד, וואָס איז לרובֿ בײַ אים מער אימאַזש ווי בילד.

מיר דאַרפֿן זיך, כּדי גוט צו פֿאַרשטיין מאַרקישן, גוט אַרײַנגעמען אין קאָפּ אַרײַן די צוויי ווערטער ״ירושה״ און ״באַלאַסט״. אַט די צוויי ווערטער שטאַמען, אויב איך האָב קיין טעות נישט, פֿון לעגינען. זיי זענען אָבער געוואָרן גאָר אַ וויכטיקער טייל פֿון די גערעאַנגלען אַרום דעם ענין נאַציאָנאַליזם ווערסוס סאָציאַליזם, און פֿאַרקערט, אין ראַטן־פֿאַרבאַנד. אַט דער גערעאַנגל האָט דאָך סוף־כּל־סוף דערפֿירט צו דער גרויסער פֿאַרשטומעניש (מילד, זייער מילד גערעדט!), וואָס איז אַרויפֿגעצוווּנגען געוואָרן אויף דער גאַנצער ייִדישער קולטור אין ראַטן־פֿאַרבאַנד. און זי איז דאָך שוין סײַ ווי געווען (אויך אין נאָוועמבער 1948 — ווען דאָס גרויסע שטילשווײַגן איז געפֿאַלן, געדיכט ווי דער חושך מצרים) גאַנץ היפּש אײַנגעשטילט ״לויט דעם באַפֿעל פֿון דער געשיכטע״, ווי עס זאָגט מאַרקיש אין דער נאָר וואָס ציטירטער הקדמה. אין ראַטן־פֿאַרבאַנד איז גענוג צו ברענגען איבער די לעפֿצן דאָס וואָרט ״באַלאַסט״ בנוגע אַ וועלכן נישט איז ווערק און שוין ליגט עס אין ים פֿון פֿאַרגעסנקייט.

דער גאַנג איז איצט — מיר האַלטן בײַ די יאָרן ערבֿ דער גרויסער ״פֿאָטערלענדישער מלחמה״, ווי מען רופֿט אין ראַטן־פֿאַרבאַנד אָפֿיציעל די קאָנטראַ־דײַטשלאַנד מלחמה — 1936־1938: ליבע צו סאָוועטישער היים, סאָוועטי־שער ערד, סאָוועטישן מענטש. אַלע סאָוועטישע פֿעלקער איין משפּחה, וואָס האַלט זיך פֿעסט צוזאַמען אַרום דעם ״גרויסמוטיקן און גרויסן״ (אַזוי האָט מען עס אַלע מאָל גערופֿן אָפֿיציעל) גרויסרוסישן פֿאָלק. און בײַ דער געלעגנהייט ווערט דערלויבט אַ היפּשע דאָזע נאַציאָנאַלער פֿאָלקלאָר יעדן פֿון די צענדליקער סאָוועטישע פֿעלקער. מאַרקישעס פֿיר הונדערט זײַטיקע זעלבסט־אַנטאָלאָגיע, וואָס

דערשײַנט אין יאָר 1938, אין קיִעוו, רופֿט זיך "פּאַטערלעכע ערד" און זי אַנטהאַלט לידער וועגן זײַנע משפּחה־שטאַמען, זײַן פּאָעמע "וואָלין", אַן אידיליע, געשריבן נאָך אין 1918, אאַז"וו. די ליניע איז (זײַט 246):

ס'האָט געזאָגט אונדזער לאַנד,
און דאָס לאַנד האָט געהערט:
אַז קיין איינציקן שפּאַן
פֿון קיין שכנישער ערד
נישט פֿאַרלאַנגט אונדזער האַנט,
נישט פֿאַרלאַנגט אונדזער שווערד,
נאָר קיין איינציקן שפּאַן
פֿון סאָוועטישער ערד
וועלן מיר נישט אָוועקגעבן
אונדזערע פֿײַנט.

קלאָר און דײַטלעך, ווי פֿון אַלע ביכער מאַרקישעס, בפּירוש אַלע, איז זײַן ערלעכע כּוונה אי צו הערן דעם אויסערלעכן "באַפֿעל פֿון דער געשיכטע" און אי דעם אינערלעכן רוף פֿון אומענדלעכער ליבע צו זײַן ייִדיש פֿאָלק, צו די ייִדישע פֿאָלקסמענטשן, ייִדישע היימישע טראַדיציעס, דעם אינערלעכן רוף פֿון דער ייִדישער געשיכטע. דערבײַ איז ער קיין מאָל נישט ווידערשפּעניק געוואָרן דעם "באַפֿעל פֿון דער געשיכטע".

ז

עס קומט דאָס יאָר 1939, "דער שׂונא בײַ די טויערן" (לויט אַ באַרימטן ליד פֿון אַ סאָוועטישן דיכטער־פּאַרטיזאַן נאָך פֿון יאָר 1919 — אשר שוואַרצמאַן), אָבער עס זענען יאָרן פֿון "פּאַקט" און מען מוז שווײַגן. מען מעג נאָר באַזינגען די רויטע אַרמיי סתּם און גלאָריפֿיצירן די אײַנשליסונג פֿון מערבֿ־אוקראַיִנע אין ראַטן־פֿאַרבאַנד. אַ קליין ביכל "רויטאַרמייִשע באַלאַדעס", מיט בלויז אַ פּאָר לידער נײַע און די איבעריקע איבערגעדרוקטע, זאָגט עדות — מאָסקווע, "עמעס", 1940 — אַז מאַרקיש שטייט נישט אָפּ. אָבער זײַן לײַדנדיק ייִדיש האַרץ איז בײַ זײַנע ברידער ווײַט איבער דער איצטיקער דײַטש־רוסישער גרענעץ. ער באַפֿרידיקט זײַן בענקשאַפֿט אין אַרומרײַזן איבער די נײַ־דערוואָרבענע געביטן, מאַכן קאָנטאַקטן מיט נײַ־צוגעקומענע ייִדישע שרײַבערס. טיילט אויס ברידערלעכע, חבֿרישע הילף.

עס קומט דער 22סטער יוני 1941. ענדלעך איז אויסגעלייזט די צונג, וואָס איז דורך דעם "באַפֿעל פֿון דער געשיכטע" געווען צוגעשמידט צום גומען און איז שיִער נישט פֿאַרברענט געוואָרן אין שווײַגנדיקן האַס צום שׂונא פֿון אַלע פֿעלקער פֿון דער וועלט און צום גרעסטן שׂונא פֿון אַלע צײַטן פֿון ייִדישן פֿאָלק.

און ווידער איז מאַרקיש אין זײַנע אור־עלעמענטן. ער איז דורכויס אין שפּאַן, אָבער ער ווייסט, אַז די ליניע איז איצט דורכויס זײַנע, זײַנע אי אַלס ייִד און זײַנע אַלס סאָוועטישער בירגער. ער קען איצט פֿאַרלאָזן אַלע שליוזן פֿון זײַן דיכטערישער נשמה און נישט מורא האָבן, אַז זי וועט פֿלייצן אין נישט דערלויבטע געביטן. ער איז אין זײַן סטיכיע. ער קען ווידער רעדן און זינגען אַזוי פֿרײַ ווי דעמאָלט אין ווילנע, מיט צוואַנציק יאָרן צוריק, ווען מען האָט אים גערופֿן „דער יונגער נבֿיא”. און עס טראָגט אים ווידער דער שטורעם און ער זינגט ייִדיש־סאָוועטיש־נבֿיאיש:

דעם ייִדישן שלאַכטמאַן

איך ווייס, דו האָסט געקושט די ביקס אין יענעם טאָג,
וואָס האָט אויף וואַגשאָלן געלייגט פֿון פֿאָלק דאָס לעבן,
און מיט יעדן שאָס, ווי מיט אַ דונערדיקן גלאָק,
האָסטו געבענטשט דאָס לאַנד, וואָס האָט זי דיר געגעבן.

האָסט אַ דערקלערונג מאַכן פֿײַערלעך געהאַט
דורך פֿײַער און דורך בלוט, דורך אויפֿשטײַג און דורך ווייען:
דו! דער ייִד! דער בירגער! דער סאָלדאַט!
דו! דער ייִד! דער רויטאַרמייער!

געהאַט האָסט אַ דערקלערונג מאַכן מיט דער ביקס,
אַזאַ, וואָס נישט פֿאַרוועלקן וועט זי ווי די שטערן —
דו ביסט געוועזן, וועסט זײַן, דו ביסט
קעגן דער פֿינצטערניש און קנעכטשאַפֿט דער פֿאַרשווערער!

דו האָסט אַ מאָל פֿון בערג געבאָטן צען דערקלערט,
אַז ס׳זאָל מיט זיי דאָס האַרץ פֿון וועלט זיך פֿיטערן און פעסטן.
פֿאַרפֿאָלגטע, טראָגן מיר זיי שטאָלץ איבער דער ערד
דורך אַלע ארבע מיתות בית־דין!

פֿון פֿאָלק צו פֿאָלק — מיט דערנער אויף די הענט,
פֿון לאַנד צו לאַנד — מיט וואָגלווינט געפֿאַרט דאָרט.
מיר מעלדן זיי אויך דאָן, ווען אונדזער מויל איז שוין פֿאַרברענט!
מיר מעלדן זיי אויך דאָן, ווען אונדזער האַלדז איז שוין געשאָכטן!

די פּאָעמע האָט פינף לידער צו 7 סטראָפן. דער לעצטער, 35טער סטראָף לייענט זיך:

איז נעם פון האַרצן מײַנעם אָט דאָס טיפסטע קול,
עס שיידט זיך נישט מיט טריט מיט דײַנע בײַ די ראַנדן!
דיך אין דער קייט דער גאָלדענער וועט אײַנשליסן דאָס פאָלק,
אַ שטערן אָנטאָן וועט אַ גאָלדענעם דאָס לאַנד דיר!

געדענקען דאַרף מען, ווײַל אין דער סאָוועטישער פּאָעזיע זענען נישטאָ קיין צופעליקייטן, קיין סטיליסטישע, אַז דאָס גאַנצע בוך פון 128 זײַטן, אין וועלכן די פּאָעמע איז דערשינען אויפן ערשטן אָרט, רופט זיך ״פאָר פאָלק און היימלאַנד״ (מאָסקווע, 1943). ״פאָלק״ מיינט אין דעם פאַל — יידיש פאָלק, און ״היימלאַנד״ — נאַטירלעך — ראַטן־פאַרבאַנד. דאָס יידישע פאָלק וועט דעם יידישן שלאַכטמאַן פאַר זײַן נקמה־נעמען פון די יידן־מערדערס אײַנשליסן אין דער גאָלדענער קייט און דאָס לאַנד, וואָס האָט אים די ביקס געגעבן, וועט אים פאַר זײַנע פּאַטריאָטישע העראָישע טאַטן אָנטאָן אַ גאָלדענעם שטערן. דער גאַנג ״פאָלק און היימלאַנד״ האָט אָנגעהאַלטן נאָך ביזן יאָר 1948, מחמת אין דער אַנטאָלאָגיע ״אויף נײַע וועגן״, צונויפגעשטעלט אין מאָסקווע אין יאָר 1948 און אַרויסגעגעבן אין ״איקוף״, ניו־יאָרק, איז דאָ דאָס נאָר וואָס ציטירטע ליד פון מאַרקישן (געקירצט, אָבער נישט וועזנטלעך).

אין יאָר 1943 און אין יאָר 1944 האָט מאַרקיש רעדאַגירט די באַדײַטיקסטע צוויי זאַמלביכער, וואָס די יידישע ליטעראַטור אין ראַטן־פאַרבאַנד האָט אין יענער צײַט אַרויסגעבראַכט. ״היימלאַנד״ און ״צום זיג״. אין בײדע די, פאַרנעמיקע אין איכות און אין כמות ביכער זענען אויך זייער שטאַרק פאַרטראָטן די יידישע שרײַבערס פון פוילן, וואָס האָבן אין יענע יאָרן געוווײַלט אין ראַטן־פאַרבאַנד. מאַרקיש אינטעגרירט זיך אויף דעם אופן אין דער יידישער וועלט־ליטעראַטור און אינטעגרירט די יידישע וועלט־ליטעראַטור אין דער ראַטן־פאַרבאַנדישער. ער איז דורכויס אין זײַנע בײדע עלעמענטן — גאָלדענע קייט און גאָלדענער שטערן.

און ער איז איצט בראשו וברובו אַרײַנגעטאָן אין דעם גרויסווערק פון זײַן לעבן, אין די, נאָענט צו אָנדערטהאַלבן טויזנט, 16־שורהדיקע סטראָפן פון זײַן עפּאָס ״מלחמה״, איינעם פון די גרעסטע אין איכות, און דעם גרעסטן אין כמות פּאָעטישן איינצלווערק, וואָס די יידישע ליטעראַטור האָט אין איר גאַנצער פיל־הונדערט־יאָריקער געשיכטע אַרויסגעבראַכט. דאָס בוך, 668 זײַטן, איז דערשינען אַרום דער מיט פון יאָר 1948 אין פאַרלאַג ״עמעס״, אין מאָסקווע. דאָס בוך איז אײַנגעטיילט אין אַ פּאָר הונדערט קליינע קאַפּיטלען און אין פיר גרויסע טיילן: 1) אָנהייב; 2) מאָסקווע; 3) סטאַלינגראַד; 4) אויף מערבֿ.

כאָטש עס זענען אין דעם עפּאָס פֿאַראַנען עטלעכע הויפּטהעלדן און גוטע עטלעכע צענדליק געשטאַלטן פֿון אַלערליי סאָוועטישע פֿעלקער — לרובֿ יידישע געשטאַלטן — איז אַן אויסגעשפּראָכענע פֿאַבולע אין ווערק נישטאָ. די צוויי צענטראַלע הויפּטהעלדן זענען די צוויי פּאַרטיזאַנער גור־אריה און סאַדאָווסקי. דער ערשטער איז אַרויס פֿון אַ טויטן־גרוב אין וועלכן די נאַציס האָבן פֿאַרשאָטן אַ גאַנץ יידיש שטעטל און זיך אַנגעשלאָסן אין אַ פּאַרטיזאַנער־גרופּע, ווו דער רוסישער אָפֿיציר, דער צווייטער הויפּטהעלד, איז געווען קאָמאַנדיר. דורך אַלע שבֿעה מדורי גיהנום פֿון דער מלחמה גייען איצטביידע דורך ביז זיי מאַרשירן אַריין קיין בערלין. דאָס בוך פֿירט אונדז דורך אַלע אינקוויזיציע־קאַמערן פֿון נאַצישער גרויזאַמקייט, דורך אַלע העלע ווינקלען פֿון העלדנטום פֿון סאָוועטישע פֿעלקער און ווייַזט אונדז אויך די פֿינצטערע היילן פֿון פֿאַרראַט מצד יחידים פֿון זעלבן פֿאָלק. דאָס בוך פֿירט אונדז באַזונדערס דורך אַלע גילגולים פֿון ספּעציפֿישע יידישע ליידן אין דעם געראַנגל און אַנטפּלעקט אונדז אַלערליי צוגאַנגען צו דער פּראָבלעם פֿון פּאַסיוון און אַקטיוון ווידערשטאַנד מצד די יידישע מאַסן און יידישע דענקענדיקע יחידים. רבנים קדושים און פּאַרטיזאַנער קדושים באַגעגענען זיך אויג אויף אויג. עס איז אַ ווערק, וואָס שעפּט נישט נאָר פֿון הייַנטיקן אַרום, נאָר אויך פֿון טיפֿן יידישן אַמאָל.

אין אַט דעם ווערק אַנטפּלעקט זיך מאַרקיש מיט אַלע זייַנע דיכטערישע מעלות. ער איז דאָ מיט דעם גאַנצן אומאויסשעפּיקן אוצר פֿון זייַן אָפּט אַ ביסל צו לאָקאַליסטישער וואָלינער שפּראַך. ער איז דאָ מיט דער גאַנצער וואַסערפֿאַל־שטראָמיקייט פֿון זייַן ריטעם. ער איז דאָ מיט זייַנע טויזנטער גראַמען און אַסאָנאַנסן (די אַסאָנאַנסן האָט ער דאָך דער ערשטער געגומען קולטיווירן אין אונדזער פּאָעזיע), נישטאָ גאָר קיין וואָרט, וואָס זאָל זיך ביי אים נישט קענען גראַמען. און ער איז אויך דאָ מיט זייַנע אימאַזשן, וואָס זענען ביי אים, ווי די שאַרפֿע בליצן, וואָס לויפֿן פֿאַרויס פֿאַר דעם דונערדיקן וואָרט... און ער איז אויך דאָ מיט זייַן אומאויסשעפּיקער ליבע צו די ליידנדיקע יידישע פֿאָלקסמאַסן. און — אחרון, אחרון — ער איז דאָ מיט זייַן טיפֿן מעדיטירן וועגן ייִד און מענטש אַ מאָל און וועגן ייִד און מענטש הייַנט. ער וואָגט אַפֿילו אויף איין שטעלע אַרויסצוקומען מיט אַ וואָרט וועגן יידישער אַנדערשדיקער באַציִונג צום דייַטש, אַפֿילו אין ראַמען פֿון די סאָוועטישע פֿעלקער (קאַפּיטל 39, 4טער טייל, "רוסישער חסד").

נישט מיגלעך אַפֿילו ווי געהעריק אינפֿאָרמירן וועגן אַזאַ ווערק, ווי "מלחמה", אין אַזאַ קורצן אַרטיקל. דער עפּאָס פֿאָדערט אַן אויסשעפּיקן אַנאַליז אידעיִש און קינסטלעריש און אַפֿילו פֿילאָלאָגיש. אויך דאָס וועט קומען מיט דער צייַט, מחמת דאָס ווערק איז אַפֿילו שוין הייַנט אינטעגרירט אין דער יידישער וועלט־ליטעראַטור ווי איינס פֿון די יסוד־ווערק. אַגבֿ איז עס, ביז איצט, דאָס פֿאַרנעמיקסטע בעלעטריסטישע ווערק וועגן דעם דריטן יידישן חורבן. אויב איך וואָלט געדאַרפֿט

פֿון די נאָענט צו אַנדערטהאַלבן טויזנט סטראָפֿן פֿון טראַגישן עפּאָס, וואָס פֿאַר־ענדיקט זיך קוים, קוים מיט אַ שפּעלטל ליכט אויף דעם פֿינצטערן האָריזאָנט, אַרויסנעמען איין סטראָף, וואָס זאָל קענען דינען ווי אַ לײַטמאָטיוו פֿון דער אידעאָלאָגיע פֿון ווערק, וואָלט איך אָט דעם סטראָף ציטירט (זײַט 555):

די ביקס ווערט אויס געזעץ און האַר,

וואָס רויבט די רעכט אַוועק, בײַ וועמען נאָר איר ווילט זיך,
ווען קינד און קייט שטייט אויף, פֿאַראַכטנדיק געפֿאַר,
ווען דער געדאַנק איז קלאָר און לאָזט זיך נישט פֿאַרגרילצן!
כאָטש ווער האָט פֿון געגנוס זיך אָפּגעהאַלטן, ווער,
אויב נישט מיט פֿײַער, איז מיט האָס פֿאַרשלייפֿן,
אַ פֿאָלק, וואָס האָט אַנשטאָט אַ לאַנד געהאַט אַ טאָרבע ערד,
אַ פֿאָלק, וואָס האָט אַנשטאָט אַ שווערד געהאַט אַ ספֿר?
דער לעצטער זאַסטעפּ ערד אויף טויזנט יאָר
מיט אַ געפּײַף פֿון שפּאָט און לעסטער שיט זיך!
נאָר אונטער אָט די חורבֿות אויך באַגראָבן ווערט דער יאָך
פֿון הפֿקר זײַן פֿאַר יעדן קאָט און היצעל!
צעשיידן וועט אונדז נישט מיט אונדזער ספֿרדיק געווער,
נישט מאָרד, נישט טויט, נישט שײַטערדיקע שׂריפֿה!
נאָר ס'וועט אין אונדזער ספֿר זײַן די שווערד,
ווי' אין אַ שווערד באַדאַרף צו זײַן אַ ספֿר!

נאָך און פֿאַר דעם דערשײַנען פֿון זײַן גרויס ווערק איז מאַרקיש געווען אַ מיטאַרבעטער אין דער מאָסקווער "אייניקייט", ער האָט אויך פֿון צײַט צו צײַט פּאָלעמיזירט (און ווי דער שטייגער — גאַנץ שאַרף) מיט די ייִדישע שרײַבערס אין אַמעריקע. אָבער וועגן זײַן גרויסן ווערק איז אין דער "אייניקייט" דערשינען נאָר אַ קליינער און קאַלטער אַרטיקל, וואָס האָט אונטערגעשטראָכן, אַז דער ווערט פֿון ווערק באַשטייט אין דעם, וואָס דאָרט איז דער הויפּטהעלד דאָס קאָלעקטיווע סאָוועטישע פֿאָלק. דער ספּעציעל ייִדישער כאַראַקטער פֿון ווערק איז נישט דערמאָנט געוואָרן.

קען זײַן, אַז מאַרקיש האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ וויזיע פֿון אַ צווייטן טייל פֿון זײַן עפּאָס "מלחמה", וואָס ער זאָל רופֿן "שלום", פֿירן ווײַטער דעם הויפּט־העלד גור־אריה אין אַ גליקלעכן ייִדישן לעבן און אויסלעבן זיך אַלס ייִד און בירגער. קען זײַן — דערווײַל אָבער איז, שוין זינט דעם 20סטן נאָוועמבער 1948, אַ מידבר פֿון טויטן שווײַגן אַרום דעם זינגענדיקן ניאַגאַראַ־פֿאַל פֿון ייִדישער פּאָעזיע, וואָס זײַן נאָמען איז פּרץ מאַרקיש.

ערשטע עטלעכע הגהות אויף די ראַנדן
פֿון שלום אַש׳ס ״דער שליח״

1.

איך רוף די פּאָר ערשטע באַמערקונגען מיט אַ כּוונה מיט דעם נאָמען ״הגהות״ — זיי זענען דאָך געשריבן אויף די ראַנדן פֿון אַ טיף־רעליגיעזן ייִדישן ספֿר, אַ ספֿר פֿון איינעם פֿון די גרעסטע מײַסטער פֿון ייִדישן וואָרט פֿון הײַנט און פֿון אַלע צײַטן. ווי דען אַנדערש קען מען רופֿן באַמערקונגען אויף די ראַנדן פֿון אַ ספֿר, וואָס אָטעמט מיט גליענדיקן ייִדישן פּאַטאָס, וואָס איז אַזוי טיף ייִדיש, אַז אָפּט ווילט זיך איינעם מיט מורא דאָס בוך פֿאַרשטעלן פֿאַר נישט ייִדישע אויגן... נישט געקוקט דערויף, וואָס עס איז נישט דערשינען אין דער ערשטער אויסגאַבע אין ייִדישן לבֿוש זײַנעם, נאָר דווקא אין אַן ענגלישער איבערזעצונג.

איך רעד וועגן דעם בוך ״דהי אַפּאָסטל״ פֿון שלום אַש, וואָס איז אין די ערשטע טעג פֿון סעפּטעמבער 1943 דערשינען אין ניו יאָרק. איך ווייס נישט ווי אַזוי שלום אַש רופֿט דאָס בוך אין ייִדיש, לויטן ענגלישן טיטל דאַרף עס הייסן ״דער שליח״ און אַזוי רוף איך עס אויך אין די באַמערקונגען. די איבערזעצונג איז געמאַכט געוואָרן פֿון מאַריס סעמיועל. ״דער שליח״ איז דאָס צווייטע בוך נאָך ״דעם מאַן פֿון נצרת״, וואָס באַהאַנדלט די צײַט פֿון דער אַנטשטייונג פֿון קריסטנטום. ביידע ביכער נעמען אַרום — אין ענגלישן טעקסט — איבער 1500 גרעדיכטע זײַטן, ״דער שליח״ איז מיט הונדערט זײַטן גרעסער ווי ״דער נוצרי״. בײַם סוף פֿון ״שליח״, זענען דאָ די ווערטער: רוים איז אַרויס קעגן ירושלים מיטן שווערד, און ירושלים איז אַרויס קעגן רוים מיט גײַסט. דאָס שווערד באַזיגט אויף אַ רגע — דער גײַסט באַזיגט אויף אייביק. — — און שפּעטער זענען פֿאַראַנען נאָך ווערטער פֿון דעם מחבר אַליין ווי אַ צוגאָב: איך דאַנק דיר און לויב דיך האַר פֿון דער וועלט, וואָס דו האָסט מיר געגעבן דעם כּוח אַנטקעגנצושטעלן זיך אַלע נסיונות, און אַדורכ־צוגיין בשלום אַלע שטרויכלונגען, סײַ מײַנע אייגענע און סײַ די פֿון לײַטן, און צו פֿאַרענדיקן די צוויי ווערק, דעם ״מאַן פֿון נצרת״ און דעם ״שליח״, וואָס זיי זענען איין ווערק ביידע, און צו געבן אין זיי אַ לויב צו ישׂראל, וואָס דו האָסט אים אויסגעקליבן צו ברענגען דאָס ליכט פֿון גלויבן צו די פֿעלקער פֿון דער וועלט — — פֿאַר דײַן תּהילה, גאָט, און פֿון דײַן ליבשאַפֿט צו דער מענטשנהייט.

איך האָב צוריק־איבערזעצט די לעצטע עטליכע ווערטער ווי אַזוי איך האָב געקענט, האַלטנדיק זיך אָן שלום אַשס סטיל, איך האָב אַפילו גענוצט דאָס וואָרט "מענטשנהייט", וואָס אַש נוצט אַלע מאָל אַנשטאָט דעם וואָרט "מענטשהייט".

איך האָב ציטירט די לעצטע עטלעכע ווערטער פֿון דעם בוך ווײַל אין אים זענען אַנטהאַלטן די יסודות פֿון ווערק, זײַן צוועק. עס איז אַ טיף רעליגיעז ייִדיש ווערק, איבער די יאָרטויזנטער אַריבער, רירט זיך עס אָן מיט די צווײַגן, וואָס שטרעקן זיך איבער יאָרטויזנטער אַריבער פֿון די נבֿיאים'ס רייד אַרויס. עס איז אַ קעמפֿעריש ווערק, עס איז אַ קאַמף־רוף, עס איז דאָס שטאָלצעסטע ייִדישע בוך אין דער צײַט פֿון דער גרעסטער ייִדישער דערנידעריקונג פֿון אינעווייניק און פֿון אויסנווייניק.

2.

אַש האָט אַלע מאָל זייער פֿײַנט, אַז מען ציטירט אים, ברענגט אים צוזאַמען מיט פּרץ'ן. אַזוי האָב איך עס אָבסערווירט. פּרץ האָט אָפֿט געשריבן און נאָך מער גערעדט ביטערע רייד וועגן אַשן. ער האָט אים גוט געקענט, סײַ זײַנע שלעכטע, סײַ זײַנע גוטע זײַטן. און ווי אָפֿט ער האָט זיך געוווּנדערט מיט טענות און פֿאָדערונגען צו דער ייִדישער ליטעראַטור — צו אַשן האָט ער גערעדט. ווײַל פֿון קיינעם האָט ער אַזוי פֿיל נישט דערוואַרט. פּרץ איז דרײַסיק יאָר עלטער געווען פֿון אַשן, זײַן אייגענער זון לוציאַן — נאָר צוואַנציק יאָר ייִנגער פֿון אים. פּרץ האָט אַשן ליב געהאַט ווו זײַן גײַסטיקן זון, זײַן יורש, דעם אויספֿירער פֿון זײַן צוואה. און ווי אָפֿט פּרץ האָט געקינדיקט זײַנע צוואות דער וועלט — צו אַשן האָט ער גערעדט. און טיף פֿלעגן זינקען די ווערטער פֿון פּרץ'ס צוואות אין דעם האַרץ פֿון שלום אַש. ער האָט די ווערטער שוין זיכער פֿאַרגעסן. ער האָט זיי פֿאַרגעסן ווי ערד פֿאַרגעסט דעם זאָמען — אָבער צו דער צײַט גייט אויף די הערלעכע פֿלאַנץ...

אַט די אַלע ווערטער דאָ אויבן זענען מיט גאָרנישט באַגרינדעט חוץ מיט מײַן אייגענעם געפֿיל. מיגלעך, אַז ווען די ווערטער וועלן קומען צו אַשס אויגן — וועט ער זיי אָוועקמאַכן מיט דער האַנט... אָבער בלויז מיט דער האַנט. מיטן האַרץ וועט ער זיי נישט אָוועקמאַכן. ער וועט זיך פֿאַרטראַכטן אויף זיי.

אין דער קליינער סעריע "געדאַנקען אין דער וועלט אַרײַן" אויף זײַט 48 פֿון 11טן באַנד פֿון דער קלעצקין־אויסגאַבע (באַנד "געדאַנקען און אידעען"), זאָגט יצחק לייבוש פּרץ: און קיין מאָל האָט דאָס בלוטנדיקע ייִדישע האַרץ נישט אַזוי געבענקט צום נבֿיא, ווי הײַנט. צום נבֿיא, וואָס זאָל זיך שטעלן אויפֿן שפּיץ פֿון העכסטן באַרג, די וועלט זען און די ייִדישע וועלט־נשמה אין איר אַנטפּלעקן.

אוודאי בענקען נישט די ייִדישע פּאַרטייַלײַט פֿון רעכטס, לינקס און מיטן, די איינאַויגיקע ציקלאָפּן, ווי גלאַטשטיין רופֿט זיי, אויך נישט די זשורנאַליסטישע און געזעלשאַפֿטלעכע ייִדישע באַאַמטענשאַפֿט, דער פּאַסטן־היטנדיקער שטאַנד, נאָך

אַ נבֿיא. אָבער דאָס "בלוטנדיקע יידישע האַרץ", ווי פּרץ רופֿט עס — דאָס פֿאָלק, דאָס נישט פֿאַרדאָרבענע פֿאָלק, דאָס פֿאָלק בענקט נאָך דעם נבֿיא. און ער איז געקומען, און ער האָט זיך געשטעלט אויפֿן שפּיץ פֿון העכסטן באַרג, פֿון וואַנעט מען קען איבער יאָרטויזנטער אַריבערקוקן און ער האָט די וועלט דערזען, און די יידישע וועלט־נשמה אין איר אַנטפּלעקט. אין מיטן פֿון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, אין מיטן פֿון די גרעסטע ליידן פֿון יידישן פֿאָלק, איז אויפֿגעשטאַנען אַ ייד און זאָגט צו דער וועלט מיט פֿאַרביסנקייט און אַנטשלאָסנקייט ווי׳ עס זאָגן עס שטאַרקע מענטשן דורך שווערע ליידן: — פֿעלקער פֿון דער וועלט, וואָס איר שעכט אונדז, פֿעלקער פֿון דער וועלט, וואָס איר קוקט גלייכגילטיק צו ווי מען שעכט אונדז, פֿעלקער, ווייסט איר דען נישט, אַז מיר האָבן אייך די גרעסטע מתּנה געגעבן, וואָס קען אויף דער וועלט געגעבן ווערן — גאָט!

און ער זאָגט עס, דער ייד שלום אַש, מיט פֿאַרביסנקייט זייטל ביי זייטל אויף די 800 זייטן פֿון זיין "שליח".

3.

פֿראַנץ ווערפֿעל האָט אַ מאָל געשריבן אַן ערך אַזוי: עס איז אַ פּסיכאָלאָגיש געזעץ, ווער עס גיט איינעם אַ מתּנה שאַפֿט ער אינעם נעמער אַן אינפֿעריאָריטעטס־קאָמפּלעקס. וואָס גרעסער די מתּנה, אַלץ גרעסער דער אינפֿעריאָריטעטס־קאָמפּלעקס אין נעמער. היינט ווי גרויס מוז שוין זיין דער אינפֿעריאָריטעטס־קאָמפּלעקס אין איינעם, וואָס האָט באַקומען אַ גאָט אַלס מתּנה... (געמיינט איז דער אינפֿעריאָ־ריטעטס־קאָמפּלעקס פֿון די "גויים" אַנטקעגן יידן און די אומפֿאַרמיידלעכע יידן־שׂנאה, וואָס וואַקסט פֿון דעם אַרויס).

איך בין נישט אינגאַנצן מסכּים מיט דעם מאָדנעם געדאַנק פֿון פֿראַנץ ווערפֿעל — אָריגינעל איז ער זיכער און אַ שאָטן אמת איז דאָ אין אים.

וואָלט איך אין גאַנצן מסכּים געווען מיט דעם געדאַנק פֿון פֿראַנץ ווערפֿעל וואָלט מען מיט אַלע מיטלען געדאַרפֿט זיך באַמיען אַרויסצוציִען דאָס ווערק פֿון שלום אַש "דער שליח" פֿון דער צירקולאַציע איידער עס ווערט נאָך צו שפּעט.

איך וויל נישט זאָגן, אַז דאָס ווערק איז פֿול מיט יידישן סופּעריאָריטעטס־קאָמפּלעקס מחמת מיר האָבן דער וועלט געגעבן אַ גאָט. קיין שפּור פֿון יידישן אינפֿעריאָריטעטס־קאָמפּלעקס איז אין דעם זיכער נישטאָ. עס איז אַ שטאָלץ בוך — אַ שטאָלץ יידיש בוך.

4

פֿרומאַקישע יידן, וואָס ווילן שפּילן די ראָלע פֿון אמתע פֿרומע האָבן נאָכן "נוצרי" פֿאַרגלאָצט די אויגן צו זייער רעדאַקטאָר אָדער פּאַרטיי־שעף און געזאָגט, אַז נאָכן "נוצרי" וועט זיך די יידישע יוגנט אָנהייבן צו שמדן. נישט געקוקט דערויף

וואָס עס זענען שוין פֿיר יאָר נאָך דעם דערשיינען פֿון „נוצרי" אַוועק — איז אַזאַ מין שמד־עפּידעמיע נאָך נישט געווען און וועט נישט זיין. ווייל אַן אמת פֿרומער מענטש, אַז ער לעזט דעם „נוצרי" וועט ער נישט געפֿינען קיין שום גרונט צו שמד. אין פֿאַל פֿון נוצרי קען מען נאָך כאָטש רעדן וועגן דער געפֿאַר פֿון אַ שמד־מגפֿה. אַז מען וויל זיין בייזוויליק. אין פֿאַל פֿון „שליח" איז די זאַך פּונקט פֿאַרקערט. אויב עס וואָלטן אויף דער „גוישער" גאַס געווען אַזעלכע פֿרומאַקעס, וואָס ווילן שפּילן די ראָלע פֿון פֿרומע, וואָלטן זיי געדאַרפֿט פֿאַרגלאָצן די אויגן צו זייערע רעדאַקטאָרן אָדער פּאַרטיי־שעפֿן און וואָרענען, אַז נאָך דעם „שליח" קען חלילה אויסברעכן אַ מגפֿה פֿון מגייר זיין זיך...

שלום אַש האָט די צוויי ווערק נישט אויפֿגעשריבן אין איין צייט. דעם שליח האָט ער — ווייזט אויס — אויפֿגעשריבן און פֿאַרענדיקט שוין נאָכן אָפּדרוקן פֿון „נוצרי" און ער האָט אין דעם ווערק געמאַכט אַלע אָנשטרענגונגען צו בלייבן דורכויס ייִדיש. שוין צופֿיל ייִדיש. אַוודאי ווערט דאָ גלאָריפֿיצירט דאָס אור־קריסטנטום — אָבער נאָר דאָס ייִדישע אין אים.

דאַכט זיך, אַז דאָס איז געווען אַ וואָרט פֿון דעם פֿריערדיקן פּויפּסט — פּיוס, דעם עלפֿטן — אַז: גייסטיק זענען מיר אַלע סעמיטן... דאָס וואָרט וואָלט געדאַרפֿט שטיין ווי אַ מאָטאָ אויף דעם „שליח".

5

די ווערטער זענען הגהות נאָר; איך גיי נישט אַריין אין אַ גענויערער אינ־פֿאָרמאַציע וועגן פֿאָרם און אינהאַלט פֿון ווערק, אויך נישט אין קיין ברייטערער אָפּשאַצונג. איבער דעם ווערק וועט מען נאָך שרייבן און שרייבן. אַזוי גיך דאָס ווערק איז אַרויס האָב איך עס מיר געקויפֿט און ווי גיך געקויפֿט, אַזוי גיך איבערגעלייענט מיט דער גרעסטער גרינטלעכקייט. עס איז אַן אַרבעט אויף וואָכן. אַוודאי וואָלט געווען בעסער דאָס ווערק צו לעזן אויף ייִדיש, נישט געקוקט אויף דער מייסטערהאַפֿטער איבערזעצונג פֿון סעמיועל — און אפֿשר דווקא צוליב דעם... און וואָלט אַש געוואָלט, וואָלט ער דאָס ווערק געקענט אַרויסברענגען פּונקט אַזוי אין ייִדיש ווי אַלע אַנדערע ייִדישע שרייבער. אויב כּלל ישׂראל ייִדישע שרייבערס קען — מעג אויך רבֿ ישׂראל. אָבער דאָס איז נאָר אַ פּרט. צי דאָס ווערק איז געקומען צו אונדז אין אַ גויישן פֿראַק, אָדער עס וואָלט געקומען אין אַ ייִדישן קאַפֿטן — אַ ייִדיש ווערק איז עס דורך און דורך. אַ גרויס ווערק אין אונדזער ליטעראַטור שוין לכתּחילה, סיי לויטן מחבר, סיי לויטן פֿאַרנעם.

און ווי איז אונדז, ווי איז אונדז: דריי ייִדישע שרייבער — און אפֿשר זענען עס געווען מער, נאָר איך האָב אין די צייטונגען נישט געזען באַמערקט — האָבן זיך וועגן דעם ווערק שאַרף קעגנעריש אַרויסגעזאָגט און זיך נישט פֿאַרשטעלט די אויגן, און זייער שטים האָט נישט אַ ציטער געטאָן אַפֿילו, בשעת זיי האָבן

גלײַכצײַטיק מודה געווען, אַז זיי האָבן דאָס ווערק נישט געלעזן. דרײַ ייִדישע שרײַבער. פֿון ליבע און אַכטונג צו זיי וויל איך זייערע נעמען דאָ נישט אָנרופֿן. איך וויל זיי נאָר בעטן, אַז זיי זאָלן דאָס ווערק יאָ לעזן, און אויב זייערע געוויסנס וועלן זיך אָ ריר טאָן — זאָלן זיי זאָגן פֿרײַ און אָפֿן: געגרײַזט — — און מען טאָר נישט משפּטן אין קאָנטומאַציאָם (איינער צווישן די שרײַבער איז אַ יוריסט אויך) דאָס גרעסטע גײַסטיקע קינד פֿון דעם גרעסטן קאָלעגע אין דער ייִדישער ליטע־ראַטור.

באמת אַ צדיק, אַ הייליקער ממש אין דעם פּרט איז דער גוטער, אַלטער אַב. קאַהאַן. ער האָט דאָך דאָס ווערק פֿאַרדאַמט כאָטש געלעזנערהייט. און נישט נאָר דאָס ווערק האָט ער געלעזן, נאָר ווערק אַרום און וועגן פּאַולוס, דעם אַפּאָסטאָל. און ער איז דאָך שיער נישט אַזוי פֿיל אַלט ווי אַלע יענע דרײַ שרײַבער צוזאַמענ־גענומען.

6.

ווען די ייִדישע שול, די וועלטלעכע ייִדישע שול אין אַלע טיילן פֿון דער וועלט, אין אַלע שפּראַכן און פֿון אַלע שאַטירונגען, וואָלט באמת געוואָלט זײַן אַ גרויסע שול, וואָס ציט איר טראַדיציע פֿון די גרויסע, מוטיקע, גרויס־עטישע ישיבֿות פֿון דער אַנטיקער צײַט, וואָלט זי זיך אַ שטאַרקן קוק אום געטאָן אויף אַזאַ ווערק ווי ״דער שליח״. אפֿשר — יאָ, אפֿשר דאָס דאָזיקע ווערק אַרײַננעמען אַלס איינס פֿון די פֿונדאַמענטאַלע ווערק אויף צו דערציען אַ באמת שטאַלצן ייִדישן גײַסטיקן דור. אַרום דעם ווערק — וואָס גיט נישט מער און נישט ווינציקער ווי די צײַט אין וועלכער דאָס ייִדנטום איז אַרויס אויף דער גרויסער אַרענע פֿון דער וועלט פֿון מענטשהייט לײַדן און ענדגילטיקער אויסלייזונג — יאָ, אַרום דעם ווערק וואָלט מען דאָך געקענט רעדן און רעדן, דערציִען אַ דור, דורות, אפֿשר אַ נײַ ייִדישקייט.

דאָס זענען נישט מער ווי אַ פּאָר הגהות געווען. נאָך אַפֿילו נישט קיין שאָטן פֿון אַ שאָטן פֿון אויסשעפּן די קינסטלערישע אור געדאַנקלעכע טיפֿן פֿון דעם ווערק ״דער שליח״ פֿון שלום אַש, דאָס ווערק וועגן דעם ״אַפּאָסטאָל צו די גוים״.

דער אינהאַלט

לויט קריסטלעכע היסטאָרישע קוואַלן איז דער אַפּאָסטאָל פּאַול, וואָס האָט געהייסן מיטן ייִדישן נאָמען שאול און האָט געשטאַמט פֿון תּרשיש, אין קליין אַזיע, געבוירן געוואָרן אין יאָר 1 פֿאַר דער קריסטלעכער צײַט־רעכענונג און איז געקעפּט געוואָרן אין רוים אין יאָר 67 אָדער 68 פֿון אונדזער צײַטרעכענונג. די געשיכטע פֿון פּאַול איז אַנטהאַלטן אין ברית חדשה, ערשטנס אין טייל ״די מעשׂים פֿון די

שליחים" און צוויטנס אין די 14 בריוו, וואָס זענען משמעות פֿון פאולוסן געשריבן געוואָרן בשעת ער האָט אָרגאַניזירט דאָס קריסטנטום. פאולוס האָט קיין מאָל יעזוס קריסטוס נישט געזען — ער האָט בלויז געהאַט אַ וויזיע פֿון יעזוסן. אָבער די וויזיע איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז זי האָט געקלעקט אויף צו אָרגאַניזירן אַ נײַע רעליגיע אונטער די סאַמע שווערסטע באַדינגונגען און קעגן אַלע שטראָמען פֿון זײַן צײַט אין מאַטעריעלן זינען, דערפֿאַר אָבער מיט דעם שטראָם פֿון זײַן צײַט אין גײַסטיקן זינען. די וועלט, די היידנישע וועלט, האָט געלעכצט נאָך אַזאַ מין יעזוס, וואָס זאָל זײַן האַלב מענטש און האַלב גאָט און אַזאַ יעזוס האָט איר פאול געגעבן, אַפֿילו ווען ער האָט דערצו געמוזט באַוווסטזיניק פֿאַרדרייען די געשיכטע, וואָס האָט אים דאָך געמוזט באַקאַנט זײַן, אַפֿילו ווען ער האָט דערצו געמוזט מאַכן שטאַרקע אָפּנייגן פֿון דער יידישער רעליגיע, וואָס איז דאָך זײַן אייגענע רעליגיע געווען. פאול האָט אין זײַן לעבן געמאַכט פֿיר גרויסע רײַזעס איבערן דעמאָלטיקן "וועלט־ים", דעם מיטללענדישן. אָבער מיר ווילן דאָ דערציילן די געשיכטע לויט שלום אַשן.

*

שלום אַש האָט די געשיכטע פֿון פאול געשעפּט אין דער ערשטער ריי פֿון ברית חדשה. דאָס איז נישט קיין צופֿאַל. דאָס איז דער איינציקער אויטענטישער — אויב ער איז אויטענטיש — קוואַל פֿון דער דאָזיקער געשיכטע. אַלץ איבעריקע זענען ספּעקולאַציעס, ביכל־קריטישע ספּעקולאַציעס. דיאַלעקטיק. פּונקט אַזוי ווי עס איז שווער צו דערגיין דעם אָפּשטאַם פֿון קאָלומבוס, וואָס האָט דאָך געלעבט אין פֿופֿצעטן יאָרהונדערט שוין, פּשוט דערפֿאַר ווײַל קאָלומבוס איז ערשט געוואָרן שפּעטער, ווען מען האָט באַנומען די גרויסקייט פֿון זײַנע אויפֿטוען, אַזוי קען מען נאָך ווייניקער דערגיין די אמתע פֿאַקטן פֿון דער פאול־געשיכטע. מען קען זייער גרינג וויסן ווען גרויסע מענטשן זענען געשטאָרבן, אָבער מען קען זייער שווער דערגיין ווען זיי זענען געבוירן געוואָרן און די ערשטע שריט אין זייער לעבן. דאָס איז לאָגיש.

אָבער נאָר ווי מיט אַ מין חוט השדרה באַנוצט זיך אַש מיט דעם ברית חדשה. ווײַטער אַרבעט שוין זײַן גליענדיקע פֿאַנטאַזיע, זײַן ווילן אַרויסצובריענגען גרויסע יידישע אידעעס, זײַן דיכטערישע אינטויִציע, וואָס האָט ממש נישט איר גלײַכן אין דער איצטיקער צײַט בײַ יידן.

*

דאָס בוך אַשס איז אײַנגעטיילט אין דרײַ טיילן. איין פֿערטל פֿון בוך דער ערשטער טייל, צוויי פֿערטלען פֿון בוך — דער צווייטער און איין פֿערטל — דער דריטער. קאַפּיטלען — טיטולירטע — האַלט דאָס בוך 20, 35 און 22.

דאָס בוך הייבט זיך אָן זיבן וואָכן נאָך פּסח אין יאָר 30, דעם יאָר ווען קריסטוס איז געקרייַציקט געוואָרן. עס הייבט זיך אָן מיט אַ שבֿועות אין ירושלים. עס ווערן באַשריבן פֿאַרמעגלעכע פֿאַמיליעס — געכאַפּטע אין אידעאַליזם פֿון זייער צייַט, און דאָס איז געוועזן דאָס קריסטנטום. אַן ערך אַזוי ווי סאַלאָן־סאָציאַליסטן פֿון הייַנט... אין איינער אַזאַ משפּחה באַווייַזט זיך אַ דרייַסיק־יעריקער יונגער מאַן, אַסקעטיש אין אויסזען, מיט אַ ברייטן שטערן, נאָך שאַרפֿער אַרויסטרעטנדיק צוליב זייַן ליסינע. עס איז די צייַט פֿון די ערשטע נאָכפֿאָלגערס פֿון יעזוס, וואָס זייַן לערע איז נאָך דעמאָלט אַבסאָלוט אין די יידישע פיר איילן געבליבן. איינער פֿון די נאָכפֿאָלגער פֿון דער נייַער לערע — רב איסטעפֿאָן — ווערט געשטייניקט, אַן אַ משפּט צו סקילה, און אין אַט דער שטייניקונג נעמט אָנטייל שאול, דער פֿאַנאַטישער ייִד. ער האָט געהאַט נישט לאַנג אַ חלום וועגן אַ מלאך, וואָס פֿאַלט אויף דער ערד, וואָס שטרעקט זייַנע פֿאַרבלוטיקטע ווייַסע פֿליגלען צום הימל אַרויף... רב איסטעפֿאָן'ס ווייַסע הענט, וואָס שטרעקן זיך פֿון גל אבֿנים, וועלן אים שפּעטער ס'גאַנצע לעבן פֿאַרפֿאָלגן און דערמאָנען זייַן וויזיע. דאָס וועט זייַן דער לייַטמאָטיוו פֿון גאַנצן בוך...

עס ווערט געגעבן אַ גאַנצע ריי געשטאַלטן, מיט באַזונדערער גרינטלעכקייט דער אַפּאָסטאָל שמעון בר יונה, דער אַפּאָסטאָל צו די ייִדן, פּאולס באַגלייטער — כאָטש אָפּט ווייַט איינער פֿון אַנדערן — ביזן סוף. זייַן אַנגענומענער נאָמען — פּעטרוס. עס ווערט מיט באַזונדערער ליבשאַפֿט געשילדערט — ממש ווי דער תּהילים־ייִד — רב יעקבֿ, יעזוסעס ברודער.

שאול דער פֿאַנאַטיקער ווערט אַ פֿאַרפֿאָלגער פֿון די קריסטן, כאָטש אין דער טיף פֿון זייַן נשמה איז שוין דאָ דער זאָמען, און אַ שטאַרקער זאָמען, פֿון זייַנע אידעעס, אַז ייִדנטום האָט אַ מיסיע צו ברענגען דעם געדאַנק פֿון איין גאָט צו דער טיף־היידנישער וועלט. שאול ווערט אָבער געשיקט קיין דמשׂק מיט אַן אַנדער שליחות: צו פֿאַרפֿאָלגן די ערשטע קריסטן. אויפֿן וועג — און ער לייַדט פֿון דער פֿאַליקער קרענק — טרעפֿט אים אַ צופֿאַל, זייַנע געדאַנקען וועגן דער ייִדישער מיסיע אין דער וועלט און זייַנע געפֿילן פֿון געוויסן — פֿאַרוואָס ער פּייַניקט און פֿאַרפֿאָלגט אַזוי די קריסטן — צווישן וועלכע עס געפֿינט זיך שוין איינער פֿון זייַנע נאָענטע פֿרייַנט פֿון ירושלים, יוסף — מישן זיך אויס אין זייַן גאַנצן מהות און ער דערזעט פּלוצלינג זייַן אייגענע שליחות... צו זייַן דער שליח. אָבער דער וועג איז נאָך זייער אַ ווייַטער. ער דאַרף נאָך לאַנג, לאַנג איבערזידן די געדאַנקען און געפֿילן אין זיך. פּאול איז נישט קיין שנעלער מענטש, ער איז אַן אייַנגעשפּאַרטער און אַ פֿאַנאַטיקער, אָבער צוערשט מוז ער אַליין זייַן איבערצייַגט אין עפּעס. דערווייַל הייבט ער אָן שוין צו פּרעדיקן פֿאַר זייַן נייַעם גלויבן אין דער שליחות פֿון דעם מאַן פֿון נצרת. פֿון אַ באַשולדיקער ווערט ער אַ פֿאַרטיידיקער.

ער קומט צוריק קיין ירושלים, ער ווערט, אָדער וויל ווערן איינער פֿון די

אַפּאָסטאָלן, אָבער ער פֿאַרגעסט קיין מאָל נישט און מען לאָזט אים נישט פֿאַרגעסן, אַז ער האָט דעם נוצרי קיין מאָל אַליין נישט געזען. אין ירושלים ווערט אים דער באָדן צו הייס. עס איז נאַטירלעך, אַז קעגן אים איז דער האַס פֿון די קעגנער פֿון דער נײַער רעליגיע נאָך גרעסער. ער איז דאָך נישט גלאַט אַ גלייביקער אין דעם מאַן פֿון נצרת, ער איז דאָך אַ פֿאַררעטער פֿון אַ מיסיע, וואָס מען האָט אים איבער־געגעבן דווקא מצד די סאַמע גלייביקסטע ייִדן... ער אַנטלויפֿט מיט דער הילף פֿון זײַנע פֿרײַנט צוריק קיין תּרשיש. דאָרט בלײַבט ער יאָרן ביז נאָענט צו זײַן פֿופֿציקסטן לעבנס־יאָר. ער וווינט דאָרט אין דער היים פֿון זײַן אַלטער מוטער, וואָס האָט נישט קיין סך נחת פֿון איר מאָדנעם זון, וואָס איז נאָך דערצו אַ מענטש אָן אַ פֿאַמיליע.

*

און איידער פּאַול לאָזט זיך אויף זײַנע רײַזעס, זײַנע פֿיר רײַזעס, באַשרײַבט אַש די באַדינגונגען אין וועלכע עס האָבן געלעבט די ייִדן פֿון יענער צײַט. ער גיט דעם גרויסן ייִדישן צענטער אין אַלעקסאַנדריע — און עס איז געווען די צײַט פֿון מלך אַגריפּס דעם צווייטן. די צײַט פֿון דעם משוגענעם קייזער קאַיוס קאַליגולאַ — דעם קייזער מיטן שטיוועלע. עס איז אויך געווען די צײַט פֿון דעמאָלטיקן געבעלס, אָדער שטרײַכער, די צײַט פֿון אַפּיאָן. עס איז געווען די צײַט פֿון צווינגען די ייִדן אַרײַנצושטעלן אַ סטאַטוע פֿון דעם משוגענעם קייזער אין בית המקדש — וואָס עס איז קיין מאָל נישט צושטאַנד געקומען. אָט די אַלע זאַכן לאָזט נאַטירלעך שלום אַש נישט דורך און ער גיט אונדז — באַנוצנדיק הונדערטער זײַטן לאַנג די געשיכטע פֿון דעם אַפּאָסטאָל בלויז אַלס הינטערגרונט — ייִדישע געשיכטע. צײַטנווײַז דאַכט זיך, אַז אַש איז אַזוי מיטגעריסן געוואָרן פֿון די דאָזיקע שילדע־רונגען, אַז ער האָט פֿאַרגעסן די הויפּטפֿיגור פֿון זײַן ראָמאַן.

*

שאול פֿון תּרשיש איז געווען אַ רוימישער בירגער, ער איז געבוירן געוואָרן אַלס רוימישער בירגער. זײַן שטעלונג איז לגבי די רוימישע באַאַמטע געווען אַ פּריווילעגירטע. ער האָט געהאַט דאָס רעכט צו געבן זיך אַ לאַטײַנישן נאָמען און ער האָט דאָס רעכט אויסגענוצט. נישט גערן האָט ער זיך באַנוצט מיט זײַנע פּריווילעגיעס, אָבער אַז עס איז נוצלעך צו זײַן שליחות — טוט ער עס.

נאָכגיין איצט דער דערציילונג שריט בײַ שריט און דערציילן גענוי וועגן די פֿיר רײַזעס, ריכטיקער — די דרײַ — ווײַל די לעצטע איז שוין טאַקע געווען די לעצטע, וואָלט געהייסן אויף פֿיל הונדערטער שורות איבערגעבן יעדן פּרט פֿון ראָמאַן. מיר וועלן דעריבער מקצר זײַן. דאָס איז דאָך נישט קיין ריכטיקער אינהאַלט. עס איז בלויז אַן איבערזיכט איבערן אינהאַלט.

אַזוי גיך פּאול איז אַוועק פֿון תּרשיש איַינצוגעמען די וועלט פֿאַר זײַן נײַעם גלויבן האָט ער אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן. פֿאַנאַטיקער און אָרגאַניזאַטאָר — דאָס זענען געווען די צוויי הויפּטשטריכן פֿון זײַן כאַראַקטער. ער רינגלט זיך אַרום מיט פֿרײַנט און נײַע גלייביקע. ער לעבט אין אַבסאָלוטער אָרעמקייט. ער וויל נישט געניסן גאָרנישט פֿון זײַן שליחות. ער אַרבעט, ווו ער קומט, אַלס וועבער אויף צו פֿאַרדינען זײַן ברויט. מען קען אים גאָרנישט צווינגען אַז ער זאָל געניסן פֿון גאַסטפֿרײַנטשאַפֿט אַפֿילו פֿון די נײַע קריסטן. ווו ער קומט זעט ער געצן־דינסט. שיינקייט און געצן־דינסט, אָבער דער געצן־דינסט פֿאַרוואַנדלט יעדע שיינקייט אין עקלדיקער העסלעכקייט. די העלענישע וועלט. פּאול איז, ווי אַש שילדערט אים, ממש דער אורפּראָטאָטיפּ פֿון ייִד אין דער היים — מענטש אין גאַס. ער בלײַבט אַ טיף־גלייביקער ייִד, ער טראָגט כּסדר אַ טלית, האַלט אין איין דאַווענען, טראָגט פּיאות, אָבער אַז עס קומט צו גוים מאַכט ער פּשרות. אויף פֿיל צענדלינקער זײַטן ווערן געגעבן זײַנע מעדיטאַציעס וועגן זײַן שליחות צו ברענגען מיט דער הילף פֿון דער יעזוס־וויזיע דעם איין־גאָט־געדאַנק צו דער וועלט.

די רײַזעס פֿירן פּאולוסן דורך ווילדע בערג און ווילדע ימים און ווילדע פֿעלקער איבער דער גאַנצער אַנטיקער וועלט, קליין־אַזיע, אַלערליי אינדזלען, גריכנלאַנד און צום סוף רוים. פֿיל מאָל קומט ער קיין ארץ ישׂראל צוריק. און אָט האָט ער אין קיסריה אַ באַגעגעניש מיט מלך אַגריפּס. ער שטייט איצט אויף דער שוועל פֿון אַ נײַעם משפּט. דער קעניג וואָלט אים באַפֿרײַט, אָבער פּאולוס האָט שוין אַפּעלירט צו צעזאַר אין רוים. זײַן אַמביציע איז אפֿשר צו איבערצײַגן דעם קייזער אַליין אין זײַן גלויבן... ער ווערט איצט געפֿאַנגענער פֿון רוים. כּסדר געשמידט צו סאָלדאַטן פֿירט ער אָבער אָן מיט די קהילות פֿון דער נײַער רעליגיע. דערווײַל זיצט שוין נעראָ אויפֿן טראָן, נעראָ, וואָס האָט פֿאַרברענט רוים און זוכט קרבנות. ער געפֿינט זיי אין דער נײַער סעקטע, די ייִדן־קריסטן פֿון רוים. צום קייזער אַליין איז פּאולוס קיין מאָל נישט דערגאַנגען מיט זײַן משפּט, נאָר צו אַ קאָנסול. זײַן שוין פֿאַרגעסענעם משפּט האָט ער געוווּנען געהאַט, אָבער איצט ווערט שוין זײַן סעקטע פֿאַרפֿאָלגט אין רוים גופֿא. צוזאַמען מיט שמעון בר יונה־פּעטרוס איז איצט פּאולוס אַ געפֿאַנגענער אין די קאַטאַקאָמבן און צוזאַמען מיט אים געפֿינט ער דעם טויט — נעראָס אַ קרבן. אַלס רוימישער בירגער האָט ער אַ פּריווילעגיע געקעפּט צו ווערן און נישט געקרײַציקט. שמעון ווערט אָבער גע־קרײַציקט מיטן קאָפּ אַראָפּ, לויט זײַן ווילן. — — אָט דאָס זענען עטלעכע שטריכן פֿון אינהאַלט פֿון דעם ווערק.

אינהאַלט — געשטאַלטן — סעצענעס — אידעע

דער שליח באַשטייט פֿון דרײַ טיילן, וואָס נעמען אַרום אַן ערך פֿערציק יאָר

לעבן פֿון דעם אַפּאָסטאָל פּאָולוס און די דרײַ טיילן קומען פֿאַר: דער ערשטער פּרינציפּיעל אין ארץ ישׂראל, דער צווייטער דער עיקר אין אַלערליי לענדער אין נאָענטן מזרח, בשעת די רײַזעס פֿון אַפּאָסטאָל און דער דריטער אין רוים — אָבער די דרײַ טיילן זענען ממש צו דרײַ־פֿערטל אויסגעפּילט מיט מעדיטאַציעס, מחשבֿות פֿון אָט דעם פּאָולוס. עס געשעט אין דעם בוך זייער אַ סך, עס איז כּסדרדיקע אַקציע, כּסדרדיקע שטײַגונג, כּסדר טרעפּ, טרעפּ, טרעפּ — אָבער גײַסטיקע טרעפּ. דאָס בוך איז יאָ און איז נישט אַ ראָמאַן, עס איז מער נישט ווי יאָ, עס איז אַ פֿאַקל, וואָס וויל באַלײַכטן איינעם פֿון די פֿינצטערסטע אָפּגרונטן דורך וועלכע דאָס ייִדישע פֿאָלק איז דורכגעגאַנגען און איז לעבן געבליבן, עס וויל באַלײַכטן דעם איבערברוך־פּונקט פֿון דער גאַנצער ייִדישער געשיכטע, ווי אַזוי אַ פֿאָלק, וואָס איז אַלע מאָל געווען אַן ערך איין פּראָצענט, איין הונדערטסטל פֿון דער מענטשהייט לויט דער צאָל האָט געטראָגן די גרויסע אידעע פֿון איין גרויסן גאָט אין דער וועלט אַרײַן.

*

און איצט וועגן די געשטאַלטן און סצענעס:

אָט איז די געשטאַלט פֿון הויפּטהעלד פֿון בוך — מיטן ייִדישן נאָמען שאול און מיטן אַנגענומענעם נאָמען פּאולוס — נישט מיט ליבע ווערט ער פֿון אַש גע־שילדערט, נאָר מיט אָפּשײַ, מיט אַ דיסטאַנץ. אַש שרעקט זיך אַ ביסל פֿאַר אים... אַש איז דאָך בײַ אין אַלע טיפֿענישן פֿון זײַן נשמה אַ ייִד און פּאול גייט באַוווסטזיניק צו די גויים צו ברענגען צו זיי די אידעע פֿון ייִדישן איין גאָט אָפּילו פֿאַרן פּרײַז פֿון זײַן ייִדישקייט. שרעקט זיך אַש פֿאַר זײַן אייגענער געשטאַלט. פּאול איז אַ קראַנקער, אַן איינזאַמער, מיט אַ שלעכט אויג, אַ פֿאַליקער, אַ מאָגערער, מיט אַ ליסע קאָפּ און אַ קרענצל האָר אַרום אים, וואָס דערמאָנען אַ דערנער־קרוין. ער גייט דורך אומענדלעכע לײַדן אויף זײַן וועג, ער ווערט גע־שלאָגן, געשטייניקט, געשמיסן, געהאַלטן יאָרן אין קייטן, געקעפּט.

די צווייטע, הויפּטגעשטאַלט אין בוך איז שמעון בר יונה, פּעטרוס גערופֿן, דער ערשטער פֿון די צוועלף אַפּאָסטאָלן, ער איז כּסדר דער אַפּאָסטאָל צו די ייִדן, דאָס איז זײַן שליחות. ער האָט געקענט יעזוסן. ער איז אַלע מאָל אַ ביסל צוריק־האַלטעוודיק, נישט אַזוי שטראָמיק ווי פּאול.

און אָט איז רב יעקב בן יוסף, יעזוס ברודער, אַ ייִד, וואָס בלײַבט אַ ייִד, כאָטש ער גלייבט אין זײַן ברודער. ער איז אַ וועגעטאַריער און אַ סאָציאַליסט, אָט דער פּונקט פֿון דער רעפֿאָרם אין ייִדנטום אינטערעסירט אים צום מייסטן. ער איז שטיל און צוריקגעהאַלטן און לויטער טאַט. ווערטער אינטערעסירן אים ווייניק. כאָטש לויט די קריסטלעכע קוואַלן איז נישט קלאָר צי איז ער דער מחבר פֿון דעם בריוו פֿון יעקב, וואָס אין ברית חדשה, וויל עס משמעות אַש, אַז עס זאָל

אַזוי זײַן. אין אַט דעם בריוו שרײַבט ער דאָך, אַז אמונה אָן מעשׂים איז ווי אַ גוף אָן אַ נשמה. אַט דעם רב יעקבן שילדערט אַש מיט דער גרעסטער ליבשאַפֿט און נאַיִװקייט, ווי דעם תּהילים־ייִד.

און אַט איז רב איסטעפֿאַן מיט דער רויטלעכער באָרד און די ווײַסע הענט. דער ערשטער פֿאַנאַטיקער פֿון נײַעם גלויבן — דער ערשטער, וואָס ווערט געשטייניקט פֿאַר דעם גלויבן.

און רבן גמליאל. ער פֿאַרטיידיקט כּסדר און כּסדר דאָס רעכט פֿון דער נײַער סעקטע צו זײַן אַ סעקטע בײַ ייִדן, וואָרום קיינער האָט נישט קיין רעכט צו מישן זיך אין די עסקים פֿון אַ ייִד מיט גאָט כּל זמן ער גיט נישט אויף די עיקרים. נאָך דעם ווי פּאול האָט אָנטיילגענומען בײַ דער סקילה פֿון רב איסטעפֿאַן האָט אים רבן גמליאל געמאַכט די שווערסטע פֿאַרוואָרפֿן מחמת די שטייניקונג איז פֿאָרגעקומען אָן אַ משפּט. אַט די פֿאַרוואָרפֿן באַגלייטן פּאולוסן זײַן לעבן לאַנג.

יוסף באַרנאַבאַס איז אַ געוועזענער אַריסטאָקראַט פֿון דער גאָלדענער יוגנט אין ירושלים. די שיינקייט אַליין. ער איז שאולס פֿרײַנט. אין די צײַטן ווען שאול האָט גערודפֿט די נײַע סעקטע האָט ער אויך אים געפּײַניקט. שפּעטער ווערן זיי פֿרײַנט און בלײַבן ביזן סוף.

אומצאָליקע פֿרויען־געשטאַלטן זענען דאָ אין בוך. מרים פֿון מגדל, די וואָס ווערט אַזוי אויספֿירלעך באַשריבן אין אַשס "נוצרי", קומט אויך פֿאָר אין דעם בוך. און מרים — די שוועסטער פֿון באַרנאַבאַס — אַן אלמנה. סאַלאָן־אידעאַליסטן פֿון זייער צײַט. אָבער דער חילוק פֿון די הײַנטיקע איז, אַז זיי וואָרפֿן טאַקע אַוועק די סאַלאָנען. — און אַ פֿרוי פּריסיללאַ קומט פֿאָר אין בוך. אין צווייטן און אין דריטן טייל. זי העלפֿט דעם אַפּאָסטאָל אָרגאַניזירן די נײַע קהילות, זי ראַטעוועט אים אויך אַ מאָל ממש אויף די אייגענע הענט פֿון אַ שטייניקונג. איבער לאַנגע טיילן פֿון בוך שפּילט זי די ראָלע פֿון אַשס אייביקער מוטער־געשטאַלט, אָן וועלכער זײַנס אַ בוך קען גאָרנישט אָטעמען...

און אין די ווײַטערדיקע טיילן איז דאָ די געשטאַלט פֿון פֿילאָסאָף פֿילאָן פֿון אַלעקסאַנדריע, וואָס אַש מאַכט אים עלטער ווי ער דאַרף זײַן געשיכטלעך כּדי נאָך מער צו קענען אונטערשטרײַכן זײַן ווירדע און די אומווירדע און געפֿאַלנקייט פֿון אֶדום־רוים.

פֿאַר אונדזערע אויגן שטייט אויף די געשטאַלט פֿון מלך אַגריפּס, דעם צווייטן און זײַן שוועסטער־געליבטע בערעניקע. ענדלעך גייען זיי אַרײַן — געפֿירט מיט אַשס זיכערער האַנט — אין אונדזער ייִדישער ליטעראַטור, די געשטאַלטן, וואָס האָבן שוין לאַנג געדאַרפֿט זײַן אין איר. די געשטאַלטן וואָס פּרץ האָט אַזוי גערופֿן אין אונדזער ליטעראַטור אַרײַן אין זײַנע שטראַף־און מאָן־רייד צו זײַנע ייִנגערע חבֿרים. ווי שיין און עכט איז אַשס אַגריפּס, דער דרײַפֿערטל רוימער און פֿערטל-

ייִד. ווי עכט איז ער בשעתן פּאָגראָם אין אַלעקסאַנדריע. ווי וואָלט פּרץ פֿון דעם נחת געהאַט. דער ענטפֿער אויף זײַן אינטויִטיוון רוף.

און נאָך עטלעכע וואַנגעלישע געשטאַלטן. טיטוס, דער יונגער געצן־דינער־קריסט און טימאַטעאוס, דער ייִד פֿון דער מוטערס צד, וואָס פּאולוס אַליין מלעט אים און מאַכט אים פֿאַר זײַן זון. ווי הערלעך ווערן אָט די אַלע יונגען געשילדערט אין בוך.

און די רוימישע וועלט: ווער קען זיי אויפֿציילן אַלע — דער משוגענער קייזער קאַליגולאַ, דאָס שטיוועלע, און דער פֿאַרברענער פֿון רוים און גראַפֿאָמאַן נעראָ, און דער פּראָקוראַטאָר פֿון אַלע געבעלסעס און שטרײַכערס אָפּיאָן און די רוימישע פּראָקוראַטאָרן און קאָנסולן מיט די אײַזערנע קאַרקעס און שטאָלענע אויגן, אַנדערע שוין אַ ביסל אויסגעאיידלטע און בלאַזירטע — פֿעסטוס און פּעטראָניוס און נאָך און נאָך, און טיגעלינוס דער הויפּט־חונף פֿון נעראָס הויף, און די מעכטיק געשילדערטע סאַבינאַ פּאָפּעאַ, די וואָס האָט משוגענע סימפּאַטיעס צו ייִדן און ייִדישע סעקסעס ווײַל זי מיינט, אַז דורך זיי קען מען געווינען אויך אַ יענע וועלט פֿאַרן זינדיקן ווײַטערלעבן...

און סענעקאַ, דער פֿילאָסאָף, וואָס פֿאַר אַ מעכטיקייט פֿון אַ געשטאַלט.

און ערשט די געשטאַלטן פֿון דער וועלט פֿון די אָרעמע און געדריקטע. מיט דער הייליקער געשטאַלט פֿון אַנטאָניוס, דעם שקלאַף, וואָס האָט אָנגענומען דעם נײַעם גלויבן.

האָב איך אַלע געשטאַלטן אויסגערעכנט? קען מען עס אין אַזאַ קורצן אַרטיקל?

*

אַ פֿרײַנט, וואָס איז נישט קיין גרויסער אַש־ענטוזיאַסט, און אַ גרויסער קעגנער פֿון אַשס נײַע ביכער בכל אופֿן, האָט מיך דאָ אַנומלט געפֿרעגט: געדענקט זיך כאָטש איין סצענע נאָכן איבערלעזן דעם שווערן קנויל, וואָס רופֿט זיך דער אַפּאָסטאָל?

איך האָב געענטפֿערט: איך האָב אַ שלעכטן זכרון, אָבער זעץ דיך, פֿרײַנט, און איך וועל פּרובירן אויסרעכענען אַ פּאָר אַזעלכע סצענעס, וואָס געדענקען זיך. איך האָב עס געטאָן, מײַן פֿרײַנט איז אַוועק אַ שווײַגנדיקער. קעגנער איז ער געבליבן, אָבער וועגן "קנויל" האָט ער שוין מער נישט גערעדט. און אָט איז מער ווייניקער וואָס איך האָב מײַן פֿרײַנט געזאָגט מיט דער רעכטער האַנט איבער די פֿאַרמאַכטע אויגן — כּדי דער זכּרון זאָל בעסער אַרבעטן:

געדענקסטו די סצענע ווען באַרנאַבאַס טיילט פֿונאַנדער זײַן פֿאַרמעגן?

און די סצענע פֿון סקילה פֿון רב איסטעפֿאַן — אפֿשר די ערשטע שילדערונג

פֿון דעם דאָזיקן גרויזאַמען אַקט אין אונדזער ליטעראַטור. און סקילה קומט דאָך אַזוי אָפֿט פֿאָר אין תנ"ך.

און דעם וויכּוח צווישן שאול און רבן גמליאל.

און די סצענע ווי שאול קערט זיך אום בײַנאַכט צום טאָל פֿון דער סקילה און זעט די פֿלעמעלעך פֿון די גלויביקע, וואָס זוכן אין די שטיינער די רעשטלעך פֿון געשטייניקטן.

און דער אַרײַנפֿאָר פֿון דער קעניגין העלענע קיין ירושלים —

און די סצענע ווען באַרנאַבאַס, דער גלויביקער שוין, און שאול דער פֿאַר־פֿאָלגער טרעפֿן זיך. שאול אין דער מדבר געדענקט זיך דאָך זיכער.

די שילדערונג פֿון ייִדישן צענטער אין אַלעקסאַנדריע פֿון ערשטן י. ה. פֿאַר־געסט זיך נישט.

אויך נישט די שילדערונג פֿון גרויסן אַלעקסאַנדריער פּאָגראָם און אוודאי נישט דער ווידער־קול פֿון דעם פּאָגראָם אין הויז פֿון אַלאַבאַרך, ווו עס איז פּונקט צו גאַסט קעניג אַגריפּאַ.

די הומאָרפֿולע סצענע, זעלטן איז הומאָר אין דעם בוך, פֿון אַפּיאָן בײַ קאַליגולאַ.

און פֿילאָן דער פֿילאָסאָף בײַ די ייִדן אין רוים.

און דאָס שלעפּן פֿון סטאַטוע פֿון קאַיוס פֿון דער ריכטונג פֿון ירושלים און די לעבעדיקע וואַנט פֿון ייִדן און דאָס נס מיטן רעגן — ווען דאָס שלעפּן ווערט אָפּגעשטעלט.

און ווי שאול געזעגנט זיך מיט זײַן מאַמען און זעט אין די קנייטשן פֿון איר פּנים אַלע זאָרגן־וועג פֿון זײַנע שליחותן איבער דער וועלט...

און ווי פּאול רעדט צו די שקלאַפֿן אין אַנטיאָך.

און דער טעמפּל פֿון אומבאַקאַנטן גאָט אין מיטן דער אַקראָפּאָליס אין אַטען.

און פּאול בײַ די ייִדן אין אַטען, וואָס זעען אין אים נאָך איין לעסטיקן משולח...

און דער איינזאַמער קליינער ייִד פֿאַרן טעמפּל פֿון פּאַלאַס אַטענע און די סצענע אין טעאַטער בײַ דער עדיפּוס־פֿאַרשטעלונג. און די בראָנז־גיסערײַען פֿון קאָרינט, דאָס פֿאַלירן מעטאַל מיט מענטשלעכער לעבעדיקער הויט — און דאָס קראַנקע קינד בײַ דער מוטער־מעטאַל־אַרבעטערין.

און דער ערשטער צוזאַמענשטויס פֿון ייִדן און די נײַ־גלויביקע אין קאָרינט.

און די בריוו, וואָס פּאולוס שרײַבט נאָך טעג פֿון שווערער אַרבעט.

און די באַשרײַבונג פֿון געצן־דינסט — צענדלינקער און אַלערליי אין בוך — דיאַנאַ־טעמפּל.

און די זאַלבונג פֿון די הענט פֿון דעם שליח צו די קייטן...

דער שמועס מיט אַגריפּאַ אין צעזאָרעאַ. די באַגעגעניש פֿון וועלטלעכקייט מיט גײַסטיקייט.

און די באַשרײַבונג פֿון שטורעם אויפֿן ים בשעת פּאולוס פֿאָרט צו זײַן משפּט קיין רוים.

און די באַגעגעניש מיט די נײַ־גלייביקע און דאָס לאַכן פֿון פּעבל: די באַזיגטע זענען אפֿשר געקומען באַזיגן די באַזיגער... און זיי זענען דאָך טאַקע געקומען דאָס צו טאָן.

און די סוויטע פֿון סענעקאַ בשעת ער ווערט געטראָגן צום הויף. די חילות פֿון די חונפֿים... און דער שטילער ייִדישער שבת אין ייִדישן פּערטל פֿון רוים — און פּאול און די אַלערליי רוימישע סאָלדאַטן, צו וועלכע ער בלײַבט געשמידט יאָרן און יאָרן — און ווי דער קריסט־שקלאַף אַנטאָניוס טראָגט אַ לעבעדיק קינד אויף אַרײַנצוּוואַרפֿן אין דער קלאָקאַ מאַקסימאַ, דעם גרויסן קאַנאַל פֿון רוים; דאָס קינד איז אַ קינד פֿון זײַן האַר טיגעלינוס, נעראָס הויפּט־חונף.

דער פֿרימאָרגן בײַ סאַבינאַ פּאָפּעאַ מיט די צענדלינקער שקלאַפֿינס, וואָס פּוצן זי פֿאַרן טאָג.

דער באַנקעט, דער גרויסער באַנקעט, וואָס נעראָ מאַכט. די סצענע פֿון אויפֿשנײַדן דעם געקאָכטן חזיר, וואָס איז אָנגעשטאָפּט מיט וורשטלעך און די געדאַנקען פֿון דער האַלב־נאַקעטער סאַבינאַ פּאָפּעאַ ווען זי זעט דעם אויפֿגע־טרענטן בויך פֿון חזיר...

און דער קווערשניט פֿון רוים, פֿון דעם מיט מיליאָנען מענטשן פֿון אַלע טיילן פֿון דער וועלט אָנגעשטאָפּטן רוים און נעראָס אויסגעשריי: רוים שטינקט —

און די שריפֿה פֿון רוים, וואָס נעראָ צינדט אָן כּדי עס זאָל אויפֿהערן צו שטינקען — —

און נאָך פֿריִער פֿון דער סצענע די באַשרײַבונג פֿון דעם ערשטן אויפֿשפּראָץ פֿון בלוט־בילבול, וואָס קומט אויף אין רוים גופֿא, און וואָס וועט באַגלייטן דאָס ייִדישע פֿאָלק טויזנטער יאָרן לאַנג...

און דאָס זוכן קרבנות פֿאַר דער פֿאַרברענונג פֿון רוים צווישן די אומ־שולדיקסטע, צווישן די ייִדן־קריסטן אין רוים.

און די גוואַלטיקע סצענע אין גרויסן צירק ווען די ייִדן־קריסטן ווערן אין גרויסע מאַסן געוואָרפֿן צו די חיות.

אַגבֿ — האָב איך די סצענעס, וואָס זענען אויך אומפֿאַרגעסלעכע סצענעס אין סיענקיעוויטשעס "קוואָ וואַדיס" פֿאַרגלײַכט מיט יענע. אָן שום צווייפֿל האָט אַש נישט אויסגעמיטן דעם אײַנפֿלוס פֿון יענעם שרײַבער אויף אים. דאָס איז אַזאַ מין אײַנפֿלוס, וואָס קען גאָרנישט אויסגעמיטן ווערן. זיי זענען אָבער פֿאָרט אינגאַנצן אַנדערש — די סצענעס פֿון דער שריפֿה פֿון רוים און די סצענעס פֿון דעם וואַרפֿן די קריסטן צו די חיות פֿון צירק — בײַ אַשן. אַש זעט דאָס אַלץ מיט ייִדישע

אויגן און סינעקיעוויטש — מיט קאַטוילישע. איך מיין, אַז דער געשיכטלעכער אמת איז אין דעם פֿאַל געוועזן אויף אַשס זײַט און דעריבער אויך דער קינסטלע־רישער אמת אויף זײַן זײַט.

דער קלימאַקס פֿון דער סצענע איז אין דעם וועלן ראַטעווען אַ קינד פֿון די בלוט־הינט. דאָס וויל אַנטאָניוס, דער שקלאַף ראַטעווען דאָס קינד, וואָס ער האָט אַנשטאָט צו דער קלאַקאַ מאַקסימאַ אַוועקגעטראָגן צו די קריסטן און דאָרט עס געראַטעוועט אויף אַ צײַט.

און נאָך אָט די סצענעס גייט איבערן גאַנצן בוך דאָס אַלטע ייִדישע געוויין — ייִדן זאָגן קדיש נאָך די קרבנות זייערע.

און אָט זענען מיר אין די פֿינצטערע קאַטאַקאָמבעס פֿון רוים — די פֿינצטערע נאַכט־זײַט פֿון דעם העלן טאָג־פֿולן רוים. זיי זענען איצט פֿול מיט די געפּײַניקטע פֿון דעם נײַעם גלויבן.

פּאולוס איז דאָ און פּעטרוס מיט אים.

ווי איין האַרץ־צערײַסנדיק געשריי פֿון מענטשלעכסטן רעכט קעגן אומ־מענטשלעכסטן אומרעכט ציען זיך די סצענעס.

און עס קומט די אויסלייזונג, ממש די אויסלייזונג.

אָבער איידער די אויסלייזונג וועט קומען דאַרף מען נאָך איבערלעבן די סצענע ווי אַזוי פּעטרוס — שמעון בר יונה — הייסט זיך קרײַציקן מיט קאָפּ אַראָפּ. אַש מאַכט נישט קלאָר די סיבה. (די קרײַציקונג מיטן קאָפּ אַראָפּ איז טראַדיציאָנעל אין די קריסטליכע קוואַלן) מיר בלײַבן מיט אַ חשד, אַז שמעון בר יונה הייסט זיך קרײַציקן מיטן קאָפּ אַראָפּ, ווײַל ער וויל נישט געקרײַציקט ווערן ווי ישו, ער איז דאָך אַן אַנדערער, ער איז דאָך געוועזן דער שליח צו די ייִדן...

די סצענע רײַסט איין דאָס לעצטע ביסל נערוון פֿון דעם לעזער.

און טאַקע ווי אַן אויסלייזונג קומט די לעצטע סצענע — די ממש שטילע און אומדראַמאַטישע קעפּונג פֿון איינעם פֿון די דראַמאַטישסטע מענטשן פֿון דער וועלט־געשיכטע.

אידעעס

שלום אשס "שליח" איז אַ בוך, וואָס איז נישט מינדער וויכטיק פֿון אידעיִשן שטאַנדפּונקט, ווי עס איז וויכטיק פֿון קינסטלערישן. אַשן האָט קינסטלעריש שטאַרק פֿאַרכאַפּט די געשטאַלט פֿון פּאולוס, צײַטנווײַז דאַכט זיך, אַז אָט די געשטאַלט האָט אים אַ סך מער פֿאַרכאַפּט אַפֿילו ווי די געשטאַלט פֿון דעם נוצרי... און עס איז פֿאַרשטענדלעך. אַ קינסטלער בלײַבט אין דער ערשטע ריי אַ קינסטלער. דער נוצרי איז נײַן צענטל לעגענדע און פּאולוס איז נײַן צענטלווירקלעכקייט. אָבער נישט ווייניקער האָט אַשן פֿאַרכאַפּט די אידעיִשע זײַט פֿון פּאולוס. ענדלעך האָט ער

געפֿונען דאָס האַרן אַרײַנצושאַלן אין אים און דורך אים פֿאַר דער וועלט, אַזוי דער ייִדישער, ווי דער ניש־ייִדישער, זײַנע אידעעס וועגן ייִד און מענטש, וועגן דער ייִדישער מיסיע.

*

איך האָב סומירט מײַנע נאָטיצן אויף די ראַנדן פֿון "אַפּאָסטאָל" ספּעציעל פֿון איין שטאַנדפּונק בלויז: ייִד און גוי, ייִדישע שליחות צו דער וועלט. איך האָב אָנגעציילט זיבעציק נאָטיצן. און דאָס איז דאָך נישט קיין פֿאָרשונג געווען פֿון דעם ווערק — וואָס דאַרף געפֿאָרשט און נישט נאָר רעצענזירט ווערן — דאָס זענען געווען בלויז נאָטיצן. זיבעציק שטעלן אין אַ בוך פֿון 800 זײַטן, וואָס פֿאַרנעמען זיך בלויז מיט איין פּרט — מעג אַפֿילו זײַן דעם וויכטיקסטן, פֿון דער אידעע פֿון דעם בוך זענען זייער אַ סך. זענען זיכער נישט קיין צופֿאַל. וואָלט מיך עמעץ געפֿרעגט: וועלכע פֿון די שטעלן איז די סאַמע קווינטעסענץ? וואָלט אַוודאי זייער שווער געווען צו ענטפֿערן. איך וועל אַרויסכאַפּן פֿון די שטעלן אַ פּאָר: (זײַט 36) אָבער איך פֿרעג דיך, וואָס איז ישׂראל, אויב ער איז נאָר אַ ציל פֿאַר זיך? נישט מער ווי אַ וואָרעם אונטער די פֿיס פֿון די פֿעלקער. אָבער ישׂראל איז דאָס ליכט פֿון דער וועלט, דער שטערן פֿון דער מענטשהייט. אאַ"וו. און דאָס זאָגט נאָך נישט פּאולוס, דער אַפּאָסטאָל, דאָס זאָגט שאול פֿון תּרשיש, נאָך איידער ער אַליין איז געווען אַ יעזוס־גלייביקער. וואָס וועט ער ערשט זאָגן שפּעטער וועגן אָט דער מיסיע פֿון די ייִדן און וועגן זײַן מיסיע בפֿרט. אין אָט דעם הונדערטמאָליקן אונטערשטרײַכן דעם געדאַנק האָט אַש, דער הייסער, פֿאַנאַטישער ממש ייִד זיך אַליין באַרויִקט און אַנדערע ייִדן געוואָלט באַרויִקן אין אָט דער צײַט, ווען ישׂראל איז טאַקע נישט מער ווי אַ וואָרעם אונטער די פֿיס פֿון די פֿעלקער — לפֿנים...

אויף זײַט 78 — און דאָס זענען נאָך אַלץ די געדאַנקען פֿון דעם פֿאַנאַטישן אַנטיקריסט שאול — זאָגט ער צו זיך: נישט פּשוט אַ משיח פֿאַר די ייִדן, נאָר אַ משיח, וואָס וועט איבערבײַטן דעם סדר פֿון דער וועלט... אויף זײַט 339 — דעמאָלט איז שוין שאול געווען פּאול — זאָגט ער: מיר קענען נישט בלײַבן אײַנגעשלאָסן אין אונדזער ענגעניש און זיך פֿילן די נערעכטע און פֿרומע בשעת די וועלט גייט אונטער אין דער פֿאַרפֿלייצונג פֿון זכות און זינד.

איך וואָלט געקענט אַזוי אָנגיין מיט די ציטאָטן זײַט נאָך זײַט, אָבער אין גרונט גענומען איז דאָס נאָר איין ציטאָט אין הונדערטער וואַריאַנטן: גאָט האָט אויסגעקליבן די ייִדן, געגעבן זיי די אידעע פֿון איין גאָט און דאָס איז שוין ממילא אַ מיסיע. וואָרום אַזאַ אידעע קען מען נישט, טאָר מען נישט, אויב מען גלייבט טאַקע אין דעם גאָט, האַלטן אונטער אַ שעפֿל, אַזאַ ליכט מוז מען טראָגן צו דער וועלט. אויך די נבֿיאים האָבן שוין די אידעע פֿון טראָגן די גאָט־אידעע צו דער

וועלט און די פֿעלקער פֿאַרמאָגט. אויסגעפֿירט די אידעע, רעאַליזירט זי האָט ערשט פּאולוס.

*

שוין פּרק (איך ציטיר אים אַזוי אָפֿט ווײַל דער צוזאַמענהאַנג פֿון דער אַש־אידעאָלאָגיע און דער פּרק־אידעאָלאָגיע איז זייער אַ נאָענטע — מעג אַש עס צוגעבן אָדער נישט) האָט געשריבן וועגן אַשן, אַז ער שרײַבט מיט אַן אויג אויף די גויִים. מיגלעך, אַז פּרק איז גערעכט ביז צום "נוצרי" אײַנגעשלאָסן. אין דעם פּאולוס־ווערק קוקט שוין אַש אַפֿילו אַ ביסל אַוועק פֿון די גויִים... ריכטיקער געזאָגט איז דאָס בוך נישט געשריבן פֿאַר גויִים און נישט פֿאַר יידן ספּעציעל, יעדנפֿאַלס נישט פֿאַר קיין אָרטאָדאָקסישע יידן און נישט פֿאַר אָרטאָדאָקסישע קריסטן.ביידע וועלן דערמיט נישט זײַן צופֿרידן. עס איז געשריבן פֿאַר מענטשן. פֿאַר מענטשן, וואָס באַזיצן אין זיך איינע פֿון די שענסטע מידות פֿון אונדזער מענטשלעכן מין: טאָלעראַנץ. אָט פֿאַר זיי איז דאָס בוך געשריבן. און נאָך פֿאַר אַ מין ייד און נישט־ייד איז דאָס בוך געשריבן, פֿאַר זוכער פֿון אמת. ווארום איך שטעל מיך גרײַלעך פֿאַר, אַז אַן אמת גלייביקער ייד, פּונקט ווי אַן אמת גלייביקער קריסט — נישט קיין פֿאַרנאַטיקער־אָרטאָדאָקס — וועט נאָך דעם איבערלעזן דאָס ווערק זיך טיף פֿאַרטראַכטן און עפּעס פֿאַרשטיין און באַנעמען, וואָס ער האָט ביז דעמאָלט נישט באַנומען און נישט פֿאַרשטאַנען.

כאָטש דער נוצרי איז געשריבן געוועזן מיט "אַן אויג צו די גויִים" און דער אַפּאָסטאָל, לויט מײַן מיינונג, מיט "אַן אויג צו די יידן" זענען אָבער די ווערק אין תּוך באַשטימט: דאָס ערשטע פֿאַר די יידן און דאָס צווייטע פֿאַר די גויִים... מיט דעם נוצרי האָט זיך אַש פֿאַרמאָסטן אַ גרויסן יידישן חכם און רבי, אפֿשר גאָר אַ נביא, וואָס איז צוליב סיבות אויסגעוואָרצלט געוואָרן פֿון דער משפּחה פֿון די יידישע חכמים, צוריק מצרף זײַן צו דעם מנין צו וועלכן ער געהערט. דאָס איז די הויפּט־אידעע פֿון דעם ווערק — און זי איז דורכגעפֿירט. פֿאַראַנען דאָרט נאָך אַ הויפּט־אידעע — צו ווײַזן ווי אַזוי ייד און גוי זענען אין אַלע אייביקייטן פֿאַרבונדן, אַזוי ווי אינהאַלט מיט פֿאָרם, שיינקייט מיט גוטסקייט, כאָטש זיי זענען אָפֿט צעקריגט, דערגענצן זיי זיך אָבער. איינס אָן אַנדערן קען נישט לעבן. — דאָס זענען אידעעס, וואָס יידן האָבן זיי באַדאַרפֿט אין דער ערשטער ריי צעקײַען. — אין אַפּאָסטאָל איז די אידעע פֿאַר גויִים באַשטימט, כאָטש דאָס ווערק לרובֿ מיט "אַן אויג אויף יידן" געשריבן: ישׂראל האָט אַ מיסיע אין דער וועלט, אַ לאַנגע און שווערע און קאָמפּליצירטע, אַ מיסיע אויף יאַרטויזנטער. צי זענען די יידן טאַקע דאָס אויסדערוויילטע פֿאָלק? נישט וויכטיק. קען זײַן, אַז עס איז נאָר אַ צופֿאַל, אַז די מיסיע איז זיי צוגעטיילט געוואָרן, אָבער אַזוי איז עס. אין זײַן בוך "וואָס איך גלייב", וואָס איז ליידער קיין מאָל אין יידיש נישט דערשינען, זאָגט

אַש אַ משל וועגן אַט דער ייִדישער מיסיע. עס איז אפשר אַ, שוין אַ ביסל צו מענטשלעך משל, אָבער עס איז זייער אמת: צום אייעלע אין גוף פֿון דער פֿרוי, וואָס וויל ווערן באַפֿרוכפּערט רײַסן זיך צענדלינקער זוימען. אַלע ווילן עס באַפֿרוכפּערן. אָבער צוליב עפּעס אַ צופֿאַל געלינגט עס איינעם פֿון זיי. און אַט דאָס איינע ווערט געבענשט פֿון גאָט צו ווערן דאָס הערלעכסטע פֿון זײַן שאַפֿונג — אַ מענטש... אַט דאָס האָט פּאַסירט מיט די ייִדן. צוליב עפּעס אַ צופֿאַל זענען זיי געוואָרן די באַפֿרוכפּערער פֿון דער וועלט מיט דער אידעע פֿון איין גאָט.

דאָס גאָט-פֿאַרשטיין (שטרעבונג און אולטימאַטיווע דערגרייכונג) ווערט האָבן דרײַ מדרגות. צוויי פּאָזיטיווע און איין נעגאַטיווע. פֿיגוראַטיוו: אַ געביידע מיט אַ קעלער, מיט אַ פּאַרטער און מיט אַן ערשטן שטאָק. איצט — זינט מיר ייִדן האָבן געפֿונען דעם איין-גאָט-געדאַנק און האָבן אים פֿאַרשפּרייט צווישן די פֿעלקער — געפֿינען מיר זיך אויפֿן פּאַרטער. צום ערשטן שטאָק, ווו עס איז פֿאַראַנען אַ גלעזערנער דאַך פֿון וועלכן מען קען אויף אַן אמת זען דעם גאַנצן הימל, איז נאָך ווײַט.

די ערשטע מדרגה פֿון גאָט-פֿאַרשטיין איז געווען נישט מער ווי אַ בענקשאַפֿט גאָט צו פֿאַרשטיין, גאָט צו האָבן. דאָס איז געווען די קעלער-מדרגה, אַ נעגאַטיווע מדרגה אַזוי צו זאָגן. די מדרגה פֿון געצן-דינערײַ. אויך די געצן-דינער האָבן שוין געזוכט דעם "אומבאַקאַנטן גאָט". דאָס זעכצעטע קאַפּיטל פֿון 2טן בוך פֿון "אַפּאָסטאָל" איז אינגאַנצן געווידמעט אַט דעם פּראָבלעם.

מיט משה (און לאָמיר דאָ פּאַראַפֿראַזירן בערגסאָנס באַרימטע וואָרט: ווער עס האָט פֿאַרפֿאַסט די משה-געשיכטע איז געווען משה...) איז די וועלט אַרויס פֿון קעלער, אַרויף אויף דער ליכטיקער וועלט פֿון געדאַנק פֿון איין גאָט. דרײַצן-הונדערט יאָר לאַנג האָבן מיר דעם געדאַנק פֿון איין גאָט קריסטאַליזירט אין זיך. געטראָגן אים צו די פֿעלקער, אָבער נישט באַוווסטזיניק ווי אַ מיסיע. און מיט 1870 יאָרן צוריק האָט אַ ייִד מיטן נאָמען פּאול אָנגעהויבן באַוווסטזיניק צו פֿאַרווירק-ליכן אַט די ייִדישע מיסיע. אַט די לאַנגע תּקופֿה, וואָס געדויערט שוין איבער דרײַ טויזנט יאָר, און וועט נאָך געדויערן ווער ווייסט ווי לאַנג, רוף איך די צווייטע מדרגה. די דריטע וועט ערשט קומען אַמאָל, אַמאָל. דאָס אַבסאָלוטע גאָט-פֿאַרשטיין, אפֿשר דאָס באַזיגן דעם טויט. פֿון דער דריטער מדרגה חלומען מיר פּונקט אַזוי לײַדנשאַפֿטלעך ווי עס האָבן די געצן-דינער, די פֿון דער נעגאַטיווער מדרגה געחלומט פֿון איין גאָט...

און די צווייטע מדרגה, די פֿון איין גאָט, האָט געהאַט צוויי טיילן. אין ערשטן טייל האָט זי זיך קריסטאַליזירט אין זיך, אין צווייטן טייל האָט זי גענומען אַרויס-טראָגן דעם איין-גאָט-געדאַנק צו די פֿעלקער. דאָס איז געווען אַ קאָלאָסאַלער איבערברוך-מאָמענט נישט בלויז אין דער ייִדישער געשיכטע, נאָר אין דער גאַנצער וועלט-געשיכטע. אפֿשר דער וויכטיקסטער ריגל אין דער וועלט-געשיכטלעכער

קייט פֿון ייִדישן גײַסט און זײַן מיסיע. און אַ געשיכטלעכער רינג, איז דאָך אַלע מאָל אַן אָפּגרונט ממש. און אין אָט דעם טיפֿן אָפּגרונט האָט אַש אַ לײַכטנדיקן שטורקאַץ אַ וואָרף געטאָן — זײַן וועלט־געשיכטע בכלל און ייִדישע געשיכטע בפֿרט, באַלײַכטנדיק ווערק — דעם אַפּאָסטאָל פֿאַר דיר, ייִד, וואָס דו מעגסט זיך רויִק בלײַבן ייִד אויף ווײַטער, און אויך פֿאַר דיר קריסט, וואָס דו מעגסט זיך רויִק בלײַבן קריסט אויף ווײַטער, האָט ער דאָס בוך געשריבן. דאָס בוך — אַ ליכטפֿאַקל אין אַן אָפּגרונט...

"דער פֿאָטער פֿון דער ביבל־קריטיק" — בענעדיקט דע שפּינאָזאַ — האָט געהאַט אַ ביסל אַ בייז הארץ אויף ייִדן און האָט עס אויסגעלאָזט אין זײַן טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראַקטאַט; דער תנ"ך קומט דאָרט בײַ אים אַרויס ווי אַ גרויס און שיין ספֿר פֿאַר איין שבֿט בלויז. עס קען זײַן, אַז דאָס שטימט בנוגע דעם חומש. די נבֿיאים זענען שוין דורכויס אוניווערסאַליסטיש. דאָס לייקנט דאָך שוין הײַנט קיינער נישט. אין דער אמתן קריגן זיך די נבֿיאים אידעאָלאָגיש מיטן חומש זייער שטאַרק. אָבער דאָס שליחות, דאָס וועלט־שליחות פֿון די ייִדן קומט אין זיי נאָך נישט צום פֿולן אויסדרוק. נישט מיטן פֿולן באַוווסטזײַן. אויב עס איז אמת, אַז די רייד פֿון דעם נוצרי זענען טאַקע געווען די רייד ווי אַזוי זיי זענען איבערגעגעבן אין די פֿיר עוואַנגעליעס, דעמאָלט איז אויך אמת, אַז ערשט ער האָט דורכויס קלאָר און באַוווסטזיניק פֿאַרשטאַנען דאָס ייִדישקייט נישט נאָר אַלס ייִדישע זאַך, נאָר אַלס מיסיע צו די פֿעלקער פֿון דער וועלט.

אָבער כּדי פֿון דער אידעע זאָל ווערן ווירקלעכקייט האָט געמוזט קומען איינער, וואָס איז נישט נאָר באַגײַסטערט פֿאַרן אוניווערסאַליזם פֿון די נבֿיאים, נאָר פֿאַרכאַפּט פֿון אַ מין אידעע פֿון סופֿער־אוניווערסאַליזם, וואָס וועט אים געבן דעם כּוח אָט די אידעע אַזוי אײַנצופֿלאַנצן אין דער וועלט, אַזוי אײַנצוואָרצלען, אַז קיין שטורם זאָל זי שוין מער נישט קענען אַרויסרײַסן. דאָס האָט געטאָן פּאולוס.

די קריסטן גלייבן, אַז צווישן גאָט און מענטש האָט געפֿעלט אַ פֿאַרבינדונגס־רינג. האָט גאָט אַראָפּגעשיקט זײַן "זון" אויף דער וועלט. און ער איז געוואָרן דער רינג. די לעגענדע איז זיכער אַ שיינע און שיין איז דער סימבאָל. קיין צווייפֿל. אָבער אויך צווישן "גאָטס זון" און דער מענטשהייט האָט געפֿעלט אַ פֿאַרבינדונגס־רינג. אָט דעם פֿאַרבינדונגס־רינג האָט געשאַפֿן מיט זיך פּאולוס. "דער שליח צו די גויִים".

איך האָב אין אָט דעם מאמר נישט געוואָלט זײַן אַפּאָלאָגעטיש, דערציילן בלויז האָב איך געוואָלט וועגן דעם ווערק. דאָס ווערק אַנטהאַלט נישט קיין איין שפּור פֿון מיסיאָנערישקייט. ייִד זאָל בלײַבן ייִד און קריסט — קריסט. נאָר בעסער פֿאַרשטיין און ליב האָבן זאָלן זיי איינער דעם אַנדערן. ווײַל פּונקט ווי די נבֿיאים האָבן אין גרונט גענומען ליב געהאַט די גערעכטע צווישן די גויִים, אַזוי האָט ישו און נאָך אים אויך פּאולוס ליב געהאַט די ייִדן. אָט די ליבע פֿון פּאולוס צו די ייִדן

פֿאַרדעקט דאָך דאָס גאַנצע בוך ממש ווי אַ טלית... אויף זײַט 476 איז דאָ אַ שטעלע: פֿון דער צײַט אָן איז גאַרנישט געהערט געוואָרן פֿון אַ מחלוקת צווישן די צוויי קהילות. ביידע האָבן באַלאַנגט צום גאָט פֿון ישראל און זיי האָבן געהויזט איינע נעבן דער צווייטער אין דער שטאָט קאָרינט. (געמיינט איז אַ ייִדישע און אַ קריסטלעכע קהילה).

עס קען טאַקע זײַן, אַז די אידעע איז שוין הײַנט פֿאַרעלטערט. ווער ווייסט דאָס נישט? אָבער נאָר בײַ ייִדן איז די אידעע פֿאַרעלטערט. — בײַ די נישט־ייִדן איז זי שוין גאָר אויפֿן פּלאַץ. ווער קען דען צווייפֿלען אין דעם? לײדער, אַזוי איז דער אמת.

אָבער צושרײַבן דעם ווערק אַ מיסיע צווישן ייִדן? אויף זײַט 448 זאָגט אַש וועגן פּאולן: ער איז שטאַרק מיד געוועזן פֿון די מחלוקות וואָס ער האָט אַרויס־גערופֿן צווישן זײַן פֿאָלק. דאַכט זיך, אַז דאָס איז אַ פּערזענלעכער זיפֿץ געוועזן... אַ זיפֿץ פֿון מחבר אַליין.

*

איך לעז דורך, בײַם שליסן, מײַן אַרטיקל און זע, אַז ווײַט ווײַט נישט אַלץ האָב איך געזאָגט, וואָס איך האָב געוואָלט זאָגן. נישט דער ערשטער און אוודאי נישט דער לעצטער בין איך צו זאָגן אויף דער טעמע אַש און זײַן ווערק וועגן פּאולוס.

און נאָך איין מאָל וויל איך דאָ אָנרופֿן דעם נאָמען — פּרץ. אין יאָר 1907 (און אפֿשר 1909, איך בין נישט זיכער) האָט ער גענומען אַ וואָרט אין אַן אָפֿענעם בריוו וועגן דער דיסקוסיע וועגן מילה, וואָס אַש האָט דעמאָלט אַרויסגערופֿן. דאָרט זאָגט ער צ.אַ.: דער גרויער מענטש האָט זיך, נישט קלערנדיק, געשטעלט אויף דער זײַט פֿון דער פֿויסט... (דער פֿויסט, וואָס איז אַרויס קעגן אַשן. מ. ר.) און פּרץ פֿאַרענדיקט: און וויל מען אַ קינסטלעריש מויל מיט שמוציקע שמאַטעס פֿאַרשטופֿן, מוזן מיר רופֿן: שמוציקע לײַט — די הענט בײַ זיך! — אָבער דאָס אַלץ איז געווען אין די ליכטיקע יאָרן — מיט אַ דריטל יאָרהונדערט צוריק, ווען טאָלעראַנץ בײַ ייִדן איז נאָך געווען אַ לײַכטנדיקער אידעאַל און נישט אַן אויס־געלאָשן ליכט אין אַ ווינקל אַלטוואַרג־קאַמער...

שלום אַש'ס גלויבן

(אַ בליק אין "וואָט איַ בעליוו" — וואָס איך גלייב)

מיט אַ פּאָר חדשים צוריק, פרילינג 1941, איז אין ניו־יאָרק, אין אַ גרויסן ענגלישן פאַרלאַג, דערשינען דאָס נייַסטע בוך פון שלום אַש. דאָס בוך — אַרום 200 זייַטן גרויס — רופט זיך אין ענגליש "וואָט איַ בעליוו" — וואָס איך גלייב — אין יידיש. דאָס בוך איז איבערגעזעצט דורך מאָריס סעמיועל, שלום אַשס שטענדיקן איבערזעצער פון דער לעצטער צייַט, דעם לייַדנשאַפטלעכן מחבר פון דעם בוך — אין ענגליש — "דער גרויסער האַס".

שלום אַשס לעצטע בוך איז אפשר דאָס סאַמע לייַדנשאַפטלעכסטע פון אַלע די לייַדנשאַפטלעכע ביכער, וואָס ער האָט אונדז געשענקט אין פאַרלויף פון די העכער פערציק יאָר, וואָס ער שרייַבט און פאַרנעמט אַ פירנדיקע פּאָזיציע אין דער יידישער ליטעראַטור. וואָרום אַש האָט באַלד ביַי די ערשטע ליטעראַרישע שריט זייַנע פאַרנומען אַ פירנדיקע פּאָזיציע אין אונדזער ליטעראַטור.

פאַרוואָס אָט דאָס לעצטע בוך פון שלום אַש איז נישט דערשינען צוערשט אין יידיש — איז אַ פראַגע, נאַטירלעך, און אַ קאָרעקטן ענטפער דערויף וואָלט געקענט געבן שלום אַש אַליין. ער וואָלט זיכער געענטפערט אין דעם פאַל מיט אַ פראַגע אויף אַ פראַגע. ער וואָלט געפרעגט: און פאַרוואָס איז מייַן בוך "דער נוצרי" נאָך אַלץ נישט דערשינען אין יידיש בשעת אין ענגליש האָט עס ממש די וועלט איַינגענומען? איך מיין, אַז איך וועל קיין טעות נישט מאַכן, אַז איך וועל זאָגן, אַז דאָס בוך "דער נוצרי" איז דאָס יידישע בוך, וואָס האָט געהאַט דעם מאַקסימום לייענער און נישט נאָר צווישן נישט־יידן, נאָר אפילו צווישן יידן אויך. איך רעד נאַטירלעך פון ביכער פון דער יידישער ליטעראַטור אין יידיש.

"דער נוצרי" איז שווער אַטאַקירט געוואָרן כמעט פון דער גאַנצער יידישער פּרעסע. מאַנכע פון די שרייַבער, וואָס האָבן וועגן דעם בוך געשריבן, האָבן זיך אפילו געוואָלט דערהייבן איבער די רעליגיעז־שאָוויניסטישע אַטאַקעס, וואָס זענען (אַ, פּאַראַדאָקס פון פּאַראַדאָקסן...) אָנגעפירט געוואָרן פון דעם סאָציאַליסטישן "פאָרווערטס", זענען זיי אָבער אַרייַנגעפאַלן באַלד אין אַ צווייטן עקסטרעם פון אַזאַ מין בעלעטריסטישער פייַנשמעקערייַ, אַז שלום אַשס בוך האָט שוין ווידער געמוזט אַרויס בשן ועין.

אָבער נישט דאָס זענען מיר אויסן.

*

וואָס איז אויסן שלום אַש מיט זײַן נײַעם בוך ?

ער איז אויסן קלאָר צו מאַכן זײַן קרעדאָ, וואָס איז נאָך דעם "נוצרי" אַרויס־געקומען שוין אין זיך אַליין פֿאַרנעפּלט, וואָס איז אָבער — נאָך די שאָוויניסטישע קריטיקעס — נישט נאָר פֿאַרנעפּלט אַרויס, נאָר ממש פֿאַרטונקלט, פֿאַרבלאָטיקט, שוואַרץ. דאָס בוך "וואָס איך גלייב" איז אַרויסגעקומען זעלטן קלאָר. מעגלעך, אַז בײַ אַט דער קלאָרקייט האָט מיטגעאַרבעט דער איבערזעצער, וואָס האָט ווײַזט אויס, אַט דאָס בוך מיט אַ באַזונדערער ליבשאַפֿט איבערגעזעצט, איך וואָלט געזאָגט, אַז ער האָט זײַן אַרבעט געטאָן מיט נישט ווייניקער טעמפּעראַמענט ווי דער מחבר. און דאָס האָט דאָס בוך זייער קלאָר געמאַכט.

אָבער אַט דאָס אויבן דערמאָנטע איז נאָר דער פּערזענלעכער מאָמענט אין דעם בוך. "וואָס איך גלייב" האָט אָבער נאָך אַנדערע כּוונות, כּוונות פֿון אַ זעלטן־הויכער און גוט דורכגעטראַכטער עטישער מדרגה. און אַט די כּוונה ברענגט דאָס בוך צום אויסדרוק מיט טעסטאַמענטישן טעמפּעראַמענט פֿון איין זײַט און מיט אַ זעלטענעם פּאָליטישן טאַקט פֿון דער אַנדערער זײַט. עס איז אַ מין דיפּלאָמאַטיש דאָקומענטן־בוך פֿון ייִדן צו קריסטן וועגן אויפֿגעבן דעם צוויי־טויזנטיעריקן קאַמף, נו ווײַל עס איז שוין צײַט נאָך אַלעמען דאָס צו טאָן, נאָך צווייטויזנט יאָרן...

וועט איר פֿרעגן אַ פֿראַגע: מי שׂמך ? — איז ערשטנס די פֿראַגע קיין פֿראַגע נישט בײַ אַ קינסטלער בכלל און בפֿרט בײַ דעם אפֿשר ערשטן קינסטלער אין דער ייִדישער ליטעראַטור זינט די לעצטע פֿיר צענדליק יאָר. און צווייטנס איז דאָס ספּעציעל בײַ אַשן קיין פֿראַגע נישט, ווײַל ער טראַכט און רעדט אַלע מאָל זייער פּאַטעטיש, שיער נישט אַט אַזוי "מיר, שלום אַש..." און בכלל ווי שטייט דאָס געשריבן, אַז אַפֿילו נישט שלום אַש, נישט אַ שרײַבער מיט זײַן טעמפּעראַמענט און זײַן אייגנאַרט און סטאַזש — זאָל נישט האָבן אַ רעכט אין אַמעריקע צו שרײַבן וואָס ער וויל און ווי אַזוי ער וויל. הינטער זײַן בוך שטייען דאָך נישט קיין פּאָלקן מיט סאָלדאַטן, הינטער זײַן בוך שטייט נאָר דער טיפֿער גלויבן פֿון אַ קינסטלער, אַ ייִדישן, וואָס האָט דעם ענין ייִד־קריסט דורכגעלעבט פֿון אַלערלײַ זײַטן, אַלערלײַ פּערספּעקטיוון. אָנגעהויבן האָט ער דעם ענין איבערצולעבן אין חדר בײַ די "יויזל" מעשׂיות און בשעת מען האָט אים, אַלס זעקס־יאָריק קינד באַהאַלטן אונטערן בעט אין דעם טאָג פֿון "באָזשע־ציאַלאָ", ווען גרויסע קירכלעכע פּראָצעסיעס גייען איבער די גאַסן אַרום, און פֿאַרענדיקט האָט ער אַט די איבערלעבונג מיט צוויי יאָר צוריק, אין יאָר 1939, ווען מען האָט אים אַליין שיער נישט פֿאַר אַ משומד, שיער נישט פֿאַר אַ מיסיאָנער פֿאַרשריגן. (און עס האָט זיך נאָך נישט געענדיקט).

נאָך אַ מאָל און קלאָר: שלום אַש דריקט אין זײַן "וואָס איך גלייב" אויס

דעם גלויבן, אַז עס איז שוין צײַט, אַז די ייִדישע קירכע און די קריסטלעכע קירכע, אָדער ריכטיקער די רעליגיעזע ייִדן און די רעליגיעזע קריסטן פֿון אַלערלײַ שאַטי־רונגען זאָלן אָנהייבן צו גיין צוזאַמען צום גרויסן געמיינזאַמען ציל — און דער ציל איז — דער משיח פֿון דער וועלט.

קאַפּיטל בײַ קאַפּיטל, פּופּצן זענען זיי אין צאָל, ווערט אָט דער געדאַנק אויפֿגעבויט. נישט די אויסוואַקסונגען פֿון דער ייִדישער רעליגיע און נישט די ייִדן אַליין, נישט די אויסוואַקסונגען פֿון דער קריסטלעכער רעליגיע און נישט די קריסטן אַליין ווערן אין דעם בוך געשוינט. כאָטש פֿון יעדן וואָרט ווערט עס דיר קלאָר, אַז דאָס בוך האָט געשריבן אַ לײַדנשאַפֿטלעכער ייִד, און שלום אַש שטרײַכט עס אונטער אָפֿן אויף יעדער זײַט פֿון דעם מוטיקן און זעלטן שיינעם בוך. קיין שום פּאַרטיי — און וואָס פֿאַר אַ פּאַרטיי האָט עס דען געקענט זײַן? — האָט אָט דאָס בוך נישט דיקטירט, קיין שום געזעלשאַפֿט איז הינטער דעם שרײַבער נישט געשטאַנען, נאָר זײַן אייגן געוויסן. הײַנט, ווען די ווערטער פֿון דעם אַרטיקל ווערן געשריבן, שאַקירט אַ ביסל בײַם לעזן דאָס כּסדרדיקע צוזאַמענוואַרפֿן — אין די לעצטע קאַפּיטלען פֿון אַשס בוך — דעם באָלשעוויזם און דעם נאַציזם אין איין גרוב. אָבער דאָס בוך איז דאָך געשריבן נאָך פֿאַר דעם 21סטן יוני 1941, ווען די וועלט איז אין דעם זיבעטן זייער פֿאַרצווייפֿלט געווען. אָבער דער פּרט האָט נישט קיין פּרינציפּיעלן באַטייט אין דעם בוך.

איצט לאָמיר נאָכגיין שריט בײַ שריט שלום אַשס געדאַנקענגאַנג אין געליטן־וועלט.

*

אין דעם בוך איז כּסדר דאָ אַ מישונג פֿון הויכקינסטלערישע בילדער מיט קאַפּיטלען פֿון טיפֿן וויסן אין זאַכן פֿון ייִדישער און קריסטלעכער רעליגיע — און אַזוי הייבט זיך טאַקע דאָס גאַנצע בוך אָן מיט אַ בילד, געמאָלן אויף דעם עכטסטן שלום־אַשישן שטייגער, אַ בילד פֿון דעם ערשטן מענטש, וואָס הייבט זיך אויף אין פֿאַרנאַכט, אין דער דערשראָקענער און פֿאַרלוירענער דזשונגל, אויף אַ הויכן בוים און וויל דערגיין דעם סוד פֿון דער אונטערגייענדיקער זון. דאָס זוכט ער גאָט צום ערשטן מאָל. אָט אַזוי הייבט זיך דאָס בוך אָן מיט דער אורשרעק פֿון דעם אור־מענטש פֿון פֿאַר פֿופֿציק טויזנט יאָר און ענדיקט זיך מיט דער לעצטער שרעק זײַנער פֿאַר די אור־וואַלדישע כּוחות, וואָס האָבן זיך אין היטלערס געשטאַלט אויפֿגעהויבן מיט ברוטאַלער קראַפֿט און ווילן ווידער די מענטשהייט דערוואַרגן.

קען זײַן, אַז אין די לומדישע טיילן פֿון שלום אַשס בוך איז דאָ, אָדער דאָרט אַ קוצו של יוד נישט גאַנץ ריכטיק, נישט דער שרײַבער פֿון די שורות וואָגט וועגן

דעם צו משפטן, עס איז אָבער נישט וועזנטלעך וויכטיק פֿאַר דעם גאַנצן בוך און פֿאַר דעם הויפּט־געדאַנק אין אים.

אין די ערשטע קאַפּיטלען פֿון בוך גיט שלום אַש אַן איבערבליק איבער זײַן אייגענער אידעאַליסטישער פֿילאָסאָפֿיע, ער דערציילט וועגן זײַן אויפֿפֿאַסונג פֿון די באַציִונגען פֿון גאָט און מענטש, פֿון נאַטור און מענטש, פֿון מענטש און זײַן גוף און זײַן נשמה. שלום אַשס אַבסטראַקטע פֿילאָסאָפֿיע, וואָלט איך געוואָגט צו זאָגן, צייכנט זיך אויס מיט פּונקט דער זעלבער ספּעציעלער אַשישקייט ווי דאָס גאַנצע שרײַבן זײַנס. אַפֿילו זײַן אַבסטראַקט־ספּעקולאַטיווע פֿילאָסאָפֿיע האָט נאָך אַלץ מענטשלעך בלוט און פֿלייט און מענטשלעכע וואַרעמקייט אין זיך, ערדישקייט, מאַמעדיקייט. און אָט קומט ער צו זײַן קאַפּיטל וועגן בטחון, ער שילדערט אָט דעם בטחון ווי אַ זעקסטן חוש, וואָס אַנטוויקלט זיך ערשט אין מענטש, ווי אַן אָביעקט פֿון דער גרעסטער ליבע, פֿון אַן אייביק ווײַב, וואָס איז נישט נאָר נעבן דעם מענטשן דאָ, נאָר איז דאָ אין אים אין זײַן אייגענעם וועזן... אַש דערהייבט זיך צו וווּנדערלעכער קינסטלערישקייט בײַ דער שילדערונג פֿון בטחון. אַן בטחון וואָלט די וועלט נישט פֿאַרויסגעגאַנגען אַ שריט.

און אָט שילדערט ער די ערשטע זײַטלעך פֿון חומש, די מעשה בראשית. ער פֿאַרכלינעט זיך פֿון פֿרייד און פֿון באַוווּנדערונג. און אָט טײַטשט ער גאָר, אַז דאָס, וואָס גאָט זעט, אַז זײַן ווערק איז "גוט" נאָך יעדן נײַעם טאָג, און נישט, אַז עס איז שיין, איז אַ סימן, אַז שוין אין דעם סאַמע אָנהייב איז די יידישע רעליגיע געווען טאַקע יידיש און נישט העלעניסטיש. ווײַל די יידישע און נאָך איר די קריסטלעכע רעליגיע איז באַזירט אויף גוט און שלעכט און נישט אויף שיין און העסלעך.

און אָט גייט ער דורך די הויפּט־תּקופֿות פֿון דעם חומש און די נבֿיאים און קומט צום אויספֿיר, אַז דאָס משיחישע אין יידישן פֿאָלק איז גורל און עס קען פֿון דעם גורל נישט אַנטרינען, פּונקט אַזוי האָבן זיך די נבֿיאים כּסדר געווערט קעגן דעם, אַז זיי זאָלן זײַן נבֿיאים, אָבער גאָט האָט כּסדר געצוווּנגען.

דרײַ ברכות — זאָגט אַש — האָט דאָס יידנטום געבערענגט דער וועלט: דעם גלויבן אין איין גאָט, דעם גלויבן אין דער מענטשלעכער שותּפֿות אין הייליקן ווערק פֿון גאָט און די וויזיע פֿון אַן אוניווערסאַלן משיח פֿון דער גאַנצער וועלט — נישט נאָר אַן אויסלייזער פֿון די יידן, נאָר טאַקע פֿון דער גאַנצער וועלט.

אין דעם גלויבן אין איין גאָט הייבט זיך אָן דער בטחון פֿון מענטש און אין דעם גלויבן אין אַ משיח פֿון אַלע וועלטן איז די פֿאַרפֿולקאָמונג פֿון דעם בטחון. און נאָר דער גלויבן אין אַ משיח פֿאַר אַלע מענטשן האָט מעגלעך געמאַכט, אַז מיר יידן זאָלן אַזוי פֿיל לײַדן און אויסהאַלטן ווי מיר האָבן געליטן און טאַקע אויס־געהאַלטן.

די אויבן אויסגערעכנטע דרײַ פּרינציפּן האָט די קריסטלעכע רעליגיע איבער־

געגומען פֿון דער ייִדישער. זי אונטערשיידעט זיך פֿון איר אין אַ ריי פֿון דאָגמעס. פּרעדיקט אָבער נישט אַש די פֿאַרייניקונג פֿון דיביידע רעליגיעס, ער האַלט, אַז יעדע פֿון זיי דאַרף בלײַבן בײַ איר פֿאָרם, עס איז מענלעכער אַזוי און שענער אַזוי. נישט דאָס איז וויכטיק. וויכטיק איז, אַז ביידע רעליגיעס האָבן אין זיך דעם גלויבן אין אַן אויסלייזער פֿון דער וועלט — און אויב אַן אויסלייזער פֿון דער וועלט, דאַרף דאָך דאָס זײַן איינער און אויב עס דאַרף איינער זײַן — קען מען דאָך געמיינזאַם שטרעבן צו אים.

שווער קומט אַן אַשן אָט דאָס וואָרט "געמיינזאַם" — ער פֿאַרטיידיקט נישט די ייִדן, ווי זיי וואָלטן געווען הייליקע אַלע, ער איז נישט זיכער צי וואָלטן די ייִדן אויך נישט געווען גרויזאַמע פֿאַנאַטיקער פֿון זייער גלויבן ווען זיי וואָלטן געהאַט כּוח עס צו זײַן, אַ פֿאַקט אָבער איז ,אַז זיי זענען עס נישט געווען, און גרויזאַם איז מען געווען צו זיי. און אַז ער רעדט אַרויס דאָס וואָרט "געמיינזאַם" ווייסט ער, אַז די ייִדן וועלן דאָ דאַרפֿן זיך אָנטאָן אַ גרויסן כּוח דאַרפֿנדיק פֿאַרגעסן אַלע די בערג מיט טויטע, וואָס ליגן אויך די וועגן פֿון דער ייִדישער געשיכטע און די טײַכן ייִדיש בלוט, וואָס זענען דורכגעפֿלאָסן דורך די בריקן, דורך וועלכע די ייִדישע געשיכטע איז דורכגעגאַנגען אין איר אייביקן וועג. מען דאַרף עס אָבער טאָן און טאָן דווקא איצט ווײַל איצט איז טאַקע געקומען די צײַט.

און אָט דאָס איז דער הויפּט־רוף פֿון דעם גאַנצן לײַדנשאַפֿטלעכן בוך "וואָס איך גלייב". שלום אַש גלייבט, אַז די פֿאַרבינדונג, די אַליאַנץ פֿון די ביידע רעליגיעס איז מיגלעך און אַז זי איז איצט — באַזונדערס איצט אין פּנים פֿון דער געמיינזאַמער שרעקלעכער געפֿאַר, באַזונדערס נייטיק, לעבנס־נייטיק פֿאַר ביידע. איצט ווערט דאָך דער גורל פֿון ביידע רעליגיעס אָנטשיידן. און איצט איז אפֿשר געקומען די צײַט פֿון ביידנס העכסטן אידעאַל — דאָס קומען פֿון משיח פֿון אַלע וועלטן און פֿעלקער.

*

און ווידער קערט זיך אַש אום צו דער פֿראַגע פֿאַרוואָס די ייִדן האָבן יעזוס קריסטוס נישט אַליין אויפֿגענומען ווי זייערן אַ נבֿיא אָדער אַ רבי. ער ענטפֿערט, אַז דאָס איז געשען דערפֿאַר ווײַל קריסטוס האָט נישט געפּרעדיקט ווי אַ נבֿיא און אויך נישט ווי אַ רבי, נאָר ווי אַ משיח, ווי אַ גאָט — און דאָס איז פֿאַר דער ייִדישער דעמאָלטיקער וועלט געווען צו פֿרי און צו פֿיל. משיח איז קריסטוס געוואָרן, אָבער אַ משיח פֿאַר די גויִים. אפֿשר טאַקע דער ערשטער משיח, און דער ערשטער איז געווען נישט פֿאַר ייִדן, און דער צווייטער וועט ערשט זײַן — פֿאַר ביידן, פֿאַר ייִדן און נישט־ייִדן. נאָר ווי די זאַך זאָל נישט זײַן, אויב ייִדן האָבן קריסטוסן פֿאַרלוירן, האָבן זיי אָבער געוווּנען מיט דעם, וואָס ער האָט אַזוי פֿיל מיליאָנען מענטשן געבראַכט צו דעם גלויבן אין איין גאָט.

מיט אַ סך אַרגומענטן באַווײַזט אַש ווי אַזוי די גרויסע אַפּאָסטאָלן פֿון דער קריסטלעכער קירכע האָבן מיט דער הילף פֿון דעם יעזוס־קריסטישן גוף געבראַכט צו דער נישט־יידישער וועלט דעם ייִדישן גייסט. וואָס פֿאַר אַ חילוק צי מען פֿאַרהייליקט דעם ערשטן טאָג אין דער וואָך, דעם זונטיק, אָדער דעם לעצטן טאָג אין דער וואָך, דעם שבת, דער עיקר איז דאָך דער פּרינציפּ פֿון אַ הייליקן טאָג אין דער וואָך.

די קריסטלעכע לערע דאַרף זײַן הייליק צו יעדן ייִד — זאָגט אַש בײַם סוף פֿון נײַנטן קאַפּיטל פֿון זײַן בוך. די פּרינציפּן פֿון דער קריסטלעכער קירכע קומען פֿון די זעלבע קוואַלן פֿון וואַנען עס קומט דער ייִדישער גלויבן און דער פֿאַרויס־גאַנג און אַנטוויקלונג פֿון די פּרינציפּן איז באַגאָסן געוואָרן מיט אומענדלעכע שטראָמען פֿון ייִדיש בלוט און דערפֿאַר איז דאָס געוואָרן בלוט פֿון אונדזער בלוט און ביין פֿון אונדזער ביין.

אַש ברענגט די לעצטע פּסוקים פֿון קאַפּיטל י״ט פֿון ישעיה ווי אַ סימן, אַז דאָס וואַרטן אויף אַ משיח פֿאַר אַלע פֿעלקער גלײַך איז נישט קיין נײַעס בײַ אונדז געוועזן שוין טאָקע אין די צײַטן פֿון ישעיה — פֿאַרוואָס זאָל דאָס איצט נישט זײַן מיגלעך.

אין עלפֿטן קאַפּיטל פֿון זײַן בוך רײַסט זיך פּלוצלונג אַרויס אַ גרויסע באַשולדיקונג פֿון דער קריסטלעכער וועלט פֿון שלום אַשס האַרץ. עפּעס אַזוי ווי אַן אויסברוך פֿון געוויסן הלמאי ער פּרעדיקט צוזאַמענאַרבעט. און ער רעכנט אויס אַלץ, אַלץ אויף אַ מאָל, אַלע גרויסע פּאָגראָמען און אינקוויזיציעס — און ער פֿאַרענדיקט: לאָמיך כאָטש איין מאָל דאָס אַלץ אויסרעכענען און זאָלן שפּעטער מײַנע ליפּן בלײַבן שטום... אָט די מאָמענטן פֿון דעם בוך זענען פֿון אַזאַ הויכער עטישער קראַפֿט, אַזאַ איבערשוימענדיקער ייִדישקייט, אַז — — אָבער זאָלן אויך די ליפּן פֿון מײַן ווייניקייט בלײַבן געשלאָסן אויף אָט דעם אָרט. צו וואָס אויפֿרײַסן אַ ווונד, וואָס די ייִדישע ליטעראַטור האָט באַקומען אין די לעצטע צוויי יאָר.

זעלטענעם מוט, אַפֿילו אַנטקעגן דער קריסטלעכער וועלט, באַווײַזט אַש אין דעם דערמאָנטן עלפֿטן קאַפּיטל ווען ער פֿאַרגלײַכט די קאַטוילישע מיט דער פּראָ־טעסטאַנטישער קירכע און ער באַמערקט, אַז די לעצטע איז קיין מאָל נישט גע־זונקען צום באַנוצן זיך מיט דער אינקוויזיציע.

און אָט קומט ער צו רעדן וועגן דער אַמעריקאַנישער אומאָפּהענגיקייטס־דערקלערונג און ער באַווײַזט, אַז אין דער דערקלערונג איז אויך דאָ פֿון דעם הויכן עלעמענט בטחון און על כּן איז דאָס אַ געטלעכע זאַך און זי דאַרף אײַנ־געשלאָסן ווערן אין די תּפֿילות פֿון אַלע רעליגיעס און אויך אין ייִדישן סידור... און, פֿאַרקערט, דאַרף דאָס לערנען פֿון דער ביבל אײַנגעשלאָסן ווערן אין דעם וועלטלעכן טייל פֿון ליטעראַטור־ און סטיל־לימוד פֿון אַלע שולעס, ווײַל אין דער ביבל איז דאָ העכסטער סטיל.

און צום שלום זאָגט אַש: אַלע פֿעלקער זענען זינדיק, נישט צולעצט די ייִדן. און פֿאַר דער זינד פֿון די פֿעלקער צוזוקוקן זיך גלײַכגילטיק ווי די ייִדן ווערן געפּײַניקט פֿון היטלערן, דעם אַנטיקריסט, צאָלן זיי איצט אײנס נאָכן אַנדערן... ליבע צו מענטשן איז אַ טייל פֿון דער ליבע צו גאָט. מיט דער ליבע צו מענטשן דאַרף זיך אָנהייבן דעריבער דאָס קומען פֿון גרויסן משיח. שטרעבן דאַרף מען צו אים געמיינזאַם און אַט די גרויסע און געמיינזאַמע ייִדיש־קריסטלעכע באַוועגונג צו דער אויסלייזונג דאַרף זיך אָנהייבן אין אַמעריקע, וואָס איז נאָך יונג, שטאַרק, מעכטיק, גלייביק און נישט צעפּרעסן פֿון ציניזם ווי אייראָפּע.

אַט דאָס זענען די הויפּט־געדאַנקען — איבערגעגעבן מיט מײַנע שוואַכע כּוחות — פֿון שלום אַשס לעצטן דערהייבנדיקן אני־מאמין־ווערק. מעגסט מסכּים זײַן מיט אַשן, אָדער נישט, גלייבן מיט אים צוזאַמען, אָדער אויך נישט — אַ דערהייבנדיק בוך איז עס, ראוי צו ווערן אַ מיילן־שטיין אויף דעם טויזנטער־יעריקן וועג פֿון ייִדישן געדאַנקענגאַנג...

אַ בוך פֿול מיט אמתן אַשישן שטראַלנדיקן ייִדישן בטחון, וואָס מיר דאַרפֿן דאָס אַזוי נייטיק אין דער איצטיקער צײַט.

איינער פֿון די זעכצן מיליאָנען דאַנקט דיר פֿאַר אַ גוטן טאָג מיט דײַן נײַעם בוך, שלום אַש, אין אַזאַ מין שווערער צײַט.

דאָס נײַסטע ווערק פֿון שלום אַש משה

1. פֿון משהלע ביז משה

זיכער איז עס נאָר ריינסטער צופֿאַל, וואָס די סאַמע ערשטע בלעטער, וועלכע איז געפֿאַלן פֿון דעם יונגן, בויגעוודיקן ביימל אין דער פּויליש־ייִדישער ליטעראַטור מיט דעם נאָמען שלום אַש (געדרוקט סוף 1900 אין דער וואָכנשריפֿט דער יוד אין קראָקע), האָט געהייסן משהלע — אַן אימפּרעסיאָניסטיש מעשהלע וועגן אַ פֿאַר־חלומט בחורל, — און די סאַמע צײַטיקסטע פּרוכט, וואָס הענגט איצט אַראָפּ פֿון דעם צעוואָקסענעם, צעצווײַגטן, שוין אַ ביסל מידן, כאָטש נאָך פֿולן מיט שאַ־פֿערישע בלינונג־כּוחות, בוים אין דער ייִדישער וועלט־ליטעראַטור מיט דעם זעלביקן נאָמען שלום אַש — הייסט משה.

צופֿאַל און ניט צופֿאַל, ווײַל עס איז צו פּאַטעטיש. און אַלץ וואָס איז פּאַטעטיש האָט אין זיך אַ קערנדל ווירקלעכקייט.

נישט קיין צופֿאַל איז, וואָס שוין אין די יאָרן פֿון קינסטלערישער רײַפֿקייט און באַוווסטזיניקייט האָט שלום אַש אָנגעשריבן אַ "ביבלישע דערציילונג" פֿון צוואַנציק זײַטן מיט דעם נאָמען משה. פֿעדעם פֿון אָט דער דערציילונג זענען דאָ אין זײַן ווערק משה (דערשינען אין ייִדישן אָריגינאַל, ניו־יאָרק 1951, 491 זײַטן, און אין דער ענגלישער איבערזעצונג פֿון באַריס סעמיועל, 505 זײַטן.ביידע ביכער זענען אַרויס כּמעט גלײַכצײַטיק). איך גיב די באַצייכענונג "ווערק" און נישט "ראָמאַן", מחמת מען קאָן דאָס בוך נישט רופֿן ראָמאַן — און עס רופֿט זיך טאַקע נישט אַזוי, נישט אין אָריגינאַל און נישט אין דער איבערזעצונג. בלויז אויפֿן ענגלישן בוכהעמדל ווערט דאָס ווערק גערופֿן ראָמאַן. דער פּרט איז וויכטיק.

ליטעראַרישע באַאַרבעטונגען פֿון תּנ"כישע טעמעס זענען אַזוי אַלט ווי דער תּנ"ך אַליין, און ווען מען וואָלט געוואָלט זײַן פּאַראַדאָקסאַל וואָלט מען דרייסט געקאָנט זאָגן, אַז זיי זענען שוין דאָ אין תּנ"ך גופֿא... וואָס דען אַנדערש זענען די פֿאַרשיידענע ווערסיעס פֿון די זעלביקע עפּיזאָדן? אָבער מיר וועלן אין דעם נישט אַרײַנגיין.

2. דער צוגאַנג

אומצאָליק זענען די צוגאַנגען צו דער געשטאַלט משה פֿון בעלעטריסטן,

עסייִסטן, וויסנשאַפֿטלער. גיט מען זיך נאָר מיט איין פֿוס אַ ריר אַרויס פֿון דעם פֿעסטונגרינג פֿון דער ייִדישער טראַדיציע, קאָן מען באַלד פֿאַרפֿאַלן ווערן אין אַ דזשונגל. און אַז די געשטאַלט משה איז אַלע מאָל געווען אַ פּראָבלעם פֿון פּראָבלעמען — דערויף זאָגט דאָך עדות שוין יוסף פֿלאַוויוסעס קעגן אַפּיאָן. און ווײַט און פֿאַרוויקלט איז דער כּמעט צוויי טויזנט-יעריקער וועג פֿון דעם נאָר וואָס דערמאָנטן ווערק ביז זיגמונד פֿרוידס מאָזעס און מאָנאָטעיִזם אין אונדזערע טעג.

כאָטש עס איז קלאָר, אַז שלום אַש זענען די אַלע דזשונגלוועגן אַרום דער געשטאַלט משה נישט אומבאַקאַנט, האָט ער אויסגעקליבן צו בלײַבן, אין זײַן צוגאַנג צו דעם אבֿי הנבֿיאים בײַם ייִדישן פֿאָלק, אין דעם פֿעסטונגרינג פֿון טראַדי־ציאָנעלן ייִדישן וועלטבאַנעם.

פֿרעגט זיך די שאלה: אויב אַזוי, צו וואָס דאַרף מען אַזאַ ווערק בכלל? ממה נפֿשך — בלײַבט מען אין ייִדישן פֿעסטונגרינג פֿון דער טראַדיציע, מוז מען דאָך אָננעמען, אַז דער חומש האָט אַלץ אויפֿן סאַמע בעסטן אופֿן דערציילט. מען קאָן דאָך דעם חומש נישט אויפֿהייבן מער — אין אַזאַ פֿאַל. איז צו וואָס זשע דאָס שרײַבן? מען קאָן אָבער זיך אַליין געענטער דערהייבן צום חומש, צו דער געשטאַלט משה ווי זי איז דאָרטן. און דאָס איז די כּוונה פֿון דעם ווערק, און דעם צוועק דערגרייכט עס אין דער פֿולער מאָס.

אַפֿילו דעם דערוואַקסענעם מענטש רײַסט מיט שלום אַשס משה, מאַכט אים פֿאַרגעסן אַלע ספֿקות — זאָל זײַן אַפֿילו צײַטווײַליק, ווי לאַנג עס דויערט דער כּישוף בײַם לייענען. על אחת כּמה וכמה מוז זײַן דער כּישוף פֿון דעם ווערק בײַ דעם יוגנטלעכן לייענער און אַוודאי און אַוודאי בײַ דעם גלייביקן לייענער. און ריידנדיק וועגן גלייביקע לייענער, מוז מען זיך אָפּגרענעצן פֿון די קנאים. וועגן זיי האָט אַש אַמאָל ריכטיק געשריבן צום מחבר פֿון די שורות, אַז זיי לייענען נישט די לעצטע ווערק זײַנע, נאָר זיי שפּיאָנירן זיי.

און נאָך איין פּרט, וואָס שײַך צוגאַנג, מוז דערמאָנט ווערן. פֿאַראַנען אין דער וועלט-ליטעראַטור אַ הייפֿל שרײַבער, וואָס מען כאַפּט אויף זייערע ווערק און מען דערלאַנגט זיי באַלד, אין צענדליגער שפּראַכלעכע לבֿושים, מיליאָנען לייענער איבער גאָר דעם כּדור הארץ. שלום אַש איז אונדזער הויפּט-שליח אין דער רעפּובליק פֿון דער וועלט-ליטעראַטור. בשעת יעדער אַנדערער ייִדישער שרײַבער, בכל אופֿן דער רובֿ, זעט בײַם שרײַבן נאָר ייִדן-לייענער, און אַ מאָל אַפֿילו אַ פּאָר מנינים בלויז, זעט אַש פֿאַר זיך מיליאָנען, און דער איבערוועגנדיקער רובֿ פֿון זיי — נישט-ייִדן. דאָס איז משפּיע זײַן צוגאַנג. עס קאָן גאָר אַנדערש נישט זײַן.

משה איז בכן אויך אַן אַפּאָלאָגעטיש ווערק לגבי די אומות-העולם. עס וויל קלאָר מאַכן די סתּירות אין דעם טעמפּעראַמענט פֿון דעם גרינדער פֿון ייִדישן פֿאָלק, וואָס אָט מאַכט אים די לעגענדע פֿאַר דעם גרעסטן בעל-רחמים איבער אַ שעפּעלע, און אָט איז ער אַ נוקם ונוטר לגבי דעם פֿאָלק פֿון די מדינים, ווען ער

פּערזענלעך איז אַזוי פּיל דאַנק שולדיק. „אַפּאָלאָגעטיש" איז אַ קליין וואָרט — לאָמיר בעסער אַרומשרייַבן דעם ענין: מיט זייַן שאַפונג משה האָט שלום אַש מכוון געווען קלאָר צו מאַכן אויך דעם נישט־ייִדישן הארץ און מוח די פּריאָריטעט פון דער משה־געשטאַלט אין דעם יודעיִש־עטישן געראַנגל פון דער וועלט, און אַז אַזוי און נישט אַנדערש האָט געקאָנט זייַן דער אַנהייב מיט קרוב פערטהאַלבן־טויזנט יאָר צוריק, ווען די גאַנצע מענטשהייט האָט נאָך געבלאָנדזשעט אין מידבריות פון געצנדינסט. צענדלינגער מאָל שטרייַט שלום אַש אונטער, אַז כאָטש משה האָט אויך פאַר זייַן דערשייַנען אייביק געלעבט אין אונטערבאַוווּסטזייַן פון דעם מין מענטש, און וועט — זינט זייַן התגלות — אייביק לעבן אין באַוווּסטזייַן, איז ער אָבער פאָרט געווען אַ קינד פון זייַן צייַט און זייַן אַרום.

3. דער אינהאַלט

עס איז גוט צו שרייַבן אַ רעצענזיע וועגן אַ ווערק, וואָס אַלע האָבן געלייענט — מען קאָן זיך פאַרשפּאָרן דערציילן דעם אינהאַלט... נו, דאָס ווערק פון שלום אַשן — משה — האָבן זיכער נישט אַלע לייענער פון די שורות געלייענט, אָבער דעם חומש האָבן דאָך אַלע געלערנט און חומש־מדרשים האָבן דאָך אַלע, ווער מער, ווער ווייניקער — געלייענט, געהערט און געלערנט. און דאָס איז דער אינהאַלט אין זיבנען פון מעשׂה, אויך פון אַשס משה.

מדרשים און חומש־אורטעקסט זענען נאַטירלעך געניצט געוואָרן אַלס מאַטעריאַל, אָט ווי זיי וואָלטן מאַנאַליט געווען, אַזוי האָט אויך געטאָן טאָמאַס מאַן אין זייַן באַאַרבעטונג פון דער יעקבֿ־יוסף־עפּאָפּעע. און פּונקט ווי אין דער דערמאַנטער עפּאָפּעע זענען אין דעם סיפּור־המעשׂה אַרייַנגעפלאָכטן געוואָרן צענדליגער זייַטן, וואָס סומירן זיך אפשר אין גאַנצן ווערק צו הונדערטער זייַטן, מעדיטאַציעס און עסייִסטישע אויפקלערונגען. אָפט זענען דאָס אַפילו דירעקטע שמועסן מיט דעם הייַנטצייַטיקן לייענער פון בוך. אַ מאָל דוכט זיך אַפילו דעם לייענער, אַז דער סיפּור־המעשׂה איז דאָ נאָר אַ צוגאָב צו די מעדיטאַציעס, וואָס זענען דער עיקר. אָט דערפאַר טאַקע איז דאָס נישט קיין ראָמאַן, נאָר אַ ווערק וועגן משה, אויב איר ווילט אַפילו — אַ מאָנאָגראַפיע פון אַ גרויסן, מיט פּאַטאָס איבערשוימענדיקן דיכטער, וועגן דער גרעסטער, ווייַל דער ערשטער גרויסער, פּערזענלעכקייט, מיט אַ היסטאָרישן הינטערגרונט, פון זייַן פאָלק.

פאַראַנען דאָ און דאָרט אויך עפּיזאָדן אין אַשס משה, וואָס זענען — לויט דער נישט־אויטאָריטאַטיווער אָפּשאַצונג פון דעם שרייַבער פון די שורות — צום טייל, אָדער אין גאַנצן זייַן אייגענער מדרש, זייַן אייגענע אגדה, באַזונדערס אַרום די געשטאַלטן פון בתיה פּרעהס טאָכטער, משהס אַדאָפּטיוו־מוטער, און פּיהאַ, איר עטיאָפּישער באַדינערין, שפּעטערדיקער אשה כושית. און עס איז קיין צופאַל

ניִשט, וואָס גראָד די דאָזיקע צוויי געשטאַלטן האָבן אַזוי געוועקט און איבערן גאַנצן ווערק וואָך געהאַלטן אַשס גליִענדיקע פֿאַנטאַזיע. אין אַלע גרויסע ווערק פֿון שלום אַש זענען פֿאַראַנען פֿאַרהייליקטע מוטערגעשטאַלטן. אייגנטלעך איז עס אַלע מאָל איין געשטאַלט, נאָר אין פֿאַרשיידענע צײַטן, אין פֿאַרשיידענע לענדער און אונטער פֿאַרשיידענע נעמען. דער יסוד איז אַלע מאָל דער זעלביקער. אַ מוטער, וואָס ברענגט זיך פֿאַר אַ קרבן צו איר מוטערשאַפֿט, אַ מענטשלעך וועזן וואָס איז אויסגעוועבט פֿון לויטער לויטערער ליבע. אין דער געשטאַלט פֿון בתיה בת פּרעה האָט זיך אַש געקאָנט נאָך העכער דערהייבן ווי אין זײַן שטענדיקער באַהאַנדלונג פֿון מוטער־געשטאַלטן. אין דעם פֿאַל איז אַ מוטער זיך מקריבֿ פֿאַר אַ קינד, וואָס זי האָט אַליין ניִשט געבוירן, און פֿאַר דעם גאָט פֿון דעם קינד, וואָס איז געקומען צו צעשטערן אַלע געטער פֿון איר אייגן פֿאָלק און לאַנד מצרים. מיט אַ געוואַלדיקן פּאַטאָס, מען ווי אַלע מאָל דערהייבן — אַפֿילו בײַ אים, וואָס פּאַטאָס איז בײַ אים זײַן טעגלעך ברויט — באַשרײַבט אַש, אין קאַפּיטל 14 פֿון צווייטן טייל פֿון בוך, דעם קידוש־השם פֿון בתיה, דער טאָכטער פּרעהס, וואָס האָט געראַטעוועט משהן פֿון דער גזירה פֿון טויט אויף אַלע ייִדישע ייִנגלעך, געראַטעוועט דאָס לעבן פֿון דעם שפּעטערדיקן גרינדער פֿון ייִדישן פֿאָלק.

די הונדערט און צוואַנציק לעגענדאַרישע משה־יאָרן זענען אין חומש אײַנגעטיילט אין דרײַ גלײַכע חלקים; ביז 40 דער פּרינץ, ביז 80 דער פּאַסטעך, ביז 120 דער פֿירער פֿון זײַן פֿאָלק אין מידבר. שנײַדט איר נאָר איבער אָט די יאָרן אין דער העלפֿט — טראַנספֿאָרמירן זיי זיך לײַכט אין מיגלעכער היסטאָרישער ווירקלעכקייט. אָבער דאָס איז ניִשט אונדזער ענין. אַשס משה איז יאָ און איז ניִשט אַלט די יאָרן פֿון חומש. גיכער יאָ, ווי ניִשט. פּונקט ווי די גאַנצע געשטאַלט אין בוך איז יאָ און איז ניִשט רעאַל. אָט זוכט אַש ווירקלעכקייטס־באַרעכטיקונגען פֿאַר איטלעכן פּרט אָזן אָט טראָגט אים דער שטראָם פֿון זײַן פֿאָלקס לעגענדעס צו אַ לאַנד פֿון ווילנלאָזן גלויבן און פֿאַנטאַזיע.

אַשס משה האָט דרײַ טיילן, אָבער עס איז ניטאָ אין זיי די חומש־סימעטריע פֿון די משה־יאָרן. אין ערשטן טייל פֿון ווערק איז משה נאָך דער פּרינץ, אָבער ער איז שוין אין די יאָרן פֿון זײַן ווידערבאַהעפֿטונג מיט זײַן פֿאָלק. דער זעלביקער טייל פֿון זײַן בוך באַשרײַבט זײַנע יאָרן אַלס פּליט פֿון פּרעהס צאָרן און אַלס יתרוס איידעם, און אין דעם זעלביקן טייל נאָך פֿירט ער אַרויס די ייִדן פֿון מצרים. דער צווייטער טייל איז אויסגעפֿילט מיט די יאָרן אין מידבר, די יאָרן פֿון דער געזעצגעבונג און פֿאָלקס־פֿאָרמירונג. די יאָרן פֿון די ערשטע אינעווייניקסטע קאַמפֿן. די גרויסע רייניקונג נאָך די הונדערטער יאָרן פֿון פֿאַרשקלאַפֿונג. דער דריטער טייל — לויט דער צאָל זײַטן דער קלענסטער — באַשרײַבט דאָס שטאַרבן אין זאַמד פֿון די לעצטע שוין מתי מידבר. די נײַע דערוועקונג פֿון פֿאָלק, די דערנעענטערונג צום צוגעזאָגטן לאַנד און משהס סוף, ווײַל אויך ער באַלאַנגט

צום דור המידבר. אַזוי פֿיל — און נאָר אויפֿן שפּיץ מעסער — וועגן דעם אינהאַלט. מחמת כאָטש דער אינהאַלט איז דאָך אַלעמען באַקאַנט — איז אין אָט דעם בוך דאָ אַזוי פֿיל נײַער אינהאַלט, אַנדערשדיקער אינהאַלט.

4. קאָנסטרוקציע

ווייל איז דעם פּאָעט פֿון קליינע לידער — אין פֿאַרנעם — וואָס זײַנע ווערק זענען ווי קליינע שניצערײַען; ער קאָן זיי אין גאַנצן אַרומנעמען מיט זײַנע הענט, און אויב זיי זענען אַ ביסל גרעסער אין פֿיזישן פֿאַרנעם — קאָן ער זיי אַרומנעמען מיט די אָרעמס. ווי איז דעם דיכטער פֿון גרויסע — אין פֿאַרנעם — ראָמאַנען. זיי זענען ווי בנינים, וואָס ער מוז זיי בויען אין דרויסן... ער דאַרף כּסדר געדענקען אַזוי פֿיל שטאָקן, אַזוי פֿיל חדרים, קעלערן,ביידעמער און דעכער. און אומעטום קאָן מען עפּעס פֿאַרגעסן, עפּעס נישט דערבויען. דאָך ווייל איז אויך אַזאַ איינעם, וואָס גאָט האָט אים באַשאָנקען מיט אַ חוש און ספּעציעלן טאַלענט פֿאַר קאָנ־סטרוקציע, מיט אײַנגעהאַלטענעם טעמפּעראַמענט און אַליין־באַהערשונג. ווי איז אַזאַ איינעם, ווען ער האָט די וויזיע פֿון דעם גרויסן בנין, אָבער אין דער זעלביקער צײַט איז ער אַ מענטש מיט אַ דיטיראַמבישן דיכטער־טעמפּעראַמענט, און פֿון זעלבסט־באַהערשונג קאָן בײַ אים גאָר קיין רייד נישט זײַן. אַזוי איז שלום אַש.

צו דער קאָנסטרוקציע פֿון אַ ראָמאַן געהערט אויך די קענטשאַפֿט פֿון אינטריגע, פּונקט ווי אין אַ דראַמע. אָט די קונסט באַהערשט גראָד שלום אַש. ער שטעלט אַוועק געשטאַלטן, ער דײַט אָן זייער וויכטיקייט, אָבער וועגן זייער אמתער שליחות דערציילט ער אונדז ערשט מיט הונדערטער זײַטן ווײַטער אין ראָמאַן. אַזוי האָט ער געטאָן מיט דער פּיהאַ, דער שפּעטערדיקער אשה כּושית. אָבער קינסטלערישע אינטריגע איז נאָר אַ טייל פֿון דער קונסט פֿון ראָמאַן־קאָנסטרוקציע.

ווירקט דעריבער משה פֿון שלום אַש אָפֿט מאָל, וואָס שייך קאָנסטרוקציע, ווי אַן אַלטער פּאַלאַץ, וואָס מען האָט אים אין פֿאַרלויף פֿון יאָרהונדערטער אַרומ־געבויט מיט טורעמס, פֿליגלען און שטאָקן און אונטערגעגראָבן מיט קעלערן. סאַליד איז ער, דער גאַנצער בנין, אָרום און אָרום, אָבער נישט ווי אַ — לכתחילה פֿון פֿונדאַמענט ביז טורעם — דורכויס פּלאַנירטער שלאָס.

אַז דו האָסט דאָס גאַנצע בוך איבערגעלייענט, פֿילסטו זײַן שפּע און דו פֿילסט, אַז די טעמע איז אויסגעשעפּט געוואָרן, ווײַל דעמאָלט האָסטו פֿאַר זיך שוין די גאַנצקייט. אָבער בשעתן לייענען האָסטו אָפֿט, צו אָפֿט, געפֿילט די דיספּראָפּאָרץ אין באַהאַנדלען עפּיזאָדן און געשטאַלטן. געוויסע מעדיטאַציעס חזרן זיך איבער ווידער און ווידער אָן באַזונדערער נויטווענדיקייט. דו האָסט דאָס געפֿיל, אַז אַ סך זאַכן זענען אין ווערק צוגעשריבן געוואָרן, ריכטיקער: צוגעטראַכט געוואָרן אין

מיטן דער אַרבעט, אָדער נאָכן פֿאַרענדיקן זי, אָבער קיין זאַך איז נישט עלימינירט געוואָרן. און עלימינירן אין גרויסע ווערק איז נישט ווייניקער וויכטיק ווי צוגעבן...

אָבער דאָס זענען נאָך אַלע זאַכן נאָר פֿאָרעם־פּראָבלעמען. און ריין עסטעטישע, געשליפֿענע ליטעראַרישע אַרבעט איז אַשן אַלע מאָל פֿרעמד געוועזן. בלײַבט טאָקע דאָס עסטעטישע געפֿיל נישט אין גאַנצן באַפֿרידיקט בײַם לייענען דאָס יוערק משה. די איבערלעבונג פֿון גאַנצן ווערק בלײַבט סײַ ווי גרויס.

5. די געשטאַלט משה

ראָמאַנטישער רעאַליזם און מיסטיציזם דאָמינירט איבער דעם גאַנצן ווערק משה פֿון שלום אַש. און ראָמאַנטישער רעאַליזם און מיסטיציזם זענען די ליטעראַרישע עלעמענטן, פֿון וועלכע דער דיכטער האָט די געשטאַלט אויסגעוועבט, אויסגעפֿלאָכטן, אויסגעקלעפּט און דורכגעאָטעמט, אַז זי זאָל לעבן ווי לאַנג זײַנע ווערק וועלן לעבן, ווי לאַנג די ייִדישע ליטעראַטור וועט לעבן.

צוויי אייביקע כּוחות, צוויי אייביקע ײַשן אין דער וועלט, משה און דאָס ייִדישע פֿאָלק, האָבן זיך געזוכט. קיינער ווייס נישט פֿון וואַנעט זיי זענען ביידע געקומען. זיי האָבן געמוזט זײַן, כּדי די וועלט זאָל ווערן גאַנץ. ווײַל דער זינען פֿון לעבן איז נישט שיין לעבן, ווי לאַנג עס לאָזט זיך; נאָר דער זינען פֿון לעבן איז: גערעכט לעבן; און אויב נישט גערעכט לעבן פֿון באַשעפֿעניש צו באַשעפֿעניש, פֿון פֿאָלק צו פֿאָלק, האָט דאָס גאַנצע לעבן קיין זינען נישט, דאַרף עס נישט זײַן.

פֿון די ערשטע בלעטלעך פֿון דעם ווערק משה, אין וועלכע דער געצערטלטער פּרינץ אויף פּרעהס הויף בענקט אינטויִטיוו צו זען זײַנע געפּײַניקטע און פֿאַרשקלאַפֿטע ברידער־ייִדן, ביז די לעצטע בלעטלעך פֿון בוך, ווען ער ווייס, אַז ער האָט פֿאַרפֿלאַנצט די לײַדנשאַפֿט צו גערעכטיקייט אין דער וועלט און איבערגעענטפֿערט אַט די ירושה אויף אייביק דעם ייִדישן פֿאָלק, איז משה אַ זוכער פֿון אמת און יושר. פֿאַר וואָס גראָד ער? פֿאַר וואָס גראָד דאָס פֿאָלק זײַנס? ניטאָ קיין פֿאַר וואָס. עס איז דער ווילן פֿון גאָט.

משה איז אַ געטלעכער מאַן אין חומש און ער איז אַ געטלעכער מאַן אין אַשס ווערק. געטלעך און דאָך מענטשלעך. וואָס אייגנטלעך איז און הייסט "געטלעכער מאַן" איז שווער צו דעפֿינירן. זיכער איז, אַז די טואונגען פֿון אַ געטלעכן מאַן מוזן נישט אַלע מאָל זײַן פּסיכאָלאָגיש באַגרינדט. אָפֿט זענען זיי בלויז העכערע אימפּולסן.

משה בײַ אַשן איז די פֿיזישע שיינקייט און שטאַרקייט אַליין. אויך מיקעלאַנדזשעלאָ האָט אים אַזוי געזען. קיין שום קינסטלער — סײַדן דער, וואָס וויל אים אַוועקשטעלן אין אַ נעגאַטיוון ליכט — קאָן אים אַנדערש נישט זען. אויך זײַן גײַסטיקע קראַפֿט איז אָן אַ גרענעץ. כאָטש ער איז גאָטס געטרייסטער קנעכט,

איז ער אָבער נישט ווילנלאָז אַנטקעגן אים. אָבער כאָטש ער איז נישט אַלע מאָל נאָכגיביק צו גאָט, איז ער אָבער אָפּט נאָכגיביק צו מענטשן. ווײַל ער איז אויך דער מײַסטער פֿון עניוות.

אויב גאָט און מענטש זענען צוויי, איז שלום אַש משה נישט קיין גאָטס זון, אָדער פֿאַרמיטלער צווישן הימל און ערד, נאָר ער איז דער פּערפֿעקטער מענטש. ער קאָן צאָרענען צוליב פּשוטער באַליידיקונג, און צאָרענען מיט שטורעם, און ער קאָן אויך וויינען אין עלנטע נעכט, וויינען פֿון מיטגעפֿיל מיט דער קלענסטער באַשעפֿעניש, אָבער פּונקט אַזוי פֿון מיטגעפֿיל מיט זיך אַליין.

ער איז אַ סטראַטעג אָן רחמנות, וואָס האָט זײַן קונסט געלערנט אויף אַ מענטשלעכן אופֿן. ער איז אויך אַ יוריסט־בעל־יושר, וואָס האָט אײַנגעזאַפּט אין זיך אַלע מאָראַלישע לערעס פֿון זײַן צײַט, אָבער ער ווייס אַז אַלע די לערעס שווימען ווי שוים אויפֿן וואַסער, אויב זיי וועלן נישט פֿאַרווירקלעכט ווערן כאָטש בײַ איין פֿאָלק, אין איין לאַנד. דעריבער האָט ער אויסגעקליבן אַ פֿאָלק, צו זײַן איין פֿאָלק און ער פֿירט עס אין איין לאַנד אַרײַן, כּדי עס זאָל קענען דאָרט זײַן אַ מוסטער פֿאַר דער וועלט אין שטח און אין צײַט. ער איז אויך אַ מעכטיקער שרײַבער, וואָס ווייס, אַז כּדי גערעכטיקייט זאָל לעבן אייביק, מוז זי באַקומען אייביקע פֿאָרמען, מוז פֿאַרשריבן ווערן אין אַ בוך פֿון ביכער. ער שרײַבט עס, אָדער עס ווערט געשריבן אונטער זײַן השגחה.

ער איז אַ זון פֿון צוויי מוטערס און אַ מאַן פֿון צוויי ווײַבער, אָבער ער איז אַזוי אויסגעפֿילט מיט זײַן סאָציאַלער שליחות וואָס קומט צו דער וועלט דורך דעם טויער פֿון זײַן נאַציאָנאַלער שליחות, אַז נישט געקוקט אויף זײַן פֿיזישער מעכטי־קייט, בלײַבט ער כמעט אינדיפֿערענט צו קליינע מענטשלעכע לײַדנשאַפֿטן, וואָס קאָנען אין בעסטן פֿאַל באַשאַפֿן איין משפּחה. ער פֿאַרמירט אַ פֿאָלק, פֿאַרמירט אַ וועלט.

קיין זאַך, מענטשלעך, צי איבערמענטשלעך, וואָס פֿאָדערט אַקטיוו צו זײַן, איז פֿאַר משהן נישט צו שווער. און נאָר איין מאָל אין לעבן פֿאַרלאָזט אים זײַן מוט, ווען מע דאַרף און מ׳מוז אויפֿהערן צו זײַן אַקטיוו צווישן לעבעדיקע מענטשן — שטאַרבן. נאָר דאָס נישט! ער געהערט צו דער ערד, ער איז אַ מענטש. אָט דאָס איז משה פֿון שלום אַשן. און אויב ער איז דער זעלביקער אָדער כמעט דער זעליבקער ווי אין חומש — איז דאָך טאַקע געווען די כּוונה פֿון דעם ווערק: נעענטער צו ברענגען דעם לייענער צו דער משה־געשטאַלט וואָס אין חומש.

און דאָך איז פֿאַראַנען עפּעס, וואָס איז פֿונדאַמענטאַל און עלעמענטאַר אַנדערש אין שלום אַשס ספֿר ווי עס איז אין חומש; און דאָך איז פֿאַראַנען עפּעס, וואָס איז עלעמענטאַר אַנדערש אין דער משה־געשטאַלט פֿון שלום אַש. די פּערספּעקטיוו און די וויזיעס. מחמת עס איז מענטשיש־אוממעגלעך צו שרײַבן אין אַכט און פֿופֿציקסטן ייִדישן יאָרהונדערט (איך נוץ דאָ מיט אַ כּוונה די ייִדישע צײַטרעכנונג)

ועגן אַ געשעעניש, וואָס איז פֿאַרגעקומען אין דער מיט פֿון פֿינף און צוואַנציקסטן יִדישן יאָרהונדערט, און פּשוט אויסמעקן פֿון זיך די דרײַ און דרײַסיק יאָרהונדער־טער, וואָס דאָס ייִדישע פֿאָלק איז דורכגעגאַנגען זינט דער גרינדונג זײַנער דורך דעם אבֿי הנבֿיאים. זענען דעריבער אויף אַ סך שטעלעס פֿון אַשס משה פֿאַראַנען זעאונגען פֿון משיחישע ייִדישע לײַדן פֿאַר דער אויסלייזונג פֿון דעם מין מענטש. און זייער ווירקונג אויף דעם לייענער איז גאָר גרויס, ביזן לעצטן קעמערל פֿון דער נשמה דערגרייכן זיי, ביזן מאַרך פֿון די ביינער.

איך וויל באַזונדערס אונטערשטרײַכן די וויזיע פֿון דער קומענדיקייט, וואָס איז דאָ אין נײַנטן קאַפּיטל פֿון צווייטן טייל.

אַט אַזוי, אין קורצע ווערטער, זעט דער שרײַבער פֿון די שורות די משה־געשטאַלט אין שלום אַשס ווערק.

6. אַנדערע געשטאַלטן

אויסרעכענען די געשטאַלטן פֿון אַשס משה — הייסט אויסרעכענען די הויפּט־געשטאַלטן פֿון חומש. דאָס — אַבסאָלוט. רעלאַטיוו איז שוין די זאַך אין גאַנצן אַנדערש. געשטאַלטן, וואָס אין חומש זענען זיי זײַטיקע, אָדער קוים דערמאָנטע, צעגלִיען זיך און צעלײַכטן זיך אונטער אַשס בליק און באַריר. ער אינטערפּרעטירט, ער נעמט שטעלונג, ער ליבט, ער האַסט, ער דערהייבט, ער רוקט אָפּ אין אַ זײַט. שוין פֿרִיער איז אונדז אויסגעקומען צו ריידן, אין שײַכות מיט דעם אינהאַלט, וועגן פּיהאַ און בתיה. די דאָזיקע צוויי עפּיזאָדן־געשטאַלטן — וואָס אין חומש זענען זיי ביידע אָן אַ נאָמען, בתיה קריגט איר נאָמען ערשט אין דבֿרי הימים — ווערן בײַ אַשן דערהויבן צו גרויסע, כאָטש מער מיסטישע ווי ווירקלעכע געשטאַלטן. ער וואַרפֿט אויף זיי אַרויף און הילט זיי כּסדר אײַן אין דעם מאַיעסטעטישן מאַנטל פֿון זײַן ליבע.

מיט אײַנזעעניש ווערט באַהאַנדלט אַהרן, דער ערשטער כּהן. לויט דער גרונט־אידעע, אָדער איינער פֿון די גרונט־אידעען, פֿון בוך וואָלט אַהרן געדאַרפֿט שטרענגער באַהאַנדלט ווערן. און די גרונט־אידעע איז: די גערעכטיקייט פֿון די נבֿיאים קעגן די כּהנים אין דעם שטענדיקן קאַמף וואָס האָט אויסגעפּילט, און פֿילט אפֿשר נאָך איצט אויס, די גײַסטיקע געשיכטע פֿון ייִדישן פֿאָלק. זיי זענען טאַקע ברידער, אָבער צעקריגטע ברידער זענען אין תּנ״ך נישט קיין זעלטנקייט. משה איז דער אבֿי הנבֿיאים און אהרן דער אבֿי הכּהנים. אַהרן, וואָס וואָלט אפֿשר געדאַרפֿט זײַן דער אַנטיפּאָד פֿון משה, בלײַבט אַ ברודער מיט וועמען עס זענען דאָ שטענדיקע סיכסוכים, אָבער ער בלײַבט פֿאָרט אַ ברודער.

קינסטלעריש פּראַכטיק און פֿאַרבנרײַך איז די געשטאַלט פֿון בלעם. ווי אַלע מאָל בײַ אַשן געווינט אויך די געשטאַלט פֿאַרב און קלאַנג, וואָס מער ער פֿאַרנעמט

זיך מיט איר. צו ערשט איז עס אַן עפּיזאָדישע פיגור, אָבער מיט דעם שרײַבן וואַקסט אויך די קאָנצעפּציע און בײַם סוף פון בוך כאַפּט זיך אַש, אַז דער אייגנטלע־כער אַנטיפּאָד פון דער משה־געשטאַלט איז, אין זײַן ווערק לכל־הפּחות, נישט קיין אַנדערער ווי בלעם. פון איין זײַט דער נביא־האמת צו זײַן פאָלק און צו די פעלקער פון דער וועלט און פון דער אַנדער זײַט דער נביא־השקר צו זײַן פאָלק און צו פעלקער פון דער וועלט, פון דער מידבר־וועלט, וואָס איז געווען דעמאָלט משהס וועלט. דעם גרעסטן קינסטלערישן נחת, בעיקר טאָקע דעם ריין קינסטלע־רישן, פאַרשטאַפּט בײַם לייענען די בלעם־געשטאַלט. ער צעפּאָלט זיך בײַם סוף אויף שטויב און פּרוכנע און בלויז די נעגל בלײַבן פון אים...

אַ סך אויפמערקזאַמקייט געווינט מרים. זי ווערט דערהייבן צו דער שטרענגער, לײַדנדיקער אַסקעטישער, געזעץ־טרײַער און אייביק פאַרלאָזלעכער מוטער פון וואַנדערנדיקן מידבר־פאָלק.

מיט אָפענער בייזקייט, אַ מאָל אַפילו קינסטלעך אויפגעהעצטער אין אייגענעם געמיט, ווערט באַהאַנדלט קורח בן יצהר. און ווײַל אַש איז — קינסטלעריש — אַ שרײַבער פון ליב האָבן און נישט פון האַסן, קומט קורח אַרויס בלאַסלעך, כאָטש געמאָלן כּסדר מיט דיקע שאַרפע פאַרבן. עס בלײַבט אַפילו דער איינדרוק, אַז קורח קומט אַרויס בײַ אַשן אַ באַעוולטער.

כאָטש יהושע בן נון דאַרף היסטאָריש שפּילן אַזאַ גרויסע ראָלע, סטראַטעגיש — די צווייטע נאָך משהן אַליין, האָט ער אָבער קיין שום דיאַלעקטישע ראָלע נישט אין אַשס ווערק. ער איז און בלײַבט אַ מעכטיקער שאָטן פון זײַן האַר — משה. אָבער אָט דער שאָטן פון דער גרויסער געשטאַלט ווערט מיט אַזוי פיל ליבע געצייכנט, אַז עס געשעט אַ נס און דער שאָטן ווערט ממש אַ פיזיש דערשײַנונג... נאָכן איבערלייענען דאָס ווערק פאַרגעדענקט ער זיך אָט ווי ער וואָלט געווען זעלבשטענדיק, ווײַל — ווײַל אַש קאָן ליב האָבן און קאָן זײַן ליבע אַרויפצווינגען אויף זײַן לייענער.

אָפּשטעלן זיך אויף די פיל אַנדערע געשטאַלטן אין בוך וואָלט אונדז צו ווײַט אַוועקגעפירט אין אָט דער אָפּשאַצונג, וואָס איז נישט קיין שטודיע, נײַערט בלויז אַ רעצענזיע. אייניקע פון זיי בלײַבן פּונקט אַזוי אין שאָטן, אויך אין אַשס ווערק, ווי זיי זענען אין שאָטן, אָדער אין האַלב־שאָטן, אין חומש, אַזוי צפורה, אַזוי יתרו, אַזוי משהס צוויי זין. אַ גוט מזל, אין דעם זינען, האָט נחשון בן עמינדבֿ, אַ נשׂיא פון שבֿט יהודה. כאָטש אין ווערק דערשײַנט ער עפּיזאָדיש, עס פעלן אים פאַרב און קלאַנג און ער ווערט בכלל אין גאַנצן ווינציק אויסגעשטאַלטיקט, האָט אָבער אַש צו אים אַ גאַר באַזונדערע באַציִונג. ער ציט זײַן אייגענעם יִחוס פון אים. אויף זײַט 157 זאָגט ער בפירוש: וואָס אין זײַן געצעלט האָט די נשמה פון דעם שרײַבער פון די שורות זיך געפונען, ווײַל ער געהערט צו זײַן משפּחה... נו נחשון איז געווען דער מוטיקסטער בשעתן אַריבערגיין דעם ים, לויט דער אַגדה,

פֿון אים שטאַמט אויך דוד המלך. אַ סך ייִדן פֿלעגן ציִען זייער ייִחוס פֿון דוד המלך און עס קאָן זײַן, אַז אויך די אַש־משפּחה האָט אַזאַ כתבֿ. כאָטש אַ פּרט — איז ער ביז גאָר אינטערעסאַנט. ער איז מיסטיש. און טיפֿער רעליגיעזער מיסטיציזם איז בלי ספֿק איינער פֿון די כּוחות, וואָס האָבן געפֿירט אַשס האַנט בײַם שרײַבן זײַן משה. דער ענין גלגולים קאָן אַפֿילו אַ ניכטערן רעאַליסט אַמאָל אויפֿטרייסלען, מכּל־שכּן אַזאַ רעליגיעזע קינסטלער־נשמה, ווי די נשמה פֿון שלום אַש. זײַן מיט־קעגנוואַרטיקייט אין דעם פֿאַרקומען פֿון די גרויסע סצענעס אין משה־בוך איז גורם, אַז זיי ווירקן אַזוי מיטרײַסנדיק אויף דעם לייענער, אַפֿילו אויף דעם נישט רעליגיעזן. דעריבער האָבן מיר אַזוי פֿיל ווערטער אָפּגעגעבן דער עפּיזאָדישער נחשון־געשטאַלט, וואָס איר ראָלע בײַם שאַפֿן — עס איז אין דעם גרעסטן טייל זײַנס אַ געשאַפֿן, און נישט קיין געשריבן בוך — איז פֿאַר אַשן געוועזן פֿון גרויס באַטײַט.

זאָל אונדז — צום פֿאַרענדיקן דעם אָפּזאַץ וועגן די געשטאַלטן — דערלויבט זײַן נאָר אַרויסצוהייבן די מעכטיק געמאָלענע געשטאַלטן פֿון זמרי בן סלוא, דעם זינדיקן נשׂיא פֿון שבֿט שמעון, און זײַן באַשטראָפֿער פּנחס הכּהן. בכּלל איז אַט דער קאַפּיטל איינער פֿון די דראַמאַטישסטע און פֿאַרב־קלאַנגיקסטע אין בוך.

7. סטיל און לשון

שלום אַש איז געבוירן געוואָרן אין דער ייִדישער ליטעראַטור מיט זײַן סטיל צוזאַמען. און אויב איר ווילט קאָן מען עס אַנדערש זאָגן: זײַן סטיל האָט געבוירן דער ייִדישער ליטעראַטור שלום אַשן. מיר דוכט זיך, אַז נאָר דערפֿאַר האָט אַש קיין מאָל קיין לידער נישט געשריבן, חוץ עטלעכע אומגעשיקטע פּרוּוון, ווײַל ער שרײַבט אַלע מאָל לידער אין פּראָזע. דערפֿאַר איז אפֿשר אויך זײַן פּראָזע קיין מאָל און אין ערגעץ נישט דורכויסיק רעאַליסטיש־נאַטוראַליסטישע פּראָזע. ער איז אַלע מאָל סענטימענטאַל, יום־טובֿדיק, ראָמאַנטיש, ליריש ,אַלע מאָל גרייט זיך צו צעוויינען, אָדער פֿאַרכלינען פֿון באַוווּנדערונג און פֿרייד, זײַנע ווערטער זענען אָדער באַפֿליגלט, אָדער זיי פֿויזען אומבאַהאָלפֿן אַזוי לאַנג ביז זיי גיבן זיך ווידער אַ הייב אויף — און מיט זיי די נשמה פֿון לייענער. ער איז געבוירן געוואָרן צוזאַמען מיט זײַן שלום אַש־סטיל. ער האָט קיין מאָל נישט געשריבן אַנדערש. מיט די יאָרן און מיטן וווּקס פֿון זײַנע טעמעס, איז זײַן סטיל געוואָרן מער דראַמאַטיש, ווי ער איז פֿריִער געווען, מער ליריש. ווען עס וואָלט געווען אַ וואָג צו וועגן און אַ מאָס צו מעסטן דראַמאַטישקייט פֿון סטיל — וואָלט אַוודאי אַ מאַקסימום וואָג און מאָס אויסגעפֿאַלן בײַ שלום אַשן אויף זײַן משה. און עס איז נאַטירלעך.

עסייִסטישע קאַפּיטלען אין בעלעטריסטישע ווערק זענען אין דער וועלט־

ליטעראַטור נישט קיין זעלטנקייט און אויך נישט בײַ שלום אַשן. און אוודאי זענען אַזעלכע טיילן דאָ לרובֿ אין אַ בוך, וואָס איז לכתחילה נישט געפּלאַנט ווי אַ ראָמאַן, נאָר גיכער ווי אַ מאָנאָגראַפֿיע, וואָס דאַרף ברענגען צום אויסדרוק דעם יסוד פֿון אַ וועלטבאַנעם נאָך אַ האַלבן יאָר־הונדערט אָנגעשטרענגטער שעפֿעריש־קייט. צי איז שלום אַשס סטיל צוגעפּאַסט פֿאַר עסייען — איז אַ פֿראַגע. דערפֿון די פֿיל האַמעטנע זײַטן אין ווערק, דער הלכה־טייל זײַנער. און אַש איז נישט קיין בעל־הלכה אין תּוך — ער איז אַ בעל־אגדה.

ווי די גאָלדענע בלומען, וואָס באַצירן אַ מנורה, אַזוי באַצירן הערלעכע סטיל־בלומען אַשס לײַכטנדיק ווערק — זײַן משה. נישט צו געדיכט זענען אָט די ערטער. ריטמיש זענען זיי צעשטעלט איבערן בוך. בילדער פֿון דומם, צומח, חי און מדבר. נאַטור און מענטש. אָט מאָלט ער די שטערן, וואָס קומען זיך צונויף פֿון אַלע עקן וועלט צו הערן די נאַכטיקע מידבר־תּפֿילות פֿון דעם פּאַסטעך משה, אָט מאָלט ער דעם סנה, אָט מאָלט ער די רײַכטימער פֿון מצרים און פּרעהן אויף זײַן טראָן מיט דער טאָפּלטער קרוין אויפֿן קאָפּ, אָט מאָלט ער די צוויי וואַסערווענט פֿון דעם געשפּאָלטענעם ים, מאָלט די באַרגטעראַסן אין דעם מידבר און אָט מאָלט ער די פֿאַרביקע קאַראַוואַנע פֿון שישים רבוא אויפֿן פּאָן פֿון מידבר. אָט מאָלט ער די באַרגוועלט פֿון דעם הר סיני, וואָס אין זײַנע שטיינערנע געוועלבן דאַרפֿן דאָס ערשטע מאָל אָפּהילכן די צען געבאָט, מאָלט משהס וויזיעס פֿון דער פּראַכט פֿון דעם מישכּן און דעם בית המקדש, און אָט מאָלט ער דעם דור־המידבר, וואָס ווערט פֿאַרזונקען אין זאַמד, ווײַל אַזוי איז זײַן גורל. אָט מאָלט ער גאָר די ערשטע מלחמות פֿון דעם נײַעם דור, דעם דור־המידבר, אין זײַנע ערשטע שלאַכטן בײַ די טויערן פֿון צוגעזאָגטן לאַנד, און כּסדר און כּסדר און אַלץ מעכטיקער און מעכטיקער מאָלט ער דעם העלד פֿון אַלן זײַנע העלדן, פֿון אַלע זײַנע ביכער — משה. איבערמענטשלעך איז זײַן פֿיזיק, איבערמענטשלעך איז זײַן גײַסט — און דאָך אַ מענטש, ווײַל אַ מענטש איז דאָך די קרוין פֿון באַשאַף.

און אויב עמעץ וואָלט מיר געזאָגט: קלײַב אויס דרײַ סטילבלומען פֿון די אַלע, וואָס זענען ריטמיש צעשטעלט איבער דער לענג און ברייט פֿון דעם האַלבטויזנט־זײַטיקן בוך, וואָלט איך אויסגעקליבן: די סצענע פֿון שפּאַלטן דעם ים, די שעה פֿון דעם אויסרופֿן אין דער וועלט אַרײַן די עשׂרת הדיברות און די באַשרײַבונג פֿון שלאָגן דעם שטיין ער זאָל געבן וואַסער. וואָלט איך פּלאַץ געהאַט, וואָלט איך כאַטש די דרײַ שטעלעס פֿון בוך אויף גאַנצע זײַטן דאָ ציטירט.

און אַ וואָרט וועגן דעם לשון. און דווקא אַ בייז וואָרט. אַש שרײַבט מיט זײַן אייגענער שלום אַש־שפּראַך. אָבער כאָטש ער האָט זי געשאַפֿן — קאָן ער זי נישט. און דער עיקר: ער איז נישט אָפּגעהיט און נישט אויסגעהאַלטן אין איר.

און איך וויל נאָך בייזוויליקער זײַן: דאָס בוך איז שפּראַכיק דורכגעלעכערט, ממש ווי אַ זיפּ, מיט ווערטער, וואָס פּאַסן זיך דורכויס נישט צום כאַראַקטער פֿון

דער וועלט, וואָס זיי באַשרייַבן. אין די הונדערטער האָב איך אָנגעציילט שפּראַכיקע אינטערנאַציאָנאַליזמען, וואָס אין דער ייִדישער פּובליציסטיק זענען זיי אָנגענומען, אָבער אין אַ אַרכאַיִש ווערק פּאַסן זיי זיך אַבסאָלוט נישט. ווערטער ווי: טאָטאַלי־טאַריש, רעדאַקטירן, סאַנקציאָנירן, אינטויִציע, סיטואַציע, אייַנסטאַלירן, סובסטאַנץ, דיעטע, סענסיטיוו, עמאָציע און אַזוי ווייַטער און ווייַטער — האָבן באמת נישט קיין אָרט אין אַזאַ ווערק. צייַטנווייַז מאַכט עס דעם אייַנדרוק, אַז אַש האָט די אַלע ווערטער געשריבן פֿאַר דעם ענגלישן איבערזעצער, אים צו פֿאַרגרינגערן, און נישט פֿאַר דעם ייִדישן לייענער.

אָבער אויך אַ גוט וואָרט וועגן לשון — דאָס ווערק איז פֿול מיט ווערטער, געשעפּט פֿון אַרכאַיִשן שפּראַך־אוצר: די שמאַכט, געשייַעט, לעפּצונג און אַזוי ווייַטער.

און דוכט זיך, אַז אַהער געהערן אויך אַנאַכראָניזמען. למשל: צענדלינגער מאָל ווערן דערמאָנט קליידער פֿון זייַד אין אוראַלטן מצרים. אָבער זייַד איז נאָך דעמאָלט נישט געווען באַקאַנט.

אַהער געהערט אויך אַ גוט וואָרט פֿאַר דעם באַנוצן זיך — ווערטערלעך כמעט — דאָרט, ווו עס זענען דאָ ציטאָטן פֿון חומש, באַזונדערס אין די לידער, מיט דער איבערזעצונג פֿון יהואש. יהואשעס תּנ״ך־תּרגום אין ייִדיש איז שוין הייַנט אָנערקענט ווי אַ סטאַנדאַרד־ווערק, און אַש האָט געהאַט דאָס פֿולע רעכט צו באַנוצן זיך מיט אים. מיר שטעלן עס פֿעסט מיט שטאָלץ. נישט נאָר גיט אַזאַ האַנדלונג צו חשיבֿות דער יהואש־איבערזעצונג, נאָר דער גאַנצער ליטעראַטור אונדזערער.

8. דער אָפּקלאַנג פֿון ווערק

אַזוי גיך שלום אַשס משה איז דערשינען אין ייִדיש, איז אַזוי ווי די קריטיקער וואָלטן זיך גאַרנישט געקאַנט דערוואַרטן דערויף... מען האָט זיך באַלד גענומען צו דער אַרבעט מיט גרייטע און שוין פֿון פֿריִער פֿאַרטיקע קאָנצעפּציעס און רעצעפּטן. עס איז אויסגעקומען אַז די פֿאָרמען זענען שוין געווען פֿון לאַנג, מען האָט נאָר געוואָרט אויף דעם שטאָף... אָבער קיין שום שטאָף האָט שוין נישט געקאָנט ענדערן די פֿון פֿריִער צוגעגרייטע סדום־בעטלעך פֿון קריטיק... צו קורץ — איז אויסגעצויגן דעם האָלדז, צו לאַנג — איז אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ, צי די פֿיס, וואָס איז פֿאַר אַ חילוק, דער שטאָף האָט זיך געמוזט אַרייַנפּאַסן אין די פֿאַרטיקע פֿאָרמען.

אַזוי די ייִדישע קריטיק אין ייִדיש און אַזוי די ייִדישע קריטיק אין ענגליש.

די אויסנעמען אין ביידע שפּראַכן האָבן נאָר באַשטעטיקט דעם כּלל. אייניקע קריטיקער האָבן געשריבן אי אין ייִדיש אי אין ענגליש. די אַלע שרייַבער — נישט

מיט נעמען דערמאָנט, מחמת וואָלטן מיר עס געטאָן, וואָלטן מיר שוין געמוזט אויף פּאָלעמיזירן — זענען לויטער ערנסטע און ווערדיקע שרײַבער. קיין איינער צווישן זיי איז אָבער נישט קיין שפּינאָזיסט — ווײַזט אויס — זיי הערשן נישט איבער זייערע אַפּעקטן. אין דעם זינען זענען זיי דווקא אויסגעשפּראָכענע שלום־אַשיסטן... אויך ער הערשט נישט איבער זײַנע אַפּעקטן.

9. שלום

אַנשטאָט אַלערליי אייגענע מעדיטאַציעס צום סוף פֿון דער רעצענזיע ווילן מיר דאָ ציטירן אין עקסטענזאָ דעם מאָטאָ, מיט וועלכן שלום אַש הייבט אָן זײַן ווערק. ווערלן מיר מיט אָט דעם מאָטאָ שליסן:

"ביט דאָס געשעענע איז אמת, נאָר דאָס געוואָרענע. דאָס געשעענע איז נאָר דער קערן, וואָס די צײַט פֿאַרזייט אין דער ערד. דער קערן ווערט פֿאַפֿוילט און פֿאַרלוירן; וואָס עס שפּראָצט אַרויס דערפֿון איז דער אמת. וואָרעם 'אמת שפּראָצט אַרויס פֿון דער ערד'. די האַנט פֿון גאָט, וואָס איז געווען אין דער געשעעניש, האָט אויפֿגעריסן אַלע חתימות פֿון פֿאַרשווײַגן, געשפּאָלטן די ניט־דורכדרינגלעכע ווענט פֿון מצרים, און פֿאַרזייט געוואָרן איז אין דעם באָדן פֿון דער געשיכטע דער קרן פֿון אמת, וואָס האָט געבראַכט די ערשטע שפּראָצונג פֿון אונדזער ציוויליזאַציע און אונדזער סדר, וואָס עס זאָגן אויף דעם עדות אין הײַנטיקן טאָג — איר און איך."

זאָלן אָט די ווערטער נישט זײַן נאָר זײַן אַ שליסונג פֿון אָט דער רעצענזיע, נאָר אויך אַ שליסל צו דעם גרויסן ווערק. דאָס איז געווען זייער כּוונה. דאָס ווערק דאַרף מען לייענען. אָנהייבן לייענען אָן נעגאַטיווע אַפּעקטן. און פֿאַרלאָזט זיך שוין אויף שלום אַשן — מען וועט שוין ממילא פֿאַרכאַפּט ווערן פֿון פּאָזיטיווע אַפּעקטן.

שבחי שלום אַש

שבחי...

ער איז נישט מײַן רבי געווען, שלום אַש ז״ל — נאָר אַז איך שרײַב איצט דאָס ערשטע מאָל די צוויי אותיות ז״ל נעבן זײַן נאָמען, רינען שווײַגנדיקע טרערן פון מײַנע אויגן.

ער איז נישט מײַן פרײַנד געווען. נישט מײַן קרובֿ. און דאָך איז ער מיר פערזענלעך אָפּגעשטאָרבן. און דערפאַר רינען און רינען טרערן פון מײַנע אויגן. ער איז זיבן און זיבעציק אַלט געווען — און אַפילו היינטיקע צײַטן, מיט די פאַר־לענגערטע יאָרן, מוז מען זיך אין אַזאַ עלטער ריכטן. אָבער עס איז בעסער געווען דאָס זיכערע געפיל, אַז ער — שלום אַש — איז דאָ. ער איז נישטאָ שוין. נישטאָ שוין.

ער איז קיינעמעס רבי נישט געווען, ער האָט קיין מאָל נישט געשפּילט קיין רבין, ער איז געווען בלויז ער, שלום אַש.

ער איז נישט געווען מײַן נבֿיא — ער איז נישט געווען ״מײַן גאָט״... ער איז בלויז געווען מײַן גרויסער חבֿר, מײַן גרויסער שרײַבער.

איך האָב רויִק געקוקט אויף זײַנע חסרונות, זײַנע מענטשלעכע און זײַנע ליטעראַרישע, ווײַל זינט איך האָב שלום געמאַכט מיט אים, האָב איך קיין מאָל פערזענלעכע טענות צו אים נישט געהאַט.

אַז איך בין ייִנגער געווען האָב איך יאָ געהאַט מוראַדיקע טענות צו שלום אַשן. איך האָב אַפילו, איבער גאַנץ פּוילן — אין די צוואַנציקער יאָרן, אָרגאַניזירט אין די צענדליקער — קאָלעקטיווע און יחידישע פאָרלעזונגען אויף דער טעמע: צי איז טאָקע שלום אַש דער גרעסטער ייִדישער שרײַבער? — און — ווי דער שטייגער איז אַזעלכע פאַלן — מיט אַ לכתחילה נעגאַטיוון ענטפער... און אַזוי איז מיר פּלוצלינג אָפּגעגאַנגען די קעגנערשאַפט, ווי דער פראָסט לאָזט אָפּ, ווען דער פרילינג פול מיט ליבע קומט. און פּלוצלינג האָב איך גענומען מעסטן אַשן גאָר מיט זײַן מאָס און אים אָנגעהויבן פאַרשטיין. און פאַרשטיין איז שוין אַ גרויסע מאָס פון ליבע.

און אַז איך רוף די דאָזיקע נאָטיצן ״שבחי״ איז עס צוליב נוסח, צוליב סטיל,

צוליב טראַדיציע, צוליב אינטעגראַציע מיט דעם שטעטל של מעלה... און אַזוי זאָלט איר עס לייענען, גוטע לייענערינס און לייענערס. מיט הארץ.

אין יאָר 1904

פֿון ערגעץ ווו האָט זיך אין אונדזער היים אין רעדים, אין גאַליציע, באַוויזן אַ ביכל מיטן נאָמען "אַ שטעטל". דער טאַטע האָט עס געלייענט און עפּעס קיין נחת דערפֿון נישט געהאַט, צו ווייניק מעשׂה, עפּעס דערציילט זיך דאָ גאָרנישט. די מאַמע האָט עס געלייענט און זיך געפֿרייט, אַז אין ייִדיש שרייבט מען שוין פּונקט אַזוי קינסטלעריש ווי אין פּויליש, אין דײַטש. און איך האָב דעמאָלט דאָס ערשטע מאָל געהערט אַזאַ נאָמען ווי "אַש". מיר איז שווער אָנגעקומען דאָס נײַע בוך צו לייענען. און דאָס בוך האָט אַוועקגעוואָנדערט פֿון אונדזער שטוב און זיך קיין מאָל מער נישט אומגעקערט. דאָס איז געווען די ערשטע באַקאַנטשאַפֿט מיט דעם נאָמען.

אין יאָר 1908

אין דער צײַט פֿון דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפֿערענץ הארבסט 1908. איך בין שוין געווען אין סטאַניסלע, מזרח־גאַליציע, נאָענט פֿון טשערנאָוויץ. געלערנט דאָרט אין האַנדל־שולע. שוין געהאַט אַ היפּש ביסל געלייענט די ייִדישע ליטעראַטור. אויך אַשן. אויף אַן אָוונט אין שטאָטישן טעאַטער טרעטן אויף פּרץ, נאָמבערג, רייזען און אַש. אַש לייענט פֿון "שטעטל", לייענט אויך נאָוועלן. לייענט די מעשׂה וועגן דערווידערשפּעניקער ייִדישער טאָכטער, וואָס לאָזט זיך נישט אָפּשנײַדן די האָר נאָך דער חתונה און סוף כּל סוף, גיט זי זיך אונטער און ער ווערט גאַנץ התלהבות און מיטלייד ווען ער שילדערט די סצענע ווי אַזוי די שער שנײַדט און שנײַדט די שוואַרצע קרוין פֿון איר קאָפּ — און ער איז אַזוי מיטגעריסן, אַז ער וואַרפֿט אַוועק דאָס ביכל און ער רעדט פֿון אויסנווייניק און דער עולם איז אויך ווי מיטגעריסן — און אין מײַנע ייִנגלשע אויערן בלײַבט קלינגען ביז הײַנט די שטימע און די אינטאָנאַציע פֿון יעדן וואָרט פֿון יענער מעשׂה. און נאָך הײַנט קען איך זי נאָכלייענען אַשן מיט דעם זעלבן טאָן ווי אַש יעמאָלט. אויף צו מאָרגנס פֿאַרנאַכט האָב איך אַלע פֿיר געזען אויף דער ליפּאָווע־גאַס שפּאַצירן. שפּעטער געזען זיי זיצן אין קאַפֿע. אַש האָט כּסדר הויך געלאַכט, כּסדר וועמען אַרומגענומען. דער בליק פֿון דער נאָענט אויף אַלע פֿיר האָט אַ ביסל אַנטוישט. שפּעטער האָט מען דערציילט, אַז זיי האָבן בײַנאַכט געהוליעט אין שטאָט. און אין אַ צווייטער שטאָט דערנעבן איז געווען אַ סקאַנדאַל מיט אַ יונגען־מאַן אַ שאַרפֿן העברעיִסט. שלום אַש האָט מכּלומרשט יענעם אַראָפּגעשטויסן פֿון

דער בינע. און מײַן זיידע, בײַ וועמען איך האָב געוווינט און בײַ וועמען יִידיש לשון איז געווען "זשאַרגאָן", מחמת ער איז געווען אַ משׂכּיל בן משׂכּיל מקדמונים, האָט אַ באַזונדערן אומחן געוואָרפֿן אויף אַשן. מילא יענע דרײַ קענען כאָטש לערנען, אָדער דער איז אַ "וואַסערטרעגער".

אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָב איך פּאָר אָפּגעשפּאָרטע און אָפּגעציטערטע גראָשנס געקויפֿט דאָס דינע, בלויע, צאַרטע, שטילע, לירישע ביכל "צוריקגעקומען" פֿון שלום אַשן. און אַט זיץ איך אויף דער שיינער גאָרטנוועראַנדע בײַ מײַן זיידן און איך טרינק יעדעס וואָרט און בין שיכּור פֿון שיינקייט און איך הער נישט, אַז דער זיידע שטייט איבער מיר און ער קוקט געגנבֿ ווי איך לייען. ענדלעך איז ער זיכער און מיט משׂכּילישן כּעס גיט ער אַ ריס דאָס ביכל פֿון מײַן האַנט און גיט עס אַ וואָרף אויף דער ערד:

— וואָס, אָך דו ווילסט זאַ איין וואַסערטרעגער ווערדען?!

פֿון וואַנעט מײַן זיידע האָט געוווּסט, אַז איך חלום אויף אַ שרײַבער־קאַריערע — ווייס איך נישט. פֿופֿציק יאָר זענען פֿון דעמאָלט אַוועק. "זאַ איין וואַסערטרעגער" ווי אַש, און ווי דער זיידע האָט חושד געווען אין זײַן מענדעלסאָן־דײַטש, בין איך נישט געוואָרן. בין סתּם געוואָרן אַ וואַסערטרעגער אין זשאַרגאָן... לוי מײַן זיידנס באַגריף.

אָבער מאָדנע ווי עס גייט נאָך אַשן פֿון אייביק אָן — פֿון איין זײַט ליבע, אָט ווי מײַנע — יעמאָלט, פֿון דער אַנדערער זײַט — כּעס. אייביק. פֿאַרוואָס? תּיקו... מיר ווילן אין די דאָזיקע שבֿחי שלום אַש נישט באַנוצן פֿון זײַן כּבֿוד וועגן דאָס אַנדערע וואָרט, וואָס איז אַ ברודער פֿון וואָרט כּעס... ניין, ניין, ניין!

וואַרשע, 1920

אין ליטעראַטן־פֿאַריין אויף טלאָמאַצקיע 13 איז פֿאַרנאַכטלעך, פֿינצטערלעך. איך בין געוואָר געוואָרן, אַז שלום אַש דאַרף דאָ הײַנט אַהערגעבראַכט ווערן דורך נאָמבערגן, דעם פּרעזידענט פֿון קלוב, אַשס חבֿר, און הענעך אישן, דעם סעקרעטאַר. איך האָב מיך נישט געקענט אײַנהאַלטן, און כאָטש די מייסטע ייִנגערע שרײַבער דאָ קאָמפּענסירן אינפֿעריאָריטעט־קאָמפּלעקסן דורך אַ סופּעריאָריטעט־קאָמפּלעקס — לגבי... שלום אַש (און איך וועל שפּעטער אויך דערפֿון לײַדן יאָרן־לאַנג) בין איך דאָך געקומען און זיץ אין אַ פֿינצטער ווינקל. אַט הער איך זיי אויף די טרעפּ, די דרײַ. אַט זענען זיי דאָ. מײַן האַרץ קלאַפּט ווי ס'האַרץ פֿון אַ גזלן... סתּם אַזוי. אַש דרייט זיך אַרום. ער קרומט מיט דער נאָז. איך הער ווי ער זאָגט צו נאָמבערגן: — אין אונדזער צאַט זענען געווען שראַבערס, האַנט זענען דאָ קאַן שראַבערס נישטאָ... מײַן האַרץ אין מײַן ווינקל קלאַפּט — זעצט, פֿאַלט שיעור נישט אַרויס. האָב איך אים פֿײַנט? בשום אופֿן נישט. איך האָב נאָר אַ טענה,

אַ ייִנגלערישע, אַ נאַרישע. אין מײַן דמיון שטופּ איך דווקא פּרצעס קרוין אויף זײַן קאָפּ. און נישט נאָר איך — נאָר נאָך אַזעלכע נאַיִווע ווי איך. וואָס ווילן מיר אַלע פֿון אים? ער איז פֿון גאָט געבענטשט צו זײַן שלום אַש. דורך גרעסטן קוואַנטום — שיעור נישט, די גרעסטע קוואַליטעט. שם דבר: שלום אַש.

אַש איז אויף צו מאָרגנס אַליין אַרויפֿגעקומען אויף טלאָמאַצקיע 13. אַ קרײַז פֿון טענה און אײַנזאַמקייט איז געוועזן אַרום אים. ער האָט באַשטעלט קאַווע, באַצאָלט, נישט געטרונקען און אַנטלאָפֿן. אָבער צוויי יאָר שפּעטער זיך פֿאָרט אויף עטלעכע יאָר ווידער באַזעצט אין וואַרשע.

וואַרשע 1922

אַ שבתדיקער, ליטעראַרישער פֿרימאָרגן פֿון אַ גרופּע "רינגען", אין צענטראַל־טעאַטער. שפּעטער וועט זיך די גרופּע רופֿן "כאַליאַסטרע". מאַרקיש, גרינבערג, זינגער, בראַדערזאָן, ראַוויטש. אָן אומגעבעטענער — אַש איז דאָ. ער וואַרט מען זאָל אים בעטן. ער לויפֿט אַהין, אַהער. די ליטעראַטור קען דאָך נישט שטיין בלײַבן בײַ אים. אָבער ער קען אירע איצטיקע געגנ נישט באַנעמען. ער קויפֿט דעם טײַערסטן בילעט. ער לויפֿט אַרײַן. ער אַפּלאָדירט — ווײַל עפּעס אַ וואָרט געפֿעלט אים. צום מייסטן באַאומרואיקט אים — מאַרקיש. אין זײַן ראַזמאַך, אַגרעסיווקייט שעפֿערישער, פֿיזישער שיינקייט — פֿילט ער אַ צווייטן שלום אַש... אָן אומרו באַפֿאַלט אים. ער לויפֿט אַרויס פֿון פֿרימאָרגן. אין אַ מינוט קערט ער זיך אום. שטייט בײַ דער טיר.

וואַרשע 1924

אַש וווינט אין וואַרשע אויף דער שיינער קרולעווסקע־גאַס. די "כאַליאַסטרע" האָט זיך געסטאַטקעוועט. מיר גיבן אַרויס די "ליטעראַרישע בלעטער" אַ סאָלידע צײַטשריפֿט — זי האָט שפּעטער עקזיסטירט 15 יאָר, יעדע וואָך. י. י. זינגער, מאַרקיש, מײַזיל, קאַציזנע, ראַוויטש, די רעדאַקציע־קאָלעגיע. אָט זענען מיר צופֿעליק אויף דער מאַרשאַלקאָווסקע־גאַס — אַלע פֿינף. שפּעט־אָוונט. אַש קומט אַנטקעגן. ער שלעפּט אונדז ממש צו זיך אַרויף. — מאַדזיע זע, רופֿט ער פֿרוי אַש, וואָס פֿאַר אַ געסט! אַלץ וואָס אין קיך — אויפֿן טיש אַרויף! מען נעמט אַ לחיים, מען עסט בשר. נאָר איך קיי ווײַסן קעז און טרינק צו אַ ביסל טיי. — מאַדזיע, איז אַש פֿאַרצווייפֿלט, וואָס וועט ער טאָן מיט אַ גאַסט אַ נזיר... דערוויַיל רוקט ער מיר צו די גאַנצע שיסל קעז און דעם גאַנצן סאַמאָוואַר... עסט, טרינקט! — ער איז אין אַ גוטער שטימונג. ער האָט הײַנט אויפֿגעשריבן ס׳שענסטע קאַפּיטל פֿון זײַן בוך "וואַרשע". און אָט ליגט עס אויף דעם גרויסן, לאַנגן, נאַקעט־פּשוט־

האַלצערנעם טיש אין זײַן אַרבעט־צימער, וואָס איז אי לײדיק און אי פֿול מיט אײן זאַך — שלום אַש. און אַז מיר דערצײלן אים, אַז מיר גרײטן דעם 25־טן נומער זאָגט ער צו אַ באַגריסונג און ער ברענגט זי טאַקע אַלײן צו מאָרגנס. שיעור נישט אַ ליד אין פּראָזע וועגן ביכער, ייִדישע ביכער, ייִדישער ליטעראַטור: — זאָל דאָס ייִדישע בוך זײַן דײַן האַרצנס גרוס צו דײַן פֿרײַנט, דער קוש פֿאַר דײַן געליבטער...

ווין 1929

קאָנגרעס פֿון אינטערנאַציאָנאַלן פּ.ע.נ.־קלוב. שלום אַש איז דער ערן־דעלעגאַט. זלמן רײזען, משה גראָס־צימערמאַן, א. מ. פֿוקס און דער שרײַבער — די אָפֿיציעלע דעלעגאַטן. פֿרוי אַש איז אויך דאָ. זי גיט אַכטונג אויף דעם "פּראָטאָקאָל". מיר זענען דאָך אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע — דאָס "שטעטל" אין דער גרויסשטאָט. דער כּבֿוד מוז אָפּגעהיטן ווערן. עס זענען שוין די ערבֿ־היטלער־יאָרן. אַ דײַטשע שטאָט. וועלט־באַרימטקײטן זענען דאָ — אָבער די גאַנצע אויפֿמערקזאַמקײט פֿון אַלעמען איז אויף שלום אַשן. מאָרגן דאַרף ער האַלטן די גרויסע רעדע. ער האָט זי שוין געשריבן, גראָס האָט זי איבערגעזעצט אויף דײַטש. ער וועט אָבער אָנהײבן אַ פּאָר ווערטער אין ייִדיש. אַט איז ער אויף דער בינע. אָבער די אימתא דציבורא האָבן מיר. ער האָט זי אויך. נאָר די שליחות באַפֿליגלט אים. ווי תּמיד אין אַזעלכע מאָמענטן. ער לײענט, מען האָרכט אים ווי מען האָרכט אַ נבֿיא. די וועלט־ליטעראַטור פֿון יעמאָלט זעט שוין די קאַטאַסטראָפֿע. צענדליקער מאָל אין אַשס רײד — דאָס וואָרט דײַטש "מענטשענהײט"... אַט דער גרײַז אימפּאָנירט נאָך מער, עס איז עקזאָטיש. ער ענדיקט און אַ שטורעם פֿון בראַוואָס פֿון דער וועלט־ליטעראַטור דויערט מינוטן. שפּעטער האָב איך געהערט צווײ יונגע דעלעגאַטן רעדן צווישן זיך. אײנער פֿון יאַפּאַן, דער אַנדערער פֿון בולגאַריע: — איז דאָס נישט דערזעלבער שלום אַש, וואָס האָט לעצטנס דערגענצט די ביבל?... און אַ שמועס צווישן פֿראַנץ ווערפֿעלן און אַשן האָב איך בײַגעוווינט:

— פֿון וואַנעט נעמט זיך, אַש, אַזוי פֿיל כּוח און פּאַטאָס אין אײַער שרײַבן?

— ווײַל איר שרײַבט אין אַ געצווימטער שפּראַך מיט גראַמאַטיקאַלישע געזעצן, איר גײט אין אַ צוים. און איך שרײַב אין אַ יונגער שפּראַך און קען זײַן בײַם שאַפֿן טאָפּלט שעפֿעריש — ליבער פֿראַנץ ווערפֿעל.

וואַרשע 1930

יובֿל החמישים פֿון שלום אַש. דער ליטעראַטן־פֿאַרײן פֿײַערט אים. עטלעכע אָוונטן, אײנער אין טעאַטער "נאָוואָשטשי" אויף דער ביעלאַנסקע. די גאַנצע אַש־

משפּחה איז דאָ אויפֿן אָוונט. אויך די אַלטע מאַמע — דער לעבעדיקער קוואַל פֿון זײַן געניוס. ד״ר משה זילבערפֿאַרב פֿירט דעם פּאַרזיץ. ער באַגריסט אויך די מאַמע פֿון דיכטער. דער זאַל שטעלט זיך אויף און אַפּלאָדירט — אויך די מאַמע אין דער ערשטער רייע טוט דאָס זעלבע. גייט אַראָפּ אַש פֿון דער בינע צו דער מאַמען און ער קושט זי און ער זעצט זי אַוועק — ווײַל דאָס אַפּלאָדירט מען דאָך איר, דאַרף זי זיצן און נישט קלאַפּן מיט די הענט. און ער קושט זי נאָך אַ מאָל — און דער זאַל פּלאַקערט מיט דאַנק צו דער מאַמען, וואָס האָט אַזאַ זון געבוירן.

די רעדעס האָבן זיך געענדיקט, די באַגריסונגען זענען פֿאַרטיק, די אַקטיאָרן האָבן שוין רעציטירט. נעילה פֿון אָוונט איז נאָענט. אַלע זענען געשפּאַנט. עס איז שטיל מיט דער שטילקייט פֿון עפֿענען אַ פֿאַרהייליקטן אָרון. שלום אַש גייט אָפּיר פֿון הינטערן פּרעזידיום־טיש. ער איז גערופֿן געוואָרן. ער גייט צו נאָענט, גאַנץ נאָענט צו דער ראַמפּע און ער צעעפֿנט ברייט זײַנע לאַנגע הענט ווי מען צעעפֿנט אַ גרויס בוך, אַ ספֿר פֿון אַ לעבן — אַלע פּילן עס, נאָר האָבן עס נאָך נישט געהערט. און ער הייבט אָן מיט דעם גאַנצן פּאַטאָס פֿון זײַן שטימע אין פּאַטעטישע מאָמענטן:

— מאָאַן לעבן ליגט אָפֿן פֿאַר אַך — ווי אַן אָפֿן בוך — — —

וואַרשע, שפּעטע צוואַנציקער ערשטע דרײַסיקער יאָרן

אין יענע דרײַסיקער יאָרן, האָט אַש געוווינט אין פּאַריז. פֿון צײַט צו צײַט פֿלעגט ער אַרײַנפֿאַלן פֿלוצלינג, אומגעריכט קיין וואַרשע. נישט מצד די יִידישע שרײַבער אין וואַרשע צו שלום אַשן און נישט מצד אים צו די יִידישע שרײַבער איז שוין געווען מער די אַגרעסיווע אַנגעצויגנקייט — גרייט אַלע רגע צו עקספּלאָדירן. ער פֿלעגט אַרײַנפֿאַלן אומגעריכט, געבן אַ פּאָר אינטערוויוען אין די צײַטונגען, דער עיקר אין ״הײַנט״, ווו ער האָט כּסדר געדרוקט זײַנע דערציילונגען און ראָמאַנען. איין מאָל, אַז מען האָט אים געפֿרעגט, וואָס די ספּעציעלע סיבה איז פֿון זײַן ״אַרײַנפֿאַלן״, האָט ער געענטפֿערט: אַזוי ווי אַ שיכּור אין אַ קרעטשמע, אַז עס פֿאַרבענקט זיך אים נאָך אַ גלעזל י״ש און ער קען שוין מער נישט אויסהאַלטן. איך בין אַ שיכּור אויף יִידן, איך קען לאַנג נישט אויסהאַלטן אָן מײַנע פּוילישע יִידן, קום איך מיך אָנטרינקען כּדי צו קענען ווײַטער שרײַבן... אַזוי האָט ער געענטפֿערט דעם זשורנאַליסט. אין דער צײַטונג איז דער ענטפֿער אַרויסגעקומען סטיליזירט אַ ביסל, און קאַליע געמאַכט די אוממיטלבאַרקייט — וואָס דאָס איז אַשס כּוח.

אַז משה לייב האַלפּערן איז פּלוצלינג אַוועק — 1932 — אין ניו־יאָרק, איז אַש געווען אין וואַרשע. איך האָב געשריבן אַ נעקראָלאָג אין דער ״פֿאָלקסצײַטונג״. אַש קומט אַרײַן אין דער קאַנצעלאַריע פֿון ״טלאָמאַצקיע 13״, ער ווינקט, אַז ער

האָט מיר עפּעס צו זאָגן, אָבער ער וואַרט קענטיק, ער וויל אונטער פיר אויגן זײַן. ער זאָגט מיר, אַז ער האָט געלייענט מײַן נעקראָלאָג, און מען טאָר נישט אַזוי גרינג שרײַבן אַזעלכע ווערטער ווי "גרויסער דיכטער בײַ ייִדן, מען קען שרײַבן דאָס בעסטע וועגן זײַן גרויסן טאַלאַנט, אָבער די דערמאָנטע ווערטער זענען רעזערווירט נאָר פאַר יחידי סגולה. און געזאָגט האָט ער עס מיט פײַערלעכער אויפרעגונג — ווי אַלץ ווען ער האָט געמוסרט.

אַ פּרימאָרגן וועגן ייִדישע שולן

דאָס איז געווען אין אַ שבת אין דער פרי, אין וואַרשע, אין צענטראַל טעאַטער, אין די שפּעטע צוואַנציקער יאָרן. אַ פּראָטעסט־פּרימאָרגן קעגן די אייביקע גזירות אויף די ייִדיש־וועלטלעכע שולן. אויף דער בינע עטלעכע שרײַבער: שלום אַש, פּרץ מאַרקיש, שלמה מענדעלסאָן — ער פירט דעם פאַרזיץ, אויך איך. עס איז געווען פּונקט אין יענער צײַט, ווען אַש איז מצד לינקס שטאַרק אַטאַקירט געוואָרן פאַר זײַן שאַרפן אַרויסטריט אין מאָסקווע קעגן די דאָרטיקע שרײַבער און זייער קריטיקירן זײַנע נײַע ווערק. דעמאָלט איז פאָרגעקומען דער שטאַרק באַקאַנטער "קלאַפּ אין טיש" און אויסשריי: איך וועל נישט לאָזן און קיין שרײַבער טאָר נישט לאָזן, אַז מען זאָל זיך אַרײַנמישן אין זײַן קינסטלערישער פרײַהייט! עס איז אויך, דאַכט זיך געווען אַרום דער צײַט פון זײַן באַקומען אַ פּוילישן מלוכה־אָרדן.

שלמה מענדעלסאָן, דער פאָרזיצער פון פּרימאָרגן, פרעגט כּסדר אַשן שטילערהייט, צי וויל ער שוין רעדן און ער ענטפערט אים כּסדר זייער הויך, אַז נאָך נישט! ענדלעך, אין מיטן די רייד פון איינעם פון די רעדנער, און ווער — געענוי — חוץ די אויסגערעכנטע, איז דאָרט געווען געדענק איך נישט — גיט שלום אַש אַ צי מענדעלסאָנען בײַם אָרבל: אַצינד! — — קוים זיך דערוואַרט יענער זאָל ענדיקן. מענדעלסאָן אַנאָנסירט מיט פּאַטאָס: — דער גרעסטער פון די ייִדישע שרײַבער, דער דעמב אין וואַלד פון דער ייִדישער ליטעראַטור... אַש בייזערט זיך אַ ביסל און טאַקע אין דער הייך, כאַטש אָן כּעס: — איך בין שוין מיד צו זײַן אַ דעמב, נאָר מען רופט מיך "דעמב". איך בין אַ שרײַבער.

און אָט שטייט ער פאַרן פּובליקום און עס הויבט זיך אָן אַ מורמלען און באַלד אויסרופן "אַראָפּ!" — — אָן אָרגאַניזירטע דעמאָנסטראַציע מצד לינקס.

אַש ווערט צערייצט, קוקט זיך אַרום אין אַלע זײַטן, דער פאָרזיצער איז מאַכטלאָז, מען קען שוין אַזעלכע אָבסטרוקציעס אין וואַרשע. וואָס וועט דאָ זײַן?

ענדלעך גיט זיך אַש אַ האַסטיקן קער צו דער שורה שרײַבער און גלײַך צו... מאַרקישן. מאַרקיש פלעגט זיך כּסדר אַרומטראָגן מיט אַ שיינעם שפּאַציר־שטעקן מיט אַ זילבערנעם הענטל. אַש כאַפּט אַרויס דעם שטעקן און קערט זיך גלײַך צוריק.

ער גיט איין מאָל און נאָך אַ מאָל אַ קלאַפּ אַן דער ראַמפּע. עטלעכע עלעקטרישע לעמפּלעך פּלאַצן. מאַרקישעס שטעקן איז אין אַ סכּנה, נאָר ער צעברעכט זיך פּאָרט ניט.

— שלום אַש וויל רעדן און קודם כּל דאַרפֿט איר אים הערן, דעמאָנסטרירן וועט איר שפּעטער!

און עס איז פּלוצלינג געוואָרן שטיל אין געפּאַקטן זאַל — מאַן צו זייען.

און ער האָט געהאַלטן איינע פֿון זײַנע גרויסע רעדעס. געצונדן מיט באַ־גײַסטערונג קעגן דעם שונא פֿון דער דערציִונג פֿון אַ מאָדערנעם ייִד. ער האָט געצויגן תּנ״ך־פּאַראַלעלן און געגעבן היסטאָרישע בײַשפּילן. ״פּרעה האָט געהאַט געגנג כּוח אין זײַן שׂנאה צו ייִדן — האָט ער געהייסן פֿיזיש דערהרגענען קינדער — דער האָט נישט גענוג כּוח איצט אין זײַן שׂנאה, וויל ער גײַסטיק דערטרינקען די ייִדישע קינדער״. — — ער האָט גערעדט קורץ, אַ שטורעם פֿון באַגײַסטערטע אַפּלאָדיסמענטן האָט אים עטלעכע מאָל איבערגעריסן. די באַפֿליגלטע ווערטער פֿון דער רעדע זענען אָפֿט ציטירט געוואָרן אין די רעדעס פֿון די קעמפֿערס און האַרעפּאַשניקעס פֿון ייִדישע וועלטלעכע שולן אין פּוילן.

דער מלוכה־אָרדן פֿון פּוילן

אַש האָט געוווּסט, אַז אין אַרכיוו פֿון ייִדישן פּ.ע.נ.־קלוב געפֿינט זיך אַ טעקע מיט אַלערהאַנט געשריפֿטס און געדרוקטס וועגן זײַן אָננעמען פֿון דער פּוילישער רעגירונג דעם אָרדן ״פּאָלאָניאַ רעסטיטוטאַ״. ער האָט דעם אָרדן אָנגענומען מחמת פּאָליטישע טעמים, ער האָט געהאָפֿט, און דער עיקר מיט גרויסן פּאַטאָס געגלויבט, אַז דורך דעם וועלן פֿאַרבעסערט ווערן די פּויליש־ייִדישע באַציאונגען. אָבער דערווײַל האָט שוין די פּוילישע רעגירונג אָנגעהויבן פֿלירטעווען מיט דײַטשלאַנד און אַשן האָט אַט דער אָרדן געגומען שטאַרק בריִען די ברוסט און דאָס געוויסן. ער האָט זיך געלאָזט פֿון מיר ווײַזן די טעקע, גענישטערט, שטודירט און עס האָט זיך אים שטאַרק געוואָלט, אַז פֿון דאָרט זאָל עפּעס קלאָר ווערן, אַז דאָס האָט ער נישט אָנגענומען דעם אָרדן פּערזענלעך, נאָר ווי אַ רעפּרעזענטאַנט פֿון פּ.ע.נ.־קלוב, אַלס זײַן ערן־פּרעזידענט. דעם פּ.ע.נ.־קלוב ווידער איז עס שטאַרק געגאַנגען אין דעם, אַז אַש זאָל דעם אָרדן נישט צוריקוואַרפֿן, וואָס דאָס וואָלט נאָך מער פֿאַרשלעכטערט די פּויליש־ייִדישע באַציִונגען. אַש האָט עס גרינג געקענט טאָן — זייענדיק אַן אַמעריקאַנישער בירגער. עס איז אָבער דעם פּ.ע.נ.־קלוב אויך געגאַנגען אין דעם, אַז נישט ער — דער קלוב — האָט דורך אַשן סימבאָליש באַקומען דעם אָרדן... אויך דער ענין איז געבליבן ערגעץ הענגען אין דער לופֿטן אויף אומזיכערע פֿעדעם, ווי אַלץ און אַלע מאָל, ווען שרײַבער פֿאַלן אומשולדיקע און נאַיווע אַרײַן אין די נעצן פֿון דער פּאָליטיק. און אַש איז אָפֿט מאָל אין אַט די

נעצן אַרײַנגעפּאַלן — אין לײַדנשאַפֿטלעכן גלויבן אין כּוח־השפּעה פֿון דער ליטעראַטור אויף דער "מענטשענהייט", ווי ער פֿלעגט דאָס גרויסע וואָרט אַרויס זאָגן, און דעם כּוח פֿון ייִדישע ליטעראַטור אויפֿן ייִדישן פֿאָלק און זײַן כּוח אויף דער ייִדישער ליטעראַטור.

נאָבעל־פּרעמיע חלומות

אַ מאָל וועט נאָך געשריבן ווערן דאָס קאַפּיטל "נאָבעל־פּרעמיע חלומות און שלום אַש". דאָס וועט ענלעך זײַן צום קאַפּיטל "זאָלאָ און די פֿערציק אומ־שטערבלעכע פֿון דער פֿאַרנצויזישער ליטעראַרישער אַקאַדעמיע". אָבער לאָמיך רעדווײַל — כּל זמן איך געדענק — צוגעבן אַ קליינעם פּרט צו יענעם שלם אַש־נאָבעל קאַפּיטל:

ד"ר יהושע גאָטליב איז געווען זייער אַ קלוגער און שלום אַש האָט זייער ליב געהאַט מיט אים צו רעדן, און אים צו לערנען אויפֿן געביט פֿון דער וועלט־פּאָליטיק — ייִדישער פּאָליטיק. איין מאָל בין איך געווען אַן עדות פֿון זייער שמועס וועגן דער נאָבעל־פּרעמיע.

יהושע גאָטליב האָט רעזאָנירט — און ער איז געווען אַ שטאַרקער ציוניסט — אַז די ריכטערס פֿון דער נאָבעל־פּרעמיע אין שטאָקהאָלם האָבן אַ געוויסע ריכט־ליניע לויט וועלכער זיי באַשטימען די פּרעמיע. ערשטנס טעכניש — געבן זיי די פּרעמיעס לרובֿ פֿאַר קליינע, אין כּמות, ווערק. זיי זענען אַלט און האָבן נישט קיין כּוח אַ סך צו לייענען. און צווייטנס אין תּוך: די נאָבעל־פּרעמיע ווערט געגעבן פֿאַר ווערק, וואָס ברענגען צום אויסדרוק דאָס קאָנסטרוקטיווע בויען. זיי זענען סקאַנדינאַווער, לרובֿ קינדער פֿון פּויערן — און דאָרפֿישע ווערק ווירקן אויף זיי. גאָטליב האָט געבראַכט אַ פּאָר בײַשפּילן — צווישן אַנדערע רעימאָנטס "פּויערן"־עפּאָס. און — האָט גאָטליב פֿאַרענדיקט — איר, אַש, זענט דאָך אַ ציוניסט בלבֿ ונפֿש און וואָס דאַרף איך אײַך לייגן די פֿינגער אין מויל אַרײַן?

אַש האָט שטאַרק געשוויגן, דער עיקר אין יענע מאָמענטן פֿלעגט ער ווערן אַנטשוויגן, ווען די טראַנסמיסיעס פֿון זײַן אומאויסשעפּלעכער קינסטלערישער ענערגיע, האָבן זיך אָנגעהויבן צו צעוויגן.

עס האָט לאַנג נישט געדויערט און עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווײַזן די ערשטע קאַפּיטלעך פֿון זײַן הערלעכער פּאָעמע אין פּראָזע וועגן חלוצים אין ארץ־ישׂראל "דאָס געזאַנג פֿון טאָל"... אָבער דער חלום איז סײַ ווי געבליבן אַ חלום, סײַ פֿאַר אַשן פּערזענלעך און סײַ פֿאַר דער ייִדישער ליטעראַטור. אויך עמיל זאָלאַ איז קיין מאָל אין דער אַקאַדעמיע נישט אַרײַן און דאָך אַרײַן אין די רייען פֿון די אומשטערבלעכע, מער ווי די פֿערציק חבֿרים זיינע, וואָס זענען אין אַקאַדעמיע יאָ אַרײַן.

אַ טאַנץ

ווען איז דאָס געווען? אפֿשר אין די שפּעטע צוואַנציקער און אפֿשר שוין אין די פֿריִע דרײַסיקער יאָרן. וואָס איז פֿאַר אַ חילוק? סײַ ווי איז עס געווען אין וואַרשע, אין זאַל פֿון טלאָמאַצקיע 13, אויף אַ פֿרײַטיק־צו־נאַכטיקן „פֿאַמיליען־אָוונט", ווי מען פֿלעגט רופֿן אַזעלכע צונויפֿקומען דאָרטן. נאָמבערג האָט זיי אײַנגעפֿירט און זיי זענען געבליבן טראַדיציע. הערש דוד נאָמבערג האָט ליב געהאַט צו טאַנצן און האָט עס געקענט אויך.

און עס זענען געווען טאַקע אינטימע אָוונטן, היימישע, היימלעכע. אַ מאָל זענען אַפֿילו אויסגעבראָכן אַן אַ פֿאַרוואָס ווערטער־זאַווערוכעס, אָבער האָבן זיך גיך אײַנגעשטילט. און אָט איז נאָך איין אַזאַ אָוונט און שלום אַש מיט זײַן פֿרוי זענען דאָ אין וואַרשע און עפּעס האָט מען געזאָגט, אַז זיי וועלן הײַנט קומען אויף דעם פֿאַמיליען־אָוונט. און איידער וואָס ווען — שלום אַש און מאַטילדע אַש זענען דאָ, אויסגעפּוצט אַזוי ווי אויף אַן אמתן באַל און נישט אויף אַזאַ פֿאַמיליען־אָוונט. ווערט אַ ביסל שטײַפֿלעך שוין די גאַנצע אונטערנעמונג, פֿרעמדלעך. מען קען זיך שוין נישט מער פֿרײַ באַוועגן מען דאַרף זיך שוין רעכענען, נאָר די מוזיק שפּילט ווײַטער — פּאָרלעך טאַנצן און אָט אַ טאַנצן אויך די אַשעס אַ וואַלץ. און עפּעס ווי פֿון זיך אַליין טאַנצן זיי אַרײַן אין מיטן זאַל, און די פּאָרלעך טאַנצן טאַקע ווײַטער, נאָר פֿון אַ קלײנער דיסטאַנץ און די מוזיק האָט זיך אויך אָריענטירט און שפּילט שטיל און אינטים און די שענסטע מעלאָדיעס פֿון וואַלץ. און די אַרומ־שטייענדיקע בײַ די ווענט און די שטילטאַנצנדיקע פּאָרלעך קוקן אויף אָט דעם פּאָר שלום און מאַטילדע און באַוווּנדערן די געטלעכע האַרמאָניע. וויפֿיל זענען זיי שוין דעמאָלט אַלט געווען? אפֿשר שוין די פֿולע פֿופֿציקער. אפֿשר האָבן זיי פּונקט דעמאָלט געפֿײַערט אַ יום טוב פֿון זייער צוזאַמענזײַן און דערפֿאַר זענען זיי געקומען דאָ צו טאַנצן און דערפֿאַר זיך אַזוי אויסגעפּוצט. אין וואַרשע האָבן זיי דאָך די האָניק־יאָרן פֿון זייער האַרמאָניע פֿון לעבן פֿאַרבראַכט, אין וואַרשע די ערשטע קינדער געבוירן און אַ קינד אין דער ערד אַרײַנגעלייגט... און אָט אַ טאַנצן זיי שוין נאָך לאַנגזאַמער, רוקן זיך אַרויס פֿון דער מיט זאַל, די מוזיק שפּילט שטילער און שטילער, דער טאַנץ רײַסט זיך לאַנגזאַם איבער... איבער... אויף אייביק...

איך האָב יענעם טאַנץ אין אַ פּען־פּאָרטרעט פֿון מאַטילדע אַש אַרײַנגעוועבט מיט ווערטער און זי האָט דאָס מיר נאָך אַפֿילו אין ניו יאָרק דערמאָנט און געדאַנקט און מיר אין אַ בריוו געשריבן, אַז מען טאָר אויף מענטשן נישט קוקן מיט ראָזעווע ברילן, ווי איך אויף איר, ווײַל אָפֿט ווערט מען אַנטוישט.

ניו יאָרק 1939

עס דאַכט זיך מיר, אַז נישט אַ דאַנק שלום אַשן, נאָר אַ דאַנק מאַטילדע אַש פֿלעג איך פֿאַרבעטן ווערן אין געזעלשאַפֿט, ווען זיי זענען דערבײַ געווען. אַזוי אין דער היים פֿון הלל ראָגאָף, אַזוי אין דער היים פֿון אַלעקסאַנדער קאַהאַן און אויך ד״ר איסר גינזבורג — און געווען איז עס אין די יאָרן 1939־1940, ווען דער קרײַז פֿון שלום אַשס קעגנער איז געוואָרן גרעסער און ברייטער. דער ריס — טיפֿער. מאַטילדע אַש האָט געוווּסט, אַז איך באַלאַנג נישט צו דעם דאָזיקן קרײַז. אדרבא, ווי לערנט שפּינאָזאַ — קעגנערשאַפֿט, וואָס פֿאַרוואַנדלט זיך אין פֿרײַנט־שאַפֿט איז טאָפּלט פֿרײַנטשאַפֿט. דאָרט ווערן אַפֿילו אַנדערע ווערטער גענוצט און דער ציטאַט איז נאָר פּינקטלעך לויט זײַן זינען, נישט לויט זײַנע ווערטער. אָבער מיר האָבן זיך צוגעזאָגט אין דער סעריע יענעם וואָרט נישט צו באַנוצן.

און איין מאָל איז אין ניו יאָרק פֿאָרגעקומען אַן אָוונט — און גראָד אין אַ גרעסערן זאַל, אין אַ האָטעל, און צוליב עפּעס אַ חסד האָט מען אויך מיך דאָרט פֿאַרבעטן. דער אָוונט איז געווען אין ענגליש געפֿירט. אב קאַהאַן איז דאָרט געווען, שלום אַש איז געווען דער גאַסט, דער יונגער וואַרבורג איז געווען אַ רעדנער. די סיבה און די געלעגנהייט בין איך קיין מאָל נישט דערגאַנגען. דאָס איז עפּעס געווען אַן אָנשטרענג צו פֿאַרריכטן דעם ריס קאַהאַן־אַש, איידער עס איז צו שפּעט. אָבער עס איז שוין יאָ געווען צו שפּעט. דער דערפֿאָלג פֿון דעם בוך "דער מאַן פֿון נצרת" האָט זיך אָנגעהויבן פֿונאַנדערצוּווייגן אַלץ ברייטער און ברייטער און אין דער זעלבער פּראָפּאָרציע יענער ריס.

און אויב די טעמע אַש־נאָבעל פּרעמיע איז אַ טעמע אויף אַ בוך אין איין באַנד, איז די געשיכטע פֿון דעם ריס אַש־קאַהאַן טעמע אויף אַ בוך פֿון אַ סך בענד.

תל אביב — ווינטער 1954־1955

נאָך די באַגעגענישן אין די יאָרן פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה אין מאָנטרעאָל איז ווידער אויסגעקומען שלום אַשן צו זײַן ערשט ווינטער 1954־1955 אין מדינת ישׂראל, אין תל אביב, חיפֿה, ירושלים.

מיד אין די עלטערע יאָרן — האָב איך ליב צו באַגעגענען גרויסע פּערזענלעכ־קייטן פֿון דער ווײַטן. ליב האָב איך סײַ־ווי, די — וואָס זענען פֿאַר מיר גרויסע פּערזענלעכקייטן. אָבער גרויסע, פּאַטעטישע לאַנדשאַפֿטן זענען גאַנצער, שענער פֿון אַ דיסטאַנץ. דאָס איז נאַטור, זייער נאַטור. קעגן נאַטור קען מען נישט קעמפֿן. און אויך אַשן האָב איך ליב צו זען, הערן ווי ער רעדט, לייענען. און — זייענדיק גלײַכצײַטיק אין מדינת ישׂראל בין איך נישט נאָר געגאַנגען אויף אַלע זײַנע עפֿנטלעכע אַרויסטריטן, נאָר אים אויך נאָכגעפֿאָרן אין אַנדערע שטעט. אַזוי קיין חיפֿה, קיין ירושלים.

עטלעכע מאָל זענען פֿאָרגעקומען שלום אַש־אָוונטן אין תל אביב אין גרעסטן זאַל „מוגראַבי". איין מאָל האָט די הסתדרות אַזאַ אָוונט אָרגאַניזירט, אַ צווייט מאָל דער ייִדישער שרײַבער־פֿאַריין. די בילעטן זענען וואָכן פֿריִער געווען אויספֿאַר־קויפֿט. נאָר מיט דער הילף פֿון אַ סך פּאָליציי האָט מען געקענט דערהיטן די אָרדנונג בײַ די זאַלן בשעת די אָוונטן.

אַ סך רעדנער פֿלעגן רעדן וועגן אַשן לרוב אין עבֿרית, הבֿרה ספֿרדית. ער פֿלעגט זיך אָנשטרענגען צו פֿאַרשטיין, מיד ווערן און אַז עס איז געקומען צו אים אַליין — איז שוין נישט געווען קיין כּוח. ער פֿלעגט אָנהייבן אין לשון קודש אין טיף־פּוילישן דיאַלעקט, זיך אַנטשולדיקן, וואָס אני לא רגיל לדבר עברית און באַלד אַריבער אויף ייִדיש. דיסציפּלינירט און אָן אַ שמייכל פֿלעגט דער עולם אַלע מאָל אויסהערן דעם אומגעוווינטן פּויליש־ייִדישן לשון קודש — אָבער די רעדעס זענען נאָר עטלעכע מאָל באַפֿליגלט געוואָרן און זיך אויפֿגעהויבן הויך.

טויזנטער אויערן פֿלעגן זיך אָנשפּיצן, ווי ווען אַ ווינט אויף אַ לאַנקע טוט אַ בלאָז, ווען אַש האָט אָנגערירט די אָנגעזאַמלטע מיספֿאַרשטייענישן. אָפֿט פֿלעגט ער זיך בײַ דעם אָוועקזעצן, כּדי זיך בעסער צו קאָנצענטרירן. און אָט רעדט ער מיטן גאַנצן הארץ: זעט, מײַנע ברידער און שוועסטערן, איך בין אַ זינדיקער מענטש און מען קען צו מיר האָבן טענות, איך בין אויך אַ זינדיקער שרײַבער און קען גרײַזן אין מײַנע ווערק, אָבער אויב טענות צוליב רבונו של עולם, דאַרפֿן דאָך האָבן טענות די בעלי תּפֿילה און גבאים פֿון די שולן. אויב זינדיק — בין איך דאָך פֿאַר זיי, און נישט פֿאַר מײַנע קאָלעגן, וואָס זענען פּונקט אַזוי פֿרום ווי איך און אפֿשר אַ סך ווייניקער. אָבער זיי, די גבאים, פֿאַרשטייען דאָס ווי אַ זאַך פֿון בין אָדם למקום. אָט בין איך געווען צו כּל נדרי אין שול, מען האָט מיר געגעבן אַ גוטע „שטאָט" מיט אַ שטענדער, איך האָב מיך אײַנגעוויקלט אין טלית און איך האָב מיך גאַנץ גוט אויסגעוויינט און אַז ייִדן נעבן מיר האָבן געהערט ווי איך וויין — האָבן אויך זיי מיטגעוויינט מיט מיר...

אַ רגע איז געווען שטיל אין זאַל — דער מלאך מיט דעם גרויסן, גוטן ייִדישן האַרץ, וואָס קען אין איין רגע אָננעמען אַלערליי געשטאַלטן, איז דורכגעפֿלויגן און אַלע אויגן באַפֿײַכט מיט אַ טרער...

אַש האָט זיך אויפֿגעהויבן און ווײַטער גערעדט, וואָס ער האָט געהאַט צו זאָגן.

אַ מאָדנער שמועס בײַם ים

איך האָב מיך קיין מאָל נישט באַרימט מיט דעם נישט האָבן געלייענט כּתבֿים פֿון אַ חבֿר אַ שרײַבער. איך האָב מיך פֿאַר דעם נישט לייענען בלויז פֿאַרענטפֿערט. איך האָב, אויף וויפֿיל איך געדענק, קיין מאָל נישט געפֿרעגט קיין חבֿר, צי ער האָט יאָ מײַנע כּתבֿים געלייענט, און אויב יענער האָט עס מיר געזאָגט, האָב איך

קיין מאָל קיין מיינונג נישט געפֿרעגט. אוודאי אינטערעסירט מיך די מיינונג שוין גאָר און גאָר, אָבער איך האַלט כּסדר פֿאַר די אויגן עמערסאָנס געניאַל וואָרט: — אויב דו לייענסט מיר דײַנע כּתבֿים און פֿרעגסט מיך אַ מיינונג בין איך נישט מחויבֿ דיר צו זאָגן דעם אמת, ווײַל דײַן טאָן לגבי מיר איז אינקוויזיציע, טאָרטור...

כאָטש איך פֿלעג אָפֿט פֿון מײַנע ביכער און ביכלעך געבן אַשן און מיט דעדיקאַציעס בלבֿ ונפֿש, האָב איך אים קיין מאָל נישט געפֿרעגט צי ער האָט כאָטש איינס פֿון מײַנע 20 ביכער און ביכלעך געלייענט. איך האָב אים אָבער בײַ יעדער געלעגנהייט קלאָר געמאַכט, אַז איך האָב אַלע זײַנע פּאָפּציק ביכער יאָ געלייענט און מיט דעם דאָזיקן האָבן געלייענט באַרים איך מיך דווקא יאָ.

זע איך אַ מאָל בײַ אַשן אין תּל אָבֿיבֿ דאָס נײַע, גרויסע בוך פֿון אורי צבֿי גרינבערג "רחובֿות הנהר" — און איך זע אויף דעם בוך אַ צושריפֿט פֿון מחבר, אַ צושריפֿט בלבֿ־ונפֿש און בין גליקלעך. איך בין אַפֿילו גליקלעך, ווען סתּם ייִדישע שרײַבער האָבן זיך ליב — מכּל שכּן די גדולים... און נאָך גליקלעכער בין איך, וואָס אַש האָט אין דעם בוך געלייענט און ער רעדט מיט אַ ציטער אין זײַן קול וועגן זײַנע הויכע קוואַליטעטן און רופֿט עס "ספֿר הצער".

און שלום אַש, וואָס איז אַלע מאָל זייער "פּשיטאָמנע", אָפֿט מאָל זייער אויפֿמערקזאַם, זאָגט צו מיר מיט טענה:

— דאַכט זיך, אַז איר האָט לעצטנס אַרויסגעגעבן אַ גרעסער בוך, פֿאַר וואָס גיט איר עס מיר נישט?

— עס איז אַ בוך פֿון 500 זײַטן, די לידער פֿון מײַנע לידער, און איר וווינט נאָך אין האָטעל — וווּ וועט איר זיך אַהינטאָן דערמיט?

— איך וויל עס האָבן!

דעם זעלבן אָוונט האָב איך דאָס בוך איבערגעלאָזן פֿאַר אַשן אין האָטעל.

אַ וואָך שפּעטער שפּאַצירן מיר בײַם ים און נישט נאָר האָב איך באַוווסטזיניק נישט געפֿרעגט וועגן דעם בוך, נאָר גאַנץ פּשוט וועגן דעם פֿאַרגעסן. אָבער אַש איז עפּעס אומרויִק און פּלוצלינג הייבט ער אָן צו רעדן וועגן דעם, אַז איך שרײַב כּסדר וועגן דער מאַמען... אין ערשטן מאָמענט האָב איך מיך נישט געכאַפּט, וואָס פּלוצלינג? שפּעטער האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז ער האָט פֿון דעם בוך מײַנעם געלייענט בלויז דאָס ערשטע ליד, געשריבן אין מײַן קינדהייט און וויל אין דעם דאָזיקן ליד מײַנעס אַרײַנפּאַקן אַלץ מײַן שרײַבן... האָב איך געשוויגן און עס איז מיר געוועזן גוט. אַש איז פֿול מיט אינטויִציע און ער פֿאַרשטייט, אַז איך פֿאַרשטיי.

און פּלוצלינג גיט ער אַ פֿרעג: — זאָגט מיר מיט איין זאַץ, וואָס זענט איר מכוון מיט אײַער גאַנצן שרײַבן?

— צו דערגיין דורך אַלע לאַבירינטן פֿון אַלע פֿילאָסאָפֿיעס צו דעם סאַמע עלעמענט פֿון פּשטות, צו לידער פֿון דרײַ ביז זיבן ווערטער, צום אמת.

אַש האָט מיך שטאַרק אָנגעקוקט און גענומען גיין זייער גיך אַראָפּ צום זאַמד בײַם סאַמע נאָסן ברעג. און ווידער האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און אַ שרײַ געטאָן — ווײַל דער ים האָט שטאַרק גערוישט: — זאָגט מיר דאָס זעלבע נאָך אַ מאָל!

— צו דערגיין דורך אַלע לאַבירינטן אַז״ו האָב איך איבערגעשריגן דעם ים.

אַש האָט זיך צעלאַכט מיט זײַן אַלע מאָל אַ ביסל ווילדלעך געלעכטער:

— עס האָט מיר געלוינט נישט צו לייענען אײַער בוך! אויך איך בין דאָס מכוון.

לא אמות כי אחיה, ואספר...

נאָכגעפאָרן שלום אַשן קיין חיפה בײַצוזײַן אויף דעם אָוונט, וואָס די הסתדרות אָרדנט אים אײַן אין אַ גרויסן אַמפּיטעאַטראַלן זאַל. קוים מיט צרות געקענט אָפּקויפן בײַ אײנעם אַ פּאָר בילעטן אין לעצטן מאָמענט. פאַר דעם גאַסט האָט מיט קענטשאַפט, אַראַטאַרישער קונסט און גלענצנדער הבֿרה ספרדית גערעדט דבֿ בער מאַלקין. און אַז עס איז געקומען די רייַ צום גאַסט, איז ער שוין געוועזן מיד און אויך דאָס פּובליקום מיד און די רעדע זײַנע האָט זיך געצונדן און געלאָשן ווי נאַסע שייטלעך האָלץ... אָבער דאָס האָט מיך נישט אָפּגעהאַלטן אויף צו מאָרגנס אים נאָכצופאָרן אין דעם אינדוסטריע־צענטער קרית חיים, בײַצוזײַן דאָרט אויף דעם שבת פּרימאָרגן לכּבֿוד אַשן.

אויך דאָ קוים אַ בילעט באַקומען אין 2000־זיציקן זאַל. אַש איז אויסגערוט און דער עולם מיט אים און ער מיט דעם עולם. פאַר אַשן לייענט זיגמונט טורקאָוו, באַלד רעדט אַש. ער רעדט קורץ, ער וויל דערגיין פאַר וואָס זענען אַזוי פיל מענטשן געקומען. ער זעט אַ סך יונגע אין זאַל. פאַרשטייען זיי יידיש? און ער פרעגט אין יידיש און אין לשון קודש ווער דאָ אין זאַל האָט קיין מאָל זײַנס אַ בוך נישט געלייענט. קיין האַנט רירט זיך נישט. פרעגט ער די זעלבע פראַגע פאַרקערט, אין יידיש און לשון קודש: — ווער עס האָט כאָטש איין בוך זײַנס ווען עס איז געלייענט — און אַלע צווי טויזנט האָבן אויפגעהויבן די הענט... אַש שטראַלט. ער האָט ליב צו שרײַבן וועגן מאָסן סצענעס און אָט איז ער אַליין דער העלד, און אַזאַ העלד, פון אַ מאָסן־סצענע.

גראָד אין יענע וואָכן האָט אַ באַרימטער שרײַבער געשריבן וועגן אַשן ווערטער, וואָס ער האָט זיכער אַליין באַלד באַדויערט.

אַש רעדט און ער האָט שוין — אַזוי פילט מען — דעם פינאַל פון זײַן רעדע אין גערדאַנק און אָט זאָגט ער:

— מען האָט דאָ לעצטנס וועגן מיר געשריבן, אַז שוין גענוג, אַז עס איז שוין צײַט פאַר מיר צו גיין שלאָפן... אָבער ווי קען איך, אַז איך האָב נאָך אַזוי פיל צו טאָן, אַזוי פיל צו שרײַבן. לא אמות כי אחיה — ואספר מעשי יה —

יאָ מעשׂי יה — און ער שטרעקט אויס ברייט די הענט, ווי' אַרומצונעמען אַלעמען אין זאַל — און דאָס וואָס איר טוט דאָ אין דעם לאַנד, און טאַקע איר אַליין זענט מעשׂי יה — —

דער עולם האָט עס טיף באַנומען און גאָר נישט געוואָלט שלום אַשן אַראָפּלאָזן פֿון דער בינע. האָט ער געזאָגט אַ צעשטראַלטער:

— איך האָב שוין נישט קיין כּוח מער צו רעדן, אָבער לאָמיר צוזאַמען זינגען די התקוה — און ער האָט דיריגירט מיט זײַנע לאַנגע הענט און אַלע זענען געשטאַנען און געזונגען לויט זײַן דיריגירן.

אַ מאַרשליד...

זיצן מיר אויף אַ באַנק אויף דער תל אביבער ים־פּראָמענאַדע — שלום אַש און איך. אַש האַלט אין איין דערציילן וועגן דעם אַלעמען, וואָס ער זעט דאָ אין לאַנד. ער איז פֿול מיט פֿרייד און איז פֿול מיט זאָרג. ער מײַדט אויס אַ שמועס וועגן ייִדישע וועלט־פּראָבלעמען, וועגן וועלט־פּראָבלעמען בכלל. ער וויל זיך קינדיש ממש פֿרייען מיט אַלץ. ער איז צוגעקומען צו אַ ברעג און ער וויל נישט מער אַוועק פֿון דעם ברעג. איז ער סעניל? — טראַכט איך. אָבער ער איז נישט סעניל. ער רעדט זייער קלאָר און באַוווּסטזיניק פֿון אַלץ. אויך די דאָזיקע מכלומרשטע קינדישע פֿרייד איז באַוווּסטער קורת רוח. שוין צײַט...

און פֿון דער העלער הויט הייבט אָן שלום אַש צו רעדן וועגן מאַרשלידער אין דער ישׂראלדיקער אַרמיי. ער האָט געהערט און געזען די לידער און זיי האָבן נישט קיין ייִדישן טעם — לויט זײַן געמיט...

— ? — שטעל איך אויף אים אָן אַ פּאָר שטומע אויגן...

און אַ ביסל פֿאַרשעמט נעמט שלום אַש אַרויס אַ פּאַפּיר פֿון זײַן בוזעם־קעשענע און ער וויל מיר עפּעס לייענען — אַ ליד אין לשון קודש, וואָס ער האָט אָנגעשריבן, אַ מאַרשליד פֿאַר דער ישׂראלדיקער אַרמיי — לויט זײַן געמיט...

און ער האָט אָפּילו אָן אָנהייב פֿון אַ ניגון דערצו און ער ברומט מיר פֿיר דעם ניגון און דיריגירט זיך מיט דעם ווײַז־פֿינגער.

כאָטש די סטראָפֿן זענען געווען זייער קורצע — בין איך געווען אַזוי איבעראַשט פֿון דעם גאַנצן ענין, אַז איך האָב אָפּילו קיין איין סטראָף נישט געקענט רעקאָנסטרויִרן אין זכּרון שפּעטער. אַז איך האָב אַשן געבעטן — ער זאָל מיר געבן דאָס ליד איבערצושרײַבן האָט ער נישט געוואָלט — דאָס מוז זײַן דערווײַל אַ סוד... אַז איך האָב אים שפּעטער וועגן דעם ליד געפֿרעגט — האָט ער געשמייכלט בלויז.

אָבער בשעת איך האָב עס געהערט — האָט זיך עס אויסגעמישט מיט דעם

גערוזאַנג פֿון די כוואַליעס און מיט מאַרשלידער אין תּנ"ך — מיט דער אומפֿאַר־שטענדלעכקייט פֿון דער יִדישער אייביקייט...

שׂיחת חולין אין תּל אבֿיבֿ

און דאָך האָט ער געהאַט זײַן ספּעציעלן הומאָר, שלום אַש. נאָר אַ וויץ דערציילן האָט ער נישט געקענט — ער פֿלעגט אַליין צו פֿיל לאַכן דערבײַ.

עס איז געווען בײַם קאָנצערט פֿון דער זינגערין יהודית מאַרעצקאַ, אין זאַל פֿון אהל־טעאַטער. אַ סך יִדישע און העברעיִשע שרײַבער זענען פֿאַרבעטן געוואָרן. אַש איז דאָ מיט זײַן פֿרוי. צופֿאַל האָט געוואָלט, אַז אַ שורה הינטער אים איז גראָד געזעסן אַ באַרימטער יִדישער שרײַבער, איינער פֿון אַשס גרעסטע אָפּאָנענטן. איך האָב קיין מאָל פֿון אַשס מויל קיין בייז וואָרט וועגן דעם שרײַבער נישט געהערט. ער האָט בכלל נישט געהאַט קיין טבֿע צו באַרעדן וועמען הינטער די אויגן. אין די אויגן אָבער פֿלעגט ער רעדן שאַרף, גאָר שאַרף, זיך קריגן אַפֿילו — אַז עס איז אויסגעקומען.

אַש האָט באַמערקט, אַז זײַן אָפּאָנענט זיצט אַזוי נאָענט פֿון אים, אָבער ער איז נישט געווען נערוועז צוליב דעם. ער דערזעט מיך אין זאַל, רופֿט מיך צו, בעט צו זיצן נעבן אים. און עפּעס שמייכלט ער כּסדר צו זיך. ענדלעך זאָגט ער: — זײַט אַזוי גוט, איך בעט אײַך, גיט אַ קוק, מיר פּאַסט נישט זיך אומצוקוקן, נישט ווײַט פֿון דאַנעט זיצט... ער טראָגט דאָך אַ יאַרמולקע, איך האָב עס באַמערקט, איך האָב אָבער נישט באַמערקט צו זײַן פֿרוי טראָגט אַ שייטל.

איין מאָל זענען מיר פֿאַרבײַגעגאַנגען דאָס ליטעראַרישע קאַפֿע "כּסית". איינער פֿון אונדזער גרופּע, זייער אַ יונגער און ענטוזיאַסטישער, האָט זיך אָנגערופֿן: — הער אַש, איך האָב אײַך געוואָלט אָנווײַזן, דאָרט אין קאַפֿע איז געזעסן... איינער פֿון די גרעסטע יִדישע דיכטער.

אַש שטעלט זיך אָפּ, קוקט אָן דעם יונגן ענטוזיאַסט און זאָגט: — איר מיינט איינער פֿון די גרעסטע אין קאַפֿע "כּסית"...

איין מאָל זענען מיר געווען בײַ אַשן אין זײַן צימער אין האָטעל "דן". גראָד אין יענע טעג האָט מען אים געהאַט אַטאַקירט ליטעראַריש. איך האָב נישט געפֿרעגט וועגן דעם, אָבער ער האָט משמעות יאָ געוווּסט. ער איז געווען זייער אומרויִק, געלאָפֿן פֿון פֿענצטער צו פֿענצטער — אויפֿגעמאַכט, צוגעמאַכט, אויסגעטאָן דאָס רעקל, אָנגעטאָן דאָס רעקל, געריסן זיך בײַ דער טשופּרינע — זײַן שטענדיקער זשעסט, ווען אויפֿגערעגט, אויך בײַם רעדן עפּנטלעך. ענדלעך שטעלט ער זיך אָפּ נעבן מיר:

— מילא, איך קען נישט שרײַבן, אָבער "דאָס שטעטל" האָב איך דאָך אויפֿגעשריבן. שטעלט אײַך פֿאָר אַ שרײַבער, וואָס האָט מער גאָרנישט אויפֿ־

געשריבן — ער וואָלט דאָך געווען אַ גאַנץ פֿײַנער שרײַבער — נישט אַזוי? און ער לויפֿט ווײַטער אומרויִק. אַ רגע שפּעטער שטעלט ער זיך ווידער אָפּ:

— מילא, איך קען נישט שרײַבן, אָבער "רב שלמה נגיד" האָב איך דאָך אָנגעשריבן. לאָמיר זאָגן, אַז איך האָב גאָרנישט מער געשריבן. אָבער אַזאַ איינעם וואָלט מען באַטראַכט פֿאַר אַ גאַנץ פֿײַנעם שרײַבער בײַ ייִדן. — — און ער לויפֿט. אַ רגע שפּעטער איז ער ווידער דאָ:

— מילא, איך קען נישט שרײַבן, אָבער "קידוש השם" האָב איך דאָך אויפֿגעשריבן. אַ גאַנץ גוט ווערק. ווען איינער וואָלט נאָר דאָס אויפֿגעשריבן, וואָלט מען אים באַטראַכט פֿאַר אַ גאַנץ גוטן שרײַבער. אײַאָ? אַ רגע נאָך דעם שטעלט ער זיך ווידער אָפּ:

— אָבער "מאָטקע גנבֿ" אאַ"וו, ביז צו זײַן גײַסטן ווערק "דער נבֿיא" — —

די שפּיל האָט אים אַזוי פֿאַרכאַפּט און אָנגעפּילט מיט אַזוי פֿיל איבערלעבכן מוט, אַז ער האָט אויסגעזען אין אונדזערע אויגן ווי אַ גרויס קינד פֿון 76 יאָר... ענדלעך האָט ער זיך אָוועקגעזעצט:

— וויפֿיל ווערק האָב איך דאָ אויסגערעכנט? איר האָט נישט געציילט? צוואַנציק — דרײַסיק? הייסט עס, אַז איך וואָלט געקענט באַטיילן צוואַנציק שרײַבער און זיי וואָלטן גאַנץ פֿײַנע שרײַבער געווען — איז ווי זשע קומט דאָס, וואָס איך אַליין קען נישט שרײַבן?

ער איז צוגעגאַנגען צו אַ שאַפֿקעלע, אַנגעגאָסן עטלעכע גלעזלעך קאָניאַק און געוואָלט אויסטרינקען אַ לחיים. טרינק איך אָבער נישט — צעלאַכט ער זיך פֿון מיר: — וואָס פֿאַר אַ שרײַבער בין איך? נו מילא וועט ער שוין אויסטרינקען צוויי — ער טרינקט דאָך איצט לכּבֿוד צוואַנציק. מעג ער כאָטש אויסטרינקען צוויי.

צוקער

איך האָב בײַ אַ סך געלעגנהייטן באַמערקט, אַז שלום אַש איז געווען אַ שטאַרקער צוקער־עסער. זײַן אָרגאַניזם, סײַ גײַסטיק און סײַ פֿיזיש, איז געווען ממש אַ הייסער אויוון, וואָס האָט כּסדר פֿאַרברויכט אַ סך צוקער. (דאַכט זיך, אַז אין די לעצטע יאָרן נישט מער).

איין מאָל דערזעט מיך אַש אויף דער רחובֿ אַלנבי. עס איז געווען פֿאַרמיטאָג און איך האָב מיך גראָד געאײַלט. ער נעמט מיך אָבער אונטער דער האַנט, איך מוז מיט אים גיין צום ים, ער וויל בײַ מיר פֿרעגן עפּעס אַ ליטעראַרישע עצה. זיכער, אַז איך וועל מיט אים מיטגיין. לאָזט ער אָפּ מײַן האַנט און הייבט אָן צו דערציילן אַ מעשה. נאָך גייט ער צו מיט מיר צו אַ זעקס־זיבן ביכערקראָמען, צעוואָרפֿט אַ ביסל ביכער, רעדט מיט די מוכר ספֿרימס, מיט איינעם לשון קודש, מיטן אַנדערן דײַטש, מיטן דריטן ייִדיש, מיטן פֿערטן ענגליש — זיי קענען אים

אַלע, ער קומט דאָ כּמעט יעדן טאָג צו מישן די בּיכער, קויפֿן קופֿט ער זעלטן. אַזוי איז זײַן טבֿע — און אַט זענען מיר שוין אויף רחובֿ פֿרישמאַן און אַראָפּ צום ים־בּערג. און אַש איז פֿאַרכאַפּט און דערציילט מיר אַ מעשׂה וועגן אַן אַלטן אידעאַליסטישן רוס אין פּאַריז בשעת דער נאַצי־אָקופּאַציע, וואָס באַהאַלט אויס אַ יידיש ייִנגל. ער איז אָבער זייער אויסגעהונגערט, דער אַלטער, און באַזונדערס פֿעלט אים צוקער — ער האַלט בײַ משוגע ווערן צוליב דעם. (אַש דערציילט מיר די מעשׂה מיט אַזוי פֿיל רעאַליטעט, אַז איך מיין, אַז ער דערציילט מיר אַ מעשׂה פֿון לעבן, וואָס אַן עדות, אָדער דער בעל דבֿר אַליין האָט אים דערציילט) און אַט אַנאַנסירן די נאַציס, אַז זיי צאָלן מיט אַ קילאָ צוקער פֿאַר יעדן ייִד... און דאָ הייבן זיך אָן די ענויים פֿון דעם אַלטן רוס. אַש שילדערט די דאָזיקע פּסיכאָלאָגישע געראַנגלען פֿון דעם אַלטן — — און ער ווייסט נישט ווי אַזוי צו פֿאַרענדיקן די מעשׂה. (דאָ איז מיר ערשט קלאָר געוואָרן, אַז ער דערציילט מיר אַ מעשׂה) ער שטייט פֿאַר אַ דילעמע. ער וויל זײַן גוט צום אַלטן אידעאַליסטישן רוס, אָבער ווער ווייסט צי איז גאָר אַזאַ אין פּאַריז געווען. פֿון דער אַנדערער זײַט דאַרף מען דאָך באַשרײַבן און אַרויסהייבן די גוטע מענטשן, זיי זאָלן דינען פֿאַר אַ מוסטער. דאָס איז דאָך די אויפֿגאַבע פֿון שרײַבער... איז וואָס מיין איך? — — איך האָב מיך אָפּגעגעבן מיט געבן אַן ענטפֿער ביז מאָרגן. אויב ער האָט שוין יאָ אַן עצה בײַ מיר געפֿרעגט — וויל איך עס גוט דורכטראַכטן.

איך האָב מיר דערטראַכט צו אַ פּשרה־עצה. אָבער אַש האָט קיין מאָל מער נישט געפֿרעגט. צי האָט ער די זאַך אויפֿגעשריבן — ווייס איך נישט. און אפֿשר איז עס גאָר געווען אַ פֿרײַער־אויפֿגעשריבענע מעשׂה, וואָס ער האָט זי געוואָלט איבעראַרבעטן.

דער לעצטער בליק...

דאָס איז געווען אין ירושלים, אין אַ שבת פֿרימאָרגן, אין „בצלאל"־מוזעאום. עס ווערט געעפֿנט די מאַוריצי גאָטליב־אויסשטעלונג, צו דער פֿײַערונג פֿון דעם הונדערטסטן געבוירן־טאָג פֿון דעם געניאַלן מאָלער, וואָס איז געשטאָרבן אין זײַן 23־טן לעבנס־יאָר. שלום אַשס יוגנט בילד איז ווי אַ קאָפּיע פֿון דעם גאָטליב־אויטאָפּאָרטרעט אין זײַן באַרימט בילד „יום כּיפּור". אַש דאַרף רעדן אויף דער אויסשטעלונגס־עפֿענונג. נישט וועלנדיק אַרײַנקומען קיין ירושלים און שבת — איז ער שוין דאָ זינט נעכטן. אַט זענען שוין די באַזוכער פֿאַרזאַמלט — מרדכי נאַרקיס ז"ל, דער דירעקטאָר פֿון מוזעאום זאָגט אַן אַרײַנפֿיר־וואָרט. אַש רעדט. ער איז שטאַרק מיד. זיצט רעדנדיק. רעדט וועגן דעם כּוח פֿון דער קונסט, וואָס נישט נאָר ווערט זי מושפּע פֿון לעבן נאָר נאָך מער איז זי משפּיע דאָס לעבן. ווי געוויינטלעך בײַם עפֿענען פֿון אויסשטעלונגען שטייט דער גאַנצער עולם אַרום.

נעבן מיר שטייט אַן אַלטע פֿרוי, אַן אַריסטאָקראַטיש פּנים. שטריכן פֿון גרויסער שיינקייט. זי הערט און זי שאָקלט צו מיט איר אײדעלן קאָפּ און איז עפּעס טיף פֿאַרטראַכט און שטילע טרערן רינען אויף איר פּנים. נעבן איר שטייט אַן אַנדערע פֿרוי, אַ ביסל ייִנגער, אַ באַקאַנטע אירע. זי פֿרעגט זי: — וואָס וויינט איר? דאָס וואָס ער זאָגט איז נישט טראַגיש... (די פֿרויען רעדן צווישן זיך אין זייער אַ גוטן פּויליש) די אַלטע ענטפֿערט שטיל, ווי זי וואָלט גערעדט צו זיך:

— איך וויין ווײַל איך בין אַלט און ער איז אַלט — און איך האָב אַ מאָל דעם גרויסן מענטש ליב געהאַט, אָבער ער האָט נישט געוווּסט פֿון דעם. עס איז געווען נאָך לאַנג, לאַנג פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה... און איך קוק איצט דאָס לעצטע מאָל אין אָט דעם פּנים, איידער עס וועט זיך באַווייזן פֿאַר גאָט. און דערפֿאַר וויין איך.

דער פֿרימאָרגן ענדיקט זיך. אַש גייט מיט נאַרקיסן אַוועק. אַ רגע בלײַבט ער שטיין נעבן דער אַלטער, קוקט איר אין פּנים:

— פֿאַר וואָס האָט איר געוויינט?

— אַזוי — איר האָט אַזוי שיין גערעדט — פּאַניע אַש! — זאָגט זי אויף פּויליש.

ליכט צינדן

בת ים צו דרום פֿון יפֿו — דאָס נײַע הויז פֿון די אַשס. רות, די טאָכטער איז געקומען צו גאַסט. די אַשס האָבן זיך נאָר וואָס אַרײַנגעצויגן אין זייער נײַ־געבויט הויז. וויזאַווי דעם הויז פֿון ראש העיר פֿון בת ים. עס איז אַ באַשיידן פֿאַרטער־הויז. נאָך ווייניק מעבל, ווייניק זאַכן.

עס איז פֿרײַטיק־אָוונט. מרדכי צאַנין, דער רעדאַקטאָר פֿון די "לעצטע נײַעס", פֿרוי צאַנין, רחל און איך זענען געקומען מיט בלומען ווינטשן גליק אין דער נײַער היים.

אַש ווײַזט אונדז דאָס הויז, עטלעכע מעבל־שטיק. דעם שרײַב־טיש, אַ גלײַכער, גרויסער פּראָסטער טיש אָן קונצן, אָבער היפּשלעך גרויס. איך האָב אַזעלכע טישן שוין אָפֿט בײַ אים געזען, באַזונדערס אין וואַרשע — ווו ער האָט געשריבן "וואַרשע", דעם דריטן טייל פֿון זײַנע "דרײַ שטעט". פּלוצלינג גיט זיך אַש אַ דערמאָן: אוי, עס איז דאָך פֿרײַטיק — — און ער לויפֿט צו צום קאַמין, נעמט אַראָפּ די צוויי מעשענע לײַכטערלעך, ער בעט די דינסט — דאַכט זיך, אַז זי האָט געהייסן רבֿקה און האָט גערעדט מיט אַ היימישן יידיש — אַז זי זאָל ברענגען ליכט און שוועבעלעך — ער טוט זיך אָן די אָריענטאַלישע יאַרמולקע — בענטש די ליכט, מאַדזיוכנע —

צינדט זי אָן די ליכט, אָבער די ברכה מאַכט זי נישט. מאַכט שלום אַש שטיל,

אָבער דיַיטלעך די ברכה. אַלע שטייען מיר אַרום אַ רגע און שוויַיגן. די אַשס, די טאָכטער פֿון לאָנדאָן, די דינסט, און מיר פֿיר. זאָגט אַש:

— זאָלן זיי אַריַינקוקן אין די פֿענצטער, ווער עס וויל, זאָלן זיי זען, אַז ביַי אַשן בענטשט מען ליכט יעדן פֿריַיטיק אויף דער נאַכט.

ערנסט און שפּאַס אין לאָנדאָן

די אַשס האָבן בדעה געהאַט פֿון איצט אָן איַינשטעלן דאָס לעבן אַזוי, אַז די הייסטע חדשים פֿון יאָר זאָלן זיי פֿאַרברענגען אין קילן לאָנדאָן און די איבעריקע ציַיט אין בת ים. און אָט איז שפּעט־זומער 1956. איך בין אין לאָנדאָן אַ לענגערע ציַיט. געקומען אַהער צום פּ.ע.נ.־קאָנגרעס. דער צופֿאַל וויל, אַז דאָס צימער מיַינס איז — אין דער פֿאַלקריַיכסטער שטאָט פֿון דער וועלט — פּונקט פֿינעף מינוט גאַנג פֿון לאָודאָן־ראָוד נומער 18, ווו אַש וווינט אין דער משפּחה פֿון זיַין טאָכטער רות. עטלעכע מאָל אַ וואָך קומען מיר אַהער. איך מוז מודה זיַין, אַז די באַזוכן פֿאַלן מיר אַ ביסל שווער. איך האָב שוין וועגן דעם געשריבן אין אַנהייב פֿון די דאָזיקע שבֿחי שלום אַש. אַש באַקומט מיט דער לופֿטפּאָסט די ייִדישע ציַיטונג פֿון תל אביב און איך קום זי ביַי אים באָרגן. און ווען נאָר איך קום — לאָזט שוין אַש נישט אַוועקגיין אַזוי גיך. אָפֿט פֿלעג איך צוקומען צו דער טיר פֿון הויז, וואָס האָט אַ קליין גערטענדל אין פֿראָנט, אַריַינלייגן די ציַיטונג אין פּאָסט־קעסטל, אָבער אָט לויפֿט שוין אַש אַרויס פֿון דער טיר, אָן אַ רעקל, און רופֿט אַריַין: — וואָס גייט איר עפּעס פֿאַרביַי מיַין הויז?!

איין מאָל בין איך דווקא יאָ אַריַינגעגאַנגען, אָבער באַלד געפֿילט, אַז ער האַלט אין מיטן אַרבעט, און אַוועק. אַש לויפֿט מיר נאָך. ער האָט זיך נישט גוט געפֿילט, וואָס איך בין באַלד אַוועק. ער רופֿט אויף צוריק רחלען, זי זאָל זיך אויסקלייבן די שענסטע רויז אין גאָרטן, ער שניַידט אָפּ די רויז און שפּילעט איר צו. די רויז איז געבליבן ביַי אונדז אין איינעם פֿון זיַינע ביכער.

אַן אַנדערש מאָל זענען מיר אַריַינגעקומען אומגעריכט און געטראָפֿן פֿרוי אַש און רות, די טאָכטער, זיצן אין דער אַרבעט־שטוב און אויפֿן טיש ביכער און ספֿרים און אַש האָט נאָר וואָס אָנגעהויבן עפּעס צו דערציילן און מיר ווערן באַלד אויך אַ טייל פֿון דער אוידיטאָריע. צו וואָס ער איז מכוון איז שווער צו וויסן. ער רעדט פֿראַגמענטאַריש. באַלד אָבער איז קלאָר געוואָרן, אַז דאָס רעדט ער מיט אַ סך לאָגיק וועגן די ייִדיש־פֿילאָסאָפֿישע יסודות פֿון דעם נײַעם ווערק „יעקבֿ און רחל", וואָס ער גרייט זיך צו שריַיבן, אָדער ער שריַיבט שוין טיילוויַיז. און אָט רופֿט ער אונדז אַלע צו צום טיש און ער וויַיזט אונדז רעקאָנסטרויִרטע בנינים־בילדער פֿון דער ציַיט פֿון די אָבות אין כנען. ער דוכנט מיט זיַינע הענט איבער די בילדער, זיַינע אויגן שטראַלן, ער פֿילט די בילדער אָן אין דער פֿאַנטאַזיע מיט

זײַנע געשטאַלטן. ער זעט די געשטאַלטן אַרומגיין איבער אַט די געצעלטן און ער הערט זיי רעדן. ער האָט זיך דערגראָבן ביזן סאַמע טיפֿסטן וואָרצל פֿון ייִדישקייט אין דער וועלט — אַזוי פֿילט ער און ער זאָגט עס אונדז.

און ווידער אַ מאָל אין אַן אינדערפֿרי בײַ די אַשס. שלום אַש איז געלעגן אויף אַ פֿאַרבעטן בעט. ער גיט זיך אַ הייב אויף. ער וויל מיר ווײַזן דאָס בוך "דער נבֿיא", וואָס מ. צאַנין האָט אין תל אביב אַרויסגעגעבן. עס איז נאָר וואָס געקומען מיט דער לופֿט-פּאָסט. אָבער זוך הײַנט, זוך מאָרגן. דאָס בוך איז נעלם געוואָרן. ער זוכט צווישן די קישעלעך, די דעקעס. ער ליגט שוין אויף דער בריק און זוכט אונטער דעם בעט. איך וויל אים העלפֿן. ער לאָזט נישט, איז צערודערט. מאַטילדע אַש קומט אַרײַן:

— שולעמשי — וואָס זוכסטו דאָרט?

— דעם נבֿיא זוך איך!

— אונטערן בעט זוכסטו דעם נבֿיא?

און ער הייבט זיך אויף און מיר אַלע לאַכן האַרציק. אַ רגע שפּעטער האָט ער געפֿונען דאָס בוך צווישן די קישעלעך.

אַרום פּ.ע.נ.-קלובן-קאָנגרעס

כאָטש ער איז, אַלס ערן-מיטגליד פֿון פּען-קלוב געווען אַן אָפֿיציעלער גאַסט, כאָטש ער האָט אויף איינער פֿון די זיצונגען געדאַרפֿט האַלטן אַ קורצע רעדע — איז אָבער שלום אַש נישט צו אָפֿט געקומען צו די זיצונגען.

זײַן רעדע האָט ער אָנגעהויבן מיט די ווערטער: פֿאַר אײַך שטייט אַ שרײַבער, וואָס אין פֿאַטענץ האָבן אים צוויי מאָל צוויי מעכטיקע פֿעלקער פֿאַרמשפּט צום טויט. איין מאָל די נאַציס פֿאַר געבוירן ווערן אַ ייִד — און דאָס אַנדערע מאָל די באָלשעוויקעס פֿאַר שרײַבן אין ייִדיש — די ווערטער האָבן געמאַכט אַ רושם, אָבער ער האָט נאָר מיט זיי געקענט אָנהייבן זײַן וואָרט. רעדן האָט ער געדאַרפֿט אויף דער טעמע: געשיכטע אַלס אינספּיראַציע פֿון דעם ראָמאַנען-שרײַבער. ער האָט זײַן רעדע געהאַט אויפֿגעשריבן, אָבער האָט געהאַט אַ טבֿע אַרויסצורעדן פֿון טעקסט. ענגליש רעדן איז אים שווער אָנגעקומען און זײַן רעדע האָט קיין גרויסן רושם נאָך די ערשטע באַמערקונגען מער נישט געמאַכט.

אַ וואָך, אָדער צוויי שפּעטער איז פֿאָרגעקומען אַ ליטעראַרישער זונטיק-נאָכמיטיק אין אַ ייִדישן זאַל, אין גאָלדערס-גרין געגנט. אַש, וואָס איז אינצווישן געווען אין דער שווייץ, איז ספּעציעל צוריקגעקומען. ער פֿלעגט לעצטנס נישט דורכלאָזן קיין געלעגנהייט, אַבי עפּנטלעך צו רעדן.

אַ פּאָר טעג פֿריִער איז אין דער לאָנדאָנער חודש-שריפֿט "לשון און לעבן"

געווען אַ שאַרפֿע באַמערקונג וועגן אַשן מצד דעם דיכטער א. נ. שטיינצל, פֿאַר רעדן אין ענגליש אויף אַ קהילה־אויפֿנאַמע פֿאַר יידישע פֿען דעלעגאַטן.

און אַט רעדט אַש, ער רעדט וועגן זיין וועג, וועגן דעם פּיקדון, וואָס גאָט האָט אים מיטגעגעבן אויף דער וועלט און וועגן דעם, אַז מיט אַ רויִק געוויסן וועט ער, ווען זיין צייט וועט קומען, אָפּגעבן אויבן אַ דין וחשבון וועגן אָט דעם פּיקדון. אָבער פּלוצלינג הייבט אָן אַש ווי צו פּאָלעמיזירן מיט עמיצן. ער רעדט שאַרפֿע ווערטער אויפֿן אַדרעס פֿון אַ חבֿר, וואָס ער רופֿט זיין נאָמען נישט אָן. איך טראַכט מיר — מאָדנע, די דערפֿאַרונג לערנט מיך, אַז אַש רעדט נישט קיין שלעכטס, סיידן אין די אויגן, איז צו וועמען רעדט ער איצט?

צום סוף האָט ער געלייענט אַ רעאַליסטישע דערציילונג — פֿון זיינע ערשטע — וועגן אַ חתן, וואָס מען גיט אים אָנשטאָט נדן, אַ יתומה צו האָדעווען — און ער נעמט עס אָן באהבֿה.

און אָט איז דער נאָכמיטאָג געענדיקט. און אַלע הערן מיר קולות אין קאָרידאָר. אַש האָט זיך צונויפֿגעטראָפֿן מיט דעם חבֿר, וואָס האָט אים אַטאַקירט און האָט פֿאַרלוירן די לייצעס פֿון זיין טעמפּעראַמענט. וואָס אַש האָט געזאָגט — האָב איך נישט געגנוי געהערט. געזאָגט געוואָרן איז צו אים: — אָט די איינע דערציילונג איז מער ווערט ווי אַלע ווערק וואָס איר האָט געשריבן זינט די לעצטע 25 יאָר.

— — ווייס ווי קרייד אין פּנים האָט ער שפּעטער פֿאַרבראַכט אין דער היים פֿון דעם שרייבער א. מ. קייזער. קיין וואָרט איז וועגן דעם אינצידענט נישט דערמאָנט געוואָרן. אַז אַש האָט זיך באַרויִקט האָט אים קייזער אין אויטאָ אַהיימגעפֿירט.

געזעגענונג

אין עטלעכע טעג אַרום פֿאָרן מיר אָפּ פֿון לאָנדאָן, קומען זיך געזעגענען מיט אַשן.

פּלוצלינג עפֿנט ער אויף אַ שאַפֿע, נעמט אַרויס אַ גרויסן, שיין־געבונדענעם פֿאָליאַנט. עס איז אַ כּתבֿ יד. דער כּתבֿ יד פֿון זיין "תּהילים־ייִד". געשריבן און איבערגעשריבן און צוגעשריבן און געמעקט. גאַנצע קאַפּיטלעך געשטראָכן, אַנדערע אינטעגרירט.

שלום אַש — נעמט דעם פֿאָליאַנט אַרויס פֿון מיין האַנט, בלעטערט, בלעטערט אין דעם און זאָגט — און זיין שטימע ציטערט:

— מיט אָט דעם ספֿר אין מיין אייגענעם כּתבֿ וויל איך קומען צו קבֿר ישׂראל...

ער נעמט מיך אַרום, ער איז אַ סך העכער פֿון מיר, און עס איז ווי ער וואָלט מיך איינגעהילט, איך פֿיל די גבֿורה און די וואַרעמקייט פֿון זיין מהות און בין גערירט פֿון טרערן:

— פֿאָרט געזונט, פֿאָרט געזונט! און זעט — פֿאַרלאָזט מיך נישט, פֿאַרלאָזט איר מיך כאָטש נישט — פֿאָרט געזונט!

בת ים, בית שלום —

קיינער האָט מיך נישט געפֿרעגט, אָבער מײַן האַרץ הייסט מיר עס צו זאָגן:

דאָס הויז פֿון די אַשס אין בת ים דאַרף פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ בית שלום. דאָרט דאַרפֿן אויפֿגעזאַמלט ווערן זײַנע ווערק אין דפֿוס און אין כתב. די דאָקומענטן פֿון די קאַמפֿן וואָס ער האָט געשטריטן, זײַנע מפּלות און זײַנע נצחונות.

אין גאָרטן פֿון אָט דעם בית שלום דאַרף זײַן גוף געבראַכט ווערן פֿון לאָנדאָן — אויף אייביקן שלום. און עס איז דאָ אַ פּרעצעדענט אויף אַזאַ גאָרטן־קבֿר אין מדינת ישׂראל, גן חיים — — און נעבן זײַן קבֿר דאַרף אין אַ שטאָלערנעם קעסטל ליגן דאָס ספֿר הספֿרים פֿון אַלע ספֿרים, וואָס ער האָט געשריבן — דער תּהילים־ייִד.

אַ נײַער, גרויסער ראָמאַן אין דער ייִדישער ליטעראַטור

י. י. זינגער, יאָשע קאַלב, ראָמאַן,
אַרויסגעגעבן דורכן מחבר, וואַרשע 1932.
344 זײַטן.

דאָס איז אַן אַלט און באַקאַנט געזעץ, וואָס גילט פֿאַר אַלע פּראָזע־שרײַבער. וואָס מער זיי זענען אָנגעזאַפּט מיט אַ געוויסן דערציילערישן שטאָף, אַלץ בעסער קומט אַרויס דאָס ווערק. עס איז נישט גענוג אָנצולעזן זיך מיט ווערק וועגן דער, אָדער יענער היסטאָרישער תּקופֿה, כּדי צו קענען דערציילן אַ ראָמאַן פֿון יענער צײַט און סבֿיבֿה. מען מוז זיך יאָרנלאַנג אַרײַנלעבן אין דער מאַטעריע. וואָס מער ערד־אָפּגעריסענע פֿאַנטאַזיע — אַלץ ערגער. וואָס מער נאַטוראַליסטישע אינ־טויִציע — אַלץ בעסער. אַוודאי, קיינער צווינגט נישט אַ שרײַבער צו פֿאַרמעסטן זיך אויף טעמעס, וואָס ליגן געשיכטלעך צוריק מיט הונדערטער, אָדער גאָר טויזנטער יאָרן. ווילן זיי עס דווקא טאָן, איז זייער אויפֿגאַבע די שווערסטע, דאָס געלינגען נאָר אין זעלטענע פֿאַלן ווײַרשיינלעך. און גאָר גאָר זעלטן זענען די גוטע געשיכטלעכע ראָמאַנען אין דער ליטעראַטור פֿון דער וועלט. איינע פֿון די דאָזיקע גרויסע וועלטליטעראַרישע דערגרייכונגען איז פֿלאָבערס „סאַלאַמבאָ". פֿלאָבער האָט דערצו געלעזן אַ וועלט, בלויז וועגן פּאַלמען האָט ער דורכגעשטודירט עטלעכע צענדלינק ביכער, פֿלאָבער האָט זיך אַרײַנגעלעבט אין זײַן מאַטעריע, עס איז באַקאַנט, אַז ער האָט די אייגענע מוטער אַ מאָל שיעור נישט אומגעבראַכט, ווען זי איז אַרײַנגעקומען צו אים אין שטוב און ער איז גראָד געווען פֿאַרזונקען אין איינער פֿון די אומצאָליקע גרויזאַמקייט־סצענעס פֿון זײַן ראָמאַן.

דער שטאָף און די „געשיכטע" אַזוי צו זאָגן פֿון זינגערס נײַעם ראָמאַן „יאָשע קאַלב" איז יונג, גאָר יונג, צווײַגט זיך נאָך גוט אַרײַן אין דער לויפֿנדיקער הײַנטיקער תּקופֿה, איז נאָך לאַנג נישט געשיכטע. מען זעט באַשײַנפּערלעך, אַז זינגער האָט נישט פֿון ביכלעך אַרויסשטודירט די סבֿיבֿה פֿון זײַן ראָמאַן, נאָר האָט אים אַזוי צו זאָגן אַרויסגעשאָקלט פֿון אַרבל, גענומען פֿון אייגענער דער־פֿאַרונג און איבערלעבונג, געשריבן דאָס, וואָס זײַנע אייגענע אויגן האָבן געזען, אייגענע אויערן האָבן געהערט און אַ מעלה האָבן די אויגן און אויערן זײַנע,

אַז זיי זעען און הערן מיט אַ שאַרפֿקייט, וואָס האָט כּמעט נישט זײַנס גלײַכן מער אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

ווי זעלטן בײַם הײַנטיקן טאָג אין דער ייִדישער ליטעראַטור איז זינגערס נײַער ראָמאַן אַ סך געלעזן געוואָרן, ער איז שוין צוויי מאָל דערשינען אין טאָגצײַטונגען, עס האָט זיך אַרום דעם ראָמאַן אַ סך גערעדט, ער איז באַאַרבעט געוואָרן פֿאַר דער בינע און ווערט געוויס אויך פֿיל אַלס בוך געלעזן. איבעריק דעריבער צו דערציילן דעם אינהאַלט. נאָר דאָך עטלעכע ווערטער צו דער אָריענטאַציע פֿון די, וואָס האָבן נאָך נישט געלעזן: אין ניעשאַווע, אין גאַליציע קיניגט אַן אַלטער רבי, דער רבי ר׳ מלך. אַ ייִד איז דאָס אַ האַריקער און אַ דיקער, לויטער גוף. ער איז אַ קטלן, דרײַ ווײַבער האָט ער שוין באַגראָבן און ער וויל חתונה האָבן מיט אַ פֿערטער. און נישט אַבי חתונה האָבן, ער וויל נעמען אַ מיידל אַ יונגס און אַ שיינס, איין שטיק זינד — מלכלהן, אַ טאָכטער פֿון אַ מוטער, וואָס איז אַנטלאָפֿן ערגעץ אין דער פֿרעמד. דער רבי רוט נישט, ער מאַכט אויף דער גיך חתונה זײַן ייִנגסטע טאָכטער סערל מיט אַ בלוטיונגען בחור, אַ קינד פֿון ראָכמאַניוועקער רבישן הויף פֿון רוסיש־פּוילן. נחום הייסט דער בחור. ער אַליין האָט באַלד דערויף חתונה מיט דער ווילדער מלכלהן, אָבער קיין נחת איז אים נישט באַשערט. געזעץ פֿון ליבע איז שטאַרקער ווי אַלץ, אומבאַצווינגבאַר ציט עס מלכלהן צו נחומען און אים צו איר. די פֿרוי איז אַקטיווער, זי איז דאָך בלויז לײַב, בלויז גלוסטונג, בשעת דער איידעם, נחום, האָט דאָך געהאַט אויף זיך רעליגיעזע צוימען. אין אַ פֿאַרנער שלאָפֿלאָזער נאַכט צינדט אונטער מלכלה דעם גאַנצן הויף און אין דער בהלה זוכט זי און געפֿינט איר נאַטירליך באַשערטן, דעם איידעם פֿון איר מאַן, דעם ר׳ מלך, און איז זײַן געליבטע אין יענער נאַכט. די זינד איז גרויס, גרעסער גאַרנישט דענקבאַר אויף אַ רבישן הויף, נאָך גרעסער צוליב דעם ווײַל נחום איז פֿון אַן אַנדערער מאַטעריע, ווי די מגושמדיקע ניעשאַווער, אַ מיסטיקער, אַן אמתער גלייביקער. דאָס קינד פֿון דער זינדיקער ליבע שטאַרבט צוזאַמען מיט דער זינדיקער מוטער אין קימפּעט און אין יענער נאַכט פֿאַרשווינדט נחום פֿון הויף, גייט אַפּריכטן גלות ווי אַ שווײַגער, ווי אַ בעטלער, ווי אַ מענטש אָן אַ נאָמען, ווי אַ יאָשע קאַלב. ער איז געגנצלעך אָן ווילן, אָן וועלכער נישט איז אַקטיווקייט, אַלץ געשעט מיט אים, ער טוט גאַרנישט מער, ער עסט כּמעט נישט מער, שלאָפֿט נישט מער. ער פֿאַרוואַלגערט זיך קיין בילאַגורע, ווערט דאָרט אונטער־שמש, אין אַ מגפֿה מאַכט מען אים אַפֿילו חתונה מיט אַ האַלב־משוגענער צביהן, דער טאָכטער פֿון שמש. ענדלעך, נאָך פֿופֿצן יאָר, קומט ער צוריק קיין ניעשאַווע, צו זײַן שווער און זײַן ווײַב. זײַן שווײַגן גיט ער נישט אויף. ווער איז ער? ער ווייסט עס אַליין נישט, ער קומט אָפּ פֿאַר אַ זינד, וואָס ער איז איינער אַליין איצט אויף דער וועלט, וואָס ווייסט וועגן איר, ווײַל דער צווייטער מענטש, וואָס האָט וועגן דעם געוווּסט, ליגט שוין פֿופֿצן יאָר אין דער ערד... אָבער מען

דערקענט אים, מען דערקענט, אַז ער איז יאָשע קאַלב, וואָס האָט אין בילאַגורע אַ ווײַב פֿון וועלכער ער איז אַנטלאָפֿן תּיכּף אין דער ערשטער נאַכט נאָך דער בית־עולם חתונה. עס הייבט זיך אָן אַ מחלוקה, וואָס ווערט אַלע מאָל שאַרפֿער און שאַרפֿער, נאָך פֿאַרשאַרפֿטער דערפֿאַר ווײַל יאָשע קאַלב־נחום שווײַגט. קיין זאַך אין דער וועלט קען אים נישט רעדעוודיק מאַכן. עס קומט צו אַ גרויסן בית דין פֿון זיבעציק רבנים, דער רבי מלך שטאַרבט בשעת דעם בית דין און ער נחום־יאָשע־קאַלב גייט ווידער אַוועק אין דער וועלט אַרײַן דאָס מאָל שוין ממש ווי אַ שד, וואָס מענטשן אַנטלויפֿן פֿון אים.

דאָס איז דער טרוקענער סיפּור המעשׂה, וואָס איז — אַ זעלטנקייט בײַ אונדז אין ראָמאַנען — טאַקע איין שטיק סיפּור המעשׂה אין ריכטיקן זינען פֿון דעם וואָרט. די האַנדלונג ראַשיק און פֿעסט אין די זיבן און צוואַנציק קאַפּיטלען, מען הערט ממש די שריט, אַזוי דײַטלעך איז די אַקציע. לאַנג און ברײַט צעוויגן זיך די ערשטע קאַפּיטלען און ווערן אַלע מאָל אַפּגעהאַקטער און פּרעגנאַנטער, וואָס ווײַטער מען לעזט זיך אַרײַן. מיט די הויפּטהעלדן זענען מיר דאָך שוין גוט באַקאַנט און עס איז נישט נייטיק מער צו שילדערן זיי, עס איז נייטיק וואָס מער צו דערציילן, וואָס זיי טוען. קומט זעלטן אַרײַן נאָך אַ נײַער מענטש אין איבער־רײַכן פּערסאָנאַזש, און איז דאָס אַ וויכטיקער טיפּ, געפֿינט שוין זינגער אַ מיטל אין ראַשיקסטן טעמפּאָ פֿון דער אַקציע צו דערציילן וועגן אים, אָט אַזוי למשה וועגן רב מאירל, דעם בילאַגורער רב, עס איז אַ פּראַכטפֿולע הומאָרעסקע, וואָס איז דאָ אַרײַנגעפֿאָלכטן מיטן שטאַרקסטן טעמפּאָ פֿון דער אַקציע.

נו געוויס, דער סיפּור המעשׂה איז אינטערעסאַנט, אַפֿילו ווי מיר האָבן אים דאָ מיט קורצע שטריכן איבערגעגעבן. אָבער דער סיפּור המעשׂה איז פֿאָרט נישט מער ווי דער סקעלעט, אָן אים איז אַ ריכטיקער ראָמאַן נישט מעגלעך, אָבער בלויז מיט אים איז אַ ראָמאַן קיין ראָמאַן נישט. דער עיקר איז דאָס, מיט וואָס דער סקעלעט איז אַרומגענומען, די פֿראַגע צי לעבט דאָס. און אין זינגערס נײַעם ראָמאַן איז גענוג אַפֿילו נאָר אַ בלעטער אין עטלעכע זײַטלעך אויף צו דערפֿילן די וואַרעמע לעבעדיקייט פֿון אָט דעם ווערק. קודם דער אַרײַנפֿאָר, די ממש מײַסטערהאַפֿטע שילדערונג פֿון די צוויי הויפֿן און די צוויי רביס, דעם ניעשאַווער און דעם ראַכמאַניווקער. דאָס זענען ממש קינסטלערישע מאָנומענטן, נישט בלויז קיין געשטאַלטן. פֿון איין זײַט האָט דאָ געאַרבעט אַ קינסטלער, וואָס איז איבערזאַט און איבערגעזאַפּט מיט אָט דער מאַטעריע, וואָס איז אַ שטיק ייִדיש לעבן געוועזן, אַדער איז, פֿון דער אַנדערער זײַט איז צו דעם — וואָס דאָס איז די הויפּט מעלה — צוגעגאַנגען אַ מענטש, וואָס כאָטש דורכגעזאַפּט מיט אָט דער מאַטעריע האָט ער צו איר קיין שום סענטימענט נישט. ער איז נישט קיין ביליקער אַנטיקלעריקאַל און איז שוין גאָר קיין חסיד נישט. ער איז נאָר קינסטלער, און די נאָר קונסט האָט זיך אָפּט זייער פּראָגרעסיווע טענדענצן, ווײַל זי איז אַבסאָלוט אמת און אין

אַבסאָלוטן אמת איז שטענדיק דאָ רעוואָלוציע און פּראָגרעס און אורגערעכטיקייט.

ווער קען זיי אַלע אויסציילן, די געשטאַלטן פֿון אַט דעם ראָמאַן, די רבּיס, די גבּיס, די חסידים, די סתּם ייִדן, וואָס דרייען זיך דאָ אַרום, די ווײַבער, די דינסטן, די שוחטים, די דיינים, די בעל מלאכות, די פֿאַרשידענערליי כּלי קודש. דאָס איז דער פּערסאָנאַזש.

איצט קומען טיטואַציעס: פֿרילינגען, זומערן, האַרבסטן און ווינטערס. דער עיקר די פֿרילינגען, וואָס פֿאַר אַ פּראָסטע און וואָס פֿאַר אַ מײַסטערהאַפֿטע שילדערונגען. הײַנט די באַשרײַבונגען פֿון די אומצאָליקע שטובן און בתּי מדרשים. און ווידער די חתונות און די בית דינס, וואָס קומען עטלעכע מאָל פֿאַר אין פֿאַרלויף פֿון דער האַנדלונג ביז עס קומט צום לעצטן משפּט איבער דעם ניעשאָווער צדיק. און נאָך עפּעס. דער ניעשאָווער הויף ווערט געגעבן צוויי מאָל, איין מאָל בײַם סאַמע אָנהייב פֿון ראָמאַן און שפּעטער בײַם סוף, פּונקט יאָר נאָך נחומס נעלם ווערן. ווידער ווערט דאָ געגעבן אין קורצע שטריכן דער גאַנצער ניעשאָווער פּערסאָנאַזש אַ געעלטערטער מיט פֿופֿצן יאָר. וואָס פֿאַר אַ זיכערע האַנט, האָט דאָ געפֿירט די פֿעדער. און אַט איז דאָ אַ יריד אין אַ שטעטל און נאָך בעסער דער טאָג נאָכן יריד, ווען די בעטלערס נעמען אין שטורם דאָס שטעטל און בונטעווען זיך צו נעמען פּרוטות, ווײַל דער יריד איז געווען אַ גוטער.

דאָס שטעטל איז אין דער יידישער ליטעראַטור אַן אַלטער תּושבֿ, דער ערשטער און דער וויכטיקסטער ביז צום הײַנטיקן טאָג. מען האָט עס געגעבן פֿון אַלע זײַטן, דער עיקר פֿון דער ראָמאַנטישער. אויך דאָס חסידות איז אין דער ייִדישער ליטעראַטור נישט מינדער אײַנגעבירגערט. אָבער אויך דאָס צווייטע האָט מען דער עיקר געגעבן פֿון דער ראָמאַנטישער זײַט. אין יאָשע קאַלב איז אָבער געקומען אַ שרײַבער, וואָס האָט — דאַכט זיך — איין איינציקע כּוונה באַוווּסטזיניק געהאַט: אויף קיין איין רגע נישט צו ווערן ראָמאַנטיש. און פֿאָדערט עס דער שטאָף, פֿאָדערט עס דער הויפּטהעלד, וואָס איז דורכויס אַ ראָמאַנטישער טיפּ, אייגנטלעך דער איינציקער אין גאַנצן ראָמאַן, ווערט ער אָבער אַזוי צערעמאָניעלאָז אַרײַנגעשטעלט אין ווילד־נאַטוראַליסטישע סיטואַציעס, אַז די ראָמאַנטיק פֿאַרגייט באַלד גרינדלעך דעם אויף אַ רגע ראָמאַנטיש געשטימט געוואָרענעם לעזער.

יאָשע קאַלב איז נישט קיין פּסיכאָלאָגישער ראָמאַן. אין אַזאַ מין ראָמאַן זענען די נשמות פֿון די העלדן פֿאַרהוילן, פֿאַרדעקט. אין זינגערס ראָמאַן זענען די נשמות פֿון אַלע העלדן ברוטאַל נאַקעט. צווישן נאַקעטע נשמות איז שווער צו זײַן אַ מחבר פֿון אַ פּסיכאָלאָגישן ראָמאַן. עס בלײַבט נאָר די איינציקע נשמה, די נשמה פֿון דעם הויפּטהעלד, פֿון יאָשע קאַלב, איז אָבער אויך ער פֿאַרהוילן און סודתדיק פֿאַר דעם פּערסאָנאַזש פֿון ראָמאַן, פֿאַר די לעזער איז זײַן טאָן און האַנדלען זייער פֿאַרשטענדלעך און פֿון דער ערשטער רגע אָן קלאָר, דערמיט הערט אויך ער אויף צו זײַן אַ פּסיכאָלאָגיש רעטעניש. יאָשע קאַלב איז אַ שטיק פֿליסנדיק לעבן,

אַ שטיק ייִדישע ווירקלעכקייט, וואָס ליידער איז זי נאָך הײַנט מיט אַלע פּיטשעווקעס אמת. וואָרום וואָלט עס נישט אַזוי געווען, וואָלטן די הײַנטיקע ניעשאָווער נישט אויפֿגעהויבן אַזאַ גוואַלד קעגן דעם ראָמאַן ווי מען וואָלט זיי די קליידער אין מיטן העלן טאָג און אין מיטן גאַס פֿון לײַב געריסן.

זינגערס מעלה איז די צילבאַוווסטקייט אין שרײַבן. עפּעס אַזוי ווי איינער וואָלט אין אים מיט קינסטלערישער אינטויִציע געשאַפֿן און דער צווייטער נאָכגעגאַנגען מיט אַ רויטער בלײַפֿעדער און גלײַך קאָנטראָלירט און קאָריגירט און רעדאַקטירט. עס בעט זיך אין דעם פּרט אַ פֿאַרגלײַך פֿון זײַן קינסטלערישער דיסציפּלין מיט דעם צוגאַנג פֿון די אַנדערע גרויסע פּראָזע־קינסטלער אין דער ייִדישער ליטעראַטור. דער חילוק ליגט באַלד אויבן אויף. דאָ ווערן נישט געמאַכט קיין ווערטער, נישט דערפֿאַר ווײַל זיי זענען שיין, נישט דערפֿאַר ווײַל זיי זענען מעלאָדיש, אַפֿילו נישט דערפֿאַר ווײַל זיי זענען בילדעריש, דאָס איז אַ צילבאַוווסט אין זינען האָבן דאָס גאַנצע, דאָס ווערק. אין אַט דעם צילבאַוווסטזײַן איז פֿאַראַנען עפּעס פֿון דעם נײַעם בוי־סטיל. אַמאָל האָט מען ציזעלירט אַ טיר, באַפּוצט אַ פֿענסטער, געמאָלן אַ שויב, הײַנט מאַכט מען די אַלע זאַכן נישט ווייניקער באַקוועם און גוט, אָבער שטענדיק נאָר אין זינען האָבנדיק דאָס גאַנצע, דאָס ווערק. און פֿאַרקריכט זינגער אין איינעם, אָדער דעם אַנדערן פֿון זײַנע קאַפּיטלען פֿון יאַשע קאַלב און מאָלט עפּעס אַ זײַטיקע פּערזאָן אויף דעם ערשטן בליק, איז אויך דאָ דער ציל דײַטלעך. די גאַלעריע דאָרף זײַן קאָמפּלעט, די גאַלעריע פֿון דעם חסידישן לעבן, וואָס איז געווען, אָדער איז נאָך איצט אַזאַ באַדײַטנדיק שטיק פֿון דעם ייִדישן לעבן.

די סאָציאַלע ראָם אין וועלכן דאָס בוך שטייט, אָדער אין וועלכן עס קען אַרײַנגעשטעלט ווערן. ריכטיקער: די סאָציאַלע ווירקונג פֿון דעם בוך.

פֿאַר אונדז, מעטשן, וואָס ווייסן שוין סײַ ווי די אַלע אמתן, איז דאָס בוך אַ געוואָגטער און מיט דעם גרעסטן זשעסט פֿאַרמאָסטענער מאָנומענט אויף אַ שטיק ייִדיש לעבן, וואָס איז גענוג אינטערעסאַנט אויף צו קענען מיט נחת פֿאַרווײַלן דערבײַ אויף פֿערטהאַלבהונדערט זײַטלעך. פֿאַר אונדז איז עס קונסט לשם קונסט.

פֿאַר די וואָס ווייסן עס נאָך נישט איז עס אַן אַנטפּלעקונג פֿון אומבאַצוווּנגבאַרע אמתן. עס איז אַ שטויס אין דער ראָמאַנטיק פֿון חסידות, אַ פּלוצלונגער צי פֿון אַ טישטעך, אַז אַלע כּלים ליגן אויף איין מאָל אַלע אויף דער ערד און פֿון דער סעודה ווערט אַ בהלה. און ווײַל דאָס חסידישע לעבן איז נאָך בײַם הײַנטיקן טאָג אַ שטיק ייִדיש לעבן — איז עס אַ נוצליך בוך, סאָציאַל נוצלעך. לאָכט נישט פֿון דער ווירקונג פֿון איין בוך, אמתן פֿון ביכער אַרויס צעגייען זיך לאַנגזאַם און זיכער, אָפֿט איז אין יאָרן די ווירקונג נאָך צו פֿילן. זענען שוין אין דעם פּרט געהערט געוואָרן שטימען, אַז יאַשע קאַלב איז גאָר אַן אַפּאָטעאָז פֿון חסידות און

פֿון פֿרומקייט, וואָרום אַט איז יאַשע קאַלב צוליב איין זינד געגאַנגען אָפּריכטן גלות אַ לעבן לאַנג. לאַכט אײַך אויס דערפֿון. יאַשע קאַלב איז נישט מער ווי אַן אידעאַליסטישער אינדיווידום, אַ ראָמאַנטישע ראָמאַן־געשטאַלט מיטן אין אַ מגושמ־דיקער וועלט פֿון צבֿיעות און אומזיסטפּרעסעריי, אַ וועלט אַן גלויבן, אַ וועלט פֿון קעגנזײַטיקער אָפּנאַרעריי צוליב נאָך אַ פֿעטן ביסן. זינגער איז אין דעם ראָמאַן אַזוי מוטיק צו ווערן מילדער צו זײַן צווייטן הויפּטהעלד, דעם ניעשאַווער רבי, ווען ער ווערט שוין אַלט און שטייט אויף דער שוועל פֿון קבֿר, ווען ער איז שוין מער פֿאָטער ווי רבי, מער מענטש ווי חזיר, וואָס ער איז דאָס גאַנצע לעבן לאַנג געוועזן. עפּעס אַ מאָדנע מיטלײַד דערפֿילט מען צו אים, עפּעס ווי צו אַ געפֿאַלענעם שונא, וואָס מען דערזעט אים פּלוצלונג וואַלגערן זיך אין שטויב — גײַסטיקן צי פֿיזישן.

וויל מען זיך שאַפֿן אַ באַגריף וועגן די קינסטלערישע מיטלען מיט וועלכע זינגער אַרבעט איז גענוג אויפֿצומישן אויף זײַט 314 אַ קורצע שילדערונג פֿון אַ וואַנט מיט יידישע מודעות אויף וועלכער עס הענגט אויך דער רוף פֿון זיבעציק רבנים צום ניעשאַווער רבין ער זאָל זיך שטעלן צום בית דין. אַט די וואַנט איז ממש אַ שפּיגל פֿון אַ לעבן פֿון אַ פֿאָלק... צו באַמערקן עס און צו געבן עס איז די אויפֿגאַבע פֿון אַ קינסטלער און באַמערקן און דערהערן קען זינגער. מיט דעם האָבן מיר אָנגעהויבן און מיט דעם ענדיקן מיר. זײַן שאַרפֿע קינסטלערישע הער־און־זע־קראַפֿט איז אומפֿאַרגלייכלעך.

און איצט נאָר נאָך אַ פּאָר ווערטער וועגן דער שפּראַך: אַ רײַכער ווערטער־אוצר איז דאָ אויסגעשאָטן, עס שוימט ממש פֿון ווערטער, ווי וועלעריש זינגער איז אין בילד, איז ער אָפּט — און דאָס איז אַ נײַעס בײַ אים — נישט וועלעריש אין וואָרט. אָפּט פֿאַלן אַרײַן פֿרעמדווערטער, ווו זיי קלעפּן זיך אַבסאָלוט נישט. זענען דאָס אָבער פֿעלערן נישט קיין אָרגאַנישע, אייגנטלעך מיני קאָרעקטור־פֿעלערן. און רעדט מען שוין וועגן שפּראַך מוז מען דערמאָנען די היפּשע שטיקער, ווו עס ווערן איבערגעגעבן אָריגינעלע בריוו און טיטולירונגען, מודעות — אין אַן אַרכאַישער שפּראַך, אין אַן אַמאָליקן סטיל. צו דעם קומען נאָך צו שטיקער פֿון הייליקע ספֿרים, וואָס ווערן אָבער נישט געגעבן אין אָריגינאַל, נאָר אין פּרעכטיקע איבערזעצונגען. און זינגער האָט דערבײַ אויסגעזוכט דער עיקר די גראָטעסקע שטעלן, און אַז זיי ווירקן אין זײַן איבערזעצונג זייער הומאָריסטיש — דאָס איז זײַן פֿאַרדינסט, אָבער נישט זײַן שולד.

און עיקר שכחתי: דער הומאָר, וואָס שפּאַרט פֿון כמעט אַלע בלעטער פֿון דער דאָזיקן בוך.

אַ בוך, וואָס איז ווערט צו נעמען אין האַנט אַרײַן, אַ בוך, וואָס קוים האָט מען עס אויף דעם ערשטן בלעטל אויפֿגעמישט וועט מען עס פֿאַר דעם צוקומען צום לעצטן בלעטל מער נישט אַוועקלייגן. דאָס איז פֿיזיש אוממעגלעך.

אַ בוך מיט הויכע קינסטלערישע קוואַליטעטן — נישט געקוקט אויף זייַן נאַראַטאָרישקייט, זייַן דערציילערישקייט.

אַן אייראָפּעיִש בוך, נישט געקוקט אויף דער הונדערטפּראָצענטיקער ייִדישקייט (און נאָך וואָס פֿאַר געדיכט ייִדישקייט) פֿון דער מאַטעריע.

אויף די ראַנדן פֿון י. י. זינגערס "די ברידער אַשכּנזי"
אַ בוך, וואָס האָט זיך פֿאַרמאָסטן אויף אַ ייִדיש יאָרהונדערט

דער פֿאַרמעסט

דאָס בוך הייבט זיך אָן מיט הונדערט יאָרן צוריק, ווען די דײַטשע וועבער האָבן זיך געלאָזט מיט קינד און קייט צו דער געגענט פֿון לאָדזש די וועבער־אינדוסטריע דאָרט אויפֿצובויען. דער אָנהייב איז אַ פּאַטעטישער, שיעור נישט פּאָעזיע. אַן איבערײַס פֿון עטלעכע צענדליק יאָרן — לאָדזש איז שוין דאָ און די געשיכטע פֿון די ברידער אַשכּנזי הייבט זיך אָן. די יאָרן שפּילן דאָ נישט קיין צו גרויסע ראָלע, די פּינקטלעכקייט פֿון די דאַטן אוודאי נישט, ראָמאַן איז נישט געשיכטע. דאָך וויל איך די יאָרן בײַלויפֿיק אַ רעכן טאָן — שׂמחה מאיר אשכּנזי, דער הויפּטהעלד און דער טראַגישער דאָן־קישאָט פֿון דער געשיכטע, שטאַרבט צו זײַנע עטליכע און זעכציק. (איך האָב געזאָגט "טראַגישער דאָן־קישאָט" און איך בלײַב בײַ דעם מאָדנעם פֿאַרגלײַך ווײַל קיין אַנדערן געפֿין איך נישט. שׂמחה מאיר אַשכּנזי איז נאָך אַלע זאַכן אַ דאָן־קישאָט, אָבער אָן אַ ברעקל קאָמיזם, ער איז אַפֿילו קיין מאָל נישט טראַגיקאָמיש, ער איז בלויז טראַגיש.) דאָס בוך הייבט זיך אָן שוין גאַנץ קאָמפּאַקט נאָך פֿאַר זײַן געבורט, מיט רמזים הייבט זיך עס אָן שוין פֿריער. כראָנאָלאָגיש איז עס אַזוי אַרום אַ בוך, וואָס האָט זיך פֿאַרמאָסטן אויף אַ יאָרהונדערט. און אין דעם יאָרהונדערט האָט עס קיין ייִדן־דערשיטערנדיקע געשעעניש נישט דורכגעלאָזט. אויף וויפֿל עס איז מיגלעך אין דרײַ ביכער צו דרײַהונדערט זײַטן צו געבן אַ יאָרהונדערט — האָט עס די אויפֿגאַבע דערפֿילט. די דרײַ טיילן פֿון ווערק: 1) געבורט, 2) קומענס אין הימל, 3) שפּינוועבס. (פֿאַרלאַג ח. בזשאַזאַ, וואַרשע, 1936). דער שרײַבער פֿון די ראַנדבאַמערקונגען האָט געהאַט פֿאַר זיך דעם אין ניו יאָרק פֿרעפּאַרירטן עקזעמפּלאַר, וואָס אַנטהאַלט אויך יענע טיילן, וואָס זענען אין דער וואַרשעווער אויסגאַבע צוליב באַוווסטע טעמים נישטאָ.

אַזאַ פֿאַרמעסט איז אַ זעלטענע זאַך בכלל אין דער ליטעראַטור. אַזאַ בוך קען מען זיכער נישט זויגן פֿון פֿינגער, מען קען אים אַפֿילו נישט זויגן פֿון לעבן, מען מוז צו הילף נעמען אי דאָס לעבן, אי ביכער, אי דעם פֿינגער אַזוי צו

זאָגן — די פֿאַנטאַזיע... אַ שווערע אויפֿגאַבע, און שרײַבער פֿוילן זיך. גאָר זעלטן איז אַזאַ פֿאַרמעסט אין אונדזער ייִדישער ליטעראַטור. זעלטן איז גאָר קיין וואָרט נישט אין דעם פֿאַל, נאָר איך וויל נישט קיין אַנדערס באַנוצן.

ס'מזל פֿון בוך

זינגער האָט מזל צום ייִדישן טעאַטער־באַזוכער און צום נישט־ייִדישן בוך־לייענער. אין די הונדערטער טויזנטער קומען די ערשטע און די צווייטע צו אים. אָבער אין דער ייִדישער ליטעראַטור האָט דאָס בוך ביז איצט קיין באַזונדערן מזל נישט געהאַט. חוץ די — פֿאַרשטייט זיך — שטאַרקע ווערטער אין "פֿאַר־ווערטס". אין דעם זעלבן טאָג, ווען איך האָב דאָס בוך געענדיקט, האָב איך אויך געלעזן אַן אויספֿירלעכע קריטיק וועגן דעם בוך — פֿון ניגערן. כאָטש די קריטישע אָפּשאַצונג איז זיכער די גרעסטע ביז איצט אין ייִדיש — זי איז קוואַנטיטאַטיוו געענגט. עס פֿעלט אין איר אַפֿילו דער אינהאַלט פֿון זינגערס בוך. אויך ניגער האָט זיך אין דעם פֿאַל די הענט נישט צעפֿירט, כאָטש עטלעכע שעפּ אין דער טיף האָט ער געגעבן, ווי ער קען. און אַזוי איז דאָס אין דער נישט ייִדישער וועלט צעטרומייטערטע בוך — אין מאַמע־לשון נישט אָפּגעשאַצט.

מײַנע ווערטער פֿאַרמעסטן זיך אַפֿילו נישט אויף דעם פֿאַרמעסט פֿון אַ רעצענזיע... פֿון אַ קריטיק שוין אַפֿילו נישט געחלומט. עס זענען נאָר ראַנד־באַמערקונגען פֿון אַ לעזער, וואָס האָט דאָס גראַנדיאָזע בוך נישט "געשלונגען" ווי מען זאָגט דאָס, נאָר וואָס האָט דאָס בוך גרינדלעך געקנעטן, ווועלנדיק דערפֿילן אין דעם דאָס גרויסע חוט־השדרהדיקע בוך, דאָס בוך, אין וועלכן די ייִדישע ליטעראַטור נייטיקט זיך אַזוי אין דער צײַט פֿון חוט־השדרהלאָזיקייט און קאַפּלאַ־זיקייט.

איך האָב דאָס בוך איבערגעלעבט, געקריצט מיט די ציין אויף זײַנע אומצאָליקע שוואַכע זײַטן, געיובֿלט מיט זײַן זעלטענעם, דערפֿאַר אָבער עכטן פּאַטאָס, אונטער־געשטראָכן און צען מאָל געלעזן די שטאַרקע קאַפּיטלען, אויסגעהאַמערטע פֿעסטע זײַטן, רעליעף מיט די הענט אָנצוטאַפּן, און דאָ און דאָרט, כּמעט אין יעדן קאַפּיטל צעוואָרפֿענע ווערטער און בילדער, אומפֿאַרגעסלעכע און ערשטמאָליקע.

ס'מזל פֿון דעם בוך אין ייִדיש! אין אַ ליטעראַטור, אין וועלכער אַפֿילו אַזאַ בוך דערשײַנט נישט מער ווי אין טויזנט צי אין צוויי טויזנט עקזעמפּלאַרן, וואָס איז דאָ אַ פֿאַר אַ חילוק, וואָס פֿאַר אַ מזל עס האָט. און ווי מיר ווייסן איז זינגער סײַ ווי נישט קיין גרויסער פּאַטריאָט פֿון דער דער ייִדישער ליטעראַטור. אַז אים אַרט נישט — וואָס זאָל עם אונדז?

מלך ראַוויטש

די געשטאַלטן

אַפּאַטאַשו זעט פֿאַרבן, בערגעלסאָן הערט קלאַנגען — זינגער איז אַן אויסגעשפּראַכענער סקולפּטאָר מיט בולטע סקולפּטאָרישע פֿעיקייטן — אין זײַן שרײַבן. איך וויל דאָס באַגרינדן.

דער סקולפּטאָר אַרבעט לאַנגזאַם מיט שווערע געצײַג אין שווערן מאַטעריאַל. אויסגעהאַקט איין מאָל איז שווער צו פֿאַריכטן. טאָמער אָבער איין מאָל אויסגעהאַקט גוט, דאַרף מען בלײַבן דערבײַ — עס איז אַ סטאַטישע קונסט, אַ ווייניק באַוועגלעכע. אַ טויבע און אַ פֿאַרבלאָזע — דערפֿאַר אָבער מיט דעם טראָפּ אויף דעם כאַראַקטער־שטריך. מערקט אײַך דאָס וואָרט: כאַראַקטער־שטריך. זינגער הייבט אָן אויסצוהאַקן אַ געשטאַלט. ער פּרוווט, ער פּרוווט אַזוי לאַנג ביז ער קומט צו צו דעם כאַראַקטערשטריך און בײַ דעם בלײַבט עס. עקשנותדיק, ביז צו איבערדריסיקייט, ביז דער לעזער קען שוין דעם כאַראַקטערשטריך פֿון אויסנווייניק. שמחה מאיר אַשכּנזי האָט אַ טבע צו שרײַבן ציפֿערן אויף אַלע טישן און טישטעכער און סערוועטלעך. אַ דינאַמישער אָבער דאָך אין גרונט גענומען אַ ליטעראַרישסקולפּטאָרישער שטריך. בלי גוזמא, ווערט דער שטריך אין טויזנט וואַריאַנטן איבערגעחזרט, פֿאַרנעמט זיכער אַ צען זײַטלעך פֿון די 900 פֿון בוך. לוינט די איבערדריסיקייט? מסתמא! די מיטלען זענען נישט וויכטיק, די רעזולטאַטן זענען דער עיקר. די געשטאַלט קריצט זיך אַזוי אײַן, ווי אַ סקולפּטור, מען דאַרף נאָר פֿאַרמאַכן די אויגן און מען קען זי שיעור נישט מיט די הענט אָנרירן.

אַזעלכע געשטאַלטן, יעדע מיט דרײַ פֿיר, ביז צו לאַנגווײַליקייט זיך אײַנעסנדיקע כאַראַקטערשטריכן, זענען אָבער סוף כּל סוף דאָ לעגיאָן.

פֿון שמחה מאיר אַשכּנזי און זײַן צווילינגס־ברודער יעקבֿ בונים איז דאָך אָפּגערעדט. און ווו איז חיים אַלטער, און ווו איז אַבֿרהם הערש אַשכּנזי? און ווו איז פּריווע אַלטער, ווו דינהלע, דאָס ערשטע ווײַב שמחה מאירס, ווו איז די פֿרוי מרגליות, דאָס צווייטע ווײַב זײַנס, און ווו איז איגנאַץ, זײַן זון און גערטרוד זײַן טאָכטער, און ווו איז נאָסקע דער מורה הוראה און זײַן זון ניסן אייבעשיץ, דער אידעאַליסטישער אַרבעטער־פֿירער, און ווו איז טובֿיה דער פֿירער פֿון דער לאָדזשער אָרעמקייט? און ווו איז הײַנץ הונצע און ווו איז דער דײַטשער אָבערסט היידעל־היידעלאו, דער קאָמענדאַנט פֿון לאָדזש, און דער רוסישער זשאַנדאַרמען־פּאָלקאָווניק קאַניצקי, און ווו זענען די געשטאַלטן, וואָס זענען אַפֿילו נעבן־געשטאַלטן אין דעם בוך, למשל די געשטאַלט פֿון לעניִן, און די געשטאַלטן פֿון דעם פּוילישן לעגיאָנען־אָפֿיציר פֿעליקס פֿעלדמאַן, דעם וואָס דאָס ייִדישקייט ליגט אים אויפֿן פּנים, אַפֿילו אָן בלעטערן דאָס בוך — גיבן זיך אַ שאָט די געשטאַלטן פֿון זכּרון ווי פֿון אַ שעפֿל אַרויס — מסתּמא מוז די קראַפֿט פֿון דעם שילדערער זײַן זייער שטאַרק, אויב די רעזולטאַטן בײַם לעזער זענען אַזעלכע.

דאָס איז די קראַפט פון דער גרויער, פאַרבלאָזער, טויבער סקולפּטור. שאַרף און זאַכלעך, זיך איינעסנדיק ביז איבערדריסיקייט, אַ מאָל לאַנגווײַליק ביז סטיל־לאָזקייט. אָבער דער ציל איז דערגרייכט — די געשטאַלטן ווערן בולט, מיט די הענט אָנצורירן, זיי הייבן זיך אויפן פון פּאַפּיר — און איצט קומט די צווייטע זעלטענע מעלה, וואָס גיסט אַרײַן לעבן אין די דאָזיקע סקולפּטורן. די אומגעהייערע באַוועגלעכקייט, איך וואָלט געזאָגט: דאָס נאַקעטע, כראָניקאַלישע געשעען. עטלעכע הונדערט זײַטן פון דעם גראַנדיאָזן בוך זענען כראָניק, פּשוט כראָניק. רעפּאָרטאַזש פון אַ יאָרהונדערט. און דאָס איז פּאַרט נישט קיין חסרון!

די געשעענישן

זינגערס שרײַבן האָט קיין מאָל נישט געהאַט קיין טעאַטראַלישע זשעסטן, אָבער עס האָט אַלע מאָל געהאַט אין זיך טעאַטראַליש בלוט — ווי מען רופט עס. צום טעאַטער געהערן ראַשע אַנטשליסונגען, שאַרפע ווענדונגען. אין דעם זין איז אין זינגערס שרײַבן לעצטנס פאָרגעקומען אַ מערקווירדיקער ראַשער און אַנט־שלאָסענער קער, אַן איבערקערעניש, וואָס איז זעלטן אַזוי דראַסטיש בײַ אַ שרײַבער. זײַן שרײַבן איז געווען פאָלקאָמענע סטאַטיק, כאָטש אַלע מאָל איז אין דעם געווען דאָס ספּעציפישע זינגעריש־טעאַטראַלישע אָן טעאַטראַלישן זשעסט. זײַנע נאָוועלן זענען געווען, וואָלט איך געזאָגט, טעאַטראַלע פּאַנטאָמימעס, אָדער אינטימער: לעבעדיקע בילדער, פאַרגליווערטע סצענעס. אַליין האָבן זיי זיך נישט באַוועגט. דער עיקר איז געווען די פּערזאָן און נישט די האַנדלונג. דער עיקר איז געווען די שילדערונג און נישט וויכטיק איז געווען דאָס געשעען. איצט האָט מען זײַטנווײַז, קאַפּיטלען־ווייז לעזנדיק זינגערן, און דער עיקר די ברידער אַשכּנזי דעם אײַנדרוק, אַז מען געפינט זיך אין אַ ראָמאַן אויף רעדער... און נישט גלאַט רעדער, וואָס קאַלערן זיך, נאָר טאַקע אַן אײַזנבאַן מיט אַ לאָקאָמאָטיוו, אַ ראָמאַן מיט אַ לאָקאָמאָטיוו... זאָל דאָס זײַן דערפאַר ווײַל דאָרט ווערט דער עיקר באַשריבן לאָדזש, די שטאָט אויף רעדער, די שטאָט מיט אַ לאָקאָמאָטיוו, דערפאַר דער אײַנדרוק? נאָך מער טוט זיך אָבער דאָרט, ווען דער ראָמאַן ווערט קאַפּיטלענווײַז אַריבערגעטראָגן אויף פרעמדע ערדן. עס האַלט אין איין געשעען, דאָס צײַטוואָרט איז דער עיקר. און נישט נאָר האַלט עס אין איין געשעען, נאָר עס גייט פאָרויס, עס האַלט אין איין געשעען פאָרויס, פאָרויס — צום סוף צו. עס וויקלט זיך פונאַנדער די אַקציע, וויקלט זיך אָפּ, פילמיש, טעאַטראַליש, אָן טעאַטראַלישע זשעסטן, פּאַטעטיש אָן פּאַטאָס.

וואָלט איך געוואָלט זיך באַנוצן מיט טעאַטראַליש־געשוואָלענע ווערטער וועגן אַ בוך, וואָס איז אַזוי פרײַ פון טעאַטראַלישער געשוואָלנקייט, וואָלט איך געזאָגט, אַז די אַקציע אין דעם בוך אַנטוויקלט זיך לאַווענהאַפט. אָט דער אַשכּנזי האָט

דאָך צוזאַמען מיט זײַן הויבן זיך העכער און העכער צו די קוימענס אין לאָדזשער הימל, גלײַכצײַטיק אָנגעהויבן צו פֿאַלן, גלײַכצײַטיק אָנגעהויבן צוצוגרייטן זײַן נידערלאַגע, וואָס ווײַטער אין בוך, וואָס ראַשיקער די געשעענישן, אַלץ ברייטער, שווערער, פֿאַלנדיקער זענען זיי, ביז עס קומט די לעצטע סטאַדיע — דער לעצטער זעץ פֿון דער לאַווינע.

אויב איך האָב נישט קיין טעות איז נאָר נאָך איין בוך פֿאַראַנען אין דער יידישער ליטעראַטור, וואָס דעקט אַזוי פֿיל געשעענישן, ווי זינגערס לעצטע, דאָס איז אַשס טרילאָגיע „פֿאַרן מבול", און איך ווייס פֿאַרט נישט, צי — ווען מען וואָלט ריכטיק סאָנדירט און געציילט די געשעענישן, וואָלט אַשס בוך אַרויס דער טשעמפּיאָן...

די סוחרים-עפּאָפּעע

קוקט זיך אויף דעם יידישן „סוחרטום", ווי מען רופֿט עס, ווי איר ווילט, פֿאַראורטיילט עס וויפֿל איר ווילט, זיכער איז, אַז עס איז געווען אַ דעצי־דירנדיקער פֿאַקטאָר אין דעם יידישן לעבן דורך יאָרהונדערטער, און אויב אַזוי איז עס אַן ערשטקלאַסיק מאַטעריאַל פֿאַר דעם בעלעטריסט, פֿאַר דעם גרויסן יידישן שרײַבער, פּונקט ווי דער רוסישער בירגער פֿון פֿאַרנעם איז געווען מאַטעריאַל פֿאַר דעם גרויסן מײַסטער פֿון דער רוסישער ליטעראַטור — גאָרקי. דער מאַטעריאַל איז ערשטקלאַסיק, ערשטקלאַסיק פֿאַר דעם נאַטוראַליסטישן שרײַבער — נישט אַזוי פֿאַר דעם ראָמאַנטיקער. און איך בלעטער ווידער אין זכרון ווערק פֿון דער יידישער ליטעראַטור און זוך. נו אוודאי שלום אַש מיט זײַנע נגידים און גבֿירים. אָבער זיי אַלע ווי איינער פֿון שלמה נגיד ביז צום אַלטן מירקין זענען אַלע ראָמאַנטישע געשטאַלטן, אַלע ווי איינער זענען זיי שלמה נגידס. אַ געשטאַלט אַן אַשישע איז בלי שום ספֿק יעקבֿ בונים אַשכּנזי, שׂמחה מאירס צווילינגסברודער. אָבער שׂמחה מאיר אַליין איז אַ יידישער סוחר־טיפּ פֿאַר עקסעלאַנט, אַזאַ האָט נאָך די יידישע ליטעראַטור נישט געהאַט. נאָך קיין מאָל איז אַ יידישער רבי נישט געמאָלן געוואָרן מיט אַזאַ הויטסקאַלפּירנדיקער גרויזאַמקייט ווי דער ניעשעווער רבי אין „יאָשע קאַלב", נאָך קיין מאָל איז אין דער יידישער ליטעראַטור אַ יידישער סוחר נישט געשטעלט געוואָרן פֿאַר דער וועלט, אַזוי נאַקעט ווי אַשכּנזי, נישט נאָר אָן קליידער נאָר אויך אָן הויט, סקאַלפּירט, אַז די נשמה זעט זיך אַרויס אין איר גאַנצער זינלאָזער נעבעכדיקייט, טראַגישער און שיעור נישט משוגענער. און מאָדנע ווי צו ביידן דערפֿילט זינגער אַ רחמנות, קוים האָט ער זיי דערפֿירט ביז צום אָפּגרונט, ביז צו זייער עלטער.

דער יידישער סוחר האָט שוין זײַן ערשטן נאַטוראַליסטישן, טראַגישן דענק־מאָל, די טעמע איז ווײַט נישט אויסגעשעפּט, צו ברייט איז זיך איר פֿאַרבילד

פֿונאַנדערגעוואַקסן אין דער ייִדישער פֿאַרגאַנגענהייט און קעגנוואַרט, צו שטאַרק איז זי פֿאַרנאַכלעסיקט געוואָרן אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

מאיר אַשכּנזי איז די ערשטע וואַרהאַפֿטיקע געשטאַלט פֿון אַ ייִדישן סוחר, אויך די סימפּאַטישע און ווייניקער טראַגישע אַרום אים זענען וואַרהאַפֿטיק, עס איז דאָ דאָס ערשטע ייִדישע גרויס־סוחרישע עפּאָס. די ליטעראַטור האָט אָנגעהויבן צו צאָלן איר חובֿ.

די סאָציאַליסטן פֿון בוך

זינגער האָט נישט געשריבן דעם ראָמאַן פֿון דער ייִדישער אַרבעטערשאַפֿט אויף דעם פֿאָן פֿון דער ייִדישער בורזשואַזיע. נאָר ער האָט בפֿירוש געשריבן דעם ראָמאַן פֿון דער ייִדישער גרויס־בורזשואַזיע אויף דעם פֿאָן פֿון דעם גאַנצן לאָדזש מיט די אַרבעטער, פּוילישע און ייִדישע, די דײַטשן, די רוסן — מיט האַק און פּאַק, וואָס אין לאָדזש איז אַלץ געווען. עס זענען דעריבער אומזין די טענות צום בוך הלמאַי עס איז אין אים געקריוודעט די אַרבעטער־באַוועגונג. עס וואָלטן אומגערעכט געווען די טענות, אַפֿילו ווען די אַרבעטער־באַוועגונג וואָלט יאָ געקריוודעט געווען דורך צו ווייניק זיך פֿאַרנעמען מיט איר. אין דער אמתן אָבער איז זי נישט געקריוודעט. זי פֿאַרנעמט קוואַנטיטאַטיוו אַלס טייל פֿון הינטער־גרונט אַ גענוג גרויסן אָרט און קוואַליטאַטיוו פֿאַרנעמט זי דעם סאַמע ערשטן אָרט.

וווּנדערלעך זענען די צוויי געשטאַלטן טובֿיה און ניסן אייבעשיץ. וווּנדערלעך, און דאָס וווּנדערלעכסטע איז, אַז זיי גייען קיין מאָל נישט אַרויס פֿון דער נאַטיר־ליכקייט.

פֿאַראַנען דאָרט אַ קאַפּיטל ווו עס רעדט זיך וועגן די ערשטע פֿאָרמען פֿון קלאַסן־קאַמף אויף דער ייִדישער גאַס, ווען מען האָט נאָך געקעמפֿט מיט ביבלישע אַרגומענטן.

דאָס קאַפּיטל איז אַזוי גרויס און אײנפֿאַך, אַז נישט אַנדערש ווי הייליקייט ווייעט פֿון דעם. דאָס קאַפּיטל דאַרף אַרײַנגיין אין אַלע פּראָלעטאַריש אָריענטירטע קינדער־עלעמענטאַר־ביכער. חוץ אַלע זײַנע פּאַטעטישע ווערטן, חוץ דעם לויטערן אידעאַליזם, וואָס ווייעט דערפֿון איז עס אַן אַנשויליך שטיק געשיכטע פֿון ייִדישער און אויך אַלגעמיינער אַרבעטער־באַוועגונג.

אָדער דאָס קאַפּיטל ווו באַשקע, טובֿיהס טאָכטער ווערט דערשאָסן אויף אַ לאָדזשער באַריקאַדע אַלס וועט־פּרײַז פֿון אַ סאָלדאַטישן ציגאַרעט. אַזאַ געוואַלטי־קער פּאַטאָס, ממש שוין אַרויס פֿון זינגערס נאַטוראַליסטישע גרענעצן. דאָס איז נישט אַגיטאַציע־ליטעראַטור, זינגערס איז אַזוינס קיין מאָל גאַרנישט אויסן געווען, דאָס איז עפּעס מער, דאָס איז ריינער באַגײַסטערונגס־שטאָף, אַזעלכע קאַפּיטלען פֿאַרשיכּורן מיט סאָציאַליסטישן אידעאַליזם.

"אַן איבערצײַגנדיק בוך"

מײַנער אַ באַקאַנטער, אַן ענגלענדער, ווײסנדיק, אַז איך בין אַ שרײַבער, בעט מיך אַנומלט צו רעקאָמענדירן אים אַן ענגליש־ייִדיש בוך צום לייענען. נישט טראַכטנדיק לאַנג זאָג איך "די ברידער אַשכּנזי", כאָטש אַליין האָב איך דעמאָלט דאָס בוך נאָך נישט געלעזן. אַ פּראָסטער מענטש, מײַן באַקאַנטער, אַ בירגערליכער און אַ ביסעלע אונטערבאַוווסטזיניק אַנטיסעמיטיש. צוויי וואָכן שפּעטער האָב איך דעם באַקאַנטן ווידער געטראָפן און אַנונגסלאָז געוועזן, אָבער דער באַקאַנטער האָט דערווײַל דאָס בוך געלעזן. "אַן איבערצײַגנדיק בוך" — זאָגט ער און ער דריקט מיר מיט דאַנקבאַרקייט די האַנט. דווקא דערפֿאַר, ווײַל עס אַגיטירט מיך צו גאָרנישט, דווקא דערפֿאַר איבערצײַגט עס מיך. אין צוויי ריכטונגען האָט עס אים איבערצײַגט, עס האָט אויסגעריבן אין אים יעדע שפּור פֿון אַנטיסעמיטיזם און עס האָט לײַכט אַנגעצונדן אין אים סאָציאַליסטישע איבערצײַגונגען.

— איך האָב ליב דעם אמת, זאָגט מײַן באַקאַנטער און קלאַפּט מיט זײַן פּיפּקעלע אויף דער פֿלאַך פֿון זײַן האַנט, איך האָב ליב דעם אמת, שטאָפּט ער ווידער דאָס פּיפּקעלע אָן מיט טאַבאַק און שטופּט זי עס אין מויל אַרײַן, איך האָב ליב דעם אמת, צינדט ער עס ווידער אָן, דאָס פּיפּקעלע, און אין דעם בוך איז נישטאָ קיין איין ליגנעריש וואָרט.

מאַסן־באַוועגונגען

אָפּט, גאָר אָפּט הערט זיגנערס בוך אויף צו זײַן אַ בוך, ווו אינדיווידועלע מזלות ווערן דערציילט, נאָר מזלות פֿון קאָלעקטיוון, מאַסן. זײַטן גייען אַוועק, ווו עס רעדט זיך נישט וועגן קיין יחידים, גאַנצע קאַפּיטלען. ווײַל דאָס בוך איז אַ שטיק געשיכטע, נישט בלויז אַ מעשׂה איז עס, נאָר אַ געשיכטע. געשיכטע אין בעלעטריסטישער פֿאָרם — פֿאַרשטייט זיך. אָפּט גייען גאַנצע קאַפּיטלען אַזעלכע אַוועק ווי דאָס וואָלטן נישט געווען קיין קאַפּיטלען פֿון אַ ראָמאַן, נאָר שטיקער רײַזעבאַשרײַבונגען אין דער פֿאַרגאַנגענהייט אַרײַן. רײַזערעפּאָרטאַזשן... רייזע־רעפּאָרטאַזשן אין פֿאַרגאַנגענע יאָרן און אין פֿאַרגאַנגענע וועלטן. קאַפּיטלען ציען זיך אַזוי אַוועק, אָפּט דאַכט זיך, אַז די אינדיווידועלע העלדן וועלן זיך שוין בכלל מער נישט אומקערן.

דאָס זענען לייכטע הילפֿסמיטלען פֿון אַ ראָמאַניסט, אַזעלכע אויספֿלוגן אין אַלגעמיינע שילדערונגען אַרײַן. אַזעלכע קאָלעקטיווע טיראַדן.

דאָס זענען ברייטע, קאָלאָסאַלע דעקאָראַציעס, קאָלאָסאַלע הינטערגרונטן צו אַ קאָלאָסאַלן געמעל.

אמת איז, אַז זיי ווערן שאַבלאָן אין דעם בוך, אָפּט לאַנגווײַלן זיי. אָבער

דעקאָראַציעס און הינטערגרונטן זענען נויטווענדיקע זאַכן. זיי זעען זיך נאָר אַזוי אַרויס, ווײַל זיי שטייען אין בוך באַזונדער, און ווען מען זעט אַ בילד, אָדער אַ טעאַטער זעט מען די הינטערגרונטן מיט די געשטאַלטן און די דעקאָראַציעס מיט דער אַקציע צוזאַמען.

טעכנישער פֿעלער. אָבער אין זינגערס בוך איז נישטאָ קיין קליין־טעכניק. ער איז דאָ אויסן געווען גרויס־טעכניק — אויב מען קען אַזוי זאָגן.

יאָ! און ניין! און אָ!

ווען עמיצער וואָלט מיר אין דער צײַט פֿון זינגערס שפּראַכמײַסטערשאַפֿט, אין דער צײַט פֿון זײַנע „פּערל" געזאָגט, אַז זינגער וועט זיך אַ מאָל באַנוצן מיט אַזעלכע ביליקע ווענדונגען ווי:

אָ, שׂמחה מאיר אשכּנזי — אָדער
יאָ, חיים אַלטער האָט ליב געהאַט — אָדער
ניין, יעקבֿ בונים איז געווען אַנדערש — —

וואָלט איך דאָס — אָ! יאָ! ניין! איך וואָלט דאָס נישט געגלייבט, צום ווייניקסטן אויף זינגערן. און דאָך איז דאָס אַ פֿאַקט. דאָס בוך איז פֿול מיט אַזעלכע ביליקע (אַ טוץ פּאָר אַ סענטיקע) אָ׳ס און יאָ׳ס און ניין׳ס. אַגבֿ קען מען זיך פּשוט אָן זיי באַגיין, אויסלאָזן. וואָס גיט עס צו? זאָל עס פּרעטענדירן אויף צו ווערן זינגערס ספּעציעלער סטיל — אויב אַזוי האָבן מיר פֿײַנט אין ייִדיש אַזעלכע סטילן. מיר האָבן בעסערע שוין מיט יעקבֿ דינעזאָנען אַוועקגעשיקט אויף יענער וועלט...

און ווען עמעץ וואָלט מיר געזאָגט, אַז זינגער וועט שטייגערן אָט אַזוי: פּריווע איז פֿול געוואָרן מיט שׂנאה, האַס... וואָלט איך אַזאַ מענטשן באַגעגנט מיט געלעכטער, מיט שפּאָט, און איך וואָלט אים געזאָגט, אָ, איך וועל דאָס נישט גלייבן אויף זינגערן, ניין, נישט אויף זינגערן וועל איך דאָס גלייבן, יאָ, אַזוי איז עס מײַן טײַערער פֿרײַנט, קאָלעגע! — אָט אַזעלכע סטיל־בלימעלעך ווי די אויבערע ציטאַטע זענען פֿול אויף דער געוואָלטיקער פֿלאַך פֿון זינגערס ראָמאַן.

ממילא שווימט אויף די פֿראַגע, צי איז דער ראָמאַן צומאָל נישט פֿון דער ערשטער האַנט געשריבן — און אַ ראָמאַן וועגן הונדערט יאָר מעג מען כּמעט דרײַ מאָל איבערשרײַבן, אויב טאָלסטאָי האָט צוועלף מאָל זײַן „קריג און פֿרידן" איבערגעשריבן. איך האָב עס מיט אַ כּוונה געזאָגט אין איין אָטעם טאָלסטאָיס „קריג און פֿרידן" און זינגערס „די ברידער אַשכּנזי". נישט כּדי צוזאַמענצווואַרפֿן ביידע ביכער ווי גלײַכס מיט גלײַכן אין איינעם, נאָר כּדי צו אַקצענטירן, אַז זינגערס בוך — כּאָטש ערשט אַ יאָר אַלט — שטייט שוין אין פֿאָדערגרונט אין

דער ערשטער ריי פֿון אונדזער ליטעראַטור, פֿון אַזאַ בוך וועלן דורות לערנען, ממילא טאָר די שפּראַך פֿון אַזאַ בוך נישט זײַן אַזוי אַפּגעלאָזן, מעג זיך זינגער פּריוואַט באַציִען צו דער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור ווי ער וויל.

אין שפּראַכלעכן זינען איז דאָס בוך גאָרנישט מחדש אין דער ייִדישער ליטע־ראַטור און גאָרנישט מחדש אין זינגערס שאַפֿן. זײַט מוחל, עס איז יאָ מחדש, אַז זינגער, אַ מייסטער פֿון שפּראַך־עקזאַקטקייט קען שרײַבן אַזוי אַפּגעלאָזן, אַז עס דאַכט זיך אָפּט, אַז ער האָט דאָס בוך נישט נאָר נישט איבערגעשריבן פֿאַרן דרוק, נאָר אַפֿילו נישט איבערגעלעזן...

אינהאַלט

איר פֿאָדערט צופֿיל. איבערגעבן דעם אינהאַלט פֿון זינגערס קאָלאָסאַלן בוך פֿון אַ ייִדישן יאָרהונדערט דאַרף מען דאָס מאַכן אָדער זייער לאַנג, אויף דרײַסיק בוכזײַטן, אָדער זייער קורץ, ווי "די גאַנצע תּורה אויף איין פֿוס": שׂמחה מאיר אַשכּנזי איז געבוירן געוואָרן, געלעבט, אַליין געליטן, אַנדערע געמאַכט לײַדן און געשטאָרבן.

נישט האָבנדיק די מעגלעכקייט צו געבן אײַך דעם אינהאַלט פֿון בוך אויף דעם ערשטן אופֿן — האָבן מיר אײַך געגעבן דעם אינהאַלט אויף דעם צווייטן, קירצערן אופֿן.

עס איז אַ בוך אַ סימבאָל, אַ בוך, אַ דענקמאָל פֿון אַ קלאַס בײַ ייִדן, ניין, אַ דענקמאָל פֿון צוויי קלאַסן, ווײַל כאָטש בלויז אין הינטערגרונט שטייט דער צווייטער דענקמאָל, שטאַרט ער אַזוי וווּנדערלעך איבער די בלעטער פֿון בוך. אַ ליטעראַריש דענקמאָל פֿון דעם ייִדישן סוחרים־קלאַס, וואָס זײַן צײַט גייט אַוועק און אַ ליטעראַריש דענקמאָל — באַזונדערס פֿון די ביבליש־פּאָעטישע ערשטע אָנהייבן פֿון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג.

פּאָעטיש איז דער אָנהייב פֿון דעם דאָזיקן אולטראַנאַטוראַליסטישן בוך, פּאָעטיש מיט די דײַטשן, וואָס ציִען קיין פּוילן, אָבער נאָך פּאָעטישער איז דער אויסלאָז מיט דער עגלה פֿון שׂמחה מאיר אַשכּנזי, נאָך וועלכער עס גייען נאָך אַזש דרײַ אַלמנות. דאָס איז אַ בילד, וואָס קריצט זיך אײַן, ווי דאָס גאַנצע בוך קריצט זיך אײַן אין האַרץ און אין מוח, ווי עס וועט זיך אַלע מאָל מער און מער אײַנ־וואָרצלען אין דער ייִדישער ליטעראַטור, ווי אַ בוך אויף אַלע אייביקייטן, ווי אַ בוך — אַ הויפּטזײַל.

י. י. זינגערס „די משפּחה קאַרנאָווסקי“

דעם ראָמאַן „די משפּחה קאַרנאָווסקי“ האָט י. י. זינגער — איינער פֿון די עטלעכע בעסטע פּראָזע־שרײַבער אין ייִדיש — אויפֿגעשריבן אין די יאָרן 1940־1941. עס איז זײַן פֿינפֿטער ראָמאַן און דער פֿערטער אויף אַן אַקטועלער טעמע. זינגער איז אין זײַן שרײַבן אַלע מאָל זײַער רעאַל און אַקטיוויסטיש געשטימט און עס איז נישט קיין חידוש וואָס ער ווערט באַהערשט פֿון אַקטועלע טעמעם. אָט דאָס באַהערשט זײַן פֿון אַ טעמע איז אַ גאַנץ וויכטיקער ענין אין דער ליטעראַטור און דעריבער האָב איך דאָ דעם טערמין גענוצט. ראָמאַניסטן, וואָס ווערן אַליין נישט באַהערשט פֿון זייערע טעמעס — און אויך אַזעלכע זענען דאָ — וועלן קיין מאָל נישט באַהערשן די נשמות פֿון זייערע לעזער. דער איינציקער ראָמאַן זינגערס, וואָס איז נישט געווען אויף אַן אַקטועלער טעמע, איז געווען זײַן ראָמאַן „יאָשע קאַלב“. און דער איינציקער פֿון די פֿיר אַקטועלע ראָמאַנען, וואָס האָט זיך נישט אָנגעהויבן אין דער טיפֿער פֿאַרגאַנגענהייט פֿון זײַנע העלדן און זייערע טאַטעס און זיידעס איז געווען דער ערשטער ראָמאַן זײַנער „שטאָל און אײַזן“ — אַ דערציילונג וועגן די לײַדן און — — ווידער לײַדן פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה. זינגער האָט ליב אין זײַנע ראָמאַנען צו געבן ווײַטע און ברייטע הינטערגרונטן סײַ פֿון די העלדן, וואָס וויקלען זיך פֿון זײַן פּען אַרויס און סײַ פֿון די סיטואַציעס, אין וועלכע זיי ווערן אַרײַנגעצויגן. אָבער זינגער האָט אַ מערקווירדיקן כּוח פֿון נאַראַטיוון צימצום און ער שפּאַנט דורך צענדליקער יאָרן זייער גיך. אי ער לאָזט ממש גאַרנישט דורך, וואָס איז וויכטיק און אי ער לאָזט אַלץ דורך, וואָס איז נישט וויכטיק. דאָס איז אַ כּוח פֿון נאַראַטיוון, דערציילערישן צימצום. איך זאָג בפֿירוש נישט קינסטלערישן צימצום, ווײַל נישט געקוקט אויף דער קורץ־שאַרפֿקייט פֿון זינגערס פּען חזרט ער אָפֿט איבער ניואַנסן בײַם מאָלן פֿון זײַנע העלדן. אָפֿט האָט איר דעם אײַנדרוק, אַז נישט אַ מאָלער פֿון זײַנע העלדן וויל ער זײַן, נאָר אַ סקולפּטאָר, און ער האַקט עטלעכע מאָל איינעם און דעם זעלבן שטריך, כּדי עס גאָר גוט אַרײַנצוהאַקן אין זכּרון פֿון דעם לעזער... זינגער איז אַ פּסיכאָלאָג, נישט נאָר קען ער גוט זײַנע העלדן, נאָר אויך זײַנע און בכלל לעזער. און וויכטיק איז דאָך דער רעזולטאַט. זינגערס העלדן פֿאַרגעסן זיך נישט. דווקא צוליב אָט דעם סקולפּטאָרישן מעטאָד זײַנעם. די דרײַ דורות

פֿון דער משפּחה קאַרנאַווסקי, וואָס ווערן אין זײַן לעצטן ראָמאַן געגעבן צייכענען זיך אויס מיט זייער כאַראַקטעריסטישער, פֿעסטער, אײַנגעשפּאַרטער, יאָ, אַפֿילו הערצער־אײַננעמענדיקער ייִדישער נאַז. אין די הונדערטער מאָל, און נישט אַן קינסטלערישען כּוונה, אַפֿילו נישט אַן אידעיִשער כּוונה, ווערט אָט דער פּרט אין בוך אונטערגעשטראָכן.

יאָ, דרײַ זינגערס ראָמאַנען הייבן זיך אָן ממש אין די ששת ימי בראשית, "די ברידער אַשכּנזי" וואָס איז דער ראָמאַן און די טראַגעדיע פֿון אַ לאָדזשער ייִדישן פֿאַבריקאַנט און אפֿשר די וועלט־געשיכטלעכע ייִדישע טראַגעדיע פֿון דעם ייִדישן סוחר פֿון אַלע וועלטן און צײַטן בכלל, הייבט זיך אָן אין אָנהייב פֿון נײַנצענטן יאָרהונדערט, ווען לאָדזש איז געגרינדעט געוואָרן, "חבֿר נחמן", דער ראָמאַן, די טראַגעדיע פֿון דעם אידעאַליסטישן פּאַרטיי־מיטגליד פֿון אַלע פּאַרטייען, בפּרט אין אונדזער צײַט, הייבט זיך אָן אין די צײַטן פֿון דער פּרע־היסטאָריע פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג אויף דער ייִדישער גאַס און די "משפּחה קאַרנאַווסקי", וואָס איז אַ ראָמאַן פֿון דער טראַגעדיע פֿון דײַטשן ייִדנטום הייבט זיך אויך אָן נאָך אין יענע צײַטן, ווען דער גרעסטער טייל פֿון דעם דאָזיקן ייִדנטום האָט נאָך געוווינט אין... פּוילן, אָדער רוסלאַנד, ערגעץ אין דריטן דריטל פֿון נײַנצעטן יאָרהונדערט.

און — אויך איך, געטרײַ צו זינגערס טראַדיציע, האָב אָנגעהויבן אָט די רעצענזיע אין די ששת ימי בראשית פֿון זינגערס נישט צו פּרוכטבאַרן, דערפֿאַר אָבער זייער מאַסיוון און סאָלידן שרײַבערישן שאַפֿן. יאָ, זינגער איז אַ מאַסיווער און סאָלידער דערציילער אין אונדזער ליטעראַטור. און נאָכגייענדיק זײַן אייגענעם סטיל חזר אויך איך איבער מײַנע אייגנשאַפֿטס־ווערטער וועגן אים.

*

דרײַ ייִדישע ישובֿים גייען דורך אין ראָמאַן (אויף די 518 מאַסיווע און סאָלידע זײַטן זײַנע, אַרויסגעגעבן פּשוט און שיין דורך דעם פֿאַרלאַג "מתּנות" אין ניו יאָרק — 1943), דער ישובֿ אין קאָנגרעס־פּוילן אין לעצטן דריטל פֿון פֿאַריקן יאָרהונדערט, דער ישובֿ אין דײַטשלאַנד פֿון סוף 19טן י.ה. ביז אַ פּאָר יאָר נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט, און עטלעכע יאָר פֿון פֿערטן יאָרצענדלינק פֿון אונדזער יאָרהונדערט אין אַמעריקע. עס איז פֿאָלג מיך אַ גאַנג, אָבער דער ראָמאַן האָט געפֿאָלגט זינגערס זיכערע האַנט, איז געגאַנגען און דערגאַנגען צו אַ טאָלק. דאָס איז איינע פֿון די בעסטע כאַראַקטעריסטיקעס פֿון זינגערס ראָמאַנען — זיי דערגייען צו אַ טאָלק אָט אַזוי ווי אַ פּרוכט פֿון אַ שאָלעכץ אַזוי שיילן זיך כּסדר און כּסדר בײַ אים אַרויס איין סיטואַציע פֿון דער אַנדערער און איין העלד פֿון אַנדערן. נישטאָ קיין צופֿעליקייטן, נישטאָ קיין בליצן פֿון לויטערן הימל בײַ אים. אַלץ האָט זײַן לאָגיק, זינגערס איז אפֿשר דער לאָגישסטער פֿון די ייִדישע ראָמאַ־ניסטן. און אין דעם ראָמאַן פֿון דרײַ דורות קאַרנאַווסקיס שיילט זיך דײַטלעך,

לאָגיש, און וואָס דער עיקר פּסיכאָלאָגיש, אַרויס דר. געאָרג — מיטן ייִדישן נאָמען משה — קאַרנאָווסקי אַרויס פֿון זײַן פֿאָטער, דעם משׂכּיל דוד קאַרנאָווסקי, און שפּעטער געאָרג יאָאַכים — פֿאַרצערטלט "יעגאַר" — דעם דאָקטאָרס זון, פֿון זײַן פֿאָטער, דעם בן המשׂכּיל, און פֿון זײַן מוטער, דער בלאָנד־האַריק־בלוי־אויגיקער בערלינער דײַטשקע טערעזע האַלבעק. עס איז אַ לאָגישע קייט. דאָס איז נאָר די הויפּט־קייט, די דרײַ הויפּטרינגען אין דער טיפֿן־גאַלעריע און קייטן־גאַלעריע פֿון ראָמאַן. ווײַל נישט איין משפּחה־כראָניק, דראַמע און טראַגעדיע גייט דאָרט דורך. אַ האַלב טוץ משפּחות און אַ האַלב הונדערט העלדן און אונטערהעלדן האָב איך דאָרט אָנגעציילט — ייִדן און דײַטשן. איך וועל פּרווון געבן דעם אינהאַלט פֿון ראָמאַן, האַלטנדיק זיך בלויז אָן דעם הויפּט־פֿאָדעם פֿון זײַן גאַנג.

*

דוד קאַרנאָווסקי, דער טיף־שוואַרץ־אויגיקער אָדלער־נאָזיקער עקשן, למדן, משׂכּיל — פֿון דער משפּחה פֿון די באַוווסטע וואַלד־און האָלץ־סוחרים — ווערט אָן איידעם אין מעלניץ, אַ חסידיש שטעטל. אָבער עס איז דעמאָלט געווען צווישן ייִדן אין רוסלאַנד — סוף 19טן י.ה. — אַ שטורעם און דראַנג "נאָך וועסטען" און נאָך אַ פּראָוואָצירטן קאָנפֿליקט מיטן שטעטל ציט זיך דער יונגער איידעם אַריבער קיין בערלין, דער שטאָט פֿון זײַנע חלומות, דער שטאָט פֿון משה מענדעלסאָן, ווו מען קען זײַן אַ גאַנצער מענטש אין גאַס און אַ גאַנצער ייִד אין שטוב... דאָס איז דער וועג, אויף וועלכן ער האָט געוואָלט פֿירן און מגדל זײַן די יונגע משפּחה זײַנע, זײַנע קינדער, וואָס האָבן געדאַרפֿט שוין געבוירן ווערן אין בערלין. געהאַט האָט ער נאָר צוויי קינדער, אַ ייִנגל משה, ווועמען ער האָט געגעבן צוויי כּשרע נעמען, איינעם פֿאַר דער שטוב — משה — און איינעם פֿאַר דער גאַס: געאָרג. דוד קאַרנאָווסקי גלייבט אין דעם מענדעלסאָנישן דואַליזם, אַזוי ווי מען גלייבט אין גאָט, ער גלייבט אַפֿילו, אַז אים וועט געלינגען זיך אַרויסצודרייען פֿון דעם, וואָס זײַן נבֿיא משה מענדעלסאָן האָט זיך נישט אַרויסגעדרייט — דער שמד פֿון זײַן קינדער און קינדס קינדער. אַ טאָכטער — רעבעקאַ — איז אים געבוירן געוואָרן ערשט אַ פּופֿצן יאָר נאָכן זון.

דוד קאַרנאָווסקי איז אַ האַרבער און אַ גערעכטער און אַן עקשן, וואָס קוקט דעם לעבן גלײַך אין די אויגן אַרײַן — אַ סוחר אין גאַס, אָבער אַ פֿילאָסאָף אין דער היים. אויך אין דעם זינען אַ דואַליסט. ייִדן דאַרפֿן זײַן אַזוי — גלייבט ער. טיפֿער, ברייטער נעמט ער דעם ענין נישט אַרום. זינגער וויל מיט אַ כּוונה געבן אַ דורכשניטלעכן מענטש, ער וויל בכלל געבן נאָר דורכשניטלעכע טיפּן אין זײַן בוך, ער וויל נישט בויען קיין העלדן. ער וויל געבן די גאַס, די שטוב פֿון כאַראַקטעריסטישע טיפּן און נישט פֿון העלדן. קיין שום געקינצלטקייט. דאָס איז בײַ זינגערן זייער אָפּט די כּוונה, אין דעם ראָמאַן אַוודאי.

דודס ווײַב איז אַ סענטימענטאַל פֿאָלקס־קינד און אַזאַ בלײַבט זי איר גאַנץ לעבן. זי האָט ליב איר מאַן מיט לײַב און לעבן ווײַל אַ קאַרנאַווסקי מוז מען ליב האָבן, נאָר פֿאַרשטיין פֿאַרשטייט זי אים נישט.

געאָרג וואַקסט אַ שיינער, אַ געזונטער און דער עיקר אַ נאַטירלעכער, ער איז אַלע מאָל פֿול מיט פֿרייד, ער מאַכט דורך די יוגנט־בלאַנדזשענישן און וואַקלענישן, און אַפֿילו די יוגנט־קאָמפּליקאַציעס פֿון אַ שוואַרץ־אויגיקן ייִדישן יונג אין אַ גאַס פֿון לויטער גויִים אין בערלין — גאַנץ גלאַטיק. ער שלאָגט זיך דורך מיט זײַן געזונטן אינסטינקט. פֿעיִק איז ער — אַ קאַרנאַווסקי־קאָפּ, נאָר לערנען ווילט זיך נישט צו שטאַרק. אַלץ איז נאַטירלעך. דער פֿאָטער וויל אַפֿילו, אַז ער זאָל זײַן אַ ייִד אין שטוב און אַ מענטש אין גאַס, דאָס צווייטע פֿאָלגט ער — דאָס ערשטע פֿאַרשטייט ער נישט. אייגנטלעך פֿאָלגט ער גאָרנישט, דאָס צווייטע מאַכט זיך — אַ מענטש־דײַטש אין גאַס — אַליין פֿון זיך. ער איז עס אין שטוב אויך.

ער ענדיקט מיט מזל גימנאַזיע, דער פֿאָטער וויל אים מאַכן וואָס מער זעלבשטענדיק, ער באַשטימט אים פֿאַר אַ פֿאַרוואַלטער פֿון איינעם פֿון זײַנע הײַזער אין אָרעמען קוואַרטל פֿון בערלין, דאָרט וווינט דר. פֿריץ לאַנדוי מיט זײַן טאָכטער עלזאַ, אַן אידעאַליסטישער וועגעטאַריער, וואָס היילט דאָס אָרעמע קוואַרטל כּמעט אומזיסט זײַן לעבן לאַנג. אַ מענטשן־פֿרײַנד. געאָרג פֿאַרליבט זיך אין עלזאַן און הייבט אָן צוליב איר צו שטודירן מעדיצין, ווײַל אויך זי איז אַ מעדיצינערין. אָבער עלזאַ איז פֿאַרליבט אין געזעלשאַפֿטלעכער טעטיקייט. אַז דער ערשטער וועלט־קריג ברעכט אויס איז געאָרג שוין אַ דאָקטער. אָבער נאָר אין קורצן אינהאַלט ווערט עס אַזוי גיך... ביז געאָרג איז געוואָרן אַ דאָקטער האָט אונדז זינגער דערווײַל געגעבן דאָס גאַנצע ייִדישע בערלין, די דרײַערלײַ יודנ־טימער דאָרטן. די יאַהודים מיט זייער ראַבינער שפּײַער, וואָס דאַרף זײַן אַ יורש פֿון משה מענדעלסאָן, אין דער אמתן אָבער איז ער זײַן קאַריקאַטור. די אויפֿ־ריכטיקע נאָכפֿאָלגער פֿון מענדעלסאָנס תּורה, די קאַרנאַווסקי־טיפּ־ייִדן און דעם גאַנצן ייִדישן ערבֿ רבֿ, וואָס איז זיך צוזאַמענגעלאָפֿן אין בערלין פֿון אַלע עקן פֿון ייִדישן מזרח־אייראָפּע און האָט זיך דאָ אײַנגעגנעסטיקט אין דער באַרימטער דראַגאָנער־שטראָסע און זיך צעשפּרייט מיט די געשעפֿטן, לרובֿ ערלעכע פֿאָלקס־מאָסן־געשעפֿטן, איבער גאַנץ בערלין, און דאָס בערלינער פֿאָלק האָט עס גערן געהאַט. די הויפּט־גרעגנדע פֿירט דאָ סאָלאָמאָן בוראַק, לאה קאַרנאַווסקיס, דודס ווײַבס, לאַנדסמאַן, אַ מעלניצער. אָט אַ דעם בוראַק האָט זינגער ליב ס׳לעבן. אַ פּראָסטער בשׂר ודם איז ער און אַ שטאָלצער ייִד. ״אַ רענדל אַראָפּ, אַ רענדל אַרויף, לעבן אונד לעבן לאַסטען״ איז זײַן לעבנס דעוויז. האָט סאָלאָמאָן בוראַק אַ טאָכטער, רוט, שדכנט זי זיך צו געאָרגן און איז פֿאַרליבט אין אים ביז איבער די אויערן און סאָלאָמאָן וויל דעם שידוך צוליב צוויי טעמים, ערשטנס דער ייִחוס, אַ קאַרנאַווסקי, און צווייטנס, ער וויל העלפֿן זײַן געליבטער טאָכטער. אָבער זײַנע

באַמיִונגען העלפֿן נישט. געאָרג איז פֿאַרליבט אין עלזאַ לאַנדוי. דער קריג ברעכט אויס, געאָרג גייט אַוועק אַלס יונגער דאָקטער און אין הפֿקרדיקן איבערמוט פֿון זייער יוגנט פֿאַרברענגען זיי אַ נאַכט צוזאַמען — געאָרג און עלזאַ. אָבער עס איז נישט מער ווי הפֿקרדיקער איבערמוט געווען. אויך נאָך דער מלחמה וויל עלזאַ פֿון קיין פֿאַרבינדונג אויף שטענדיק נישט וויסן. זי ווערט אַ סאָציאַליסטישע פֿירערין, אַ דעפּוטאַטין אַפֿילו.

געאָרג נעמט זיך איצט ערנסט צו זײַן דאָקטער־פֿאַך. דאָס גליק שפּילט אים צו. ער איז נישט קיין קאַריעריסט, אָבער ער מאַכט אַ גרויסע קאַריערע, ווערט סוף כּל סוף ערשטער דאָקטער אין אַ גרויסע געבורט־קליניק. און — אַ הונדערט־פּראָצענטיקע אַריערין, טערעזע האַלבעק, די בלאָנד־בלויקייט און גערמאַנישע הכנעהדיקייט אַליין — פֿאַרליבט זיך אין אים און ער אויך אין איר. זיי האָבן חתונה קעגן דעם אויסגעשפּראָכענעם ווילן פֿון דוד קאַרנאָווסקי, און נישט קעגן אַזאַ אויסגעשפּראָכענעם ווילן פֿון טערעזאַס מוטער, דער אַלמנה. אַלץ גייט מיט דער פּוטער אַרויף, געאָרג האָט שוין אַ גרויסן נאָמען אין בערלין, איז שוין אַ יוצא ונכנס אין דער העכסטער געזעלשאַפֿט פֿון שטאָט, ער מאַכט פֿון צײַט צו צײַט אַ זײַטן־שפּרונג, אָבער ער איז געטרײַ זײַן געטרײַעם ווײַב. אַלץ — נאַטירלעך און טיפּיש. געאָרג איז אַ געזונטער דורכשניט־מענטש און נישט קיין העלד. אָבער מיט דער פּוטער אַראָפּ גייט עס מיטן קינד בײַ די קאַרנאָווסקי־האַלבעקס. געאָרג־יאָאַכים — פֿאַרצויגן "יעגאָר" — איז אַן אויסגעשפּראָכענער מישלינג, סײַ לויט דער נשמה און סײַ לויטן גוף. שוואַרצע האָר, בלויע אויגן, די הויט ברוינלעך, אָבער דאָס גאַנצע געשטעל אויסגעצויגן, שוואַכביינערדיק, האַלבעקיש און די נשמה אינגאַנצן מיט די האַלבעקס. דערצו איז נאָך דאָ אַן אָנקל הוגאָ, אַ געוועזענער אָפֿיציר, אַ קומענדיקער טיפּיטשנער נאַצי. נאָר יעגאָרן ציט עס צו אים מיט זײַן פּוסטער העלדישקייט. געאָרג, זײַן טאַטע, האָט שוין זייער ווייניק, אייגנטליך גאָרנישט, זיך אָפּגעגעבן מיט זײַן ייִדישקייט, מענדעלסאָנס תּורה איז ערגעץ־ווו אין לופֿט פֿאַרוואַנדלט געוואָרן, און יעגאָר דערציט זיך אין דעם זינען אַליין, און עס ציט אים צו זײַן אָנקל... און עס קומט, וואָס עס איז געקומען אין יאָר 1933, און יעגאָרס גרויסע טראַגעדיע. ער איז צעריסן, צעריסן. און אין שולע איז ער פּלוצלונג געוואָרן אַן עקספּערימענטיר־קרוליקל פֿאַר די נײַע סאַדיסטן מיט זייער ראַסן־לערע. איין מאָל עקספּאָנירט מען אים פֿאַר דער קלאַס אַלס מוסטער פֿון דער ייִדישער ראַסע־נידעריקייט און דאָס ייִנגל ווערט קראַנק. די שטוב ווייסט וואָס אים האָט פּאַסירט, כאָטש דאָס עקשנדיקע ייִנגל זאָגט עס נישט אויס.

איינע פֿון די פּאַטעטישסטע און רירנדיקסטע סצענעס ווערט באַשריבן אויף דעם אָרט אין זינגערס ראָמאַן — עס ווערט באַשריבן די שטוב בײַם דאָקטער קאַרנאָווסקי בשעת זײַן ייִנגל איז קראַנק. די מחתּנים באַגעגענען זיך און בעטן — יעדער צו זײַן גאָט — פֿאַרן לעבן פֿון קינד. די סצענע האָט אַזוי פֿיל פּאַטעטישע

פּשטות, דער גרעסטער, כאָטש רויִקסטער פּראָטעסט פֿון פּשוטע, ערלעכע מענטשן פֿון אַלע ראַסן און פֿעלקער קעגן דעם ראַסן־שגעון.

יעגאָר ווערט געגעזן, אָבער ווײַטער בלײַבן אין בערלין האָט קיין זין נישט. מיט דער הילף פֿון לאה קאַרנאָווסקיס אַ ברודער אין ניו־יאָרק וואַנדערן אַלע קאַרנאָווסקיס אויס קיין אַמעריקע. דאָ איז זיך שוין האַלב יִדיש בערלין צוזאַמענגעפֿאָרן. אַז סאָלאָמאָן בוראַק איז שוין דאָ פֿון לאַנג און אַז עס גייט אים דאָ שוין ווידער גוט איז נאָר זעלבסטפֿאַרשטענדלעך. בילדעריש, הומאָרפֿול און רעאַליסטיש ווערט דאָ געמאָלן דאָס אײַנשטעלן זיך פֿון די "יעקעס" אין ניו יאָרק. און אויך די קאַרנאָווסקיס אָרדענען זיך לאַנגזאַם און שווער אײַן. צום בעסטן גייט עס לאהן — זי שווימט באַלד אַרײַן, ווי אַ פֿיש פֿון דער טרוקעניש אין וואַסער אַרײַן, אין דעם ברויזנדיקן טײַך פֿון יִדישן ניו־יאָרק. דוד קאַרנאָווסקי ווערט ערשטער שמש אין אַ שול; מיט עכטן קאַרנאָווסקי־שטאָלץ נעמט ער אויף זײַן געפֿאַלנקייט — אָבי זעלבסטשטענדיק, אָבי נישט אָנצוקומען צו קיינעם נאָך הילף. אָבער דאָקטער קאַרנאָווסקין גייט עס נישט אַזוי גוט. בײַם נאָסטריפֿיקירן זײַן טיטל פֿאַלט ער דורך בײַם עקזאַמען, ווערט אַ פּעדלער אויף אַ צײַט. צום ערגסטן גייט עס יעגאָר קאַרנאָווסקין, דעם קינד מיט דער צעריסענער נשמה. עס ציט אים צו די דײַטשן, ער האָט פֿײַנט אַלץ, וואָס דערמאָנט זײַן פֿאָטער און האָט ליב אַלץ, וואָס דערמאָנט זײַן מוטער. ער וויל נישט און קען זיך נישט אַרײַנפּאַסן אין דער נײַער — און פֿאַר אים פֿאַרהאַסטער יִדישער — וועלט. ער קריגט קאָנטאַקט מיט די ניו־יאָרקער נאַצי־גרופּן (פֿון אַרום 1936־1938) און פֿאַלט טיף און טיפֿער, ווערט סוף כּל סוף אַ שפּיאָן פֿון דער נאַצי־אַמבאַסאַדע. ער פֿאַלט, אָבער ער איז ערלעך און אויפֿריכטיק און אין אים טליעט טיף און הייס דאָס... פּינטעלע קאַרנאָווסקי. ער איז אַ טראַגישע פֿיגור, אין דער אמת דער הויפּט־העלד פֿון ראָמאַן, און זינגער שלידערט אים מיט אַ סך, אַ סך מיטלײַד. נאָך אַלעמען איז ער דאָך דער אומשולדיקסטער פֿון אַלעמען אַרום. זײַן אויסשפּיר־דינסט איז שלעכט, ער טויג נישט דערצו, און דר. זיגפֿריד צערבע, אַ מין געבעלס, וואָס איז דער פּראָפּאַגאַנדע־שעף אין ניו־יאָרק אין דער אַמבאַסאַדע, וואַרפֿט אים דאָס שטאַרק אויף, באַזײַטיקט אים. יעגאָר שפּילט נאָך אַלץ דעם דײַטש אין דער דעמאָראַליזירטער יוגנט־חבֿרה פֿון "יונג־דײַטשלאַנד", זיי נוצן אים אויס ביזן לעצט און, נאָך אַ הפֿקרדיקער רײַזע מיט אָט דער חבֿרה, שלעפּט ער זיך — אַן אָוועקגעוואָרפֿענער פֿון אַלעמען קיין ניו יאָרק צוריק. אין אַ וויסטן רעגן־אָוונט קומט ער אָן, זוכט אויף זײַן פֿאַרפֿירער צערבע אין יענעמס היים. פֿון אויפֿנעמען צוריק אין דינסט איז קיין רייד נישט מער, אויך נישט פֿון שיקן קיין דײַטשלאַנד אַלס ערן־אַריער, און די שפּין מאַכט נאָך איר קרבן אַ האָמאָסעקסועלן פֿאָרשלאַג. יעגאָר קאַרנאָווסקי הרגעט די שפּין, נעמט אַרויס פֿון שופֿלאָד אַ רעוואָלווער, ענדלעך גייט ער צוריק אַהיים צו טאַטע און מאַמע און דערשיסט זיך אויף דער שוועל. ער לעבט נאָך און דער פֿאָטער, דער

געניטער כירורג גרייט זיך צו מאַכן אַן אָפּעראַציע, ראַטעווען זײַן זון מיט דעם דורכגעשאָסענעם האַרץ... אָט דאָס גרייטן און אַ גרינלעכער פּאַס ליכט פֿון פֿריען פֿרימאָרגן פֿאַרענדיקן דעם ראָמאַן. יעגאַר האָט זיך איבערגעבעטן, געקושט אַפֿילו זײַן פֿאָטערס האַנט...

*

זינגער איז אַ נאַראַטאָר, ער שרײַבט געדיכט, הויפּט פֿאַקטן אויף פֿאַקטן. און דאָס וואָס איך האָב דאָ אויבן געגעבן איז אַפֿילו נישט אַ סקעלעט פֿון אַ סקעלעט פֿון דער דערציילונג.

נײַ איז אין זינגערס נײַעם ראָמאַן די פּסיכאָאַנאַליזע. שוין אין די פֿריערדיקע ראָמאַנען האָט זינגער — דער עיקר אין "די ברידער אַשכנזי" — געהאַט פּסיכאָלאָגישע גריבלענישן אין די נשמות פֿון זײַנע העלדן, אין דעם איצטיקן ראָמאַן דערשײַנט אָט דער נײַער געביט פֿון זײַן קונסט אין אַ פֿולער רײַפֿקייט.. יעגאַר קאַרנאָווסקי, דער קאָמפּליצירטער יינגל, ווערט דורכגעפֿירט מיט אַזוי פֿיל האַרץ־שפּאַלטנדיקער גלייבלעכקייט, קיין פֿאַלשער שטריך, קיין פֿאַלשער טאָן, און כאָטש מיר האָבן דאָך אַ ביסל פֿײַנט אַזאַ יידישן נאַצי — קריגן מיר אים אָבער ליב פֿאַר זײַן טיפֿער טראַגיק. אַפֿילו אין זײַן טיפּסטער געפֿאַלנקייט גלייבן מיר, אַז ער וועט זיך נאָך אויפֿהייבן, ווײַל נאָר אַ פֿאַטום צווינגט אים צו זײַנע געמיינקייטן, אין דער טיף פֿון זײַן וועזן איז ער רײַן און אמתדיק און ערלעך. און ער שטאַרבט אַ ריינער, ער האָט גענומען נקמה און באַקומען שטראָף, אַלץ מיט די אייגענע הענט. קען זײַן, אַז ער גייט אַפֿילו אין אַ נײַעם לעבן אַרײַן, אַ געלײַטערטער — ווײַל זינגער דערציילט נישט מער דעם אויסגאַנג פֿון דער האַרץ־אָפּעראַציע...

וואָלט מיר דער פּלאַץ דערלויבט וואָלט איך גערן אויסגערעכנט די בילדער־רישסטע פֿון די 45 קאַפּיטלען פֿון דעם דרײַטייליקן בוך. ווי אַ בילדער־פּאַנאָראַמע שטייען זיי מיר פֿאַר די אויגן. אַזוי די דראַמאַטישע סצענעס, אַזוי די שילדערונגען, אַזוי די פֿאַרשוינען. אָט זע איך ווי עס פּאַקן זיך די יידן צום נײַעם גלות אין בערלין, אָט איז די פּראַכטפֿולע סצענע פֿון דעם אָנקומען פֿון די קאַרנאָווסקיס קיין ניו־יאָרק. דער ניו־יאָרקער פֿעטער פֿירט מיט זײַן מאַשין די משפּחה צו זיך אַהיים און דערבײַ גיט זינגער בוכשטעבלעך אַ קווערשניט פֿון גאַנץ ניו־יאָרק. און אָט פֿאָרט יעגאַר מיט זײַן חבֿרה יונג־דײַטשן איבער דער פּראָווינץ אין אַן אויטאָ און אָט איז ווידער אַ מין קווערשניט איבער אַ שטיק אַמעריקע. זינגער האָט בכלל אַ נייגונג צו אָט די קווערשניטן, צו אָט דעם צימצום פֿון צימצום. אַקציע איז דער עיקר, אַקציע, האַנדלונג, באַוועגונג און נישט סתּם אַקציע, נאָר גאַנג מיט אַ ציל פֿאַרן אויג. זינגערס ראָמאַנען דערגייען צום ציל.

*

אין זינגערס שרײַבן פֿילט זיך אַ זיכערע האַנט פֿון אַ מײַסטער. טאַקע דערפֿאַר זענען נאָך מער באַרעכטיקט אַ פּאָר טענות צו אים פֿאַר נישט געגוג מײַסטערן זײַן שפּראַך. בשעת דער ראָמאַן האָט זיך געדרוקט אין אַ צײַטונג האָט געקענט זײַן אַן אויסרייד — אײַלעניש. אָבער איצט איז דאָך דער ראָמאַן דערשינען אין בוכפֿאָרם. איך וועל ציטירן בלויז אַ פּאָר אַזעלכע נאַכלעסיקייטן. אויף זײַט 64 רעדט זיך עס וועגן ״אויסגעצירטע הויפּט-ווערטער״ — דאַרף זײַן: איניציאַלן. אויף זײַט 81 ״לאַסטענדיקע ליבע, וואָס נעסטעט אין איר האַרץ״. נאָך זינגערס ״פּערל״ און ״אַלטשטאָט״ באַנוצט מען זיך שוין מער נישט אין ייִדיש מיט אַזאַ לשון... זײַט 95 ״געאַרג האָט ווידער געוואָלט עפּעס אָנווענדן״. איז עס דײַטש? ניין. ייִדיש אויך נישט... זײַט 99 ״דאָס וועט אײַך מאַכן גוט״. איז עס ענגליש? ניין. ייִדיש אויך נישט. זײַט 108 ״פּאַנגט זי ביים אָרעם״. ייִדיש? זײַט 110 ״פֿאַרקעלטערונג״. דאָס איז זיכער נישט ייִדיש. והא ראיה: אויף זײַט 138 הייסט עס גאַנץ פּשוט ״פֿאַרקילונג״. א.א.וו.

לויט מײַן מיינונג איז דאָס בוך איבערגעלאָדן מיט דײַטשע זאַצן. עטלעכע אַזעלכע זאַצן צוליב קלאַנג-קאָלאָריט זענען דערלאָזבאַר. אָבער אין זינגערס ראָמאַן זענען זיי צו פֿיל. און נישט אַלע מאָל ריכטיק. למשל אויף זײַט 119 ווו הער טאָביאַס לערנט מיט דעם יונגען געאָרג דעם נבֿיא יחזקאל... אַגבֿ, אַ פּראַכטפֿולע, רעאַליסטישע און הומאָרפֿולע סצענע.

און אַ באַמערקונג אויפֿן אַדרעס פֿון פֿאַרלאַג ״מתּנות״. זינגערס גרויסער ראָמאַן, איינער פֿון די גרעסטע אין אַלע באַציונגען, וואָס די ייִדישע ליטעראַטור האָט אין די לעצטע יאָרן פּראָדוצירט, איז זיכער אַ שיינע מתּנה דער ייִדישער קולטור-וועלט, אָבער צו וואָס די צענדליקער, צענדליקער קליינע צוגאָב-מתּנהלעך די דרוקגרײַזן?...

נאָך אַ וואָרט וועגן זינגערס סטיל. זינגערס סטיל איז פּשטות און זאַכלעכ-קייט. קיין שפּור פֿון יוירונגען און געשוואָלנקייטן. דאָס איז כּוונה בײַ אים. אָפֿט מאָל אָבער איז די פּשטות שוין צו פּשוט. אומצאָליקע מאָל באַנוצט זיך זינגער מיט דער ווענדונג: בײַ קיין פֿאַל נישט געוואָלט, בײַ קיין פֿאַל נישט פֿאַרשטאַנען. אָפֿט קומט אָט די ווענדונג עטלעכע מאָל פֿאַר אויף איין זײַט. אַזאַ פּשטות איז באמת בײַ קיין פֿאַל נישט דערלאָזבאַר...

*

זינגער האָט אין זײַן נײַעם ראָמאַן נישט געגעבן קיין היסטאָרישע פֿיגורן אפֿילו דאָרט ווו זיי האָבן זיך ממש געבעטן. עטלעכע היסטאָרישע פֿיגורן אין ייִדישן בערלין פֿון סוף 19טן יאָרהונדערט, ווען דער ראָמאַן הייבט זיך אָן, וואָלט זיכער געשטײַגערט זײַן וואָג. אָבער זינגער גיט בכלל נישט קיין היסטאָרישע פֿיגורן, אויך

דער פֿאַרשאַלטענער נאָמען היטלער ווערט קיין איין מאָל נישט דערמאָנט. דאָס האָט גראָד געפֿאָדערט גרויסע אָנשטרענגונג און זינגער האָט עס דורכגעפֿירט.

שטאָט צו געבן היסטאָרישע ייִדישע פֿיגורן אין בערלין גיט זינגער אַ פֿיגור פֿון אַן אור־אַלטן משׂכּיל און חכם רב אפֿרים וואַלדער — אַ מין אייביקע גײַסטיקע, סימבאָלישע ייִדישע געשטאַלט. צום סוף איז אָט דער וואַלדער אַ בן מאה.

עטלעכע היסטאָרישע פֿיגורן ווערן יאָ געגעבן, אָבער אונטער פֿאַרשטעלטע נעמען.

*

לעזנדיק דעם גרויס־פֿאָרמאַטיקן אויך ... מיט גרויסער מײַסטערשאַפֿט דורכגעפֿירטן ראָמאַן האָב איך מיך נישט איין מאָל געפֿרעגט: האָט דער ראָמאַן אַן אידעע? אַ ייִדישע קאָנסטרוקטיווע אידעע? דרײַ דורות ייִדן גייען דאָ דורך פֿאַר אונדזערע אויגן. וואָס איז דער אויספֿיר? וווּהין פֿירן זיי אונדז?

דוד קאַרנאָווסקי מיט זײַן ייִד־און־שטוב — מענטש־אין־גאַס איז דורכגעפֿאַלן. געאָרג קאַרנאָווסקי מיט זײַן געדאַנקענלאָזן — כאָטש שטאָלצן ייִדן־זײַן — איז דאָך, נאָך אַלע זאַכן, נישט מער ווי אַ סימפּאַטישער מענטש פֿון אַ גאַנץ יאָר, קיין שום וועג־ווײַזערישע ייִדישע געדאַנקען זענען אין אים און אַרום אים נישטאָ, און יעגאָר קאַרנאָווסקי דאָס טראַגישע, צעריסענע ייִנגל — זאָגט אונדז דאָך אַוודאי אין ייִדישן זינען גאָרנישט.

און אפֿשר זאָגט אונדז אַלץ צוזאַמען, אַז: לא זו הדרך...

נישט דאָס איז דער ייִדישער וועג — כאָטש אַלע די דרײַ הויפּטגעשטאַלטן פֿון זינגערס ראָמאַן ווערן אונדז אַזוי טײַער — צום טײַערסטן דאָס טראַגישע קינד, וואָס פּלאָנטערט זיך דאָרט אַרום. יאָ, נישט דאָס איז דער ייִדישער וועג רעדט דער ראָמאַן מיט יעדן בלעטל זײַנעם.

אָבער וועלכער וועג איז עס יאָ?

אויב די אויפֿגאַבע פֿון אַ שרײַבער איז צו געבן שטיקער לעבן איז זינגערס „משפּחה קאַרנאָווסקי" אָט אַזאַ ברייט שטיק לעבן אַרויסגעריסן פֿון די לעצטע יאָרצענדליקער פֿון אונדזער שווערסטן געשיכטלעכן פּרשת דרכים — און פֿאַראייביקט. בפֿירוש פֿאַראייביקט. ווײַל צו זינגערס ראָמאַן וועלן זיך זיכער דורות לאַנג אומקערן אַלע יענע, וואָס וועלן אָט די צײַט וועלן זען און קענען און דורך זען און קענען — פֿאַרשטיין.

אָבער אויב די אויפֿגאַבע פֿון אַ שרײַבער — פֿון אַזאַ קראַפֿטפֿולן שרײַבער פֿון דעם מין י. י. זינגער — איז צו ווײַזן ערגעץ־ווּ אויף אָט דעם פּרשת דרכים...

בלײַבן, נאָך אָט דעם מיט אַ זיכערער האַנט דורכגעפֿירטן ראָמאַן — פֿיר הענט, וואָס ווײַזן אין אַלע פֿיר זײַטן...

און אפֿשר ווייסט עס דער רעאַליסט, אַז אַזוי איז דאָס לעבן, עס ווײַזט אין אַלע פֿיר זײַטן, ערגעץ ווו וועט עס גיין. ווײַל לעבן מוז לעבן...

די לעצטע ווערטער פֿון ראָמאַן: "דורך דעם שווערן נעפּל האָבן זיך די ערשטע שטראַלן פֿון באַגינען דורכגעריסן און באַלויכטן די פֿענצטער מיט אַ גרינעם, אויפֿגייענדיקן ליכט"...

געזעגענונג מיט י. י. זינגער

(געבוירן דעם 30טן נאָוועמבער 1893 —
אויף אייביק אַוועק דעם 10טן פֿעברואַר 1944)

אַלע אומגליקן אין אָט דער שרעקלעכער, אומגליקלעכער צײַט האָבן מיר געקענט אײַנפֿאַלן אין מײַן שוואַרצער פֿאַנטאַזיע, נאָר נישט דאָס אומגליק פֿון י. י. זינגערס פּלוצלונגען טויט. טויט דאַרף דאָך אויך אַ לאָגיק האָבן — און ער האָט אַ לאָגיק, נאָר זינגערס טויט האָט קיין שום לאָגיק נישט. נישט ער איז קראַנק, נישט ער איז אַלט געווען, נישט אויסגעשריבן נאָך אַלס קינסטלער, אַלץ האָט אָנגעדייט, אַז אין אָט דעם לעבן וועט זײַן אַ האַרבסט, אַ פֿולער, זאַטער האַרבסט, גוט פֿאַרן באַלעבאָס אַליין און גוט פֿאַר די, וואָס דאַרפֿן געניסן פֿון דער זעט פֿון זײַן שניט, פֿון דער פֿולקייט פֿון זײַנע קינסטלערישע שײַערן — און אפֿשר וועט אַפֿילו אָט דאָס לעבן אַרײַנלעבן אַ שטיק אין ווײַטן ווינטער אַרײַן — ביז אַכציק, ביז הונדערט.

נישט נאָר אַלס פּינקטלעכער לעזער פֿון אַלץ, וואָס זינגער האָט אַלס קינסטלער געשריבן, ווײַל ער פֿלעגט אויך אונטער אַלערליי נעמען שרײַבן זשורנאַליסטישן לעז־שטאָף, נישט נאָר אַלס לאַנג־יאָריקער קאָלעגע זײַנער, נאָר אויך אַלס אינטימער פֿרײַנט פֿון איבער צוויי צענדליק יאָר האָב איך אויפֿגענומען די ידיעה פֿון זײַן פּלוצלונגען טויט. און אַזוי דרײַפֿאַך האָט זי מיך דערשלאָגן. שוין עטלעכע טעג זינט די איובֿ־ידיעה האָט געטראָפֿן און נאָך אַלץ זשומעט זי אַרום מײַן ווען אַרום ווי אַ פֿליג אַרום אַ פֿאַרמאַכט פֿענצטער. איך קען די ידיעה בשום אופֿן נישט אַסימילירן מיט דער ווירקלעכקייט. די ידיעה בלײַבט אויסער מיר. אַרײַן אין מיר, דורכגעדרונגען מײַן נשמה האָט נאָר די טראַגיק פֿון דעם געשעעניש, אָבער מיט דעם לאָגישן גאַנג פֿון מײַנע ווײַטערדיקע טעג איז דאָס אַלץ נאָך נישט פֿאַרבונדן. אפֿשר וועל איך מיך צוגעווינען צום געדאַנק, אַז זינגער איז טויט, אפֿשר וועט די געוווינהייט די צוויי ווערטער פֿאַרבינדן : זינגער — טויט.

*

איך האָב אים גוט געקענט. און איך וויל אָפֿן זאָגן — און זאָגן עס שיעור נישט בײַם אָפֿענעם קבֿר — אַז מײַן פֿרײַנדשאַפֿט צו אים איז געווען אַ סך, אַ סך

גרעסער ווי זײַנע צו מיר. און מײַן אַכטונג פֿאַר זײַן טאַלענט, זײַן גרויסער קונסט גאַר, גאַר אַ סך גרעסער ווי זײַן ביסל אָנערקענונג, וואָס ער האָט אפֿשר געהאַט פֿאַר מיר און עס נאָך ווײניקער אַרויסגעוויזן.

און דווקא אָט די האַרבקייט זײַנע צו מיר האָט מיך נאָך שטאַרקער צוגעצויגן. ער האָט פֿײַנט געהאַט צו הערן קאָמפּלימענטן. עפּעס אַ שעמעוודיקייט איז אין אים געווען. ער פֿלעגט ממש דעם קאָפּ אָוועקבייגן, אַז מען האָט אים גערעדט גוטס וועגן זײַנע ווערק אין די אויגן. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז מען חנפֿעט אים. און חניפֿה איז געווען אַ זאַך, וואָס פֿלעגט אים אָנצינדן מיט כּעס ווי דאָס רויטע טוך צינדט אָן מיט כּעס אַ בוהאַי. ברוטאַל? זיכער. אָבער איך האָב נישט קיין מער ברוטאַלן פֿאַרגלײַך. אַזיסט וואָלט איך אים גענוצט. און ווען זינגער וואָלט עס געהערט וואָלט ער צופֿרידן געווען דערפֿון ווײַל אַזוי איז געווען דער אמת און זינגער האָט ליב געהאַט דעם אמת. נאָר פּונקט ווי זינגער האָט פֿײַנט געהאַט צו הערן גוטס וועגן זיך אין די אויגן אַזוי האָט ער פֿײַנט געהאַט צו וויסן, אַז מען רעדט שלעכטס וועגן אים הינטער די אויגן... ער האָט אין גרונט ליב געהאַט די אָנערקענונג. ער איז נישט גלײַכגילטיק געווען דערצו. ווי קען דען אַ קינסטלער זײַן גלײַכגילטיק צו אָנערקענונג. ווי קען דען אַ מוטער זײַן גלײַכגילטיק צו די רייד וועגן איר קינד. סײַדן אויב זי איז קיין מוטער נישט.

*

און טאַקע צוליב דער האַרבקייט זײַנער — אונטער וועלכער סע זענען געווען וואַרעמע שיכטן פֿון געוויסן און פֿון טיפֿער פֿרײַנדשאַפֿט און ליבשאַפֿט אַפֿילו און אַפֿילו פֿון גאַנץ פּשוטן סענטימענט, נאָר מען האָט עס געדאַרפֿט קענען דורכפֿילן דורך דער שיכט פֿון האַרבקייט — האָב איך געהאַט אַ טבֿע אין פֿאַרלויף פֿון די יאָרצענדליקער פֿון אונדזער פֿרײַנדשאַפֿט זיך ווענדן צו אים מיט די סאַמע אינטימסטע רייד מײַנע. ווען נאָר איך האָב אין מײַן לעבן געזוכט אַ מענטשן צום מתוודה זײַן זיך פֿאַר אים, און אין אַזאַ פֿאַל דאַרף מען דאָך אַוודאי געפֿינען אַ לכתחילה צאַרטמאַניעריקן מענטש — האָב איך דווקא אַלע מאָל מיט מײַן ווידוי געטראָפֿן צו זינגערן... און אַזוי איז עס דאָס לעצטע מאָל געשען דעם פֿאַר־גאַנגענעם סעפּטעמבער. איך בין זינגערן שולדיק געווען אַ בריוו, אַ רוטין־בריוו — וואָס מאַכסטו? וואָס הערט זיך? — און שטאָט דעם האָב איך שעהן לאַנג אים געשריבן אַ ווידוי, און ווי אָפֿט אין לעבן האָב איך אויך דאָס מאָל געפֿילט, אַז עס קען גאָר קיין פֿאַלשערער אַדרעס אויף דעם נישט זײַן, און ווי אָפֿט מאָל האָב איך דווקא דעם בריוו אַוועקגעשיקט. אַז דער בריוו איז שוין געלעגן אין קעסטל, האָט זיך מיר ממש געגלוסט מיט אַ האַק עס אויפֿצוהאַקן און דעם בריוו צוריק אַרויסצונעמען... נאָר אין עטלעכע טעג אַרום איז אָנגעקומען אַ תּשובֿה. אויך אַ ווידוי... דער טײַערסטער בריוו פֿון מײַן געליבטן פֿרײַנט, מײַן געליבטן טויטן

זינגער. און דער בריוו איז פֿול מיט טויט און מיט טרויער און מיט צער און מיט אומענדלעכן סקעפּטיציזם. איך נעם מיר נישט אַ רעכט פֿון אָט דעם טײַערן בריוו צו ציטירן. איך האָב אים אָט ערשט נאָך אַ מאָל איבערגעלעזן און ענדלעך זענען די אויגן, וואָס האָבן געגליט ווי טרוקענע שטיינער אין מײַן צעוויטיקטן שאַרבן זינט די ידיעה איז געקומען, פֿײַכט געוואָרן פֿון אַ דערלייזנדיקן שטראָם טרערן. אַלע גייען מיר דאָך אַהין — וואָס איז פֿאַר אַ חילוק, אַ טאָג, צי אַ יאָר שפּעטער צי פֿריער.

פֿאַר וואָס זינגער, דער דערפֿאָלגרײַכער זינגער, איינער פֿון די דערפֿאָלג־רײַכסטע אין אונדזער ליטעראַטור. איז אַזוי פֿול געוועזן מיט סקעפּטיציזם איז אַ רעטעניש. אין יאָר 1933 האָט זײַן קליינער משפּחה געטראָפֿן אַ שווער אומגליק, איינער פֿון זײַנע צוויי זין, דער דרײַצן און אַ האַלב־יעריקער יאַשאַ איז פּלוצלונג אַוועק פֿון דער וועלט, כּמעט אַזוי פּלוצלונג ווי מיט עלעף יאָר שפּעטער זײַן פֿאָטער. זינגער אין אָבער אויך פֿריער געוועזן אַ סקעפּטיקער. דאָס פּערזענלעכע אומגליק אין מיטן גוטס, גליק, דערפֿאָלג האָט דעם סקעפּטיציזם אויף אייביק אין אים פֿאַרוואָרצלט. איינער פֿון אונדזערע דינאַמישסטע טאַלענטן, אפֿשר דער נאַראַטאָר, דער דערציילער אין אונדזער ליטעראַטור, און צו דעם סאָרט קונסט געהערט אַקטיווקייט און גלויבן, און אין דער זעלבער צײַט דער טיפֿסטער צווייפֿלער. און נישט אַ צווייפֿלער אַ דרויסנדיקער, צוליב פּאָזע, נאָר פֿון דער טיפֿסטער טיף.

*

דאָס האָט געמוזט זײַן אין יאָר 1928 — נישט לאַנג נאָך דעם ווי זינגער האָט אין די "ליטעראַרישע בלעטער" פֿאַרעפֿנטלעכט שיעור נישט אַ מאַניפֿעסט, גאַרנישט אין זײַן סטיל, אַן אַרטיקל אונטערן נאָמען "יידישע שרײַבער פֿון אַלע לענדער — פֿאַראייניקט אײַך", האָט ער עפּעס געהאַט אַ סכסוך ווי דאָס פּאַסירט אָפֿט צווישן שרײַבער און עס האָט זיך אים פּלוצלונג געדאַכט, אַז אויס, ער וועט מער נישט שרײַבן קיין בעלעטריסטיק און נאָר זשורנאַליסטיק צוליב פּרנסה, און בכלל איז דאָס קינסטלערישע שרײַבן אין יידיש אַ מלאכה בזויה. און אין דעם זינען האָט ער פֿאַרעפֿנטלעכט אַ בריוו אין די יידישע צײַטונגען פֿון וואַרשע. ווי דער דיבוק וואָלט אים געטריבן איז ער געלאָפֿן פֿון איין רעדאַקציע אין דער אַנדערער און איך נאָך אים. אַזוי גיך ער איז פֿון אַ רעדאַקציע אַרויס בין איך אַרײַן און מכּלומרשט אין זינגערס נאָמען צוריקגענומען דעם בריוו. אַז זינגער האָט זיך צומאַרגנס געכאַפּט, וואָס איך האָב אים דאָ אָפּגעטאָן האָט ער נאָר איין וואָרט פֿאַר מיר געהאַט: אידיאָט — איין טאָג שפּעטער איז שוין דער בריוו אומעטום דערשינען. אַזוי ערנסט האָט זינגער גענומען זײַן קאַפּריזנעם צווייפֿל און זײַן גײַסטיק זעלבסטמערדערישן ווילן "אָפּצוזאָגן זיך פֿון ווײַטער־שרײַבן". אַ יאָר לאַנג האָט

ער דעמאָלט געלעבט אין אַ מין הפקר־צושטאַנד, אָבער זייער באַלד האָבן מיר אים געגומען פֿאַרדעכטיקן, אַז ער שרײַבט שטילערהייט „בײַ פֿאַרמאַכטע לאָדנס", ווי מען מאַכט בראָנפֿן אין אַ געהיימען ברײַזל. דאָס האָט ער דעמאָלט געשריבן זײַן מײַסטערווערק „יאָשע קאַלב". דאָס איז אפֿשר דאָס איינציקע מאָל וואָס זינגער האָט זײַן וואָרט נישט געהאַלטן. און עס האָט אים טיף ווי געטאָן און — ווי אָפּגערעדט — מיר האָבן קיין מאָל קיינער אַפֿילו נישט קיין פּיפּס געטאָן וועגן זײַן נאַרישקייט. דער איינציקער אין זײַן לעבן. ער האָט געמוזט די נאַרישקייט באַגיין, זי זאָל זײַן די גרויסע אויסנאַמע, וואָס האָט באַשטעטיקט די רעגל פֿון זײַן חכמה. מיר האָבן אים אַלע איינשטימיק געהאַלטן פֿאַר אַ גרויסן חכם.

*

קען זײַן אַז סקעפּטיציזם איז אַ צווילינגשוועסטער פֿון חכמה.

דעמאָלט איז מיר שוין קלאָר און פֿאַרשטענדלעך פֿאַר וואָס אַזוי פֿיל אומ־ענדלעכער סקעפּטיציזם אין כמעט אַלע זינגערס ווערק.

דווקא אין די קלענערע דערציילונגען האָט זיך פֿון צײַט דורכגעריסן אַ שטראַל פֿון האָפֿערדיקייט. אַ מאָל אויך אין אַן אַרטיקל אויף אַ ליטעראַרישער טעמע. דער האָפֿערדיקסטער אַרטיקל זײַנער איז געווען דער אַרטיקל מיט דעם — פֿאַר זינגערס נישט פּאַטעטישן אופֿן פֿון שרײַבן — מערקווירדיקן נאָמען „ייִדישע שרײַבער פֿון אַלע לענדער פֿאַראייניקט אײַך". דער אַרטיקל איז דערשינען אין די ליטעראַרישע בלעטער אין יאָר 1927. עס איז געווען אַ וואָרט פֿול מיט גלויבן נישט נאָר אין דער ייִדישער ליטעראַטור, נאָר אויך אין אירע שאַפֿער. און אין מענטשן האָט זינגער געגלייבט נאָר אין אַזעלכע, וואָס שטייען אין שאָטן, וואָס זענען אייביק אײַנגעשפּאַנט און נישט אין די, וואָס זיצן אויף די קעלניעס מיט די בײַטשן אין די הענט און טרײַבן... און שרײַבער זענען דאָך פֿון דעם סאָרט מענטשן, וואָס זיצן אָדער ווילן זיצן אויף קעלניעס... איז אונדז טאַקע שטאַרק פֿריילעך געוואָרן ווען זינגער האָט דעם דערמאָנטן אַרטיקל אָנגעשריבן. מיר זענען ממש געווען פֿאַרחידושט. ווי קומט צו זינגערן אַזאַ פּאַטאָס, אַזאַ גלויבן?

און כּדי מיר זאָלן זיך צו לאַנג נישט חידושן איז טאַקע אין אַ קורצער צײַט אַרום געקומען דער שוין אויבן דערמאָנטער „בריוו אין רעדאַקציע" — און עס איז אונדז ווידער פֿינצטער געוואָרן אין די אויגן — ביז, ביז עס איז אונדז ווידער ליכטיק געוואָרן פֿון זינגערס מערקווירדיק ווערק „יאָשע קאַלב".

יאָ, דווקא אין די קלענערע דערציילונגען רײַסט זיך אַ מאָל אַרויס אַ שטראַל פֿון ליכט. אויב איך מאַך קיין טעות נישט איז די סאַמע האָפֿערדיקסטע פֿון זינגערס דערציילונגען — די קלענערע, וועגן די ראָמאַנען וועל איך רעדן באַזונדער אַ וואָרט — די קליינע נאָוועלע מיט דעם נאָמען „בײַם שוואַרצן ים", וואָס האָט זיך געדרוקט אין „פֿאָרווערטס" אין פֿרילינג 1942. אין דער דערציילונג איז

פֿאַראַנען אַ טענדענץ — אַ זאַך, וואָס איז זינגערן אַזוי פֿרעמד געווען ווי דער געשווירענער אָפּטימיזם... און די טענדענץ איז אַ טעריטאָריאַליסטיש־ציוניסטישע. און ווי צו באַשטעטיקן די דערציילונג זײַנע האָט זינגער אין זעלבן יאָר אין אָקטאָבער־נומער פֿון דער "צוקונפֿט" אָפּגעדרוקט זײַן שטאַרק באַרימט געוואָרע־נעם אַרטיקל "אַ צוויי־טויזנט יעריקער טעות".

פּראָפּעסיאָנעלע פּאַרטייליַיט האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דעם אַרטיקל, אַזוי ווי זינגער וואָלט שוין געווען די לעצטע פֿעסטונג אײַנצונעמען. זיי האָבן נישט באַמערקט אַ קלייניקייט, אַז דער אַרטיקל האָט געשטעלט די אומעטיקע דיאַגנאָזע, אָבער קיין רפֿואה האָט ער נישט געטראָגן אין זיך. די דערציילונג "בײַם שוואַרצן ים" איז אומפֿאַרגלײַכלעך האָפֿערדיקער געווען ווי איר טעאָרעטישע באַגרינדונג...

אָבער די גרויסע ווערק? די פֿינעף גרויסע ראָמאַנען, וואָס זינגער האָט אונדז איבערגעלאָזן.

לערנער פֿון "שטאָל און אײַזן" בלײַבט ערגעץ איבער אין אַ וואַקום. מיר זענען אַלע זיכער געווען, אַז זינגער וועט דעם העלד זײַנעם ווײַטער פֿירן, אָבער ער האָט אים שוין אויף שטענדיק איבערגעלאָזן אין וואַקום, ער האָט זיך מער צו אים נישט אומגעקערט. כאָטש עס איז קלאָר געווען, אַז דער ראָמאַן איז אַן אויטאָביאָגראַפֿישער. שוין אין קלאַנג פֿון נאָמען אַפֿילו און אין כאַראַקטער פֿון הויפּט־העלד. עס איז מאָדנע — די ראָמאַנען זינגערס זענען פֿול מיט לעבן און מיט לעבן ווי נאָר אַזאַ מײַסטער ווי זינגער, אַזאַ דערציילער, אַזאַ גאָט־געבענטשטער נאַראַטאָר קען איבערגעבן — און נאָר איין מענטש דרייט זיך אין די דאָזיקע ראָמאַנען אַרום ווי ער וואָלט געהאָנגען צווישן הימל און ערד — דער הויפּט־העלד... דאָס מיינט נישט צו זאָגן, אַז דער הויפּט־העלד איז שוואַך געשילדערט, אָדער נישט קיין גאַנצער מענטש. ער איז שוין גאָר אַ גאַנצער מענטש, אָבער אַלע מאָל אַ סקעפּטיקער אין טיפֿן תּוך. און אויב דער העלד אַליין איז נישט קיין סקעפּטיקער — איז עס זײַן שאַפֿער, וואָס זעט דעם זינלאָזן סוף פֿון זײַן העלד.

און וואָס פֿאַר אַ לעבן־פֿולסירנדיק ווערק איז "יאָשע קאַלב". און וואָס פֿאַר אַ סאַנגווינישע געשטאַלט דער ניעשעוער רבי רב מלך. אָבער ער איז דאָך פֿאָרט נישט דער הויפּט־העלד, דער העלד איז יאָשע קאַלב אַליין און אויך ער בלײַבט הענגען צווישן הימל און ערד בײַם סוף פֿון ראָמאַן. ער גייט פֿון איין גלות אין אַנדערן אַרײַן.

און דאָס גראַנדיאָזעסטע ווערק, וואָס זינגער האָט אונדז איבערגעלאָזן "די ברידער אשכנזי". זינט מער ווי פֿופֿצן־הונדערט יאָר איז דאָס פֿריערדיקע פּויערן און האַנטווערקער־פֿאָלק ייִדן אַ פֿאָלק פֿון סוחרים. אָבער אין דער ליטעראַטור בײַ ייִדן איז קיין געשטאַלט פֿון אַ ייִדישן סוחר אין אַ גרויסן פֿאָרנעם נישט געווען. געווען ייִדישע סוחרימלעך, ייִדישע לופֿט־הענדלערס. געווען געשטאַלטן פֿון

ייִדישע סוחרים בײַ נישט־ייִדן (שײַלאָק) און איך וואָג עס צו זאָגן, אַז זינגערס מאַקס אַשכּנזי איז די גרעסטע, און אין איר גרויסקייט טראַגישע געשטאַלט פֿון אַ ייִדישן סוחר. זינגערן איז באַשערט געווען צו צאָלן אַט דעם חובֿ פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. און האָט זײַן געשטאַלט נישט גלאָריפֿיצירט, ער האָט זי נישט געקענט גלאָריפֿיצירן, ווײַל זינגער האָט אין זײַנע סקעפּטישע ווערק דאָך אַ סאָציאַלע אײַנשטעלונג, אָבער ער האָט זי געגעבן אין איר גאַנצען פֿאַרנעם. מאַקס אַשכּנזי איז איינע פֿון די סאַמע צענטראַלע געשטאַלטן אין דער גאַנצער ייִדישער ליטעראַטור פּונקט ווי זינגער געהערט צו די סאַמע צענטראַלסטע געשטאַלטן צווישן ייִדישע וואָרט־שאַפֿער — מענדעלע, שלום עליכם, פּרץ, אַש, בערגעלסאָן, זינגער.

יאָ, גלאָריפֿיצירט זענען אין די "ברידער אַשכּנזי" די אַרבעטער־געשטאַלטן, אָבער אין זײַן גאַנצער טראַגיק איז אַרויסגעבראַכט מאַקס אַשכּנזי, ער איז דער הויפּט־העלד און ער בלײַבט מיטן ספֿר איובֿ אין האַנט...

און אָט איז געקומען "חבֿר נחמן", די טראַגעדיע פֿון דעם פּאַרטיי־מיטגליד, דעם מענטש מיט אַ פּאַרטייביכל, דעם גלייבנדיקן און אייביק אַפּגענאַרטן. עס איז אמת, אַז אין אָט דעם גראַנדיאָזן ווערק איז דער שטעקן אַ ביסל איבערגעבויגן אויף דער רעכטער זײַט. אין גרונט גענומען בלײַבט אָבער "חבֿר נחמן" די טראַגעדיע פֿון דעם פּאַרטיי־מיטגליד פֿון אַלע פּאַרטייען — רעכטע, לינקע און מיטלסטע. דאָ איז זינגערס סקעפּטיציזם געקומען צום סאַמע שאַרפֿסטן אויסדרוק. אי זײַן סקעפּטיציזם אין די פֿירער, אי זײַן אומענדלעכע ליבע צו די פֿאַרפֿירטע און געפֿירטע... אויב זינגערס אַ העלד בלײַבט הענגען צווישן הימל און ערד און צווישן צוויי וועלטן איז עס חבֿר נחמן דער סאַמע קלאַסישסטער בײַשפּיל. ער בלײַבט בפֿירוש אויף דער גרענעץ צווישן צוויי לענדער, און נעבן אים נאָר אַן אַרויסגעטריבענע שקאַפּע, וואָס האָט אָפּגעדינט... און דאָך וויפֿל לעבן האָט פּולסירט אויך אין דעם סאַמע פֿאַרצווייפֿלטסטען ווערק זינגערס. פּולסירט כּדי אויסצורינען פּלוצלונג אָן אַ זין. אויב איר וואָלט מיך געפֿרעגט ועמען פֿון זײַנע העלדן האָט זינגער צום שטאַרקסטן ליב געהאַט — וואָלט איך אומגעטראַכט געענטפֿערט: חבֿר נחמנען. און דאָס איז כאַראַקטעריסטיש.

און נאָך חבֿר נחמן איז געקומען די משפּחה קאַרנאָווסקי. און אויך דאָ אַזוי פֿיל פּולסירנדיק לעבן. לעבן, לעבן פֿון אָנהייב ביזן סוף. צענדליקער דינאַמישע געשטאַלטן. ייִדן אַלערליי. די גאַנצע פּולסירנדיקע בערלינער וועלט פֿון די דאָרטיקע מזרח־ייִדן און שפּעטער אַ שטיק פֿון געדיכטסטן, לעבעדיקן ייִדישן ניו יאָרק און טאַקע די ערשטע צוויי דורות קאַרנאָווסקי, דער טאַטע דוד און דער זון דאָקטער געאָרג קאַרנאָווסקי. אָבער זיי זענען אַלע פּאַרט נישט די הויפּט־העלדן. דער הויפּט־העלד איז יעגאָר קאַרנאָווסקי, דער מישלינג, דער וואָס פֿון מיטן פֿון דערגרייכטן גליק — נאָך פּײַניקונגען אין בערלין געלינגט אים זיך צו ראַטעווען מיט זײַנע

געמישטע טאַטע־מאַמע קיין ניו־יאָרק און ער וואָלט געקענט און געדאַרפֿט אָנהייבן אַ נײַ לעבן — רײַסט ער זיך צוריק אין אומגליק אַרײַן, וויל צוריק קיין דײַטשלאַנד, ווערן אַ נאַצי. ווי אַ חיה, וואָס מען האָט געראַטעוועט פֿון אַ ברענענ־דיקער שטאַל און זי רײַסט זיך צוריק אין פֿײַער אַרײַן. אמת איז, אַז אין לעצטן מאָמענט לאָזט זינגער זײַן העלד טאָפּלט זיך רייניקן דורך אומברענגען אַ נאַצי און דורך שיסן זיך אַליין. — און כאָטש עס בלײַבט נישט קלאָר צי יעגאָר וועט בלײַבן לעבן נאָך דער האַרץ־אָפּעראַציע — בלײַבט כאָטש אַ דערלײַכטערונג בײַם לעזער. און אויך דאָס ווערק בלײַבט הענגען סקעפּטיש מיט אַ גרויסן פֿראַג־צייכן אויף דעם שׂכל פֿון דעם אַלעמען אין אַלגעמיין מענטשלעכן זינען און מיט זיבן פֿראַג־צייכנס אין יִידישן זינען...

קען זײַן, אַז סקעפּטיציזים איז אַ צווילינגס־שוועסטער פֿון חכמה.

זינגער איז פֿאַרענדיקט און מיר דאַרפֿן אים נעמען אַזוי ווי ער האָט זיך אונדז געגעבן און אַזוי ווי ער איז איינער פֿון די סאַמע אויפֿריכטיקסטע שרײַבער געווען — אויב נישט דער אויפֿריכטיקסטער — דאַרפֿן מיר מיט טיפֿסטן דרך ארץ זיך באַציִען צו זײַן סקעפּטיציזם, וואָס איז אַ צווילינג־שוועסטער פֿון זײַן גרויסער שרײַבערישער חכמה.

אַ טראַגיש דור קען נישט באַשאַפֿן קיין האָפֿערדיקע שרײַבער.

טראַגיק באַפֿרוכפּערט, דערציט, דערהייבט. די גריכישע טראַגעדיעס, שעקספּיר, האָבן אַ מענטשהייט דערהויבן מיט זייער טראַגיק. אַזוי וועלן זינגערן ווערק דערהייבן יִידישע דורות דווקא מיט זייער טראַגיק.

*

טראַגיק מיט קאָמיק גייען צוזאַמען ווי טאָג מיט נאַכט. און זינגער דער טיפֿער טראַגיקער אין די ווערק איז ממש אַ קאָמיקער געווען אין טעגלעכן לעבן. ממש אַ קאָמיקער. באַגעגענען זיך מיט אים האָט געהייסן לאַכן. ער איז אַזוי פֿול געווען מיט אַלערליי לעבנס, אַלערליי געשטאַלטן, אַז ער האָט כּסדר געמוזט שפּילן אַלערליי געשטאַלטן, ממש געמוזט. זיי האָבן אַרויסגעשריגן, געריסן זיך פֿון אים. און דווקא די קאָמישע. און האָט ער אויף אַ רגע נאָר אויפֿגעהערט צו שפּילן, און איז ער אינטים באַפֿרײַנדעט געווען מיט דיר — איז באַלד דער פּעסימיזם און דער סקעפּטיזם אַרויס פֿול מיט ציטאַטן פֿון קהלת און פֿון דער גאַנצער טראַגישער וועלט־פֿילאָסאָפֿיע.

פֿרילינג 1934. איך וואַרט אויף אים אין ניו יאָרקער האַפֿן. ער דאַרף קומען — זיך באַזעצן אויף שטענדיק אין אַמעריקע. מיט ווײַב און געבליבענעם יינגערן זון. די גרויסע שיף איז געקומען מיט צווייטאָגיקער פֿאַרשפּעטיקונג, אַזאַ גרויסן שטורעם האָט זי איבערגעלעבט אויפֿן ים. שיער נישט אונטערגעגאַנגען. אַלץ איז פֿול מיט נײַעם אָנהייב, אויך דער איבערגעלעבטער שטורעם סטימולירט דערצו.

אָבער זינגער פֿילט נישט דאָס גליק און דעם נײַעם אָנהייב. אַ האַלבע שעה שפּעטער האָבן מיר לאַנג, לאַנג גערעדט וועגן אַ קליינעם, ווײַסן שטיין, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין וואַרשע מיט דער אויפֿשריפֿט: יעקבֿ (יאַשאַ) זינגער...

דעצעמבער 1938. ווידער ניו יאָרק. זינגערס דערפֿאַלגן הויפֿן זיך, טורעמען זיך. טעאַטער, איבערזעצונגען אין אַ צענדליק שפּראַכן. מיר גייען צו זײַן היים בײַם האָדסאָן, פֿאַר אונדז די נאַכטיקע הערלעכע, ניו יאָרקער פּאַנאָראַמע. מיר רעדן לאַנג און פֿון טיפֿסטן האַרץ. פּלוצלונג רופֿט ער זיך אָן: — וואָס קומט אַרויס פֿון דעם אַלעמען, אַז דאָס אומגליק פֿיל איך אַזוי שטאַרק און דאָס גליק פֿיל איך לחלוטין נישט. — — האָבן אין אים געלעבט אָנונגען פֿון זײַן גיכן טויט? זײַ געזעגנט, אייביק געליבטער פֿריינד. איך קוש דײַנע טויטע הענט.

עסטעטיק און עטיק און אבֿרהם סוצקעווערס לידער

א.

מער ווי די לידער פֿון אַ וועלכן נישט איז אַנדערן פּאָעט פֿון דעם ייִנגערן דור פּאָעטן אין ייִדיש, סטימולירן די לידער פֿון אַבֿרהם סוצקעווער צו דעם פֿאַרטראַכטן זיך איבער די פּראָבלעמען פֿון עטיק און עסטעטיק אין דער קונסט בכלל און דער פּאָעזיע בפֿרט. סוצקעווער איז אין טיפֿסטן תּוך אַ פּאָעט־עסטעט, אַ פּאָעט אין שיינקייט, דורך שיינקייט פֿאַר שיינקייט. ער איז אָבער אַרײַנגעבוירן געוואָרן אין אַזאַ שטאָט, אַזאַ פֿאָלק און אַזאַ צײַט, וואָס האָט אין זײַן פּאָעזיע אַרײַנגעברענגט דעם צייכן פֿון דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער עטיק. און וואָלט איך פֿאַרגליכן סוצקעווערס פּאָעזיע צו אַ געוועב פֿון אַ שטאָף, וואָלט איך געזאָגט אַז דער שתי — די לענגס־פֿעדים אין זײַנע לידער זענען לויטער עסטעטיק, אָבער די ערבֿ־פֿעדים, די ברייט־פֿעדים, וואָס פֿאַרוואַנדלען זיי אין דעם פֿעסטן געוועב פֿון זייער נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן זײַן, זענען לויטער עטיק. ייִדישע עטיק, אַלגעמיין מענטשלעכע עטיק.

ב.

מיר האָבן פֿריִער געזאָגט: סוצקעווער איז אַרײַנגעבוירן געוואָרן אין אַזאַ שטאָט, אַזאַ פֿאָלק, אַזאַ צײַט — ייִדישע שטאָט, ייִדיש פֿאָלק, ייִדישע צײַט. און אַלע דרײַ פֿאָדערן פֿון אים פּאָעטישן בת קול, צינז פֿאַר דער פּאָעטישער גאָב פֿון טאַלענט בחסד עליון. און ער בלײַבט נישט שולדיק. שוין אַזוי כּמעט פֿון דעם ערשטן בוך לידער, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן. די גרעסטע קאָנטריבוציע — אין דעם זינען — צו דער שטאָט זײַנער, דעם פֿאָלק זײַנעם און דער צײַט זײַנער האָט ער געצאָלט אין זײַן פּאָעמע "געהיימשטאָט", וואָס איז געשריבן געוואָרן אין מאָסקווע, אין לאָדזש און אין פּאַריז אין די יאָרן פֿון 1945 ביז 1947 און איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין תּל אביב אין יאָר 1948. דאָס ווערק באַשטייט פֿון 42 קאַפּיטלעך מיט אַ פֿאָרליד און אַ נאָכליד. און די קאַפּיטלעך באַשטייען יעדער פֿון אַ פּאָר סטראָפֿן צו 10 שורות, דורכאויס געגראַמט און אין מאַטעמאַטיש אויס־געהאַלטענעם אַמפֿיבראַכישן ריטעם. די דאָזיקע פּאָעמע איז אַן איינמאָליקע, איינמאָליק בײַ אַ דיכטער און איינמאָליק בײַ אַ פֿאָלק. פֿון צען שורות באַשטייען

די סטראָפֿן און אין זיי ווערט דערציילט די געשיכטע פֿון אַ מנין ייִדן אין די קאַנאַלן פֿון ווילנע אין דער צײַט פֿון דריטן חורבן. פֿאַראַנען אין דעם נאָכליד צו דער פּאָעמע צוויי שורות, וואָס לייענען זיך: „איך פֿיל אין שיינקייט מערער נישט קיין טעם — אַ בלאָטע איז מיר היימישער פֿון רויזן". אָבער אַפֿילו פֿון די צוויי שורות שמעקט דווקא מער דער ריח פֿון רויזן און עס אַווירט לחלוטין נישט דער אוויר פֿון דער בלאָטע. און אַז מיר לייענען מיט קאָפּ און האַרץ דאָס גאַנצע נאָכליד, מאַכט עס אונדז קלאָר ווי באַוווסטזיניק סוצקעווער איז אויף דעם געביט פֿון דעם אייביקן זיגזאַג פֿון עטיק און עסטעטיק אין ליד.

ג.

פֿאַראַנען בײַ דוד בערגעלסאָנען אַ חורבן־דערציילונג, וואָס רופֿט זיך „דער עדות — איינער פֿון אַ מיליאָן". דאָרט רעדט זיך עס וועגן אַ טויט־קראַנקן אַלטן ייִד, וואָס איז איינער אַליין אַנטרונען פֿון אַ נאַצישן פֿאַרניכטונגס־לאַגער און ער דערציילט אַ סעקרעטאַרין זײַנע איבערלעבונגען. פֿון אַלע די איבערלעבונגען אַן אַ צאָל, איינע גרויזאַמער פֿון דער אַנדערער, הייבט בערגעלסאָן אַרויס בלויז צוויי. די גרויזאַמסטע: אַ פֿרוי געבוירט אַ קינד בײַם ראַנד פֿון אַ גרוב אין סאַמע לעצטן מאָמענט ווען זי ווערט דערשאָסן, און זי שלעפּט נאָך, פֿאַלנדיק, דאָס לעבעדיקע קינד מיט זיך אין גרוב אַרײַן בײַם נאָך נישט איבערגעשניטענעם נאָפּל. דאָס אַלץ דערציילט דער עדות, איינער פֿון אַ מיליאָן, טרוקן און אָן טרערן, נאָר אָט דערציילט ער וועגן אַ פֿרוי, וואָס איז געווען אַזוי שיין, אַז אַפֿילו די נאַציס האָבן זי געלאָזט מאָלן פֿאַר זיך ווי די מאַמע האָט זי געהאַט. און אַז אויך זי ווערט געשלײַדערט אין קרעמאַטאָריע צעווײַנט זיך דער ייִד און ער זאָגט: אויף אָט דער שיינקייט אירער, וואָס זיי האָבן פֿאַרברענט, וויין איך, עס כאַפּט זייער אָן בײַם האַרצן...
דער גרויסער חכם־קינסטלער דוד בערגעלסאָן האָט געוווּסט, אַז שיינקייט און טראַגיק זענען ערגעץ טיף אין ערשטן אור פֿאַרבּרידערט און פּונקט ווי קיין זאַך ווירקט נישט אַזוי דערשיטערנדיק ווי געהרגעטע שיינקייט אַזוי ווירקט קיין געשריי און געוויין איבער געהרגעטער שיינקייט אַזוי האַרצרייסנדיק ווי ווען עס ווערט אַרויסגעבראַכט אין דורכזיכטיקער, דערהויבענער שיינקייט, עס זאָל זילבערקלינגען ווי דאָס וויינען פֿון אַ מלאך... אַז די אַלע ווערטער האָבן אַ שײַכות צו סוצקעווערס טיף־ הויך־עטישע חורבן־ און געטאָ־לידער אָנגעטאָן ווי ספֿר־תּורות מיט מענטע־לעך רויט־סאַמעטענע און באַקריינט ווי מיט זילבערקלינגענדיקע כּתרים אויף די עץ־חיימס — דאָס איז דאָך קלאָר.

ד.

אַז סוצקעווער בענקט מיט אַזאַ בענקשאַפֿט ווי נאָר גרויסע דיכטער קענען בענקען, נאָך רייַנסטער עסטעטיק — האָבן מיר אַן עדות: זײַן בוך „אָדע צו דער

טויב״. דורך טויזנט גראַטעס שטאָלערנע אין טויזנט שורות גאָלדענע — אין צוויי און פֿערציק לידער אונטער איין נאָמען פֿון אַ סעריע ״העלפֿאַנדן בײַ נאַכט״ רײַסט זיך דאָרט די נשמה פֿון דעם דיכטער פֿון זײַן שטאָט אַרויס, זײַן פֿאָלק אַרויס, זײַן צײַט אַרויס — צו אַ שטאָט פֿון אַלע מענטשן, אַ פֿאָלק פֿון אַלע פֿעלקער און אַ צײַט, וואָס איז אפֿשר די צײַט פֿון די צײַטן. די דאָזיקע לידער זענען לידער פֿון די שיינקייטן פֿון דעם אור־אַפֿריקאַנישן מענטש אין דעם אור־אַפֿריקאַנישן דזשונגל אין אַ צײַט, וואָס איז אויך אפֿשר נאָך דזשונגל פֿון דער צײַט. איר ווילט אַ דוגמא — לייענט דאָס ליד ״די כלה פֿון דונער״ פֿון אָט דער סעריע. און ווי אַ געפּרוּווירענער ווײַסער אַנטיפּאָד צו אָט דער סעריע גליענדיקע רויטע לידער וויל איך דאָ דערמאָנען די סעריע לידער ״סיביר״ — די קאָנגעניאַלע שאַפֿונג פֿון סוצקעווער דעם דיכטער און מאַרק שאַגאַל, דעם מאָלער. לייענט פֿון אָט דער סעריע דאָס ערשטע ליד און דאָס לעצטע; איז עס נישט לויטער־לויטערע עסטעטיק? מיר דאַכט זיך, אַז אָט די לידער זענען געבוירן געוואָרן אין בענקשאַפֿט נאָך יענע צײַטן, יענע עסטעטישע משיח־צײַטן, ווען עטיק וועט שוין זײַן פֿאַרעלטערט און איבעריק. מחמת עסטעטיק — יודעיִסטיש און נישט העלעניש אויפֿגעפֿאַסט — איז דער לעצטער ציל און עטיק איז נאָר דער וועג צו אָט דעם ציל. און אַזוי און נאָר אַזוי פֿאַס איך אויף סוצקעווערס בענקשאַפֿטן צו אַבסאָלוטער שיינקייט צעוואָרפֿן אין איינצלנע לידער איבער אַלע זײַנע ביכער, אָבער באַזונדערס קאָנצענטרירט אין די צוויי דערמאָנטע ציקלען, וואָס זענען — אַגבֿ — צוליב שיינקייט — פּערפֿעקטע קלימאַטישע אַנטיפּאָדן: קאַלט־ווײַסע אַרקטיק קעגן גלי־רויטער טראָפּיק.

ה.

פּאָעזיע איז אַ צווילינג־שוועסטער פֿון דעם ריטעם און ריטעם איז אַ צווילינג־ברודער פֿון דער ציפֿער און אין דער ציפֿער איז פֿאַרבאָרגן אַ מיסטישע שיינקייט. אונדזער גאַנצער חומש איז פֿול מיט דער מיסטישער שיינקייט פֿון דער קײַלעכדיקער ציפֿער אין אַלערליי קאָמבינאַציעס. די עשרת הדיברות זענען אַוודאי קאָנדענסירטע עטיק, אָבער דאָס וואָס זיי זענען צען און נישט נײַן, אָדער עלעף, דאָס איז זייער עסטעטישע פֿאָרם. און די צאָל זיבן פֿון די זיבן טעג פֿון דער ערשטער וואָך זענען אַ שטיק געזעלשאַפֿטלעכע עטיק, אַוודאי, אָבער זיי סימבאָליזירן די זון און די לבֿנה און די פֿינעף ליכטיקסטע פּלאַנעטן און דאָס איז זייער עסטעטישער אורשפּרונג. און אויך מיט אָט דער אַריטמעטישער, אוניווערסאַלער און ייִדישער עסטעטיק איז פֿול — באַזונדערס דאָס עטישע ליד סוצקעווערס. זײַן פּאָעמע ״אין מדבר סיני״, געשריבן אין היסטאָרישן שפּעט־האַרבסט 1956, באַשטייט פֿון צען צוועלף־שורהדיקע לידער — אַנטקעגן די צוועלף שבֿטים, וואָס האָבן אויפֿן באַרג סיני באַקומען די עשׂרת, די צען געבאָט. און זײַן גענײַאַלע פּאָעמע ״געהיימשטאָט״ וועגן אַ מנין ייִדן — די ייִדישע צען פֿון אייביק ביז אייביק —

באַשטייט פֿון לויטער צען־שורהדיקע סטראָפֿן. דער עטישער אינהאַלט פֿון צען אין דער עסטעטישער פֿאָרם פֿון צען... זענען עס גימטריות, שפּיל? איז עס פּלפּול אַרום אַן עלעמענט, וואָס פֿאַרטראָגט אַלץ אין דער וועלט חוץ פּלפּול — דער עלעמענט פֿון פּאָעזיע? ניין, עס איז נישט קיין שפּיל און קיין פּלפּול. איז דאָס זוכן די שיינקייט פֿון דער אייביקער אָרדענונג? אויף אַט דעם פֿעלד פֿון דער אייביקער אָרדענונג באַגעגענען זיך יידישע עטיק מיט יידישער עסטעטיק. אויף אַט דעם פֿעלד ליגט אַ יידישער דיכטער, ווי יעקבֿ אין דער נאַכט פֿון זיין גרויסן חלום, קוקט אין הימל אַריין, קלעטערט אויף די לייטער־טרעפּ, די סטראָפֿן פֿון זיין ליד און זוכט דאָרט אויבן די באַשיידונג אויף דער גרויסער מענטשלעכער און יידישער שאלה: ווען וועט שוין קומען דער טאָג שכולו שבת, כולו פּאָעזיע, כולו עסטעטיק, אַז עטיק זאָל שוין איבעריק זיין? דער נאָמען פֿון דעם דיכטער איז אַבֿרהם סוצקעווער. ער איז נישט דער איינציקער — טאָקע ווייל עס איז נישט עסטעטיש־עטיש־יידיש צו זיין דער איינציקער — אָבער ער איז איינער פֿון די געקליבנסטע און אויסגעקליבענע.

אַט אַזוי לייענט זיך און עס דאַוונט זיך דאָס נייַנטע צוועלף־שורהדיקע ליד פֿון די צען לידער פֿון דער פּאָעמע "אין מדבר סיני":

טו אויס די שיך און שטעל זיך אין אַ שורה,
טו אויס די שיך און זאָל דאָס זאַמד דיך שווענקען.
אַצינד איז דאָ די צייט פֿון מתן גבֿורה.
די שטילקייט איז אַ תהום, אַ תהום פֿון בענקען.
און אויבן אויף די שטראַלנדיקע לייטערס,
אַ תּפֿילה קלעטערט פֿון די סאַמע טיפֿן,
ווי ס'וואָלט אין האַרץ, ביים קלאַנג פֿון די טרומייטערס,
אַ דימענט אַן אַ דימענט זיך געשליפֿן:
זאָל רו און שלום קומען שוין געשווינדער.
פֿון באַרג אין סיני בלאָז אַוועק די שׂנאה.
פֿאַרשנייַד אויפֿסניי אַ בונד מיט דיינע קינדער,
און זאָלן רויטע זאַמדן ווערן גרינע.

און זאָלן רויטע זאַמדן ווערן גרינע — דאָס איז אַ שורה פֿון אַ יידישער תּפֿילה, וואָס איז אין דער זעלבער צייט אַן אוניווערסאַלע תּפֿילה — וואָס איז צוליב דעם פּערפֿעקט אין איר עטיק און פּערפֿעקט אין איר עסטעטיק. עס איז אַ שורה, וואָס נאָר סוצקעווער האָט זי געקענט אַזוי אויפֿשרייבן. אַ שורה מיט אַ ניי און אייגן פּנים אין דער יידישער דיכטונג, וואָס האָט אויף די גרוי־רויטע ציגל און גראָז־חורבות פֿון דריטן חורבן אויפֿגעבליט ניי מיט גרינער האָפֿענונג. די אַ רויטע זאַמדן זענען שוין גרין געוואָרן אין אַן אייביק לעבן של מעלה אין יידישן ליד.

אַבֿרהם סוצקעווערס "אָדע צו דער טויב"

לויט אַלע סימנים מובֿהקים איז אַבֿרהם סוצקעווער — אַ ווילנער און זינט סוף 1947 אַ תושבֿ אין מדינת ישׂראל — איינער פֿון די ערשטע אין דער רייע פֿון די דיכטער אין ייִדיש, ייִדישע דיכטער, דיכטער בײַ ייִדן, בײַם הײַנטיקן טאָג. זײַנס אַ נײַ בוך איז קיין מאָל נישט בלויז נאָך אַ סכום פֿון אַזוי פֿיל און אַזוי פֿיל בלעטלעך אין דער שורה פֿון זײַנע, ניט צאָלרײַכע, זאַמלונגען, וועדליג די יאָרן פֿון זײַן לעבן. ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1913. סוצקעווערס אַ נײַ בוך איז אַלע מאָל אַ נײַער איכות, אַ נײַע קוואַליטעט. בכלל עפּעס נײַעס. און מען מוז זיך נעגנטער צו דעם צוקוקן — סײַ פֿון דעם קוקווינקל פֿון פֿאַרשטיין זײַן אינדיווידועלן גאַנג און סײַ פֿון קוקווינקל פֿון דער ליטעראַטור אין וועלכער די ביכער פּאַסן זיך אַרײַן — ווי בילדער אין רעמען.

זײַן, סוצקעווערס, נײַע זאַמלונג הייסט "אָדע צו דער טויב". 132 זײַטן. קרישטאָל־קלאָר קאָריגירט און געדרוקט. שוין ריין טעכניש — יעדעס וואָרט אויף זײַן פּלאַץ. מען פֿילט בפֿירוש, אַז דאָ האָט איבער יעדן וואָרט געוואַכט אַ וואַך דיכטער־אויג. און אַן עכט דיכטער־אויג זעט ווײַט, ווײַט. זעט מיט אַלע חושים, טאַקע ווי דאָס אויג פֿון אַ טויב — נישט נאָר מיט דעם חוש הראיה... דאָס בוך טראָגט די דאַטע 1955 — דעם פֿאַרלאַג "גאָלדענע קייט" — תל אביב.

דאָס ווערק איז געטיילט אין דרײַ זעלבשטענדיקע טיילן — לכאורה. די אָדע צו דער טויב — אַ פּאָעמע אין צען פּירסטראָפֿיקע לידער. אַ סעריע "העלפֿאַנדן בײַ נאַכט" — לידער, געשריבענע אין אַ נסיעה איבער אַפֿריקע. און צום סוף — פּופֿצן "קורצע באַשרײַבונגען", אין אַ מין ריטמישער פּראָזע אונטערן שותּפֿות־דיקן נאָמען "גריגער אַקוואַריום".

און ווידער לכאורה — דרײַ זאַכן, וואָס האָבן קיין שײַכות נישט — סײַדן דאָס, וואָס זיי זענען דרײַ אַנדערשדיקע קינדער פֿון איין טאַטן — דעם פּאָעט. אָבער קוקט מען נעגנטער אין די זאַכן אַרײַן, הערט מען זיך טיפֿער אין זיי אַרײַן — הערט מען דאָס איבעררופֿן זיך זייערס — ערגעץ פֿון דער טיפֿסטער טיף, ערגעץ פֿון דער העכסטער הייך. נישט די קולות פֿון זייער נאָענטן איבעררופֿן זיך דער־הערט מען — נאָר באַלד די ווידער־קולות...

דאָס גאַנצע בוך הייסט "אָדע צו דער טויב". נו גוט, "אָדע" — ווייסט מען וואָס דאָס איז. עס איז אַ גריכיש וואָרט און הייסט: פֿײַערלעך, יום טובֿדיק ליד.

ליד לכתּחילה מיט מוזיק אינטעגרירט. פֿאַרשטייען מיר דאָס וואָרט. — אָבער וואָס הייסט "טויב"? טויב איז סימבאָל זינט די צײַטן פֿון פֿאַרן מבול... נישט אַזוי? און וואָס איז סימבאָל? סימבאָל איז אַן אינטעגרירונג פֿון קלאָרקייט און אומקלאָרקייט, גוף און נשמה, נעכטן און מאָרגן.

די "אָדע צו דער טויב" איז סוצקעווערס צום שווערסטן פֿאַרשטענדלעכע בוך, אָבער אין דער זעלבער צײַט דאָס פּאַעטישסטע. עס איז עפּעס ווי אין גאַנצן געשריבן אין אַ מין וואַכן חלום־צושטאַנד. ווי דו וואָלסט דעם דיכטער באַזוכט אין דער קאַמער פֿון זײַן דיכטונג... און אַט שטייסטו מיט אים בײַ דעם פֿענצטער, דורך וועלכן ער ווײַזט דיר די לאַנדשאַפֿטן און די בילדער פֿון זײַנע געוויינטלעכע לידער. נאָר פּלוצלונג זאָגט דיר דער דיכטער אַ זאַג אין טיפֿן געהיים, ווי אַ גרויסן סוד: — דאָס איז נישט אַלץ, דאָס איז נישט דער אמת — עס איז דאָ אַן אַנדערער... און ער נעמט דיך צו אַן אַנדער פֿענצטער, און עס איז טונקל אַרום, נאָר דורך דעם פֿענצטער דערזעסטו לאַנדשאַפֿטן, נאָך קיין מאָל נישט געזעענע, טיפֿן שניי און פֿראָסט און אין אים אַ בליִענדיקן גאָרטן, און שטערן דערזעסטו און קאָנסטעלאַציעס, נאָך קיין מאָל ביז איצט נישט געזעענע, אַנדערע לבֿנות און אַנדערע זונען און אַלץ צוזאַמען — — — און דער דיכטער זאָגט דיר איצט מיט נאָך מער סוד אין טאָן: — אַט דאָס איז דער אמת — אַט דאָס איז די וועלט — — — און דו? דו פֿילסט אַז דו פֿאַרשטייסט עס נישט, דו פֿאַרשטייסט עס דערווײַל נישט, אָבער דו פֿאַרשטייסט מיט אַלע דײַנע חושים, אַז דו פֿילסט עס טיף... אַט אַזוי וואָלט איך אויפֿגעקלערט דעם נײַעם, גרויסן פֿאַרמעסט פֿון אַבֿרהם סוצקעווער.

די "אָדע צו דער טויב" — אַן אינטימע אָדע צו דער אייגענער נשמה. דיאַלאָגן מיט איר. איז שווער דאָ אַ דריטן דעם מיין צו פֿאַרשטיין — און אַוודאי נישט גרינג נאָך איינעם צו פֿאַרשטיין צו געבן אין אַ קורצן מאמר.

דער דריטער טייל פֿון בוך — די פֿופֿצן "קורצע באַשרײַבונגען" אין אַ ריטמישער פּראָזע, וואָס זענען נאָך דערצו כּמעט פֿון לויטער אויסטערלישע בילדער צונויפֿגעשטעלט — זענען אַ געוואַגטער עקספּערימענט פֿון דיכטער. געוואַגט אין אונדזער גאַנצער יידישער ליטעראַטור. קורצע באַשרײַבונג־דערציילונגען — אָבער כּמעט אוממעגלעך זיי איבערדערציילן אין אַ פּשוטן אופֿן. זיי זענען פֿול מיט אינעווייניקסטע גילגולים, איין מעשׂה שפּרינגט אַרויס פּלוצלונג אויף דער אַנדערערס רוקן... אויב איר קענט זיך עס פֿאַרשטעלן; און אַלע מעשׂיות צוזאַמען זענען אַן אַרײַנבליק מאחורי הפּרגוד פֿון דעם הײַנט און דעם איצט. אַט אַזוי זאָגט דער דיכטער אין דער ערשטער "קורצער באַשרײַבונג", וואָס איז אַ מין הקדמה: איך קוק אַרײַן — מענטשן שווימען דאָ ווי פֿיש. אומצאָליקע פֿאַספֿאַרענע פּנימער, יונג. אַלט. און יונג־אַלט אין איינעם. אַלע, וואָס איך האָב זיי געזען אַ גאַנץ לעבן און דער טויט האָט זיי געזאַלבט מיט אַ גרינער עקזיסטענץ; אַלע שווימען זיי אין דעם גרינעם אַקוואַריום, אין אַ מין זײַדענער, לופֿטיקער מוזיק. דאָ לעבן די טויטע!

אונטער זיי טײַכן, וועלדער, שטעט, אַ ריזיקע פּלאַסטישע מאַפּע, און אויבן שווימט אַרום די זון אין געשטאַלט פֿון אַ פֿײַערדיקן מענטש. איך דערקען באַקאַנטע, פּרײַנט, שכנים און צי פּאָר זיי מײַן שטרויענעם הוט: גוט מאָרגן! זיי ענטפֿערן מיט גרינע שמייכלען, ווי אַ ברונעם ענטפֿערט אַ שטיין מיט צעבראַכענע רינגען — — —

טיפֿט זיך אַרײַן אין אַט די אַלע בילדער — אין זייער אויסטערלישער רעאַליס־טישקייט, יאָ, רעאַליסטישקייט. דאָ ווערט דאָך באַשריבן אַן אויסטערלישע באַגע־געניש מיט טויטע אין דער טיף פֿון דעם אייגענעם זכּרון. און אין דעם זינען וועט אײַך באַלד זייער קלאָר ווערן, וואָס דאָס הייסט, אַז זיי שווימען אין גרינעם אַקוואַריום, אין אַ מין זײַדענער, לופֿטיקער מוזיק...

ניין, עס איז נישט קיין גרינג בוך "אַדע צו דער טויב". סוצקעווער איז בכלל נישט קיין גרינגער שרײַבער, אַפֿילו אין די ביכער, וואָס זענען לויט זייער טעמע און אויספֿירונג צוויי־מאָל־צוויי־איז־פֿיר. אַפֿילו דאָרט איז בײַ אים אָפֿט מאָל דער רעזולטאַט פֿון צוויי־מאָל־צוויי, אָדער דרײַ — אָדער גאָר הונדערט...

צום גרינגסטן שוין איז דער מיטלסטער ציקל פֿון אַפֿריקאַנישע איבערלעבונגען. (איבערגעגעבן אין לידער) אַגבֿ פֿון דעם נעגערישן, דרום טייל פֿון אַפֿריקע. דאָ זענען די מאָטיוון אַזוי פֿאַרשיידן און דאָך אַלע אַזוי ענלעך. ענלעך ווי די קאָלירן פֿון אַ רעגן־בויגן, ענלעך ווי די פֿאַרבן פֿון אַ פֿאַווע־פֿעדער... דאָ איז דאָ אַ שלל מיט מאָטיוון — אויסטערלישע מאָטיוון. מאָטיוון פֿון פֿייגל, פֿון חיות, פֿון געוויקסן, פֿון מענטשן — די אויסטערלישע שוואַרצע מענטשן פֿון דזשונגל.

איך וועל דאָ פֿול ציטירן דאָס ליד "די פֿייגל־שיף". אָבער אײדער לייענען דאָס ליד איז כּדאַי צו וויסן, אַז זאַנזיבאַר איז אַן אינדזל, דרום פֿון עקוואַטאָר, אין מזרח פֿון אַפֿריקע, אַ קליינער אינדזל האָרט בײַם ברעג, און ער האָט אין דער צײַט, ווען דער שקלאַפֿן־האַנדל האָט זיך געוויגט צווישן קאָנטינענטן, ווי אַ ווילדער גלאָק פֿון ערד־טייל צו ערד־טייל — אַפֿריקע, אייראָפּע און אַמעריקע — געדינט ווי אַ מין "אומשלאַג־פּלאַץ" פֿאַר די הונדערטער טויזנטער נעגערס, וואָס זענען פֿון דאַנעט געשלעפּט געוואָרן אויף שיפֿן צו די "נײַע וועלטן". אָט איז דאָס ליד:

אַ פֿייגלשיף האָט זיך באַוויזן
בײַם גרינעם ברעג פֿון זאַנזיבאַר.
קיין מענטשן זעט מען ניט, בלויז פֿייגל,
וואָס זינגען: זאַנזי־זאַנזי־באַר.
דער קאַפּיטאַן איז אַ קאָליברי
און זיצט בײַם רודער ווי אַ האָר.

ניט שטענדיק זענען די מאַטראָסן
אויף יענער שיף, בײַ זאַנזיבאַר,

געוועזן פֿייגל און געזונגען:
זאַנזי־זאַנזי־באַר.
מיט ביקסן איז געווען געלאָדן
אַ מאָל די שיף ביי זאַנזיבאַר,
נאָר ס'האָט דער צוויבערער מאַלאַמי
געשלאָגן זי מיט פֿעסט דערפֿאַר.

ער האָט אַ בלאָז געטאָן, מאַלאַמי,
פֿון גרינעם אינדזל זאַנזיבאַר
די בליטן פֿונעם בוים גרי־גרי, —
פֿאַרסמטע בליטן רויט ווי זשאַר,
אויף יענער שיף, די שיף מיט ביקסן,
מיט ביקסן קעגן זאַנזיבאַר.

דעריבער ליגן דאָרט סקעלעטן
און פֿייגל צוויטשערן אָן צער.
און די מאַטראָסן זענען פֿייגל,
וואָס קומען אָן קיין זאַנזיבאַר.
דער קאַפּיטאַן איז אַ קאַליברי
און זיצט ביים רודער ווי אַ האַר.

קיין מענטשן זעט מען ניט, בלויז פֿייגל,
וואָס זינגען: זאַנזי־
זאַנזי־
באַר.

אַבֿרהם סוצקעווער איז אַלע זיינע יאָרן אַ דיכטער — וואָס כאָטש ער איז אַ גרויסער מייסטער פֿון פֿאָרעם — איז ער אָבער אויך אַלע מאָל אַ דיכטער מיט אַ מאָראַל... ער איז דאָך דער דיכטער פֿון אונדזער דריטן חורבן. זיינע איז דאָך די גרויסע פּאָעמע "געהיימשטאָט" — וועגן דעם מנין אין די קאַנאַלן פֿון ווילנער געטאָ. אַ פּאָעמע, וואָס נאָר איין דיכטער פֿון אַ פֿאָלק קען אויפֿשרייבן און נאָר איין מאָל אין לעבן אויפֿשרייבן — אַן איינמאָליק ווערק...

אין אָט דעם נייעם בוך האָט סוצקעווער געמאַכט אַן אָנשטרענג צו זיין מער פֿאַרטאָן אין דער פֿאָרעם ווי אין אינהאַלט, מער אין שיינקייט — מעג עס אויך זיין גרויזאַמע שיינקייט — ווי אין מאָראַל. צו זיין מער עסטעטיקער ווי עטיקער. צו זיין מער מיסטיקער ווי רעאַליסט. דער עקספּערימענט איז געראָטן. אָבער צי

וועט אַט דער, אין גרונט טיף־ייִדישער דיכטער, שוין כּסדר פֿון איצט אָן גיין אויף דעם וועג ? ווער ווייסט.

יאָ, סוצקעווערס אַ נײַ בוך איז נישט בלויז נאָך אַ סכום לידער אין כּמות, נײַערט נאָך אַ נײַער אַרײַנגראָבן זיך אין אַ נײַער טיף און אַ נײַער אַרײַנפֿליען אין אַ נײַער הייך — אַ זוכן פֿון אַ נײַעם, ווערטיקאַלן איכות אַרויף און אַראָפּ, ביידע ריכטונגען...

אַט דאָס איז — אין עטלעכע ווערטער — אַ "קורצע באַשרײַבונג" פֿון אַבֿרהם סוצקעווערס נײַעם בוך "אָדע צו דער טויב".

קאַנאַליאַדע און אייביקייט

אַ פּאָר באַמערקונגען צו סוצקעווערס "געהיימשטאָט"

פֿאַראַנען ביכער און פֿאַראַנען ספֿרים. וועגן ביכער דאַרף מען זיך איילן צו שרײַבן רעצענזיעס. מאָרגן קען שוין זײַן צו שפּעט. ספֿרים האָבן צײַט. ספֿרים האָבן די גאַנצע צײַט — אַזוי צו זאָגן. ספֿרים האָבן אַפֿילו דעם נעכטן — נישט נאָר דעם מאָרגן. זאָל דאָס זײַן אַ פֿאַרענטפֿערונג פֿאַרוואָס דער שרײַבער פֿון די שורות האָט נאָך נישט געשריבן וועגן דער פּאָעמע "געהיימשטאָט" פֿון אַבֿרהם סוצקעווער, וואָס איז דערשינען פּונקט דעם 14טן מײַ 1948, דעם יום העצמאות, און טאָקע אין תל אביב? יאָ, אַזוי איז עס טאָקע. וועגן דעם בוך, (44 פּאָעטישע קאַפּיטלען, באַטיטלטע, יעדער קאַפּיטל צו עטלעכע סטראָפֿן — פֿון 2 ביז 10 אָן ערך — און יעדער סטראָף צו צען שורות, דורכאויס געגראַמט און אין אַמפֿיבראַכישן ריטם, צו פֿיר פֿערז־פֿיס אין אַ שורה) וואָס האַלט 160 זײַטן, דאַרף מען שרײַבן אָדער אַ טראַקטאַט, אָדער הערות, אָט אַזוי ווי עס איז דער שטייגער צו באַהאַנדלען ספֿרים.

"געהיימשטאָט" איז אַ מײַסטערווערק פֿון ייִדישער פֿערזן־קונסט און פֿאַרעם איז גראַד אין אָט דער פּאָעמע אַן אינטעגראַלע זאַך. וועגן אַ מנין ייִדן, וואָס פֿירן אַ מין ייִדישע קהילה בזעיר אַנפּין, אין די קאַנאַלן פֿון ווילנע בשעת היטלערס דאַרטיקער אָקופּאַציע, קען מען אָדער מיטן דונערדיקן לשון פֿון די עשׂרת הדיברות, אָדער מיט דעם געוויגענעם און געמאָסטענעם און ליפּן־פֿאַרבײַסנדיקן לשון פֿון דער געצוימטסטער קונסט. סוצקעווער האָט אויסגעקליבן דעם צווייטן וועג — עס איז זײַן וועג. אויסגעקליבן דעם וועג און געקומען צום ציל. זײַן פּאָעמע געהערט מער נישט אים — זי געהערט דער ייִדישער ליטעראַטור־געשיכטע, זי געהערט דער ייִדישער געשיכטע.

עס איז אַוודאי אַ גרויסע פּײַן — אינגאַנצן אומפֿאַרשטענדלעך פֿאַר מענטשן, וואָס האָבן עס נישט דורכגעמאַכט — צו פֿאַרברענגען אין קאַנאַלן, זיך אויס־באַהאַלטנדיק פֿאַר מענטשן, עס איז פּונקט אַזאַ פּײַן צו שרײַבן וועגן דעם און די זעלבע פּײַן אויך צו לעזן וועגן דעם. נישט די גאַז־אויוונס און נישט די איב־קוויזיציע־קאַמערן זענען דער סאַמע טיפֿסטער פּונקט צו וועלכן מענטשן־פּײַניקער זענען געפֿאַלן און מענטשן־געפּײַניקטע האָבן זיך דערהויבן. אין אָט די קאַנאַלן —

און אַזעלכע קאַנאַליאַדעס זענען פֿאָרגעקומען כּמעט אין יעדער שטאָט, ווו דער נאַצי איז אַרײַן און וווּ עס זענען געווען ייִדן און קאַנאַלן — איז דער פּײַניקער צום טיפֿסטן געפֿאַלן און דער געפּײַניקטער האָט זיך צום העכסטן דערהויבן. סוצקעווער ברענגט עס אין זײַן פּאָעמע אַרויס. אויב עס וועט זיך ווען עס איז ווידער אָנהייבן דער גאַנג אַרויף פֿון דעם גאַנצן מין מענטש — וועט ער זיך אָנהייבן אויפֿצוריכטן פֿון אָט די קאַנאַלן אַרויס און אַרויף. און די פּאָעמעס און אָט די ביכער וועגן די קאַנאַלן וועלן דעמאָלט שפּילן זייער אייגנטלעכע ראָלע. די ראָלע פֿון ספֿרים, וואָס באַגלייטן דאָך אַלע מאָל דאָס אויפֿהייבן זיך פֿון מין מענטש. זאַמען־קערנער פֿון אוניווערסאַלן אייביקייט־ווערט זענען פֿאַראַנען אין אַבֿרהם סוצקעווער "געהיימשטאָט".

אין טובֿיה באָזשיקאָווסקיס בוך וועגן וואַרשעווער קאַמף אין יאָר 1943 "צווישן פֿאַלנדיקע ווענט", איז דאָ אַ היפּש ביסל וועגן דעם לעבן און שטאַרבן אין די קאַנאַלן. אָט אַזוי באַשרײַבט ער אַן אַראָפּלאָז אין אָט דער געהיימשטאָט, אָט דער געהיימוועלט: אײַנגעבויגן און אין אַ קריכנדיקער פּאָזיציע זענען מיר "געגאַנגען" פֿאַרויס אַנטקעגן די לויפֿנדיקע כוואַליעס. מיט די לעצטע כּוחות האָבן מיר געוואָגלט אויף די אומבאַקאַנטע שליאַכן, וווּ קיין מענטשלעכער פֿוס האָט נאָך נישט געטרעטן. מיר האָבן זיך אויסגעמישט מיט די עיפּושדיקע פּליסי־קייטן פֿון די שטאָטישע קלאָזעטן און שטויביקע אָפּגוסן, מיט דעם אייל־פֿעטן וואַסער — — — מיר זענען געוואָרן אַ טייל פֿון דעם גאַנצן געמיש פֿון די פֿאַרשידענע שטראָמען א.אַ.וו.

אָבער נישט לאַנג האָט דער אויסגעמיש געדויערט. ווו נאָר די אַראָפּגעגידערטע זענען נישט אָוועקגעשווענקט געוואָרן אין טויט אַרײַן האָבן זיך געזאַמלט מנינים און עס איז געוואָרן אַן אָרגאַניזירט לעבן, אַ ייִדיש לעבן. אין סוצקעווערס פּאָעמע זענען נישט נאָר די סטראָפֿן צען־שורהדיקע, מנינדיקע, נאָר אויך די גאַנצע פּאָעמע איז כּסדר אַ מנינדיקע. מענטשן קומען און גייען דאָרט, אָבער כּסדר איז דאָ אַ מנין, דער סימבאָל פֿון ייִדישער אָרגאַניזירטער גאַנצקייט. מען פּראַוועט אויך אַ סדר אין סוצקעווערס פּאָעמע, אין זײַן "קאַנאַליאַדע", ווו ער רופֿט זי אין די שלוס־אַקאָרדן. אַלץ איז דאָרט דאָ, בײַ אָט דעם סדר, אַפֿילו ווײַן — און מען פֿאַרגעסט נישט, און דאָס איז איינער פֿון די סאַמע דערהויבנסטע מאָמענטן פֿון אָט דער קאַנאַליאַדע, וואָס רופֿט זיך איבער מיט ייִדישער, ניין מיט מענטשלעכער אייביקייט, באַהאַלטן אַ האַלבע פֿלאַש ווײַן אויף איבעראַיאָר... בטחון, וואָס גרייכט פֿון סאַמע דנאָ פֿון שאול תּחתּיה ביזן סאַמע זעניט פֿון בלויען הימל... זאָל כאָטש איין סטראָף ציטירט ווערן, דער סטראָף וועגן אויפֿמאַכן די טיר אין קאַנאַל פֿאַר אליהו הנבֿיא צום שפֿוך חמתך...

דער פּרוש איז נישט צו דערקענען, אַ צוויטער.
זיַין פּנים — אַ בליציק־באַלויכטענע מאַפּע.
פּאַמעלעך, אין קיטל, דעם ליכטיקן גייט ער,
פּראַלט אויף מיטן אַקסל די שטיינערנע קלאַפּע
וואָס פירט אין געהיימשטאָט דורך בײַוועגן שמאַלע
און ברומט: שפּוך חמתך! פּאַרגיס מיט דײַן צאָרן
עמלקן, זאָל אים פּאַרשרפֿען דײַן קללה,
ווי ער האָט פּאַרשײַטערהויפט אונדזערע יאָרן.
אַ ראָב זאָל זיך מיאוסן קראַקען זײַן נאָמען.
און אַלע אים ענטפֿערן איינשטימיק: אָמן.

פֿאַראַנען ביכער און פֿאַראַנען ספֿרים. ביכער ווערן געשריבן מיט ווילן און מיט טאַלענט, צום שרײַבן ספֿרים קומט צו נאָך אַ דריטער עלעמענט: גורל. איך וועל גיין נאָך ווײַטער. עס איז מיגלעך אויפֿצושרײַבן אַ ספֿר אָן ווילן און אָן טאַלענט און נאָר מיטן בלויזן גורל. אָבער ווײל איז דער ליטעראַטור ווען ספֿרים ווערן געשריבן מיט אַלע די דרײַ עלעמענטן צוזאַמען, ווי אין פֿאַל פֿון דער "געהיימשטאָט" סוצקעווערס. ביכער דאַרף מען לעזן גיך, מיט ספֿרים איז זיך נישטאָ וואָס צו אײַלן. זיי אַנטלויפֿן נישט. אַגבֿ — ווערט מען מיט זיי נישט פֿאַרטיק, ווען מען האָט זיי איינמאָל געלעזן. צו ספֿרים מוז מען זיך אומקערן, און נישט נאָר די לעזער קערן זיך אום כסדר צו ספֿרים — אויך זייערע מחברים, כּל זמן זיי לעבן. און עס קען זײַן, אַז די פּאָעמע "געהיימשטאָט" ליגט פֿאַר אונדז אין איר ערשטער פֿאָרעם ערשט, אָבער אויך אין איר ערשטער פֿאָרעם איז זי פּערפֿעקט.

אַבֿרהם סוצקעווערס "אין פֿײַערוואָגן"

אַבֿרהם סוצקעווער איז נישט קיין לײַכטער דיכטער, כאָטש דאָ און דאָרט שײַנט אַרויס פֿון דער לאַנקע פֿון זײַנע לידער אַ ליד, אַזוי לײַכט און פּשוט ווי אַ קאָרן-בלימל, ווי אַ פֿאָלקס-ליד... דער רובֿ פֿון זײַנע לידער האָט אַ קאָמפּליצירטע מאַשינעריע. אַזעלכע לידער מוז מען לייענען פֿון אינעווייניק און אויסנווייניק, נאָענט צו די אויגן און צום האַרץ, ווײַט פֿון די אויגן און פֿון האַרץ, יאָ — ווײַט פֿון האַרץ און נענטער צום מוח. און ערשט דעמאָלט קען מען נישט אַלע זײַנע לידער באַנעמען מיט דעם ערשטן לייען. ער איז נישט קיין אומפֿאַרשטענדלעכער דיכטער, אָבער ער אָפּעריִרט מיט אַ קאָמפּליצירטער וועלט פֿון באַגריפֿן און טאָמער ביסטו אין זיי נישט באַהאַוונט — איז טאַקע שווער צו באַנעמען.

אין סוצקעווערס "אין פֿײַערוואָגן" שטויסן זיך צוזאַמען צוויי וועלטן. צוויי ייִדישע וועלטן. י. י. סיגאַל האָט אַט די צוויי וועלטן אַ מאָל פֿאָרמולירט אַזוי: דאָס גרויסע מת און דער גרויסער נס... וואָס דאָס מיינט: פֿון איין זײַט דער דריטער חורבן און פֿון דער אַנדערער — די באַנייונג פֿון דער ייִדישער מלוכה נאָך אַ חלום פֿון אַ נאַכט פֿון צוויי טויזנט יאָר. סוצקעווער האָט ביידע די איבערלעבונגען אין דער צײַט פֿון זייער קאַטאַסטראָפֿאַלן צוזאַמענשטויס אין די יאָרן 1939 ביז הײַנט דורכגעמאַכט. זינט דעם יאָר 1947 איז ער אין ישׂראל, פֿריִער איז ער געווען אין ווילנע, ווילנער געטאָ, פּאַרטיזאַנקע, מאָסקווע, פּוילן, מערבֿ-אייראָפּע — געווען אַפֿילו אַן עדות אויפֿן נירנבערגער פּראָצעס.

ביבליאָגראַפֿישע נאָטיץ: אין פֿײַערוואָגן — פֿון אַ. סוצקעווער. לידער און פּאָעמעס, געשריבן אין ארץ ישׂראל צווישן די יאָרן 1947-1951. פֿאַרלאַג די גאָלדענע קייט, תל אביב. שער-בלאַט פֿון אריה נבון — צאָל זײַטן 188. דאָס שער-בלאַט, געצייכנט מיט גרויסן קינסטלערישן טאַלענט און טעמפּעראַמענט, שטעלט מיט זיך פֿאָר — אין עטלעכע ווילדע ליניעס, אָבער דאָך גוט אָרגאַניזירטע, אַן אַרויפֿפֿליענדיקן וואָגן — געפֿלויגן דורך צוויי ווילד-צעגריוועטע פֿערד. אַן עלייה בסערה — אַן אויפֿשטײַג אין שטורעם, וואָס איז אונדז באַקאַנט פֿון די מעשׂיות אַרום אליהו הנבֿיא. אין דעם פֿאַל איז עס אַ פּאַראַפֿראַזע פֿון דעם וואָרט "עלייה", וואָס ווערט אָנגעווענדט אויף די גרויסע אימיגראַציע-כוואַליעס קיין ארץ ישׂראל. שוין דער טיטל פֿון סוצקעווערס אַ בוך פֿאָדערט אַ פּירוש — אָבער ווי שיין

קומט ער אַרויס, ווי גרויס, ווען דער פּירוש ווערט אַנגעווענדט. אַט ווי אומקלאָר זאַכן זאָלן אַ מאָל נישט אויסקומען אויפֿן ערשטן בליק בײַ סוצקעווערן — אַלץ איז בײַ אים באַוווסטזיניק. און אַזוי ווי באַוווסטזיניק — האָט עס דאָך אַ לאָגיק. ובֿכן איז ער — עס איז אַ קל וחומר — איינער פֿון אונדזערע פֿאַרשטענדלעכסטע דיכטער.

דאָס בוך איז אײַנגעטיילט אין ציקלען: שהחיינו — לידער פֿון דער נײַער ישׂראלדיקער ווירקלעכקייט. 22 שאַפֿונגען. ווו שטילקייט ראַנגלט זיך מיט שווײַגן — הייסט דער ציקל לידער פֿון דער מדינת ישׂראלדיקער נאַטור. צום סוף פֿון ציקל אַ סעריע לידער פֿון נגבֿ. סך הכּל 35 לידער. 8 לידער זענען אײַנגעטיילט אין אַ באַזונדערער סעריע און הייסן ירושלים. און דאָ קומט אַ סעריע רעטראָספּעקטיווע לידער אונטערן נאָמען די קאַרש פֿון דערמאָנונג. 9 פֿון די דאָזיקע 26 לידער גייען אונטער דעם באַזונדערן טיטל: אַקאָרדן פֿון שטאָלצן וואַלד — קלאָר, אַז דאָס זענען פּאַרטיזאַנער־לידער. דאָס בוך פֿאַרענדיקט זיך מיט אַ ליריש־פֿילאָסאָפֿישער אַלמענטשלעכער סעריע לידער — מעדיטאַציעס וועגן לעבן און טויט: אַ בריוו צו די גראָזן. סוצקעווער שרײַבט אָפֿט עפּיגראַמאַטיש. עס איז נאָר נאַטירלעך בײַ אַזאַ באַוווסטזיניקן דיכטער. אין דער סעריע "אַ בריוו צו די גראָזן" געפֿינט זיך אַט דער עפּיגראַם: איידער כ׳וועל מיט שאָטן מיך באַהעפֿטן — — ענטפֿערט גראָזן אויף אַ קליינער שאלה: — — צווישן אַלע אײַערע געשעפֿטן — — קלערט איר וועגן מענטשן אויך אַ ווײַלע? און די גאַנצע סעריע, און מיט איר דאָס בוך, פֿאַרענדיקט זיך אַט אַזוי: צום ווידערזען — אין צימערל — אין חלום מײַנעם, גראָזן. — צום לידערזען — אין שימערל — וואָס איך האָב אײַך געלאָזן — און פֿאַרגעסט נישט אויפֿבליִען אַ מאָל בײַ מײַן צוקאָפּנס. — — וויל איך, דער רעצענזענט, צוגעבן מײַן שאלה, שוין נישט צו די גראָזן, נאָר צום דיכטער: צי האָט זיך דער מעכטיקער אויפֿשטײַג אין פֿײַערוואָגן געדאַרפֿט ענדיקן מיט אַן אָנבויגן דעם קאָפּ, אַפֿילו אויף אַ רגע נאָר, צו די גראָזן? און אפֿשר, אפֿשר איז דאָס אַזאַ מין דיכטערישער קיטל, וואָס דערמאָנט תּכריכים, און וואָס מען טוט אים אָן דווקא צום סדר... אין דעם פֿאַל צום גרויסן סדר פֿון יציאת צוויי טויזנט יאָר יִדישער געשיכטע אין אַ נײַער תּקופֿה אַרײַן.

סוצקעווער איז פֿון יענעם סאָרט דיכטער, וואָס נייטיקט זיך אין סטודיעס. סטודיע פֿאָדערט זײַן פֿאָרעם, דער מאַטעריאַל פֿון זײַן פֿאָרעם — זײַן לשון, סטודיע פֿאָדערט די באַגריפֿן־וועלט, מיט וועלכער ער באַנוצט זיך, סטודיע פֿאָדערן די געדאַנקלעכע סך הכּלען, וואָס זענען דאָ אין זײַנע נאַציאָנאַל־היסטאָריש־יִדישע לידער. און דער גרעסטער טייל פֿון זײַנע לידער איז אַזאַ. אַפֿילו, ווען ער איז ריין פּערזענלעך אין זײַנע דערמאָנונגען פֿון "שטאָלצן וואַלד" — איז ער אויך ניט בלויז ער, איז ער נאַציאָנאַל־יִדישער סימבאָל. אָבער מיר שרײַבן דאָ בלויז אַ רעצענזיע. מיר זענען אין דעם פֿאַל און דאָ מער נישט אויסן. מיר ווילן בלויז

אַן עפֿן טאָן די טעוועלעך־טויערן פֿון אַט דעם בוך סוצקעווערס — עפֿענען זיי דאָ און דאָרט און אַ בלינץ טאָן מיט זייער ליכט — און אויך זייער שאָטן. עס וואָלט אַוודאי רעכט געווען צו ציטירן — פֿון ערשטן ביזן לעצטן סטראָף — לידער־מוסטערן פֿון אַלע די, אויבן אויסגערעכנטע, ציקלען. דער בעסטער און גע־רעכטסטער סיסטעם ביַים רעצענזירן אַ בוך. איז עס אָבער נישט מעגלעך און מיר וועלן דעריבער ציטירן בלויז איין ליד אין עקסטענזאָ:

די קוויטלעך אויפֿן קבֿר פֿון ר׳ שמעון בן יוחאי

אויף מצבֿה־שטיינער בלאָע
פֿון ר׳ שמעון בן יוחאי
ליגן קוויטלעך אַלערליי,
אָנגעטרערנט,
אָנגעשטערנט
און געחתמעט זענען זיי:
אינדיש,
ייִדיש,
אַראַמעיש
און אַ קאַפּעטשקע העברעיש.

ווען די נאַכט, געשפּינט פֿון זיפֿצן,
היילט און הייליקט די גאולה,
ביַי ל״ג־בעומרדיקע ייִדן
איַינגעזויגן אין הילולא —
דעמאָלט שפּאַלטן זיך די שטיינער
און מיט זיַידענע אַזעלכע
זיידע־פֿינגער — קלייבט ר׳ שמעון
די אַרויסגעבליטע קוויטלעך
און ער לייענט זיי געמיטלעך
ביַי דעם אָפּשיַין פֿון הילולא.

זיַינע אויגן שמייכלען קינדיש
און ער בענטשט אַן אינד אויף אינדיש.

אַט אַ לשון פֿול מיט חידוש —
און ער בענטשט אַ ייִד אויף ייִדיש.

קיין עין הרע
ייִדן גאָרע,
נאָר די ברכות ניט צעמישן.

און ער פֿרייט זיך, וואָס צעווישן
אינדיש,
ייִדיש,
אַראַמעיש,
איז נאָך דאָ אַ טראָפּ העברעיש.

אָפּציטירט אָט דאָס ליד און עס קומען צו גיין און שטעלן זיך אין אַ ריי אַנדערע פּערל, וואָס זענען בײַם לייענען פֿאַרצייכנט געוואָרן צום ציטירן: דאָס ליד "שהחיינו" וועגן מאַמעס, וואָס האָבן געבראַכט קינדער קיין ארץ ישׂראל און דערקענען זיי איצט נישט נאָך דעם אויסצוואָגן זיי בשותּפֿות, און דאָס ליד "ייִדיש", וועגן אַ פֿאַנטאַסטיש־מיסטישער אייביקייט פֿון מאַמע־לשון בײַם כּותל מערבֿי, "שבזי" דאָס ליד וועגן דעם תּימנישן פּייטן, וואָס פֿירט אויף דרײַהונדערט אייזלען זײַנע לידער קיין ארץ ישׂראל און ער אַליין, אויף אַ ווײַסן אייזל, טרילערט אַ ליד פֿון זײַן אייגענעם סידור, "דער וואַלקן" — אַ מעכטיק ליד וועגן דער נגבֿ־בערג־נאַטור, "גלעקלעך פֿון קעמלען" דאָס ליד, וואָס זײַן רעפֿרען, דרײַ מאָל איבערגעחזרט, איז אפֿשר מער ווי דאָס גאַנצע ליד, אַליין אַ ליד: גלעקלעך פֿון קעמלען — קלינגען אין דרעמלען: — רו. — שטערן מיליאַרדן — דעקן דעם ירדן — צו. דאָס ליד "מעלה עקרבים" — אַ באַדיכטונג פֿון דעם "געשטײַג פֿון שקאָרפּיאָנען" אין נגבֿ. דאָס ליד "אילת" — מיט דעם מעכטיקן שלום־אויסקלאַנג פֿאַר יעקבֿס געצעלטן. דאָס ליד "אויפֿן וועג צום כּותל מערבֿי" וועגן אַ ייִדן, וואָס וואַרט מיט אייביקייטס־געדולד אויף משיח און קריצט אַ בעכער. "פֿאַרליבטע" — אַ ליד וועגן יוגנטלעכע קעמפּער, ייִנגלעך און מיידלעך, אין ישׂראל וואָס רופֿן זיך איבער מיט פּונקט אַזעלכע טראַגיש־דערהויבענע קעמפּער אין די געטאָס, דורך דעם אייביק־געוואָרענעם פּאַרטיזאַנער־הימן, די ליד־מעדיטאַציע "דיכטונג" בײַם קבֿר פֿון דעם בעל תּהילים, דעם שׂר פֿון אַל דער דיכטונג פֿון דער וועלט, "די צוואה פֿון נסים לאַניאַדאָ", דעם ספֿרדישן ייִד, אַ צוואה, וואָס רופֿט זיך איבער אַזש מיט דעם גרענאַדיערן־ליד פֿון הײַנריך הײַנע... אַ ליד, וואָס פֿאַרפֿלעכט ווי אַ הבֿדלה — צוויי ליכט אין איין פֿלאַם — די הבֿדלות פֿון דער ספֿרדישער און אַשכּנזישער באַגריפֿן־וועלט, און פֿון דעם אַנדערן טייל פֿון בוך: "דער זילבער־נער שליסל" וועגן דעם טויט, וואָס אין דרויסן איז ער נישטאָ... ווו גויִים זענען און נאָר דאָרט ווו ייִדן האָבן זיך באַהאַלטן פֿאַר אים, און די באַלאַדע "אייביקע בגדים" וועגן תּכריכים, וואָס דעם דיכטערס מאַמע האָט זיך צוגעגרייט

נאָך דעם טאָטנס פֿריִען טויט און סוף־סוף אין זיי אומגעקומען, אָדער דאָס גראָטעסקע ליד וועגן אַ טויטער קאָמפּאַניע מיט מאָטקע חבד, אָדער דאָס ליד "כ'האָב הייַנט בייַם שנייַדן ברויט" — אַ ליד וועגן אַ פֿאַרשניטענעם פֿינגער, וואָס וואַקסט אויס צו אַ נאַציאָנאַל־טראַגישן סימבאָל צוליב אַ שמועס מיט אַ קינד וועגן "אַרייַנלאָזן צוריק דאָס בלוט", און לידער נאָך און נאָך.

און פֿאַרוואָס זאָל מען נישט שרייַבן וועגן סוצקעווערס אייגנאַרטיקער בילדע־רישקייט, וואָס מיט איר איז ער טאַקע קינסטלעריש סוצקעווער און נישט קיין אַנדערער אין דער ייִדישער דיכטער־וועלט? איך זאָג נישט, אַז אָט דאָס איז דאָס העכסטע אין וואָרט־בילדקונסט, אָבער דאָס איז סיי ווי קינסטלעריש גרויס: סקולפּטורן פֿון אָטעם געהאַמערט אין ווינט — (בייַ ווינטערדיקע רייַטער) אָדער: פּאָעטן, וואָס האָבן געסיליעט פּאָעזיע ווי אַ שנירל טויען — אָדער: העלצער האָבן זיך צעבליִט מיט זונען פֿון לאָמטערנעס א.אַ.וו.

אַ לידער־בוך פֿול מיט קינסטלערישער געוואַגטקייט און מיט אַ סך דיכטערי־שער דערגרייכונג. אַ בוך, וואָס נעמט אַרום, ווי מיט צוויי מעכטיקע אָרעמס, צוויי ייִדישע וועלטן — איינע אין אויפֿגאַנג און איינע אין אונטערגאַנג — און שטרעבט צו פֿאַראייביקן מאָמענטן פֿון ביידע אין אייביקע ייִדישע לידער.

סוצקעווערס "גייַסטיקע ערד"

אַבֿרהם סוצקעווער איז אונדזער ערשטראַנגיקער דיכטער. נישט ער דערטראַכט זיך צו זײַן אָריגינעלקייט, נאָר די אָריגינעלקייט האָט זיך דערטראַכט צו אים און האָט זיך אין אים באַזעצט ווי אַ מלאך־דיבוק מיט ווײַס גאָלדענע פֿליגלען און טראָגט אים כּסדר אונטער אומלאָגישע לאָגישקייטן. נײַע, אָריגינעלע ביכער מיט לידער, נײַע טרעפּ אין דער לייטער צום הימל, צום הימל פֿון ייִדישער נאַציאָנאַל אוניוועסאַלער דיכטונג.

ביבליאָגראַפֿיש: אַ.סוצקעווער — גייַסטיקע ערד. אָריגינאַל־האָלצשניטן — א. קאַלניק — פֿאַרלאַג "דער קוואַל", ניו יאָרק. אַרויסגעבער ישראל לאָנדאָן — און אונטער זײַן ליבפֿולער השגחה איז אויך דאָס דאָזיקע בוך פֿון זײַן פֿאַרלאַג אַרויס ווי איינס פֿון די גראַפֿיש שענסטע לידער־ביכער אין ייִדיש. אַרטור קאַלניקס, דעם באַרימטן פּאַריזער מאַלערס, האָלצשניטן זענען אַ שעדעווער אין זייער מין. ייִדישע סימבאָלן — אייראָפּעיִשע פֿאָרם און מײַסטערשאַפֿט. פּונקט ווי די צייכענונגען צו סוצקעווערס "סיביר" פֿון מאַרק שאַגאַל — זענען אויך קאַלניקס האָלץ־שניטן אַזוי אינטעגרירט, אַז אָפֿט קומט אויס, אַז דאָס אָדער דאָס אַנדערע ליד האָט סוצקעווער געשריבן פֿאַר דער אילוסטראַציע און ניט — פֿאַרקערט...
די 144 זײַטן פֿון בוך אַנטהאַלטן פֿיר ציקלען לידער, און די ציקלען רופֿן זיך, אויפֿן ים בײַם געבורט פֿון לעגענדעס — די סאַבּרעס בליִען — אַ חלום פֿון אַ גאָלדשמיד — עפּילאָג. און כּדי געוויסע אויסדרוקן און סצענעס פֿון דער פּאָעמע זאָלן נישט בלײַבן אומפֿאַרשטאַנען — האָט מיכאל אַסטור, סוצקעווערס יוגנטפֿרײַנד, איצט פּראָפֿעסאָר פֿון ייִדיש אויף דער בראַנדייס אוניווערסיטעט אין אַמעריקע, צוגעגעבן קורצע דערקלערונגען.

מיר לעבן אין אַ וועלט פֿון געוואַלטיקע טראַנספֿאָרמאַציעס, און ווי עס קריסטלט זיך — ייִדלט זיך. טויזנט, אָדער טויזנטער יאָרן האָבן מיר ייִדן געלעבט מיט אַ ירושלים של מעלה אין האַרצן, טרעטנדיק אויף אַלעקסאַנדריעס, קאָרדאָוואַס, ווילנעס און וואַרשעס של מטה. איז געקומען אַ צײַט — ווען ווילנע איז געוואָרן ווילנע של מעלה און ירושלים — בלײַבנדיק היסטאָריש־אייביק של מעלה איז אויך געוואָרן ירושלים של מטה.

אַט דעם דאָזיקן גילגול האָט זיך סוצקעווער — באַוווסטזיניק, אָדער אינ־

טויטיוו — פֿאַרנומען דיכטעריש אָפּצושפּיגלען אין וואָרט־בילד און אין וויזיאָנערן וואָרט. אין דער פּאָעמע "סיביר", אין אַ באַרג פֿון פּראָסטגליענדיקן שניי, האָט זיך די וויזיע אָנגעהויבן. צו "אין מדבר סיני", צו אַ באַרג גליענדיקן, הייסן מדבר־זאַמד איז זי דערגאַנגען. סיביר־סיני — אַפֿילו די צוויי ווערטער קלינגען זיך ערגעץ צוזאַמען. ווי אַנטיפּאָדן. ווי אָנהייב און סוף־פּונקט פֿון אַ ייִדישער וועלט־ליניע. אויך "געהיימשטאָט" און "גייַסטיקע ערד" זינג־זאָגן זיך ערגעץ צוזאַמען. אויך אין קלאַנג פֿון די ווערטער. דאָרט — אַ מנין איינגעשפּאַרטע, גורלדיקע לעבן געבליבענע ייִדן אין די קאַנאַלן פֿון ווילנער געטאָ; דאָ מנינים פֿון לעבן־געבליבענע, פֿון די קאַנאַלן אַרויסגעקומענע, וואָס שפּאַרן זיך אין אָפֿענעם ליכט פֿון דער זון צו דער גייַסטיקער ערד, צו וועלכער זיי האָבן אין דער פֿינצטער פֿון די קאַנאַלן געבענקט, צי זיי גופֿא זענען טאַקע דאָרט געווען אין גוף, אָדער בלויז אין גייַסט.

"גייַסטיקע ערד" — אַ גוטער נאָמען פֿאַר אַט די לידער, ער שטרייַכט אונטער די גייַסטיקייט און ממילא די אוניווערסאַלקייט פֿון ייִדישן לאַנד־געפֿיל.

שווער צו געבן דעם אינהאַלט פֿון אַזאַ קאָמפּליצירטער פּאָעמע אין פֿיר ציקלען ווי עס איז "גייַסטיקע ערד", דער עיקר אין אַזאַ צימצום. מיט איין וואָרט: עס איז דער פּאָעטישער בת־קול פֿון יאָר 1947, דעם יאָר פֿון גרויסן צוזאַמענפֿאַל אויף שבֿעה ימים, דעם לעגענדאַרן קאַמף מיט די זיבן שונאים און דעם לעגענדאַרן זיג איבער זיי. די פֿאָרעם פֿון דער פּאָעמע: דורכאויס צען שורהדיקע סטראָפֿן אין יאַמבישן ריטעם. יעדער סטראָף — 110 טראָפֿן. אַ מייַסטערשטיק אויך פֿון פֿאָרעם פּאָעטישער. איך וואָלט די סטראָפֿן גערופֿן סוצקעווער־מנינים.

לאָמיר ציטירן אין גאַנצן דעם לעצטן פֿון די פּאָר הונדערט סטראָפֿן פֿון בוך:

(דאָ ווערט באַזונגען די באַגעגעניש פֿון דעם דיכטער מיט דעם גענעראַל יצחק שדה, וואָס נאָר די נאַציאָנאַלע נויט־נויטווענדיקייט האָט געמאַכט פֿאַר אַ גענעראַל — וואָרום אין דער אמתן איז אויך ער מער דיכטער־קינסטלער געווען ווי גענעראַל).

אַנטקעגן ביידן — טויטער ים. אַ זעגל
דערנענטערט זיך צום באָרטן פֿון יהודה.
אַ רעגן, ווייַס־און־בלוי, איז עולה־רגל
און שפּרייט אַ שפּריי, אַ היילנדיקע רו דאָ.
און האָנט אויף אָקסל ביידע שווייַגן לויטער
געהאָרכיק צו דעם אַנדערנס מחשבֿות:
דער טויטער ים וועט מער ניט זייַן קיין טויטער,
נאָר בלייַבן וועט אין האַרץ אַ ים־המות —
יהודה־בערג און פֿלוינען שטוינען, שטוינען:
אַ פֿרילינג־רעגן ווייַס־און־בלוי. מיר בענטשן זייַנע קרוינען.

אין ליכט פֿון די דאָזיקע צען שורות וועלן אפֿשר קלערער און העלער ווערן די טונקעלע — אפֿשר — שורות פֿון אָנהייב פֿון דעם מאמר וועגן ירושלים — וואָס ווערט פֿון של מעלה — של מטה, און פֿון ווילנע, וואָס ווערט פֿון של מטה — של מעלה... אָט דאָס איז איינער פֿון די דיכטערישע זינענס פֿון דעם בוך "גײַסטיקע ערד" און — קען זײַן, אַז אויך דער גורלדיקער זינען פֿון סוצקעווערס שליחות אַלס ייִדישער משורר.

סוצקעווער און די איינמאָליקייט

אַן אומצאָל תּנאים שטעלן די קריטיקערס און די געקליבענע לייענערס — און זײַנען זענען זיי אַפילו אין די בעסטע און גרעסטע ליטעראַרישע קרײַזן פֿון די ליטעראַרישסטע פֿעלקער, ניט מער ווי אַ פּאָר מנינים — צו אַ בידנעם פּאָעט, אויב ער וויל זײַן אַ בוים אין דעם וואַלד פֿון דער דיכטונג און די דיכטערס, וואָס זעט זיך אַרויס, אַ שטערן אין הימל פֿון דער דיכטונג און די דיכטערס, וואָס שײַנט העלער. יאָ, אַן אומצאָל תּנאים — איינער שווערער פֿון דעם אַנדערן. וועלט־ און אַל־באַקאַנטע תּנאים — און ניט נייטיק זיי דאָ איבערצוחזרן.

די צוויי שווערסטע און העכסטע און זעלטן דערגרייכבאַרע תּנאים זענען: אָריגינעלקייט, און — דער סאַמע העכסטער שטאַפּל, וואָס איבער אים איז שוין דער הימל אַליין — איינמאָליקייט.

מעג זיך דער דיכטער זײַן ווי גוט: ריטעם, גראַם, אינהאַלט, איבערלעבונג, געפֿיל, בילדערישקייט (שוין צוויי און אַ האַלב טויזנט יאָרן, זינט דעם יוון סימאָנידעס, ווייסט מען, אַז פּאָעמעס זענען ריידנדיקע בילדער און בילדער זענען שווײַגנדיקע פּאָעמעס), אידעע, שליחות, לשון־שפֿע — איז אַלץ ווייניק און ווייניק. ער דאַרף אויך זײַן אָריגינעל. ער דאַרף זײַן אַנדערשדיק לכל־הפּחות אויב שוין ניט טאַקע אַנדערש.

דיכטונג איז ווי אַ פּאַרמעסט־געיעג אויף רײַטוועגן פֿון ווערטער, די געיעג־פֿערד זענען די טאַלענטן. וואָס מער גרינגשאַפֿט אין די פֿיס און — פֿליגלען פֿון די טאַלענטן (ווײַל עס רעדט זיך דאָ ניט וועגן פּשוטע פֿערד און נײַערט פּעגאַזן) אַלץ זיכערער און נאַטירלעך אויך שנעלער קומט מען אָן צום ציל — און דער ציל איז די דויערנדיקייט און אַפֿילו די אייביקייט. (מכּוח דעם לעצטן קומט ערשט אין דער ווײַטער צײַט פֿאַר אַ באַזונדערער פּאַרמעסט־געיעג — אָבער וועגן דעם איז שוין ניט לויט אונדזערע כּוחות צו מעדיטירן).

אין פֿאַרלויף פֿון דעם פּאַרמעסט־געיעג הייבן אָן אָפּצושטיין דיכטערס מיט כּלערליי מעלות — און אַ מאָל אַפֿילו באַדײַטנדיקע. אַלערליי ריטעם־קינסטלערס, גראַממײַסטערס, אינהאַלט־האָבערס, געפֿיל־באַהאַרצטע, בילדערישקייט־רײַכע אײַדעענפֿולע, שליחות־אַנגעלאָדענע, לשון־שפֿע־מאַגנאַטן. און עס בלײַבן אויפֿן פֿעלד נאָר די, וואָס האָבן אי די אַלע מעלות און אי נאָך עפּעס: אָריגינעלקייט. אָבער

אָריגינעלקייט איז נאָך ווייניק, כאָטש די פּעגאַזן וואָס זענען נאָך געבליבן אויף דער פֿאַרמעסטונג, צאַפּלען שוין מיט די לעצטע פֿליגל־כּוחות — עס דאַרף נאָך זײַן איינמאָליקייט.

וואָס איז אָריגינעלקייט ?

ווי שווער עס איז בכלל צו דעפֿינירן: וואָס איז פּאָעזיע ? — אַזוי איז נאָך אַ סך מאָל שווערער צו דעפֿינירן: וואָס איז אָריגינעלקייט אין דער פּאָעזיע. מחמת אָריגינעלקייט איז ניט סתּם אַנדערשדיקייט. סתּם אַנדערשדיקייט איז מעכאַניש. קען אַ מאָל פּשוט צוגעטראַכט ווערן מיטן שווייס פֿון פּנים. אָריגינעלקייט מוז געבוירן־געשאַפֿן ווערן, האָבן אין זיך דאָס לעבן פֿון אַ קינד, אַ הירש, אָדער כאָטש אַ יונג ביימל: אָריגינעלקייט דאַרף ניט אַרויסקומען פֿון שׂכל, אָבער דאַרף זיך לייגן אויפֿן שׂכל.

אָריגינעלקייט אין דער פּאָעזיע איז דעמאָלט דאָ, ווען דער דיכטער באַנוצט זיך מיט איינעם פֿון די עלעמענטן אירע אויף אַזאַ אופֿן ווי קיינער האָט זיך ביז איצט ניט באַנוצט. די אָריגינעלקייט מוז זיך ניט אויסשטרעקן אויף אַ גאַנץ דיכטער־לעבן. אַוודאי — וואָס מער און וואָס לענגער איז בעסער. אָבער עס קענען זײַן בלויז עטלעכע אָריגינעלע בליצן בײַ אַ דיכטער און ער זאָל שוין באַטראַכט ווערן ווי אַן אָריגינעלער פּאָעט. און די עלעמענטן, לאָמיר זיי נאָך אַ מאָל אויס־רעכענען, זענען: ריטעם — גראַם — אינהאַלט — איבערלעבונג — געפֿיל — בילדערישקייט — אידעע — שליחות — לשון־שפֿע — נעאָלאָגיזמען — דוגמאות — פֿאַרגלײַכן — אַליטעראַציע — אַסאָנאַנס — אָנאָמאַטאָפּעע — מאַראַל — און נאָך און נאָך און נאָך.

נישט אין יעדן ליד קענען אַלע די עלעמענטן זײַן און זײַן אָריגינעל גענוצט. אָבער אין אַ פֿאַרנעמיקן אָריגינעלן דיכטער — קען מען זיי אין זײַן גאַנץ ווערק, אין זײַן לעבנסווערק געפֿינען און דאָך איז דאָס ניט קיין מוזזאַך, אַז אַ דיכטער זאָל גילטן ווי אַן אָריגינעלער דיכטער.

אַ גרויסן טייל פֿון אָריגינעלקייטן אויף די אויסגערעכנטע עלעמענט־געביטן קען מען בײַ אַבֿרהם סוצקעווערן געפֿינען. שוין איצט. און, אויב מיר מאַכן נישט קיין טעות אין חשבון, האָט ער ביז איצט צוועלף זאַמלונגען פֿון זײַנע לידער אַרויסגעגעבן. מיר שטרײַכן אונטער: שוין איצט, און ביז "הונדערט און צוואַנציק" איז אים נאָך ווײַט־ווײַט — אפֿשר נאָך צוועלף לידער־זאַמלונגען ווײַט. וואָרעם סוצקעווער איז אַזאַ אויסגעשפּראָכענער פּאָעט, אַז זײַנע יאָרן דאַרפֿן זיך ציילן לויט זײַנע לידער־זאַמלונגען. אָט אַזוי ווי מען זאָגט אַ מאָל אויף אַ שיין מיידל: זי איז אַכצן פֿרילינגען אַלט... סוצקעווער איז צוועלף לידערביכער אַלט...

אין קליינעם ים פֿון סוצקעווערס לידער איז ניט גרינג צו זוכן דוגמאות צו די טענה פֿון אונדזער מאמר. דאַרף מען זיך פֿאַרלאָזן אויף טראָף פֿון מזל. גיב איך אַ שטעל אויס אַ ריי פֿון זײַנע ביכער אויפֿן טיש און איך נעם אַרויס דאָס

בוך "גײַסטיקע ערד" און איך מיש דאָרט אויף זײַט 54 און איך שרײַב איבער די ערשטע צען שורות פֿון יענעם זײַטל:

פֿון סאַמע ווינקל, איין־אַליין, יחידיש,
מיט ברייטן שמייכל גוטמוטיק־ נאַיִוון,
באַגריסט מיך אַ פּאָעט, וואָס שרײַבט אויף ייִדיש,
און "מאַכט אַ וואָרע" זאָגט ער הויך בכּיוון.
מען רופֿט אים שׂימחה, און אים פּאַסט דער נאָמען,
ווי ס׳פּאַסט אַ יונגן דיכטער זײַן טשופּרינע;
ווי ס׳פּאַסט אין שול אַ יתום זאָגן: אָמן,
און ווי עס פּאַסט פֿאַר שׂימחהן זײַן פֿרײַנדינע,
וואָס גייט אים אויס מיט בלימלעך אַ רובאַשקע,
און וועט באַלד קומען אין "קנקן" מיט אים צו טרינקען משקה.

אוודאי אויפֿן געביט פֿון ריטמען איז שווער צו זײַן אָריגינעל, אַזוי ווי עס איז שווער צו זײַן אָריגינעל אויפֿן געביט פֿון דער אַריטמעטיק. 3 און 4 איז 7, און 7 מאָל 7 איז 49. מען קען דאָ גאָרניט העלפֿן און וויניק וואָס מחדש זײַן. יאַמב איז יאַמב און טראָכיי איז טראָכיי און אַמפֿיבראַך איז אַמפֿיבראַך — קורץ־לאַנג, לאַנג־קורץ, קורץ־לאַנג־קורץ — און מער ווי צוויי, דרײַ, העכסטנס פֿינעף טראָפֿן, קען קיין פֿערזפֿוס זיך נישט אויסצײַען. אָבער פּרעציז קען זײַן דער ריטעם און דאָס איז ער — דאָרט ווו סוצקעווער וויל און דאָרט ווו עס איז נייטיק — מיט דער פּרעציזיע פֿון אַ כראָנאָמעטער. אָבער אין די גראַמען איז שוין דאָס פֿעלד נישט אַזוי באַגרענעצט. עס קען בלויז זײַן שוין פֿריער אויסגענוצט. און דאָ איז סוצקעווער אָריגינעל — אין דעם ציטירטן צען־שורה־סטראָף — אַגבֿ, סוצקעווערס אַ באַליבטער סטראָף, אפֿשר אַן אוררמז אויף די עשׂרת הדיברות... זענען דאָ פֿינעף גראַמען־פּאָרן, זענען פֿון די דאָזיקע פֿינעף אַזש גאַנצע פֿיר פּאָר שידוכים צווישן אַלגעמיין־ייִדישע ווערטער מיט עבֿרית־עלעמענטן: יחידיש־ייִדיש, נאַיִוון־בכּיוון, נאָמען־אָמן, רובאַשקע־משקה: און דאָס פֿינעפֿטע פּאָר טשופּרינע־פֿרײַנדינע איז אַ מישונג מיט אַ סלאַוויזם. נאָר יענער פּאָעט, וואָס לשון איז בײַ אים כּחומר ביד היוצר קען באַווײַזן אַזוינס.

בילדערישקייט, בילדער, ווי מיר ווייסן שוין זינט יאָרטויזנטער, זענען שווײַגנדיקע לידער און לידער זענען ריידנדיקע בילדער. און אויך דאָ לאָמיר אַן עפֿן טאָן אַ בוך, דאָס מאָל "אָאַזיס", זײַט 59. דאָס זעקס־שורהדיקע ליד רופֿט זיך: "אַ מענטשן־פֿרעסער".

דאָס נײַ געבוירענע בײַם שכן, ס׳ערשטע מאָל אין וויגל,
געדענקט נאָך פֿון גן־עדן־צײַט אַ זמרל, אַ ניגל.

מייַן טאָכטער — גאַנצע פינף יאָר אַלט — איז נייַגעריק, מקנא,
אַ הירשלדיקע לויפט זי זען ווי שיין עס ווייגט אילנה.

מיט אַש באַשאָטן קומט זי באַלד פון יענע דלד אַמות:
— אילנה איז אַ מענטשן־פּרעסער, פּרעסט די ברוסט . . . איר מאַמעס . . .

אַ קינד האָט געזאָגט אַ וואָרט — צופעליק האָט עס מיר סוקצעוועו דערציילט נאָך איידער ער האָט דאָס ליד געשריבן — און עס איז אַזוי אַנדערשדיק־אָריגינעל, אַז עס האָט סוף־כל־סוף געמוזט טיף איבערגעלעבט ווערן, און אַרייַנגעגלידערט, אַרייַנגעלידערט אין סוקצעווערס לידער־אוצר. (דרך אַגב: האָט איר באַמערקט די גראַמען־שידוכים?), איז אין דעם ליד אויך דאָ אידעע און שליחות, ווייַל אויך דאָס, און נאָך ווי! — זענען עלעמענטן פון דער פּאָעזיע. בראשית, ווען דאָס ליד איז אייַנגעפאַלן אין געמיט — אפשר נישט. אָבער אַז דאָס ליד איז אויפגעשריבן געוואָרן האָט זיך די אידעע אַרייַנבאַקומען אין דעם ליד דורכן פּענצטער . . . און זי איז דאָ. בפירוש. אַ גאַנצן פּאַראַגראַף מיט טייַטשונגען וואָלט מען דאָ געקענט אַרייַנשרייַבן. אַזוי איז עכטע פּאָעזיע.

מיר וואָלטן געקענט נאָך ווייַטער מעדיטירן און מעדיטירן — וועגן סוקצעווערס אָריגינעלער לשון־שפע, זייַנע נעאָלאָגיזמען, וואָס וואַקסן, אַזוי ווי נאַטירלעכע גרעזעלעך אין פרילינג, אויף די בייטן פון זייַן לשון־שפע: אַ זמרל, אַ ניגל. אָבער דאָס וואָלט אונדז צו ווייַט אוועקגעפירט. דאָס איז אַן אַרבעט פאַר אַ פאָרשער מיט אַ קאַרטלעך־סיסטעם בייַ דער זייַט. און אַזאַ זאַך שפּרינגט אַרויס און אַריבער איבער די רעמלעך פון דעם דאָזיקן מאמר.

אָריגינעלקייט — איז זי אַ מוזזאַך? מיר האָבן דאָך מיט אַ בלעטל פריִער זיך אַליין געפרעגט און זיך אַליין געענטפערט, אַז נישט. אָבער נאָך די שורות, וואָס מיר האָבן ווייַטער געשריבן, זענען מיר אַליין איבערצייַגט געוואָרן קעגן זיך אַליין: יאָ, אָריגינאַליטעט איז יאָ אַ מוזזאַך פאַר אַ דיכטער — און בעיקר פאַר אַ דיכטער פון אַ הויכער סטאַטור.

און אויב אַזוי — וואָס איז מיט דער איינמאַליקייט? איז זי אפשר אויך אַ מוזזאַך בייַ אַ דיכטער פון אַ גרויסער סטאַטור? מיר האָבן שוין מורא צו ענטפערן אַז נישט — אפשר וועלן מיר זיך אַליין אַ פאַר צענדלינג שורות ווייַטער דערשרייַבן צו אַ יאָ. נאָר יאָ צי נישט מוזזאַך — לאָמיר זאָגן אַ פאַר ווערטער וועגן סוקצעווערס איינמאַליקייט.

מיר האָבן אין זינען זייַן "געהיימשטאָט". מיר האָבן אין זינען זייַן "אין מידבר סיני".

כאָטש אָריגינעלקייט איז אַזאַ מין עלעמענט, וואָס מוז מיט דעם מענטשן מיטגעבוירן ווערן, ווי די פאַרב פון זייַנע אויגן, די פאָרעם פון זייַנע פינגער, דאָך

קען מען איר, דער אָריגינעלקייט, אויך צוהעלפֿן אַ ביסל מיט דעם אינטעלעקט, אויב זי איז שוין סײַ ווי סײַ דאָ אין דער נשמה. און קיין בייז אין דעם.

אָבער די אייגנמאַליקייט — מיט איר אַליין ווערט מען נישט געבוירן. מען ווערט נאָר געבוירן מיט דעם טאַלענט, דעם געניוס, צו קענען אויפֿנעמען אין זיך די אייגנמאַליקייט, ווען זי קומט. נאָר קומען קומט זי פֿון דרויסן — פֿון די טיפֿענישן פֿון גיהנום, פֿון די הייכן פֿון הימל, פֿון די ווײַטענישן פֿון דער געשיכטע פֿון דער וועלט, פֿון דער מענטשהייט, פֿון אייגענעם פֿאָלק.

סוצקעווערס ״געהיימשטאָט״ איז אַ פּאָעמע וועגן אַ מנין ייִדן, וואָס זענען אַרונטער אין די קאַנאַלן פֿון עיר ואם בישׂראל — ווילנע, ירושלים־ דליטא — און דאָרט איבערגעדויערט דעם חורבן, דאָרט איבערגעלעבט אַ פּסח, דאָרט געפּראַוועט סדרים, געטרונקען ווײַן אויף קידוש און אַפֿילו באַהאַלטן אַ ביסל — טאָמער וועט מען דעם ווײַן נאָך אַ מאָל דאַרפֿן.

עס איז אַ טעמע, אַוודאי. אַלץ איז טעמע. אַפֿילו מעשׂה בראשית איז אויך אַ טעמע. אָבער אַ דיכטער מוז האָבן דעם כּוח אָנצולאָדן די טעמע אויף זײַנע אַקסלען און דורכצוטראָגן זי אויף אַ פּאַפּירענער בריק צום ברעג פֿון אַ בוך, אַ בוך אויף צו דויערן אייביק. וואָרעם סוצקעווערס ״מעשׂה־געהיימשטאָט״ (לאָמיר עס אַזוי רופֿן) איז אַ בוך מיט אייביקייט — כאָטש עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין יאָר 1948, און איצט האָבן מיר ערשט 1963.

אויך ״אין מידבר סיני״ איז אַן אייגנמאַליקע מעשׂה — און אויך דעם דאָזיקן ציקל סוצקעווערס וואָלט מען מסתּמא געמעגט און געקענט רופֿן ״מעשׂה־מידבר־סיני״. דער ציקל איז דערשינען אין יאָר 1956 — נאָך דער טראַגיש־אויפֿגעצווונגע־נער ייִדישער ווידערבאַגעגעניש מיט סיני נאָך פֿערטהאַלבן טויזנט יאָר. דער ציקל בײַ סוצקעווערן האָט צען לידער צו צוועלף שורות. אַ שורה אַ שבֿט... און יעדע שורה האָט צען פּערזנפּיס און דער גאַנצער ציקל צען לידער — אַ ליד אַ דיברה.

דער ציקל — דער אין אַ ליטעראַטור, און אויך בײַ אַ דיכטער, אייגנמאַליקער לידער־ציקל — שליסט זײַן ליד ״ט״ אָט אַזוי:

> זאָל רו און שלום קומען שוין געשווינדער.
> פֿון באַרג אין סיני בלאָז אָוועק די שׂינאה.
> פֿאַרשנײַד אויף ס׳נײַ אַ בונד מיט דײַנע קינדער,
> און זאָלן רויטע זאַמדן ווערן גרינע!

און מיר וועלן שליסן די דאָזיקע חבֿרישע רייד אַזוי ווי מיר האָבן זיי גע־שלאָסן בײַ אַ פֿרײַערדיקער געלעגנהייט אַ מאָל לכּבֿוד אַבֿרהם סוצקעווערן: וואָס קען זײַן טיף־תּהומיקער ווי ״געהיימשטאָט״, וואָס קען זײַן הויך־האָפֿערדיקער ווי ״אין מידבר סיני״ — און וואָס קען זײַן אייגנמאַליקער!

ווען אייביקייט, פּאָעזיע און מהות פון שאַפֿן

(אינטערוויואירט פון דעם דיכטער און קריטיקער אַ. טאַבאַטשניק
פאַר דער רעקאָרדירטער אַנטאָלאָגיע: "די שטים פון יידישן פּאָעט")

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: ליבער ראַוויטש, איר האָט פאַרענדיקט דאָ פאַרלייענען פון אייערע לידער פאַר דער רעקאָרדירטער אַנטאָלאָגיע און איצטער וואָלט איך געוואָלט מיט אייך נישט סתם כאַפּן אַ שמועס, נאָר שטעלן פראַגן. דער עיקר בין איך איצט פאַראינטערעסירט אין דעם וואָס איר האָט צו זאָגן. און איך גלייב אַז עס וואָלט געווען גוט אַז מען זאָל אָנהייבן פון סאַמע עיקר. איך וועל אייך פרעגן אַזאַ פראַגע: וואָס, האַלט איר, איז פּאָעזיע? ווי וויכטיק איז פּאָעזיע? וואָס איז איר פונקציע אין מענטשלעכן לעבן? ווער דאַרף זי? און צו וואָס דאַרף מען זי? צי האָט זי נאָך אויך פּלאַץ היינט אין לעבן פון מענטשן?

מלך ראַוויטש: איך האַלט אַז פּאָעזיע דאַרף פאַרשטאַנען ווערן אויף גאָר, גאָר אַ טיפן און אַ הויכן אופן. אַז פּאָעזיע איז דאָס סאַמע וויכטיקסטע אין דער וועלט. מיט פּאָעזיע, מיט עטלעכע פּאָעטישע ווערטער, האָט זיך דאָך אָנגעהויבן די וועלט, לויט דער מסורה. און איך מיין אַז נישט בלויז אין דער מסורה איז עס אַזוי, נאָר אַז וועלט האָט זיך פאַקטיש ערגעץ ווו, אויף אַן אופן וואָס מיר פאַרשטייען נישט, אָנגעהויבן טאַקע מיט פּאָעזיע, מיט ווערטער, מיט פּאָעטישע, מיט הויכע ווערטער, וואָס האָבן אַרויסגעצוווּנגען, אַרויסגעכישופט די וועלט. איך האַלט פון פּאָעזיע זייער אַ סך. איך האַלט לידער נישט אַזוי פיל פון דעם, וואָס עס דאַרף זיין דער שאַפער און דער געניסער פון דער פּאָעזיע, פון דעם מענטש. און דער עיקר אין דער לעצטער צייט. ער איז מיר עפּעס קאַליע געוואָרן, אָבער אַ זאַך, וואָס איז קאַליע געוואָרן קאָן מען פאַרריכטן. פּאָעזיע איז זייער אַ וויכטיקע זאַך. זי איז דאָס אומפאַרשטענדלעכע, אייגנטלעך דאָס געטלעכע. וואָרעם פּאָעזיע קאָן מען דאָך נישט דעפינירן. וויפל דעפיניציעס איר זאָלט נישט פּרווון פאַרמולירן, און וויפל איר זאָלט נישט געפינען, איז פּאָעזיע אַלץ עפּעס אַנדערש. איך האַלט דווקא פון דער דעפיניציע פון פּאָעזיע אין דער בריטישער ענציקלאָפּעדיע. נאָר וואָס זאָגט דאָס? וויפל פּאָעטן האָבן זיך שוין באַמיט צו דעפינירן פּאָעזיע. אוממעגלעך. ווייל פּאָעזיע איז טאַקע געטלעך און געטלעכקייט לאָזט זיך נישט דעפינירן. איז דאָס אַ שטיקל ענטפער?

אַ. טאַבאַטשניק: ס׳איז אַן ענטפער, אָבער אויב איר האַלט טאַקע, אַז פּאָעזיע איז אַזאַ וויכטיקע זאַך, איז ווי קאָנט איר, לויט אײַער מיינונג, באַנעמען וואָס זי האָט אַזאַ שלעכטע מערכה און אַזוי ווייניק מענטשן פאַרנעמען זיך מיט איר? אַפילו בײַ אונדז, דעם עם הספר אינטערעסירן זיך אויך זייער ווייניק מיט דער פּאָעזיע.

מלך ראַוויטש: איך וועל אײַך דערציילן עפּעס אַ זאַך, וואָס איך האָב איבערגעלעבט אין די לעצטע עטלעכע טעג, וואָס האָט אויף מיר געמאַכט זייער אַ גרויסן רושם. און איך האָב דורך דעם באַוויזן, אַז איך בין נישט אינגאַנצן עפּעס אַ משוגענער, וואָס איך האָב אַזעלכע הויכע געדאַנקען וועגן פּאָעזיע. איך בין געווען אין דער יוניווערסיטעט ניישאַנס. איך בין אַ שטיקל גלייביקער מענטש, איז גלייב איך אין די יונייטעד ניישאַנס... איז ווען איך בין דאָרט געווען, האָב איך זיך דאָרטן באַגעגנט מיט פּראָפעסאָר רפאל לעמקין, זיכער האָט איר דעם נאָמען געהערט, דער וואָס האָט געשאַפן דאָס וואָרט "גענאָסיד" און אַ געזעץ קעגן דעם. און 57 פעלקער, פון די 80 פעלקער מיטגלידער פון "יו־ען" האָבן שוין דאָס אָנגענומען. איין מענטש האָט פאַרפאַסט אַ געזעץ און 57 רעגירונגען האָבן אָנגענומען דעם גרויסן געדאַנק. איז הערט אויס: זיצן מיר אַזוי אין דער יונייטעד ניישאַנט און מיר קוקן אַרויס דורכן פענצטער, און ער, לעמקין, דערציילט מיר אַלערליי זאַכן, און ער פרעגט בײַ מיר אַלערליי זאַכן און ווײַזט אויס אַז אַ סך זאַכן זענען אים נײַ געווען, וואָס אַפילו איך האָב אים געהאַט צו דערציילן, ער איז אַ נייגעריקער מענטש, זייער אַן אויפריכטיקער און זייער אַן ערנסטער.

און בײַם סאַמע סוף, אַז מיר דאַרפן זיך שוין געזעגענען, זאָגט ער: זעצט אײַך נאָך אַוועק איר זענט דאָך אַ פּאָעט. און ער זאָגט: איך בין אויך אַ פּאָעט. און שטעלט אײַך פאָר אַז ער האָט מיר פאַרגעלייענט אין ענגליש געשריבענע לידער וואָס ער האָט געדיכטעט וועגן דעם גענאָסיד. ער וועט דרוקן די לידער און ער זאָגט: ער וועט זיך באַמיען אַז די לידער זאָלן געלעזן ווערן און טאַקע פאַר דעם פאָרום פון דער וועלט. שטעלט אײַך פאָר: לידער הויבן אָן צו שפּילן אַ ראָל אין דער וועלט־פּאָליטיק... איך ווייס נישט צי דאָס וועט געלינגען. נאָר אַפילו דער געדאַנק אַליין — ברענגט דאָס אײַך נישט אויף זייער מערקווירדיקע מחשבות?

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: אָבער וואָס הערט זיך מיט דעם געוויינלעכן פּשוטן ייִדן. פאַרוואָס זאָל ער אויך נישט געווינען פון דער דאָזיקער געטלעכקייט?

מלך ראַוויטש: דער געוויינלעכער פּשוטער ייִד. מען דאַרף עפּעס טאָן. אַליין ווערט גאָרנישט. איך פיל אַז עס קומט אין דער וועלט אַן אויפלעבונג פון דער פּאָעזיע. מען דאַרף גאָר זײַן גלייביק, ציל־באַוווסט, נישט פאַרטייִש, נישט מיט מאַכט, נאָר מיט גײַסטיקער איבערצײַגונג דאַרף מען גיין אין דער ריכטונג, וועט די מערכה ווערן אַ בעסערע.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: זאָגט מיר, ראַוויטש, איר האָט נישט דעפֿינירט און יאָ דעפֿינירט פּאָעזיע, און באַצייכנט זי מיטן נאָמען: געטלעכקייט. האַלט איר אַז עס איז פֿאַראַן עפּעס אַ ספּעציפֿישע ייִדישע פּאָעזיע אין אונטערשייד צו פּאָעזיע בכלל?

מלך ראַוויטש: זעט איר, עס איז אַזוי, איך בין אַ ביסל געכאַפּט אין דער מעשׂה פֿון שליחות פֿון ייִדישן פֿאָלק. מען האָט דעם געדאַנק פֿייַנט אין אונדזערע קרייַזן. איך גלייב אַז יעדער פֿאָלק האָט אַ שליחות, און ממילא האָט דאָס ייִדישע פֿאָלק אַ שליחות. און זייַענדיק פֿאָרט אַן אַלט פֿאָלק, אַ פֿאָלק וואָס טראַכט, אַ פֿאָלק וואָס לעבט איבער, וואָס לייַדט, איז די שליחות פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק אפֿשר — איך וויל נישט זאָגן אַ וויכטיקערע — איך וועל זאָגן בעסער: אַן אַנדערע. עפּעס מיט מערער ליכט, אַ מערער דורכגעלויכטענע שליחות. און ממילא האָט די ייִדישע פּאָעזיע אויך די דאָזיקע שליחות. אָבער עס דאַרף זייַן אַ פּאָעזיע, וואָס שליחות איז אין איר אינהאַלט. אָט דאָס מיין איך.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: לאָמיר צוגיין קאָנקרעטער צו דער פֿראַגע. וואָס איז לויט אייַער מיינונג די גרויסע דערגרייכונגען פֿון דער ייִדישער פּאָעזיע, אָנהייבנדיק פֿון מאָריס ראָזענפֿעלד ביז הייַנט צו טאָג?

מלך ראַוויטש: זעט איר, דאָס איז אַ שווערע פֿראַגע.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: אָבער עס איז שליחות.

מלך ראַוויטש: דאָס איז זייער אַ שווערע פֿראַגע, ווייַל מען דאַרף אָנרופֿן נעמען...

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: דאָס איז דווקא זייער גוט. זייער וויכטיק אַז איר זאָלט אָנרופֿן נעמען. מיר רעדן וועגן אַ קאָנקרעטער זאַך, ייִדישע פּאָעטן.

מלך ראַוויטש: איך וועל אייַך אָנרופֿן נישט קיין סך נעמען. איך וועל אייַך אָנרופֿן אַ נאָמען דווקא פֿון זייער אַ יונגן דיכטער. אַבֿרהם סוצקעווער. מיר זענען דאָך שוין אַ ביסל געכאַפּט אין זיקנה. וועל איך אייַך אָנרופֿן דעם נאָמען פֿון זייער אַ יונגן דיכטער. ער איז אין די פֿריִע פֿערציקער. איך האַלט אַז זייַן פּאָעמע "געהיימשטאָט" האָט אין זיך אַזעלכע עלעמענטן, וואָס איר קאָנט דאָס נישט געפֿינען בייַ קיין שום אומה ולשון. דאָס איז אַ גרויסע פּאָעמע. און איך רוף אָן דווקא בלויז דאָס איינע ווערק. איך רוף נישט אָן קיין שום דיכטער־ווערק, נאָר בלויז דאָס איינע. נישט ווייַל עס איז געקומען אויף מייַן געדאַנק איצט, אין דעם מאָמענט, נאָר ס'איז שוין דאָ אין מייַן געדאַנק זינט איך האָב עס עטלעכע מאָל געלעזן מיט אַ רייע יאָרן צוריק. איר ווייסט, וואָס דער אינהאַלט פֿון דער פּאָעמע "געהיימשטאָט" איז? דאָרטן נעמען זיך צוזאַמען צען ייִדן, אַ מנין, און זיי באַהאַלטן זיך אונטער דער ערד. א ו נ ט ע ר דער ערד, אין די קאַנאַלן פֿון דער מענטשהייט, אין דעם סאַמע שמוץ פֿון דער מענטשהייט באַהאַלטן זיי זיך, מיט דעם סאַמע ליכטיקסטן גלויבן, אַז עס וועט נאָך זייַן אַ ייִדיש פֿאָלק און עס וועט נאָך זייַן אַ מענטשהייט. דאָס איז אַ פּאָעמע וואָס האָט געקענט נאָר אויפֿגעשריבן

ווערן אויף ייִדיש און דווקא אויף ייִדיש. נישט אויף העברעיִש, אין דעם פֿאַל, נאָר דווקא אין ייִדיש.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: זאָגט איר, אַז דאָ איז דער פּאַטאָס פֿון דער גאַנצער ייִדישער פּאָעזיע, אַז די ״געהיימשטאָט״ איז דער סימבאָל פֿון דער ייִדישער דיכטונג ?

מלך ראַוויטש: איר האָט געפֿרעגט אויף נעמען. עס איז דאָך, נאָך אַלע זאַכן, אַ קורצער געשפּרעך. מיר קענען דאָך דאָ נישט אָנרופֿן צענדליקער נעמען. און דערבײַ וועט מען פֿאַרגעסן וועמען; און עפּעס בלײַבן אַ שולדיקער צום אייגענעם געוויסן. איז דעריבער דערלויבט מיר עס זאָל בלויז די איינע פּאָעמע זײַן דערמאָנט. איך זאָג נישט אַז זי איז די איינציקע. חלילה וחס. אָבער ס׳איז די באַקאַנטסטע אין דעם זינען. איך האָב אײַך נאָר וואָס געגעבן אין דרײַ ווערטער דעם אינהאַלט. איצט איז קלאָר פֿאַרוואָס.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: אַנטשולדיקט, ראַוויטש, וואָס איך האָב געמיינט צו פֿרעגן איז עפּעס אַנדערש. איר דאַרפֿט אַפֿילו נישט קיין נעמען אָנרופֿן. געוויס וואָלט געווען אינטערעסאַנט איר זאָלט אָנרופֿן נעמען. וואָס איך וואָלט געוואָלט איז, אַז איר זאָלט כאַראַקטעריזירן אין אַלגעמיין דעם פּאַטאָס פֿון דער ייִדישער פּאָעזיע. איר כאַראַקטעריסטישן כּוח. ניט פֿון קיין באַזונדערע דיכטער, נאָר פֿון דער ייִדישער פּאָעזיע בכלל.

מלך ראַוויטש: נו, כאַראַקטעריסטישער כּוח איז דער כאַראַקטעריסטישער כּוח פֿון הר סיני. גאַנץ פּשוט. דער כאַראַקטעריסטישער כּוח פֿון דאָרטן, ווו די ייִדישע פּאָעזיע רירט אָן די ע כ ס ט ע — און אפֿשר פֿאַרקערט, די סאַמע ט י פֿ ס ט ע סטרונע פֿון ייִדישער געדאַנקלעכקייט, פֿון וועלן בעסער מאַכן די וועלט. דאָס איז איר גרויסער פּאַטאָס. אַזאַ גרויסער פּאַטאָס געפֿינט זיך בײַ לייוויקן, אויב אירווילט נאָך אַ נאָמען, אָבער מער וועל איך נישט געבן קיין נעמען.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: דאָס איז שוין כּמעט מער ווי אַן ענטפֿער. אַחוץ דעם, וואָלט איך געוואָלט, אַז אין שײַכות מיט אַט דער דאָזיקער פֿראַגע, אין שײַכות מיט דעם דאָזיקן ענטפֿער, זאָלט איר מיר זאָגן (ווײַל איר זענט אַ מענטש וואָס טראַכט וועגן דעם, איר האָט דאָך געטראַכט וועגן אַ תּנ״ך פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור) וואָס וואָלט איר רעקאָמענדירט אַז מען זאָל טאָן כּדי די ייִדישע פּאָעזיע זאָל קענען בלײַבן דער קולטור אוצר פֿון ייִדישן פֿאָלק אין אַלע צײַטן, אַפּגעזען פֿון דעם וואָס פֿאַר אַ לשון די מערהייט פֿון אונדזער פֿאָלק וועט נישט רעדן ?

מלך ראַוויטש: זעט איר, עס איז אַזוי: איר האָט דערמאָנט עפּעס אַ זאַך, און איר האָט עס נישט דערמאָנט זייער פּינקטלעך. איר האָט געזאָגט אַז איך האָב ערגעץ ווו גערעדט וועגן אַ תּנ״ך וואָס איז צונויפֿגעשטעלט פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. ניין. די אידעע רופֿט זיך: אַ ספֿר הספֿרים — פֿון דער ייִדישער מחשבֿה און מעשׂה פֿון די לעצטע צוויי טויזנט יאָר. נו, די לעצטע צוויי טויזנט

יאָר איז שוין נישט בלויז ייִדיש, ווײַל ייִדיש איז אַנטשטאַנען, אַפילו לויט ד״ר ווײַנרײַך, נישט מער ווי פֿאַר 700־800 יאָר. דער געדאַנק פֿון אַ צווייטן ספֿר הספֿרים איז נישט מײַנער, דער געדאַנק איז אַן אַלטער געדאַנק. דעם געדאַנק האָב איך גענומען פֿון אַ סך, אַ סך ייִדישע שרײַבער. אייגנטלעך נישט ייִדישע שרײַבער, נאָר שרײַבער בײַ ייִדן. דענקער בײַ ייִדן. דער געדאַנק וועגן אַ צווייטן תּנ״ך. נישט אַן אַנדערן חלילה, נאָר אַ צווייטן, אַ המשך. זעט איר, ווען מען וואָלט קאָנצענטרירט אויף דעם אָדער יענעם אופֿן, נישט אויף אַ רעליגיעזן, נאָר אויף אַ וועלטלעכן אופֿן, די ייִדישע מחשבֿה און מעשׂה פֿאַר די לעצטע צוויי טויזנט יאָר, דעמאָלט וואָלט דאָרטן געווען אויך אַן אָפּקלײַב — איך וויל נישט זאָגן וויפֿל זײַטן גאָר — יאָ, דעמאָלט וואָלט אויך דאָרט געווען אַן אָפּקלײַב פֿון דער ייִדישער פּאָעזיע. און דורך אַזאַ מין פֿאָרם פֿון תּנכישקייט, וואָלט זי, די ייִדישע פּאָעזיע געקומען צו איר פֿולער מערכה, איר פֿולער גרויסער מערכה. אַזוי איז עס דאָך געווען מיט דער פּאָעזיע פֿון דעם תּנ״ך גופֿא, וואָס ער איז פֿול מיט דעם, ווי שיר השירים, די מייסטע קאַפּטלעך תּהילים, און בכלל די אַלע פּאָעטישע שאַפֿונגען וואָס זענען דאָרטן דאָ. איך מיין אַז דאָס איז דער איינציקער וועג. נישטאָ קיין אַנדערע וועגן. איר קענט נישט פּלוצים אָפּדרוקן אַ ליד אין צײַטונג און זאָגן אַז דאָס פֿאָלק זאָל עס אָננעמען. איר קענט אָבער צונויפֿשטעלן אַ בוך, דורך אויטאָריטעטן עס צונויפֿשטעלן און וואַרפֿן דאָס בוך אין פֿאָלק אַרײַן און זאָגן: דאָס איז עס! נישט חלילה מיט דיקטאַטאָרישע מעטאָדן זאָגן: איר מוזט עס אָננעמען. נאָר: פֿאַרטראַכט זיך טיף אין דעם. אפֿשר וועט איר עס טאַקע אָננעמען. עס זאָל ווערן אַ מין תּפֿילה, אַזוי ווי עס איז תּפֿילה דער שיר השירים.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: איידער מיר גייען איבער צו אײַך פּערזענלעך, צו אײַער אייגן שאַפֿן וועל איך פֿרעגן איין אַלגעמיינע פֿראַגע. איר געדענקט מסתּמא: עס איז אָנגעגאַנגען די גרויסע דעבאַטע וועגן דעם צי עס איז פֿאַראַן אַ ריינע פּאָעזיע, נישט ריינע פּאָעזיע, קונסט לשם קונסט און קונסט וואָס האָט עפּעס אַ תּכלית אויסער זיך אַליין. איך וואָלט געוואָלט הערן אײַער מיינונג וועגן דער דאָזיקער גאַנצע דעבאַטע. צי האָלט איר אויך אַז עס איז פֿאַראַן אַזאַ מין זאַך ווי קונסט לשם קונסט, צי קאָן פּאָעזיע זײַן עפּעס אַנדערש ווי בלויז פּאָעזיע?

מלך ראַוויטש: זעט איר, עס איז אַזוי. פֿון די אַלע רייד וואָס איך האָב דאָ צוזאַמענגערעדט הײַנט, איז קלאָר, אַז איך האָלט נישט צו שטאַרק פֿון קונסט לשם קונסט. איך האָלט אַז אם ירצה השם, ווען משיח וועט קומען, און יעדער וועט זײַן תּחת גפֿנו ותחת תּאנתו, יעדער וועט זיצן אין אַ שיינעם גאָרטן און אונטער אַ שיינעם הימל און נישט דאַרפֿן זאָרגן, אַז מאָרגן אָדער איבערמאָרגן דאַרף ער שטאַרבן, אָדער אַז נאָענטע וועלן שטאַרבן, דעמאָלט וועט מען קענען געניסן אַזוי ווי מען געניסט פֿון דער בלויקייט פֿון הימל. דעמאָלט וועט מען קענען געניסן פֿון ריינסטער פּאָעזיע. אָבער ביז דעמאָלט האָלט איך נישט צו שטאַרק פֿון

דער דאָזיקער זאַך פֿון קונסט לשם קונסט. איך האַלט אַז עס דאַרף זײַן קונסט, אָבער נישט קונסט לשם קונסט. עס דאַרף זײַן גוטע קונסט. אַנדערש איז עס נישט ווירקזאַם, אַנדערש זענען עס ווערטער אָן שום האַפֿט. און אויב איר ווילט פֿון מיר הערן עפּעס וועגן זיך אַליין: וועל איך אײַך דערציילן איצט אַ קלײנע מעשׂה וואָס האָט גאָר אַ שײַכות אויך מיט שלום אַש׳ן. מיר האָבן מיט אַ צײַט צוריק שפּאַצירט בײַם ברעג ים אין תּל אָביב. שלום אַש און איך. נו, איז ער דאָך נישט צו שטאַרק באַלעזן, ווײַזט אויס, אין דער ייִדישער פּאָעזיע. אָבער איך האָב אים לעצטנס געהאַט געגעבן מײַנס אַ בוך, און ער האָט זיך עפּעס געפֿילט שולדיק, אַז ער האָט נישט צו שטאַרק אין דעם אַרײַנגעלעזן. גיט ער מיך אַ פֿרעג: זאָגט מיר אין עטלעכע ווערטער, וואָס אייגנטלעך ווילט איר מיט אײַערע לידער? האָב איך אים געזאָגט: וואָס וויל איך מיט מײַנע לידער? אַז איר וועט אַ מאָל אַרײַנקוקן אין זיי וועט איר וויסן מער, אָבער איך וועל אײַך שוין זאָגן, וואָס איך וויל דערגרייכן. און איך האָב אים געזאָגט אַזוי: איך וויל דערגרייכן אָט וואָס — אַרײַננעמען אין דער פּאָעזיע אַלע בעסטע געדאַנקען אין דער וועלט, אַלע פֿאַרטיפֿסטע און קאָמפּליצירטסטע — אָבער אַרויסברענגען זיי מיט אַזאַ שטאַרק געפֿיל אין ליד, אַז עס זאָל אין זיי אַרויסקומען די העכסטע עטיק, אַזוי פּשוט ווי צוויי־מאָל־צוויי — פֿיר. אַזוי פּשוט, וואָס פּשוטער קאָן שוין נישט זײַן. אָט צו דעם שטרעב איך. דאָס דאַרף זײַן, לויט מײַן מיינונג, די שטאַרקסטע קונסט־פֿאָרם פֿון דער פּאָעזיע. נאָך אַ מאָל: אויפֿגענומען אַלץ קאָמפּליצירטע, אָבער אַרויסגעבראַכט אין דעם פּשוטתדיקן אופֿן. אַש האָט זיך אָפּגעשטעלט און האָט זיך עפּעס אַזוי ווי פֿאַרטראַכט. און לאָזט מיך שטיין און ער גייט ווײַטער. נאָר באַלד שטעלט ער זיך אָפּ און ער זאָגט אַזוי: ״זאָגט עס מיר נאָך אַ מאָל״. און דעמאָלט האָב איך געטראַכט: אפֿשר איז דאָס טאַקע דער געדאַנק פֿון געדאַנקען וועגן פּאָעזיע.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: אָבער צוליב וואָס דאַרף מען די אַלע פּשטותן? צוליב וואָס דאַרף מען עס? די לעצטע פֿאָרם וואָס איר ווילט נוצן, וואָס ווילט איר דערמיט אויפֿטאָן?

מלך ראַוויטש: ווירקן עמאָציאָנעל און עטיש אויף מענטשן.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: איר גלייבט אַז מען קען עס דערגרייכן?

מלך ראַוויטש: פֿאַרוואָס זשע זאָל איך נישט גלייבן? ייִדן האָבן געדאַוונט תּהילים. איר ווייסט מסתּמא אַז אַלע אונדזערע תּפֿילות זענען דורכגעזאַפּט מיט תּהילים. און תּהילים איז לרובֿ קאָנדענסירטע פּאָעזיע. ייִדן האָבן געדאַוונט תּהילים. און איך מוז אײַך זאָגן אַז אין די צײַטן פֿון ערלעכן דאַווענען זענען זיי טאַקע בעסערע מענטשן געווען, באַוווסטזיניק געשטרעבט צו העכערער מענטשלעכקייט. נו, אָט האָט איר די ווירקונג פֿון דער פּאָעזיע אויפֿן מענטשן.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: אָבער לאָמיר פֿאַרגעסן וועגן תּהילים. תּהילים האָט טאַקע געווירקט אויף צו מאַכן אַ מענטש בעסער. נאָר צי קאָנען לידער מאַכן

מענטשן בעסער? לאָמיר צוגיין צו אַ קאָנקרעטן פֿאַל, און מיט דעם וויל איך טאַקע איבערגיין צו אײַך קאָנקרעט, צו אײַער אַנטוויקלונג אַלס דיכטער. איר זענט מסתּמא אַ לייענער פֿון פּאָעזיע אַזוי לאַנג ווי איר זענט אַ שרײַבער פֿון פּאָעזיע, אויב נישט לענגער נאָך.

מלך ראַוויטש: לאָמיר זאָגן. איך האָב אָנגעהויבן צו שרײַבן פּאָעזיע, איך געדענק שוין אַליין נישט ווען.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: אָבער ווען האָט איר אָנגעהויבן צו לייענען פּאָעזיע?

מלך ראַוויטש: צו לייענען פּאָעזיע מסתּמא אין דער זעלבער צײַט.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: אויף וואָס פֿאַר אַ שפּראַך האָט איר אָנגעהויבן צו לייענען?

מלך ראַוויטש: אין אָנהייב האָב איך געלייענט אויף פּויליש, דערנאָך דײַטש, און שפּעטער אויף ייִדיש, אויף העברעיִש, אויף רוסיש צו ביסלעך.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: איר וואָלט אפֿשר געקאָנט דערציילן ווי אַזוי האָט פּאָעזיע אויף אײַך געווירקט אין עטישן זין? און טאַקע מיט קאָנקרעטע בײַשפּילן: אָט דער דיכטער, אָדער דאָס ליד, האָט בײַ אײַך אַרויסגערופֿן אַזאַ מין און אַזאַ מין — נישט נאָר געמיטצושטאַנד, נאָר אַזוינע און אַזוינע עטישע איבער־צײַגונגען.

מלך ראַוויטש: מען דאַרף נישט צופֿיל אַרײַנקוקן אין דעם אָנהייב פֿון אַ מענטשן. ווײַל אַ מענטש בלאָנדזשעט געוויינטלעך זייער אַ סך. אין דער קינדהייט בלאָנדזשעט ער, און אין דער יוגנט בלאָנדזשעט ער, ביז, ביז ער וויקלט זיך אַרויס פֿון די שיידוועגן זײַנע, פֿון די בלאָנדזשענישן, געדויערט זייער לאַנג. מען קען אָננעמען אַז אַן ערך אין 30טן יאָר ערשט ווערט מען פֿולשטענדיק רײַף. אָבער אויך ביז דעמאָלט האָט פּאָעזיע אויף מיר געהאַט אַ גוואַלדיקע ווירקונג. מיצקעוויטש האָט אויף מיר געהאַט אַ מעכטיקע ווירקונג. הײַנע האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג. עסטעטיש און אויך עטיש האָבן זיי געהאַט אַ ווירקונג. און מיצקעוויטש איז אַ גרויסער עטישער דיכטער. ערשט אַ סך שפּעטער בין איך צוגעקומען צו די ייִדישע דיכטער. פֿאַרשטייט זיך, אַז אין דער יוגנט שפּילט די עסטעטיק אַ פֿיל גרעסערע ראָל ווי זי שפּילט אין די ווײַטערדיקע יאָרן. אין די עלטערע יאָרן איז מען עטיש מער באַוווסטזיניק. יאָ, די ייִדישע דיכטער: למשל מאָריס ראָזענפֿעלד האָט אויף מיר געהאַט אַ געוואַלדיקע ווירקונג. אין מײַן 15טן, 16טן, ביז 20טן לעבנס־יאָר. פּרץ האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג. אויך די פּראָזע דיכטער, מיר האָבן אויך פּראָזע דיכטער אין דער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס האָבן אויף מיר געהאַט אַ גרויסע ווירקונג.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: אַנטשולדיקט. זאָגט מיר ראַוויטש, ווי קומט עס וואָס איר האָט אָנגעהויבן צו לייענען פֿריער פּויליש, איידער ייִדיש?

מלך ראַוויטש: דאָס איז גאַנץ פּשוט. איך בין אויפֿגעצויגן געוואָרן איז אַזאַ

ייִדישער היים ווו די טענדענץ איז געווען זייער אַן אַסימילאַטאָרישע. די עלטערן, יאָ אַפּילו די זיידע־באָבע האָבן אויך גערעדט מיט די קינדער און אייניקלעך אָדער פּויליש אָדער דײַטש. אַפּילו מײַנע עלטערן, זייענדיק צווישן זיך האָבן זיי גערעדט ייִדיש, נאָר מיט די קינדער האָט מען גערעדט פּויליש. און שפּעטער דײַטש. אַזוי אַז דאָס איז נאַטירלעך, אַז איך האָב אין די צוויי שפּראַכן אָנגעהויבן צו לייענען פּאָעזיע.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: איר זענט געגאַנגען אין אַ חדר?

מלך ראַוויטש: קיין מאָל נישט. נישט אין אַ חדר נישט אין אַ ישיבֿה. פּעלט מיר טאַקע גירסא דינקותא. איך פֿיל עס אין דעם גאַנצן לעבן מײַנעם. ניין, איך בין נישט געגאַנגען אין קיין חדר. קיין איינציקן טאָג נישט. מען האָט געהאַלטן בײַ אונדז אַ לערער וואָס האָט געלערנט מיט אַ דײַטשער איבערזעצונג דעם תּנ״ך. מיר האָבן אַ סך געלערנט תּנ״ך. נאָר מיט אַ דײַטשער איבערזעצונג. איר ווייסט דאָך: בראשית, אַם אַנפאַנגע, ברא — ערשוף, אלקים — גאָט, א.א.וו.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: ווי אַזוי זענט איר פֿאַרט געקומען צום ייִדישן לשון?

מלך ראַוויטש: איך וויל מיך נישט אויספּײַנען מיט גאָרנישט, אָבער ס׳איז פֿאַרט אַזוי געווען — איך ווייס אַליין נישט. פּשוט, איך ווייס נישט ווי אַזוי. די טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפֿערענץ איז פֿאָרגעקומען אין 1908, איך בין דעמאָלט געווען אין סטאַניסלע אין אַ שטאָט נישט ווײַט פֿון טשערנאָוויץ. איך האָב דעמאָלט געלייענט די ייִדישע צײַטונגען. האָט עס אויף מיר געמאַכט אַ גרויסן רושם. און אַ גרויסן רושם האָט אויף מיר געמאַכט, וואָס איך האָב זיך דעמאָלט פּערזענלעך באַגעגנט מיט מאָריס ראָזענפֿעלד. איך בין דעמאָלט נאָך געווען אַ ייִנגל. און מאָריס ראָזענפֿעלד איז דעמאָלט אַ מאָל געגאַנגען שפּאַצירן אין סטאַניסלע און ער איז צוגעגאַנגען צו אַ גרופּע מענטשן, מיט וועלכע איך בין געגאַנגען, און ער האָט מיך געפֿרעגט: "און ווער ביסטו?" האָב איך געזאָגט, איך בין אַזוי און אַזוי. זאָגט ער: "וואָס ביסטו?" האָב איך אים געזאָגט, אַז איך בין אַ תּלמיד אין אַ האַנדלס־שולע. האָט ער געפֿרעגט "פֿון וואַנעט ביסטו?", האָב איך אים געזאָגט, אַז איך בין פֿון אַ קליין שטעטעלע. האָט ער געזאָגט: "זאָרג זיך נישט, פֿון קליינע שטעטעלעך קומען אַרויס גרויסע מענטשן. קוק אויף מיר". דאָס האָט מיר מאָריס ראָזענפֿעלד געזאָגט. שפּעטער האָב איך געזען די פֿיר דיכטער וואָס זענען דעמאָלט איבער גאַליציע אַרומגעפֿאָרן: פּרץ און אַש און נאָמבערג און רייזען. און דאָס בילד פֿון זען און הערן זיי אַלע אויף אַן אָוונט האָט אויף מיר געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם. און איך האָב אייגנטלעך דעמאָלט אָנגעהויבן צו שרײַבן אַ ביסל מערער אויף ערנסט. און אַזוי איז געבליבן.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: אָבער איר האָט געקאָנט ייִדיש ריידן פֿון קינדווייז אָן?

מלך ראַוויטש: יאָ, די עלטערן האָבן צווישן זיך גערעדט ייִדיש. ריכטיקער

געזאָגט, איך האָב געקאָנט ייִדיש פֿאַרשטיין. איך האָב אַלצדינג פֿאַרשטאַנען און אויך געקענט לעזן, ריידן האָב איך גערעדט ווי אַ גר.

אַט: ווי איז מיט חבֿרים?

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: ווי איז מיט חבֿרים?

מלך ראַוויטש: מיט חבֿרים האָב איך גערעדט נאָר פּויליש אין יענער צײַט, און אַזוי לאַנגע יאָרן.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: אין דעם שטעטל וווּ איר האָט געוווינט?

מלך ראַוויטש: יאָ, איך האָב גערעדט מיט די חבֿרים נאָר פּויליש, אפֿילו ווען זיי האָבן גערעדט ייִדיש.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: ווי אַזוי איז דאָס געווען? אייער פֿאַמיליע איז געווען פֿון די מער רײַכערע? אָרעמערע?

מלך ראַוויטש: יאָ, אין שטעטל זענען געווען רײַכערע פֿון מײַנע עלטערן. אָבער דער זיידע מײַנער איז געווען דער רײַכסטער ייִד אין שטעטל. ער האָט פֿאַרמאָגט דעמאָלט אפֿשר אַ פֿערטל מיליאָן קראָנען. דאָס איז דאַן געווען אַ גרויס פֿאַרמעגן.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: און איר האָט זיך נישט געמישט מיט די אָרעמע ייִנגלעך?

מלך ראַוויטש: יאָ, איך האָב זיך געמישט. איך האָב זיי זייער ליב געהאָט, אָבער דער טאַטע האָט געשלאָגן, אייגנטלעך נישט געשלאָגן, דאָס איז אַ בלבול, אָבער געמוסרט, מיט ווערטער, מיט ווערטער, וואָס האָבן מער ווי געשלאָגן, אַז מען האָט זיך געמישט מיט די קינדער פֿון שטעטל מיט דעם ערבֿ רבֿ. ער האָט געוואָלט אַז מען זאָל בלײַבן אַריסטאָקראַטיש... אָבער דווקא דערפֿאַר האָט עס מיך געצויגן צו די קינדער פֿון שטעטל, צו די ייִנגלעך פֿון שטעטל.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: און אַז איר פֿלעגט זיך מיט זיי באַגעגענען, וואָס פֿאַר אַ שפּראַך האָט איר מיט זיי גערעדט?

מלך ראַוויטש: פּויליש, איך האָב גערעדט פּויליש. זיי האָבן גערעדט ייִדיש צו מיר. און אַנדערע האָבן אויך געקאָנט פּויליש.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: מיט ניט־ייִדישע קינדער האָט איר זיך געחבֿרט?

מלך ראַוויטש: אַ ביסל, אַ ביסל. אָבער ווייניק זיך געחבֿרט. נאַטירלעך, שפּעטער, ווען איך בין אין די שולעס געגאַנגען, האָב איך זיך אַ סך געחבֿרט מיט זיי.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: העברעיִש האָט איר נישט געקאָנט, קיין העברעיִשע ליטעראַטור האָט איר נישט געלייענט?

מלך ראַוויטש: די העברעיִשע ליטעראַטור האָב איך אויך געלעזן. אין דער יוגנט געלעזן. שפּעטער איז געווען אַ לאַנגער איבעררײַס און שפּעטער האָב איך ווידער געלעזן. מיר איז די העברעיִשע ליטעראַטור היפּשלעך באַקאַנט.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: נאָך פֿון די יוגנט יאָרן?

מלך ראַוויטש: איך האָב אײַך געזאָגט. איך האָב געלערנט תּנ״ך מיט אַ דײַטשער איבערזעצונג.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: אָבער חוץ תּנ״ך? די מאָדערנע העברעיִשע ליטעראַטור?

מלך ראַוויטש: דעמאָלט האָט מען די מאָדערנע העברעיִשע ליטעראַטור געלערנט לרובֿ אין כרעסטאָמאַטיעס.

אַבֿרהם טאַבאַטשיק: און איר האָט געלייענט אין די כרעסטאָמאַטיעס — לאָמיר זאָגן: ביאַליקן?

מלך ראַוויטש: געלייענט. יאָ, זיכער געלייענט.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: אָבער גמרא?

מלך ראַוויטש: אין מײַנע דערוואַקסענע יאָרן האָב איך מיר אַליין געהאַלטן אַ מלמד און געלערנט אַ ביסל גמרא, נישט צופֿיל. און יאָרן שפּעטער האָב איך דורכגעלערנט גאַנץ משניות. איך האָב אַליין געלערנט מיט אַן איבערזעצונג. נישט מיט קיין מלמד.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: אין אַ בית המדרש זענט איר אַ מאָל געווען?

מלך ראַוויטש: אַלס לערנער קיין מאָל נישט. איך בין געווען. ווער איז נישט געווען אין אַ בית המדרש?

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: אָבער געדאַוונט האָט איר?

מלך ראַוויטש: אין דער פֿריער יוגנט.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: אײַער טאַטע־מאַמע זענען געווען פֿרומע?

מלך ראַוויטש: אַזוי זיך, נישט ספּעציעל פֿרומע און נישט קיין אַפּיקורסים. די מאַמע האָט נישט געטראָגן קיין שייטל.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: און דאַוונען?

מלך ראַוויטש: יאָ, פֿאַרשטייט זיך דאַוונען. מען איז דאָך נישט קיין גויִם. יעדער ייִד האָט געדאַוונט.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: אָבער קיין פֿרומער זענט איר נישט געווען?

מלך ראַוויטש: איך האָב אָנגעהויבן צו לייגן תּפֿילין. נאַטירלעך. אָבער מער ווי אַ פּאָר וואָכן האָב איך קיין תּפֿילין נישט געלייגט.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: חבֿר ראַוויטש, איך האָב אײַך געפֿרעגט די אַלע פֿראַגן וועגן אײַער פֿרומקייט, דאַוונען, העברעיִש, סידורים, דערפֿאַר וואָס איר האָט אַזוי פֿיל לידער וו איר ווענדט זיך צו גאָט. איז דאָס רעליגיעז? דערפֿאַר וואָס איר זענט אַ רעליגיעזער מענטש? צי איז דאָס אַ פּאָעטישע ווענדונג אַזאַ?

מלך ראַוויטש: אַ דיכטער אַן גאָט קען מען זיך גאָרנישט פֿאָרשטעלן. ווײַל גאָט מיינט גאָט אין אינהאַלט און נישט גאָט אין פֿאָרעם. אין דעם ליד "מײַנעם וואָס איך האָב אין דער גערעדטער אַנטאָלאָגיע פֿאַרגעלעזן, דאָס ליד "פּראָסטע רייד מיט גאָט אין ניו־יאָרק", איז פֿאַראַנען אַ סטראָף, אין וועלכן עס זאָגט זיך: "אין אינהאַלט קום איך און נישט אין פֿאָרעם". און דאָרט איז פֿאַראַן נאָך אַ

סטראָפֿע: „איך קום אָן טלית און תּפֿילין". וועלכער דיכטער האָט נישט קיין נאָענטקייט מיט גאָט? ווי קען מען זיך עס פֿאָרשטעלן? פּאָעזיע איז דאָך, ווי מען האָט שוין גערעדט אין אונדזער שמועס, געטלעכקייט. ממילא מוז יעדער דיכטער זײַן נאָענט אין אינהאַלט מיט גאָט. אָבער גאָט פֿון פֿרומקייט און גאָט פֿון דיכטונג זענען צוויי באַזונדערע געטער. גאָט איז נישט אין די פֿאָרמען פֿון פֿרומקייט, גאָט איז נישט טלית און תּפֿילין.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: איז וואָס איז דער גאָט, וואָס איז נישט מתחייבֿ קיין מצוות?

מלך ראַוויטש: דער גאָט איז קודם מתחייבֿ פֿון די עשרת הדברות די זעקסטע: לא תּרצח! בײַ מיר רעדט זיך אין איינער פֿון די פּאָעמעס, למשל אין דער פּאָעמע, וואָס איז גראַד נישט געלעזן געוואָרן אין ד ע ר אַנטאָלאָגיע, אין דער פּאָעמע „תּחנון און בטחון איבער תּל אבֿיבֿ", רעדט זיך דאָרט וועגן דעם, אַז די עשרת הדברות זאָלן איבערגעשטעלט ווערן, זיי זאָלן זיך אָנהייבן מיט לא תּרצח. דאָס איז דיכטונג: לא תּרצח!

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: פֿאַר וואָס זאָל דאָס זײַן דיכטונג „לא תּרצח" און נישט געזעץ און נישט עטיק? מענטשן וואָס זענען נישט קיין דיכטער האַלטן דען נישט פֿון לא תּרצח!

מלך ראַוויטש: דיכטונג, לויט מײַן באַגריף, דאַרף זײַן העכסטער הומאַניזם. דיכטונג איז העכסטע מענטשלעכקייט און העכסטע מענטשלעכקייט איז העכסטע געטלעכקייט. און העכסטע געטלעכקייט, אָדער העכסטע מענטשלעכקייט באַשטייט אין דעם דרך ארץ פֿאַרן מענטשלעכן לעבן, פֿאַרן לעבן בכלל. און איך מיין, אַז ווען איך וואָלט געדאַרפֿט צוזאַמענגעמען אַלץ צו וואָס איך האָב געשטרעבט, וואָלט איך געזאָגט: איבערשטעלן די צוויי לוחות אַזוי, אַז „לא תּרצח" זאָל שטיין אויף דעם אָרט וווּ עס שטייט „אנכי".

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: יאָ, ראַוויטש, דאָס זענען אַלץ עכטע עטישע פּרינציפּן. אָבער פֿאַרוואָס זאָל עס זיך דווקא אויסדריקן אין אַזאַ מין פֿאָרעם, אין ליטעראַרישער פֿאָרעם פֿון פּאָעזיע און נישט אין געזעץ און נישט אין קיין ריין עטישע לערעס? וואָס איז פּאָעזיע, לויט איר ספּעציפֿישן כאַראַקטער?

מלך ראַוויטש: מיר האָבן גערעדט אין אָנהייב פֿון דעם געשפּרעך, אַז געזעץ האָט זיך אָנגעהויבן מיט... פּאָעזיע. די וועלט האָט זיך אָנגעהויבן מיט וואָרט און דאָס וואָרט האָט זיך אָנגעהויבן מיט פּאָעטישן וואָרט און במילא האָט דאָס וואָרט נאָך אַ ווײַטערדיקע שליחות אויסצופֿילן. מיך ווונדערט, וואָס איר פֿרעגט אַזוי פֿיל וועגן דעם, און וואָס אייגנטלעך וואָלט איר געוואָלט אַז איך זאָל זאָגן?

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: איך וואָלט געוואָלט אַז איר זאָלט, אַלס דיכטער, נישט אַנטפֿלעקן נאָר כאָטש דעפֿינירן ספּעציפֿיש וואָס פּאָעזיע איז? סו כל סוף דריקן אויס לא תּרצח און די גרויסע עטישע באַגריפֿן, די פֿילאָסאָפֿיע, געשיכטע, און דאָס

געזעץ. צו וואָס דאַרף מען דאָ פּאָעזיע? אפשר זענען טאַקע גערעכט די מענטשן, מיליאָנען מענטשן, וואָס זאָגן, אַז זיי דאַרפֿן נישט קיין פּאָעזיע. זיי קאָנען די אַלע זאַכן אין אַנדערע פֿאָרמען.

מלך ראַוויטש: מיר האָבן געזאָגט: פּאָעזיע איז קאָנדענסירטער געדאַנק, און קאָנדענסירט געפֿיל אין צמצום, אין צמצום פֿון עטלעכע צענדליק ווערטער, צי עטלעכע הונדערט ווערטער. מיר האָבן שוין גערעדט וועגן דעם, לאָמיר עס זאָגן נאָך אַ מאָל, ווײַל עס האָט אויף מיר געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם: נאָך דעם ווי דער פּראָפֿעסאָר לעמקין, וואָס איז אַגבֿ אַ פּוילישער ייִד, אַ וואַרשעווער, האָט באַווירקט 57 לענדער אָנצונעמען זײַן געזעץ קעגן גענאָסיד, האָט ער צוערשט געפֿילט אַז ער דאַרף אָנשרײַבן אַ ליד. זעט איר דאָך, אַז דאָס וואָרט פֿון געזעץ, מיט דעם באַגריף, מיט די אַלע נומערן דאַרטן, זענען נישט ווירקזאַם, ווי ווירקזאַם עס קען זײַן דאָס געזעץ אין דער סובלימירטער פֿאָרם פֿון אַ ליד.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: ראַוויטש, מיר קענען ניטש אַרײַנגיין צו טיף אין דעם ענין. שטייט איר אויף דעם שטאַנדפּונקט אַז פּאָעזיע איז אַ וויכטיקער עטישער, אָדער הומאַנער אינהאַלט, אויסגעדריקט אין אַ שיינער פֿאָרעם? אַז די הויפּט פֿונקציע פֿון פּאָעזיע איז טאַקע אַ דידאַקטישע? דער עיקר איז לערנען תּוך־זאַכן, מענטשלעכקייט? נאָר וואָס־זשע דען, אין פּאָעזיע לערנט מען די אַלע זאַכן אין אַ שיינער און אָנגענעמער פֿאָרם?

מלך ראַוויטש: זייער גערעכט, זייער גערעכט! די עשׂרת הדיברות זענען געשריבן געוואָרן אין זייער אַ פּאָעטישער פֿאָרעם. זיי זענען נישט אויס ווי אַ געזעץ בוך פֿאַר אַדוואָקאַטן און ריכטער. זיי זענען געשריבן אין זייער אַ פּאָעטישער פֿאָרעם. און איך האָב אײַך שוין געזאָגט, אם ירצה השם, אַז משיח וועט קומען, און אַלע ייִדישע דיכטער וועלן זײַן אין איין געאייניקטן קלוב צוזאַמען, אויף יענער וועלט צי אויף דער וועלט, דעמאָלט וועלן מיר זיך פֿאַרנעמען מיט רייַנסטער פּאָעזיע, אַזוי ריין אַזוי ווי דער בלויער הימל.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: לאָמיר איצט איבערגיין פֿון פּאָעזיע בכלל צוריק צו אײַער פּאָעזיע. איר געדענקט ווען איר האָט אָנגעשריבן דאָס ערשטע ליד? דאָס סאַמע ערשטע ליד, נישט דאָס ליד וואָס איר האָט געדרוקט?

מלך ראַוויטש: דאָס סאַמע ערשטע ליד? איך געדענק. איך בין אַלט געווען אפֿשר צען יאָר. צוערשט האָב איך עפּעס אַזוינס געפּאַטשקעט, אוי ווי נאַרישע־וואַטע; איך בין געווען זייער אַ נאַריש קינד. אפֿשר בין איך אויף דער עלטער אויך נישט אַזאַ גרויסער חכם. אָבער אַ קינד בין איך זיכער געווען אַ נאַרישס. נו, האָב איך געפּאַטשקעט, עס האָט אָבער קיין שום באַדײַטונג נישט געהאַט.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: וואָס האָט איר געפּאַטשקעט?

מלך ראַוויטש: אַזעלכע לידער, שפּאַט־לידער אויף חבֿרים. אַזוי ווי מען שפּילט זיך צווישן קינדער. אָבער דאָס ערשטע ליד, מער־ווייניקער פֿון אפֿשר אַ שטיקל

באַדײַטונג, האָב איך אָנגעשריבן צו פֿערצן יאָר. טאָקע אין דער שטאָט סטאַניס־סלאַוואָוו, ייִדיש: סטאַניסלעוו. דאָרטן האָב איך געוווינט בײַ מײַנעם אַ זיידן אין אַ גאָרטן שטיבל, אַזוי פּאָעטיש ווי אין שיר השירים. און דאָרטן איז געווען אַ קוואַל וואָס האָט געשלאָגן דירעקט פֿון דער ערד. און דאָרטן זענען געווען פּאַסטושקעס וואָס האָבן געפֿיטערט גענדז. עס איז געווען אַן אַטמאָספֿערע פֿון שיר השירים. און דאָרטן האָב איך אָנגעשריבן דאָס ערשטע ליד געשריבן מיט מוזיק. איך האָב אַליין פֿאַרפֿאַסט אין זכרון מוזיק. איך געדענק זי אַפֿילו הײַנט נאָך, אָבער איך שעם זיך דאָס צו זינגען פֿאַר אײַך. און אַזוי האָב איך דאָס ערשטע צענדליק לידער מײַנע פֿאַרפֿאַסט מיט מוזיק. זיי זענען אין ערגעץ נישטאָ אין מײַנע ביכער און איך האָב דאָס העפֿט פֿאַרלוירן, און איך האָב דווקא אין מײַן אַרכיוו אַ סך זאַכן באַהאַלטן.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: זיי זענען געווען אויף ייִדיש, די לידער?

מלך ראַוויטש: יאָ, איך האָב אײַך געזאָגט, אַז איך האָב קיין מאָל אין קיין אַנדער שפּראַך נישט געשריבן, חוץ די עטלעכע סטראָפֿן וואָס איך האָב פֿאַר־געלייענט אין אײַער אַנטאָלאָגיע, וואָס איך האָב אַרײַנגעשריבן אין פּויליש אין אַ ייִדיש ליד. אָבער אַ מאָדנע זאַך, איך פֿאַרשטיי אַליין נישט פֿאַרוואָס איך האָב קיינמאָל אין קיין אַנדער שפּראַך נישט געשריבן. איך האָב עפּעס שטאַרק ליב ייִדיש. איך האָב אַלע מאָל ליב געהאַט ייִדיש.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: איז ראַוויטש, דערציילט אונדז מער וועגן די ערשטע לידער.

מלך ראַוויטש: יאָ, די ע ר ש ט ע לידער. זיי זענען געווען לירישע לידער, באַשרײַבונגען. ערשטנס, די ליבשאַפֿט צו די... פּאַסטושקעס וואָס האָבן זיידנס גאָרטן געפּאַשעט גענדז. נאָך דעם די ליבשאַפֿט צו מײַנע קוזינקעס, איך האָב געהאַט שיינע קוזינקעס און — נאַטור לידער. און אַפֿילו דעמאָלט — גלייבט עס יאָ, אָדער גלייבט עס נישט — אַפֿילו דעמאָלט זענען געווען סאָציאַלע מאָטיוון אין מײַנע קינדערישע לידער.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: וואָס האָבן די אַלע ערשטע לידער געהאַט צו טאָן מיט לא תרצח, מיט די אַלע הויכע פּרינציפּן פֿון פּאָעטישן שאַפֿן וואָס איר האָט פֿריער אַרויסגעבראַכט?

מלך ראַוויטש: די סאַמע ערשטע לידער, דאָס זענען דאָך קינדערישע סטראָפֿן. מען קען דאָס נישט צו ערנסט נעמען.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: ראַוויטש, איך האָב זיך אומגעקערט צו אײַערע סאַמע ערשטע לידער בלויז דערפֿאַר ווײַל אין די ערשטע לידער קאָן מען אַ מאָל בעסער דערקענען דעם כאַראַקטער פֿון אייגעמס שאַפֿן. איר האָט באַמערקט פֿריער אַז ס'איז געווען אַ שיר השירימדיקע אַטמאָספֿער. אַזאַ וווּנדערלעך שיינע נאַטור. האָט ניט די דאָזיקע שיינקייט אַ טיפֿערע השפּעה אויף פּאָעטישן שאַפֿן ווי די אַלע

הויכע עטישע פּרינציפּן וועגן וועלכע איר האָט גערעדט? ווײַל סוף־כּל־סוף זענט איר אָנגערעגט געוואָרן צו אײַער שאַפֿן, ניט פֿון דעם תּנ״ך, וועגן וואָס איר האָט גערעדט פֿריער, נאָר דווקא פֿון די פּאַסטושקעס און דווקא פֿון דער שיינקייט פֿון דער נאַטור. וואָלט איך וועלן מיט אײַך, דאָ אין דעם געשפּרעך, מער־ווייניקער אויספּירן, צי איז נישט טאַקע די נאַטור פֿון פּאָעטישן שאַפֿן עפּעס אַזוינס, וואָס שטייט מחוץ פֿון עטישע פּראָבלעמען. און אפֿשר זענען טאַקע גערעכט יענע דיכטער, יענע קונסט טעאָרעטיקער וואָס האַלטן אַז פּאָעזיע איז לויט איר עצם עפּעס אַזוינס וואָס האָט מיט קיין עטיק נישט צו טאָן; און איר איינציקע פֿונקציע איז צו פֿאַרשאַפֿן עסטעטישן גענוס? איך זאָג נישט, אַז ס׳איז אַזוי. איך פֿרעג בלויז. איך וויל וויסן, וואָס האָט איר, אַלס פּאָעט, צו זאָגן וועגן דעם?

מלך ראַוויטש: זעט איר, עס איז אַזוי, אַוודאי, נאַטור, שיינקייט פֿון דער נאַטור האָט זייער אַ גרויסע ווירקונג. אָבער נאַטור אַליין ,קען נישט זײַן דיכטונג. נאַטור און מענטש זענען צוויי באַזונדערע זאַכן. מענטש איז באַוווסטזיניקע נאַטור און נאַטור איז אומבאַוווסטזיניק. נאַטור אַליין איז נישט עטיש. דער מענטש אויף דער שויס פֿון דער נאַטור, באַנאַל געזאָגט, פֿילט דערהויבנקייט. נאַטור איז דאָס סטימולירנדיקע. אין אַ פֿרישער לופֿט אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן איז מען סטימולירט. אַז מען טרינקט אַ פֿריש גלאָז וואַסער איז מען סטימולירט. איך טרינק נישט קיין ווײַן, דעריבער גיב איך נישט קיין בײַשפּילן פֿון ווײַן טרינקען.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: איר געדענקט גאָרנישט פֿון די ערשטע לידער? צי זענען זיי געווען געשריבן אין גראַמען, אָדער פֿרײַע פֿערזן?

מלך ראַוויטש: זיי זענען געווען געשריבן אין גראַמען.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: זיי זענען געווען מעטריש אויסגעהאַלטן?

מלך ראַוויטש: אַ ביסל. איצט קען איך גוט די לערע פֿון פּאָעטישע פֿאָרמען. דעמאָלט האָב איך זי נישט צו גוט געקענט. בלויז דאָס, וואָס איך האָב געלערנט אין שולע.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: אָבער איר געדענקט גאָרנישט פֿון די ערשטע לידער?

מלך ראַוויטש: אַפֿילו ווען איך וואָלט געדענקט, וואָלט איך אײַך נישט געזאָגט. ווײַל איך שעם מיך.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: ווען איר האָט אָנגעשריבן אײַערע ערשטע לידער, זענט איר געווען צופֿרידן מיט זיי? ווי אַזוי זענען זיי בכלל? ווי אַזוי האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין אײַער געמיט דער פֿאַקט פֿון אײַער שרײַבן לידער, פֿון ווערן אַ דיכטער.

מלך ראַוויטש: יאָ, איך בין געווען געוואַלדיק צופֿרידן און איך האָב זיי געזונגען, געזונגען אָן אַ שיעור. כּסדר. פֿאַר זיך אַליין געזונגען.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: איר זענט אַ גאַליצישער פּאָעט?

מלך ראַוויטש: יאָ.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: האַלט איר, אַז עס איז פֿאַראַנען עפּעס אַזוינס, וואָס מען קען כאַראַקטעריזירן דערמיט די גאַליציִשע פּאָעזיע? האַלט איר, אַז עס איז עפּעס געווען, אָדער עס איז פֿאַראַן אין דעם גאַליציִשן ייִדישן טעמפּעראַמענט עפּעס אַזוינס וואָס איז מער מסוגל, פּאַסט זיך בעסער פֿאַר דעם שאַפֿן פֿון פּאָעזיע, ווי לאָמיר זאָגן, דער טעמפּעראַמענט פֿון אַ ליטווישן ייִד?

מלך ראַוויטש: יאָ, איך מוז דאָס צוגעבן. דאָס איז נישט קיין זעלבסטלויב פֿון אַ גאַליציאַנער. יאָ, אויף אַזוי פֿיל אויף וויפֿל מיר האָבן געהאַט לרובֿ אַ היפּש ביסל וויניקער ייִדישע בילדונג, אָבער מיר האָבן געהאַט אַ קליין ביסעלע מערער אַלגעמיינע בילדונג, ווי, לאָמיר זאָגן, דער דורכשניט פֿון דעם פּוילישן, רוסישן ייִד. דאָס איז אַ דאַנק דעם וואָס ביי אונדז איז געווען צוואַנגס שולע און אַלע ביי אונדז האָבן געקענט לעזן מערערע אייראָפּעיִשע שפּראַכן. און אַחוץ דעם האָט אויף אונדז זייער שטאַרק געווירקט דער איינפֿלוס פֿון ווין. און ווין איז זייער אַ פּאָעטישע שטאָט. זייער מסוגל צו קונסט פֿאַר קונסט דווקא. דאָס האָט אויף אונדז געווירקט. חוץ דעם איז געווען אַ ספּעציעלער ווינער עספּרי, אַזאַ טאַנצנדיקער, דאָס איז פֿאַראַן ביי משה נאַדיר ספּעציעל. דאָס איז פֿאַראַן ביי שמואל יעקבֿ אימבער אין אַ געוויסער מאָס. דאָס איז פֿאַראַן ביי אַ סך דיכטער וואָס זיי שטאַמען פֿון גאַליציע. אַפֿילו ביי משה לייב האַלפּערן האָט איר עס. דאָס כּסדר קאָנטראַס־טישע ביי אים, איז אויך אין אַ געוויסן זין גאַליציאַניש. איך וויל נישט זאָגן אַז גאַליציאַנער זענען מער פּאָעטיש. אָבער ס'זענען געווען געוויסע באַדינגונגען, וואָס האָבן אַרויסגערופֿן אי אַ ביסל מערער, אין קוואַנטום, שרייבער פֿון איין זייט, און פֿון דער אַנדערער זייט האָבן זיי אַרויסגערופֿן אַזאַ מין ספּעציעלע גאַליציאַ־נישקייט.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: וואָלט איר געזאָגט, ראַוויטש, אַז דאָס גאַליציש־ייִדישע לשון, דער גאַליציש ייִדיש טעמפּעראַמענט איז מער סענסועל, מער זאַפֿטיק? מער פּלאַסטיש אין אויסדרוק ווי ביי ייִדן פֿון אַנדערע געגענטן? און אַז דאָס שפּיגלט זיך אָפּ אין דער פּאָעזיע פֿון גאַליציִשע פּאָעטן?

מלך ראַוויטש: איך וואָלט געזאָגט, אַז דאָס לשון פֿון גאַליציש ייִדישע פּאָעטן איז אפֿשר רייכער אַ דאַנק דער אַלגעמיינער קענטשאַפֿט פֿון צוויי, אַ מאָל דריי שפּראַכן אין לאַנד: פּויליש, אוקראַיִניש און דייטש. אין וויַיטן מזרח־גאַליציע האָט מען שוין געקענט אַ ביסל רומעניש. און אין דרום־גאַליציע האָבן אַ סך געקענט אונגאַריש אויך. די קענטשאַפֿט פֿון מער שפּראַכן האָט אַ ביסל באַרייכערט דאָס לשון. בלויז דאָס וואָלט איך געזאָגט. אָבער איך וואָלט נישט געזאָגט אַז עס איז מער סענסועל, דאָס ייִדישע לשון פֿון גאַליציע, ווי איר האָט באַמערקט.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: איך זאָג ניט. איך פֿרעג איַיך.

מלך ראַוויטש: ניין. איך מיין אַז אונדזער לשון איז פּשוט אַ ביסעלע רייכער צוליב די אָביעקטיווע באַדינגונגען. דערפֿאַר איז עס אָבער אָרעמער, פֿון דער

אַנדערער זײַט, אָן דעם רוסישן עלעמענט, אָן אַט דער מעכטיקער שפּראַך, וואָס האָט באַווירקט ייִדיש.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: מיט וואָס דערקלערט איר, ראַוויטש, וואָס די ייִדישע גאַליציע האָט זיך מער אויסגעצייכנט אין דער ייִדישער פּאָעזיע, ווי אין דער ייִדישער פּראָזע? כאָטש גאַליציע האָט אויך גרויסע פּראָזאַיִקער ווי א. מ. פֿוקס. אָבער בדרך כּלל, קיין מענדעלע ניט, קיין שלום עליכם ניט. דערפֿאַר אָבער אַ משה לייבן.

מלך ראַוויטש: איך מיין אַז אין אַ גרויסער מאָס איז עס פּשוט אַ צופֿאַל. וואָלטן אין גאַליציע געוועזן פֿינעף מיליאָן ייִדן, ווי עס זענען געוועזן אין דעם אַמאָליקן צאַרישן רוסלאַנד, און נישט בלויז אַ פֿינפֿטער טייל פֿון דעם, ווייניקער ווי אַ מיליאָן, דעמאָלט וואָלטן מן הסתּם אין דער גרויסער מאָסע, געוועזן מער גרויסע פּראָזאַיִקער. און דאָס איז מײַן ענטפֿער.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: ראַוויטש, וואָס האַלט איר איז פֿון אײַער בײַטראַגן צו דער ייִדישער פּאָעזיע? אײַער גרעסטער בײַטראַג?

מלך ראַוויטש: אוי, איך ווייס אַליין נישט. איך ווייס אויף אַן אמת נישט. דאָס מיינט זיך אַליין לויבן, און אין דעם שמועס איז שוין געוועזן אַזוי פֿיל זעלבסט־לויב. איך האָב דאָ פֿאַרגעלעזן אַ ליד, אַ תּפֿילה פֿאַר ייִדישע פּאָעטן. דאָרטן בעט איך, אַז אין דעם גרויסן בוך פֿון דער ייִדישער פּאָעזיע זאָל מיר דערלויבט זײַן אַרײַנצושרײַבן אויפֿן לעצטן בלאָט כאָטש איין וואָרט וואָס איז מײַן — נו, אפֿשר האָב איך אַזאַ וואָרט צוגעשריבן, אָבער וואָס דאָס וואָרט איז — איך ווייס נישט.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: איר ווייסט באמת נישט, צי איר ווילט נישט זאָגן?

מלך ראַוויטש: איך מיין אַז דער תּמצית פֿון מײַן גאַנצן שרײַבן איז אין דעם פֿינאַל פֿון דעם ליד — אוי, איך האָב פֿאַרגעסן ווי אַזוי דאָס ליד הייסט, עס הייסט דאַכט זיך: תּפֿילה אויף אַ נבֿיא. דער פֿינאַל פֿון דעם ליד מיין איך, אויב מען דאַרף אין עטלעכע ווערטער זאָגן די גאַנצע תּורה אויף איין פֿוס, איז דער תּמצית.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: און דאָס איז?

מלך ראַוויטש: ״יעדער מענטש איז אַ וועלט, יעדע וועלט איז גאָט.
און הייליק איז יעדער מענטש, יעדער מענטש איז אויך אחד״.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: אָבער וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט אײַך ווי אַ דיכטער?

מלך ראַוויטש: דאָס האָט צו טאָן, דאָס איז דער גרינער פֿאָדעם (אַזוי ווי איך בין אַ וועגעטאַריאַנער איז בײַ מיר נישטאָ קיין רויטער פֿאָדעם) וואָס לויפֿט דורך דורך אַלע מײַנע לידער זינט מײַן מער־ווייניקער באַוווּסטזיניקן שרײַבן. יעדער מענטש איז אויך אחד! אַז איר וועט צושטעלן צו דעם אַ ביסל פּירוש, וועט עס שוין זײַן קלאָר.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: איר געדענקט מסתּמא, ראַוויטש, ראָזענפּעלדס ליד ווּ ער זאָגט ניט זוך מיך דאָרט ווּ מירטן בליען געפֿינסט מיך דאָרטן נישט מײַן שאַץ... אַז מען זאָל אויך ווען זוכן ווּ קען מען אײַך געפֿינען? ווּ שטייט איר? וואָס איז אײַער שײַכות מיט אַנדערע ייִדישע פּאָעטן?

מלך ראַוויטש: איך האָב געוואַלדיק ליב ייִדישע דיכטער. אויף אַן אמת ליב. פֿאַר מיר איז די גרעסטע פֿרייד צו זײַן מיט זיי. איך לויף נאָך הײַנט אויף יעדן ליטעראַרישן אָוונט סײַ פֿון דעם גרעסטן ייִדישן דיכטער, און אויך פֿון דעם ייִנגסטן — איך וויל נישט זאָגן חלילה קלענסטן. און פֿון דעם וואָס האָט צום ווינציקסטן געשריבן פּונקט מיט אַזוי פֿיל אינטערעס. און איך פֿריי מיך צו געפֿינען גוטס אין יעדן ייִדישן דיכטער. איך וויל זײַן איינער פֿון אַלע. דאָס אַלץ.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: איינער פֿון אַלע. אַלע זענען אַ צו ברייטער שטח.

מלך ראַוויטש: איינער פֿון אַלע וואָס האָבן אַרײַנגעטראָגן אַ ביסל קוואַליטעט און אויך אַ ביסל קוואַנטיטעט.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: איז ווי־זשע זאָל מען פֿאַרשטיין אַזעלכע ווערטער אין איינעם פֿון אייערע לידער:

„אָ, ווי גלייב איך אין מיר, אָ, ווי האָב איך מיך ליב!?"

מלך ראַוויטש: פֿאַרגעסט נישט אַז אַלץ מוז מען פֿאַרשטיין אין די ראַמען פֿון דער צײַט. דאָס ליד איז געשריבן געוואָרן באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, דעמאָלט ווען דער אָפּטימיזם איז געווען — איך וויל נישט זאָגן אַן אָבליגאַטאָ־רישער — אָבער ער איז געווען אינעווייניק אַן אָבליגאַטאָרישער. מען האָט אַנדערש נישט געקענט לעבן. איז דעמאָלט האָט מען געשריבן אַזעלכע ווערטער. איך וואָלט הײַנט אַזוינס נישט געשריבן.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: איז מיינט איר אַז די ווערטער האָבן בלויז אַ פֿילאָסאָ־פֿישן זין — זיי האָבן גאָרנישט צו טאָן מיט דעם אָרט, וואָס איר פֿאַרנעמט אין דער ייִדישער ליטעראַטור?

מלך ראַוויטש: מיט מײַן אָרט אין דער ייִדישער ליטעראַטור האָבן זיי קיין שײַכות נישט. מען דאַרף די ווערטער פֿאַרשטיין בלויז אין די ראַמען פֿון דער צײַט. און איך האָב אײַך געגעבן די ראַמען: דאָס יאָר 1919.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: עס האָט אָבער גאָרנישט צו טאָן מיט אײַער אָפּשאַצונג פֿון זיך אַלס דיכטער?

מלך ראַוויטש: ניין.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: ס'איז בלויז געמיינט אין פֿילאָסאָפֿישן זינען פֿון וואָרט?

מלך ראַוויטש: אַוודאי. יעדער מענטש גלייבט אין זיך. אַז דעם קען מען דאָך נישט לעבן. אָבער דאָס איז אַלץ.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: זאָגט מיר, ראַוויטש, וואָס איז אײַער שטעלונג צו דער שקלאַ וטריאַ וועגן מוזע, אינספּיראַציע, באַוווּסטזײַן, אינטעלעקטואַליזם און עמאָ־

ציאַנעלישקייט אין פּאָעזיע. מיט וועמען האַלט איר מער, מיט די אינטעלעקטואַליסטן צי מיט די עמאָציאָנאַליסטן; מיט די אינטויִטיוויסטן צי מיט די באַוווסטזיניקע שאַפֿער ?

מלך ראַוויטש: איך האַלט אַז אינטעלעקטואַליזם און אינטויִציע — דאָס זענען מאַן און ווײַב. זיי זענען צוזאַמען. אַ מאַן אַליין קען נישט לאָזן אַרויסוואַקסן פֿון זיך אַ מענטש, און אַ ווײַב אַליין קען נישט אין זיך געבוירן אַ מענטש. זיי מוזן זײַן צוזאַמען, אינספּיראַציע און אינטעלעקטואַליזם. איך זאָג אַזוי: אַ ליד הייבט זיך אָן מיט אינהאַלט. אַ ליד, מעג עס זײַן ווי אַבסטראַקט, אויב איך קען דאָס ליד נישט אינהאַלטלעך דערציילן, איז עס ניט קיין ליד. דערציילן דערציילט מען דאָס אינטעלעקטועלע אין דעם ליד. אָבער אויך אָן אינספּיראַציע איז נישטאָ קיין ליד.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: אַ סך פּאָעטן האָבן געענטפֿערט אַז בײַ זיי קומט צום אַלעם ערשטן דער ניגון, מוזיק. נישט דער אינהאַלט. איר זאָגט אַז אַ ליד הייבט זיך אָן מיט אינהאַלט, ס'איז מער אינטעלעקטועל. לויט ווי איר זאָגט דאַרף מען קענען אַ ליד איבערדערציילן. אַ סך אַנדערע ייִדישע פּאָעטן טענהן, ספּעציעל די "יונגע", אַז מען קאָן זייערס אַ ליד גיכער איבערזינגען ווי איבערדערציילן. קומט בײַ אײַך אויך אין אָנהייב דער ניגון, צי עס קומט בײַ אײַך פֿריער דער געדאַנק, די אידייע פֿון ליד ?

מלך ראַוויטש: צוערשט קומט די איבערלעבונג, וואָס שאַפֿט דאָס ליד. די איבערלעבונג שאַפֿט אַ רעאַקציע אין געדאַנק און אין געפֿיל. אַ מאָל גלײַכצײַטיק אין ביידע און אַ מאָל באַזונדער. און נאָך דעם זוכט מען פֿאָרם פֿאַר זיי. און מען געפֿינט זי אין דעם ליד. וואָס איז שײַך מוזיק — איז די זאַך אַזוי: איך שרײַב לידער אָן גראַמען אויך, אָבער לרובֿ מיט גראַמען. נאָר מײַנע גראַמען זענען זייער שלעכטע גראַמען. איך גראַם דערפֿאַר ווײַל ש. י. אימבער האָט מיך אַ מאָל זייער שטאַרק אויסגעמוסרט פֿאַר מײַן אַרטיקל קעגן דעם גראַם. ער האָט מיך אַזוי אויסגעמוסרט, אַז איך האָב באַשלאָסן צוליב אים — איך האָב אים זייער ליב געהאַט, ער איז מײַן לערער געווען און מײַן חבֿר, ער איז מיט פֿינף יאָר עלטער געווען פֿון מיר — יאָ צוליב אים האָב איך באַשלאָסן, אַז איך וועל שרײַבן מיט גראַמען. אָבער די גראַמען זענען נישט קיין אינטעגראַלער טייל פֿון מײַן פּאָעזיע. דאַקעגן, מוזיק, איז יאָ.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: אײַער באַמערקונג אַז צום ערשטן קומט די איבערלעבונג איז זייער אינטערעסאַנט. איך האָב אײַך נאָך געוואָלט פֿרעגן אַ פּאָר פֿראַגן וואָס האָבן צו טאָן מיטן גראַם. למשל אַזאַ מין פֿראַגע: וואָס פֿאַר אַ ראָלע שרײַבט איר צו צום גראַם אין שאַפֿן אַ ליד בכלל און וואָס מיינט דער גראַם פֿאַר אײַך אין פּראָצעס פֿון אויספֿורעמען אַ ליד ? העלפֿט אײַך דער גראַם אויסצופֿורעמען אַ ליד ? איך פֿרעג אײַך די פֿראַגע, ווײַל אַ סך פּאָעטן האַלטן און האָבן געזאָגט אַז דער גראַם איז די ריכטשנור, וואָס העלפֿט זיי אָפּט אויספֿורעמען אַ ליד.

מלך ראַוויטש: איך מיין, אַז דאָס איז נישט אַזוי. אין טיפּסטן תּוך איז דאָך אַ גראַם אַ צופעליקייט. די ווערטער זענען ניט באַשאַפן געוואָרן געגראַמטע ווי הערץ און שמערץ.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: ראַוויטש, איך וואָלט געוואָלט איר זאָלט מיר עפּעס דערציילן וועגן אייער שטעלונג צו דער פראַגע פון פאָרעם אין דער פּאָעזיע; קלאַסישע, מאָדערנע פאָרמען, פרייַע פערזן, געבונדענע פערזן. און פאַרוואָס איר האָט קיין מאָל ניט געשריבן קיין סאָנעטן, טריאָלעטן און די אַנדערע שטאַרק געבונדענע פאָרמען פון פּאָעזיע.

מלך ראַוויטש: מוזיק איז ריטעם און ריטעם איז מוזיק. ריטעם און מוזיק זענען אינטעגראַל מיט שפּראַך געבונדן און זענען אינטעגראַל במילא געבונדן אויך מיט פּאָעזיע. ס'איז אמת, איך האָב נישט געשריבן די אַלע קאָמפּליצירטע פאָרמען, די סאָנעטן. יאָ, איך דערמאָן מיך, אין די יונגע יאָרן, צו 15 אָדער צו 17 יאָר האָב איך מיר אַליין געשאַפן עפּעס אַזאַ געבונדענע פאָרעם פון אַ צען שורהדיקן קליינעם ליד. נישט קיין סאָנעט, נאַטירלעך. אָבער איך האָב דאַן געזוכט שטרענגע פאָרעם. שפּעטער האָב איך דאָס אויפגעגעבן. איך מיין אַז עס פּאַסט מיר נישט, עס זענען נישט אין מיין געמיט צו שטאַרק געבונדענע פאָרמען. דאָקעגן, ריטעם, פון דעם האַלט איך. גראַמען שפּילן ביי מיר זייער אַ קליינע ראָל. איך האָב למשל די פּאָעמע מיינע „די קרוינונג פון אַ יונגן יידישן דיכטער אין אַמעריקע" געשריבן דורכויס אין יאַמבישן ריטעם. דאָרט איז נישטאָ קיין איין פעלער אויף דעם געביט. איך ווייס אַליין נישט פאַרוואָס איך האָב עס געטאָן, אָבער אַזוי האָב איך געוואָלט. איך האָב געוואָלט אויף דער עלטער ווייַזן אַז איך קען אויך שרייבן שטרענג ריטמיש.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: איצטער, זאָגט מיר, ווי קומט איר צו אייער ספּעציפישער פאָרעם, טאַקע וועגן דעם פאָרעם וואָס איר האָט גערעדט? ווי אַזוי זענט איר געקומען צו איר? אינטויִטיוו האָט זיך עס ביי אייך אַנטוויקלט? צי איז דאָס געווען אַ באַוווסטזיניקער אויסאַרבעטן פון אַ פאָרעם וואָס זאָל מער אַנטשפּרעכן דעם כאַראַקטער פון אייער שאַפן? איך מיין די פאָרעם פון די פרע־היסטאָרישע לאַנדשאַפטן, פון די נאַקעטע לידער, אָדער די גרויסע לידער וואָס איר האָט געשריבן אין תּל־אָבֿיבֿ און די „פּראָסטע רייד מיט גאָט אין ניו־יאָרק"?

מלך ראַוויטש: מיינע לידער זענען פון איין זייַט נישט אין גאַנצן פרייַע ריטמען. אָבער פון דער אַנדערער זייַט זענען זיי אויך נישט געבונדן. זיי שטייען אין מיטן. אין זין פון פאָרעם, וואָלט איך געזאָגט, מאַך איך קאָמפּראָמיסן. נאַטירלעך, בין איך געשטאַנען און שטיי נאָך הייַנט, סיי אין פאָרעם און סיי אין אינהאַלט, אונטער דער השפּעה פון וואָלט וויטמאַן, איינעם פון די גרעסטע דיכטער פון דער וועלט. אָבער זי האָט זיך אַליין אויסגעאַרבעט, די דאָזיקע קאָמפּראָמיס־פאָרעם מיינע, די פאַרעמלאָזע פאָרעם מיינע האָט זיך אויסגעאַרבעט גאַנץ לאָגיש, אינעם גאַנג פון מיין שאַפן.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: איר ווייסט זיכער אַז אין שײַכות מיט אײַער שאַפֿן האָבן באַרימטע קריטיקער באַנוצט דאָס וואָרט "פּובליציסטיק", "זשורנאַליזם". צי האָלט איר נישט אַז אין אײַער פֿאָרעם איז ערגעץ ווו דאָ דער קאָמפּראָמיס צווישן פּובליציסטיק און פּאָעזיע?

מלך ראַוויטש: דאָס האָב איך קיינמאָל נישט געלייקנט. אויב איך האָב נישט קיין טעות האָט שמואל ניגער, דאַכט זיך אין 1937, דאָס ערשטע מאָל געשריבן וועגן דער פּובליציסטישער זײַט פֿון מײַן שרײַבן. און דאָס האָט מיך נישט נאָר נישט באַליידיקט, נאָר איך האָב געטראַכט אַז ער האָט געפֿונען די ריכטיקע באַצייכענונג. איך האָב מיך מיט איר זייער געפֿרייט. איך וויל נישט זאָגן אַז אין מײַנע לידער איז דאָ זשורנאַליסטיק, ווײַל זשורנאַליסטיק גרענעצט זיך אַ ביסל מיט סענסאַציע. דאָס נישט. אויב ניגער וואָלט געזאָגט, אַז מײַנע לידער זענען זשורנאַליסטיק וואָלט איך זיך אפֿשר אינעווייניק אַ ביסל באַליידיקט. אָבער מיט זײַן זאָגן אויף מײַנע לידער: פּובליציסטיק — האָב איך מיך פּשוט געפֿילט דערהויבן, ווײַל פּובליציסטיק איז גוט, אויב זי איז גוט.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: וואָלט איר מסכּים געווען ווען עמעצער זאָל אײַך זאָגן: ראַוויטש, דו שרײַבסט נישט אין קיין קלאַסישער פֿאָרעם דערפֿאַר וואָס דו ביסט נישט קיין ריינער פּאָעט. ביסט אַ געמיש פֿון פּאָעט און פּובליציסט, און דײַן פֿאָרעם וואָס דו האָסט אַרײַנגעבראַכט אין דער יידישער פּאָעזיע, אָט די פֿאָרמלאָזע פֿאָרעם, ווי דו האָסט עס אָנגערופֿן, איז דער אויסדרוק פֿון אָט דעם דאָזיקן געמיש פֿון פּובליציסטיק און פּאָעזיע.

מלך ראַוויטש: יאָ, אויף די עלטערע יאָרן וויל קיינער נישט מער פֿאַרלירן זײַן אייביקייט, וואָס ער ווייסט סײַ ווי נישט וואָס דאָס איז. איז ווען איר וואָלט מיר געזאָגט, אַז צוליב דעם וועל איך פֿאַרלירן מײַן "אייביקייט", נו, אפֿשר. אָבער מיר דאַכט זיך אַז צוליב דעם וועל איך גאָרנישט פֿון מײַן אָרעמער אייביקייט פֿאַרלירן. דעריבער, אדרבא. זאָל זײַן דער "פּובליציסטישער פּאָעט".

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: ווי אַזוי קומט צו אײַך אַ ליד? ווי דערפֿילט איר דעם פֿאַרלאַנג צו שאַפֿן אַ ליד? וואָס איז דער אָנזאָג, דער סטימול פֿאַר אײַך, דער סיגנאַל אַז אָט גייט איר שרײַבן אַ ליד? צי איז דאָס בײַ אײַך אַ רוטין־פּראָצעס, יעדן טאָג זעצט איר זיך אַוועק און איר שרײַבט אַ ליד?

מלך ראַוויטש: פֿון יעדן טאָג זיך אַוועקזעצן, פֿון דעם איז בכלל קיין רייד נישטאָ. איך שרײַב לידער זעלטן. אַמאָל האָב איך געשריבן אַ סך. איצט שרײַב איך זייער, זייער זעלטן. פֿריער קומט אַ שטויס פֿון דער איבערלעבונג. שפּעטער קומט די רעאַקציע; איך האָב עס שוין פֿריער געזאָגט; אין געדאַנק און אין געפֿיל. און שפּעטער — די פֿאָרם. איך וועל אײַך דערציילן די ביאָגראַפֿיע פֿון איין ליד, וואָס איך האָב דאָ הײַנט געלעזן, עס רופֿט זיך "אַ ליד אויפֿן אומבאַקאַנטן קבֿר

פֿון פּרץ מאַרקיש". נו, צוערשט איז געקומען די מוראַדיקע איבערלעבונג. שפּעטער איז געקומען די דערמאָנונג, אַז מאַרקיש האָט זייער שיין געפּלעגט זינגען אַ רוסישע באַלאַדע וועגן "שוואַרצע טויטן-הוזאַרן". איבערלעבונג, אינהאַלט און פֿאָרעם האָבן זיך קאָנצענטרירט אויף אַ בילד מיט רײַטער, טראַגישע רײַטער. און איך האָב די איבערלעבונג פֿון מאַרקישעס אומקום אויסגעזונגען אין אַ ליד וועגן רײַטער, וואָס זענען אַרויסגעריטן מיט געזאַנג און רײַטן צוריק מיט טרערן.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: די איבערלעבונג פֿאַרשטיי איך. אָבער נאָך דער איבער־לעבונג, און נאָך דעם וואָס איר האָט דאָ דערמאָנט וועגן דעם ליד, וואָס מאַרקיש פֿלעגט זינגען, האָט איר זיך אָוועקגעזעצט בײַם טיש און געזאָגט "איך וועל אָנשרײַבן איצטער אַ ליד וועגן דעם"? צי דאָס ליד האָט בײַ אײַך שטילערהייט אין אונטערבאַוווסטזײַן געריפּט און גערײַפּט און נאָך דעם איז עס געקומען און געזאָגט "איך בין רײַף. שרײַב מיך אָן". איך זאָג דאָס, ווײַל אַ סך פּאָעטן האָבן אויף אַזאַ אופֿן כאַראַקטעריזירט דעם פּראָצעס פֿון זייער שאַפֿן. איז פֿרעג איך נאָר, ווײַל איך וויל וויסן ווי אַזוי איר אַליין כאַראַקטעריזירט אײַער שאַפֿן.

מלך ראַוויטש: למשל, שמואל יעקבֿ אימבער איז געווען אַ גרויסער בעל זכּרון און האָט געשריבן אַלע זײַנע לידער אין געדאַנק. ווען איך וואָלט געווען אַ גוטער בעל זכּרון, וואָלט איך אויך געשריבן, מסתּמא, מײַנע לידער אין געדאַנק. זייער אָפֿט פּאַסירט עס אַז איך פֿאָר אין אַן אויטאָבוס אָדער אין טראַמוויי, אָדער גיי סתּם ערגעץ און עס שרײַבט זיך אין מיר אַ ליד. אַז איך קום אַהיים געדענק איך נאָך נאָר דעם אינהאַלט און דעם מאָטיוו. דעמאָלט שרײַב איך עס ערשט אויף. גיב פֿאָרם. אָבער דאָס ליד קומט אין געדאַנק און אין האַרץ, קומט אַליין.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: נעמט אײַך לאַנג אויפֿשרײַבן אַ ליד?

מלך ראַוויטש: אויפֿשרײַבן — נישט, נאָר עס נעמט זייער לאַנג איבערשרײַבן אַ ליד. אַז איך שרײַב איבער אַ ליד נומעריר איך די ווידער און ווידער איבער־געשריבענע קאָפּיעס. אָפֿט קום איך צו צו אַ נומער 15 אָדער אַ נומער 20 אַפֿילו. די פּאָעמע מײַנע "די קרוינונג פֿון אַ יונגען ייִדישן דיכטער" האָב איך עלף מאָל איבערגעשריבן און דאָס איז אַ גאַנץ גרויסע זאַך אין כּמות. אַזוי שרײַב איך איבער זייער אַ סך מאָל. אָבער דאָס אָנשרײַבן אַליין גייט זייער שנעל.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: צי איז פֿאַראַן אַן אונטערשייד צווישן אײַערע קורצע, געבונדענע, מער לירישע לידער און צווישן די גרויסע לידער, ווי דאָס ליד פֿון תּל-אָבֿיבֿ, אָדער "פּראָסטע רייד מיט גאָט אין ניו-יאָרק"? איז פֿאַראַן אַן אונטער־שייד אין פּראָצעס פֿון אָנשרײַבן זיי? אין דעם אופֿן ווי זיי קומען אויף? קומט דאָס ליד מער ספּאָנטאַן, מער אין דער פֿאָרם פֿון אַ דיקטאַט?

מלך ראַוויטש: עס איז אַזוי. קורצע לידער זענען רײַף אין געדאַנק אין גאַנצן. און לאַנגע לידער קענען נישט זײַן רײַף אין געדאַנק אין גאַנצן. איז דעריבער

מוז מען פשוט זיצן איבער זיי און שרײַבן. דאָס איז דער איינציקער אונטערשייד. קיין אַנדערער פונדאַמענטאַלער חילוק איז נישטאָ.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: אָבער וואָס קומט צו אײַך פריער, דער אָנהייב פון אַ ליד? צי קאָן אפשר זײַן אַז די שורה, וואָס איז געקומען די ערשטע, זאָל שפּעטער זיך אַרויסווײַזן צו זײַן די סאַמע לעצטע?

מלך ראַוויטש: איך וועל אײַך זאָגן אין דעם שײַכות אַזוי: פאַראַן דיכטער — איך וועל קיין נעמען נישט אָנרופן — וואָס אין דעם אָנהייב פון זייערס אַ ליד איז דאָ שוין דאָס גאַנצע ליד. דאָס ווײַטערדיקע פעלט, ווײַל דער בליץ איז דאָ אין דער ערשטער שורה. בײַ מיר — אַזוי ווי איך האָב אײַך געזאָגט, אַז דער געדאַנק שפּילט אַ היפּשע ראָל, איז לרובֿ פּונקט פאַרקערט. עס איז נישט ווי בײַ יענעם ישיבֿה־בחור, וואָס האָט אַ תּירוץ און ער זוכט די קשיא. ניין. איך וואָלט געזאָגט, די קשיא איז געווען דער אייגנטלעכער שטויס און דער תּירוץ איז געווען דאָס ליד, אָבער דער תּירוץ איז געווען דער סוף פון דעם ליד, נישט דער אָנהייב פון דעם ענטפער, פון דעם תּירוץ. איר פאַרשטייט זיכער וואָס איך מיין.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: צום סוף, ראַוויטש, וואָלט איך אײַך געוואָלט פרעגן (איך האָב נאָך אַ סך פראַגן אײַך צו פרעגן נאָר עס איז נישטאָ קיין צײַט) און אײַך בעטן איר זאָלט מיר זאָגן וואָס וואָלט איר אַליין געוואָלט אַז מען זאָל אַרײַננעמען אין דורותדיקן אָפּקלײַב פון דער ייִדישער פּאָעזיע? מיט אַנדערע ווערטער, פשוט גערעדט, וואָס האַלט איר זענען אײַערע בעסטע לידער?

מלך ראַוויטש: עס איז מיר אַ מאָל אויסגעקומען וועגן דעם צו ריידן. האָב איך געזאָגט אַזוי: ווען עס וואָלט פּלוצלונג געשען און עמעצער וואָלט אַ געשריי געטאָן: אַלע אײַערע לידער ברענען! איר קאָנט אַרויסראַטעווען איינס! וועלכעס וואָלט איר דעמאָלט אַרויסגעראַטעוועט? האָב איך געזאָגט, וואָלט איך דעמאָלט אַרויסגעראַטעוועט דאָס ליד "נאַקעטע תּפֿילה אויף אַ נבֿיא". שפּעטער האָב איך חרטה געהאַט. עס איז אַ ביסל צו זינלעך. אָבער איך וועל אויסרעכענען נאָך אַ פּאָר לידער, וואָס איך מיין, אַז דאָרטן איז די מייסטע קאָנדענסירטע סובסטאַנץ פון מײַן שרײַבן. ערשטנס דאָס ליד: "פּראָסטע רייד מיט גאָט אין ניו־יאָרק", דערנאָך אַ ליד "והיה באחרית הימים" און טאָקע דאָס ליד "נאַקעטע תּפֿילה אויף אַ נבֿיא" דערנאָך איז פאַראַן אַ שטיל ליד וואָס רופט זיך טאָקע "אַ שטילער קול קורא" און עס איז פאַראַן אַ ליד אָן אָפּטימיסטיש, וואָס איז זייער זעלטן בײַ מיר, עס רופט זיך "אַ שעה אין דער ליכטיקער זון" און נאָך אַ ליד, "אַ ליד וועגן מלחמות און וועגן אַ בריוו פון מײַן טאַכטער". אָט די לידער מײַנע אַנטהאַלטן אַ סך פון מײַן וויכטיקסטער סובסטאַנץ. אָבער ווען איך וואָלט גרינטלעך דורכגעקוקט מײַנע ביכער, וואָלט איך אפשר אַנדערש אַ ביסל געקליבן.

אַבֿרהם טאַבאַטשניק: האָט איר די לידער אַרײַנגעלייענט אין דער רעקאָרדיר־טער אַנטאָלאָגיע?

מלך ראַוויטש: מיר דאַכט זיך אַז איך האָב זיי אַלע געלייענט, אַחוץ "והיה באחרית הימים". און איצט מײַן טײַערער חבֿר טאַבאַטשניק, אַ שיינעם דאַנק אײַך פֿאַר דעם שמועס. אָבער אויף אַן אמת אַ דאַנק אײַך. עס איז פֿאַר מיר געווען אַ טיפֿע איבערלעבונג דאָס שמועסן מיט אײַך. איך זע אין אײַך און פֿיל אין אײַך באמת א מענטש וואָס האָט ליב פֿון אינעווייניק אויס די ייִדישע פּאָעזיע און אויך די ייִדישע פּאָעטן. עס איז פֿאַר מיר געווען אַ גרויסע שעה אין מײַן לעבן. איך דאַנק אײַך זייער פֿאַר דעם.

וועגן פֿאַרגעסענע פּאָעטן בכלל
און דרײַ פֿאַרגעסענע בפֿרט

זינט דער מענטש איז אויף דער וועלט געקומען וויל זײַן נשמה האָבן נחת פֿון זײַן גוף און זײַן גוף וויל האָבן נחת פֿון זײַן נשמה. גוף און נשמה זענען אָן איינס, גוף איז הײַנט און נשמה איז נעכטן און מאָרגן. אַלץ גופֿיקע — אַזוי גיך עס איז נאָר אויף דער וועלט געקומען — וויל וואָס לענגער אויף דער וועלט זײַן. און געניסן וואָס מער. אָבער, אַז דאָס גופֿיקע ענדיקט זיך, ווײַל אַלץ, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מוז זיך אויך ענדיקן, קומט דאָס גופֿיקע צו דעם נשמהדיקן נאָך הילף און נאָך טרייסט. און עס געפֿינט די טרייסט אין דעם זכרון. געדענקען וואָס מער און פֿאַרגעסן וואָס ווינציקער.

לשון, פּשוט לשון, צוועקמאָסיק און פּראַקטיש, איז דאָ אין דער וועלט פֿון דעם מין מענטש אָן אַ שיעור. ווי די כוואַליעס בײַם ברעג פֿון ים. געמאָסטן מיט דער מאָס פֿון יאָרטויזנטער קומען אויף און פֿאַרשווינדן אָן אַ שיעור לשונות — און נאָר אַ קליינע צאָל לשונות בלײַבט.

עמעץ האָט באַרעכנט, אַז אין דער איצטיקער צײַט זענען פֿאַרצייכנט דרײַ טויזנט לעבעדיקע לשונות. און אפֿשר גאָר 2999 — אָדער 3001...

און יעדער לשון, אַפֿילו פֿון די אָפּגעשטאָנענסטע און אויך נאָך נישט אין גאַנצן אַנטוויקלטע, אַנטדעקט אין זיך מיט דער צײַט און די באַדינגונגען פֿון דער צײַט — אַ מין העכערן, שעפֿערישן כּוח, וואָס מיט אָט דעם כּוח קען עס רעדן, זינגען אַפֿילו דאָס געזאַנג צווישן ערד און הימל.

מען רופֿט אָט דעם אויסערנאַטירלעכן כּוח פּאָעזיע, און ממילא די מענער און פֿרויען, וואָס זענען געבוירן געוואָרן מיט אָט דעם כּוח — פּאָעטן. אַ מתּנה פֿון גאָט איז עס. נאָר ווער קען אָן איר נישט אויסקומען? דער ערשטער טאָקע גאָט אַליין, וואָס האָט זי באַשאַפֿן, די פּאָעזיע.

און אַגבֿ, וואָס איז פּאָעזיע? לעקסיקאָנען דעפֿינירן דעם געטלעכן פּאָעזיע־כּוח פּשוט און פּראָסט אָט אַזוי: פּאָעזיע איז אַ בינטל ווערטער, אַ מאָל אַ קלענערס און אַ מאָל אַ גרעסערס, וואָס דערציילט עפּעס, אַ מאָל אָן עפּיזאָד און אַ מאָל בלויז געפֿילן, אין אַן עקזאַלטירטן לשון און, דער עיקר, אין ריטמישן לשון.

פּונקט ווי עס זענען דאָ אַרום דרײַ טויזנט לשונות אויף דער אייבערפֿלאַך

פֿון דעם כּדור־האָרץ, אַזוי זענען מסתּמא דאָ אפֿשר דרײַסיק טויזנט און אפֿשר דרײַ הונדערט טויזנט פּאָעטן פֿון אַ מדרגה, העכער פֿון נולפּונקט. זיי דאַרפֿן זיך, די פּאָעטן, אָבער אויך זיי לײַדן פֿון עקספּלאָזיעס וואָס רעדוצירן זייערע רייען.

"פֿאַרגעסענע פּאָעטן" — דאָס איז ניט סתּם אַ זאָג, וואָס באַטײַט: פּאָעטן, וואָס זענען צוליב דער אָדער יענער סיבה פֿאַרגעסן געוואָרן. זייערע לידער ווערן מער נישט איבערגעדרוקט, נישט מער רעציטירט, נישט מער ציטירט אין עסייען וועגן פּאָעזיע. פּשוט און פּראָסט: פֿאַרגעסן. זיי — די פֿאַרגעסענע פּאָעטן — קענען אָבער נישט שלום מאַכן מיט דעם געדאַנק, אַז זיי זענען פֿאַרגעסן געוואָרן. זיי האָבן דאָך, פּונקט ווי די נישט־פֿאַרגעסענע פּאָעטן, זייער לעבן מקריב געווען אויף דעם מיזבח פֿון דער וועלטס פּאָעזיע. זיי האָבן זיך געמיט צו מאַכן זייערע לידער וואָס שענער און וואָס בעסער. איז פֿאַר וואָס קומט זיי די שטראָף פֿון פֿאַרגעסן ווערן? און פֿאַר וואָס קומט די געדענקטע פּאָעטן — אויף אַלערליי אופֿנים געדענקט צו ווערן? די פֿאַרגעסענע, די בעסטע צווישן זיי, זענען נישט עובֿר אויף דאָס צענטע געבאָט "לא תחמוד", זיי ווינטשן זייערע גליקלעכע חבֿרים דאָס בעסטע, אָבער פֿאַר וואָס קומט זיי, די פֿאַרגעסענע, די מוראדיקע שטראָף! זענען דען זייערע לידער נישט, לכל הפּחות, פּונקט אַזוי גוט, ווי די לידער פֿון די געדענקטע?

אַלץ אויף גאָטס וועלט האָט אַ סיבה. און אין דעם פֿאַל איז די סיבה צו זוכן אין דער אַריטמעטיק און אין גורל אָדער מזל.

הונדערט, אָדער טויזנט מאָל מער ווערן געשאַפֿן לידער, ווי פּראָזעווערק.

פֿאַרגעסענע נאָוועליסטן, דראַמאַטורגן, ראָמאַניסטן מיט טאַלאַנט זענען אַוודאי אויך דאָ, אָבער זעלטן. און מיר רעדן דאָ נאָר וועגן שרײַבערס מיט גאָטס ברכה פֿון שרײַבערישן טאַלאַנט.

אַגבֿ — און אויך דאָס האָט אַ סיבה — זענען אין קליינע ליטעראַטורן (קליין לויט דעם סכום, קוואַנטום, און נישט לויט דעם איכות) דאָ לפּי ערך, מער פֿאַר־געסענע פּאָעטן, ווי אין גרויסע ליטעראַטורן.

און די סיבה איז דווקא אַ פּראָזאַישע. זײַן אַ פּאָעט, אויב מען האָט נאָר דעם טאַלאַנט, איז גרינג. מען קען אַפֿילו יעדן טאָג, אָדער יעדער נאַכט, אויפֿשרײַבן אַ ליד. און אַפֿילו אַ גוט ליד. אָבער גיי און שרײַב אויף יעדן טאָג אָדער יעדער נאַכט אַ ראָמאַן. 365 אין איין יאָר.

און דאָ לאָמיר אָראָפּגיין פֿון דעם דרך־המלך פֿון דער וועלט־ליטעראַטור און לאָמיר דעם ווייטאָגדיקן ענין פֿון פֿאַרגעסענע פּאָעטן אָנמעסטן אונדזער דרײַ מאָל האַרציקער ייִדישער ליטעראַטור. מיר גיבן דאָ נישט קיין סטאַטיסטיק, אָבער יעדער ליבהאָבער און ענטוזיאַסט פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור ווייסט עס, אַז אונדזערע שרײַבערס־פּאָעטן שאַפֿן כאָטש דרײַ טוץ לידער, גוטע, ערשטקלאַסיקע, פֿאַר איין ראָמאַן, אָדער נאָוועלע.

*

מיר רופֿן אָן דרײַ נעמען פֿון פּאָעטן אין ייִדיש, געקריינטע מיט גאָטס אייגענער האַנט, אָט דאָס וואָס מען רופֿט חסד עליון. מיר זאָגן: דרײַ נעמען, אָבער מיר וואָלטן גרינג געקענט אָנרופֿן דרײַסיק און אַפֿילו דרײַ מאָל דרײַסיק נעמען פֿון פֿאַרגעסענע ייִדיש־פּאָעטן.

עס איז אמת, אַז עס געשעט אַ מאָל אַ נס מיט אַזאַ פֿאַרגעסענעם פּאָעט, און ער קען צוריק אַרײַן אין דעם קרײַז פֿון די געקריינטע. אָבער ווער האָט דאָס כּוח אַזוי לאַנג צו וואַרטן, אַפֿילו אין דעם אייביקן בעט פֿון ליכט און רו.

*

און די דרײַ נעמען: שמואל־יעקבֿ אימבער, דוד קעניגסבערג, בער האָראָוויץ.

אַלע דרײַ זענען גאַליציאַנער און ניט נאָר גאַליציאַנער, נאָר אַפֿילו מיזרח־גאַליציאַנער. געבוירן: אימבער 1889, קעניגסבערג 1892, האָראָוויץ 1895. אַלע דרײַ אומגעקומען אין די יאָרן פֿון דער "טאָטאַלער לייזונג פֿון דער יודענפֿראַגע".

אימבער — אַ פּלימעניק פֿון דעם מחבר פֿון דער התּקווה — נפֿתּלי־הערץ אימבער. אַזאַ צוזאַמענטרעף דינט צו מאָל דווקא צום פּאָעטישן פֿאַרגעסן ווערן...

פֿרעגט דער מענטש פֿון פֿאָלק: ווער זשע איז דער אמתער אימבער? און קיין ענטפֿער קריגט ער ניט — פֿאַרגעסט ער נאָך אַ מאָל צו פֿרעגן בײַ אַ פּאַסיקער געלעגנהייט און ער פֿאַרגעסט אויף אייביק, אַבי די התּקווה איז דאָ.

אונדזער שמואל־יעקבֿ אימבער איז געווען כּולו פּאָעט. וואָס ער האָט געשריבן איז געווען פּאָעזיע און וועגן פּאָעזיע. אַז מען האָט אים באַמערקט, אַז חוץ פּאָעזיע איז נאָך עפּעס דאָ אויף דער וועלט — האָט ער יענעם אָנגעקוקט מיט פֿאַרוווּנדערטע אויגן. ער האָט ניט פֿאַרשטאַנען וואָס מען רעדט צו אים.

זײַן לעבן איז ניט געווען אויף רויזן געבעט. און אויב שוין יאָ רויזן — איז עס געווען זײַן אייגענע לידער־זאַמלונג רויזנבלעטער.

די ערשטע לידער־זאַמלונג אימבערס איז אַרויס אין יאָר 1909. אימבער איז דעמאָלט צוואַנציק יאָר אַלט געווען. די זאַמלונג רופֿט זיך וואָס איך זינג און זאָג. אימבער האָט אַ גרויסן טייל פֿון די לידער אין זײַנע שפּעטערדיקע זאַמלונגען עלימינירט. ממילא זענען אָט די לידער, און מיט זיי זייער פּאָעט, טאָפּל פֿאַרגעסן געוואָרן.

ניט אָן אַ סיבה האָט שמואל־יעקבֿ אימבער אָט אַ די לידער־שפּע פֿאַרמישפּט פֿאַרגעסן צו ווערן. דאָס האָט אָבער נישט קיין שײַכות צו אונדזער איצטיקן מאמר.

מיר האָט אַ מאָל דער גרויסער און נישט־פֿאַרגעסענער דיכטער (אַזעלכע זענען אויך דאָ...) מאַני לייב געזאָגט, אַז דער דיכטער שמואל־יעקבֿ אימבער האָט געהאַט אויף אים אַ גרויסע השפּעה. ער און נישט קיין אַנדערער איז פּשוט געווען

זײַן פּאָעטישער לערער. און דער עיקר דאָס שמאָלע, דינע ביכעלע פֿון 64 זײַטן מיטן נאָמען וואָס איך זינג און זאָג. מאַני לייב, דער פּאָעטישער תּלמיד אימבערס, איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1883 — אימבער — אין יאָר 1889. דער תּלמיד — זעקס יאָר עלטער פֿון דעם לערער. און מאַני לייב האָט מיר אויך אַ מאָל געזאָגט, אַז ער וועט אַרויסגעבן אַ פֿאָטאָגראַפֿישע קאָפּיע פֿון אימבערס וואָס איך זינג און זאָג און אָפּצאָלן אויף דעם אופֿן זײַן פּאָעטישן חובֿ זײַן פּאָעטישן לערער. מאַני לייב איז אַוועק אויף דער אמתער וועלט אין יאָר 1953. דער איבערדרוק פֿון אימבערס ערשטער זאַמלונג איז נישט אויסגעפֿירט געוואָרן. די סיבה געדענק איך נישט.

און אַזוי איז אַזאַ הימל־בלויער פּאָעטישער פּראָיעקט צווישן צוויי יידישע פּאָעטן אַוועק אין דער פֿאַרגעסנקייט צוזאַמען מיט דער געשטאַלט און דעם ליד, וואָס עס האָט "אויסגעזאָגט און אויסגעזונגען" — אימבער.

איך האָב אַ מאָל מאַני לייבן געפֿרעגט, וועלכע לידער פֿון אימבערס זאַמלונג זענען אים צום נאָענטסטן צום האַרצן. ער האָט געענטפֿערט: דאָס ליד, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: און איצטער איז מינחה־צײַט.

קום אַרויס, הערלעך ליד, פֿון דער פֿאַרגעסנקייט. זיץ שטיל און איך וועל דיך דאָ איבערשרײַבן וואָרט אין וואָרט:

און איצטער איז מינחה־צײַט, מינחה־צײַט שוין —
אַ ליכט... אַ קרוין...
געזעגן דעם טאָג, וואָס פֿאַרשווינדט —
מײַן קינד...

און ווילסטו פֿאַרנעמען מײַן תּפֿילה, מײַן ליד —
איז גוט... איז גוט...
מײַן אָונטליד הײַנט איז דײַן לויב —
דו שטויב...

פֿאַר גליק האָט געזונגען, געזונגען אין מיר —
דורך דיר... דורך דיר...
פֿאַר גליק האָב איך וויינען געוואָלט —
אַ גאָלד...

ווער — און ווען — עס וועט דאָס ליד לייענען, אַרויסציִען עס אויף דער ליכטיקער שײַן פֿון גרויער פֿאַרגעסנקייט, וועט אין אָט די צוועלף שורות גרינג געפֿינען אַ דינעם בת־קול פֿון די אימבער־לידער בײַ מאַני לייבן. די זעלבע מעלאָ־דישקייט, די זעלבע דינקייט אין ריטעם — דאָס זעלבע בלויע פֿאַרנאַכטיקע ליכט.

*

און איצט, פֿאַרגעסענער דוד קעניגסבערג, קום אַרויס פֿון דײַן באַהעלטעניש, ערגעץ ווו אין קאָסמאָס, גיב אונדז אַ האַלבע שעה פֿון דײַן אייביקייט — דו און דײַנע לידער.

אַט ווי שטיל עס זענען קעניגסבערגס לידער — אַזוי שטורמיש־טראַגיש איז געווען זײַן לעבן. מאַנגאַליש זײַן פּנים, נישט הויך געוואַקסן, אָבער ווילד אין זײַן באַנעמונג. בײַ יעדער פּאַסיקער געלעגנהייט פֿלעגט ער זאָגן מיט זײַן כאַראַקטעריסטישן קורץ־געלעכטער, אַז ער איז טאַקע אַן אוראוראורייניקל פֿון דזשינגיס־כאַן.

אָבער דאָס אַלץ האָט נישט קיין שײַכות צו זײַן פּאָעטישן שאַפֿן.

אין יאָר 1910 האָבן זיך אין אַ קליינעם זשורנאַל אין לעמבערג באַוויזן עטלעכע ייִדישע סאָנעטן. זייער מחבר — דעמאָלט 18 יאָר אַלט — איז געווען דוד קעניגסבערג. אָבער ווער איז דוד קעניגסבערג? נישט וויכטיק ווער, די סאָנעטן זענען געניאַל און — די ערשטע סאָנעטן אין דער ייִדישער ליטעראַטור. די שווערסטע פֿאָרעם פֿון פּאָעטישן שאַפֿן. אין פֿערצנטן יאָרהונדערט, דאָס ערשטע מאָל באַנוצט דורך דעם איטאַליענישן פּאָעט פּעטראַרקאַ, און פֿון דעמאָלט אָן דורך די גרעסטע פּאָעטן פֿון דער וועלט־ליטעראַטור, אײַנשליסנדיק אונדזער ה. לייוויק.

אין יאָר 1913 איז אין לעמבערג אַרויס אַ ביכעלע סאָנעטן פֿון דוד קעניגסבערג — און אין יאָר 1919 — אין ווין — אַ זאַמלונג הונדערט סאָנעטן פֿון דוד קעניגסבערג. אַזוי גיך ווי די דאָזיקע זאַמלונגען זענען פֿון דרוק אַרויס אויף דער ליכטיקער וועלט, אַזוי גיך זענען זיי פֿאַרגעסן געוואָרן. צוזאַמען מיט זייער דיכטער — אונדזער ייִדישער פּעטראַרקאַ...

אויך קעניגסבערגן זענען באַשערט געווען אַלערליי טראַגעדיעס אין זײַן לעבן. אָבער איך גלייב אַז זײַנע סאָנעטן וועלן אַרויס פֿון דער פֿאַרגעסנקייט ווען זייער צײַט וועט קומען און וועלן קריגן זייער פֿוסבענקעלע בײַם מלאך פֿון דער פּאָעזיע אין גן־עדן.

און אַט ליגט פֿאַר מיר דאָס ביכעלע מיט די הונדערט סאָנעטן און איך בלעטער און בלעטער און פֿרעג בײַ זיך אַליין: וועלכן פֿון די הונדערט סאָנעטן זאָל איך דאָ איבערשרײַבן? איך וועל וואַרפֿן גורל...

דער גורל איז געפֿאַלן אויף דעם סאָנעט, וואָס רופֿט זיך: "אוודאי מוזן אַלע בלומען שטאַרבן" —

אַוודאי מוזן אַלע בלומען שטאַרבן.
אַנטקעגן טויט העלפֿט ניט קיין חן אַפֿילו,
ניט שיינקייט, ווען ער זאַמלט אײַן די גאַרבן.
זיי פֿאַלן אים אין די אָרעמס, קראַנקע, שטילע.

אַ פּנים, ווען זיי גליִען אין די שענסטע פֿאַרבן
פֿאַרהויכן זיי אין דופּט די לעצטע תּפֿילה.
זיי גייען אויס מיט יענעם זיסלעך־האַרבן
גערוך, ווי די יום־כּיפּור־ליכט צו נעילה.

און דושנע איז סוף־זומער, ווי אין שילן,
וואָס סליחה־תּפֿילות זאָפּן דורך, דערפֿילן.
אַבאַלד וועט קומען נעפּלדיקער רעגן —

און וועט אין לאַנגע, טריבע טעג געווערן
ווי די בקשות אָנגעווייקט מיט טרערן,
און טריפֿן לאַנגזאַם, לאַנג, אויף אַלע וועגן.

איך לייען נאָך אַ מאָל דעם גורל־סאָנעט, און טראַכט מיר: האָט דער גורל טאַקע דעם שענסטן סאָנעט אויסגעקליבן? זיכער — נישט! און איך פֿאַרענטפֿער זיך פֿאַר זיך אַליין: איז עס גאָר מענטשן־מיגלעך אויסצוקלײַבן פֿון הונדערט בעסטע סאָנעטן — דעם סאַמע בעסטן?

*

און אָט איז דער דריטער פֿון די פֿאַרגעסענע. בער האַראָוויץ איז זײַן נאָמען. אַ יונג, געבענטשט מיט אַלע טאַלאַנטן. וואָלט ער ניט געוואָרן אַ דיכטער — פֿון גאָט באַשערט — וואָלט ער געוואָרן אַ מאָלער. אפֿשר וואָלט ער, ווי אַ מאָלער, ווינציקער פֿאַרגעסן געווען, אויב פֿאַרגעסן ווערן האָט מדרגות.

איך קען אים אַוודאי נישט פֿאַרגעסן. בין מיט אים, אין דער שטאָט סטאַניסלעוו, צוויי יאָר געגאַנגען אין אַ העברעיִשער אוונטשול.

וואָס ער האָט אַלץ פֿאַרארבעט אין דער דאָזיקער שול! יעדער לערער פֿלעגט ממש זיך בעטן בײַ בערן אַ ביסל רו און ווינציקער הפֿקר.

איין מאָל, אין מיטן אַ קלאַס, האָט זיך האַראָוויץ גאָר צעזונגען. ווי אַ זינגער וואָלט ער שוין דרײַ טאַלאַנטן געהאַט. ער האָט דאָס ליד, אַן אוקראַיִניש פֿאָלקסליד, געזונגען מיט אַזאַ מתיקות, אַז דער לערער האָט געבעטן דעם קלאַס אים — בערן — נישט איבערצורײַסן. האַראָוויץ וואָלט אויך דאָס געקענט. יאָ — געקענט.

ער האָט געלעבט קרעשטשענדאָ, און ערגעץ ווען, ערגעץ ווו, שטיל געוואָרן. ער האָט אויך געקענט שטיל זײַן. ליריש און סענטימענטאַל, ווי זײַנע לידער. די פֿאַרגעסענע לידער.

אַלע דרײַ זענען געווען מאָביליזירט אין דער ערשטער וועלט־מלחמה אין דעם עסטרײַכישן חייל. אימבער איז געווען לויטן ראַנג געפֿרײַטער, קעניגסבערג

איז געווען אַן אונטעראָפּיציר־פּעלדפֿעבעל, האַראַוויץ האָט געהאַט דעם ראַנג — פּעינריך, קעניגסבערג און האַראַוויץ האָבן חדשים־לאַנג זיך געוואַלגערט אויף די פּראָנטן. האַראַוויץ האָט געשריבן סענטימענטאַלע פּראָנטלידער.

אַט ווי ווילד ער איז געווען אין טעגלעכן לעבן — אַזוי, לרובֿ, ליריש און סענטימענטאַל זײַנע לידער.

און אַט איז זײַן ליד מיטן נאָמען „אורלויב".

האָסט נאָך אַ קיום, מײַן היים ?
צי ביסטו גלײַך מיט דער ערד ?
וואָגלען זיך אויף דײַנע בריקן מענטשן ?
קוקן אויס דײַנע ליכטיקע פּענצטער — פּערד ?

אַך, האָט אונדז גאָט צעזייט, מײַן מאַמע !
ענדלעך האָבן מיר זיך געטראָפֿן !
אַ נחת איז צו זײַן צוזאַמען !
אַ פֿאַרשלאָגן ווענטל, אַן ענג קאַבינעט,
אַ היים אין דער פֿרעמד !
ס'איז אָוונט. ס'ברענט דער לאָמפּ,
איך ליג אין בעט
און מײַן מאַמע זיצט בײַם טישל,
און נייט בײַם ליכט.
אויף איר טײַער פּנים שפּילט די שײַן . . .

זי פּלוידערט : „הערסט, מײַן קינד ?"
„ווייסט, מײַן זון ?"
נחת . . . שטילע, געבענטשטע פֿרייד !

אין דער מינוט
פֿאַלן מלוכות,
סע שטאַרבן פֿעלקער,
געשיקן * פֿון קינדער
טויכן אין בלוט !
מײַן מאָרגן איז פֿרעמד — —

* מזלות.

די הייליקע הענט מײַן מאַמעס
לאַטען מיר מײַן העמד!...

*

האָבן די בלעטער און די ציטאַטן אויסגעשעפּט די אומעטיקע טעמע: וועגן פֿאַרגעסענע פּאָעטן בכלל — און דרײַ פֿאַרגעסענע בפרט?

און מײַן נאָך מער אומעטיקער ענטפֿער איז: ניין!

און די דרײַ פּאָעטן זענען, חלילה, נישט פֿאַרשוויגן געוואָרן. זיי זענען נאָר פֿאַרגעסן געוואָרן. עס איז אַ גרויסער חילוק. און, ווי זאָגט אונדזער חכם קהלת: עס איז דאָ אַ צײַט צו וויינען און אַ צײַט צו לאַכן. און לאָמיר אים צוגעבן נאָך אַ צײַט פֿון זײַנע קלוגע צײַטן: עס איז דאָ אַ צײַט צו פֿאַרגעסן און אַ צײַט צו דערמאָנען! און זאָל דאָס זײַן אונדזער און אויך אײַער טרייסט. עס איז שוין נענטער ווי ווײַטער.

שפּינאָזאַ

נישט אונדזער גאָט — נאָר אונדזער מענטש...

אַ רעדע אין זאַל פֿון טעכניקום אין חיפה
בײַם "שפּינאָזאַ־טאָג", אַראַנזשירט דורך דעם "בית שפּינוזה"
מאָנטיק, דעם 6טן דעצעמבער 1954

א.

זינט יאָרן גייט אַן אַ מחלוקה צווישן די פֿאָרשער פֿון דעם שענסטן — און אפֿשר אויך גרעסטן — פֿון די ספּעקולאַטיווע יִידישע פֿילאָזאָפֿן, ברוך, אָדער בענעדיקט דע שפּינאָזאַ — צי איז אַט דער דענקער געווען בלויז אַ דענקער, אָדער אויך אַ געלערנטער.

וואָלט מען אָבער אים אַליין געפֿרעגט, וואָס ער איז געווען, אָדער וואָס ער האָט געשטרעבט צו זײַן, וואָלט ער געענטפֿערט, אַז ער האָט נישט געשטרעבט צו זײַן אַ דענקער, נאָך ווייניקער אַ געלערנטער און אַ וויסנשאַפֿטלער. און אויב ער איז עס געווען — איז עס נאָר געווען אַ טפֿל בײַ אים. געשטרעבט האָט ער צו זײַן בלויז אַ מענטש — אַ פּערפֿעקטער מענטש.

דאָס האָט ער געשטרעבט. אָבער אין טאָג פֿון זײַן טויט — זונטיק דעם 21טן פֿעברואַר 1677 — וואָס איז צו אים געקומען, ווען ער איז אַלט געווען פֿיר און פֿערציק יאָר מיט אַכט און אַכציק טעג, האָט ער אַליין נאָך אַלץ נישט געוווּסט, צי האָט ער זײַן שטרעבן כאָטש טיילווײַז דערגרייכט.

די אָבער, וואָס קוקן אַרויף צו אים — ווי צו אַ מענטש פֿון מענטשן, וואָס הערן זיך אײַן אין דער האַרמאָנישער מוזיק, וואָס שטראַלט אַרויס פֿון זײַן לעבן, ווי אַ ליד פֿון לידער, אַ שיר השירים אין קול דממה דקה — זאָגן, אַז זײַן לעבן איז געווען פּערפֿעקט. זיי זאָגן עס דערפֿאַר אויף — ווײַל צווישן די ביליאָנען מענטשן, וואָס זענען געווען און זענען דאָ אויף דער וועלט, קענען זיי קיין סך אַזעלכע לעבנס נישט געפֿינען, ווי עס איז געווען דאָס לעבן פֿון ברוך בר מיכאל דע שפּינאָזאַ. זיי זאָגן נישט, אַז ער איז געווען ד ע ר פּערפֿעקטסטער, ווײַל אין דער עקסקלוסיווער אויסגעקליבנקייט וואָלט שוין געווען געטלעכער עלעמענט און דאָס וואָלט שוין געווען אַנטי־שפּינאָזיסטיש.

שפּינאָזיסטן דינען נישט צו זייער מײַסטער, ווי צו אַ גאָט. זיי דינען נישט צו אים, זיי זיצן בלויז צו זײַנע פֿיס און קוקן אַרויף צו אים און לערנען פֿון אים. זיי לערנען אויך פֿון זײַנע פֿעלערן. וואָלט ער קיין פֿעלער נישט געהאַט — וואָלט ער נישט געווען קיין פּערפֿעקטער מענטש. פּערפֿעקטע מענטשלעכקייט איז נישט דערגרייכונג, נאָר שטרעבן. איז אינערלעכער אומאויפֿהערלעכער קאַמף. דער ענין איז אַלט ווי די וועלט. אונדזערע חז״ל האָבן עס שוין געוווסט: טוב ארך אפים מגבור, ומושל ברוחו מלוכד עיר.

ניין, נישט אונדזער גאָט — נאָר אונדזער מענטש. און דאָס איז אונדז גענוג, איבערגענוג.

אַלץ, וואָס דערהויבן איז — איז פּונקט אַזוי שווער, ווי עס איז זעלטן — מיט אָט די ווערטער פֿאַרענדיקט שפּינאָזאַ זײַן הויפּט־ווערק, איינס פֿון די הויפּט־ווערק פֿון דער וועלט, די עטיק.

און וואָס קאָן זײַן שווערער ווי די שטרעבונג צו זײַן אַ פּערפֿעקטער מענטש.
און וואָס קאָן זײַן און איז זעלטענער.
דעריבער קוקן מיר אַרויף צו אים און האַלטן אין איין לערנען פֿון אים.

ב.

אַכט ווערק, צוויי פֿון זיי הויפּט־ווערק, זענען געבליבן נאָך שפּינאָזאַ: טראַקטאַט וועגן דער אויסבעסערונג פֿון אינטעלעקט, אַ טראַקטאַט — אין האַלענדיש פֿאַרפֿאַסט — איבער גאָט, דער טעאָלאָגיש־פּאָליטישער טראַקטאַט, די פֿילאָסאָפֿיע פֿון קאַרטעזיוס — געאָמעטריש געסדרט, די עטיק, דער פּאָליטישער טראַקטאַט, די זאַמלונג פֿון די בריוו צו און פֿון אים, די העברעיִשע גראַמאַטיק. אַלץ אין אַלעם אַן ערך פֿון 1000 זײַטן אין אַ בוך. פֿאַרפֿאַלן זענען געוואָרן עטלעכע קלענערע אָפּהאַנדלונגען — אַליין פֿאַרניכטעט איז געוואָרן אַ האַלענדישע איבערזעצונג פֿון תּנ״ך. פֿאַרפֿאַלן זענען געוואָרן אַ סך בריוו און פֿאַרפֿאַלן איז געוואָרן די פֿאַרטיידיקונג־שריפֿט, וואָס שפּינאָזאַ האָט צוגעשיקט דער קהילה אין אַמסטערדאַם נאָך דעם, ווי דער חרם איז אויף אים געוואָרפֿן געוואָרן אין יאָר 1656 — און אָט די שריפֿט איז פֿאַרפֿאַסט געוואָרן אין לאַדינאָ, דעם ייִדישן פֿאָלקס־לשון פֿון די ספרדים — און שפּינאָזאַ איז געווען אַ ספרדי.

דאָ אויבן איז אויסגערעכנט דער פּאָליטישער טראַקטאַט. אָבער אָט דער טראַקטאַט איז נישט גאַנץ. פֿון זײַן דריטן טייל, דעם טייל, וואָס דאַרף באַהאַנדלען אַן אידעאַלע דעמאָקראַטישע מלוכה, איז געבליבן בלויז אַן אָנהייב־פֿראַגמענט. עס לייגט זיך אויפֿן שכל, אַז אַ פֿאַראינטערעסירטע האַנט האָט דאָ דעם פֿעלנדיקן טייל צעשטערט, כאָטש עס איז סימולירט געוואָרן, אַז שפּינאָזאַ אַליין האָט דאָס ווערק נישט דערשריבן.

וואָס עס פֿעלט אין גאַנצן, אָדער כמעט אין גאַנצן — איז שפּינאָזאָס לעבן.

פֿון אַן אויטאָביאָגראַפֿיע איז שוין אָפּגערעדט. וואָלט שפּינאָזאַ געשריבן זײַן אויטאָביאָגראַפֿיע — וואָלט ער נישט געווען שפּינאָזאַ. אָבער אויטענטישע ביאָ־גראַפֿיעס זענען געבליבן אַזוי ווייניק. דינע העפּטלעך בלויז. דאָ און דאָרט אַ באַמערקונג. דאָ און דאָרט אַ מין פּליטת הקולמוס — אַ נישט בכּוונהדיקע באַמערקונג אין אַ בריוו, פֿון וועלכער מען קען אַרויסנעמען אַן אינטימען ביאָגראַפֿישן פֿאַקט, אַ פּריוואַטן מענטשלעכן שטריך.

און פֿאָרט —

קיין פֿילאָסאָף איז נישט אַזוי באַהאַלטן אין זיבן מאָל זיבן שלײַערן פֿון עניוות און דאָך איז קיין פֿילאָסאָף נישט אַזוי באַגלויבט אויפֿן וואָרט אַליין ווי שפּינאָזאַ, אַז ער האָט נישט געפּרעדיקט קוואַל־וואַסער פֿון שטרענגער מאָראַל און אַליין געטרונקען דעם פֿריידיקן טרויבנזאַפֿט פֿון אַ צעלאָזן לעבן.

עפּעס איז דאָ אַזאַ צויבער אין שפּינאָזאַס געשליפֿענעם, קרישטאָליקן פֿילאָ־סאָפֿישן וואָרט, אַז אים גלייבט מען אויפֿן וואָרט... מען גלייבט אים, נישט געקוקט, וואָס זײַן חכמה איז אַזוי וווּנדערלעך און אַזוי גרויס, אַז מען קען זיך קוים פֿאָרשטעלן אַ מער לאָגישן אופֿן פֿון שרײַבן. פֿונדעסטוועגן איז — מעשׂיו מרובים מחכמתו — און דערפֿאַר טאַקע איז אַזוי שטאַרק חכמתו מתקיימת.

דער קלאַנג פֿון זײַן וואָרט איז אַזוי זילבערן־גלאָקיק, אַז די דעקונג אין איידעלן מעטאַל איז דאָ טאַקע אין וואָרט אַליין... אַן אויסנאַם, אַן אויסנאַם.

און נאָך מער וווּנדערלעך איז די באַגלויבטקייט פֿון שפּינאָזאַ־וואָרט, ווײַל עס איז דאָך גאָרנישט דערשינען מיט זײַן פֿולן נאָמען, נאָר מיט איניציאַלן — אַפֿילו שוין אַ יאָר נאָך זײַן טויט.

ג.

נישט איין מאָל טראַכט איך מיר: ווי וואָלט עס געווען, ווען שפּינאָזאַ וואָלט געלעבט אין די צײַטן פֿון די חז״ל פֿון די פּרקי אָבֿות און ער וואָלט אויך, ווי זיי, געדאַרפֿט מצמצם זײַן זײַן גאַנצע תּורה אין אַ צוויי־דרײַ פּסוקים — ווי אַזוי וואָלט ער עס געמאַכט?

אפֿשר אָט אַזוי:

גאָט איז די סובסטאַנץ — די סובסטאַנץ האָט צוויי, אונדז שטאַרביקע מענטשן, באַקאַנטע אומענדלעכע אַטריבוטן, אייגנשאַפֿטן, שטח און געדאַנק. און אָט די צוויי אומענדלעכע אַטריבוטן מאַניפֿעסטירן זיך פֿאַר אונדזערע שטאַרביקע אויגן אין אַן אומצאָל פֿון ענדלעכע מאָדוסן. און די מאָדוסן זענען ווי די, אייביק זיך ענדערנדיקע, כוואַליעס פֿון ים. און דער ים איז אויסער אונדז און נאָך מער אין אונדז. דער ים — דאָס זענען אונדזערע מענטשלעכע אַפֿעקטן, אונדזערע מענטשלעכע לײַדנשאַפֿטן. און כאָטש עס דאַכט זיך אונדז, אַז מיר האָבן קיין פֿרײַען ווילן נישט, ווײַל מיר זענען רינגעלעך אין אַ קייט פֿון סיבות ביז אַרויף צו דער סיבה פֿון אַלע סיבות,

האָבן מיר אָבער יאָ אַ מיגלעכקייט פֿון ווירקן פֿרײַוויליק, אויב מיר וועלן זיך צווינגען צו פֿאַרשטיין ביזן טיפֿן גרונט אונדזערע לײַדנשאַפֿטן. אָבער פֿאַרשטיין זיי רויִק — טאַקע אָן לײַדנשאַפֿטן. נישט מיט געוויין און נישט מיט געלעכטער — נאָר מיט פֿאַרשטענדעניש. שׂכל. און אַז מיר וועלן זײַן האַרן פֿון אונדזער שׂכל — אינדיווידועל, וועלן מיר אויפֿבויען אַן אידעאַלע געזעלשאַפֿט, אין וועלכער יעדער וועט קענען דענקען, וואָס ער וויל און זאָגן, וואָס ער דענקט, אָבער נישט האַנדלען אינדיווידועל, ווי ער דענקט, נײַערט קאָלעקטיוו, דעמאָקראַטיש. און דעמאָלט וועט זײַן מלאה הארץ אהבה את ה׳ כמים לים מכסים. איר האָט זיכער באַמערקט, אַז אין דעם באַרימטן פּסוק פֿון ישעיה האָבן מיר איין וואָרט געענדערט: שטאָט דעם וואָרט דעה — דאָס וואָרט אהבה. וואָרום לויט שפּינאָזאַ איז דעה אויף מענטשן אַנצווּוענדן, אָבער לגבי גאָט איז אהבה.

דאָס איז אַלץ! איז דאָס טאַקע אַלץ? יאָ — אָבער מיט אַ טויזנט זײַטן פּרעציזע קאָמענטאַרן, אַזוי פּרעציז, ווי נאָר שפּינאָזאַ אַליין האָט געקענט קאָמענטירן.

דאָס זענען די הויפּטגעדאַנקען פֿון די צוויי הויפּט־ווערק — דער עטיק און דעם טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראַקטאַט.

קיין פֿילאָסאָף איז אַזוי פֿיל נישט קריטיקירט געוואָרן ווי שפּינאָזאַ. קודם כּל האָט מען אָפּגעפֿרעגט זײַן אָריגינעלקייט. דעם באַגריף פֿון די אַטריבוטן האָט ער גענומען פֿון דעם פֿראַנצייזישן פֿילאָסאָף קאַרטעזיוס. און דאָס שטימט. ייִדישע רעליגיאָנס־פֿילאָסאָפֿן זאָגן, אַז דעם באַגריף האָט ער גאָר גענומען פֿון דער קבלה. און זיי באַווײַזן עס. און עס שטימט אויך...

עס איז אמת, אַז די בוימאַטעריאַלן האָט ער גענומען פֿון די קוואַלן פֿון זײַן ייִדישער און אַלגעמיינער ערודיציע. אָבער דעם װוּנדערלעכן סיסטעם זײַנעם האָט ער גענומען פֿון זײַן אייגענעם וועזן אַרויס. די ג אַ נ צ ק י י ט.

לעבנס־פּראַקטיק און לעבנס־טעאָריע — אַזוי פּאַראַלעל, אַזוי װוּנדערלעך פּאַראַלעל און אַזוי אין איינקלאַנג, אין אַזאַ װוּנדערלעכן איינקלאַנג — אַ מײַסטער שפּינאָזאַ, גיב מיר אַ בילד, גיב מיר אַ פֿאַרגלייך — ווי פּאַראַלעל? פּאַראַלעל ווי די ווײַסע פֿליגלען פֿון אַן אַלבאַטראָס אויסגעשפּרייטע אין װוּנדערלעכן גלײַכן פֿון צווישן בלויען הימל און בלויען ים. אַזוי פּאַראַלעל — טעאָריע און פּראַקטיק.

ד.

און דאָך און דאָך און דאָך. ער איז דאָך פֿאַרט געווען אַ מענטש, טאַקע אָן לײַדנשאַפֿטן, אָדער מיט באַהערשטע לײַדנשאַפֿטן — פּרעציז לויט דעם פֿינפֿטן טייל פֿון דער עטיק. אָבער אַ מענטש, אַרײַנגערעמט אין זײַן צײַט אין זײַן אייראָפּע פֿון זײַן זיבעצעטן יאָרהונדערט.

און הערט, הערט, הערט מיט ליבע — מיט שפּינאָזיסטישער אהבה הערט — ווי אַזוי ווונדערלעך ער האָט געבלאָנזשעט.

איך וועל בלויז אויסרעכענען עטלעכע פּון זײַנע בלאָנדזשענישן:

מאַקיאַוועלי, דאָס הייליקע פּאַטערל פּון אַלע פּאָליטישע ציניקער, איז בײַ אים אַלע מאָל בלויז "דער שאַרפּזיניקער פלאָרענטינער".

פּרויען שליסט ער אויס פון אַנטייל אין פּאָליטישן לעבן פּון אַן אידעאַלער מלוכה — מחמת זיי דיספּאָנירן נישט פרײַ מיט זייער ווילן — און ער וואַרפט זיי צוזאַמען אין איין קאַטעגאָריע מיט שקלאַפּן און קינדער... און וואָס שײַך דער פאַרשקלאַפונג פון שקלאַפן בכלל שווײַגט ער, אָדער ער אַפּראָבירט, ווי די אַלט־גריכישע פילאָזאָפן, וואָס האָבן געלעבט צוויי טויזנט יאָרן פאַר אים.

און אין זיבן און דרײַסיקטן לערנזאַץ פון פערטן טייל פון זײַן עטיק רעדט ער גרינגשאַציק פון דער אידעע פון רחמנות צו חיות — אַ זאַך, וואָס טוט מיר, אַ וועגעטאַריער, באַזונדערס טיף וויי.

און דאָס זענען בלויז רמזים און בלויז פון עטלעכע בלאָנדזשענישן. און זיי זענען דאָ אַ סך. אָבער אַט די בלאָנדזשענישן פון דעם מײַסטער מאַכן אים נאָך נענטער. ער האָט זיי נישט אַרײַנגענומען צווישן זײַנע אַקסיאָמען. נײַערט בלויז צווישן זײַנע מעדיטאַציעס. ער האָט געלערנט, ער האָט אייביק געלערנט — און אין דעם גלויבן, אַז ער וואָלט זײַנע פעלערן זיכער אויסגעבעסערט, וואָלט ער אַביסל לענגער געלעבט, באַרויִקט זיך אויך דער לעצטער תּלמיד זײַנער און בלײַבט ווײַטער זיצן בײַ די פיס פון מײַסטער און לערנט אָן אויפהער.

ה.

שפּינאָזאָס ביידע הויפּטווערק — דער טעאָלאָגיש־פּאָליטישער טראַקטאַט און די עטיק, דרינגען דורך ביז אין די טיפענישן און ביז אין די ווײַטקייטן דעם נעכטן, דעם הײַנט און דעם מאָרגן. דער טראַקטאַט איז דאָס יסוד־ווערק פון דער ביבל־קריטיק פון דער וועלט און ממילא דערמיט אַ לײַכט־טורעם אַרײַנגעשטעלט אין די שטורעמדיקע פינצטערנישן פון פאַרדרײַטטויזנטיעריקן אַמאָל. די עטיק וויל בעסער מאַכן דעם מענטש פון אַלע טויזנטיעריקע מאָרגנס. זי וויל באַווירקן דעם מאָרגן פון דער מענטשהייט.

שפּינאָזאַ האָט קריטיקירט און קלאָר געמאַכט די נבֿואה, אָבער אַליין זיך מיט דעם נישט פאַרנומען. און דאָך — ווי ווונדערלעך. אין צוויי שטעלן פון זײַנע ווערק איז דאָ אַ רמז אויף אַ ווידעראויפשטעלונג פון אַ ייִדישער מדינה. איין מאָל אין סוף פון דריטן קאַפּיטל פון טראַקטאַט. און נישט נאָר רעדט זיך עס דאָרט וועגן דער אויפריכטקונג פון דער מדינה, נאָר אַפילו פון אַ נײַעם בנו בחרת ואותנו קדשת מכּל העמים. אַן אַנדערש מאָל איז דאָ אַן אָנפראַגע בײַ שפּינאָזאַ, אין אַ בריוו פון זײַן פרײַנט אָלדענבורג, וועגן די ידיעות, אַז ייִדן קערן זיך אום

קיין ארץ ישראל. עס איז אָבער פֿאַרלוירן געגאַנגען דעם מײַסטערס ענטפֿער.

און דערצו די העברעיִשע גראַמאַטיק פֿון איינעם, וואָס האָט אַרויסגערעדט העברעיִש מיט דער עכטסטער ספֿרדישער הבֿרה, ווי דאָס ווערט קלאָר פֿון דער אויפֿקלערונג פֿון די קלאַנגען פֿון אלף בית — בײַם אַרײַנפֿיר אין דעם דיקדוק.

דאָס מאַכט אים אַזוי נאָענט אויף אָט דער ערד.

ו.

דאָס מאַכט אים מענטשלעך נאָענט, אָבער צום נענטסטן אונדז ייִדן מאַכט אים דער יסוד פֿון זײַן גאַנצער פֿילאָסאָפֿיע.

און דער יסוד איז געווען — נישט פֿילאָסאָפֿיע לשם פֿילאָסאָפֿיע. נישט דענקען לשם שיינקייט פֿון דענקען, נאָר דענקען לשם נוצלעכקייט פֿון דענקען.

אין דער אַקס, אַרום וועלכער עס דרייט זיך דאָס וועלט־און מענטש־אַרומנעמענדיקע ראָד פֿון שפּינאָזאָס פֿילאָסאָפֿיע איז פֿאַראַנען איין געפֿערלעך דינער פּונקט. זײַן דעטערמיניזם. זײַן טעאָריע פֿון דער סיבה פֿון אַלע סיבות אין שײַכות מיט דעם יחיד־מענטש. יאָ, אויך אַלס פֿילאָסאָף איז שפּינאָזאָ נישט פּערפֿעקט. פּערפֿעקט איז נאָר זײַן שטרעבן צו זײַן פּערפֿעקט.

דער דעטערמיניזם איז זײַן שוואַכער פּונקט. ער איז אָבער קיין מאָל נישט אַזוי שוואַך געוואָרן, אַז ער זאָל זיך אײַנברעכן און דאָס וווּנדערלעכע וועלט־און מענטש־ראָד זאָל זיך אַרײַנקײַקלען אין העלענישן אָפּגרונט פֿון פֿאַטאַליזם — פֿון אָפּהענטיקן גריכיש־רוימישן פֿאַטאַליזם.

שפּינאָזאָ איז אַלע מאָל געבליבן אַ יודייער אין זײַן פֿילאָסאָפֿיע.

וועגן אַ סך האָבן אים געפֿירט קיין רוים — קיין מאָל האָבן אים אָבער נישט אַלע וועגן פֿאַרפֿירט קיין רוים. זײַן לעצטער וועג האָט אים אַלע מאָל געפֿירט קיין ירושלים.

שפּינאָזאָ האָט פֿײַנט געהאַט די מיסטיק פֿון ציפֿערן און פֿון גימטריאָס. און דאָך, ווער ווייסט צי עס איז אַ צופֿאַל, וואָס זײַן יסוד־ווערק — די עטיק — האָט פֿינעף טיילן. ווי דער חומש אין ספֿר דבֿרים קלינגט צוזאַמען און קאָנדענסירט די גאַנצע תורה, אַזוי קלינגט צוזאַמען און קאָנדענסירט זײַן גאַנצע לערע וועגן פֿאַרשטיין גאָט, אָבער בעיקר בעסער מאַכן דעם מענטש, שפּינאָזאָ אַלע זײַנע געדאַנקען אין פֿינעפֿטן טייל פֿון דער עטיק.

אַבסטראַקט און דין און העל ווי אַ שטראַל איז שפּינאָזאָס פֿילאָסאָפֿיע.

זי וויל אָבער נישט בלײַבן הענגען אין חלל ווי אַ שטראַל. זי זוכט דעם מענטש. זי איז פֿאַר אים. זי וויל אים דערהייבן צום געפֿיל פֿון דער ריינסטער גײַסטיקער ליבע צו גאָט, ווײַל דעמאָלט וועט די ליבע פֿון מענטש צו מענטש זײַן שוין נאָר אַ זעלבפֿאַרשטענדלעכקייט.

שפּינאָזאָ וויל אונדז דערהייבן צו גאָט, אָבער אונדז וויל ער דערהייבן,

אונדז — מענטשן. און דעם ערשטן, וואָס ער שטרעבט אַזוי צו דערהייבן, איז זיך אַליין. ווײַל אויך ער איז קודם כּל אַ מענטש.

און דעריבער —

אַז מיר טראַכטן וועגן אים ווי מענטשן סתּם — פֿילן מיר, אַז ער איז אונדזער מענטש. נישט אונדזער גאָט, נאָר אונדזער מענטש.

און אַז מיר טראַכטן וועגן אים ווי ייִדן — פֿילן מיר, אַז נישט נאָר איז ער אונדזער מענטש, נאָר אונדזער ברודער.

אַן אינטערוויו פֿאַר אַן אינטערוויו — נאָך 35 יאָר...

(אַ שמועס מיט יצחק באַשעוויס)

מען האָלט אים פֿאַר איינעם פֿון די בעסטע ייִדישע פּראָזע־שרײַבערס אין דער איצטיקער צײַט, פֿון די — וואָס זענען אַקטיוו און שרײַבן, און שרײַבן אַ סך, קיין בייז אויג! — און שרײַבן אונטער עטלעכע נעמען און מען קען נאָך אויף זיי זאָגן "עד מאה ועשרים", געלויבט השם יתברך. ער איז אַ גרויסער ערודיט בכלל און אין די שוואַרצע פּינטעלעך בפּרט, אַ אומפֿאַרגלײַכלעכער בעל זכּרון און בעל פֿאַנטאַזיע. אַ רעדער, אַ זאָגער און אַפֿילו אַן אַרײַנזאָגער, און ער האָט געוווּנען אַנערקענונג נישט נאָר בײַ ייִדיש־לייענערס, נאָר אויך בײַ ייִדן נישט־ייִדיש־לייענערס, און אַפֿילו בײַ נישט־ייִדן בכלל. מיר רעדן דאָ וועגן יצחק באַשעוויס, דעם ייִנגערן ברודער פֿון ישׂראל יהושע זינגער ז״ל. באַשעוויס איז געבוירן אין יאָר 1904, אַ בן הרבֿ, געוווינט יאָרן אין וואַרשע, שפּעטער אין אַ שטעטל, און זינט 1935 אין ניו יאָרק. באַשעוויס האָט אפֿשר פֿינעף מאָל אַזוי פֿיל אָנגעשריבן — אין בעלעטריסטישער פֿאָרם — וויפֿל ער האָט אַרויסגעגעבן אין ביכער, פֿון זײַן שרײַבן אין פּובליציסטישער פֿאָרם שוין אָפּגערעדט. נישט זײַנע עסייען און נישט זײַנע ליטעראַרישע קריטיקעס און אַוודאי נישט זײַנע אַרטיקלען סתּם, וואָס זענען אַלע מאָל אינטערעסאַנט, האָט ער ווען עס איז געזאַמלט אין צוויי ביכער־טאָמען.

*

מיר קענען זיך זינט דעם יאָר 1921 מסתּמא. באַשעוויס האָט קיין מאָל עפּעס אַנדערש נישט געטאָן לשם פּרנסה — ווי נאָר שרײַבן. עס איז זײַן קוואַליטאַטיווע באַרופֿונג און אויך זײַן קוואַנטיטאַטיווער באַרוף — אַזוי צו זאָגן. עס איז אַ מענטש, וואָס טאָג־אײַן און טאָג־אויס מוחט ער זיך אַרום און טראַכט און גערעדט. כּאָטש ער איז בעיקר אַ יושבֿ אוהלים — האָט ער פֿון דעסטוועגן אַ ביסל געריזט אויך. צום ווינציקסטן רײַזט ער אַרום איבער ניו יאָרק, ווו ער וווינט און שוין גאַרנישט איבערן ייִדישן ניו־יאָרק, ווײַל כּמעט קיין מאָל זע איך אים נישט אויף די גרויסע ייִדיש־ייִדישע קולטור־ אַסיפֿות, וואָס ווערן אין ניו יאָרק אָרגאַניזירט לרובֿ. ער נעמט אָבער שטעלונג, פֿון זײַן טיש אויס, צו אַ סך וויכטיקע דערשײַנונגען אין

יידישן לעבן, אָבער נאָר דעמאָלט ווען עס גלוסט זיך אים. ער איז נישט דער פּובליציסט, וואָס איז מחויבֿ — ווי יענע שער אויף אַ פּאַרלייגטן שנײַדערישן טיש — זיך אָפּצורופֿן אויף יעדן קלאַפּ...

*

באַשעוויס אינטערעסירט און אינטריגירט מיך שוין זינט מיר האָבן זיך באַקענט — שוין זינט אַ יאָר פֿערציק. נישט איין מאָל האָבן מיר זיך דורכגעווערטלט — פּה אל פּה — און בכתבֿ, אָבער בדרך כּלל זענען מיר גוטע פֿרײַנד אַלע מאָל און דער יסוד פֿון דער פֿרײַנדשאַפֿט איז באַשעוויסעס גלויבן אין דער אויפֿריכטיקייט פֿון מײַן ענטוזיאַזם לגבי זײַן שרײַבערישן טאַלענט, כאָטש גאַנץ, גאַנץ אָפֿטלעך בין איך נישט מסכּים מיט זײַנע מיינונגען — הן געזעלשאַפֿטלעכע און הן ליטעראַרישע.

*

ויהי היום און איך האָב געבלעטערט אין אַן אַלטן יאַרגאַנג פֿון די "ליטעראַרישע בלעטער" פֿון וואַרשע, פֿון יאָר 1926, און איך באַגעגן דאָרט אַן אינטערוויו פֿון יצחק באַשעוויס מיט מײַן ווייניקייט. לייען איך די אייגענע, דורך מײַן אינטערוויוער אויפֿגעכאַפּטע און פֿאַרשריבענע ווערטער. 22 איז אים דעמאָלט געווען און מיר 33. איך לייען און שטוין: אָט אַזוי וואָלט איך אויך הײַנט גערעדט. און — זײַט מוחל די אומבאַשיידנקייט, איך וועל ציטירן: "ווי איר ווייסט — טײַערער באַשעוויס — געהער איך צו די א.ג. 'אידעאַליסטן' אין דער קונסט. ווײַט פֿון דער דאָקטרין 'קונסט לשם קונסט', האָב איך מיך שטענדיק געהאַלטן בײַ דער מיינונג, אַז גרויסע קונסט קען נאָר דעמאָלט געשאַפֿן ווערן, ווען זי האָט אונטער זיך אַן אידעיִשן הינטערגרונט. בכלל טייל איך אײַן די ליטעראַטור אין צוויי עלעמענטן. דער ערשטער איז די אידעע, זי איז דער סקעלעט און גלײַכצײַטיק — אויך די נשמה פֿון יעדער שאַפֿונג. נאָר אַ דאַנק דער באַהאַלטענער אידעע — אַקצענטירט דאָס וואָרט: באַהאַלטענע — קען דער שרײַבער זיך אמתדיק אָריענטירן וואָס צו שאַפֿן און ווי אַזוי, פֿאַר וואָס און צו וואָס. שאַפֿן אָן אידעאַלאָגישן הינטערגרונט איז דאָס זעלבע, ווי בויען אָן אַ פּלאַן. אַרבעטן און נישט וויסן דעם צוועק. אַרבעטן אין דער פֿינצטער... וואָס קען אַרויסקומען? קען מען אויסגיסן אַ טינטער און עס זאָל זיך צופֿעליק אָנשרײַבן אַ בריוו? דער צווייטער אַבסאָלוט נייטיקער עלעמענט איז די קונסט, אָן דעם קען דאָך קיין שום קונסטווערק נישט באַשאַפֿן ווערן. קונסטווערק, וואָס אַנטהאַלטן אין אַ גענוגנדיקער מאָס די ביידע עלעמענטן, רוף איך די סינטעטישע. אידעע אָן קונסט איז מאַטעמאַטיק, קונסט אָן אידעע איז תּוהו ובֿוהו", סוף פֿון ציטאַט.

*

ויהי עוד יום און איך בין געווען אין ניו יאָרק, פֿאַר פֿרילינג 1961 און עס איז מיר אײַנגעפֿאַלן צו מאַכן אַן אינטערוויו מיט יצחק באַשעוויסן — אַן אינטערוויו פֿאַר אַן אינטערוויו — נאָך 35 יאָר... געוואָרן האָט מײַן גוטער, יינגערער פֿרײַנד מסכּים געווען, אַלטע פֿרײַנדשאַפֿטן, דער עיקר אַזעלכע, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן אין וואַרשע, זשאַווערן נישט.

אָט בין איך שוין בײַ באַשעוויסן אין שטוב. איינע פֿון די שענסטע גאַסן פֿון ניו יאָרק: סענטראַל־פּאַרק־וועסט. 15טער שטאָק, די פֿענצטער גייען אַרויס אויפֿן גרויסן ניו יאָרקער פּאַרק. די גאַנצע שיינקייט און דער גאַנצער פּאַטאָס פֿון דער שטאָט שטעט פֿון די שטעט אַנטפּלעקן זיך פֿאַר דיר ווי אויף אַ טאַץ פֿון שטיין, צעמענט, אַספֿאַלט.

אַזוי גיך איך קום אַרײַן — פֿליִען מיר אַנטקעגן צוויי פֿייגל, איינער אַ געלער און דער אַנדערער אַ הימל־בלויער. זייער מין רופֿט זיך אין ענגליש „פּאַראַקעט", אויף ייִדיש האָבן זיי קיין נאָמען נישט, כאָטש זיי זענען שוין העלדן אין דער ייִדישער ליטעראַטור... זייער באַלעבאָס האָט שוין עטלעכע מעשׂיות וועגן זיי אָנגעשריבן. די דאָזיקע פֿייגל קענען אַ ביסל רעדן, זיי באַלאַנגען צו דער משפּחה פֿון די פּאַפּוגעס. אָבער לייענען קענען זיי נישט, ייִדיש אַוודאי נישט, ווייסן זיי נישט, אַז זיי זענען „פּאַראַייביקט". אַזוי ווי זיי ווייסן נישט, אַזוי זאָל זיי נישט שאַטן. די פּאַראַקעטן האַלטן אין איין אַרומפֿליִען אַרום אונדז בשעת דעם שמועס. מישן זיך אַרײַן — דאָ און דאָרט — מיט אַ וואָרט, צוויי, וואָס — באַזונדערס דער בלויער פֿויגל — פּיקט אַרויס פֿון די ליפּן פֿון זײַן באַלעבאָס. עפּעס אַזאַ טבֿע האָט ער. און דער באַלעבאָס זײַנער ווײַזט אים אַרויס אַן אַ שיִעור סבֿלנות. אַ סך מער סבֿלנות ווי ער ווײַזט אַרויס צו שוואַכע ביכער אין זײַנע רעצענזיעס.

*

און איצט לאָמיר לאָזן שטיין דעם בלויען ער־פֿויגל און די געלע כּלה זײַנע און לאָמיר אַריבער צום שמועס־אינטערוויו.

איך האָב נישט געשטעלט קיין פֿראַגן און נאָר געוואָרפֿן ווערטער, וואָס זענען באַגריפֿן און געבעטן, אַז מײַן געאַכפּערטער חבֿר זאָל זיי אַרומוויקלען מיט זײַנע מחשבֿות. אַ ביסל האָב איך פֿאַרשריבן און אַ ביסל וועל איך איבערגעבן לויטן זכּרון. און — מאָדנע, מאָדנע, דער שמועס האָט זיך נאָך אַלץ געדרייט אַרום די זעלבע פֿראַגן פֿון יאָר 1926. ווײַזט אויס, אַז דאָס זענען פֿראַגן, וואָס מען קען זיי אייביק שטעלן און אייביק אויף זיי ענטפֿערן...

*

אַט זענען אַ פּאָר ענטפֿערס פֿון יצחק באַשעוויסן. הלוואַי וואָלט איך זיי געוועז אויפֿגענומען וואָרט־אין־וואָרט, אָבער איך האָף, אַז זיי וועלן אַזוי אויך זײַן געַנוג אינטערעסאַנט:

"איר האָט געוואָרפֿן אַ וואָרט 'ליטעראַטור־שליחות' — זאָגט באַשעוויס — זאָג איך אײַך, אַז מיר ווײַזט זיך אויס, אַז ליטעראַטור האָט נישט קיין געזעלשאַפֿט־לעכע שליחות. דעם גרעסטן בײַשפּיל האָבן מיר אין צוויי גרויסע ליטעראַטורן פֿון דער נײַערער צײַט. וויפֿיל האָט דאָס אָנגעפּרעדיקט די דידאַקטישע דײַטשע ליטעראַטור מיט אירע קלאַסיקערס פֿון דער ערשטער העלפֿט פֿון נײַנצעטן יאָר־הונדערט און מיט אירע שפּעטערדיקע גרויסע שרײַבערס. און וויפֿל האָט דאָס אָנגעפּרעדיקט די רוסישע ליטעראַטור פֿון דער צווייטער העלפֿט פֿון נײַנצעטן יאָרהונדערט. זיי זענען בײדע געוועזן לכאורה פֿול מיט באַוווסטזיניקער שליחות. און דער רעזולטאַט? דאָ איז געקומען דער נאַציזם און דאָרט דער באָלשעוויזם. דער אמת איז, אַז דאָס איז נאָר געוועזן אָן אײַנרעדעניש מצד דרויסנדיקע פֿון דער קינסטלערישער ליטעראַטור גופֿא, אַז זי פּרעדיקט. די באמת גרויסע ווערק פֿון די גרויסע שרײַבערס — האָבן נישט געפּרעדיקט. זיי זענען דערמיט נישט אויס שרײַבערס און זייערע ווערק זענען נישט אויס גרויסע ווערק. גרויסע ווערק זענען אַלע מאָל פֿול מיט סתּירות, מיט ווידערשפּרוכן. אַז מען זאָל וועלן פֿון אַזאַ גרויס ווערק אַרויסציען איין דײַטלעכע אידעיִשע ליניע, וואָלט עס געוועזן ווי מען וואָלט געוואָלט געַנוי הערן אַ קאַפּריזנעם באַלעבאָס, וואָס גיט אין איין שעה צוואַנציק פֿאַרשיידענע באַפֿעלן, ווײַל אַזוי סתּירותדיק איז דער דרך פֿון לעבן, וואָס קומט צום אויסדרוק אין אַ קונסטווערק."

"און דאָך מיינט דאָס נישט — ציט ווײַטער באַשעוויס — אַז מיט דעם, וואָס ליטעראַטור פּרעדיקט נישט, האָט נישט קיין געזעלשאַפֿטלעכע שליחות — פּרעדיקט זי טאַקע לחלוטין נישט, האָט טאַקע לחלוטין קיין שליחות נישט. גרויסע ליטעראַטור פּרעדיקט פֿון יחיד צו יחיד, מענטש צו מענטש. זי האָט אַ מוסר השׂכּל פֿאַרן אייגציקן מענטש. גרויסע ליטעראַטור קען נישט באַקלאָגן דעם גורל פֿון אַ רבים סתּם, זי מוז זיך אָפּגעבן מיט דעם גורל פֿון אַ יחיד, אין בעסטן פֿאַל אַ צאָל יחידים, אָבער נישט קיין רבים סתּם. און וואָס מער יחידים עס וועלן זיך צוהערן צו איר, אַלץ מער וועט זײַן איר ווירקונג געזעלשאַפֿטלעך. איך וואָלט געזאָגט, אַז ליטעראַטור האָט אַ שײַכות צו השגחה פּרטית. דאַכט זיך, אַז דאָס איז קלאָר."

"נעמענדיק אַ משל פֿון אונדזער ייִדישן לעבן אין די לעצטע יאָר צענדליקער — זעען מיר, אַז נישט דער ציוניזם און נישט דער ייִדישער סאָציאַליזם זענען אַ פּראָדוקט פֿון דער ייִדישער קינסטלערישער ליטעראַטור. דאָס זענען מאַסן־באַוועגונגען און ליטעראַטור באַוועגט זיך צווישן יחידים. אַט איז אַלגעמיין אָנגענומען, אַז טאָלסטאָיס 'קריג און שלום' איז אַ ווערק, וואָס פּרעדיקט שלום, אָבער ווי קען דאָס זײַן אַזוי, אַז זײַענדיק קעגן נאַפּאָלעאָנען איז אָבער דאָס ווערק פֿאַר קוטוזאָוון.

אַ סתּירה און דאָך נישט קיין סתּירה, אויב מען באַנעמט דעם ענין יחידיש, ווי מען דאַרף טאַקע."

"אַגבֿ — שטרײַכט אונטער באַשעוויס — פֿאַרגעסט נישט, אַז דאָ רעד איך ביז איצט נאָר וועגן קינסטלערישער ליטעראַטור. וואָס שײַך זשורנאַליסטיק און פּובליציסטיק איז גאָר אַן אַנדערע מעשׂה. עס קען געמאָלט זײַן, אַז דער זעלבער שרײַבער, וואָס אין זײַן בעלעטריסטיק איז ער נישט געזעלשאַפֿטלעך אײַנגע־שטעלט, זאָל עס אין זײַן פּובליציסטיק יאָ זײַן. איך אַליין בין אַ משל פֿון דער דאָזיקער טעזע מײַנער. און דאָס מיינט שוין, אַז נישט די גאַנצע ליטעראַטור דאַרף זײַן און איז אַ־געזעלשאַפֿטלעך אײַנגעשטעלט."

"און נאָך אַן 'אַגבֿ' — איך האָב בעיקר גערעדט וועגן קינסטלערישער פּראָזע־ליטעראַטור ביז איצט. קומט עס צו פּאָעזיע שטימט מײַן טעזע נאָך מער. גרויסע פּאָעזיע האָט אַן אַ שיעור אידעען, אידעאַלן, וואָס לויפֿן אין אַלערליי ריכטונגען. סתּירה איז שוין דאָ אַ צו שוואַך וואָרט."

"איר זאָגט 'רעליגיע', איר מיינט דאָך נישט צו רעדן וועגן רעליגיע סתּם און נײַערט וועגן רעליגיע אין ייִדישן לעבן אין דער לעצטער צײַט. רעליגיע אין ייִדישן לעבן האָט פֿאַרנומען אַ געוואַלטיק גרויס אָרט — אין איצטיקן מאָמענט נעמט דאָס דאָזיקע אָרט איבער דער ציוניזם. כאָטש איך בין נישט קיין ציוניסט — האָב איך צום ציוניזם גאָר אַ פּאָזיטיווע באַציִונג. עס וואָלט געווען כּדאַי, אַז די ייִדישע ליטעראַטור זאָל אָפּשפּיגלען — אַלץ יחידיש — די בויערס פֿון ציוניזם."

"וועגן 'ייִדיש' ווילט איר הערן אַ וואָרט. נו ייִדיש האָט אין ייִדישן לעבן געשפּילט אַ גאָר גרויסע ראָלע. אָבער ייִדישיסטן האָבן לעצטנס אָנגעהויבן זיך אַליין צו סאַבאָטירן — אויטאָ־סאַבאָטאַזשניקעס. ציוניזם האָט זיך קיין מאָל אַליין נישט סאַבאָטירט און דערפֿאַר האָט די אידעע געוווּנען און האַלט אַן אויבערהאַנט. איך טראַכט און טראַכט אָפּט מאָל פֿאַר וואָס איז אַזאַ חילוק צווישן די צוויי גײַסטיקע שטראָמען אין ייִדישן לעבן. אפֿשר — אפֿשר איז דער פּרינציפּיעלער חילוק אין דעם, וואָס דער ציוניזם האָט געבויט אויף אַ סאָלידן גרונט. ייִדישיסטן — אָפּט אויף זאַמד, און האָבן קיין מאָל נישט פּרובירט צו פֿאַרוואַנדלען דעם זאַמד אין סאָלידן באָדן. און עס איז מעגלעך געווען. אויפֿטאָן עפּעס קען מען נאָר מיט אַ גאַנץ הארץ. פֿאַרווירקלעכן אידעען קען מען נאָר דורך אַבסאָלוטער אינער־לעכער גאַנצקייט. די א.ג. ייִדישיסטן לעבן אין אַ שטענדיקן קאָנפֿליקט. האַלטן כּסדר אין זינען די מחשבֿה, אַז אפֿשר איז דאָס אַלץ אַ סיזיף־אַרבעט. כּדי צו האָבן סאָלידן גרונט וואָלטן ייִדישיסטן געדאַרפֿט זײַן אינטעגראַל פֿאַרבונדן, אָדער מיט דער רעליגיע, אָדער מיט דעם ציוניזם. אָבער טאַקע אינטעגראַל."

"ייִדיש האָט געדינט דעם ייִדישן פֿאָלק אפֿשר 600 יאָר. עס איז פֿאַרבונדן מיט ייִדישער געשיכטע. עס האָט דערגרייכט אַזאַ רײַפֿקייט, אַז עס האָט שוין געקענט שאַפֿן די גרויסע יחידישע ליטעראַטור, וועגן וועלכער מיר האָבן אַזוי פֿיל גערעדט.

יִדיש האָט דערגרייכט דאָס וואָס דאָס מאָדערנע העברעיִש האָט נאָך נישט דער־גרייכט אויפֿן געביט פֿון דער גרויסער יחידישער ליטעראַטור. העברעיִש האָט נאָך נישט קיין דיאַלעקטן. אָן דעם איז אַ לשון נישט רײַף. דער העברעיִשער שרײַבער מוז אָפֿט מאָל זיך אַליין שטילערהייט איבערזעצן פֿון יִדיש. משל — עגנון. עס איז באמת טראַגיש, וואָס דאָס איצטיקע ישׂראל שאַצט נישט אָפּ ווי געהעריק די באַדײַטונג פֿון יִדיש. דאָס איז דאָך געווען דער אויפֿבוי־אינסטרומענט סײַ פֿון דער רעליגיעזער און סײַ פֿון דער ציוניסטישער באַוועגונג און ביידע די כּוחות האָבן אויפֿגעהאַלטן דאָס יִדישע פֿאָלק. אַגבֿ — דאָס רײַן וועלטלעכע יִדיש איז — לויט מײַן מיינונג — אַ נאַקעט באַשעפֿעניש.״

״יאָ, וואָס שײַך די קעגנזײַטיקע באַציִונגען פֿון די יִדיש־רעדנדיקע און ענגליש־רעדנדיקע ייִדן אין אַמעריקע — מוז מען צוגעבן, אַז אין טיפֿן תּוך קענען מיר זיך פּשוט נישט. כּמעט אַזוי ווי צוויי פֿעלקער, צופֿעליק וווינענדיקע אויף איין טעריטאָריע. אַוודאי איז עס נישט גוט — פֿאַרטראַכט זיך באַשעוויס — אַוודאי איז עס נישט גוט. אָבער אָנהייבן אַרײַננעמען די אַמעריקאַנער ייִדן סתּם אין דעם שאַפֿונגס־היקף פֿון דער יִדישער ליטעראַטור — וואָלט דאָס נאָר פֿאַרגרעסערט דעם אומפֿאַנג אָבער נישט פֿאַרטיפֿט דעם אינהאַלט.״

״וועגן זיך? איך האָב נישט ליב וועגן זיך צו רעדן. מײַן שרײַבן איז איין אומאויפֿהערלעך רעדן וועגן זיך אַליין. אַזוי איז עס בײַ יעדן שרײַבער. איך וויל נאָר זאָגן אַ פּאָר ווערטער: אַלץ, וואָס איך שרײַב איז אַן אינטעגרירונג פֿון צוויי הויפּט־עלעמענטן, און דאָס זענען: אַלגעמיינער רעאַליזם און יִדישער מיסטיציזם און — טײַטשט עס ווי איר ווילט אַליין.״

*

און בײַ אָט די ווערטער, עפּעס אַזוי ווי זיי וואָלטן ביידע אויף אַ מאָל דערפֿילט — דאָס בלוי פֿייגעלע און דאָס געלע, דער חתן און די כּלה — אַז דער שמועס איז געענדיקט — און זיי האָבן ביידע אַ שוועב געטאָן און אַוועק צו זייער שטייגל. און איך האָב מיך געזעגנט; טיף צופֿרידן פֿון מײַן ״אינטערוויו פּאָר אַן אינטערוויו״ נאָך 35 יאָר; אָבער אויך טיף אומעטיק — ווײַל מיט דעם געפֿיל, אַז די וועלט איז נישט אַ סך פֿאַרבעסערט געוואָרן דורך דער ליטעראַטור, אַפֿילו דער בעסטער, אין אָט דעם דריטל יאָרהונדערט... און מיר שטייען נאָך אַלץ בײַם אָנהייב מיט דעם אומעטיקן תּיקו.

אָבער סײַ ווי איז גוט זיך דורכצושמועסן און מסתּמא וויכטיק איבערצוגעבן דעם אינהאַלט פֿון שמועס מיט אַזאַ גרויסן שרײַבער ווי עס איז יצחק באַשעוויס.

זעכציק אויטאָביאָגראַפֿישע דערציילונגען

(מײַן טאַטנס בית דין שטוב — פֿון יצחק באַשעוויס)

360 זײַטן און זעכציק געשיכטן זענען דאָ אין דעם דאָזיקן בוך מיט אויטאָביאָגראַפֿישע דערציילונגען פֿון איינעם פֿון די בעסטע נאַראַטאָרן און פּראָזע־קינסטלער אין דער איצטיקע ייִדישע ליטעראַטור — יצחק באַשעוויס. י. י. זינגער ז״ל, אסתּר קרײַטמאַן ז״ל און — אים צו לאַנגע יאָר — יצחק באַשעוויס, אַ שוועסטער און צוויי ברידער, אַלע דרײַ — פּראָזע־שרײַבער — האָבן זיך געכאָוועט אין דער שטוב פֿון דעם מורה הוראה פּנחס מענדל זינגער. אַלע דרײַ האָבן אָט די שטוב — יעדער אויף זײַן שטייגער — זייער אַ סך באַשריבן. די שטוב איז פֿול געווען מיט קאָנטראַסטן — און שוין דאָס אַליין — ווי נעגאַטיווער און פּאָזיטיווער שטראָם — צינדט אין אַ באַרופֿענעם שרײַבער דאָס ליכט פֿון שרײַבן. דער טאַטע איז געווען אַ נאַיִווער איש תּמים. די מאַמע איז געווען נישט ווייניקער פֿרום פֿון טאַטן, אָבער בטבֿע אַ צווייפֿלערין, געשטאַמט פֿון מתנגדים. אָט איז די שטוב געווען אין לעאָנטשין, אָט אין ראַדזימין און אָט אין בילגאָריי און אָט אין וואַרשע — דער עיקר אין וואַרשע. און נישט סתּם וואַרשע — נײַערט אויף דער קראָכמאַלנע־גאַס. קראָכמאַלנע און סמאָטשע־געסלעך אין וואַרשע זענען געווען די געדיכטסטע נעסטן פֿון אָרעמקייט און פֿון זינד. קאָנטראַסטן אָן אַ סוף. אַ בית דין־שטוב אין אַזאַ מין סבֿיבֿה איז ממש אַ דימענטן־גרוב, אַן אָפּגרונט־הייל בײַם ברעג פֿון ים אויף צו געפֿינען פּערל — פֿאַר אַ שרײַבער און דערצו אַ שרײַבער, וואָס איז בטבֿע אַ גוטער נאַראַטאָר. אַ נאַראַטאָר מיט אַ חוש פֿאַר אַרײַנציען דעם לייענער אין דעם קרײַז פֿון זײַנע מעשׂיות. נאָר איידער מיר אַליין דערציילן ווײַטער אונדזער איין מאַמר־מעשׂה וועגן די זעכציק מעשׂיות — לאָמיר געבן די ביבליאָגראַפֿיע:

דאָס בוך איז אַ בכור־בוך פֿון אַ באַנײַטן פֿאַרלאַג ״דער קוואַל״ — איצט אין ניו יאָרק. אַ מאָל, באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז דער דאָזיקער פֿאַרלאַג געווען אין ווין. געגרינדעט האָבן אים די שרײַבער: משה זילבורג, משה גראָס־צימערמאַן, מענדל זינגער, און דער דעמאָלט יונגער דרוקער ישׂראל לאָנדאָן, וואָס איז הײַנט דער פּרעזידענט פֿון דער מאַרסטין־דרוקערײַ אין ניו יאָרק און איז טאַקע דער באַנייער פֿון דעם פֿאַרלאַג. אין פּראָגראַם פֿון ערשטן יאָר פֿון

פֿאַרלאַג גייען אַרײַן ווערק פֿון באַשעוויס, שניאור, עגנון און העמינגוועי. די דרוקן פֿון דער מאַרסטין־פּרעס צייכענען זיך אויס מיט זייער אָריגינעלקייט און זענען אַלע מאָל גראַפֿיש אַן אָפּפּרישונג פֿאַרן אויג. אַזוי אויך די איצטיקע אויסגאַבע. יעדער גראַפֿישער פּרט איז דורכגעטראַכט ווי עס פּירט זיך ביַי לײַטן. נאָר מחמת וואָס דער פֿאַרלאַג האָט אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג פֿון 60 געשיכטן, וואָס יעדע פֿון זיי טראָגט אַן אייגענעם נאָמען — און דווקא טשיקאַווע און אַ סך זאַגנדיקע נעמען — אָן אַ זוך־צעטל — דאָס קען איך נישט פֿאַרשטיין. מיר האָפֿן נאָר, אַז דאָס איז נישט קיין פּרינציפּ בײַם פֿאַרלעגער. אַ טעות בלויז.

*

די עפּיזאָדן "מײַן טאַטנס בית דין שטוב" האָבן זיך געדרוקט אין "פֿאָרווערטס" און יצחק באַשעוויס האָט זיך דאָרט אונטערגעשריבן — יצחק וואַרשאַווסקי, מיט דעם זעלבן נאָמען, מיט וועלכן ער שרײַבט געוויינטלעך אונטער זײַנע זשורנאַליס־טישע אַרטיקלען. און אין דער הקדמה זאָגט ער, אַז אויך אַרויסגעבנדיק די געשיכטן אין אַ בוך־פֿאָרם האָט ער זיי נישט צו פֿיל געוואָלט שפּראַכלעך שלײַפֿן — מחמת דער אימפּעט־סטיל פּאַסט זיך בעסער צו זיי, ער איז דירעקטער. און דאָס איז טאַקע אמת. אָבער סײַ ווי איז דער סטיל פֿון די געשיכטן שוין גאָרנישט קיין צײַטונגס־מעסיקער. באַשעוויס פֿאַרמאָגט אַ נאַטירלעך־שטראָמענדיק רײַך לשון — קלאָנגיק און בילדעריש און גרינג מיט דער גרינגשאַפֿט פֿון אַ שפּעדיקן טאַלענט. הייבט ער אָן צו דערציילן ביזטו באַלד אין זײַן ווירקונגס־קרײַז. אָט גיט ער דיר באַלד אין דער ערשטער געשיכטע אַ זאַג אין סאַמע ערשטן זאַץ: אויסטערלישע מענטשן זענען פֿאַראַן און אויסטערליש זענען טייל מאָל זייערע חשבונות... און דו ביזט שוין נײַגעריק און דו מוזט שוין ווײַטער הערן מיט אַ געשפּאַנט אויער. באַשעוויס מאָלט און דערציילט, דערציילט און מאָלט. יעדע פֿון די געשיכטן האָט אַ דער־ציילערישע אַקס — אַרום וועלכער זי דרייט זיך. יעדע האָט אַ העלד. אַ מאָל עטלעכע העלדן — מחמת אין אַ דין תּורה מוזן דאָך זײַן לכל הפּחות צוויי העלדן און אָפֿט מאָל זענען דאָ אַ סך. און די מייסטע פֿון די זעכציק געשיכטן זענען אויפֿגעבויט אויף דראַמאַטישע דין תּורהס.

אָבער די דרײַ הויפּט־העלדן פֿון בוך זענען דער מורה הוראה — דער טאַטע, די רביצן — די מאַמע, און דאָס ייִנגל איציק, דער מחבר פֿון בוך, יצחק באַשעוויס. און כאָטש די כאַראַקטער־שטריכן פֿון די דרײַ ווערן כּסדר איבערגעחזרט אין די מייסטע געשיכטן און כאָטש מיר קענען זיי אַזוי גוט שוין פֿון די ערשטע זאַכן אין בוך — ווערט עס אונדז קיין מאָל נישט לאַנגווײַליק נאָך און נאָך אַ מאָל נאָך איין כאַראַקטערשטריך־וואַריאַנט פֿון די דרײַ הויפּט־העלדן צו פֿאַרנעמען.

*

פֿאַראַן שוין בײַם הײַנטיקן טאָג אַ היפּש ביסל אויטאָביאָגראַפֿיעס פֿון ייִדישע שרײַבער. די מייסטע גייען נישט אַריבער איבער די פֿריע קינדעריאָרן, מחמת נישט קיין געשיכטע האָבן זייערע מחברים מכוון געווען און נײַערט, ווי פּרץ האָט זיך אויסגעדריקט, אַ בונט שליסלען צום אַנגעפּילטן שפּײַער פֿון די אייגענע ווערק; פּסיכאָלאָגישע שליסלען — געבן מיר צו. און עס איז קלאָר, אַז דאָס איז אויך די כּוונה פֿון יצחק באַשעוויס. בײַ אים איז אָבער פֿאַראַנען נאָך עפּעס, וואָס אין פּרצעס זכרונות איז עס נישטאָ — און דאָס איז דער נחת צו דערציילן, צו שילדערן, אויפֿ־צולעבן אַ פֿאַרגאַנגענע וועלט. און אפֿשר אויך נאָך אַ מאָל איבערצולעבן די אייגענע קינדהייט — אָן די ווייטיקדיקע באַגלייט־דערשײַנונגען אירע פֿון נויט און פֿון צרות און פֿון פּחדים. און עס איז אַלע מאָל אַזוי — אַז דער שרײַבער האָט נחת בײַם שרײַבן — האָט דער לייענער אַ נחת בײַם לייענען. "מײַן טאַטנס בית דין שטוב" איז אַ נחתדיק לייענבוך אויך. און זאָל מען צו די דאָזיקע געשיכטן נישט צולייגן די מאָס פֿון אַבסאָלוטן אמת, אַז טאָמער ווערט דאָרט איבערגעגעבן אַ דיאַלאָג, וואָס איז פֿאָרגעקומען מיט 45 יאָר צוריק — זאָל ער זײַן וואָרט אין וואָרט פּינקטלעך. דער עיקר איז דער קינסטלערישער אמת און ער איז דאָ — מיט זעלטענע אויסנאָמען — אין די זעכציק בית דין שטוב־עפּיזאָדן.

אָט איז אַ געשיכטע מיט אַ דיבוק, וואָס איז אַרײַן אין געשאָכטענע גענדז.

און אָט איז אַ געשעעניש מיט אַ פֿאַרפֿאַלק, וואָס האָט צוליב לײַכטזין אָפּ־געלאָזט אַ שידוך און מיט אַ ברען און מיט ליבע באַלד ווידער חתונה געהאַט.

און אָט איז אַ מוראדיקע נויט־מעשׂה פֿון אַ לאָמער כּלה, וואָס מען האָט בײַ איר אויסגענאַרט יעדן גראָשן און זי איבערגעלאָזן אויפֿן ווינט.

און אָט איז אַ געשיכטע וועגן אַ פֿאַלשער שבֿועה און דערצו מיט אַ ספֿר תּורה אין האַנט — און שפּעטער די מוראדיקע חרטה.

און אָט איז אַ געשעעניש — צוויי פֿאַרזעסענע מיידן ווערן כּלות פֿון אַן אַלטן ייִד, און ער איז גאָר אַ באַווײַבטער נאָך. אַ בילד פֿון נויט און אין דער זעלבער צײַט דערהויבענער איידלקייט פֿון דעם טאַטן, דעם תּלמיד חכם פֿון איינער פֿון די פֿאַרזעסענע, וואָס פֿאַרוואַנדלט אָט די מעשׂה אין אַ טונקעלער בעלעטריסטי־שער פּערל אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

און אָט איז אַ ממש רעמבראַנדטישער פּאָרטרעט פֿון אַ ייִדן, וואָס האָט אַ תּאווה צו שרײַבן און ווידערשרײַבן מיט אַלע פּיטשעווקעס זײַנע צוואות.

און גאָר אַ געשיכטע — ווי אַזוי ער, איציקל אַליין, האָט אַ מאָל אין איין טאָג אויסגעגעבן אַ גאַנצן רובל, וואָס עמעץ האָט אים געגעבן. "אַ טאָג מיט פֿאַרגעניגן" הייסט די מעשׂה.

און אָט איז די געשטאַלט פֿון אַ גיבור, אַ מילעכדיקן — ר' אשר.

און אַ מעשׂה וועגן אַ גויִשער וועשין אַ צדיקת.

און אַ מעשׂה ווי אַזוי דער טאַטע, רב פּנחס מענדל, דער איש תּמים, ווערט פֿאַרכאַפּט פֿון אַ וויזיע פֿון אַן אַנאַרכיסטישער וועלט...
און פֿעטערס און מומעס און זיידעס און באָבעס און חדר־ייִנגלעך און רביס און רבנים און דיינים און גוטע ייִדן און פֿאַרבענקטע נשמות...

*

וואָלט דאָס בוך באַגלייט געווען מיט אַן אינדעקס פֿון די געשטאַלטן, וואָס אין אים זענען דאָ — אין די הונדערטער נעמען וואָלטן אין דעם אינדעקס געווען. טייל מאָל אין קויל געצייכנט און אַן אַנדערש מאָל מיט אייל־פֿאַרב געמאָלן, טייל מאָל אין אײַלעניש, אַן אַנדערש מאָל מיט אַלע דעטאַלן — און אַלע מאָל די וויכטיקסטע. ווײַל אומעטום אין דעם בוך איז דאָ די האַנט פֿון אַ פּראָזע־מײַסטער.
מען האָט אָפֿט טענות צום פּרינציפּיעלן פּעסימיזם פֿון יצחק באַשעוויס, וואָס אָפֿט גייט ער אַריבער אין אַ סאָציאַלן דעפּיטיזם. און — דעם אמת מוז מען זאָגן — אויך פֿון דעם עלעמענט פֿעלט עס נישט אין דעם דאָזיקן בוך. עס איז אָבער אין דעם דאָזיקן בוך באַשעוויסעס — און מער ווי אין אַנדערע ווערק זײַנע — דאָ אַ גרויסע שפּע פֿון דערהויבנדיקע געשטאַלטן — אין דער ערשטער ריי טאַקע די צוויי העלדן, וואָס גייען כּסדר דורך די בלעטער פֿון ווערק — די מאַמע און דער טאַטע. אָבער חוץ דעם זענען דאָ נאָך געשטאַלטן, וואָס קוואַלי־פֿיצירן דורכאויס אַ טייל פֿון די געשיכטן אַרײַנגענומען צו ווערן אין ייִדישע לערנביכער פֿאַר יוגנט. דאָ אַהער גייען אַרײַן די געשיכטעס מיט חבֿרים פֿון חדר און פֿון גאַס, דאָ גייען אַרײַן געשיכטעס פֿון נויט און דערהויבונג, אַפֿילו אַזאַ מעשׂה וועגן צוויי כּלות וואָלט דאָ, מיט קליינע רעטושן, געקענט אַרײַן, און אַזאַ מעשׂה וועגן דער וועשין אַוודאי און אַוודאי — אַזוי ווי זי שטייט און גייט. אָבער דאָס איז שוין פֿאַר פּעדאַגאָגן צו באַשטימען. מיר האָבן עס נאָר געוואָלט אָנרעגן, אויפֿמערקזאַם מאַכן.
ווי לויבן די ווײַן־סוחרים אַ גוטן ווײַן: אַ נחת פֿון ערשטן ביזן לעצטן טראָפּן... און דערצו אַן אוצר פֿאַר פֿאָלקלאָריסטן און אַ לעבעדיק ווערטערבוך פֿון טיף־עכט־פּוילישן ייִדיש.

גאָגאָל, באַשעוויס און — צו וואָס דאַרף מען גוטע ליטעראַטור?

אַזאַ מאָדנע קעפּל פון דעם דאָזיקן מאמר: גאָגאָל, באַשעוויס און — צו וואָס דאַרף מען גוטע ליטעראַטור? און די מעשה איז אַזאַ: אַ ייִד, אַ פּראָפעסאָר פון ליטעראַטור אויף אַן אַמעריקאַנישער אוניווערזיטעט, מיטן נאָמען לעאָנאַרד קענט, האָט רעווידירט און פאַרזען מיט הערות די ענגלישע איבערזעצונג פון אַלע ווערק פון דעם רוסישן שרײַבער ניקאָלאַי גאָגאָל (1809־1852) און זי אַרויסגעגעבן אין איין באַנד. זײַענדיק אַ גרויסער אָנהענגער פון דער קלאַסישער רוסישער ליטעראַטור האָט יצחק באַשעוויס די דערמאָנטע גאָגאָל־אויסגאַבע רעצענזירט אין "פאָרווערטס". באַשעוויס האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט און דערבײַ אַרויס־געזאָגט זײַנע מיינונגען וועגן דערציילערישער ליטעראַטור בכלל. און דאָ וועלן מיר ברענגען אַ גאַנץ גרויסן ציטאַט, ווײַל עס איז טשיקאַווע און דער ציטאַט וועט שוין רעדן פאַר אונדז אויך:

"גאָגאָל הערט נישט אויף צו באַטאָנען, אַז דער קריגערישער קאָזאַק פון די אוקראַאינישע סטעפּעס איז דער מוסטער פון מין מענטש. וועגן אַלע איבעריקע — פּאָלאַקן, דײַטשן, פינלענדער, ייִדן, טאָטערן און אַפילו גרויס־רוסן — רעדט גאָגאָל מיט אָפענער שׂנאה און פאַראַכטונג. פאַר גאָגאָלן און פאַר זײַנע העלדן איז הרגענען אומשולדיקע מענטשן, רויבן, פאַרגוואַלטיקן, אונטערצינדן, אַ נאָבעלע טאַט, אויב עס ווערט געטאָן פון קאָזאַקן. גאָגאָל האָט געקענט שרײַבן וועגן באָגדאַן כמעלניצקי מיט דער זעלבער באַגײַסטערונג ווי ער האָט געשילדערט טאַראַס בולבאַ. טאַראַס בולבאַ איז פאַקטיש אַ סאָרט קליינער כמעלניצקי. די דאָזיקע מאָראַל, ווען זי גייט צוזאַמען מיט גרויסער סענסיטיוויטעט, מיט אַ שטוי־נענדיקן הומאָר, מיט אַ טיף רעליגיעזן געפיל און אַ זעלטענעם חוש פאַר מיסטיציזם, קאָן נישט דערקלערט ווערן ווי אַ חנדל אין סטיל. ס'איז מער ווי דאָס: דער מײַסטער פון ליטעראַטור קען נישט זײַן קיין הומאַניסט אין אַנגענומענעם זין פון וואָרט. ער קען נישט באַטראַכטן דאָס גאַנצע מענטשלעכע מין ווי איין גרופּע. ער מוז זײַן ענג און פּראָווינציעל אַפילו ווען ער גיט זיך אָפּ אַ חשבון, אַז ער איז אומגערעכט. עס ציט זיך איין אַנטימאָראַלישע ליניע פון האָמערן ביז גאָגאָלן. עס איז אינטערעסאַנט, אַז אַפילו די נבֿיאים האָבן נישט געקענט זיך אויסטיילן פון זייער גרופּע און זי מעסטן מיט אַ ריין מענטשלעכער מאָס. דערין ליגט זייער

ליטעראַרישער כּוח. דערין ליגט די באַגרענעצונג פֿון ליטעראַטור אין איר טראַ־געדיע. ווען טאָלסטאָי האָט געפּרוווט ברעכן די גרענעץ איז ער דורכגעפֿאַלן."

צו די מיינונגען פֿון אַזאַ פֿאַרנעמיקן שרײַבער אין אונדזער ליטעראַטור, ווי עס איז באַשעוויס — דאַרף מען זיך גוט צוהערן. מען מעג זיי אָבער אָפּפֿרעגן אויך. און דאָס טוען מיר טאַקע.

ווייל איז אמת, אַז קאָנטראַסטן און קאָנפֿליקטן זענען אינטערעסאַנט. ווייל איז אויך אמת, אַז שלעכטס איז דאָ אָן אַ שיעור מאָל מער אין דער וועלט ווי גוטס. ווייל איז אויך אפֿשר ביטער אמת, אַז מען קען אַ מענטשן מיט לאָגיק און מיט סענטימענטן נישט בעסער מאַכן, אויב ער איז רע מנעוריו. אָבער דאַרף זיך דען די ליטעראַטור פֿון די גרויסע שרײַבערס צופּאַסן צו די ביטערע אמתן, אָדער רעוואָלטירן קעגן זיי מיט אַלע כּוחות? אַ סך אוממעגלעכע זאַכן זענען געענדערט געוואָרן אין דער דאָזיקער וועלט.

אויך רעליגיעזע צערעמאָניאַלן און רעליגיעס בכלל זענען — אין אַ געווינסן זינען — ליטעראַטור. און כּמעט כּמעט יעדע פֿון די ציוויליזירטע רעליגיעס האָט אין איר יסוד אַ מאָראַלישן קאָדעקס — האָבן אויך זיי נישט קיין סך אויפֿגעטאָן אויפֿן געביט פֿון בעסער־מאַכן, ענדערן די נאַטור פֿון מענטש. אָפֿט האַנדלען זיי אַליין אַנטימאָראַליש אין נאָמען פֿון זייער "מאָראַל".

הײַנט אויב רעליגיעס, הינטער וועלכע עס שטייען שטרענג אָרגאַניזירטע אַפּאַראַטן און נישט זעלטן אַפֿילו מעכטיקע מלוכות, קענען אַזוי ווייניק אויפֿטאָן אויפֿן געביט פֿון ענדערן די נאַטור פֿון מענטש, אַפֿילו אויב זיי מיינען עס בלוטיק, יאָ, בלוטיק־ערנסט — ווי קען מען דאָס דערוואַרטן פֿון די ליטעראַטורן. ובכן דאַרף מען אַראָפּלאָזן די הענט און זיך זאָגן: "עס ציט זיך איין אַנטימאָראַלישע ליניע פֿון האָמערן ביז גאָגאָלן — — און אַז טאָלסטאָי האָט געפּרוווט ברעכן די דאָזיקע גרענעץ, איז ער דורכגעפֿאַלן."

אָט אַ דאָ ליגט דער קאַרדינאַלער טעות פֿון באַשעוויסן. פֿון האָמערן ביז גאָגאָלן איז טאַקע איין אַנטימאָראַלישע ליניע, אָבער אין צווישן זענען געווען גרויסע הומאַניסטן־שרײַבער, און טאָלסטאָי איז נישט דורכגעפֿאַלן, ער האָט נאָר די וועלט נישט איבערגעמאַכט, דערווײַל. גרויס־הומאַניסטישע מענטשן זענען דאָ אין דער וועלט און זיי דאַרפֿן זײַן די גרויסע העלדן פֿון דער גוטער ליטעראַטור. האָמערס גורלדיקע געצן און גאָגאָלס קאָזאַקן האָבן אויך אַ פּלאַץ אין דער ליטעראַטור, אָבער נאָר אַלס מוסטערן פֿון שלעכטס, וואָס דאַרף סוף־סוף אָפּגעווישט ווערן פֿון פּנים פֿון דער ערד.

אַ גרויס ווערק מיט גרויסע חסרונות

1. פּינעף־מאָל "די פֿאַמיליע מושקאַט"

מסתמא — און מיט רעכט — באַטראַכט יצחק באַשעוויס, איינער פֿון די בעסטע, יאָ, סאַמע בעסטע פּראָזע־שרײַבערס אין דער ייִדישער ליטעראַטור זײַן ווערק "די פֿאַמיליע מושקאַט" ווי זײַן העכסטע ליטעראַרישע דערגרייכונג ביז הײַנט צו טאָג. ער האָט עס אונדז ביז איצט דערלאַנגט אין פּינעף מאָדוסן (באַנוצנדיק אַ שפּינאָזאַ־טערמין — און דער פֿילאָסאָף שפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דעם ווערק — ער איז ד ע ר פֿילאָסאָף פֿון דעם פֿילאָסאָפֿירנדיקן הויפּט־העלד פֿון ראָמאַן עוזר העשל באַנעט) און אָט זענען זיי: א. דאָס ווערק האָט זיך געדרוקט אין "פֿאָרווערטס", אין ניו יאָרק, וווּ באַשעוויס איז אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אונטער פֿיר נעמען, מיט דעם אויסנעם פֿון זײַן פֿאַקטישן פֿאַמיליע־נאָמען, פֿון 17טן נאָוועמבער 1945 ביז 1טן מײַ 1948, דריטהאַלבן יאָר צײַט יעדן שבת. אין אָט דעם מאָדוס איז דאָס ווערק צום אויספּירלעכסטן. אַזוי אויספֿירלעך וועט עס וואַרשיינלעך קיין מאָל נישט דערשײַנען אין אַ בוך. ב. פֿיר יאָר צײַט איז די "פֿאַמיליע מושקאַט" געגעבן געוואָרן אין קליינע קאַווע־לעפֿעלעך אויף דעם ראַדיאָ אין ניו יאָרק און די באַאַרבעטונג איז געמאַכט געוואָרן דורך דעם מחבר. ג. דאָס ווערק איז מיט דער דאַטע 1950 אונטער דעם נאָמען "דהי פֿעמילי מאַסקאַט" דערשינען אין ענגליש אין דער איבערזעצונג פֿון א. ה. גראָס, מאָריס סעמיועל און לייאָן מירסאָן אין פֿאַרלאַג אַלפֿרעד קנאָפּף. דער הויפּט־איבערזעצער האָט אַפֿילו באַוויזן צו שטאַרבן אין מיטן פֿון דער אַרבעט. אין דער ענגלישער אויסגאַבע, וואָס האָלט 611 זײַטן, און איז לחלוטין אַנדערש אײַנגעטיילט ווי די ייִדישע אויסגאַבעס אין בוך און אין צײַטונג, רופֿט זיך דער מחבר אייזאַק באַשעוויס סינגער. בײַם סדרן, קירצן און וועגנטועל צוגעבן אין דער דאָזיקער אויסגאַבע האָט קענטיק מיט־געאַרבעט דער מחבר. ד. אין טעאַטער־סעזאָן האַרבסט 1950 איז די "פֿאַמיליע מושקאַט" געגאַנגען אין ייִדישן טעאַטער, באַאַרבעט אַלס דראַמע פֿון מחבר אַליין. דער דערפֿאָלג איז געווען אַ מעסיקער. אַלע צײַטונגען האָבן אונטערגעשטראָכן די ליטעראַרישע ריינקייט פֿון דער באַאַרבעטונג. און ענדלעך: ה. די ייִדישע בוך־אויסגאַבע: יצחק באַשעוויס — די פֿאַמיליע מושקאַט. צוויי בענדער. ביידע בענדער אין אַ לויפֿנדיקער זײַטן־נומעראַציע האַלטן צוזאַמען 760 זײַטן. דאָס ווערק איז

איינגעטיילט אין 65 קאַפּיטלעך. די אויסגאַבע איז אַ ציכטיקע, אויף גוטן פּאַפּיר, גוט קאַריגירט — אָט די זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט מוז אין אונדזער ליטעראַטור לעצטנס פאַרצייכנט ווערן ווי אַ מעלה. דער פאַרלאַג: משה שמואל שקלאַרסקי, ניו־יאָרק. די הילע געצייכנט פון דעם מאָלער לאָלאַ. דאָס ווערק עפנט זיך מיט אַ פּאָר פּערזענלעכע ווערטער פון דעם מחבר אין וועלכע ער ווידמעט עס זיין ברודערס, י. י. זינגערס אָנדענק און אין וועלכע ער דאַנקט פאַר דער מיטהילף זיינע פריינט, דעם באַרימטן פּאָעט אהרן צייטלין, דעם רעדאַקטאָר פון פאַרווערטס הל ראָגאָף.

איך האָב דאָ אויסגערעכנט די אַלע פּרטים מחמת גאַרנישט אין דעם ווערק איז צופעליק און אוודאי נישט די ווידמונג. און איך וועל זי דאָ טאַקע איבערחזרן: דאָס דאָזיקע בוך איז געווידמעט דעם אָנדענק פון מיין ברודער, דער גרויסער יידישער שריפטשטעלער י. י. זינגער. איך זאָג עדות אויף אים, אַז ער איז געווען אָן איש אמת, אַ מוסטער פון ערלעכקייט, אַ פּאַסיקער יורש פון אונדזערע הייליקע זיידעס.

אַ ווערק, וואָס דער מחבר זיינער האָט געהאַט אַ כּוח פינעף מאָל גרינדלעך צו באַאַרבעטן, חוץ די באַאַרבעטונגען, וואָס האָבן נישט דערזען די ליכטיקע שיין, אין אונדזער שווערגעפּריוועטער יידישער ליטעראַטור (וואָס אַ דריטל פון אירע שעפער איז אַוועק אין קדושה מיט הלל צייטלין און יצחק קאַצענעלסאָן בראָש, און אַ צווייט דריטל פון אירע שעפער איז פאַרשטומט געמאַכט געוואָרן מיט דוד בערגעלסאָן און פּרץ מאַרקיש בראָש) דאַרף גרינטלעך באַטראַכט ווערן. דאָס וועלן מיר זיך באַמיִען צו טאָן מיט אונדזערע שוואַכע כּוחות אין די וויטערדיקע פאַר פאַרצייכענונגען ביים לייענען. אַלס יסוד וועט אונדז דינען — ווי דאָס איז זעלבלפאַרשטענדלעך — די יידישע בוך־אויסגאַבע. מיר האָבן זיך אָבער אויך אין אַ היפּשער מאָס באַקענט מיט דעם צייטונגס־אָפּדרוק פון דעם ווערק און אויך מיט דער ענגלישער איבערזעצונג. די ראַדיאָ־און די טעאַטער־ווערסיע איז אונדז נישט אויסגעקומען צו הערן און זען.

2. דער פאַרמעסט

אַזעלכע ווערק ווי "די פאַמיליע מושקאַט" שרייבט אַ דערציילער איין, צוויי — העכסטנס דריי מאָל אין לעבן. אין אַזאַ ווערק לייגט מען אַריין טאַטנס און מאַמעס ירושה, און עס איז מער ווי קלאָר, אַז יצחק באַשעוויס, וואָס איז לרוב אויפגעכאַוועט געוואָרן אין וואַרשע, וואָס איז אַ רבס אַ זון, האָט זיך דאָ פאַרמאָסטן צו געבן דעם וואַרשעווער יידישן ראָמאַן. קלוג, ווי ער איז, האָט ער זיך געגעבן פאַרטראַכט איבער יעדן פון די הונדערטער פאַרשוינען, וואָס באַפעלקערן זיין בוך. ער האָט אין דעם בוך אויך אַריינגעפלאָכטן אַ סך פּערזענלעכע איבערלעבונגען. ער האָט

געגומען אַלס פּראָטאָטיפּן נאָר מענטשן, וואָס ער האָט גרונטאָוונע געקענט. ער האָט זיך דערמיט געזיכערט, אַז ער וועט נישט בלאָנדזשען און די כאַראַקטערן וועלן זײַן אויסגעהאַלטן, וועלן זיך נישט וואַקלען, זיך נישט סותר זײַן — סײַדן דאָס וועט באַלאַנגען טאַקע צו זייער כאַראַקטער. אַזוי ווי אויך דער שרײַבער פֿון די שורות איז אַ שטיק וואַרשעווער און האָט גוט געקענט אַ טייל פֿון דער סבֿיבֿה פֿון באַשעוויס, האָט ער דאָס גוט באַמערקט און באַמערקט אַלס גרויסן פּלוס.

אַלע זײַנע מעלות האָט באַשעוויס אײַנגעשפּאַנט אין דעם ריִעזיגן פֿון זײַן גרויסן טאַלענט בײַם באַאַרבעטן דאָס ווערק. (די חסרונות האָבן זיך אַליין מיט־געכאַפּט און האָבן זיך אַליין מיט אײַנגעשפּאַנט...) ער האָט אײַנגעשפּאַנט זײַן גרויסע ייִדישע אויסבילדונג, זײַנע חדר־און בית־המדרש־יאָרן, ער האָט אײַנ־געשפּאַנט זײַן גרויסע באַלעזנקייט אין דער וועלט־ליטעראַטור, זײַנע קענטענישן אין דער פֿילאָסאָפֿיע, זײַן רײַכן ווערטער־אוצר, וואָס איז שיִער נישט צוויי מאָל אַזוי רײַך, ווי נחום סטוטשקאָווס "אוצר פֿון דער ייִדישער שפּראַך", ער האָט אײַנגעשפּאַנט די נאַטירלעכע מוזיקאַלישקייט פֿון זײַן לשון, ער האָט אײַנגעשפּאַנט זײַנע דערפֿאַרונגען פֿון שרײַבן צײַטונגס־ראָמאַנען און דעריבער איז דער ראָמאַן כּסדר אַזוי פֿול מיט דראַמאַטישער שפּאַנונג, ער האָט דערמיט אַזוי צו זאָגן, אײַנגעשפּאַנט די געשפּאַנטקייט אַליין. דאָס זענען די מעלות — און נאָך נישט אַלע. מיטגעכאַפּט האָט זיך און אַריבערגעכאַפּט ווײַט, ווײַט די מאָס, דער סעקס־מאָמענט אין ווערק. מיטגעכאַפּט האָט זיך אַ געוויסע מאָס פֿון לײַכטזין אין דער באַהאַנדלונג פֿון זאַכן, וואָס שטייען ברומו של עולם. דער פֿאַרמעסט איז געוועזן צו געבן וואַרשע, דאָס ייִדישע, דאָס גרויסע, די קרוין פֿון די ייִדישע ייִשובֿים פֿון טויזנט יאָר ייִדישער געשיכטע אין מזרח פֿון אייראָפּע. צו געבן וואַרשע, ווי עס איז געוועזן אין דער אמתן, ווי עס איז אונטערגעגאַנגען פּלוצלונג און טאָטאַל, אַזוי ווי אַ ריזיקע, לײַכטנדיקע, פֿולע מיט לעבן, שיף גייט אונטער אין מיטן ים, ווען זי באַגעגנט אַ פּלוצלונגען שטורעם. יאָ, דאָס איז געוועזן, אָדער האָט וויניקסטנס געדאַרפֿט זײַן, דער פֿאַרמעסט.

אַרויסגעקומען איז אַ וואַרשע דורכויס געזען מיט די אויגן פֿון דעם הויפּט־העלד עוזר העשל באַנעט. עוזר העשל — דער הויפּטהעלד פֿון ראָמאַן — איז אַ מענטש אַן אינטערעסאַנטער און אַפֿילו אַ פּאָזיטיווער אין גרונט, און בײַ אַלע חסרונות זײַנע, אַפֿילו אַ מאָראַלישע פּערזענלעכקייט. און עס איז בלי שום ספֿק אינטערעסאַנט צו זען וואַרשע, דאָס גרויסע, אויך אין שפּיגל פֿון זײַנע בלויע אויגן־אַפּלען. אָבער אין דעם פֿאַל האָט ער געדאַרפֿט שפּילן אַ זייטיקע ראָלע. אין ראָמאַן שפּילט ער אָבער די הויפּט־ראָלע און אַן אמת גרויסע פּערזענלעכקייט אויף צו שפּילן די דאָזיקע ראָלע איז ער נישטאָ. זענען דען אין וואַרשע אַזעלכע ייִדן נישט געווען? זיי זענען געווען — סײַ צווישן די רעליגיעזע און סײַ צווישן

די אַפּיקורסים, סײַ אין דעם שטומען פֿאָלק, סײַ אין די רייען פֿון די עקספּאָנירטע פּערזענלעכקייטן.

און דעריבער איז דער פֿאַרמעסט אין דעם דאָזיקן גרויסן ווערק, איינעם פֿון די סאַמע גרעסטע, וואָס די ייִדישע ליטעראַטור האָט אַרויסגעבראַכט בכלל, געבליבן פֿאַרמעסט.

3. קאָנצעפּציע און אַנטווישונג

סײַ דער מער ערנסטער ייִדישער לייענער און סײַ דער מער ערנסטער גויִשער, אָדער אַפֿילו יאַהודישער, לייענער האָבן אין קאָפּ אַ געוויסע גרייטע קאָנצעפּציע פֿון אַזאַ ריזיק ווערק, איידער זיי נעמען עס לייענען. דער ייִדישער לייענער, ווען די געשיכטע פֿון וואַרשע איז באַקאַנט, האָט געהאַט אַ קאָנצעפּציע פֿון געפֿינען אין דעם בוך אַ בילד סײַ פֿון דעם העכסטן און סײַ פֿון דעם אומווירדיקסטן, וואָס אַזאַ דינאַמישער מענטשלעכער בינשטאָק האָט געמוזט באַשאַפֿן און האָט באַשאַפֿן. ער האָט דאָרט געהאָפֿט צו געפֿינען אי דאָס חסידות פֿון וואַרשע און אי די ריזיקע, העראָיִשע אַרבעטער באַוועגונג, סײַ די בונדישע און סײַ די פּועלי־ציוניסטישע און סײַ די קאָמוניסטישע. ער האָט דאָרט געהאָפֿט צו געפֿינען דעם וועלט־צענטער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס האָט זיך אויסגעבילדעט אין פּרצעס קרוינשטאָט. ער האָט דאָרט געהאָפֿט צו געפֿינען אַ שפּיגלבילד פֿון דעם גרויסן צענטער פֿון דעם ייִדישן האַנדל, פֿון ייִדישער האַנטווערקעריי, וואָס האָט געשפּײַזט דאָס גאַנצע דרײַסיקמיליאָניקע פּוילן. מיט איין וואָרט דעם טראַגישן, לעצטן אַקט פֿון דער מעטראָפּאָלע פֿון פּוילישן ייִדנטום, מיט אַלע זײַנע דערהויבנ־קייטן און אומפֿאַרמיידלעכע אָראָפּפֿאַלן. ער האָט אין דעם בוך געוואָלט געפֿינען די צוויי גרויסע צוגרייטונגען — די צוגרייטונג צום נײַעם אויפֿבוי אין ישׂראל מיט די הענט פֿון דער ייִדישער יוגנט, וואָס זענען דערצו געגרייט געוואָרן טאַקע אין פּוילן, ער האָט אויך געוואָלט געפֿינען די מאָראַלישע צוגרייטונג פֿון דעם וואַרשעווער אויפֿשטאַנד, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין יאָר 1943.

דער גויִשער און דער יאַהודישער לייענער האָט נאַטירלעך נישט געקענט האָבן אַזאַ אויספֿירלעכע קאָנצעפּציע פֿון פֿריִער וועגן דעם בוך "די פֿאַמיליע מושקאַט". זײַן אַ פּריאָרי קאָנצעפּציע האָט אים אונטערגעזאָגט זאַכן, מיט וועלכע ער איז געוועזן באַקאַנט. איידער דאָס בוך פֿון באַשעוויס איז דערשינען אין דער ענגלישער איבערזעצונג — אַרום דער מיט פֿון יאָר 1950 — איז אַרויס אַן ענגליש בוך פֿון דזשאָן הערזי וועגן וואַרשעווער אויפֿשטאַנד. דאָס בוך רופֿט זיך "דהי וואָל", די וואַנט. און אַזוי ווי ביידע ביכער קענען אָוועקגעשטעלט ווערן טאָוול בײַ טאָוול, ווי איינער פֿון די רעצענזענטן אין ענגליש האָט זיך אויסגעדריקט, האָט דער ענגלישער לייענער — דער מער ערנסטער — געזוכט אין באַשעוויסעס

בוך אַ מין פּראָלאָג צו הערזיס ווערק. אָבער ער האָט עס נישט געפֿונען. ער האָט גיכער געפֿונען אַ רעטעניש: ווי אַזוי האָט אַט די מענטשן־מאַסע פֿון און אַרום און אַפֿילו ווײַט אַרום דער "פֿאַמיליע מושקאַט" געקענט אַרויסברענגען דאָך פֿון זיך די העלדן פֿון געטאָ־אויפֿשטאַנד? דעם אָפּקלאַנג פֿון אָט דער אַנטווישטער קאָנצעפּציע האָב איך געפֿונען אין אַ גאַנצער רײַע רעצענזיעס אין דער ענגלישער שפּראַך וועגן באַשעוויסעס בוך. דאָס — צוזאַמען מיט דער אַנטווישטער קאָנצעפּציע — פֿון דעם ייִדישן, מער ערנסטן לייענער, טאָר נישט באַגאַטעליזירט ווערן בײַ דער אָפּשאַצונג פֿון אַזאַ גרויסן ווערק.

באַשעוויס, ווי מיר האָבן שוין פֿריִער אָנגעוויזן, איז אַ ליכטיקע אויסנאַם אין דער ייִדישער ליטעראַטור מיט זײַן התמדה פֿון איבער־און איבעראַרבעטן זײַנע ווערק און נישט אײַלן זיך מיט זײַנע בוכאויסגאַבעס. אָבער ד ע ר פֿעלער אין דעם ווערק איז אַ פֿונדאַמענטאַלער און קען שוין פֿון אים נישט מער אַרויסגעשריבן ווערן און אויך נישט מער אין אים פֿאַריכט ווערן דורך אַרײַנשרײַבן. ער וועט שוין מוזן מיטגיין מיט דעם ווערק אין דער אייביקייט אַרײַן. און דאָס ווערק האָט קוואַליטעטן פֿון דויערהאַפֿטיקייט, אָדער "אייביקייט", ווי מען רופֿט עס אין ליטעראַרישן לשון.

4. דאָס לשון

שוין באַשעוויסעס "דער שטן אין גאָריי" האָט אַזוי פֿיל לשון אין זיך, אַז נאָך פֿאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט אַן אַספּיראַנט פֿון "ייִוואָ" דורכגעפֿירט אין דעם אַ גרינטלעכע שפּראַכלעכע אויספֿאָרשונג. על אַחת כּמה וכמה "די פֿאַמיליע מושקאַט". עס וואָלט ממש געלוינט, און אפֿשר וועט עס אַ מאָל געמאַכט ווערן, צונויפֿצושטעלן אַ גאַנצן ווערטער־בוך פֿון דעם דאָזיקן ווערק אַליין. לייענענדיק האָסטו נישט איין מאָל דעם אײַנדרוק, אַז דער שרײַבער באַמיט זיך עקסטראַ נישט דורכצולאָזן אין דעם ראָמאַן קיין איין מיגלעכן ייִדישן אויסדרוק. שוין די נעמען פֿון די מאכלים אַליין קענען דינען צום רעקאָנסטרויִרן פּינקטלעך אַ גאַנצע רײַכע ייִדישע באַלעבאַטישקייט אין אַ וואַרשעווער קיך און אויך אין אַ ייִדישן נאַלעווקער רעסטאָראַן. נאָך די מאכלים גייען מלבושים און סתּם שטוב־זאַכן און אַלערליי מכשירים פֿון אַלערליי בעל מלאכות.

די עשירות פֿון לשון וועקט אויף ממש אַ געזאַנג אין דעם האַרץ פֿון דעם לייענער. אַ שטייגער, וואָס איז פֿאַרפֿיקסירט און פֿאַראייביקט געוואָרן אין אַזאַ ווערק איז שוין געזיכערט קעגן שכחה.

כּדי צו געבן אַ פֿולן באַגריף פֿון דער עשירות פֿון לשון אין דעם ווערק "די פֿאַמיליע מושקאַט" וואָלט מען אַוודאי געדאַרפֿט דאָ ציטירן אַ זײַטל כּאָטש אַ גאַנצס. דאָס איז אָבער נישט מיגלעך אין אַ רעצענזיע. אָט קומט צו מײַן האַנט

דאָס קאַפּיטל 45 (זײַט 555). דאָרט איז באַשריבן דער טויט פֿון דעם ביאַלאַדרעװונער רבין, איינער פֿון די אינטערעסאַנטסטע געשטאַלטן אין בוך. איינער פֿון די איידעמס פֿון משולם מושקאַט, דעם פּאַטריאַרך פֿון דער פֿאַמיליע, איז אויף דעם רבינס הויף אַ שטענדיקער מקורב און, אַז דער רבי שטאַרבט, ווערט גאָר דעם מקורבֿס זון רבי אין ביאַלאַדרעװונע. דאָס דערמאָנטע קאַפּיטל האַלט סך הכּל פֿינעף זײַטן. עס איז נישט גאָר אָנגעפּראָפּט מיט דראַמאַטישער אַקציע, נײַערט אויך מיט אַן אַ שיִעור ייִדישן יציאת־נשמה און לוויה־פֿאָלקלאָר, וואָס האָט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע אין דער מענטאַליטעט פֿון דעם פּוילישן — און בכלל מזרח־אייראָפּעישן ייִדנטום.

אָדער נעמט אַ קאַפּיטל 27 (זײַט 368). די באַשרײַבונג פֿון אַ שׂמחת תּורה בײַ וואַרשעווער חסידים ערבֿ דעם אַרײַנמאַרש פֿון די דײַטשן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. ממש מיט די הענט אַנצוטאַפּן די געדיכטעניש פֿון דעם לשון. האָסט אָפּט דעם אײַנדרוק, אַז דו פֿאַרפֿאַרבסט דיר פּשוט די הענט, אַזוי אויטענטיש און לעבעדיק איז דאָ אַלץ. אַלע דײַנע חושים זענען וואַך. הערסט דאָס טופּען פֿון די פֿיס אויף די טישן בײַם טאַנץ, פֿילסט מיט דער נאָז די ריחות פֿון די פֿעטע מאכלים, זעסט דײַטלעך און לעבעדיק אַלע פּנימער און יעדעס פּנים באַזונדער, דײַנע הענט און עלנבויגנס קוועטשן זיך דורך דורך דער מענטשלעכער געדיכטעניש און ווערסט ממש זאַט, אַזוי ווי דו וואָלסט אַליין מיטגעגעסן, יעדנפֿאַלס פֿילסטו אויף דער צונג די טעמען. מיט איין וואָרט — אַלע חושים. אָט דאָס איז דער כּוח פֿון באַשעוויסעס לשון.

און אָט איז אַן אַנדערער אַספּעקט, נישט קיין חסידות, נישט קיין קיך־ריחות, נישט קיין ווירקן אויף חושים, נײַערט אַ ווירקן אויף דעם אינטעלעקט. אויף זײַט 320 איז דאָ אַ באַשרײַבונג ווי אַזוי דער זיידע פֿון דעם הויפּט־העלד עוזר העשל, ר׳ דן קאַצענעלענבויגן, אַנטלויפֿט פֿאַר די אָנקומענדיקע שלאַכטן, נאָר איידער ער אַנטלויפֿט פֿאַרברענט ער אַלע זײַנע כּתבֿים און די כּתבֿים זענען דאָ אַלע כּמעט אויסגערעכנט און דערמיט ווערט געגעבן אַ קווערשניט דורך דעם רײַכן גײַסטיקן לעבן פֿון אַ צדיק און אַ גרויסן תּלמיד חכם. דאָ שטייען שטיל אַלע דײַנע חושים בײַם לעזן און נאָר די נשמה פֿלאַטערט. אָט אַזוי פֿאַרענדיקט זיך די באַשרײַבונג פֿון דער סצענע פֿון דעם דאָזיקן אויפֿרודערנדיקן אויטאָ־דאַ־פֿע : די דיקע קונטרסים און העפֿטן האָבן זיך נישט אָנגעצונדן און מ׳האָט זיי געמוזט פֿריִער פֿונאַנדערנעמען. אינמיטן די פֿלאַמען איז געלעגן גאַנץ אַ פֿאַרגעלט בייגעלע פּאַפּיר, ווי על פּי נס. ווען ס׳האָט זיך שוין אָנגעכאַפּט, איז דאָס אַש נישט צעפֿאַלן, און ס׳האָבן לאַנג דערנאָך געגליט אויף די ווירעס די פֿײַערדיקע אותיות...

און שוין מיט אַ פּאָר זײַטלעך ווײַטער אַ גאָס מיט אַן עמער רויער געדיכטער גשמיות. אַ באַשרײַבונג ווי אַזוי דעם אייגענעם רבס פֿור שטופּט זיך דורך דורך דעם פּלאָנטער פֿון די מיליטערישע קאָלומנעס פֿון די רוסן. דאָ איז דער וואָרט־

אוצר און בילד־אוצר אַזוי מגושם־פֿול, אַז דער שרײַבער פֿילט, אַז ער דאַרף גאָרנישט קיין זאָצן מער. ער באַשרײַבט דאָס אַלץ מיט ממש אײינצלנע ווערטער, נאָך יעדן וואָרט אָדער אַ קאָמאַ, אָדער אַ פּינטל (זײַט 324).

אַוודאי וואָלט איך געקענט דאָ הויפּן דוגמאות אויף דוגמאות כּמעט פֿון יעדן בלעטל פֿון בוך. יאָ, וואָס שײַך לשון, לשון־בילדערישקייט, פֿאָלקלאָר, אידיאָם טורעמט דאָס ווערק אין אונדזער ליטעראַטור צוזאַמען מיט די סאַמע־סאַמע בעסטע, אַזוי אין איכות און אַזוי אין כּמות.

5. דער אינהאַלט

פּונקט ווי אין יענעם אָריענטאַלישן מעשׂהלע וועגן דעם אומגעדולדיקן קעניג, וואָס האָט געוואָלט, אַז זײַן הויף־פֿילאָסאָף זאָל אים צוגרייטן אַ קיצור פֿון דער געשיכטע פֿון זײַן פֿאָלק, וואָלט מען געקענט אויך — מאַכנדיק דעם קיצור פֿון אינהאַלט פֿון דער "פֿאַמיליע מושקאַט" — זאָגן: דער מענטש ווערט געבוירן, לעבט, לײַדט און שטאַרבט... מחמת סײַ ווי אַ סך מער ווי דאָס וועלן מיר נישט קענען געבן אין אונדזער קיצור מן הקיצור פֿון אינהאַלט פֿון דעם דאָזיקן 760־זײַטיקן בוך. און דאָך.

די ענגלישע אויסגאַבע פֿון דעם ווערק הייבט זיך אָן מיט אַ דיאַגראַמע, אָדער שלשלת היוחסין, פֿון די דרײַ הויפּט־משפּחות, וואָס שפּילן אַ ראָלע אין דעם בוך. דאָס זענען די משפּחות פֿון רבֿ משולם מושקאַט, די באַנעטס און קאַצענעלענבויגנס און אויך פֿון קאָפּל בערמאַן, דעם הויפּט־משרת פֿון רבֿ משולם. אַ שאָד, וואָס אַזאַ מין שלשלת היוחסין איז אויך נישט צוגעגעבן צו דער יידישער אויסגאַבע. איך וואָלט אַפֿילו נאָך ווײַטער געגאַנגען, איך וואָלט אויך צוגעגעבן אַ פּערזאָנען און העלדן־רעגיסטער מיט די זײַטלעך, ווו די דאָזיקע העלדן פֿיגורירן מיט זייערע כאַראַקטעריסטיקעס. און עס וואָלט — אַז עס איז שוין געקומען צו רייד — בכלל כּדאי געווען אײַנצופֿירן דעם מנהג אויך אין בעלעטריסטישע ווערק און נישט נאָר אין וויסנשאַפֿטלעכע. דאָס וואָלט לײַכטער געמאַכט די אַרבעט פֿון די רעצענזענטן (יעדער בעל דרשן דרשנט פֿאַר זיך...) און אויך דערמעגלעכט דעם אויפֿמערקזאַמען לייענער זיך בעסער אַרײַנצולעבן אין אַ בוך און אויך קענען זיך אָפּטער אומקערן דערצו. יאָ, דער דערמאָנטער סדר היוחסין מאַכט קלאָר, אַז אָט די דרײַ משפּחות זענען די הויפּט־משפּחות פֿון בוך און זייערע מזלות, זייער געבוירן, לײַדן און שטאַרבן, האָט באַשעוויס מכוון געווען.

זייערע מזלות דאַרפֿן דאָס זײַן די כאַראַקטעריסטישע — אפֿשר — פֿאַר די מזלות פֿון דעם גאַנצן פּוילישן ייִדנטום. און דאָך איז דאָ אין דעם דאָזיקן עפּאָס — וואָרום אַן עפּאָס איז עס — דאָס לעבן פֿון איין אויסגעקליבענעם העלד, וואָס זײַן לעבן דאַרף אונדז באַזונדערס נאָענט ווערן און עס ווערט טאַקע. דאָס איז עוזר

העשל באַנעט. דרײַ פֿולע דעקאַדן פֿון זײַן לעבן, פֿון אַן ערך זײַן צוואַנציקסטן לעבנס־יאָר (אַרום 1910) ביז אַן ערך זײַן פֿופֿציקסטן לעבנס־יאָר (1939) ווערן אונדז געגעבן. עוזר העשל איז און בלײַבט די אַקס פֿון דעם גאַנצן ראָמאַן. אין דער צײַטונגס־ווערסיע האָט ער אין דער צווייטער העלפֿט פֿון זײַן ראָמאַן געענדערט זײַן נאָמען אויף "העגריק", אין דעם בוך בלײַבט ער כסדר עוזר העשל. אויך דער פּרט איז נישט צופֿעליק.

מיט אַ זיכערער האַנט פֿירט אונדז, באַלד אין אָנהייב פֿון ראָמאַן, באַשעוויס אַרײַן אַי אין דער לאַנדשאַפֿט (אויב מען קען עס רופֿן לאַנדשאַפֿט) פֿון וואַרשעווער גזשיבאָוו און אין דעם געדיכטן פּלאָנטער פֿון דער משפּחה מושקאַט. איר פּאַטריאַרך קומט צוריק פֿון די וואַרעמבעדער און ער ברענגט זיך מיט אַ דריט ווײַב, אַן עלטערע פֿרוי, אַ שטיקל מיוחסת, מיט איר טאָכטער איידל. משולם מושקאַט איז שוין אַ טיפֿער זקן, אָבער ער האַלט זיך נאָך פֿעסט און וועט זיך נאָך אַזוי האַלטן ביז אַן ערך דעם ערשטן דריטל פֿון דעם ראָמאַן. ער איז אַ קאָמפּליצירטער מענטש מיט אַ שטאַרקן ווילן צו הערשעווען, אָבער אין טיפֿן תּוך איז ער אַ ציניקער. ער האָט אָנגעזאַמלט פֿאַרמעגנס, אָנגעבוירן קינדער און אייניקלעך און ער האַלט פֿון דעם דאָזיקן ווידמענען זיך אין זײַן משפּחה זייער שטאַרק, אָבער דאָס נאָר אינסטינקטיוו, קיין טיפֿערן זינען אין דעם פֿילט ער נישט, ער פֿילט אַ פֿאַראַכטונג צו זײַן גאַנצן פֿאַרצווייגטן שבֿט.

אין די זעלבע טעג, ווען ר׳ משולם ברענגט זײַן דריט ווײַב קיין וואַרשע, קומט אויך אין דער הויפּטשטאָט אַרײַן פֿון קליין־טערעשפּאָל אַ בחור, אויסגעוויקט אין תּורה און אין ייחוס פֿון די קאָצענעלנבויגנס און באַנעטס — עוזר העשל באַנעט. ער האָט שוין געכאַפּט אַ ביסל גויִשע תּורה אויפֿן ניכטערנעם מאָגן, אָבער ער איז אַ טיפֿערער מענטש און ער הייבט עס אָן לאַנגזאַם צו פֿאַרדייען און צו סינטעטיזירן. אינטערעסאַנט פֿיזיש איז ער און נאָך מער גײַסטיק. ער האָט גרויסע מיגלעכקייטן צו מאַכן די גרעסטע קאַריערע, אַ געניאַלן קאָפּ האָט ער, שיין פֿון אויסזען איז ער, אָבער עס פֿעלט אים אַמביציע. ער אויך — אויף זײַן שטייגער — איז אַ שטיקל ציניקער. גלײַען גליט אין אים זײַן דורשט נאָך ליבע. צו שטילן אָט דעם דורשט איז ער גרייט אַלץ מקריבֿ צו זײַן. קיין געזעלשאַפֿטלעכע אַמביציעס האָט ער נישט. ער וועט — שפּעטער אין ראָמאַן — אַפֿילו שרײַבן אַ ווערק, און אַן אינטערע־סאַנט, און אפֿשר אַפֿילו אַ גרויס ווערק און ער וועט עס רופֿן "די לאַבאָראַטאָריע פֿון גליק", אָבער ער וועט זיך זייער ווייניק קימערן וועגן דעם צו ברענגען זײַנע געדאַנקען צו דער עפֿנטלעכקייט. ער איז אַן עקסטרעמער אינדיווידואַליסט. און אַז איין מאָל זאָגט מען אים, אַז ער איז דעגענעראַט, ווערט ער זיך נישט צו שטאַרק קעגן דעם. אָבער ער איז עס נישט. אין טיפֿן תּוך האָט ער אַ מאָראַל, אָבער אַ מאָראַל, וואָס צעשפּילט זיך נאָר אין די סאַמע טראַגישסטע מאָמענטן פֿון זײַן לעבן.

צוליב אַ צופֿאַל פֿאַלט עוזר העשל באַלד אין זײַן ערשטן טאָג אין וואַרשע

אַרײַן אין דעם נעץ פֿון דער פֿאַמיליע מושקאַט. ער קומט מיט אַ בריוו צו אַ וואַרשעווער ייִדישן וויסנשאַפֿטסמאַן, בײַ אים באַגעגנט אים אַבראַם שאַפּיראָ, מושקאַטס אײדעם און די סאַמע דינאַמישסטע פּערזענלעכקייט פֿון גאַנצן בוך, דינאַמיש און סימפּאַטיש אין דער זעלבער צײַט. אַבראַם איז אַ געמיש פֿון אַ חסיד־כניאַק צוזאַמען מיט אַ משׂכּיל און סתּם אַ פּלוט און אַ טומלער. ער איז אַ מורא־דיקער ווײַבערניק, אָבער אין דערזעלבער צײַט אַ ייִדישע נשמה. ער וועט גיין נאָר ביז צום אָפּגרונט פֿון זינד, פֿון אמתער זינד, אַרײַנפֿאַלן וועט ער נישט. נאָך זײַן וועט ער וויפֿיל עס איז נאָר מענטשן־מיגלעך. ער איז נישט דער אײנציקער אויף דעם געביט אין דעם בוך. אַבראַם זעט אין עוזר העשלען אַן אָביעקט פֿון זײַנע טומלענישן פֿון איין זײַט און פֿון דער אַנדערער זײַט קריגט ער ליב דעם יונגען מענטש. אַז די יונגע מיידלעך אין דער פֿאַרצווײַגטער משפּחה ווען אין עוזר העשלען באַלד דערשנאַפּן די מיגלעכקייט פֿון ראָמאַנטישע איבערלעבונגען און אויך שידוכים — איז נאָר זעלבסטפֿאַרשטענדלעך. צוויי מיידלעך זענען די הויפּט־קאַנדידאַטקעס דערויף. אײדל — די נײַע שטיפֿטאָכטער פֿון משולם מושקאַט, די טאָכטער פֿון זײַן דריט ווײַב רויזע פֿרומעטל און הדסה — די טאָכטער פֿון ניוניע מושקאַט. זי איז די גרויסע שאָנקייט פֿון דער משפּחה, אָבער אַ קרענקלעכע פֿיזיש, אַ לונגענקראַנקע, און אַ באַדנלאָזע גײַסטיק. אַ קינסטלערישע פּערזענלעכ־קייט מיט אַ ביסל סאָציאַלע סענטימענטן, אָבער אָן שום אינטערעס פֿאַר נאַציאָנאַלע זאַכן. כאָטש זי שטעקט טיף אין געדיכטער ייִדישקייט, איז זי — ווי, אַגבֿ, אַ סך אייניקלעך פֿון ר׳ משולם, זייער אַסימילירט. צווישן איר און עוזר העשלען וועט זיך פֿונאַנדערוויקלען די גרויסע — די אײנציקע שיינע און טיפֿע — ליבע פֿון דעם גאַנצן בוך. אָבער פֿריִער וועט עוזר העשל אין דער שווייץ, וווהין ער האָט געמאַכט אַ פּרוב צו אַנטלויפֿן טאַקע מיט הדסהן, חתונה האָבן דווקא מיט אײדלען, וואָס געפֿינט זיך דאָרט צופֿעליק. די פֿאַרצווייפֿלטע הדסה, וואָס איז צוריקגעשיקט געוואָרן מיטן עטאַפּ פֿון דער גרעניץ קיין וואַרשע, וועט חתונה האָבן מיטן סוחרל פֿישעלע קוטנער. די גרויסע ליבע פֿון בוך וועט אָבער דורכזעצן אַלץ. הדסהן וועט זי אָפּרײַסן פֿון דעם פֿאַרליבטן פֿישעלען און עוזר העשל פֿון דער פֿאַרליבטער אײדלען און סוף כּל סוף וועט דער ראָמען און די יוליע פֿון דער פֿאַמיליע מושקאַט זיך צונויפֿקומען און וועלן אַפֿילו געבוירן אַ קינד — דאָכעלע, אַ נאָמען נאָך דער מאַמען פֿון דער העלדין. אָבער שוין פֿריִער האָט עוזר העשל געהאַט אַ זון דודל פֿון זײַן ערשטער חתונה. דודל וועט ווערן אַ חלוץ און אַוועק קיין ארץ ישׂראל, דאָכעלען וועט באַשערט זײַן צו בלײַבן פֿאַריתומט באַלד אין אָנהייב פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה און צו בלײַבן מיט איר פֿאָטער. איר מאַמע — הדסה — וועט געהרגעט ווערן פֿון אַ באָמבע אין אַן אַטוואָצקער וואַלד, ווו זי האָט געלעבט אין צוריקגעצויגנקייט, מחמת אויך מיט איר האָט עוזר העשל לאַנג נישט אויס־געהאַלטן אין זײַן אייביקן דורשט נאָך נײַע ליבעס און זײַן אייביקער אומרו,

וואָס לאָזט אים אַליין קיין מאָל נישט גליקלעך ווערן און דערלאָזט נישט, אַז ער זאָל עמיץ אַנדערש מאַכן גליקלעך.

און אָט אַזוי גייען מיר דורך אין ראָמאַן אין אַ הייסן, סאַנגווינישן טעמפּאָ — כּלערליי אויפשטייַגן און אַראָפּפאַלן אין דער מפּחה מושקאַט און מיר גייען אויך דורך די יאָרן פאַר און אין דעם ערשטן וועלט־קריג, מיר גייען דורך די יאָרן פון דעם אויפשטייַג און דער אַנטוויקלונג פון דער פּוילישער רעפּובליק, די יאָרן פון ״גראַבסקיס עגלה״, שווערן עקאָנאָמישן דרוק אויף דער יידישער באַפעלקערונג און ממילא די יאָרן פון דעם פאַרשטאַרקטן יידישן דלות און אויפשטייַג פון די צוויי גרויסע באַוועגונגען — איינער, אַ סאָציאַלער און דער אַנדערער — דער נאַציאָנאַלער. מיר גייען דורך די יאָרן, מיר וויסן וועגן דעם, אָבער אין ראָמאַן שפּיגלט זיך עס צום ווינציקסטן. ווען איך וואָלט געוואָלט זייַן בייזווייליק, וואָלט איך געזאָגט, אַז דער ראָמאַן גיט אונדז די גרויסע באַוועגונגען אין אַ קרומען שפּיגל. אָבער איך וויל נישט זייַן בייזוויליק. איך וועל זייַן בלויז געטרייַ צום אמת — מיט אַ שוואַך אָרט אין הארצן צום גרויסן קינסטלער באַשעוויס, און זאָגן, אַז זייַן גרויסער ראָמאַן גיט אונדז די אַלע באַוועגונגען אין אַ פאַרהויכטן שפּיגל, פאַרהויכט מיט דעם אומגלויבן און דער גרינגשעצונג פון דעם מחבר צו די אַלע באַוועגונגען. איין באַוועגונג נעמט ער זייער ערנסט — און דאָס קומט צום אויסדרוק אין פּאַטעטישן פינאַל פון בוך — די ציוניסטישע. אָבער אין ראָמאַן גופא גיט ער אויך די באַוועגונג מיט אַן איראָנישן שמייכל. און אַלץ איבעריקע אין ראָמאַן איז דאָך אַזוי קאָנקרעט. דער עיקר די סעקסועלע סצענעס.

נאָך איין לייַדנשאַפטלעכע ליבע איז עוזר העשלען באַשערט, די ליבע צו באַרבאַראַ פישעלזאָן, אַ צופעליק באַגעגנטער אויף אַ מאַסקנבאַל פון זשורנאַליסטן־פאַריין, אַ טאָכטער פון אַ יידישן מיסיאָנער און אַליין אַ סאָלאָן־קאָמוניסטין. אַ זינלאָזע ליבע און די געליבטע פאַרלאָזט עוזר העשלען אין דער צייַט פון דער גרויסער בהלה אין וואַרשע אין יאָר 1939. זי גייט אַוועק קיין מזרח, אָבער עוזר העשל בלייַבט אין וואַרשע בייַ זייַן טאָכטער, דער יונגער יתומה, בייַ די רעשטלעך פון זייַן קליין־טערעשפּאָלער משפּחה, וואָס איז אין וואַרשע, בייַ די רעשטלעך פון זייַן אייגן געוויסן, וואָס האָט זיך פּלוצלונג אויפגעוועקט להכעיס אַלע זייַנע ביז איצטיקע טעאָריעס.

שווער צו געבן אויף עטלעכע בלעטלעך דעם אינהאַלט פון אַ ראָמאַן פון אַזאַ פּראַקטיקער אין דער קונסט פון אינטערעסאַנטע ראָמאַנען, ווי עס איז באַשעוויס. אויף יעדן בלעטל אין זייַן בוך געשעט דאָך עפּעס. האָב איך בלויז געגעבן אַן אָנונג פון אינהאַלט. אָבער איך האָב דאָך נאָך כמעט גאָרנישט דערמאָנט קאַפּל בערמאַנען, וואָס אויך זייַן סדר היחוסין ווערט געגעבן אין דער ענגלישער אויסגאַבע. ווער איז ער ? ער איז דער פיפיקער הויפּט־משרת פון משולם מושקאַט, פאַרליבט אין זייַן ייִנגסטער טאָכער, לאה.ביידע האָבן זיי משפּחות, אָבער די

ליבע צווישן זיי טליעט אייביק. און בײַ דער ערשטער געלעגנהייט לאָזן זיי איבער זייערע משפּחות, האָבן חתונה און אין מיטן ערשטן וועלט־קריג פֿאָרן זיי אַוועק קיין אַמעריקע. לאה נעמט מיט אַ טייל פֿון אירע קינדער. אַט דער קאַפּל איז נישט מער ווי אַ שפּעקולאַנט און אַ נואף. אָבער טאַקע גאָרנישט מער. אין ראָמאַן פֿאַרנעמט ער אָבער אַ סך פּלאַץ. אַוודאי איז ער מײַסטעריש געשילדערט, אָבער צו וואָס פֿאַרט דאַרפֿן מיר וויסן וועגן יעדן ניאוף זײַנעם? און אויך ער האָט אַ געוויסע מאָראַל, אַ געטרײַשאַפֿט צו זײַן משפּחה. אַט די געטרײַשאַפֿט איז אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך פֿון אַלע העלדן אין ראָמאַן. זיי טוען אַפֿ אַלע שווינערײַען — די שלעכטע צווישן זיי — נאָר קיין פֿאַרברעכן אין פֿולן זינען פֿון דעם וואָרט טוען זיי נישט. קאַפּל איז — אַגבֿ — דער שווער פֿון דעם פּאָזיטיווסטן, כאַטש איראָניש געשילדערטן, חלוץ שמעון בענדל, דער זעלבער, וואָס וועט פֿירן דעם צוג פֿון די חלוצים קיין ישׂראל — צו פֿוס און דורך אַלע פֿראָנטן.

דער ראָמאַן פֿאַרענדיקט זיך מיט אַ פּלוצלונגען אויפֿברויז פֿון אַ נאַציאָנאַלן פּאַטאָס, וואָס איז אין גאַנצן נישט כאַראַקטעריסטיש געווען ביז איצט אין ווערק. אַט איז דער פֿינאַל:

"ווײַט איז געווען די ייִדישע ערד. פֿאַרשלאָסן איז געוואָרן די מדבר. קיין וואָלקן־זײַל האָט נישט געוויזן דעם שטעג בײַ טאָג, קיין פֿײַערזײַל האָט נישט געלויכטן בײַ נאַכט. פֿאַרבאָרגן האָט גאָט זײַן פּנים. געשלאָגן איז געוואָרן יעקבֿ. געשפּעט האָבן זײַנע פֿײַנט: ווו איז דײַן גאָט ישׂראל? וואָס שווײַגט ער, דײַן באַשיצער? ווו איז זײַן רעכט? ווו איז זײַן בונד? באַטריגט האָבן דיך דײַנע נבֿיאים. גאָט אַליין איז אַ נאַצי... יעקבֿ איז פֿאַרברענט און דינה געשענדט. שמעון ולוי — גורט אָן די לענדן. האָפֿט נישט אויף קיין דערבאַרעמונג, עמלק לויערט אויף אײַך. פּרעה שפּאַנט זײַנע רײַטוועגן. אַלץ איז נאָך געבליבן: ישׂראל און דער כּנעני, גאָט און געץ, מצרים און דער טאָפּ פֿלייש. משה איז טויט, אָבער זײַן וואָרט רופֿט אײַך: גייט אויף, רעשטלעך פֿון ישׂראל, און ברייט־צו די לעצטע שלאַכט, ווײַל אַ פֿלאַקער איז דאָס הויז פֿון יעקבֿ און דאָס הויז פֿון עשׂיו איז שטרוי. גייט אויף און פֿאַרכט נישט. אויף אײַער זײַט איז דער לעצטע זיג. צו אײַך וועט קומען משיח."

פֿאַר וואָס צו **דעם** הויז פֿון יעקבֿ, וואָס ווערט אין דעם ראָמאַן געגעבן בזעיר אַנפּין אין דעם הויז פֿון משולם מושקאַט, זאָל דווקא קומען משיח — — בלײַבט תּיקו. דער מחבר האָט באַמערקט זײַן פֿעלער, אָבער ער האָט אים באַמערקט צו שפּעט. מיט אַ פּאַטעטישן אויסרוף־צייכן קען מען נישט פֿאַרענטפֿערן טויזנט פֿאַרצווייפֿלטע פֿרעגצייכנס פֿון אַלערליי פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע העלדן פֿון בוך, וואָס זענען אין אים צעזייט און צעשפּרייט אויף 760 זײַטן.

6. דער פּסיכאָאַנאַליטישער מאָמענט

אין „פֿאָרווערטס“ פֿון 25טן פֿעברואַר 1951 האָט ל. פֿאָלגמאַן פֿאַרעפֿנטלעכט ממש אַן אַפּאָלאָגעטישן אַרטיקל וועגן דער „פֿאַמיליע מושקאַט“, ער האָט באַזונדערס פֿאַרטיידיקט די שפּע פֿון סעקס אין ראָמאַן. אַזוי — זאָגט ער — איז ער פּסיכאָלאָגיש ריכטיק. אַזוי — הייסט עס — וואָלט מסתּמא פֿרויד געזען דאָס פּוילישע ייִדנטום. אָבער באַשעוויסעס ראָמאַן האָט נישט געקענט מכוון זײַן דורכצופֿירן אַ פּסיכאָאַנאַליזע איבער די דרײַ מיליאָנען פּוילישע ייִדן — ער האָט געמוזט מכוון זײַן דורכצופֿירן גיכער אַ סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע אַנאַליזע פֿון דעם דאָזיקן ייִדנטום, דער קרוין פֿון וועלטן און דורות.

אַז אַרטור שניצלער האָט אין זײַן „רייגען“ געגעבן אַ געשלאָסענע קייט אין אַ צענדליק רינגען פֿון סעקסועלע סצענעס פֿון אַלע שיכטן פֿון דער ווינער געזעל־שאַפֿט — האָט ער נ אָ ר ד אָ ס געוואָלט קינסטלעריש באַווײַזן. באַשעוויסעס „פֿאַמיליע מושקאַט“ ווירקט אויך, נישט איין מאָל, ווי אַ מין וואַרשעווער ייִדישער „רייגען“. דאָס האָט אָבער נישט געקענט זײַן די כּוונה.

און רעדנדיק וועגן פּסיכאָאַנאַליזע לאָמיר שוין אין איין וועגס דערמאָנען די ממש ערשטקלאַסיקע קראַפֿט פֿון פּסיכאָלאָגישער באַגרינדונג פֿון סיטואַציעס און האַנדלונגען מיט וועלכער דער ראָמאַן איז פֿול. ער שטייט אין דעם זינען קיין האָר נישט אָפּ פֿון די גרעסטע מײַסטערס אין דער ייִדישער ליטעראַטור אויף דעם געביט, ווי למשל דעם נסתּר. פֿון די פֿיל צענדליקער סצענעס, וואָס האָבן פּסיכאָ־לאָגיש קיין איין פֿאַלשן שטריך נישט, אין דעם ראָמאַן וועל איך דערמאָנען די סצענע, ווען קאָפּל באַגנבֿעט די קאַסע פֿון זײַן באַלעבאָס. און דאָס איז גראָד נישט קיין סעקס־סצענע.

7. דער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער מאָמענט

מיר גלייבן נישט צו מאַכן אַ טעות, ווען מיר וועלן זאָגן, אַז דאָס פּוילישע ייִדנטום צווישן די וועלט־מלחמות האָט זיך סאָציאַל־נאַציאָנאַל געגלידערט אָט אַזוי: אין דער ערשטער ריי איז געגאַנגען דער רעליגיעזער עלעמענט, ער האָט בוכשטעבלעך געוואַרט אויף משיחן. דער צווייטער עלעמענט איז געווען אויס־געשפּראָכן ציוניסטיש און האָט קאָנסעקווענט געשטרעבט אויסצוּוואַנדערן קיין ישׂראל און טאַקע אין אַ גרויסער מאָס געוואַנדערט. דער דריטער עלעמענט איז געווען סאָציאַליסטישע (בונדיסטיש בעיקר — און אויך היפּש קאָמוניסטיש) זײַן אידעאַל איז געווען קאַמף און דאָיקייט, בלײַבן אויפֿן אָרט. דער פֿערטער עלעמענט האָט געפֿילט די אויסגעוואָרצלטקייט, נישט געהאַט קיין ספּעציעלע אידעאַלן און נאָר געשטרעבט צו איין זאַך: אויסוואַנדערן פֿאַר יעדן פּרײַז! אַרום הונדערט

טויזנט האָבן עס באַוויזן — קיין פֿראַנקרײַך, די אַמעריקעס, אויסטראַליע אאַ״וו. דער פֿינפֿטער עלעמענט — ער איז געוועזן, וואָס אַן אמת, נומעריש גרויס — האָט געדאַנקענלאָז אַרײַנגעלעבט אין דעם מוראדיקן אָפּגרונט אַרײַן... אמת איז, אַז אַלע פֿינעף עלעמענטן זענען סוף כּל סוף אין דעם אָפּגרונט אַרײַן, אָבער געדאַנקענלאָז איז אין אים אַרײַנגעפֿאַלן בלויז איין עלעמענט. און דווקא אָט דער עלעמענט איז דער רובֿ מנין ובנין פֿון דער העלדנגאַלעריע פֿון דעם ראָמאַן ״די פֿאַמיליע מושקאַט״.

באַשעוויס האָט אַן אידיאָסינקראַזיע צו פּאַרטייען. איך פֿיל אים מיט. אָבער זי האָט נישט געדאַרפֿט קומען צום אויסדרוק אין זײַן נאַציאָנאַלן ראָמאַן. די פּאַרטייען אין פּוילן — פֿון אַלע ריכטונגען — און אויך די קולטור־קרײַזן, די אידעאַליסטישע לערערשאַפֿט, דאָס שרײַבערטום, האָבן פּראָדוצירט גרויסע געשטאַלטן, פּאָזיטיווע, קאָנסטרוקטיווע. האָט דען נישט פֿון דאָרט געקענט געשעפּט ווערן דער הויפּט־העלד ?

עוזר העשל באַנעט איז אַן אינטערעסאַנטער מענטש, אַן אויסגעהאַלטענער, אַ דענקענדער, טראָגט זיך אייביק אַרום מיט שפּינאָזאָס ״עטיק״, ער איז אַ מענטש פֿון בלוט און פֿלייש און מאַרך. ער איז בשום אופֿן נישט קיין שאָטן. מיר קריגן אים ליב אַפֿילו. אָבער זײַן שוואַכע חוט השדרה האָט נישט געטאָרט ווערן די אַקס פֿון אַזאַ באמת גרויסן ראָמאַן. באַשעוויס גיט אונדז עוזר העשלס פּעסימיסטישע וועלט־באַנעמונג אויף צענדלינגער און צענדלינקער זײַטן פֿון ראָמאַן. זײַן איינציקער קאָנסטרוקטיווער סאָציאַלער געדאַנק איז מאַלטוזיאַניזם גאָר... די וועלט זאָל אויפֿהערן קינדלען. זײַן ייִדישער נאַציאָנאַלער אידעאַל שפּרינגט פּלוצלונג אַרויס אין פֿינאַל פֿון בוך — ווי אויבן ציטירט.

7. אויספֿירן

אין ״פֿאָרווערטס״ פֿון 26טן מערץ 1951 האָט יצחק וואַרשאַווסקי (באַשעוויס) אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל אונטערן נאָמען ״וואָס שרײַבער פֿאַרשווײַגן אין זייערע ווערק. דער אַרטיקל איז אין דער אמתן אַן ענטפֿער אויף דער קריטיק אויף ״פֿאַמיליע מושקאַט״ און ממילא אויך אַ פּריאָרי אַן ענפֿער אויף ד ע ם אַרטיקל... באַשעוויס איז אַן אויסגעצייכנטער דיאַלעקטיקער און — גלייבט מיר — אַז ער האָט שיִער נישט מיך אויך איבערצײַגט... אין דעם דערמאָנטן אַרטיקל האָט באַשעוויס טענות צו קריטיקער למאַי זיי האָבן טענות צו שרײַבער, למאַי זיי זענען איינזײַטיק, שילדערן מענטשן און סיטואַציעס, וואָס זענען זיי צום האַרצן און גיבן אַזוי אַרום — לכאורה — אַ פֿאַלש בילד פֿון געוויסע צײַטן און פֿעלקער. לויט דאָסטאָיעווסקין זענען אַלע רוסן מעלאַנכאָליקער, לויט שלום עליכמען זענען אַלע

ייִדן פֿריילעכע קבצנים אאַ״וו. און, דאָס גיב איך שוין צו אַליין: לויט באַשעוויסן זענען אַלע פוילישע ייִדן מענטשן אָן חוט השדרות...

אָט דאָס איז עס טאַקע. אויב מיר וואָלטן געהאַט אַ סך באַשעוויסעס אין דער ייִדישער ליטעראַטור און אַלע זיי וואָלטן געשריבן וועגן די ייִדן אין פוילן — וואָלט עס אונדז נישט געאַרט. איז איינער אין דער בחינה פֿון דאָסטאָיעווסקי און דער אַנדערער גאָגאָל, און דער דריטער — טורגעניעוו, און דער פֿערטער גאָרקי, און דער פֿינפֿטער — טאָלסטאָי אאַ״וו. אָבער מיר האָבן נישט צופֿיל באַשעוויסעס און דער, וואָס מיר האָבן, צווישן די אַנדערע ווייניקע מיט אַזויפֿיל טאַלענט, האָט פֿאַרט אין זײַן ווערק ״די פֿאַמיליע מושקאַט״ פּרעטענדירט צו געבן אַ פֿולן קווערשניט פֿון פוילישן ייִדנטום און אין דעם ווערק האָט ער נישט געהאַט קיין רעכט צו פֿאַרשווײַגן גרויסע פֿלאַכן פֿון ייִדישן לעבן אין פוילן לויט זײַן קאַפּריז.

ווי זאָגט באַשעוויס בײַם סוף פֿון זײַן עפּאָס: תּם ונשלם — — יאָ, תּם ונשלם אויך אונדזערע קריטישע באַמערקונגען. און וואָס שײַך דער קינסטלערישער פּראַכט און קראַפֿט פֿון דעם ווערק גופֿא האָבן מיר גאַנץ גענוג וועגן דעם געשריבן. לאָמיר עס איבערחזרן אין איין זאַץ: מיט דער גרעסטער פֿרייד און נײַגעריקייט און בײַ דער ערשטער געלעגנהייט וועלן מיר דאָס ווערק לעזן נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל... בעסערס קען מען אויף אַ ווערק נישט זאָגן.

אַן אינטעגראַל ווערק אין דער ייִדישער ליטעראַטור, אַ מוז־לעז־בוך!

די לעצטע ערדישע יאָרן און טעג פֿון ה. לייוויק

אַרײַנפֿיר

דער בעסטער אַרײַנפֿיר צו אָט דעם בינטל זכרונות און מחשבֿות וועגן די לעצטע ערדישע יאָרן און טעג פֿון ה. לייוויק זענען די זכרונות אַליין. זיי זאָגן אַלץ וואָס דאַרף אין אַזאַ פֿאַל געזאָגט ווערן, דערציילט ווערן.

ה. לייוויק איז איינער פֿון אונדזערע פּשוטסטע דיכטערס — און אין דער הייליקער פּשטות אפֿשר דער גרעסטער. מען זאָלט געקענט אַפֿילו דאָס וואָרט "אפֿשר" אויסמעקן. זײַן גרויסקייט וואָלט פֿון דעם נישט געליטן. שוין דאָס ערשטע ליד אין יעדער פֿון לייוויקס לידער־זאַמלונגען שטרײַכט אויס דאָס וואָרט "אפֿשר"...

אָט האָט ער אין זײַן מאָנומענטאַלן לידערבאַנד (670 זײַטן), אַרויסגעגעבן צו זײַן יובֿל אין יאָר 1940, געשטעלט דאָס ליד "ערגעץ ווײַט" אויפֿן ערשטן אָרט. נישט וויכטיק אַז דאָס ליד אין שוין געדרוקט געווען, און אַלע מאָל אין פּראָגנט. די כּוונה איז סיי ווי צו דעמאָנסטרירן אַזאַ פּשטות וואָס זאָגט אַלץ קלאָר. אַלץ!

עס איז ווי דער טראָפּן וואַסער אין וועלכן מע זעט דעם גאַנצן ים...

וואָס שייך דער מוזיק אין אַזעלכע לידער: לייוויקס לידער ווערן געבוירן צוזאַמען מיט זייערע מעלאָדיעס. און די מעלאָדיעס פֿליִען אַרום אין חלל — ביז אַ קאָמפּאָזיטאָר דערהערט זייער שטילן ניגון אין קאָסמאָס — און ער שרײַבט אים אויף אין דער מוזיקשריפֿט.

און נאָך עפּעס וואָס האָט אַ שײַכות צו ה. לייוויק און מוזיק: דער שרײַבער פֿון אָט די שורות איז נישט קיין מנגן, אָבער פֿאָרט האָט אַ האַלב טוץ לידער צוזאַמען מיט די ניגונים דורכגעדרונגען דעם מהות פֿון זײַן נשמה און כּמעט אַלע זענען ה. לייוויקס. דערמאָנט זיך מיר אַזאַ ליד און איך הייב עס אָן שטיל־שטיל, אין זיך, טאַקע אין סאַמע האַרץ צו זינגען. אָט זענען דרײַ פֿון די לידער: "ערגעץ ווײַט, ערגעץ ווײַט", "גיין דאַרף מען גיין", "אייביק". און דאָס שעפּטשענ־דיקע זינגען פֿון די לידער גייט מיר שפּעטער נאָך — שעהען, טעג, מעת־לעתן, וואָכן — אַפֿילו אין שלאָף... צי איז עס מוזיק פֿון די ספֿירות? יאָ, דאָס איז עס — ערגעץ ווײַט האָבן אַלע ייִדישע שרײַבערס אַ שײַכות צו דער מעלאָדיע פֿון די ספֿירות, און לייוויק — דער ערשטער. אין יעדן פֿון אונדז איז ער דאָ. ער איז, נאָך יצחק לייבוש פּרצן, אונדזער ערשטער צווישן די שטערן.

דער גורל האָט געוואָלט אַז די הענט וואָס שרייַבן אָט די ווערטער זאָלן זייַן די זעלבע הענט וואָס האָבן געפּילט דאָס לעצטע ביסל כּוח אין ה. לייוויקס הענט, ביים אַנרירן זיי, צום געזעגענען זיך ערבֿ דער גרויסער עליה פֿונעם משורר פֿון די שטערן — צו די שטערן; דער לעצטער אָטעם פֿון לייוויק של מטה, דער ערשטער אָטעם פֿון לייוויק של מעלה. אַ רגע פֿון גורל און גילגול. איך האָב מיך אומגעקוקט און בין גיך נאָך אַ מאָל צוגעגאַנגען און געקושט דעם משורר'ס הענט. לייוויק האָט האַלב געעפֿנט די אויגן, אַ דינער ליכטשטראַל האָט פֿון ערגעץ ווי אַ בליץ געטאָן אויף זייַן פּנים און זיך פֿאַרלאָשן; אפֿשר זיך קיין מאָל נישט מער געעפֿנט אין עמק הבכא...

מיט מיר איז אין יענעם דעצעמבער־אָוונט 1962 געווען אויך דער ייִדישער שרייַבער ברוך שעפֿנער. מיר האָבן זיך געזעגנט און שטומערהייט אַוועק פֿון דער שטוב פֿון יסורים, פֿון גסיסה.

שטומערהייט האָב איך געטראַכט און אויסגעשוויגן אַ געדאַנק: זייַן לעבן לאַנג האָט לייוויק געליטן און געהאָפֿט אַז די וועלט בכלל און די ייִדישע בפֿרט וועט סוף־כּל־סוף אויסגעלייזט ווערן דורך יסורים. לייוויקס יסורים זענען שוין צען מאָל איבער די מאָס וואָס איז געפֿאַלן אויף זייַן גורל, אָבער ווו איז כאָטש אַ צענטער טייל פֿון דער צוגעזאָגטער אויסלייזונג פֿון מענטש, פֿון ייִד, פֿון יעדן מענטשלעכן יחיד?

כאָטש לייוויק איז בלויז מיט פֿינף יאָר עלטער געווען פֿון מיר, האָב איך מיך באַצויגן צו אים מיט אַזאַ דרך־ארץ — און נישט ווייניקער חבֿרישער ליבשאַפֿט — ווי צו אַ פֿאָטער. מיר האָבן געהאַט אַפֿט מחלוקתן, אַלע וועגן נישט קיין עגאָיִסטישע פּראָבלעמען — ייִדישע און אַלגעמיינע. זיי פֿלעגן זיך ענדיקן לרובֿ מיט לייוויקס אַ קוש אין שטערן און אויפֿהייבן זייַן האַנט צו די ליפּן ווי אַ חתימה: לאָמיר שווייַגן!

און ווען אַזאַ מחלוקת איז איין מאָל אַ ביסל צו שאַרף געוואָרן, האָב איך אויף אַ צעטל אָנגעשריבן אַ פּאָר ווערטער און בין אַוועק אָן אַ "גוטע נאַכט". אָט וואָס איך האָב געשריבן: "איר וועט נישט פּועלן בייַ מיר איך זאָל אייַך פֿייַנט קריגן. אַזאַ כּוח איז אין אייַך ניטאָ, כאָטש מחלוקתן וועלן בלייַבן".

אָט דעם אַרייַנפֿיר — האַלב זכרונות, האַלב מעדיטאַציעס — האָב איך אָנגעשריבן ניט ווייַל איך האָב געוואָלט, נייַערט ווייַל איך האָב געמוזט. אין לייוויקס לידער און דראַמעס זענען דאָ אָן אַ שיעור מיסטישע בליצן, אָבער אויך נישט ווייניקער רעאַליסטישע און סאָציאַלע, אַפֿילו סאָציאַליסטישע, מאַרקסיסטישע.

דיאַלעקטיק? דאָס אויך. נאָר אַזוי קען מען לייוויקן פֿאַרשטיין ביזן דנאָ אין דער טיף, און ביזן הימל אין דער הייך. כּדי אים אין גאַנצן צו פֿאַרשטיין — מוז מען אָנקומען צו אים אַליין, צו לייוויקן דעם פּאָעט, דורך זייַנע מעשׂים בכל יום. לייוויק איז איינער פֿון יענע זעלטענע דיכטערס וואָס מענטש און פּאָעט זענען אין

זײַן מהות אַבסאָלוט אינטעגרירט. אַזוי איז זײַן געשטאַלט אין שפּיגל פֿון זײַנע ווערק.

דער מאמר "די לעצטע ערדישע יאָרן און טעג פֿון ה. לייוויק" איז געשריבן געוואָרן בלויז עטלעכע וואָכן נאָך לייוויקס נתבקש ווערן צו דער ישיבה של מעלה. דער מאמר דערשײַנט איצט צום ערשטן מאָל אין גאַנצן, אויף איין אָרט.

*

צימצום איז עלעמענט אין דער וועלט — נישט קיין פֿיזישער, נאָר גײַסטיקער. אָן צימצום קען די וועלט נישט פֿאַרשטאַנען ווערן. צימצום איז דוגמא, אימאַזש, סימבאָל. יעדע כּוללדיקע באַוועגונג פֿון מענטשן מוז האָבן איר סימבאָלישע ערשט־געשטאַלט, איר צימצום, איר דוגמא. אַז נישט — ווערט פֿאַרמעקט איר פּנים, איר קאָלעקטיווער איך.

הונדערט און איין סיבה קריסטאַליזירן די און נישט קיין אַנדערע געשטאַלט, זענען זי מצמצם צום סימבאָל, צו דער דוגמא פֿון דער אָדער יענער כּוללדיקער באַוועגונג פֿון אַ גרופּע מענטשן. דער פּראָצעס פֿון קריסטאַליזירן קען מושפּע ווערן אויך פֿון דרויסנדיקע סיבות, לרובֿ אָבער קומט ער פֿאָר לויט מיטגעבוירענע געזעצן, פֿאַר אונדז טראַנסצענדענטאַלע, העכערע, טיפֿערע פֿון אונדזער תּפֿיסה.

דער בעל־שם־טובֿ איז געווען די קריסטאַליזירטע געשטאַלט פֿון חסידות. שפּעטער איז עס געווען דער בראַסלאַווער.

דאָס האָט נישט אויסשליסלעך קיין שײַכות צו ליטעראַרישע מאָסן. דאָס האָט אָבער אויך אַ שײַכות צו ליטעראַרישע מאָסן. דאָס האָט אַפֿילו נישט קיין שײַכות צום ענין קלאַסיקער פֿון אַ ליטעראַטור, מחמת קלאַסיקערס קענען זײַן עטלעכע אין איין צײַט, אָבער אַ סימבאָלישע געשטאַלט פֿון אַ באַוועגונג קען נאָר זײַן איינע אין איין צײַט.

דערפֿאַר זענען מיר, ייִדישע שרײַבערס, וואָס האָבן מיטגעלעבט און מיטגעזען, ווער פֿון דער ווײַטן און ווער פֿון דער נאָענט, ווער אי פֿון דער ווײַטן, אי פֿון דער נאָענט, די לעצטע ערדישע יאָרן און טעג פֿון ה. לייוויק, מחויבֿ צו פֿאַרצייכענען וואָס מיר האָבן מיטגעלעבט, געזען, געהערט און איבערלאָזן די פֿאַרצייכענונגען פֿאַר די דורות וואָס וועלן קומען נאָך אונדז. און די דורות וועלן זוכן אונדזער גבֿית־עדות, ווײַל מיר זענען אין דעם פֿאַל עדות פֿון גײַסטיקער ייִדישער געשיכטע אין צײַטן פֿון אַ כּמעט כּסדרדיקן היסטאָריש־ייִדישן פּרשת־דרכים און קריזיס.

סעפּטעמבער 1958. דער שרײַבער פֿון די שורות איז דעמאָלט גראָד געווען אין לאָס־אַנדזשעלעס. די ידיעה איז געקומען טעלעפֿאָניש פֿון מענדל עלקין, לייוויקס נאָענטן פֿרײַנד, צו אסתּר שומיאַטשער־הירשביין, אַז מיט דעם גרויסן דיכטער איז געשען אַן אַפּאָפּלעקטישער אָנפֿאַל: ער איז אַנטשטומט געוואָרן, די

רעכטע זײַט פֿון זײַן גוף איז פּאַראַליזירט; קיין באַלדיקע לעבנס־געפֿאַר דראָט נישט, מיגלעכקייטן פֿון היילונג זענען נישט אויסגעשלאָסן, אָבער נאָר אַ טייל־ווײַזע היילונג. עס איז נייטיק די גרעסטע קאָאָפּעראַציע פֿון דעם קראַנקן מיט די דאָקטוירים.

זינט יענעם סעפּטעמבער־טאָג זענען אַריבער טויזנט פֿינף הונדערט און פֿופֿציק טעג פֿון מאַטערניש אוןליידן, פֿון טיפֿסטע זאָרגן פֿון זײַנע נאָענטע און נאָענטסטע. די ערשטע אין דער שורה — שׂרה לייוויק, זײַן געטרײַסטע, די מאַמע פֿון זײַנע צוויי זין, דניאל און שמואל. און ווײַטער — די לאַנגע שורה פֿון זײַנע פֿרײַנד, חבֿרים און לייענערס איבער גאָר די תּפֿוצות־ישׂראל.

נאָענטסטע, נאָענטע און פֿרײַנד האָבן באַשלאָסן אַז אויב היילונג איז מיגלעך, דאַרף דער קראַנקער געבראַכט ווערן אין אַן אַנשטאַלט פֿאַר אַזעלכע האַלב־פּאַראַליזירטע. אַזוי איז טאַקע געווען. דער ספּעציעלער אַנשטאַלט איז געשטאַנען אין אַ טיפֿן פּאַרק, כּמעט אַ וואַלד, עטלעכע שעה פֿון ניו־יאָרק.

דעם 18טן נאָוועמבער 1958 (איך האָב די דאַטע פֿאַרצייכנט) איז מיר אויסגעקומען צו זײַן אין ניו־יאָרק און איך בין אַרויסגעפֿאָרן מיט דער הינטער־שטאָטישער באַן אין דעם אַנשטאַלט ווו לייוויק האָט זיך דעמאָלט געפֿונען. דער אַנשטאַלט — צווישן לאַנקעס און וועלדער, אײַנגעהילט אין די פֿאַרבן פֿון דעם כאַראַקטעריסטישן אינדיאַנער־זומער. עס איז פּאַר נאַכט. אַלץ אין מיר איז אויפֿגעטרייסלט, פֿאַרציטערט. די ערשטע באַגעגעניש־דערוואַרטונג פֿאַרטונקלט מיר ממש די ראיה.

אין איינעם פֿון די קאָרידאָרן, לעבן דעם צימער פֿון קראַנקן דיכטער, באַגעגן איך שׂרה לייוויק. אָבער שׂרה האָט זיך עפּעס פֿאַרהאַלטן אַרום דער טאָץ מיט עסן וואָס מען האָט געהאַלטן אין צוגרייטן און איך בין אַרײַן אַליין צום גרויסן אַנטשטומטן. איך האָב באַלד גענומען רעדן און רעדן האַפֿערדיק, ווי מען דאַרף אין אַזעלכע פֿאַלן, גענומען דערציילן אַלערליי נײַסן פֿון אונדזער בידנעם ליטעראַרישן וועלטל. אַלץ האָט דעם דיכטער אינטערעסירט. ער האָט מיט אַ באַוועגונג פֿון דער לינקער האַנט געבעטן נאָך און נאָך צו דערציילן.

און אָט קומט אַרײַן שׂרה און באַגריסט זיך נישט מיט מיר, מחמת מיר האָבן זיך דאָס פֿריִער מיט אַ פּאָר מינוט באַגעגנט אין קאָרידאָר. אָבער לייוויק האָט עס נישט געוווּסט, ער ווערט אויפֿגערעגט, זשעסטיקולירט שאַרף צו שׂרהן. איך בין ממש דערשראָקן; שׂרה איז דערשטוינט: וואָס איז פּלוצעם געשען? און אין עטלעכע רגעס, מיט אַן אינטויִציע וואָס נאָר אומענדלעכע ליבשאַפֿט קען באַשאַפֿן, הייבט שׂרה אָן צו רעדן צו לייוויקן: "דו ביסט אוודאי בייז וואָס איך האָב מיך נישט באַגריסט מיט אונדזער אַלטן פֿרײַנד, אָבער מיר האָבן זיך דאָך שוין באַגריסט פֿריִער, אין קאָרידאָר, נאָר דו האָסט ער נישט געוווּסט. . ."

לייוויק שאָקלט מיטן קאָפּ און אַ מילדקייט, כּמעט אַ שמייכל, נעמט אַרום זײַן אייביק ענסט און אַ מאָל אַפילו שטרענג פּנים. אַט דאָס איז טאַקע געווען די סיבה. מיר איז אַ שטיין אַראָפּ פֿון האַרצן און איך בין געוואָרן נאָך באַרעדעוודיקער, אויסדערציילט אַלע נײַעס פֿון אונדזער ליטעראַרישן לעבן פֿון כּל תּפֿוצות־ישׂראל, פֿון די שווערסטע פּראָבלעמען ביז צו די גרינגסטע חבֿרישע פּליאַטקעס. ביז — ביז דער נעגער, דער קראַנקן־ברודער וואָס האָט דעמאָלט באַדינט לייוויקן, איז אַרײַנגעקומען און געזאָגט: הגיע הזמן! — און ער האָט שׂרהן און מיך אָפּגעפֿירט אין זײַן אויטאָמאָביל קיין מאַנהעטן.

דעמאָלט זענען מיר אַלע נאָך געווען פֿול מיט האָפֿענונג. לייוויק האָט נאָך דעמאָלט געמאַכט רעגולערע גימנאַסטישע געניטונגען און אויך געניטונגען צוריק־צובערענגען טיילוויַיז — מער האָט מען ניט געהאָפֿט — זײַן לשון, זײַן מיט ווײַסן זילבער קלינגענדיקע שטים, די שטים פֿון ערנסט און פֿון געוויסן אין דער ייִדישער ליטעראַטור. אין אַזאַ פֿאַל איז נייטיק געווען אַן אַבסאָלוטע קאָאָפּעראַציע, קאָאָפּעראַציע פֿון אַ האַרכנדיק קינד.

עס ווײַזט אָבער אויס אַז לייוויק האָט אַנדערש באַשלאָסן. די קרענק האָט אים אײַנגעהילט אין שטומקייט און צוגענומען בײַ אים אַ העלפֿט פֿון זײַן באַוועג־לעכקייט, אָבער ער אַלײַן האָט זיך נאָך טיפֿער אײַנגעשלאָסן אין אַן אײַנגעשפּאַרטן ווילן: אָדער גאָר, אָדער גאַרנישט! לייוויק האָט נישט קאָאָפּערירט.

געווען סימנים אַז ער האָט יאָ געקענט קאָאָפּערירן. ווען עס איז אַרויס (אין ישׂראל לאַנדאַנס פֿאַרלאַג דער קוואַל, 1959) לייוויקס לידערבוך לידער צום אייביקן און דער פֿאַרלעגער אין איינעם מיט יעקבֿ פּאַט האָבן דעם דיכטער געבראַכט דעם ערשטן עקזעמפּלאַר, האָב יעקבֿ פּאַט געבעטן דעם דיכטער ער זאָל אויטאָגראַפֿירן אַט דעם עקזעמפּלאַר. לייוויק האָט אַן באַזונדערע שוועריקייטן, מיט דער לינקער האַנט, אונטערגעשריבן זײַן נאָמען. יעקבֿ פּאַט, דער לאַנגיאָריקער פּעדאַגאָג און ממילא געניגט צו פּסיכאָלאָגיע, האָט שטילערהייט מעדיטירט: אונטערשרײַבן דעם אייגענעם נאָמען איז לייוויק געווינט, האָט ער אונטערגעשריבן גרינג, אָבער צי קען ער שרײַבן אויך אַנדערע ווערטער? און ער האָט געבעטן: ״שרײַבט איצט אויך אונטער דעם נאָמען פֿון אײַער פֿרוי״. לייוויק האָט אָנגעשריבן: שׂרה. אָבער דאָס זענען געווען און געבליבן די ערשטע, די לעצטע און די איינציקע ווערטער וואָס לייוויק האָט זינט זײַן אַנטשטומונג אָנגעשריבן.

איין מאָל, בײַ אַן אַנדערער געלעגנהייט, ווען מען האָט אין אַ קליינער מסיבה בײַם בעט פֿון קראַנקן דיכטער געמאַכט אַ לחיים, האָט ער שטילערהייט אַרויס־געזאָגט דאָס וואָרט ״לחיים״. אָבער אויך דאָס איז געווען דאָס איינציקע וואָרט וואָס ער האָט געזאָגט זינט דער אַנטשטומונג.

אַז לייוויק איז קראַנק געוואָרן, האָב איך פֿון אַ חבֿר, אַ באַרימטן דיכטער,

באַקומען אַ בריוו וועגן פֿאַרשיידענע ליטעראַרישע און קולטור־ייִדישע פּראָיעקטן. אַז מען מאַכט פּראָיעקטן מוז מען זײַן אינערלעך האָפֿערדיק, אָבער דער חבֿר האָט פֿאַרענדיקט זײַן בריוו אַט אַזוי: "וואָס קומט אַרויס פֿון די אַלע פּראָיעקטן, אַז די הענט הייבן זיך נישט צום דורכפֿירן זיי. לייוויקס מצבֿ האָט זיך אויסגעשפּרייט ווי אַ טונקעלער שאָטן איבער אַ האַלבן האָריזאָנט פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור..."

די ווערטער האָבן אין זיך אַנטהאַלטן דעם אמת. אַזוי האָבן מיר אַלע געפֿילט.

בלויז אַ קורצע צײַט איז לייוויק געלעגן אין דעם ספּעציעלן אַנשטאַלט מחוץ ניו־יאָרק. גאַר באַלד האָט ער באַשלאָסן — און די דאָקטוירים האָבן אײַנגעוויליקט — צו זײַן אין זײַן געוווינטער היים אויף דער אַדובאָן־סטריט, ווו ער האָט צענדליקער יאָרן געלעבט מיט זײַן משפּחה. דאָ זענען געווען אַלע זײַנע ביכער, זײַן שרײַבשטוב און שרײַבטיש, צו וועלכן ער איז אַזוי געוווינט געווען; דאָ זענען געהאָנגען די בילדער אויף די ווענט — די בילדער פֿון זײַנע טאַטע־מאַמע, רעקאָנסטרויִרט ווי הויך־קינסטלערישע פּאָרטרעטן דורך דעם סקולפּטאָר און מאָלער בערנאַרד רעדער; דאָ זענען געהאָנגען אויך עטלעכע לייוויקס אייגענע פּאָרטרעטן, געצייכנט און געמאָלט דורך ייִדישע קיסטלערס. דאָ איז אויך געשטאַנען אין אַ ריזיקן וואַזאָן די שטובּיקע פֿלאַנץ, וואָס איז זיך אין פֿאַרלויף פֿון יאָרן צעוואָקסן אין אַ צוים. ניט איין ליד האָט לייוויק וועגן אַט דעם וואַזאָן געשריבן, אַפֿילו אין זײַן לעצטן בוך לידער צום אייביקן.

לייוויק איז צוריקגעבראַכט געוואָרן אין זײַן דירה. דאָ האָט אויך טאָג און נאַכט געקענט זײַן מיט אים שׂרה לייוויק.

די אַדובאָן־סטריט איז היפּשלעך ווײַט פֿון צענטער פֿון ניו־יאָרק. דאָך האָבן מערערע חבֿרים און פֿרײַנד אײַנגעשטעלט דאָ אַ שטענדיקן ביקור־חולים. נישט צו אָפֿט האָבן געקענט קומען זען דעם פֿאָטער די צוויי זין זײַנע — דער עלטערער, דניאל, אויף אַ פּאָסטן אין וואַשינגטאָן, דער ייִנגערער, שמואל, אויף אַ פּאָסטן אין שיקאַגאָ. די דיסטאַנצן — זייער גרויס און די צײַט — קאַרג צוגעמאָסטן. און דאָך פֿלעגן די זין קומען רעגולער, אָפֿט אַפֿילו מיט די פֿרויען און קינדער.

חבֿרים, קרובֿים, פֿרײַנד, דאָקטוירים האָבן געזוכט אַלערליי עצות אײַנצושטעלן אַ קעגנזײַטיקע פֿאַרשטענדיקונג מיט דעם אַנטשטומטן גרויסן וואָרטזאָגער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, פֿון דער ייִדישער גײַסטיקייט בכלל אין אונדזערע טעג. לייוויק האָט אַלץ אויפֿגענומען, אויף אַלץ רעאַגירט, אַ מאָל מיט אַ שאָקל פֿון קאָפּ אין דער ברייט און אַ מאָל אין דער לענג, אַ מאָל אויף ניין און אַ מאָל אויף יאָ; אַ מאָל מיט אַ שמייכל און אַ מאָל מיט אַ טרער. ער האָט אַלעמען דערקענט און אַלץ איז אים אָנגעגאַנגען. דער עיקר — וואָס האָט אַ שײַכות צו ייִדישקייט

און צו ייִדישער ליטעראַטור. ער פֿלעגט דערלאַנגען אַ גאַסט די לינקע האַנט און זי דריקן מיט כּוח און וואַרעמקייט, ער פֿלעגט צוציִען צו זיך דאָס פּנים פֿון גאַסט און זיך צעקושן: אָפּט פֿלעגט ער לאַנג האַלטן די האַנט פֿון גאַסט, דער עיקר בײַם געזעגענען זיך.

אַז די געניטונגען פֿון רעדן האָבן אויפֿגעהערט, ווײַל ס'איז קיין קאָאָפּעראַציע און אפֿשר קיין פֿיזישע מיגלעכקייט נישט געווען, האָט מען זיך געפּלײַסט מיט אַלערליי עצות וואָס זאָלן אַנגעווענדט אין אַזעלכע פֿאַלן: שרײַבן מיט דער הילף פֿון אַ צווייטער פּערזאָן דורך אָנווײַזן די אותיות אויף אַ טאָוול מיט אַ טײַטל, אויסקלאַפּן אותיות מיט דער לינקער האַנט אויף אַ שרײַבמאַשין. לייוויק האָט די אַלע עצות אויסגעהערט און אָפּגעשטויסן. ניין! אָבער פֿאַר וואָס ניין? דאָס איז געבליבן אַ סוד.

אַז דער קראַנקער האָט געהאַט וועלכן ניט איז ווונטש — פֿלעגט ער אַ רוף טאָן דורך ברומען און נאָך עטלעכע פֿראַגן האָט שוין שׂרה, די געטרײַסטע, געוווּסט וואָס ער וויל. אין דער ערשטער צײַט איז עס געווען מער טעלעפּאַטיש וויסן, ווי סתּם טרעפֿן. שׂרה האָט זיך אויסגעלערנט ממש פֿירן דיאַלאָגן מיט דעם דיכטער, דיאַלאָגן אָן ווערטער, אַפֿילו אָן סימנים.

איין מאָל איז מיר אויסגעקומען צו באַזוכן לייוויקן צוזאַמען מיט י. י. טרונקן. טרונק האָט געוווינט נישט ווײַט פֿון דער אַדובאַן־סטריט און איז געווען אַן אָפֿטער אַרײַנגייער בײַם קראַנקן דיכטער. טרונק איז געווען אַן ערשטקלאַסיקער דער־ציילער; ער פֿלעגט דערציילן אויסשעפּיק, לאַנגאָטעמדיק און בפֿרוטרוט. לייוויק האָט ליב געהאַט מעשׂיות, אָבער קורצע און דער עיקר — נײַע. טרונק האָט אָבער אָפּט מאָל איבערדערציילט די זעלבע מעשׂיות, בפֿרט די מעשׂיות וועגן זײַן הונט וואָס ער האָט געהאַט אין וואַרשע. די מעשׂיות וועגן דעם דאַזיקן הונט וואָלטן געקענט אויספֿילן אַ בוך, ווי ר׳ מענדעלעס קליאַטשע־מעשׂיות.

נו, דערמאָנט זיך טרונק אַ הינטישע מעשׂה און נעמט דערציילן. לייוויק הערט אויפֿמערקזאַם, אָבער באַלד כאַפּט ער זיך, אַז ער האָט שוין די מעשׂה איין מאָל געהערט און ער גיט אַ מאַך מיט דער האַנט: גענוג! טרונק בעט זיך, אָבער לייוויק — איין מאָל ניין! מיר האָבן זיך אַלע פֿיר צעלאַכט; אויך שׂרה איז געווען דערבײַ. זעענדיק אַז ער ווערט באַזיגט, איז טרונק מיט זײַן אימפּעט צוגעלאָפֿן צום דיכטער, אים אַ קוש געטאָן אין שטערן און אָפּגעהאַקט די מעשׂה.

דאָס איז געווען דער איינציקער הומאָריסטישער מאָמענט בעת אַלע מײַנע באַזוכן בײַם קראַנקן דיכטער.

דאָס וווינען פֿון די לייוויקס אין אַ ווײַטער געגנט, אויף אַדובאַן־סטריט, איז געווען ממש אַ פּראָבלעם פֿאַר די, אַליין אויך נישט קיין יונגע, חבֿרים און פֿרײַנד,

וואָס האָב דעם דיכטער כּסדר באַזוכט. באַזונדערש די ביקלס, ב. שעפּנער, יעקבֿ פּאַט און אַנדערע. מיט דער הילף פֿון מ. דינגאַל, פֿון ב. שעפּנער און יעקבֿ פּאַט איז געפֿונען געוואָרן אַ פּאַסיקע דירה אין די גרויסע הײַזער־פּראָיעקטן אויף פּ.ד.ר.־דרייוו, נומער 455 — אויפֿן 15טן שטאָק, וווינונג 1506. די לייוויק־משפּחה האָט זיך אַהין אַריבערגעצויגן. דאָ איז געווען נאָענט צו דער רעדאַקציע פֿון טאָג־מאָרגן־זשורנאַל, לייוויקס שטענדיקע טריבונע זינט יאָרצענדליקער, און די רעדאַקציע פֿון פֿאָרווערטס. אין די דרײַ הײַזער־פּראָיעקטן — אין יעדן ממש אַ גאַנץ שטעטל מיט ייִדן. און אויך אַ צוויי מנינים חבֿרים־שרײַבערס. די דירה האָט אַ גרויסן באַלקאָן, די פֿענצטער קוקן צום איסט־ריווער מיט די גרויסע בריקן, בײַם ברעג פֿון טײַך — אַ פּאַרק, בײַם האָריזאָנט — האַלב ניו־יאָרק און אַרום און אַרום — די כאַראַקטעריסטישע, פֿיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת ניט־רוענדיקע באַוועגונג פֿון דער שטאָט.

דער קראַנקער דיכטער האָט דעם בײַט פֿון דער דירה אויפֿגענומען אַן באַזונדערן ענטוזיאַזם. אַלץ אין די שטובן איז אײַנגעשטעלט געוואָרן ווי אין דער אַלטער, לאַנגיאָריקער דירה: די זעלבע בילדער אויף די ווענט — טאַטע־מאַמע, נאָכגעצייכנט פֿון בערנאַרד רעדער, פּאָרטרעטן פֿון דיכטער, געמאָלן פֿון העניך גליצענשטיין, דער באַרימטער טאָפּל־פּאָרטרעט, פֿון בען און אַנדערע.

לייוויק האָט זיך אין דער נײַער דירה — אָפּן צו די הימלען, די ווינטן, די וואַסערן, די בריקן, די גאַסן, דעם טומל פֿון ניו־יאָרק — נאָך מער אײַנגעשלאָסן אין זיך. אויף דעם גרויסן באַלקאָן האָט מען אים איין־צוויי מאָל, מיט דער הילף פֿון אַ פֿאָרשטול, אַרויסגענומען (אין די ערשטע צוויי יאָרן פֿון דער קראַנקייט האָט זיך דער דיכטער אַפֿילו אַליין באַוועגט, גייענדיק לאַנגזאַם איבער דער שטוב) און מער האָט ער דעם לופֿטיקן און ליכטיקן באַלקאָן נישט געוואָלט קענען.

די דירה האָט דאָך געהאַט אירע מעלות. פֿרײַנד זענען פֿאַרט אָפּטער אַרײַנגעקומען און מיט דעם קומען געשטאַרקט אַ ביסל דאָס געמיט פֿון שׂרה לייוויק. אָט די פֿאַרגרינגערונג האָט זיך אויך אַריבערגעטראָגן אויף דעם דיכטער.

לייוויק האָט אין דער ערשטער צײַט געלייענט מיט שוועריקייטן. שפּעטער האָבן זיך די שוועריקייטן פֿאַרשטאַרקט און ער האָט אין גאַנצן אויפֿגעהערט צו לייענען. ער האָט אָבער ליב געהאַט אַז מען לייענט אים פֿיר. גאָר באַזונדערש פֿון די פּאָעטישע ווערק, די טויזנטער לידער, די צענדליקער דראַמעס, די זכרונות, די גרויסע עסייען וואָס ער האָט אַליין אין פֿאַרלויף פֿון מער ווי אַ האַלב יאָר־הונדערט אָנגעשריבן.

דבֿורה ראָזענבלום און נחום מעלניק — אַ שוישפּילער־פּאָר — האָבן גענומען אויף זיך אַלע עטלעכע טעג פֿירצולייענען פֿאַרן דיכטער פֿון זײַנע ווערק. באַזונדערש האָט עס געטאָן מיט אַ סך חן דבֿורה ראָזענבלום. זי קען זיכער בפּרוטרוט דערציילן

וועגן אַט די מערקווערדיקע, שיִער נישט מיסטישע, ליטעראַרישע אימפּרעזעס פֿון אײַן קינסטלער־רעציטאַטאָר און אײַן צוהערער — דער מחבר. וועגן דעם קוואַנטום פֿון די אימפּרעזעס קען דבֿורה ראַזענבלום אַוודאי דערציילן, אָבער זייער טיפֿע קוואַליטעט, זייער שײַכות — ווי אַן אומזעיִקע בריק צווישן לעבן און טויט — זייער סוד, דאָס האָט דער דיכטער מיטגענומען מיט זיך אויף יענער וועלט. לייוויקס לידער האָבן אין זיך געהאַט דעם כּוח פֿון נבֿואה, אַלמענטשלעכער, יידישער און אינדיווידועלער. זײַן מצבֿ אין די לעצטע יאָרן און טעג פֿון זײַן לעבן האָט ער דאָך מיט אַ שוידער־שטוינענדיקער פּרעציזקייט אין זײַנע לידער פֿינקטלעך פֿאָרויס־געזען. אפֿשר האָט דאָס צוריק פֿאַרטיפֿן זיך אין זײַנע אייגענע לידער געדינט דעם דיכטער ווי אַ מין אַליין־קאָנטראָל פֿון דעם כּוח פֿון חזיון פֿון זײַנע ווערק? געווען אַ מין מיסטישער יעקבֿ־לייטער צווישן דער הימלישקייט און דער ערדיש־קייט זײַנער.

דער רעציטאַטאָר הערץ גראַסבאַרד איז אויך ממש אַן ערשטקלאַסיקער קינסטלער־פֿאָטאָגראַף. איז אים אײַנגעפֿאַלן — און די יידישע ליטעראַטור־געשיכטע וועט אים דאַנקען דערפֿאַר — צו פֿאָטאָגראַפֿירן דעם קראַנקן דיכטער. אַלע האָבן מורא געהאַט אַז לייוויק וועט נישט מסכּים זײַן. ער קאָאָפּערירט דאָך אַזוי ווייניק. וועט ער פּונקט אויף דעם געביט יאָ קאָאָפּערירן? אָבער געשען איז פּונקט דאָס פֿאַרקערטע. לייוויק האָט אײַנגעוויליקט, קאָאָפּערירט בײַ דער, אונטער יענע אומשטאַנדן, נישט גרינגער אויפֿגאַבע. הערץ גראַסבאַרד האָט אָנגעווענדט אַלע זײַנע קינסטלעריש־פֿאָטאָגראַפֿישע פֿעיִקייטן און עס זענען געבליבן עטלעכע בילדער וואָס אַז מען באַגעגנט זיך איין מאָל מיט דעם אָנבליק און בליק זייערן — גייען זיי מער פֿון זכּרון נישט אַרויס.

גראַסבאַרד האָט אָפּט דערציילט אַז לייוויק האָט מיט גרויסער צופֿרידנקייט באַטראַכט די בילדער, אַזוי ווי ער וואָלט דורך זייער שטומען בליק איבערגעגעבן אַ בשׂורה, אפֿשר גאָר אַ צוואה.

> גיט מען אונדז רו,
> אײַנגעמידט ווערט אויך די האַנט, וועלכע שטראָפֿט, —
> לייגט מען זיך שטיל,
> לייגט מען זיך שטיל אויף דער ערד און מען שלאָפֿט...

אָבער נישט אײַנגעמידט איז געוואָרן די האַנט וואָס האָט אַן שום לאָגיק און קעגן יעדן רחמים געשטראָפֿט די לייוויק־משפּחה.

צווישן די טײַערסטע קרובֿים וואָס האָבן רעגולער באַזוכט דעם קראַנקן דיכטער איז געווען זײַן שוואָגער דוד שיין, אַן ענטוזיאַסט פֿון יידישער קולטור, און זײַן פֿרוי פּאַולין, שׂרה לייוויקס שוועסטער. זייערע באַזוכן — געוווינט האָבן

זיי אין ניו־העיווען, ניט ווײַט פֿון ניו־יאָרק — זענען פֿאַר לייוויקן געווען אַ טרייסט און אַ באַרויִקונג.

אין די ערשטע טעג פֿון סעפּטעמבער 1960 איז, נאָך אַ קורצער קרענק, כּמעט פּלוצלינג געשטאָרבן דוד שיין. און בשעת דער לוויה איז אין גאַנצן פּלוצלינג געשטאָרבן זײַן פֿרוי.

די ערשטע העלפֿט פֿון דער טראַגישער בשׂורה האָט מען לייוויקן באַלד מיט־געטיילט, די צווייטע העלפֿט — ערשט נאָך זײַן לאַנגן נאָכפֿרעגן זיך אויף פֿאָולין, שׂרה שווועסטער. געפֿרעגט האָט ער אָן סימנים, נאָר מיטן בליק. אָבער שׂרה האָט אים פֿאַרשטאַנען. סוף־כּל־סוף האָט זי אים געמוזט דערציילן.

ווי אַזוי לייוויק האָט די בשׂורה אויפֿגענומען? מען האָט עס מיר אַ מאָל דערציילט, אָבער איך האָב עס אַרויסגעריסן פֿון זכּרון און אַרויפֿגעוואָרפֿן אין הימל אַרײַן.

סתּם קומען צו לייוויקן האָט מען נישט געקענט, ווײַל נישט יעדער טאָג איז געווען גלײַך און נישט יעדע שעה גינציק. האָט מען זיך פֿריִער טעלעפֿאָניש צונויפֿגערעדט מיט שׂרהן. מען האָט אויך נישט געקענט תּיכּף אַרײַנגיין אין קראַנקן־צימער.

דער דיכטער האָט זיך געמוזט שטאַרקן און צוגרייטן צום באַזוך. ער האָט יעדן איינעם דערקענט און געדענקט. ער האָט דערלאַנגט די לינקע האַנט און שטאַרק געדריקט די האַנט פֿון גאַסט. מען איז אַלע מאָל איבערראַשט געווען פֿון דעם כּוח פֿון דעם דרוק. נישט געקוקט אויף די איבערלעבונגען און די קראַנקייטן וואָס לייוויק האָט דורכגעמאַכט, איז תּמיד געווען פּשוטער פֿיזישער כּוח אין אים, און דער עיקר אין די הענט. הענט וואָס האָבן אַ מאָל געאַרבעט פֿיזיש, געטראָגן קייטן און אָן אַ שיעור געשריבן. לייוויק האָט מיט דער לינקער האַנט אויך צוגעצויגן די נענטערע חבֿרים און פֿרײַנד און זיך מיט זיי צעקושט.

נישט שׂרהן און נישט דעם קראַנקן האָט מען געדאַרפֿט אַרויסווײַזן מיטגעפֿיל, נאָר פּשוט מיטזײַן מיט זיי אַ שעה. דאָ איז קלאָר געוואָרן דאָס אוראַלטע ייִדישע וואָרט, אַז אַ מבֿקר־חולה נעמט צו אַ זעכציקסטל טייל פֿון דער קרענק. נישט אַ זעכציקסטל פֿון דער קרענק נעמט ער — זענען מיר מוסיף — נײַערט אַ זעכציקסטל פֿון דער איינזאַמקייט.

דעם קראַנקן האָט אַלץ אינטערעסירט וואָס האָט אַ שײַכות צו דער ייִדישער ליטעראַטור, צו זײַנע חבֿרים — אַלטע, ייִנגערע און יונגע. נישט נאָר דער קראַנקער האָט זיך אַלע מאָל געגרייט אויפֿצונעמען דעם גאַסט אַזוי עסטעטיש ווי נאָר מעגלעך — און לייוויק איז געווען אַ שטרענגער עסטעט, כּמעט אַן עטישער עסטעט — נאָר אויך דער גאַסט האָט זיך געמוזט גרייטן, וויסן ווי זיך צו באַנעמען

אין דעם דיאַלאָג וואָס איז געווען, אין זינען פֿון גערעדטע ווערטער, אַ מאָנאָלאָג.
צו לאַנג האָבן די באַזוכן אין קראַנקן־צימער לרובֿ נישט געדויערט: אַ פֿערטל שעה, אַ האַלבע שעה. לייוויק פֿלעגט געבן אַ סימן מיט דער האַנט און מען האָט זיך געזעגנט. אָפֿט מאָל האָט דער דיכטער דעם גאַסט שפּעטער נאָך אַ מאָל אַרײַנגערופֿן צו זיך, וואָרעם נאָך דעם פֿאַרווײַלן אין קראַנקן־צימער איז מען אַלע מאָל געבליבן אַ לאַנגע צײַט — אַפֿילו שעהען — אין די אַנדערע צימערן, אין אַ שמועס מיט שׂרה לייוויק.

ראָוז רײַס איז דער נאָמען פֿון אַ נעגערפֿרוי, אַ מיטגליד פֿון דער קירך פֿון די אַזוי גערופֿענע "דזשעהאָוואָ וויטנעסעס" — גאָטס עדות. די באַנעמונג פֿון אָט דער קריסטלעכער סעקטע, וואָס ציילט עטלעכע מיליאָנען אַנהענגערס אין כּמעט אַלע לענדער פֿון דער וועלט, באַזירט זיך אויף אַבסאָלוטער מענטשלעכער אָנ־שטענדיקייט, זיי זענען אָבער אויך גרויסע פֿאַנאַטיקערס. זיי גלייבן אין אַ מין לעצטער וועלט־מלחמה, אין וועלכער כּמעט די גאַנצע זינדיקע וועלט וועט אומקומען און נאָר זיי וועלן בלײַבן. זיי גלייבן אין יעדן וואָרט פֿון דער ביבל, פֿוןביידע טעסטאַמענטן. פֿאַר זיי אַנטהאַלט די ביבל נישט קיין סימבאָלן, נײַערט פּינקטלעכע און אַפֿילו וויסנשאַפֿטלעכע אמתן. מען דאַרף נאָר קענען גוט לייענען. ז י י זענען... עדות.
אָט די ראָוז רײַס איז עטלעכע יאָר נאָך אַנאַנד געווען די אַרויסהעלפֿערין בײַ די לייוויקס און דער עיקר איז זי געווען די שטענדיקע קראַנקן־שוועסטער פֿון דעם דיכטער.
לאָמיר געדענקען: די סעקטע צו וועלכער די פֿרוי האָט באַלאַנגט רופֿט זיך "גאָטס עדות". אָבער נישט נאָר גלייבט די סעקטע אַז אירע מיטגלידערס זענען גאָטס עדות, נײַערט זי גלייבט אויך אַז גאָט איז דעם מענטשנס עדות. און דאָס איז אין דעם פֿאַל געווען וויכטיקער. עטלעכע מענער און פֿרויען האָבן פֿאַרנומען בײַ דעם קראַנקן דיכטער דעם זעלבן פּאָסטן ווי די פֿרוי ראָוז רײַס, אָבער נאָך אַ צײַט האָט דער דיכטער מיטן בליק קלאָר געמאַכט זײַן געטרײַסטער, זײַן שׂרה, אַז זיי ווײַזן נישט אַרויס גענוג גוטן ווילן צו פֿאַרגרינגערן זײַן הילפֿלאָזיקייט. נישט זיי זענען געווען גאָטס עדות און נישט זיי האָבן, ווײַזט אויס, געגלייבט אַז גאָט איז זייער עדות.
ראָוז רײַס האָט זיך באַלד נאָך די ערשטע טעג אַרויסגעוויזן צו זײַן די אידעאַלע אַרויסהעלפֿערין און זי איז געבליבן אַרום דעם קראַנקן ביז דעם טאָג פֿון זײַן אָפּשיידונג. עס זענען אַפֿילו געווען פֿאַלן ווען זי האָט די בליקשפּראַך פֿון דעם קראַנקן דיכטער אַ רגע פֿריִער פֿאַרשטאַנען, איידער שׂרה לייוויק. באַזונדערש ווען אײנעם אַזאַ פֿאַל האָט שׂרה לייוויק אָפּט דערציילט די באַזוכערס, ווען דער דיכטער האָט פֿאַרלאַנגט אַ באַשטימטע שפּײַז און קיינער האָט זיך נישט

געכאַפּט אין וואָס עס גייט, נאָר ראָוז רײַס האָט פֿאַרשטאַנען און אויסגערופֿן דאָס וואָרט.

דאָך האָט יעדע מטבע צוויי זײַטן. ראָוז רײַס איז געווען אַ פֿאַנאַטיקערין, ווי אַלע ״גאָטס עדות״. דעם קראַנקן דיכטער האָט די אײדעלע נעגערפֿרוי פֿאַרשטאַנען, אָבער דעם דיכטערס פֿרוי — אַ סך ווייניקער. זי האָט פֿון אין כּסדר געפֿאָדערט זי זאָל לייענען די ביבל און לייענען מיט אַזאַ אַרײַנגלייבן זיך אין יעדן וואָרט, ווי די סעקטע טוט עס. זי האָט אָפֿט — און אָפֿילו בייזלעך — אויסגעדריקט איר שטוינונג וואָס שׂרה לייוויק האַלט זיך נאָך בײַ איר גלויבן. יאָ, יעדע מטבע האָט צוויי זײַטן.

מאָמענטאַל פֿלעגט זי דערהערן דאָס ברומען־רופֿן פֿון דעם קראַנקן־צימער און תּיכּף העלפֿן מיט וואָס ס׳איז נאָר בייטיק געווען און מיט וואָס זי האָט נאָר געקענט העלפֿן.

אויך בײַ אָט דעם רופֿן איז געווען אַ סוד. ווען אַ פֿענצטער איז געשטאַנען אָפֿן, איז די דירה פֿול געווען מיטן רעש פֿון די אַרומיקע גאַסן און דער עיקר פֿון די ווײַטע ריזן־פֿאַבריקן. האָט מען דאָך געקענט פֿאַרהערן דאָס רופֿן־ברומען פֿון דעם קראַנקן. האָט מען אָוועקגעשטעלט אויף זײַן נאַכטטישל אַ גלעקל, וואָס ער האָט גרינג געקענט באַוועגן מיט זײַן געזונטער האַנט און אַזוי רופֿן זײַן נאָענטסטע, אָדער די אַרויסהעלפֿערין. אָבער לייוויק האָט זיך אײַנגעשפּאַרט. ער האָט נישט געוואָלט באַנוצן דאָס גלעקל. ער האָט נאָר געוואָלט רופֿן אויף זײַן שטייגער.

די לאַנגדויערנדיקע און אין די לעצטע יאָרן שוין האָפֿענונגסלאָזע קרענק פֿון דעם דיכטער איז געלעגן ווי אַ שאָטן איבער דעם גאַנצן האָריזאָנט פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. פּרטים וועגן דער קרענק האָט מען אין דער עפֿנטלעכקייט נישט באַקאַנט געמאַכט. דאָס האָבן נאָר געוווּסט די נאָענטסטע. דערצו פֿלעגן דערשײַנען אין טאָג־מאָרגן־זשורנאַל יעדע וואָך לידער פֿון לייוויק און יעדער ליד — אַזוי ווי אַ נבֿואה אויף דעם איצטיקן צושטאַנד. די נאָענטסטע האָבן געוווּסט אַז דאָס זענען לידער פֿון פֿריִערדיקע יאָרן, וואָס אַ חבֿר פֿון דער רעדאַקציע פֿלעגט אָפּקלײַבן, לאָזן דרוקן אין צײַטונג. כּדי דער קאָנטאַקט מיט דעם קראַנקן דיכטער זאָל נישט איבערגעריסן ווערן. אַגבֿ האָט לייוויק געוווּסט וועגן דעם, מען פֿלעגט אים די לידער פֿירלייענען און ער איז שטאַרק מסכּים געווען אַז דאָס זאָל געטאָן ווערן.

דער ברייטערער לייענער־עולם האָט געמיינט אַז דאָס זענען לידער וואָס זענען נאָר וואָס געשריבן געוואָרן. שווער געווען פֿאַר אַ פּשוטן לייענער צו געדענקען אַלע ווערק לייוויקס און וויסן אַז די לידער פֿון טאָג־מאָרגן־זשורנאַל זענען שוין אַ מאָל געדרוקט געוואָרן.

דער ברייטערער עולם האָט געמיינט אַז דער דיכטער איז טאַקע שטאַרק קראַנק, אָבער פֿון דעסטוועגן נאָך אַקטיוו און שעפֿעריש. ובכן, איז דאָ אַ האָפֿענונג ס'זאָל ווערן בעסער. דערצו האָט זיך אײַנגעשטעלט אַ נוסח, אַז בײַ אַלע עפֿנטלעכע יידיש־ליטעראַרישע פֿאַרזאַמלונגען אין ניו־יאָרק פֿלעגט מען אין נאָמען פֿון עולם שיקן דעם דיכטער אַ גרוס צו זײַן קראַנקנבעט און אַ רפֿואה־שלמה...

די נענטערע האָבן אָבער געוווּסט און יעדן טאָג בײַם אַרײַנקוקן אין אַ יידישער צײַטונג זיך געשראָקן: טאָמער איז שוין דאָ די לעצטע ידיעה. מען האָט נישט געוואָלט גלײַבן אַן לייוויקן. זאָל דער פֿאָדעם וואָס בינדט אים צום לעבן זײַן ווי דין — אָבער זאָל ער נישט איבערגעריסן ווערן.

נאָך אַ צאָל חדשים וואָס איך בין אין ניו־יאָרק נישט געווען און לייוויקן נישט געזען — האָט איך אים באַזוכט דעם 11טן נאָוועמבער, דאָס מאָל אין איינעם מיט מײַן לעבנס־חבֿרטע רחל אײַזענבערג, וואָס דער דיכטער האָט זי געקענט אַזוי גוט פֿון די פֿיל יאָרן וואָס זי האָט געאַרבעט ווי אַ ביבליאָטעקערין אין דער יידישער פֿאָלקס־ביבליאָטעק אין מאָנטרעאָל. לייוויק איז געווען אַן אָפֿטער גאַסט אין דער ביבליאָטעק, דאָרט גערעדט, געלייענט זײַנע לידער, אינספּירירט מיט זײַן פּערזענ־לעכקייט. ער האָט רחלען מאָמענטאַל דערקענט און זיך שטאַרק דערפֿרייט מיט איר. אים איז טײַער געווען יעדער מיטבויער פֿון דער יידישער קולטור. געוויינטלעך האָט מען אין דיכטערס קראַנקן־צימער געקענט פֿאַרברענגען צען מינוט, אַ פֿערטל שעה, אָבער איצט האָט זיך דער באַזוך, לויט דעם ווילן פֿון קראַנקן, פֿאַרצויגן כּמעט אויף דרײַ פֿערטל שעה. מיר האָבן לייוויקן דערלאַנגט אַ מתּנה דאָס מעשׂה־בוך פֿון מײַן לעבן. מיר האָבן אים אויפֿמערקזאַם געמאַכט אַז די אילוסטראַציעס האָט געמאַכט מײַן שנור, אַדרי בערגנער. דאָס האָט לייוויקן באַזונדערש פֿאַראינטע־רעסירט און ער האָט אַליין געבלעטערט דאָס בוך, כּדי צו געפֿינען די אילוסטראַציעס.

מיר האָבן זאַלבעדריט שפּעטער פֿאַרבראַכט נאָך אַ לענגערע צײַט מיט שׂרה לייוויק אין די אַנדערע צימערן. שׂרה האָט מיט זאָרג געפֿרעגט בײַ מיר: „ווי געפֿינט איר לייוויקן?" און מאָדנע, איך האָב געענטפֿערט, ווײַל איך האָב אַזוי געטראַכט און ווײַל אַזוי איז עס טאַקע געווען: „אין מײַנע אויגן זעט ער אויס אַ סך, אַ סך בעסער ווי ער האָט אויסגעזען מיט אַ צען חדשים צוריק, ווען איך בין דאָס לעצטע מאָל געווען. ער איז אויך מער אויפֿגעהײַטערט, פֿאַראינטערעסירט".

שׂרה לייוויק האָט געשטוינט און זיך געטרייסט. זי זעט דעם קראַנקן יעדן טאָג, יעדע שעה, יאָ, כּמעט יעדע מינוט, דעריבער באַמערקט זי נישט די ענדערונגען.

שטילערהייט האָט אָבער יעדער פֿון אונדז דרײַ געטראַכט: איז דען מעגלעך אַ נס? צי האָט דען שוין אַ מאָל אַזאַ נס פּאַסירט?

שׂרה האָט — מיד אַז זי האָט קוים גערעדט — אונדז דערציילט: דער שטענדיקער הויזדאָקטער, לייוויקס אַ פֿרײַנד, וואָרנט זי: זי איז אויסגעשעפּט

ביזן לעצטן טראָפּן כּוחות. זי מוז זיך אָפּרוען כאָטש עטלעכע וואָכן. און אפשר גאָר אָריבערפירן דעם קראַנקן דיכטער אין אַ פּאַסיקן אַנשטאַלט. מען וועט איבער אים וואַכן טאָג און נאַכט. און, אַגבֿ — וואָרנט דער דאָקטער — טאָמער וועט זי, שׂרה, אַוועקפאַלן, וועט דאָך דער דיכטער דורך דעם דערגרייכן דעם טיפסטן תּהום פון זײַנע יסורים.

און שׂרה האָט ווײַטער דערציילט: "איך האָב אים געענטפערט, דעם דאָקטער, דײַטלעך און קלאָר און אַנטשלאָסן, אַז כּל־זמן מײַנע אויגן זענען אָפן און כּל־זמן מײַן לייוויקס טײַערע אויגן זענען אָפן — וועלן מיר זײַן צוזאַמען".

מיר האָבן געקושט שׂרה׳ס הענט. ווערטער זענען דאָ געווען אָן באַטײַט.

און שׂרה האָט טאַקע אויסגעפירט אירס: כּל־זמן אירע און לייוויקס אויגן זענען געווען אָפן — זענען זיי געבליבן צוזאַמען.

שבת, דעם 22סטן דעצעמבער 1962, בין איך ווידער געווען אין ניו־יאָרק. כאָטש דאָס מאָל האָב איך געדאַרפט דאָ בלײַבן אַ גאַנצע וואָך, האָב איך באַשלאָסן באַלד דעם ערשטן טאָג צו זען דעם קראַנקן דיכטער. געגאַנגען צו אים אין איינעם מיט ב. שעפנער, וואָס איז פון צווישן די שרײַבערס געווען דער סאַמע אָפּטסטער באַזוכער בײַ די לייוויקס.

האָב איך בײַ מײַן פאַריקן באַזוך אים געפונען אין אַ בעסערן מצבֿ ווי מיט אַ צײַט צוריק — איז איצט, נאָך פינף־זעקס וואָכן, דער מצבֿ געווען אַ שווערער. ער איז געווען בײַם פולן באַוווסטזײַן, אָבער מוראַדיק שווער געאָטעמט און כּסדר אָנגעוויזן מיט דער געזונטער האַנט אַז די ליפן טריקענען אים און דאָס אָטעמען פאַרשאַפט אים יסורים. בײַם בעט איז געשטאַנען אַ באַלאָן מיט זויערשטאָף, אָבער לייוויק האָט זיך נישט געוואָלט באַנוצן מיט דעם מכשיר. זײַנע בלייכע ליפן, ווי בלעטער אויף אַ דין צווײַגעלע אין אַ האַרבסטיקן אומעטיקן ווינט, האָבן כּסדר געציטערט בײַ יעדן אײַנאָטעמען און אויסאָטעמען.

ער האָט זיך צעקושט מיט די באַזוכערס בײַם באַגריסן זיך און בײַם געזעגענען זיך און לענגער ווי אַלע מאָל געהאַלטן די הענט פון די אַרײַנגעקומענע.

פונקט אין יענעם טאָג איז צו די לייוויקס אָנגעקומען אַ בריוו פון חיים גראַדע, פון יאָהאַנעסבורג אין אַפריקע, ווו ער איז געווען אויף אַ טור. שעפנער האָט דעם בריוו פירגעלייענט פאַר לייוויקן. גראַדעס ענטוזיאַסטישע ווערטער, די גרוסן פון די דרום־אַפריקאַנער חבֿרים און לייענערס האָבן לייוויקן דערפרייט. עטלעכע זאַצן האָט ער מיט אַ סימן געבעטן אַז מען זאָל אים נאָך אַ מאָל לייענען.

קיינער האָט נאָך דעמאָלט — כאָטש דאָס אָטעמען איז שוין געווען אַזוי מוראַדיק שווער — נישט געוווסט אַז שעפנער און איך זענען די לעצטע צוויי יידישע שרײַבערס וואָס זעען דעם דיכטער נאָך בײַם לעבן און חיים גראַדעס

בריוו — דאָס לעצטע יידישע וואָרט פֿון דער דרויסנדיקער וועלט, וואָס דערגרייכט צו זײַן וואַכן באַוווסטזײַן.

אַ זייגער האַלב נאָך צען אין דער פֿרי, זונטיק, האָט ער אויסגעהויכט דעם לעצטן אָטעם. די נאַכט איז געווען אַ שווערע. מען האָט אַרויסגערופֿן דעם דאָקטער. ער האָט געגעבן באַרויִקונגס־מיטלען און מען האָט געמיינט אַז דאָס איז נאָר נאָך אַן אַטאַק פֿון שווערן אָטעם. אַזאַ סעריע אַטאַקן זענען שוין מיט אַ צײַט פֿריִער געווען. אפֿשר איז עס נאָר אַן איבערחזרונג.

אַרום נײַן אין דער פֿרי איז דער דאָקטער ווידער געקומען, אַרײַן אין קראַנקן־צימער און געפֿאָדערט צו בלײַבן אַליין מיט דעם קראַנקן. ער האָט געזען שוין נישט מער קיין שווערן אָטעם — נײַערט גסיסה. קיין שום מיטלען האָבן מער נישט געקענט העלפֿן. דאָס געזעץ איבער אַלע געזעצן, דער מישפּט מיט וועלכן מען ווערט געבוירן, האָט געהאַלטן בײַם אויסגעפֿירט ווערן איבער דעם דיכטער פֿון נסיון און יסורים. דער נסיון ענדיקט זיך. די יסורים — די ערשטע און לעצטע איינציקע רעאַליטעט פֿון לעבן — פֿאַרלירן זייער רעאַליטעט. די עלעמענטן מישן זיך אויס. עס מישט זיך אויס לעבן און טויט. די רעאַלע עקסיסטענץ גייט אַריבער אין אומרעאַלן זײַן, וואָס אין אַלץ און אויסער אַלץ.

דער דאָקטער פֿאַרדעקט דאָס פּנים פֿון בר־מינן און טיילט מיט לייוויקס נאָענטסטער דעם לעצטן אמת: לייוויק איז ניטאָ מער.

איבערן בעט הויערן איצט די ווערטער פֿון דיכטער, פֿון ערשטן ליד פֿון זײַן לעצטן בוך — לידער צום איביקן:

איך ליג אַ פֿאַרדעקטער און כ׳הער ווי מײַן שטערן
גיט איבער מײַן נאָמען צום האָר פֿון די שטערן.

און פֿון ווײַטן ערגעץ, פֿון די ערשטע לידער לייוויקס, ענטפֿערט אַ דין בת־קול:

ערגעץ ווײַט, ערגעץ ווײַט
ליגט אַליין אַ געפֿאַנגענער,
אויף זײַן קאָפּ שטאַרבט די שײַן
פֿון דער זון, דער פֿאַרגאַנגענער.

די שעה און די דאַטע: צען מיט דרײַסיק אין דער פֿרי, זונטיק, דעם 23סטן דעצעמבער 1962.

די בשורה איז תיכף מיטגעטיילט געוואָרן ב. שעפֿנערן און לאַזער עפּשטיינען, זיי האָבן געוווינט אין זעלבן הויז. אַ פֿערטל שעה שפּעטער האָבן שוין די נאָענטסטע אין גאַנץ ניו־יאָרק געוווסט. איינער האָט מיטגעטיילט דעם אַנדערן.

דעם זעלבן שפּעטמאָרגן האָט געזאָלט פֿאָרקומען די זיצונג פֿון דירעקטאָרן־ראַט פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן איסטיטוט, אין שײַכות מיט דער 37סטער ייִוואָ־קאָנפֿערענץ, איז כּמעט ווי פֿון זיך אַליין געשען, אַז די אַסיפֿה איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לוויה־קאָמיטעט. שלמה ביקל האָט אָנגעפֿירט מיט דער באַראַטונג.

עמעץ וואָס האָט שוין געהאַט גערעדט מיט שׂרה לייוויק האָט מיטגעטיילט אַז עס איז דאָ אַ צוואה — משמעות געגעבן אין וואָרט צו אַ גרופּע נאָענטסטע, נאָך אַ לײַכטן האַרצאָנפֿאַל, מיט אַ צײַט פֿאַרן שווערן קראַנק און שטום ווערן. און די צוואה איז: אַ טראַדיציאָנעלע לוויה, אָן הספּדים, סײַדן נאָר פֿירלייענען לידער פֿון דעם פֿאַרשטאָרבענעם.

נאָכמיטאָג, זונטיק, אין דער פֿאַראַבֿלטער שטוב.

דער בר־מינן איז שוין ניטאָ. די געטרײַע נעגערין האָט דאָס בעט שוין צוגעבעט און פֿאַרצויגן מיט אַ דעק. זי אַליין איז געזעסן אין איר שטיבל, בײַ אַן אָפֿענער טיר און געזאָגט פֿאַנאַטיש־פֿאַרגלייבט, ווי אַלע פֿון דער סעקטע ״גאָטס עדות״, קאַפּיטלעך תּנ״ך אויף ענגליש. איך קוק אַרײַן אין איר אָפֿענער ביבל — זי זאָגט די קאַפּיטלעך פֿון אָרום יעקבֿ אָבֿינוס פּטירה און צוואה, סדרה ויחי...

אין שטוב זענען דאָ אַלע נאָענטסטע קרובֿים — דער ברודער, די שוועסטער און זייער אַ סך פֿרײַנד. עס האָט שוין באַוויזן צו קומען פֿון שיקאַגאָ דער ייִנגערער זון, שמואל. די מאַמע טוליעט זיך צו אים און שעפּטשעט: זע איך דיך, זע איך לייוויקן אין אונדזערע יונגע יאָרן. דו ביסט אין גאַנצן ווי ער...

גיך פֿאַלט צו דער פֿאַרנאַכט, די נאַכט. די נאָענטסטע פֿון דער משפּחה גייען פֿון פֿענצטער צו פֿענצטער און וואַרטן אויף עפּעס אַ בשׂורה פֿון דער גאַס, קוקן כּסדרך אומרויִק צו דער טיר. אויך מיך כאַפּט אָרום אַן אומרו. איך פֿרעג דעם און יענעם און ווער געוויר: ס׳איז געוועזן אַ טעלעפֿאָנישע ידיעה פֿון דניאל, דעם עלטערן זון, אַז ער איז מיט זײַן פֿרוי און זײַנע צוויי קינדער אַרויסגעפֿאָרן אָרום עלף אין דער פֿרי מיט זײַן אויטאָ פֿון וואַשינגטאָן. ס׳איז זונטיק, די וועגן פֿול, אויך אַן אויסערגעוויינטלעכער שניישטורעם — און זיי זענען נאָך ניטאָ. די גאַנצע שטוב ווערט אומרויִק. אָבער פּלוצעם מאַכט זיך אויף די טיר און עס קומט אַרײַן אין מיטן טרויער — טרייסט. ס׳איז חלילה קיין אומגליק נישט געשען אויפֿן וועג. אין דער הויערנדיקער אַבֿלות רײַסט זיך אַרײַן אַ שטראַל פֿון אַמעריקאַנער ענערגיע. זיי קושן זיך אַלע מיט דער מאַמען, דער שוויגער, דער באָבען. די יאָרן־לאַנגע געשפּאַנטקייט אין טרויער און צער לייזט זיך אויף אין די טרערן פֿון די נאָענטסטע.

אומבאַמערקט גיי איך אַרײַן אין צימער וווּ עס איז געלעגן דער קראַנקער דיכטער. איך שטיי אויף דער שוועל. קיינער באַמערקט מיך נישט. פֿון דער פֿולער שטוב טיילט זיך איצט אָפּ אַ קליינע געשטאַלט פֿון אַ פֿרוי — שׂרה. זי זעט נישט קיינעם און קיינער זעט זי נישט. נאָר איך, וואָס שטיי אײַנגעקלעמט הינטער דער

טיר, זע זי. זי גייט אַרײַן אין דעם פֿינצטערן צימער, גייט צו צום פֿאַראייניזאַמטן בעט און פֿאַלט אויף אים אַרויף און נעמט אַרום דאָס קישן וואָס האָט אַלע יסורים פֿון דער וועלט אין זיך אײַנגעזאַפּט אין טויזנט פֿינף הונדערט טעג און טויזנט פֿינף הונדערט נעכט. און די קליינע פֿרוי מיט די גרויסע, פֿרעגנדיקע אויגן שעפּטשעט מיט אַלע רמ״ח אויסגעפּײַניקטע אבֿרים: ״לייוויק, לייוויק, ווו ביסטו איצט? וועסטו שוין קיין מאָל דאָ מער נישט זײַן? נישט דאָ און נישט אין ערגעץ?״

דערנאָך שטייט זי אויף און זעט קיינעם נישט און קיינער זעט זי נישט, ביז זי מישט זיך ווידער אויס מיט דער פֿולער שטוב, ווו עס זענען אַלע דאָ.

איך בין געבליבן נאָך אַ ווײַלע אויף דער שוועל פֿון דער פֿאַרלאָזענער שטוב. דורך דעם גרויסן פֿענצטער אויף דעם פֿופֿצנטן שטאָק שימערירן די מיליאָנען ליכטער פֿון ניו־יאָרק, פֿון ביידע זײַטן איסט־ריווער־טײַך, עס רוישן אַרײַן קולות און ווײַטע אָפּהילכן פֿון מיליאָנען אויטאָמאָבילן און עס דערטראָגט זיך אַ ברומען פֿון די גרויסע בריקן. און עפּעס אַ גרויס, בלוי ליכט פֿון יענער זײַט איסט־ריווער צינדט זיך און לעשט זיך אַלע עטלעכע רגעס און באַלײַכט די שטראָמען פֿון טײַך.

און דאָס בעט פֿון דעם דיכטער שטומט איצט און שטומט. פֿון זיך אַליין פֿרעגט זיך אַ פֿראַגע צום פֿענצטער צו: ניו־יאָרק, ווייסטו אַז איינער פֿון דײַנע גרעסטע דיכטערס, פֿון אַלע דרײַ יאָרהונדערטער פֿון דײַן עקסיסטענץ, איז הײַנט געשטאָרבן?

די בלויע אָפּשײַן־ליכטער אויף דעם ציטערדיקן וואַסער־שפּיגל פֿון איסט־ריווער ענטפֿערן אַז ניו־יאָרק, גאַנץ ניו־יאָרק, ווייסט נישט, וועט קיין מאָל נישט וויסן, נאָר אַ גאַנץ קליינער טייל פֿון די אַכט מיליאָנען נפֿשות ווייס און וועט וויסן.

און איידער איך פֿאַרלאָז דעם ווינקל לעבן דער טיר פֿון לייוויקס קראַנקן־צימער, פֿאַלט דער בליק נאָך איין מאָל אויף דעם שטומען, שטילן, נידעריקן בעט מיט דעם בלויען דעק. און עס דערמאָנט זיך מיר פּלוצלינג אַז מיט אַ דריטהאַלבן יאָרצענדליקער צוריק, ווען איך האָב דאָס ערשטע מאָל אָפּגעדרוקט מײַן ליד ״דער פּאָעט אויפֿן טויטנבעט״ — האָב איך באַגעגנט לייוויקן אין ניו־יאָרק. ער האָט — ווי אַלע מאָל, מיט אַ ביסל אַראָפּגעלאָזטע אויגן, ווען ער האָט גערעדט אינטים צו אַ חבֿר — מיר געזאָגט אַז דאָס ליד האָט אויף אים געמאַכט אַ רושם. ער האָט ציטירט אויף אויסנווייניק אַ פּאָר שורות און באַזונדערש האָט ער אַקצענטירט די לעצטע צוויי שורות:

> אַליין שטייט אין דער נאַכט דאָס בעט —
> פֿון דעם געשטאָרבענעם פּאָעט.

נאָך הער איך לייוויקס שטים, די שטים וואָס איז אַלע מאָל געקומען פֿון טיפֿסטן האַרצן, און איך זע איצט אַ בילד פֿון מײַנע אייגענע שורות. צי האָט זיי אויך לייוויק אַזוי געזען, ווען ער האָט די שורות ציטירט?

און אַט איז מיטוואָך. אַ סך האָבן זיך געפּעדערט. שוין צען אַ זייגער אין דער פֿרי איז דער גאַנצער לוויה־אַנשטאַלט אויף דער 76סטער גאַס און אַמסטערדאַם־עוועניו — אַלע צימערן און זאַלן — געוועזן פֿול. אַלע שטומען, אַלע וואַרטן. אויך דער אָרון, דער צוגעמאַכטער אָרון שטייט אויף דעם געשטעל — און וואַרט.

פּונקט האַלב נאָך צוועלף, זאָגט שלמה ביקל — אין נאָמען פֿון לוויה־קאָמיטעט, אין נאָמען פֿון עטלעכע צענדליקער אינסטיטוציעס, אין נאָמען פֿון חבֿרים, אין נאָמען פֿון אַלע לייענערס, אין נאָמען פֿון אַלע ייִדן בכל תּפֿוצות־ישׂראל — זײַנע צימצומדיקע ווערטער:

״...עס טרויערט דאָס גאַנצע ייִדישע פֿאָלק איבערן טויט פֿון גרעסטן דיכטער פֿון דער צווייִשפּראַכיקער ליטעראַטור אין אונדזער צײַט... עס טרויערן ייִדן אין אַלע ייִשובֿים, אויך הינטערן אײַזערנעם פֿאָרהאַנג... ער איז געווען דער סימבאָל פֿון נאַציאָנאַלן געוויסן פֿאַר אַלע ייִדישע גרופּירונגען...״

דער רבֿ האַלענדער לייענט קאַפּיטלעך תּהלים, ער לייענט זיי אין לשון־קודש און אין תּרגום יהואש:

...וואָרום וועסט נישט איבערלאָזן מײַן זעל צו דער אונטערערד,
וועסט נישט לאָזן דײַן פֿרומען זען די גרוב,
וועסט מיך מאַכן וויסן דעם וועג פֿון לעבן...

קיין ״מלא״ איז נישט געמאַכט געוואָרן, מחמת חנוכּה.

פֿיר חבֿרים פֿון עלטערן דור לייענען לייוויקס לידער. עס לייענט י. י. שוואַרץ דאָס ליד ״אונטערן לענגלעכן צודעק״:

געשטאָרבן — וואָס מיינט עס? אַט קוק נאָר:
אַוועקלייגן זיך אין אַ פֿלאָך
און אויפֿלייזן זיך אינעם וווּנדער
פֿון מספּר שס״ה און רמ״ח — — —

עס לייענט אַ. לעיעלעס דאָס ליד ״דײַן ברכה״:

עס וועלן קיין מאָל נישט אײַנפֿאַלן דער וועלטס פֿיר זײַלן —
עס שפּאַרט זיי אונטער דײַן געזונקענער קאָפּ.
פֿון דײַן שטערן, דעם געקרייטן מיט ליכטיקע בײַלן,
דײַן פֿאַרעקשנטע שיינקייט טוט זיך קיין מאָל נישט אָפּ.

״עס לייענט אפֿרים אויערבאַך אַ ליד אַנגעלאָדן מיט מאַנונג און געוויסן — ״מײַן זעונג״.

עס לייענט דער שרײַבער פֿון די שורות דאָס ליד ״שטערן״, מיט וועלכן ה. לייוויק האָט געעפֿנט דאָס לעצטע לידערבוך זײַנס — לידער צום אייביקן:

איך ליג אַ פֿאַרדעקטער און כ׳הער ווי מײַן שטערן
גיט איבער מײַן נאָמען צום האַר פֿון די שטערן — —

דער לוויה־צוג איז אָנגעקומען אויפֿן פֿעלד. די נאַסע ערד איז שוין געווען טיף אויפֿגעגראָבן, אַ בערגל ליימיקע ערד הויך אויפֿגעשאָטן און, ווײַל דער טאָג איז געווען אַ מילד־ווינטערדיקער, ניו־יאָרקער דעצעמבער־טאָג, האָט אין אַ גריבל אַרום קבֿר זיך אָנגעזאַמלט אַ קליינע סאַזשלקע וואַסער און געבלויט אַנטקעגן דעם אויסגעלײַטערטן הימל.

עמעץ האָט אַ זאָג געטאָן הויך: ״צום צווייטן מאָל איז די ייִדישע ליטעראַטור הײַנט מקבר יצחק לייבוש פּרצן...״

אַלע האָבן באַמערקט דעם זין און דעם אומזין פֿון דעם אויסגעשריי. מען האָט זיך אומגעקוקט און געשוויגן. וואָס איז דען דאָ צו ענטפֿערן?

נאָך עמעץ האָט אויסגערופֿן: ״מיר אַלע זענען עדות פֿון עפּעס מוראדיקס, וואָס וועט דאָ באַלד געשען מיט דער ייִדישער ליטעראַטור, נאָר מיר ווייסן אַליין נישט דערפֿון...״ דער מענטש האָט עס אויסגערופֿן און גיך באַהאַלטן זײַן פּנים אין די הענט, כּדי מען זאָל נישט זען און נישט הערן זײַן געוויין.

און נאָך עמעץ האָט הויך געזאָגט: ״געשטאָרבן לייוויק — געשטאָרבן דער ערנסט און געשטאָרבן דאָס געוויסן פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור!״

עמעץ האָט געענטפֿערט: ״דער צער איז אָן אַ גרענעץ, אָבער אַפֿילו אין צער אָן אַ גרענעץ טאָר מען אַזוי נישט רעדן... טאַקע דאָס געוויסן לייוויקס און זײַן ערנסט, וואָס זענען אייביק, פֿאַרבאָטן עס...״

דער רבֿ האָלענדער האָט געזאָגט קדיש מיט די זין. אויסגעמישט ה. לייוויקס נשמה מיט די אייביקע ייִדישע עלעמענטן.

גרודעס ערד זענען געפֿאַלן אויפֿן דעק פֿון אָרון און געענטפֿערט מיט דומפּיקע קלעפּ. אַ שנירל שנייוואַסער האָט אַ כּליפּ געטאָן אין אָפֿענעם קבֿר אַרײַן — אויסגעמישט לייוויקס גוף מיט די אייביקע עלעמענטן פֿון כּדור־האָרץ, פֿון אוניווערס.

די גרויסע נשמה, נאָך אַ לעבן פֿול מיט נסיונות, איז נתבקש געוואָרן לישיבֿה של מעלה. דער קליינער גוף, אויסגעמאַטערט ביזן לעצטן, נאָך אַ לעבן פֿול מיט יסורים, איז געבליבן בישיבֿה של מטה, אין אַ קבֿר אויפֿן עק פֿון צוויי אַלעען.

אַ הקדמה פֿון... יצחק לייבוש פּרץ

דאָס פֿאַרטיקע בוך, געזעצט און געדרוקט און נאָר נאָך נישט געבונדן, ליגט פֿאַר מיר. און פּלוצלונג האָב איך עפּעס מורא באַקומען עס אַרויסצולאָזן. און אַז מען האָט מורא צו גיין אַליין, זוכט מען אַ באַגלייטער. האָב איך גענומען טראַכטן און זיך דערטראַכט, אַז "מיַין לעקסיקאָן — פֿון ייִדישע דיכטער, דערציילער, דראַמאַטורגן אין פּוילן — צווישן צוויי גרויסע מלחמות" — וואָלט געדאַרפֿט האָבן אַ הקדמה פֿון דעם פֿאָטער פֿון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור, יצחק לייבוש פּרץ.

בין איך אַריַין אין אַ חלום און גענומען בעטן:

— איך וויל אַ הקדמה... האָב איך געזאָגט קורץ און שטיל.

— איך שריַיב נישט קיין הקדמות! — האָט ער געענטפֿערט קורץ און שאַרף.

— אָבער איך וויל אַ הקדמה צו אַ בוך וועגן ייִדישע וואָרט־קינסטלער אין פּוילן; אין וואַרשע, אין ווילנע, אין לאָדזש, אין לעמבערג... און מיַין שטימע איז פֿול געוואָרן מיט טרערן, וואָרום איך האָב ליב דאָס געדעכעניש פֿון פּרץ'ן ווי דאָס געדעכעניש פֿון מיַין אייגענעם פֿאָטער.

— ווער ביסטו? — איז ער אַ ביסל געריַרט געוואָרן, וואָרום ער איז די גוטסקייט אַליין.

— מלך ראַוויטש... האָב איך געענטפֿערט נישט דרייסט.

— איך ווייס נישט ווער דו ביסט! —

— פֿאָטער, איר דערמאָנט זיך נישט? איר האָט אין 1912, אין די זיבן זאַטע יאָרן פֿון איַיער גרויסקייט זיבן מאָגערע ווערטער אַ מאָל געשריבן וועגן מיַין ערשטלינגס־ביכל.

— אמת! איז וואָזשע ווילסטו?

— אַ קליינע הקדמה צו מיַין נײַעם בוך. עס איז אַ מאָדנע בוך און איך האָב מורא אליין מיט אים. מען וועט מיך שלעכט פֿאַרשטיין. עס איז אַ בוך מיט אַרום נײַנציק אינטימע פֿאַרטרעטן פֿון פּנימער — און איבער זיי אַלע איַיער וויזיע, פֿאָטער. אָנגעשטרענגטע פּנימער פֿון די בויער פֿון אַ פּיראַמידע, וואָס אונטער איַיער שרבֿיט האָט מען איר פֿונדאַמענט געלייגט.

— אָבער איך בין אַלט און מיד פֿון אַזוי לאַנג טויט זײַן!

— פֿאָטער, איר לאַכט פֿון מיר. איר זענט נאָך אַלץ דער ייִנגסטער און פֿרישסטער צווישן אונדז אַלע.

— מיינסט אויף אַן אמת?! — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן.

— איך שווער אײַך, פֿאָטער. אַזוי איז דער אמת.

— ווו איז דײַן בוך?!

— דאָ איז עס, פֿאָטער. (אַ ווינט האָט שנײַדיק אַ שורשע געטאָן די פּאָר הונדערט בלעטער מיט אַ שאַרפֿן זזזזז און דאָס איבערגעלעזענע בוך איז שוין צוריק געלעגן אין מײַן האַנט).

— איך האָב שוין אויפֿגעשריבן!

— ווו, גרויסער פֿאָטער? איך זע גאָרנישט אין מײַן האַנט, חוץ מײַן בוך.

— איך האָב שוין אַלץ אויפֿגעשריבן! אַלץ איז דאָ אין מײַנע ווערק! אַלץ! אַלץ! איך האָב נישט קיין צײַט! דינעזאָן און אַנ־סקי זענען דאָרט אַליין!

— איך ווייס, אַז אַלץ איז דאָ אין אײַערע ווערק. איך ווייס — הלוואי וואָלטן מיר אַלע אַזוי געוווסט, ווי איך ווייס. אָבער ווו — די ווערק אײַערע זענען אַזוי כאַאָטיש צונויפֿגעשטעלט.

— דאָס ווייס איך! אָבער די הקדמה איז דאָרט דאָ צוויי מאָל!! איין מאָל אין אָכטן און איין מאָל אין זעכצעטן באַנד! געפֿין! און נעם פֿון דאָרט, וואָס דו דאַרפֿסט! און האָב נישט מער קיין מורא! דאָס בוך וועט סײַ־ווי קיינעם נישט געפֿעלן ווערן, ווײַל "קיינעם געפֿעלט נישט קיין אייגענע פֿאָטאָגראַפֿיע!"... ("מײַנע זכרונות", באַנד 12, זײַט 5).

— גרויסער פֿאָטער, רעדט נישט אַזוי, עס טוט אַזוי ווי! — ווייסט איר דען נישט, אַז אַ גרויסער, גרויסער טייל פֿון די באַשריבענע זענען שוין טויט, פֿרײַ־צײַטיק טויט...

בײַ אַט די ווערטער מײַנע איז יצחק לייבוש פּרץ פֿאַרשווונדן, נעלם געוואָרן די וויזיע און די אילוזיע... און איך בין געבליבן בײַ מײַנע פּאָר הונדערט בלעטלעך און אַט איז די הקדמה, וואָס איך האָב צונויפֿגעשטעלט, וואָרט אין וואָרט פֿון פּרץ'ס ווערטער — לויט דעם ווונק פֿון דעם גאָלדיקסטן שרביט אין אונדזער גאַנצער ליטעראַטור.

י. ל. פּרץ אַלס מײַן...רעצענזענט

אָדער:

דער גרויסער נס אין מײַן לעבן

דאָס איז געווען אַרום סוף פֿון יאָר 1911 און זיבעצן און אַ האַלב יאָר איז מיר דעמאָלט געווען. לידער האָב איך שוין געשריבן עטלעכע יאָר און אויך זיי געדרוקט אין גוטע צײַטשריפֿטן. שמואל יעקבֿ אימבער האָט אין דעם געהאָלפֿן. אָבער דרוקן אין צײַטשריפֿטן איז איינס און אַרויסגעבן אַ "בוך" איז גאָר עפּעס אַנדערש. געווען איז עס אין לעמבערג, געאַרבעט האָב איך שוין דעמאָלט צוויי יאָר אין אַ גרויסער באַנק — געווען היפּשלעך זעלבשטענדיק. איז אין איין שיינעם טאָג — בײַ מײַן געשווירענעם פֿרײַנד, דעם פּראָזע־שרײַבער א. מ. פֿוקס — עלטער פֿון מיר מיט אַ פּאָר געציילטע יאָר — און מיר — געבוירן געוואָרן אַ געדאַנק אַרויסצוגעבן "ביכער". מיר האָבן געפֿונען אַ "פֿאַרלעגער", דעם העברעישן לערער שמעון לעווין און צוזאַמענגעשטעלט צוויי זאַמלונגען "אײַנזאַמע — אַ באַנד נאָוועלן פֿון א. מ. פֿוקס" און "אויף דער שוועל... יוגנט־פּאָעזיעס פֿון מלך ראַוויטש". די נאָוועלן — 68 זײַטן, די לידער 64 זײַטן. טיילווײַז האָט די אויסגאַבע פֿינאַנסירט דער פֿאַרלעגער, און צום גרעסטן טייל דער פּאָעט, דער באַנקיר... אויף די שער־בלעטער האָט מען געשטעלט די דאַטע 1912 און עס איז שוין טאַקע ערבֿ נײַ־יאָר. די ביכלעך זענען דערשינען און עס האָבן אָנגעהויבן קומען רע־צענזיעס. און לרובֿ שלעכטע און שאַרפֿע. איין רעצענזיע — פֿון דר. מאיר גייער — וועגן "אויף דער שוועל" האָט אַפֿילו אַרויסגערופֿן אַ פּאָלעמיק מיט שמואל יעקבֿ אימבער. עס האָט זיך געטאָן אויף טיש און אויף בענק. און א. מ. פֿוקס איז בקרובֿ אָװעקגעפֿאָרן קיין אַמעריקע און איך קיין ווין. מיר האָבן צעשיקט כּמעט די גאַנצע אויפֿלאַגע אויף רעכטס און אויף לינקס, אַבי פּטור צו ווערן פֿון באַלאַסט און קענען שטײַגן פֿעלדזן־אַרויף און אַרויפֿער אויפֿן אָלימפּ פֿון דער יידישער ליטע־ראַטור — ווו עס קיניגט זעוס — יצחק לייבוש פּרץ — דער פֿאָטער פֿון אַלע געטער, די דיכטער און דערציילער אין יידיש. פֿון שרעק און מורא פֿאַר דעם משפּט פֿון דעם פֿאָטער פֿון אָלימפּ אין וואַרשע — האָב איך צו אים קיין "אויף דער שוועל..." נישט געשיקט. אָבער עמעץ האָט עס יאָ געטאָן פֿאַר מיר — און

אפשר קענען מיר... און ווען נישט יענער געהיימער פריינד, אָדער פּיינד (אפשר דער פּאַרלעגער שמעון לעווין) וואָלט אַט די מעשה נישט געוועזן און אויך נישט דער גרויסער נס אין מײַן לעבן. און איך זאָג עס אַן אַ שמייכל, וואָרום איך האָלט עס טאַקע פאַר אַ נס. וואָס עלטער איך ווער אַלץ מער האָלט איך פון פּרצן. וואָס מער איך לייען אים, און איך האָב גרונטאָוונע געלייענט יעדעס וואָרט, וואָס ער האָט געשריבן, אַלץ מער ווערט ער בײַ מיר טאַקע דער פאָטער פון די געטער פון אונדזער אָלימפּ.

*

און דאָס איז געווען שוין אין דער מיט פון יאָר 1912 און איך שוין אין ווין. איך האָב שוין דעמאָלט געגרייט אַ נײַע זאַמלונג, וואָס האָט זיך געדאַרפט רופן "אין דעם מאָרגנשטערנס ליכט" און איך האָב שטאַרק־שטאַרק נישט געוואָלט מער געדענקען מײַן זאַמלונג "אויף דער שוועל". אין דער יוגנט געדויערן די גילגולים קורץ און זענען גרינגטלעך. אין איינעם שיינעם טאָג האָב איך באַקומען צוגעשיקט אין אַ בריוו אַן אַ צוריק־אַדרעס אַן אויסשניט פון אַ וואַרשעווער יידישער צײַטונג — אַן אויסשניט פון 18 שורות. אַ קליינע רעצענזיע, נישט אונטערגעשריבן, קענטיק אַרויסגעריסן פון אַ סעריע אַזעלכע קורץ־רעצענזיעס. די רעצענזיע — טאַקע וועגן "אויף דער שוועל..." און גאָרנישט נעגאַטיוו. אין קאָנווערט האָט דער צושיקער צוגעשריבן אַ צעטעלע: די רעצענזיע איז פון י. ל. פּרץ. דער בריוו איז געקומען פון סטאַניסלעוו. און שײַכותן זענען מיר קלאָר געוואָרן ערשט אין כמעט אַ האַלב יאָרהונדערט אַרום.

*

איך האָב דעם אויסשניט באַהאַלטן. דער געדאַנק, אַז דאָס איז טאַקע פּרץ האָט געוואָרפן. אָבער איך האָב מורא געהאַט מיך אַרויסצושטעלן צום נאַר מיט אַט דער באַהויפּטונג. טאָמער נישט. עמעץ האָט מיר אַפילו אַ מאָל געזאָגט, אַז דאָס איז אַ רעצענזיע פון אַ סעריע, וואָס רופט זיך "פון ביכערטיש", דערשײַנט אין וואַרשעווער "הײַנט", ווערט רעדאַגירט און געשריבן פון י. ל. פּרץ — און דערפאַר איז אויף דעם אויסשניט קיין חתימה נישטאָ. עפּעס אין דער נשמה האָט אונטער־געזאָגט, אַז דאָס איז טאַקע פּרץ, זײַן סטיל, זײַן אופן פון שרײַבן. אָבער טאָמער נישט... אי מען וועט לאַכן פון מײַן באַרימערײַ און אי איך אַליין וועל אָרעמער ווערן מיט אַזאַ וווּנדערלעכן געדאַנק: פּרץ האָט מיט זײַן אייגענער האַנט אַ גוט וואָרט וועגן מיר געשריבן... און אַזוי האָט זיך אַנגעהויבן אַן אומזיכערקייט, וואָס האָט געדויערט כמעט אַ האַלב יאָרהונדערט. אַ האַלב יאָרהונדערט האָב איך מיך געהיימערהייט אַרומגעטראָגן מיט אַ בלויעם שטיין, אַ פּרץ־חלום, און נישט געוועזן זיכער צי איז דאָס אַ אמתער סאַפיר, אָדער בלויז אַ בלוי שטיקל גלאָז...

*

אין יאָר 1913 האָב איך מיך געדאַרפֿט שטעלן צו דער אַסענטירונג אין עסטרײַכישן מיליטער. געדינט האָט מען דעמאָלט דרײַ יאָר, מענטשן מיט מאַטורע — איין יאָר. און איך האָב געהאַט נאָר אַן אויסבילדונג גלײַך צו זעקס גימנאַזיום־קלאַסן. געוועזן אָבער אַ געזעץ אין עסטרײַך, אַז יונגע־לײַט, וואָס האָבן נישט קיין מאַטורע און נאָר זעקס קלאַסן גימנאַזיום קענען אויך באַקומען די פֿולע פּריווילעגיע פֿון איינייעריקייט אויב זיי זענען טעטיק אויפֿן קונסט־געביט: מוזיק, ליטעראַטור, מאַלערײַ, שוישפּיל. האָט מען מיר געעצהט: פּרוביר. וואָס שטעלסטו דאָ אײַן? כאָטש דו שרײַבסט דאָך ייִדיש אפֿשר וועט מען אָנערקענען, וועסטו געווינען צוויי יאָר לעבן.

האָב איך צונויפֿגענומען מײַן ליטעראַרישע אַרעמשאַפֿט פֿון יעמאָלט, מײַן "ווערק" — "אויף דער שוועל" — עטלעכע בעסערע רעצענזיעס, דעם אויסשניט פֿון דער וואַרשעווער צײַטונג און אַ פּאָר איבערזעצונגען פֿון מײַנע לידער אויף דײַטש און געמאַכט די אַפּליקאַציע לויטן פּאַראַגראַף אַזוי און אַזוי פֿון קייזער־קעניגלעכן עסטרײַכישן מיליטער־געזעץ...

מען האָט מיר געעצהט צוצולייגן רעקאָמענדאַציעס, דאָס האָט אויך געפֿאָדערט דאָס געזעץ. צו וועמען גייט מען? און ווידער אַן עצה: צום באַרימטן שרײַבער סטעפֿאַן צווײַג און — מחמת דו ביזט דאָך אַ ייִדישער שרײַבער — אויך צום דירעקטאָר פֿון דער ביבליאָטעק פֿון דער ווינער קולטור־געמיינדע דר. בערנאַרד וואַכשטיין.

סטעפֿאַן צווײַג האָט מיך אויפֿגענומען ווי איין פּרינץ נעמט אויף אַ צווייטן... ער האָט אַלץ באַוואונדערט, אי מײַנע לידער, אי די איבערזעצונגען, אי דאָס דינע ביכל "אויף דער שוועל", ער האָט מיר געגעבן ווײַן צו טרינקען מעשה חבֿר־דיכטער, איך האָב אים געוואָלט ווײַזן רעצענזיעס, האָט ער געזאָגט, אַז ער איז אַליין אַ רעצענזענט. אָבער אַז איך האָב אים געזאָגט, אַז איך האָב אויך אַ רעצענזיע פֿון פּרצן — האָב איך עס אים געמוזט פֿירלייענען אין אַריגינאַל. ער האָט געוווּסט וועגן פּרצן, געקענט אַ סך פֿאָלקסטימלעכע געשיכטען, זיך נישט געוווּנדערט איבער דעם קליינעם צײַטונגס אויסשניט אין מײַן האַנט, וועגן גאָרנישט געצווייפֿלט, אַרײַנגערופֿן די סעקרעטאַרין, גענומען שפּאַנען איבער דער שטוב און דיקטירט אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו — כאָטש גיב מיר די נאָבל־פּרעמיע. שוין, תּיכּף. פֿון געבן מיר דאָס רעכט אויף איינייעריקייט אין מיליטער־דינסט איז גאָר קיין פֿראַגע נישט.

און איצט בין איך געגאַנגען האָפֿערדיק צום דר. וואַכשטיין. אַ שעה האָב איך געוואַרט איידער ער האָט מיך אויפֿגענומען. אויפֿגענומען האָט ער מיך שטייענדיק. אַ שטאַרקער, שווערער ייִד, אַ רויטלעך, בייזלעך פּנים, דאָס בערדל ווי פֿון

שוואַרצע דרעטלעך. אַ ייִד פֿון אַרום די פֿופֿציק. איך זאָל אים גיך זאָגן וואָס איך וויל. דערקלער איך. ערשטנס איז ער בייז אויף אַזאַ מין געזעץ בכלל. צווייטנס האָט ער פֿײַנט, אַז ייִדן ווילן אויסניצן פּריווילעגיעס. דריטנס איז ייִדיש נישט קיין לשון. פֿערטנס איז אַ דין ביכל נישט גענוג אויף צו באַווײַזן ליטעראַרישן טאַלענט, פֿינפֿטנס האָט ער נישט קיין צײַט. אָבער פֿאַרט וויל ער אַ קוק טאָן. איך האָב פֿונאַנדערגעפּאַקט דאָס פּעקל, געוויזן אַלערליי פּאַפּירלעך, געוויזן דעם בריוו פֿון סטעפֿאַן צווייג — — וואַכשטיין איז אַ ביסל מילדער געוואָרן און האָט זיך צו־געזעצט, פּלוצלונג באַקומען צײַט. איצט האָב איך שוין אויך אַרויסגענומען דעם אויסשניט פֿון דער... פּרץ־רעצענזיע און געוויזן דעם בייזן דירעקטאָר. ער האָט עס גענומען אין האַנט אַרײַן, וועגן פּרצן האָט ער נאַטירלעך געוווּסט, ער האָט דאָס פּאַפּירל געוויגן אַ רגע אין האַנט און דער היסטאָרישער חוש פֿון אַ מחבר פֿון אַ סך דאָקומענטן־זאַמלונגען און ביכער מיט זאַמלונגען פֿון אויפֿשריפֿטן אויף אַלטע מצבֿות האָט אים באַלד באַפֿוילן אַ פֿרעג צו טאָן: ווו איז די אונטער־שריפֿט?... מיר איז קאַלט געוואָרן ווי אײַנעם, וואָס מען כאַפּט בײַ אַ גניבֿה. איך האָב גענומען שטאַמלען, אויפֿקלערן, אָבער דאָס שטיקל פּאַפּיר איז שוין געלעגן אין גרויסן פּאַפּיר־קויש פֿון דעם דירעקטאָר פֿון דער ביבליאָטעק פֿון דער קולטוס־געמיינדע.

אַז דאָס פּאַפּירל וועט אַ מאָל אויפֿשטיין תּחית המתים און דערצו אין דער פֿולער גלאָריע פֿון פּרצישער אויטענטישקייט — אין נאָענט צו אַ האַלב יאָרהונדערט שפּעטער, האָבן מיר דעמאָלט ביידע נישט געוווּסט בשעת מיר האָבן ביידע — דער דירעקטאָר און דער יונגער פּאָעט — אויטאָמאַטיש אַ קוק געטאָן און געזען ווי דאָס פּאַפּירל מישט זיך אויס מיט דעם פּאַפּירענעם מיסט פֿון דער ביבליאָטעק פֿון דער קולטוס־געמיינדע אין דעם גרויסן געפֿלאָכטענעם פּאַפּיר־קויש.

נישט קענענדיק מיר אײַנגאַנצן אָפּזאָגן, האָבנדיק געזען דעם בריוו פֿון סטעפֿאַן צווײַגן, האָט מיר וואַכשטיין איצט געהייסן קומען אויף צו מאָרגנס און מיר געגעבן אַ קאַלטע, גאָרנישט זאָגנדיקע רעקאָמענדאַציע, וואָס איך האָב נישט צוגעלייגט צו מײַן ביטע אין מיניסטעריום. די ביטע איז מיר באַוויליקט געוואָרן אָן וואַכשטיינס רעקאָמענדאַציע און אָן פּרצעס רעצענזיע. דאָס וואָרט פֿון סטעפֿאַן צווײַג איז יעמאָלט געווען שטאַרק באַליבט אין ווין, כאָטש ער אַליין ערשט אין די פֿריע דרײַסיקער דעמאָלט.

*

איצט לאָמיר אַ שפּרונג טאָן צו די וואַרשעווער כאַליאַסטרע־יאָרן. מסתּמא 1925. אַלע ליטעראַרישע געטער האָבן מיר, דער עיקר מאַרקיש, פֿאַרוואַנדלט אין געצן און די געצן האָבן מיר געקרישלט מיט אונדזערע פֿעדערן. אָבער פּרץ איז בײַ אונדז נישט געווען קיין „איינער פֿון די געטער", קיין רבים. פּרץ איז בײַ

אונדז געווען גאָט. שטייען מיר אַ מאָל אַזוי — מאַרקיש און איך — בײַם אוהל פּרץ אויפֿן גענשער בית עולם און רעדן וועגן פּרצן. קומען מיר טרערן אין די אויגן און איך זאָג מאַרקישן: — וואָלסט עס געגלייבט, אַז פּרץ האָט אַ מאָל מיט זײַן אייגענער האַנט וועגן מיר געשריבן? מאַרקיש שטוינט: — ווי איז דאָס מיגלעך? — אַזוי איז עס! האָב איך פֿאַרזיכערט און מער האָבן מיר וועגן דעם נישט גערעדט. דער איידעלער מאַרקיש האָט מער נישט געפֿרעגט, נישט געוואָלט שטעלן אין פֿאַרלעגנהייט אַ חבֿר. און איך האָב דאָך אַליין אויך געצווייפֿלט.

פֿערצן יאָר האָב איך געוווינט אין וואַרשע, טעגלעך געווען אַ שריט פֿון דער קהילה־ביבליאָטעק אויף טלאָמאַצקיע 5. געוווסט דאָס יאָר פֿון דער רעצענזיע, אָדער "רעצענזיע". 1912. די צײַטונג אויך: דער "הײַנט". די גרינגסטע זאַך: מען גייט אַרײַן אין ביבליאָטעק און בלעטערט דורך דעם יאָרגאַנג און איבערצײַגט זיך: יאָ, אָדער ניין? אָבער איך האָב מורא געהאַט, מורא געהאַט צו טראָגן מײַן בלויעם חלום־שטיין צו אַ פֿאַכמאַן פֿון איידלשטיינער. כּל זמן איך צווייפֿל איז עס אַ סאַפּיר... אָבער אַז איך וועל וויסן דעם אמת, וועט עס אפֿשר בלויז זײַן אַ בלוי שטיק גלאָז... און אַלע פֿערצן יאָר בין איך נישט אַרײַנגעגאַנגען אין ביבליאָטעק און נישט דורכגעקוקט דעם יאָרגאַנג 1912 פֿון "הײַנט".

*

איצט לאָמיר אַ פֿלי טאָן צום יאָר 1945. אין יענעם יאָר האָב איך אַרויס־געגעבן דעם ערשטן באַנד פֿון "מײַן לעקסיקאָן". דאָרט איז דאָ אַן אימאַגינערע הקדמה פֿון יצחק לייבוש פּרץ. האָב איך מיר דערלויבט דאָרט אַרײַנצושרײַבן אַ פּאָר מיסטעריעזע ווערטער מיט אַ רמז אויף יענער רעצענזיע: פֿאָטער איר דערמאָנט זיך נישט? געדענקט נישט ווער איך בין? איר האָט אין יאָר 1912, אין די זיבן זאָטע יאָרן פֿון אײַער גרויסקייט אין וואַרשע, געשריבן אַ מאָל זיבן מאָגערע וועגן מײַן ערשטלינג־ביכל. — — מענטשן האָבן געפֿרעגט אויף דעם באַטײַט פֿון די ווערטער. נישט זיכער פֿלעג איך ענטפֿערן: די גאַנצע הקדמה איז דאָך אַן אימאַגינערע, צונויפֿגעשטעלט פֿון פּרצעס ציטאַטן — איז דאָס אויך אַ שטיקל פֿאַנטאַזיע. אָבער אין מײַן נשמה האָט עס אַלץ גערופֿעט: אפֿשר איז שוין צײַט אויסצופֿאָרשן, דערגיין דעם אמת?

*

און איצט קומט אין דעם זיגזאַג אַרום דער מיניאַטור־רעצענזיע פּרצעס — צוליב סיבות — אַ שפּעטערדיקע דאַטע — פֿריער. דאָס יאָר איז 1954. מענטשלעכע אייטלקייט בכלל און פּאָעטישע בפֿרט האָט גאַרנישט געהאַט קעגן דעם, אַז צו מײַן אויסקלייב פֿון 13 זאַמלונגען "די לידער פֿון מײַנע לידער" זאָל צוגעגעבן ווערן אַן "מ.ר.־ביבליאָגראַפֿיע" צונויפֿגעשטעלט פֿון דעם אומדערמידלעכן יעפֿים

ישורין און דערגענצט פֿון מײַן פֿרײַנד ו. אָסטרעגער. בשעת דעם צונויפֿשטעלן די ביבליאָגראַפֿיע האָב איך אַ מאָל געשריבן צו ישורינען: געוועזן — דאַכט זיך — אַ מאָל אַ וואָרט פֿון פּרצן וועגן מײַן ערשטלינגס־ביכל. אַזאַ וואָרט וואָלט דאָך געוועזן אַ דימענטל אין אָט דער ביבליאָגראַפֿיע. אָבער ווו געפֿינט מען עס? האָב איך געזיפֿצט און אין האַרצן שטיל געצווייפֿלט — — אפֿשר בלויז אַ פֿאַטאַ־מאָרגאַנאַ.

*

און איצט וועלן מיר — צוליב סיבות, וואָס וועלן באַלד קלאָר ווערן — געבן אַ פֿריערדיקע דאַטע: 1952. אין באַנד 36 פֿון די ייִוואָ־בלעטער, האָט דער מעשׂה־דערציילער געדרוקט דעם איינציקן מאמר, וואָס ער האָט ווען עס איז געדרוקט אין דער דאָזיקער וויסנשאַפֿטלעכער צײַטשריפֿט. עס איז געווען אַ פּרץ־מאמר: וועגן פֿאַרשיידענע אויסגאַבעס פֿון י. ל. פּרצעס "געזאַמלטע" און "געקליבענע" ווערק. דער באַנד 36 ייִוואָ־בלעטער איז צום גרויסן טייל געווידמעט געוועזן פּרצן צום 100־טן געבוירן־טאָג. און דער באַנד איז געלעגן אויף מײַן טיש זייער לאַנג, מחמת איך לייען דאָך אַלץ פֿון און אַרום פּרצן וואָס קומט נאָר אין מײַנע הענט שוין זינט צענדלינקער יאָרן. און נישט בלויז אויס דאַנקבאַרקייט פֿאַר יענער מיניאַטור־רעצענזיע, נאָר מחמת פּרץ איז פּרץ, אונדזער אַלעמענס געניוס. און אָט דער באַנד איז אויך געלעגן אויף מײַן טיש בשעת איך האָב געשריבן צו ישורינען די אויבן ציטירטע ווערטער. און אין אָט דעם באַנד אויף די זײַן 344 ביז 350 איז פֿאַראַנען אַן אָפּטיילונג "פּרצעס רעצענזיעס אין הײַנט" — אינספּירירט פֿון דעם פּרץ־פֿאָרשער און־קענער ד״ר. יעקבֿ שאַצקי, צונויפֿגעשטעלט דורך דינה אַבראַמאָוויטש, ווו אַלע יענע מיניאַטור־רעצענזיעס פּרצעס פֿון יאָר 1912 זענען וואָרט אין וואָרט איבערגעדרוקט — און דערצו מיט דער דײַטלעכער איבערשריפֿט "ביבליאָגראַפֿישע נאָטיצן און רעצענזיעס אונטער דער רעדאַקציע פֿון ל. ל. פּרץ" און מיט דער דײַטלעכער באַמערקונג, אַז "דער אינהאַלט און דער סטיל פֿון די נאָטיצן לאָזט נישט איבער קיין שום ספֿק, אַז די אַלע באַמערקונגען געהערן צו י. ל. פּרצעס פּען". נישט נאָר האָט דער צופֿאַל געוואָלט, אַז אין די זעלבע בלעטער זאָל זײַן אַ מאמר פֿון מײַן ווייניקייט, נאָר תּיכּף נאָך יענע רעצענזיעס איז פֿאַראַנען אַ פּרץ־ביבליאָגראַפֿיע טאָקע פֿון... יעפֿים ישורין. און דאָך האָט געקענט פּאַסירן, אַז ביז מײַן לעצטן טאָג זאָל איך זײַן אין ספֿק מכּוח יענעם נס און אוצר מײַנעם...

אָבער גאָט איז אַ גוטער און ער האָט געזאָרגט דערפֿאַר, אַז מײַן מעשׂה זאָל האָבן אַ גוטן סוף און כאָטש איינע פֿון די אילוזיעס אין מײַן לעבן זאָל ווערן אַ גוטעווירקלעכקייט.

און איצט וועלן מיר אַ שפּרונג טאָן צום יאָר 1958 אין דעם קליינעם שפּאַנעג־

דיקן דעטעקטיוו־ראָמאַן וועגן יאָ, אָדער ניין פּרץ־רעצענזיע: איך געפֿין מיך אין ניו־יאָרק אין אַטראַן־הויז אין די צימערן, וווּ עס ווערט רעדאַגירט דער "לעקסיקאָן פֿון דער נײַער יידישער ליטעראַטור". דאָ שטייען אָן אַ שיעור קאַבינעטן מיט קאַרטאָטעק־קאַרטלעך — ביבליאָגראַפֿישע פֿאַרצייכענונגען פֿון עטלעכע טויזנט יידישע שרײַבערס. פֿליט אַרײַן אין צימער מיט אַ פּאַליש, ווי זײַן שטייגער, דער דיכטער ה. ל. פֿוקס, אַ מיטאַרבעטער פֿון לעקסיקאָן. דערזעט ער מיך און ער פֿירט מיך צו אויפֿס כּוח צו איינער פֿון די שופֿלעדלעך: — איר מוזט דורכקוקן אײַער קאַרטאָטעקע! ציען ציט עס, נאָר איך שעם מיך און איך זאָג מיך אָפּ. אַ מינוט שפּעטער און פֿוקס איז אַרויסגעלאָפֿן פֿון צימער און איך בין אַליין געבליבן מיט די קאַרטאָטעקעס. און אַז איך בין אַליין, און קיינער זעט נישט, גיט עס מיך פֿאַרט אַ צי צום קעסטל מיט די "ריש'ן" און איך זוך מיר גאַנץ פֿײַן אויס מײַן נאָמען און איך גיב אײַן אײַנציקן בלעטער און אַ בלוטשטראָם פֿון פֿרייד האָט אַזש אַ זעץ געטאָן אין מײַן פּנים און איך לייען: י. ל. פּרץ — "מלך ראַוויטש, אויף דער שוועל... לעמבערג". הײַנט, נומער 165, 17 (30) יולי 1912. — — אין מײַן זכּרון איז תּיכּף אויפֿגעשווומען די סצענע אין ביוראָ פֿון דר. בערנאַרד וואַכשטיין אין ווין פֿון יאָר 1913. דאָס פֿאַרשעמטע פּאַפּירל, וואָס איז דעמאָלט פֿאַרשוווּנדן אין פּאַפּירקויש איז אויפֿגעשטאַנען תּחית המתים מיט אַ וווּנדערלעך קריינדל פֿון דער שענסטער קאָמבינאַציע פֿון פֿינף אותיות אין דער יידישער ליטעראַטור: י. ל. פּרץ. איך וועל מיך נישט שעמען אויסצוזאָגן, אַז טרערן זענען גערונען אויף מײַן פּנים. אויב מענטשלעכע אייטלקייט און נײַגעריקייט איז ווען עס איז באַלוינט געוואָרן איז עס געווען אין יענעם מאָמענט אין מײַן לעבן.

*

איצט האָב איך שוין מער קיין מורא נישט געהאַט פֿאַר אַן אַנטוישונג אין שײַכות מיט יענער מיניאַטור־רעצענזיע. איך האָב מיר שטיל און באַדאַכט אָפּגעזוכט יענעם נומער פֿון די "ייִוואָ־בלעטער" און דאָ איז נאָך אַ סוד קלאָר געוואָרן. פֿאַרוואָס דער אויסשניט איז געקומען פֿון סטאַניסלע צו מיר אין יענעם יאָר 1912. אין דער זעלבער סעריע רעצענזיעס איז געווען אַ נאָטיץ וועגן אַ בוך פֿון דעם דיכטער פֿון סטאַניסלע י. מ. ברענדער — און אַ נעגאַטיווע רעצענזיע. אַ גוטער איז ער געווען, ברענדער, האָט ער מיר דעם אויסשניט צוגעשיקט, אָבער ער האָט זיך געשעמט מיט דעם חלק, וווּ זײַן נאָמען איז געווען. און נישט ווילנדיק האָט ער דעם גאַנצן פּלאָנטער גורם געווען. דעם פּלאָנטער פֿון אַ האַלב יאָרהונדערט.

*

בשעת איך שרײַב אָט אַ די מעשׂה ליגט פֿאַר מיר אַ פֿאָטאָסטאַטישער איבער־דרוק פֿון יענעם נומער פֿון "הײַנט" פֿון 1912. די גוטע דינה אַבראַמאָוויטש אַ

ביבליאָטעקערין פֿון ייִוואָ, האָט עס פֿאַר מיר באַזאָרגט און טאַקע פֿון יענעם בלאַט לייען איך וואָרט אין וואָרט אין יענער רעצענזיע, געשריבן מיט דער זעלבער האַנט, וואָס האָט געשריבן די פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן און די גאָלדענע קייט: אַ נײַער כּמעט אומבאַקאַנטער נאָמען. ווי דאָס רובֿ פֿון אונדזערע פּאָעטן איז אויך ראַוויטש דורכויס לירישקער. דער מאָטיוו זײַנער — די ייִדישע בענקשאַפֿט. ער האָט אַ האַרציקן טאָן, אַ מאָל געלונגענע נײַע אויסדרוקן און ווערטערקלאַנגען. ער האָט אָבער נאָך נישט דעם אינערלעכן אייגענעם ריטמוס, וואָס איז די הויפּטזאַך בײַ אַן אָריגינעלן דיכטער. ראַוויטש איז נאָך צו יונג. שווער צו זאָגן וואָס פֿון אים וועט אַרויסקומען. זאָל ער דעווײַל וואַקסן.

*

פֿון יענעם "דערווײַל" זענען שוין 48 יאָר אַוועק. וואָס עס האָט געדאַרפֿט וואַקסן איז שוין אויסגעוואַקסן... אָט אַזוי ווי עס איז. און גוט איז מיר, וואָס עס איז געוואַקסן מיט דער ברכה פֿון דעם פֿאָטער פֿון דער נײַער ייִדישער ליטע־ראַטור. זײַן פֿאָטערלעכע כּוונה איז זיכער געווען די בעסטע. ווונדערלעך, ווי אַפֿילו אין די פּאָר ווערטער, דאָ אויבן ציטירט, האָט זיך אַנטפּלעקט זײַן פֿאָטערלעך געמיט.

און גוט איז מיר, וואָס דער בלויער שטיין, וואָס איך האָב אַזוי לאַנג געהאַלטן אין צווייפֿל פֿון מײַן געמיט — צי איז עס נישט צו מאָל אַ שטיקל גלאָז — וואָרום דעם אינהאַלט פֿון די ווערטער האָב איך דאָך אויך געהאַט פֿאַרגעסן אין גאַנג פֿון אַ האַלב יאָרהונדערט — האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זײַן אַן אמתער בלויער סאַפּיר — דער גרויסער נס אין מײַן לעבן — יצחק לייבוש פּרץ כּמעט דער ערשטער רעצענזענט מײַנער...

דעם פֿאָטער פֿון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור

כּדי צו באַנעמען די געשטאַלט און דאָס ווערק פֿון דעם פֿאָטער פֿון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור — יצחק לייבוש פּרץ — מוז מען זיי באַנעמען צוזאַמען מיט די רעמען פֿון זייער צײַט און זייער שטח — ווי, איבעריקנס, אַלע פֿענאָמענען אין דער דאָזיקער וועלט. און די רעמען זענען: די מאָדערנע ייִדישע ליטעראַטור פֿון אַן ערך דעם יאָר 1880 ביז דעם יאָר 1915. און דאָס אַליין קלינגט שוין אַ ביסל ווי אַ סתּירה: אויב פּרץ איז דער "פֿאָטער פֿון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור" — ווי־זשע קען ער גלײַכצײַטיק זײַן אי דאָס בילד און אי דער ראַמען? דער אמת איז, אַז פּרץ איז אַרײַנגעקומען אין דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור, ווען זי איז שוין געווען אין פֿולן שוווּנג פֿון איר אַנט־וויקלונג און ווען זי האָט שוין געהאַט צוויי גרויסע מײַסטערס — מענדעלע מוכר ספֿרים און שלום עליכם. קאַנדידאַטן אויף קלאַסיקערס לויט זייער שפּראַך־מײַסטערשאַפֿט, קינסטלערישן אופֿן פֿון שרײַבן, ברייטסטע נאַציאָנאַלע האָרי־זאָנטן. מיט פּרצעס דערשײַנונג איז צוגעקומען דער דריטער אין טריומוויראַט פֿון די ערשטע דרײַ קלאַסיקערס פֿון דער נײַער ליטעראַטור אין ייִדיש. מענדעלע האָט באַקומען דעם צונאָמען "דער זיידע פֿון דער ליטעראַטור אין ייִדיש". שלום עליכם האָט זיך אַליין אָנגערופֿן "אייניקל". ממילא איז שוין אויף פּרצן אויס־געקומען די ראָלע פֿון פֿאָטער... דאָס קלינגט אַ ביסל אַנעקדאָטיש, אָבער עס איז נאָך דאָ אַ סיבה. פֿאַקטיש זענען זיי לויט די יאָרן געווען אַ מין זיידע, זון און אייניקל. מענדעלע — 1836־1917, פּרץ — 1852־1915, שלום עליכם — 1859־1916. אָבער די אמתע סיבה אָנצורופֿן פּרצן "פֿאָטער" איז אין דעם פֿאַקט פֿון זײַן אידעאָלאָגישער אָנפֿילונג און אָנפֿירונג פֿון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור. יאָ, כּדי צו באַנעמען גאַנץ און פֿול זײַן געשטאַלט, מוז מען זי באַנעמען צוזאַמען מיט דער צײַט זײַנער און זײַן שטח. און זײַן צײַט איז געווען ייִדישע רענעסאַנס, ייִדישע אייראָפּעאיזירונג פֿון סוף פֿון 19טן יאָרהונדערט. דער שטח אָבער איז דער גרעסטער צענטער פֿון ייִדן אין מזרח פֿון אייראָפּע — פֿינעף מיליאָנען ייִדיש־רעדנדיקע ייִדן אין דער אַמאָליקער רוסישער אימפּעריע.

*

לאָמיר צוערשט געבן עטלעכע ביאָגראַפֿישע דאַטעס: יצחק לייבוש פּרץ איז געבוירן געוואָרן אין דער קרוין־פּוילישער שטאָט פֿון אַ פּאָר צענדליק טויזנט איינוווינער — זאַמאָשטש — אין יאָר 1952 אַלס קינד פֿון אַ פֿאַרמעגלעכער, פֿרומער, אָבער נישט אָרטאָדאָקסישער פֿאַמיליע, וואָס האָט וואַרשײַנלעך געשטאַמט פֿון שפּאַניאָלישע ייִדן. לייבושל האָט באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע דערציִונג. אָבער שוין אין זײַן פֿריער יוגנט האָט ער זיך באַקענט מיט דער וועלט־ליטעראַטור און שוין דעמאָלט איז זײַן וועג געוואָרן אָנגעצייכנט: ייִדיש־נאַציאָנאַל אין דער פֿאָרעם, וועלטלעך און אוניווערסאַל־סאָציאַל אין אינהאַלט. צו זײַנע 18 האָט ער דאָס ערשטע מאָל חתונה געהאַט. עס איז אָבער געווען אַ מעזאַליאַנס — די פּרוי צו פֿרום. צוויי זין זענען געבוירן געוואָרן, איינער שטאַרבט אין דער פֿריער קינדהייט, דער צווייטער — לוציאַן — אַ געניאַלער ייִנגל, בלײַבט, אָבער דאָס שטענדיקע זאָרגן־קינד פֿון פֿאָטער. צו זײַנע 26 האָט פּרץ חתונה צום צווייטן מאָל. ווערט דער זיווג פּערפֿעקט. קיין קינדער זענען מער נישט געבוירן געוואָרן. העלענאַ האָט איבערגעלעבט פּרצן 25 יאָר. נאָך אַלערליי אומגעלונגענע פֿאַרזוכן צו עטאַבלירן פֿאַר זיך אַ גוטע פּרנסה ווערט פּרץ אין יאָר 1876 אַ דערפֿאָלגרײַכער פּריוואַט־אַדוואָקאַט אין זאַמאָשטש, ער ווערט אַפֿילו פֿאַרמעגלעך. שוין צו זײַנע 20 האָט פּרץ אָנגעהויבן צו שרײַבן, בעיקר אין העברעיִש, אַ ביסל אויך אין פּויליש, אַ ביסל אין ייִדיש. ער האָט אַפֿילו, צוזאַמען מיט זײַן ערשטן שווער, דעם שריפֿטשטעלער ג. י. ליכטענפֿעלד, אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג שירים. אָבער ערשט אין יאָר 1888 ווערט ער ממש נתגלה מיט זײַן גרויסער באַלאַדע "מאָניש", די מיסטישע מעשׂה פֿון שיעור נישט הייליקן ישיבֿה־בחור, וואָס וואָלט ממש דערנענטערט די טעג פֿון משיח, ווען ער וואָלט נישט געשטרויכלט געוואָרן מיט זײַן ליבע צו דער פֿאַרשטעלטער טייוועלין לילית אַליין. די באַלאַדע האָט יאָ און נישט געהאַט אַ דערהויבענע מאָראַל חוץ איר קינסטלערישקייט — אין דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור איז זי געוואָרן אַ מײַלנשטיין, אין פּרצעס קאַריערע — דער גרויסער ווענדפּונקט. זאַמאָשטש ווערט פּרצן צו ענג און סײַ ווי זענען געווען יוריסטישע שוועריקייטן ווײַטער צו בלײַבן אַ פּריוואַט־אַדוואָקאַט און אויך פּאָליטישע מסירות און פּרץ באַזעצט זיך אין יאָר 1890 אין וואַרשע, ווערט אָנגעשטעלטער און לייטער פֿון בית הקבֿרות דעפּאַרטמענט פֿון דער וואַרשעווער ייִדישער קהילה. אַזוי שוין ביז זײַן סוף. זײַן היים ווערט דער צענטער פֿון ייִדישן קולטור־לעבן אין וואַרשע, אין פּוילן. יאָ, אין גאַנץ רוסלאַנד. ער שרײַבט איצט זייער אַ סך און יעדע זאַך זאָגט עפּעס נײַעס און ווערט שטאַרק קאָמענטירט. ער רעדאַגירט צײַטשריפֿטן, זאַמלביכער, שטייט נאָענט צו דער ייִדישער סאָציאַלדעמאָקראַציע, דער "בונד"־פּאַרטיי. ער שרײַבט לידער, דערציילונגען. די טענדענץ — רעאַל, סאָציאַל, אַנטיקלעריקאַל. יושר — איז אומעטום דער לײַטמאָטיוו. ער שרײַבט אויך פּובליציסטיק און פּאָפּולער־וויסנשאַפֿטלעכע אַרטיקלען. אין יאָר 1899 איז

ער געזעסן דרײַ חדשים אין תּפֿיסה צוליב אַן אַרויסטריט אויף אַן אומלעגאַלער פֿאַרזאַמלונג. אין יענעם יאָר האָט ער אָנגעהויבן שרײַבן זײַנע „פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן‟ — זײַן קרוינווערק. פּרץ איז שוין אין יאָר 1901 — נאָך בלויז אַ צוועניעריקער ליטעראַרישער טעטיקייט — געווען אַזוי פּאָפּולער, אַז זײַן פֿופֿציקסטער געבוירן־טאָג איז געפֿײַערט געוואָרן ווי אַ גרויסער נאַציאָנאַל־ייִדישער קולטור־יום־טובֿ. פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן מיסטישע סימבאָלישע דראַמעס, עסייען וועגן דער שליחות פֿון דער ליטעראַטור בײַ ייִדן און ייִדן אין דער מענטשהייט פּילן אויס די פֿופֿצן פּרוכטבאַרסטע יאָרן זײַנע פֿון 1900 ביזן סוף. ער רײַזט אַ סך, אָבער נישט ווײַט. באַזוכט די גרויסע ייִדישע צענטערן אין רוסלאַנד, באַזוכט עסטרײַך, דײַטשלאַנד, די שווײַץ. אין יאָר 1908 איז ער די צענטראַלע געשטאַלט אויף דער א. ג. „טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפֿערענץ‟, וואָס פּראָקלאַמירט דאָס ייִדישע פֿאָלקס־לשון ווי „אַ ייִדישע נאַציאָנאַלע שפּראַך‟. כאָטש פּרץ האָט אַלע מאָל געשריבן גלײַכצײַטיק ייִדיש און העברעיִש, האָט אָבער אין די לעצטע צען יאָרן קוואַנטיטאַטיוו איבערגעוויגן דאָס באַנוצן זיך מיט דער ייִדישער שפּראַך. אין די יאָרן 1911 און 1912 האָט פּרץ געפֿירט — אין שײַכות מיט אַ וואַלקאַמף צו דער „דומע‟ אין רוסלאַנד — זײַן גרויסע פּאָלעמיק מיט דער בורזשואַזער ייִדישער אַסימילאַציע. אין יאָר 1898 איז געהאַט געשטאָרבן זײַן פֿאָטער, אין יאָר 1914 — זײַן מוטער, וואָס ער האָט שטאַרק ליב געהאַט. פּרץ לעבט שטאַרק איבער דעם כאַאָס, וואָס איז באַפֿאַלן קרוין־פּוילן נאָך דעם אויסברוך פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אַרום אים איז אַ ים פֿון ייִדישער פֿאָלקס־נויט, גאַנצע שטעטלעך ווערן צונויפֿגעטריבן קיין וואַרשע דורך צאַרישער מיליטער־מאַכט און די ייִדישע אַרעמשאַפֿט קומט זיך צונויף אין דער ייִדישער קהילה, ווו פּרץ האָט זײַן פּאָסטן. ער וואַרפֿט זיך אַרײַן אין דער אַרבעט פֿון שאַפֿן קינדערהיימען פֿאַר די קינדער פֿון די מלחמה־פּליטים. ער שרײַבט אַפֿילו אין אָט דעם כאַאָס — קינדער־לידער. אָבער גאָרנישט קען מער באַרויִקן זײַן געמיט. שבת, דעם דריטן טאָג חול המועד פּסח אין יאָר 1915, הייבט ער זיך אויף פֿרי און הייבט אָן שרײַבן אַ קינדער־ליד. עס הייבט זיך אָן „שטילער, שטילער — דאַנקען וויל ער...‟ און אין עטלעכע מינוט איז ער געווען טויט. הונדערט טויזנט זענען נאָכגעגאַנגען נאָך זײַן לוויה. אין יאָר 1919 איז געשטאָרבן זײַן זון — לוציאַן, אין יאָר 1925 איז אויף פּרצעס קבֿר אויפֿגעשטעלט געוואָרן דער „אהל פּרץ‟, ווי אויף אַ קבֿר פֿון אַ רבין. אין אַזאַ אהל ליגן געוויינטלעך עטלעכע רביים. און אונטערן גרויסן שטיין פֿון אהל־פּרץ ליגן ש' אַנ־סקי, דער מחבר פֿון „דיבוק‟, יעקב דינעזאָן, פּרצעס לעבנס־פֿרײַנט פֿון די יונגע יאָרן אָן, דער מחבר פֿון פּאָפּולערע ראָמאַנען און טראַגישע נאָוועלן וועגן ייִדישע קינדער — און פּרץ. לוציאַן, פּרצעס איינציקער אויפֿגעכאָוועטער זון, האָט געהאַט אַן איינציקן זון — יאַנעק. זײַן שטיף־באַבע העלענאַ פֿלעגט זיך מיט אים פֿאַרנעמען ביז איר טויט אין יאָר 1937. יאַנעק האָט געלעבט אָפּגעזונדערט

פֿון זײַן ייִדישן שטאַם און דער ליטעראַרישער סבֿיבֿה — און אומגעקומען אײנזאַם אין געטאָ. אויסגעמעקט איז געוואָרן יעדע שפּור פֿון פֿיזישן יצחק לייבוש פּרץ.

*

געבליבן איז אויף אַלע ייִדישע אייביקייטן די גײַסטיקע ירושה פֿון יצחק לייבוש פּרץ, געבליבן זײַן צוואה. זײַן ירושה — זײַנע לידער, דערציילונגען, באַלאַדן, פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן, סימבאָלישע מעשׂיות, רײַזע־באַשרײַבונגען, איינאַקטערס, מיסטישע און סימבאָלישע דראַמעס; מיט איין וואָרט — דער בעלעטריסטישער טייל פֿון זײַן שאַפֿן. און געבליבן איז זײַן צוואה. זײַנע מע־דיטאַציעס, זײַנע אַרטיקלען, זײַנע טעגלעכע אַקטועלע נאָטיצן, אין וועלכע ער האָט רעאַגירט אויף דער הייסער מינוט אויף וויכטיקע געשעענישן אין געזעל־שאַפֿטלעכן לעבן, זײַנע קריטישע אַרבעטן וועגן ביכער און טעאַטער־פֿאָרשטעלונגען, זײַנע פֿונדאַמענטאַלע עסייען וועגן דער וואָרט־קונסט בכלל און וואָרט־קונסט בײַ ייִדן בפֿרט, וועגן דער שליחות פֿון דער ליטעראַטור בײַ ייִדן. מיט איין וואָרט — דער פּובליציסטישער טייל פֿון זײַן שאַפֿן.

*

כאָטש י. ל. פּרץ — ווי דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר יעדן שרײַבער, וואָס גורל האָט אים באַשטימט צו זײַן אַ קלאַסיקער אין זײַן ליטעראַטור — האָט זיך שטאַרק אָפּגעגעבן מיט דער פּערפֿעקטקייט און בריליאַנטענער געשליפֿנקייט פֿון זײַן שפּראַך־אינסטרומענט, געהאַט די געדולד צענדליקער מאָל איבערצושרײַבן יעדע שאַפֿונג זײַנע, האָט ער זיך אָבער קיין מאָל נישט געקענט קאָנצענטרירן אויפֿצושרײַבן אַ גאַנץ און גרעסער ווערק. פֿון אַ ראָמאַן פֿלעגט ער בלויז חלומען דאָס גאַנצע לעבן זײַנס. זײַן גרויסע שרײַבערישע ירושה איז צעשפּריצט אויף אַן ערך 5000 זײַטן אין אַן ערך 20 בענד. צוויי־דריטל דערפֿון בעלעטריסטיק, איין דריטל פּובליציסטיק. זײַן הויפּט־ווערק איז נישט קיין סקולפּטור פֿון איין שטיק פֿעלדזן געהאַמערט. זײַן הויפּטווערק איז אַ מאָזאַיק פֿון איינציקע פֿאַרביקע שטיינען צונויפֿגעשטעלט. אָבער איין מאָל צוזאַמענגעשטעלט איז עס אַ דערהויבענע און דערהייבנדיקע גאַנצקייט. דאָס זענען די אַן ערך פֿופֿציק פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן, פֿון וועלכע אַ קלענער טייל דערשײַנט אין דעם דאָזיקן באַנד. למשל: בײַם גוסס צו קאָפּנס, דער אוצר, אַראָפּגעלאָזטע אויגן, שמע ישׂראל — אָדער דער באָס, נסים אויפֿן ים און אַנדערע. דעם נאָמען ״פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן״ האָט פּרץ אַליין צוגעטראַכט פֿאַר אַזאַ זאַמלבאַנד פֿון 20 דערציילונגען, וואָס זענען דערשינען אין יאָר 1904. ער האָט אפֿשר דעמאָלט נאָך אַליין נישט געוווּסט, אַז אָט די זאַמלונג וועט ווערן דאָס קרוינווערק זײַנס און וועט זיך צעוואַקסן דריט־האַלבן מאָל. פּרץ האָט יעמאָלט — כאָטש שוין אַ דרײַ־און־פֿופֿציקיעריקער, נאָך

אַלץ געחלומט צו זאָגן דאָס גרויסע, דאָס גרעסטע ווערק זײַנס אין דער דראַמאַטישער פֿאָרם.

*

כּדי צו באַנעמען דעם גאַנצן ענין ״פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן״ דאַרף מען צוערשט האָבן כאָטש דעם מינדסטן באַגריף וועגן דער אור־יִדישער צעטיילונג פֿון יעדן גײַסטיקן שאַפֿן אין צוויי פֿונדאַמענטאַלע עלעמענטן: הלכה און אגדה. טאַטע און מאַמע אין דער משפּחה פֿון געדאַנק... דערציִונג דורך שטרענגען געזעץ און דערציִונג דורך מעשׂיות און משלים... אָט די צוויי עלעמענטן — און היפּשלעך שוין איזאָלירט איינער פֿון אַנדערן — זענען דאָך דאָ אין חומש. מאָראַלישע מעשׂה און קריסטאַליזירט געזעץ. אָט די איינטיילונג איז דאָ דײַטלעך אין תּלמוד — אין דער גיגאַנטישער סופּער־סטרוקטור פֿון דעם תּנ״ך. זי גייט אין דער אמתן דורך דורך אַלע פֿאַזן פֿון גײַסטיקן יִדישן שאַפֿן דורך די יאָרטויזנטער און די יאָרהונדערטער. און זי האָט נישט אויסגעמיטן אַזאַ שעפֿערישע פּערזענ־לעכקייט, ווי עס איז יצחק לייבוש פּרץ. אָט ווי אוניווערסאַל ער איז געווען אין זײַן תּוך — איז ער אָבער אויך אין דער זעלבער צײַט געווען טיף יִדיש. ער איז געווען אַ גרויסער בקי אין פֿאַרצווײַגטן און אוראַלטן יִדישן וויסן, אַ גרויסער קענער פֿון דער יִדישער געשיכטע, אַ גוטער קענער פֿון דער יִדישער פֿילאָסאָפֿיע, אַן ענטוזיאַסט פֿון דעם רמב״ם נאָך פֿון זײַן יוגנט אָן. פּרצעס דעוויז איז געווען: לערנען און פֿירן דאָס פֿאָלק — צו פֿאַרטיפֿטער יִדישקייט און צו מער דערהייבענער מענטשלעכקייט. ווי אַ פֿאָלקס־לערער האָט ער עס געטאָן דורך זײַן פּובליציסטיק, זײַן הלכה. ווי אַ קינסטלער האָט ער עס געטאָן דורך זײַן בעלעטריסטיק, זײַן אגדה, און אין דער ערשטער ריי דורך זײַנע פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן. — — אויב מען וואָלט געדאַרפֿט אין איין איינציקן זאַץ אַרײַננעמען דעם תּמצית פֿון פּרצעס לעבן און ווערק, וואָלטן מיר עס אויסגעדריקט אָט אַזוי: אַלע פֿעלקער גייען צום מענטש — צום העכסטן, הומאַנעם ציל — אָבער יעדעס פֿאָלק גייט אויף זײַן אייגענעם וועג, ווײַל ער איז דער קירצעסטער — — און מיר יִדן גייען אויף דעם יִדישן וועג. דער זאַץ איז דאָ כּמעט ווערטלעך אין פּרצעס עסיי: ווער זאָל ריכטן?

*

אגדות — מאָראַלישע מעשׂיות, לרובֿ זייער קורצע, מיט אַן אויסגעשפּראָכענער מאָראַל, זענען שוין דאָ אין חומש, זענען דאָ אין דער משנה, זענען דאָ אין תּלמוד און זענען דאָ אין דער ווײַטערדיקער גרויסער רעליגיעזער ליטעראַטור. לרובֿ זענען אָט די מעשׂיות זייער אַלט. אַלט איז זייער זאַמען, אָבער די אַנגעוואַקסענע סטרוקטור איז אַ רעזולטאַט פֿון פֿאָלקס־צוגאָבן אין פֿאַרלויף פֿון דער צײַט. אָט

די מעשׂיות זענען אָפֿט ווי די שטיינער און מושלען אין מערקווערדיקע פֿאָרמען, וואָס דער ים וואַרפֿט אַרויס בשעת צופֿלוס — נאָך דעם ווי ער האָט זיי ווער ווייסט ווי לאַנג געשליפֿן אין זײַנע טיפֿענישן מיט דער הילף פֿון די אייביקע שלײַפֿערס, די כוואַליעס — אין דעם פֿאַל פֿון די אַגדות: די כוואַליעס פֿון פֿאָלקס־לעבן און לײַדן און פֿריידן. פֿון אַט דעם אוצר האָט פּרץ געשעפּט כּמעט אַלע זײַנע פֿאָלקס־טימלעכע געשיכטן. דאָס האָט ער דאָ ערשט געגעבן דעם העכסטן קינסטלערישן תּיקון. די זאַמען זייערע געפֿינען זיך שוין אין תּלמוד. פּונקט ווי שעקספּיר האָט קיין מאָל נישט צוגעטראַכט אַ מעשׂה פֿאַר זײַנע גענאַלע דראַמעס — אַזוי האָט דער קלאַסיקער פֿון דער יידישער ליטעראַטור פּרץ קיין מאָל נישט צוגעטראַכט אַליין דעם מאָטיוו פֿון זײַנער אַ פֿאָלקסטימלעכער געשיכטע. ער האָט געשעפּט פֿון טיפֿן און קלאָרן קוואַל פֿון זײַן פֿאָלקס שאַפֿערישן גײַסט. אין די פֿאָלקס־טימלעכע געשיכטן איז אַלע מאָל דאָ אַן אויסגעשפּראָכענע מעשׂה, אַלע מאָל אַ קליינע אינטריגע, וואָס מאַכט די מעשׂה שפּאַנענדיק און אינטערעסאַנט, עס זענען אַלע מאָל דאָ רעאַלע געשטאַלטן — כּמעט פֿון איצטיקן יידישן לעבן גענומען. איצטיק מיינט נאַטירלעך אין דעם פֿאַל: בימי פּרץ — און דאָס הייסט אין די לעצטע יאָרצענדליקער פֿון פֿאַריקן און אין די ערשטע פֿון הײַנטיקן יאָרהונדערט. דאָס איז בנוגע צײַט. אָבער אויך שטח טאָר קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן ווערן: מזרח־אייראָפּע און טאַקע קודם כּל פּוילן, דאָרט ווו עס איז געווען אין פֿאַרלויף פֿון יאָרהונדערטער דאָס געדיכטסטע און שעפֿערישע ייִדישע פֿאָלקס־לעבן. פּרץ איז געווען אַ ראָמאַנטיקער און אַוודאי איז דאָס פֿאָלק אין זײַנע געשיכטן גלאָריפֿיצירט. אָבער געשען איז עס מיט דעם טיפֿסטן גלויבן פֿון דעם דיכטער, זיי זענען אַזוי שטאַרק זײַן אמת, אַז זיי זענען דורך דעם אַליין שוין אויך דער אמת פֿון פֿאָלק. פּרצעס פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן זענען נישט אָן אַ סיבה געוואָרן דער אינטעגראַלער טייל פֿון דער הומאַניסטישער דערציִונג בײַ יידן אין אַלע טיפּן יידישע שולן, העברעיִשע, יידישע און אויך אין די פֿאַרשידענערליי לאַנד־שפּראַכן.

*

אַ דיכטער פֿון אַ דור פֿון יידישן פּרשת דרכים איז געווען יצחק לייבוש פּרץ. און דער פּרשת דרכים: אָפּשלוס פֿון דער תּקופֿה פֿון טאָטאַלער רעליגיעזער אָריענטאַציע פֿון יידישן פֿאָלק — אָנהייב פֿון אַ תּקופֿה פֿון וועלטלעכער אָריענ־טאַציע. כּדי די זאַך צו באַנעמען איז נייטיק אַ ביסל קענטשאַפֿט פֿון דער יידישער געשיכטע פֿון אַכצעטן יאָרהונדערט, דעם יאָרהונדערט, ווען אין מערבֿ־אייראָפּע איז אַנטשטאַנען צווישן יידן די א. ג. השׂכּלה־באַוועגונג און אין מזרח־אייראָפּע די א. ג. חסידישע באַוועגונג. ביידע די באַוועגונגען האָבן אין תּוך נישט אויפֿ־געגעבן דעם יסוד פֿון יידישקייט. נאָר בשעת די ערשטע איז געווען אַ באַוועגונג פֿון רעפֿאָרמען איז די אַנדערע געווען קאָנסערוואַטיוו ביז גאָר. די ערשטע האָט

געצויגן מער צו דער ייִדישער הלכה און די אַנדערע צו ייִדישער אַגדה. די ערשטע האָט געפּרעדיקט גלויבן מיט וויסן געפּאָרט, די אַנדערע בלינדן גלויבן, וואָרום נאָר דאָס קען גליקלעך מאַכן דעם מענטש און דער עיקר דעם ייִד, ווען עס קומט אויס צו לעבן אין די שווערסטע באַדינגונגען אין אַ וועלט פֿון שׂנאה. אויך אין מזרח־אייראָפּע, ווו די השׂכּלה האָט ערשט אַ סך שפּעטער דערגרייכט צווישן ייִדן, איז פֿאָרגעקומען דער קאַמף צווישן די אַנהענגער פֿון דער הלכה און אַגדה. די ערשטע אין איינער פֿון זײַנע שענסטע, און פֿילאָסאָפֿיש טיפֿסטע, פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן, וואָס רופֿט זיך "צווישן צוויי בערג" האָט פּרץ געבראַכט צום ממש אַבסאָלוט קינסטלערישן אויסדרוק דעם קאַמף צווישן די בעלי הלכה און בעלי אַגדה. די הויפּטגעשטאַלטן זענען דאָרט די צוויי רבּיים — דער בריסקער און דער ביאַלער. דער מתנגד און דער חסיד. אַבער פּרצן האָט עס פֿאָרט מער געצויגן צום ביאַלער. ער איז פּשוט מענטשלעך בעסער, מילדער, ווייכער, גלייביקער אין מענטש און נישט נאָר אין שטרענגען גאָט... כאָטש פּרץ איז אַליין קיין חסיד נישט געווען — ווי האָט ער עס געקענט זײַן, ער איז דאָך געווען אַ דורכאויס וועלטלעכער מענטש — האָט ער אין זײַנע קינסטלערישע ווערק געגעבן אין אַ גרויסער מאָס אַ תּיקון אויך דער חסידישער באַוועגונג, שילדערנדיק אירע פֿירער און געפֿירטע און אירע פֿירעכצן און מנהגים.

*

שוין אין די אַכציקער יאָרן פֿון נײַנצעטן יאָרהונדערט האָט זיך אָנגעהויבן אַ ייִדישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג צווישן די ייִדישע מאַסן אין מזרח פֿון אייראָפּע, בעיקר אין רוסלאַנד, די דאָזיקע באַוועגונג האָט זיך קריסטאַליזירט מיט דער גרינדונג פֿון אַלגעמיינעם ייִדישן אַרבעטער־בונד אין יאָר 1897. די באַוועגונג רופֿט מען נאָך ביז הײַנט קורץ מיט דעם נאָמען "בונד". הגם קיין מאָל נישט קיין מיטגליד אין קיין שום פּאַרטיי, איז פּרצן נאָענט געווען דער "בונד". אין אַ גרויסער צאָל גאַנץ רעאַליסטיש, יאָ כּמעט נאַטוראַליסטיש געשריבענע דערציילונגען און אויך לידער האָט ער געבראַכט צום אויסדרוק זײַן סאָציאַליסטישע אײַנ־שטעלונג. עס איז אפֿשר נישט בלויז אַ צופֿאַל, וואָס אין יאָר 1897 האָט פּרץ אויפֿגעשריבן איינע פֿון זײַנע שטאַרקסטע סאָציאַלע דערציילונגען, אַ קלייניקער ראָמאַן אין בריוו "וועבער־ליבע". אַזעלכע און ענלעכע דערציילונגען האָט ער שפּעטער געשריבן אַ סך. און זײַנע לידער "דרײַ נייטאָרנס" און "מיין נישט" זענען פֿון די שטאַרקסטע סאָציאַלע לידער, וואָס די ייִדישע ליריק האָט אַרויס־געבראַכט. אַבער נישט נאָר אין רעאַליסטיש־נאַטוראַליסטיש ליטעראַרישע פֿאָרמען האָט פּרץ געבראַכט צום אויסדרוק זײַן סאָציאַליסטישן קרעדאָ, עד האָט אים אויך געשטאַלטיקט אין אַלעגאָריעס און אין מעשׂהלעך, ווי למשל "די פֿרומע קאַץ", ווו עס געפֿינט אויך אַ וועג זײַן פּראָטעסט קעגן דעם קלעריקאַליזם אויף דער

ייִדישער גאַס. און אַוודאי און אַוודאי באַנוצט זיך פּרץ מיט דער פּובליציסטיק און אויך אַפילו פּשוטער זשורנאַליסטיק אין זײַן קאַמף פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט און סאָציאַליסטישער וועלט־אָרדנונג. נישט זײַענדיק קיין פּאַרטיי־מענטש איז ער אָבער אויך קריטיש בנוגע די סאָציאַליסטישע באַוועגונגען און דער עיקר אַנפירער־שאַפטן. אַז מיר לעזן הײַנט, אין רעטראָספּעקט און אין אַנבליק פון דער הײַנטיקערווירקלעכקייט אין מזרח פון אייראָפּע, פּרצעס עסיי „האָפנונג און שרעק", געשריבן אין יאָר 1906, געפינען מיר דאָרט פּשוט נבֿיאישע עלעמענטן.

*

מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט, אַז פּרץ האָט געחלומט צו שרײַבן אַ גרויסן ראָמאַן. פון אַ פאָרווירקלעכונג האָט אָבער נישט געקענט זײַן קיין רייד. נישט נאָר האָט אין אַזאַ כּמותדיקער אַרבעט געשטערט דער פּאָסטן אין דער קהילה, וואָס האָט צוגענומען יעדן טאָג כּאָטש אַ זעקס שעה, נאָר אויך די אייגענע געניאַל־אומרויִקע נאַטור, וואָס האָט זיך לאַנג נישט געקענט קאָנצענטרירן אויף איין פּונקט. אָבער דראַמאַטישע ווערק פאָדערן נישט אַזוי פיל שרײַבערישן כּמות. און אויף דעם געביט איז שוין פּרץ לאַנג געווען טעטיק. זײַנע ווערק זענען בכלל פול מיט דיאַלאָגן, מאָנאָלאָגן. מען רעדט. פּרץ האָט אַ מאָל אַליין וועגן זיך געזאָגט, אַז ער „זעט מענטשן דורך זייערע רייד". דרײַ וויכטיקע דראַמעס, אָדער ריכטיקער: ווערק אין פּאָעטיש־דראַמאַטישער פאָרם, האָט פּרץ אויפגעשריבן אין די יאָרן צווישן 1903 און 1912. זיי רופן זיך: די גאָלדענע קייט, אין פּאָליש אויף דער קייט, בײַ נאַכט אויפן אַלטן מאַרק. מיר וועל זיי כאַראַקטעריזירן מיט עטלעכע ווערטער: אין דער גאָלדענער קייט (וואָס האָט אין איר ערשטער העברע־ישער ווערסיע זיך גערופן „חורבן בית צדיק") פאַרנעמט זיך פּרץ מיט דער מע־טאַמאָרפאָזע פון די ייִדישע דורות אין דער לעצטער צײַט, מיט דעם איבערגאַנג פון רעליגיעזן צו וועלטלעכן אידעאַליזם. די שענסטע געשטאַלט אין דער דראַמע איז דער אורפאָטער פון דער רבנישער משפּחה, איר ראש, איר יעקבֿ אָבֿינו. ער רופט זיך רב שלמהלע און זײַן גרויסער מאָנאָלאָג וועגן דעם אונטערגאַנג פון גרויסן משיחיש־ נבֿיאישן פּאַטאָס אין ייִדיש לעבן איז איינע פון די דערהויבנסטע שאַפונגען אין דער גאַנצער ייִדישער ליטעראַטור. אַ פראַגמענט פון דעם מאָנאָלאָג איז אויסגעקריצט געוואָרן אויף די שטיינערנע ווענט פון אהל־פּרץ... דער לײַטמאָטיוו פון דער דראַמע: וועלטלעכקייט — יאָ! דאָס איז דעם לעבנס געשיכט־לעכע דיאַלעקטיק. אָבער נאָר ווילטלעכקייט מיט רעליגיעזן פּאַטאָס. — — אין פּאָליש אויף דער קייט — איז אַ ליבעס־דראַמע. אַ פּראָטעסט קעגן דעם קלעריקאַלן צוגאַנג צו די געפילן פון דער ליבע, וואָס איז נישט נאָר אַנטיהומאַן, נײַערט אויך אויך אַנטי־ייִדיש, אין טיפסטן זינען. — — בײַנאַכט אויפן אַלטן מאַרק — איז אַ דראַמאַטיש־דיכטערישע דעפילאַדע פון אַלע מאָדערנע און אויך קאָנסערוואַטיווע

באַוועגונגען אין ייִדישן לעבן אין דער צײַט, ווען פּרץ האָט געווירקט און אין איר זיך אויסגעלעבט. די דראַמע איז צו פֿראַגמענטאַריש און אָפֿט מאָל צו פֿאַרהיילן. שווער פֿון דער דראַמע אַרויסצובאַקומען איר געדאַנקלעכן לייַטמאָטיוו. און אפֿשר איז דאָס טאַקע געווען די כּוונה פֿון דעם דיכטער. דער פֿינאַל פֿון דער מיסטישער דראַמע איז נישט קיין וואָרט, נאָר אַ פֿײַף פֿון אַ פֿאַבריק־פֿײַפֿל, וואָס צעטרײַבט אַלעמען פֿון בײַנאַכטיקן אַלטן מאַרק... זאָל דאָס זײַן אַ סימבאָלישער פֿײַף פֿון דער סאָציאַלערווירקלעכקייט אויף אַלערליי מעדיטאַציעס און אידעאַלע גריבלענישן? אפֿשר. — — פּרצעס דרמעס, אַט ווי סקעלעטיש־מאָגער זיי זענען, האָבן כּסדר אינספּירירט די בעסטע ייִדישע טעאַטערס צום אויפֿפֿירן זיי. עס איז אויף דעם געביט אַ סך דערגרייכט געוואָרן און וועט דערגרייכט ווערן נאָך מער. קינסטלעריש שטייען די דראַמעס אויף זייער אַ הויכער מדרגה. זיי זענען געשריבן אין ווײַסן פֿערז. די איינאַקטערס פּרצעס זענען געשריבן לרובֿ אין רעאַלער פּראָזע.

*

כאָטש די פֿולע זאַמלונג פֿון פּרצעס לידער ציילט נאָענט צו דרײַהונדערט איינסן, כאָטש ער האָט זײַנע דראַמעס צום גרעסטן טייל געשריבן אין דער פּאָעטישער פֿאָרם, כאָטש ער האָט זײַן ליטעראַרישע קאַריערע אָנגעהויבן מיט לידער און באַלאַדן און זי אויך געענדיקט מיט לידער — די שוין דערמאָנטע קינדער־לידער — איז ער אָבער נישט געווען קיין פּאָעט אין דעם אייגנטלעכן זינען פֿון דעם וואָרט. זײַן שפּראַך איז רײַך. זי איז אָפֿט מאָל אַזוי פֿול מיט העברעיִזמען, אַז זי איז ווי אַ מין בריק צווישן ייִדיש און העברעיִש. זײַן שפּראַך איז אַזוי ריטמיש — מעלאָדיש נישט אַזוי — אַז אַפֿילו זײַנע פּובליציסטישע אַרבעטן, שוין נישט רעדנדיק פֿון די דערציילונגען, קען מען אויסשטעלן אין קורצע שורות, ווי לידער אין פּראָזע. וואָלט מען געדאַרפֿט אויסשטעלן אין אַ ריי די ווערק פֿון יצחק לייבוש פּרץ לויט זייער באַטייט, וואָלט מען געדאַרפֿט שטעלן אין דער ערשטער ריי די פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן, ווײַטער די דראַמעס, ווײַטער די רעאַליסטישע דערציילונגען, ווײַטער די סימבאָלישע מעשׂיות און צום סוף ערשט די לידער. און דאָס — נישט געקוקט דערויף, וואָס צווישן אַט די לידער געפֿינען זיך עטלעכע מײַסטערהאַפֿטע באַלאַדעס און עטלעכע לירעשע פּערל און דער עיקר עטלעכע סאָציאַלע לידער אָנגעלאָדענע מיט גרויסן פּאַטאָס.

*

ווי שוין פֿריער דערמאָנט איז פּרץ ביז דעם 37טן לעבנס־יאָר זײַנעם געווען אַ פּריוואַט־אַדוואָקאַט — און אַ טאַלענטפֿולער דערצו אין דעם דאָזיקן פֿאַך, וואָס פֿאָדערט אַ סך קלאָרקייט און לאָגיק. אויך אויף זײַנע בעלעטריסטישע ווערק האָט אַט דער פֿאַך זײַנער אַרויפֿגעלייגט אַ חותם. אָפֿט ווערט אין זיי געניצט דאָס

וואָרט געריכט און משפּט, גאָר אָפּט דאָס וואָרט גערעכטיקייט... אָבער אויך סצענעס פֿון משפּטים ממש — אויף דער ערד, און נאָך מער אין הימל — ווערן אין די ווערק געשילדערט. ווי למשל די הימלישע געריכט־סצענע אין איינער פֿון זײַנע — אַפילו וועלט־באַרימט געוואָרענע און אין פֿיל שפּראַכן איבערגעזעצטע — פֿאָלקסטימלעכע געשיכטע מיטן נאָמען „באָנטשע שווײַג". פּרץ איז, אויך נאָך אויפֿגעבן זײַן אַדוואָקאַטישן באַרוף, געבליבן ווײַטער אַן אַדוואָקאַט פֿון דעם פּשוטן און אָרעמען פֿאָלק. נישט נאָר האָט ער געגלייבט אין שליחות פֿון דעם אָרעמען, פֿאַרהאַרעוועטן און אייביק גערעכטן פֿאָלק פֿון גאָר דער וועלט, נאָר אויך אין דער שליחות פֿון דעם אָרעמען ייִד אין זײַן אייגן פֿאָלק. פּרץ האָט געגלייבט אין עכטקייט און אויפֿריכטיקייט אין לעבן און דעריבער איז ער געווען אַ גרויסער קעגנער פֿון דער אַסימילאַציע. ער האָט געגלייבט אין דער מיגלעכקייט פֿון אַ האַרמאָנישן צוזאַמענלעבן פֿון פֿעלקער, פֿון צוויי, און אַפילו מער ווי צוויי פֿעלקער אויף איין טעריטאָריע — אויב דאָס מזל האָט אַזוי באַשטימט און גורל האָט אַזוי געוואָלט. ער האָט גוט געקענט דרײַ שפּראַכן, חוץ זײַנע אייגענע ייִדיש און העברעיִש: פּויליש, רוסיש און דײַטש. געווען באַהאַוונט אין דער וועלט־ליטעראַטור און באַזונדערס ליב געהאַט די פּוילישע, רוסישע און דײַטשע ליטע־ראַטורן אין אָריגינאַל. ער האָט געהאַט פֿאַר זיך, ממש פֿאַר די אויגן, די מיליאָנען פּוילישע ייִדן, וואָס זענען געווען דעמאָלט אַן אינטעגראַלער טייל פֿון די פֿינף מיליאָנען ייִדן פֿון דער רוסישער אימפּעריע. פּרץ האָט געגלייבט אין דער מיג־לעכקייט פֿון אַ נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע פֿאַר די ייִדישע מאַסן. פֿאַר דעם האָט ער געקעמפֿט נאָך אַ מאָל: אַלע פֿעלקער גייען צום מענטש, צום העכסטן ציל. יעדעס פֿאָלק אויף זײַן אייגענעם וועג — דעם קירצעסטן. און מיר ייִדן אויפֿן ייִדישן וועג. אַ היפּשער טייל פֿון זײַן פּובליציסטיק איז איין לאַנגע סעריע פֿון קאַמפֿן קעגן דער גײַסט־טויטנדיקער אַסימילאַציע.

*

אָבער נישט נאָר קולטור־געזעלשאַפֿטלעכקייט איז געווען דער אינהאַלט פֿון צוואה־טייל פֿון פּרצעס וואָרט־שאַפֿונג. אַ גרויסער טייל פֿון זײַנע עסייען פֿאַרנעמט זיך אויך מיט ריין ליטעראַרישער טעמאַטיק. אויך פּרצן האָט נישט אויסגעמיטן די — אַזוי פּאָפּולערע אין אָנהייב פֿון צוואָנציקסטן יאָרהונדערט — פּראָבלעמאַטיק פֿון קונסט לשם קונסט, אָדער קונסט לשם אידעע. ווי אַ טיף־פֿאַרוואָרצלטער, אין זײַן אייביקער טראַדיציע, ייִד — האָט פּרץ געהאַלטן פֿון דעם נבֿיאישן וועג פֿאַר דער קינסטלערישער ליטעראַטור: אייביקע עטישע געדאַנקען אין אייביקע דויערנ־דיקע — ובֿכן אין דער העכסטער מאָס שיינע — פֿאָרמען. אין איינעם פֿון זײַנע דאָזיקע עסייען מעדיטירט ער וועגן דעם חילוק און באַטײַט פֿון די צוויי ווערטער: פּאָעט און דיכטער. פּאָעט איז בײַ אים אַ קינסטלער פֿון וואָרט, וואָס קען אַ מאָל

צוליב קונסט און שיינקייט אויך מקריבֿ זײַן די אידעע, דעם עטישן פּאַטאָס. דיכטער איז דערהויבענער, דיכטער זײַן מיינט — לויט פּרץ — נבֿיא זײַן. — — פּרץ האָט זיך אויך אַ סך פֿאַרנומען מיט דער קריטיק און פֿירונג פֿון דער אין זײַן צײַט נײַ־אויפֿקומענדיקער יידישער ליטעראַטור. שוין דעמאָלט האָט ער אײַנגעזען, אַז די יידישע ליטעראַטור איז אַ וועלט־ליטעראַטור בזעיר אַנפּין און זי דאַרף בכן זיך ניט באַגרענעצן אויף שטעטלדיקער טעמאַטיק. זי דאַרף נישט זײַן קיין שטייענדיק וואַסער אויב דאָס יידישע לעבן איז אַ וועלט־שטראָם, וואָס נעמט אַרום די ערד אין שטח און אין צײַט. כאָטש — ווי עס טרעפֿט אָפֿט בײַ פּרע־דיקער — אַליין איז פּרץ אין שטח און אין צײַט געבליבן טעמאַטיש בײַם שטעטל און בײַ זײַן יאָרהונדערט. זײַן פֿירנדיק, זײַן אויטאָריטאַטיוו, זײַן מיט באַגײַסטערונג אַנגעלאָדן וואָרט האָט אָבער באַווירקט די יינגערע דיכטער, וואָס ער האָט אין אַ גרויסער מאָס אַרויסגעפֿירט אין דער ליטעראַטור ממש מיט די אייגענע הענט. מיר וועלן דאָ לדוגמא בלויז איין נאָמען אָנרופֿן, און דער נאָמען זאָגט זייער אַ סך — אַזוי האָפֿן מיר — צו באַגרינדן אונדזער טעזע און זי קלאָר מאַכן. און דאָס איז דער נאָמען שלום אַש. אין יאָר 1900 האָט זיך אָט דער נאָמען דאָס ערשטע מאָל באַוויזן, מיט פּרצעס ברכה, אין דער יידישער ליטעראַטור — און בלויז עטלעכע יאָר שפּעטער אין דער וועלט־ליטעראַטור אין צענדליקער שפּראַכן.

*

די ווערק פֿון י. ל. פּרץ — דער עיקר זײַנע פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן, וואָס האָבן, אַגבֿ, אויך אַלע מאָל אַ זייער אינטערעסאַנטן און אַפֿילו אָפֿט אינטריגירנדיקן סוזשעט — ווערן אַלע מאָל מער און מער דער יסוד פֿון דער מאָדערנער הומאַניסטי־שער יידישער פּעדאַגאָגיק. די קינדער אַליין, די יוגנט אַליין האָט עס דעצידירט. די אָפֿיציעלע פּעדאַגאָגיק באַשטעטיקט נאָר דעם פֿאַקט, אַז מער ווי וועלכן נישט איז שרײַבער האָבן די קינדער ליב צו לערנען די געשיכטן פֿון פּרץ. אַזוי אין יידיש און אַזוי אויך אין העברעיש. און פּרץ האָט זײַן קלאַסיש ערן־אָרט אין ביידע די נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן בײַ יידן. פּרץ דערציילט און דערציט. ער איז נישט ווי אַ פּרעדיקער — אַ שטראָפֿער און מאָנער. ער איז ווי אַ באָרד, ווי אַ מינע־זינגער — וואָס גייט פֿון דאָרף צו דאָרף, פֿון שטאָט צו שטאָט — און דער עיקר: פֿון הארץ צו הארץ... מען זאַמלט זיך אַרום אים נישט דערפֿאַר ווײַל מען מוז, נאָר דערפֿאַר ווײַל מען וויל, ווײַל עס ציט ווי אַ כּישוף. נישט קיין קליינע ראָלע שפּילט דאָ אויך זײַן עקזאַקטע, קריסטאַל־קלאָרע און דײַטלעכע שפּראַך. ריטמיש, בילדעריש און קלינגענדיק. מיט איין־צוויי פּעדער־שטריכן מאָלט ער זײַנע העלדן. לאַנג און אויספֿירלעך מאָלט און באַשרײַבט ער זייערע האַנדלונגען. זייערע איבערלעבונגען. אין דעם זינען איז ער ווי דער תּנ״ך. ער לאָזט איבער גענוג פּלאַץ פֿאַר דער פֿאַנטאַזיע, דער שעפֿערישער פֿאַנטאַזיע פֿון דעם לייענער. אָט דאָס איז דער סוד

פֿון דער צוגעבונדנקייט פֿון דער יוגנט צו אים. און דאָך: נישטאָ ביי אים קיין מעשׂיות סתּם. אַלע זענען פֿאַרקייטלט אין לעבן און ליידן פֿון זיין פֿאָלק. און דאָס לעבן און ליידן פֿון זיין פֿאָלק איז פֿאַרקייטלט אין דעם לעבן און ליידן פֿון דער מענטשהייט, פֿון דער וועלט.

*

לאָמיר בלעטערן אין אַ פּאָר געשיכטן — און דער עיקר די, וואָס דערשיינען אין דעם דאָזיקן בוך.

ביים גוסס צו קאָפּנס — אַ שניט פֿון אַ בייטש אין פּנים פֿון אַלע היפּאָקריטן, אמתע פֿרומקייט איז אין האַרץ און נישט אויף די ליפּן בלויז.

דער אוצר — דער אמתער גליבן איז ביי די אָרעמע, זייער וועט סוף כּל סוף זיין דאָס קעניגרייך אויף דער ערד...

גלגול פֿון אַ ניגון — נישט די פֿאָרם פֿון די זאַכן דעצידירט זייער אייביקייט־מאָס, נאָר זייער נשמה.

אָראָפּגעלאָזטע אויגן — נישט אין דעם אויסערלעכן שיין איז די טיפֿע פֿרומ־קייט און די דערהויבנסטע צניעות, אויך נאָך דעם טויט זיינעם מוז דער באמת ערלעכער קעמפֿן פֿאַר זיין אמת.

שמע ישׂראל — גאָט איז מיט די אָרעמע אין גייסט, אָבער די באמת רייכע אין גייסט דערהערן דאָס הימלישע וואָרט, דעם הימלישן ניגון אַפֿילו אין דעם דיסהאַרמאָנישסטן קריץ. גאָט הערט דאָס שענסטע ליד אין העסלעכסטן קרעכץ אַפֿילו, אויב נאָר דער קרעכץ קומט פֿון טיפֿסטן האַרץ, אין טיפֿסטן גלויבן צו אים.

אויב נישט נאָך העכער — די תּהילימדיקסטע רייד וועגן ערלעכן גאָט־דינען זענען נאָך אַלץ ווייניקער איבערצייגנדיק צווישן מענטשן ווי די פּשוטסטע, גרעבסטע אַפֿילו, אין איר פֿאָרם, גוטע טאַט.

רב בערל שניידער — אויב אמתע פֿרומקייט באַקומט נישט איר לוין פֿון גאָט, פֿאָדערן דאַרף זי אים, ווייל דורך לוין פֿאַר גוטסקייט און פֿרומקייט, געטלעכער גערעכטיקייט, וועט דערגרייכט ווערן מענטשלעכע גערעכטיקייט.

*

אַז פּרץ איז געשטאָרבן, האָט חיים נחמן ביאַליק, דער פֿאָטער פֿון דער מאָדער־נער העברעישער ליטעראַטור, אים פֿאַרגליכן צו אליהו הנבֿיא — און אַזוי געשריבן אין אַ טרייסטבריוו צו יעקבֿ דינעזאָן, פּרצעס לעבנס־פֿריינט: ...פּרצעס טויט האָט אויף מיר געמאַכט אַן איינדרוק ווי אַ מין "עלה בסערה". זיין שאַפֿן איז דאָך אויך געוועזן אַזוי. ברכב אש וסוסי אש... שטורמיש איז ער דורכגעפֿלויגן אין זיין פֿייערדיקער מרכּבֿה, און בליצן זענען געלאָפֿן אים פֿאַרויס און נאָך אים. מיר דאַכט, אַז ער וועט זיך נאָך נישט איין מאָל באַווייזן, און דווקא אַ גוטמוטיקער, פּונקט ווי יענער אַלטער זיידע... ער איז דאָך ווי יענער קנאי בן קנאי, נישט געשטאָרבן.

פּרץ

טורעם פֿון שלאָס, אין ערד־ציטער צעפֿאַלן —
פֿון חורבֿות־פֿאַרשאָטנקייט גראָב׳ מיר דיך אויס,
צו הייכן דיך ווידער, דאָרט ווו דו באַלאַנגסט!

פֿאָן פֿון אַ חייל, פֿאַרקוילטן פֿון פֿײַנט טויזנטפֿאַכן,
מיר הייבן דיך ווידער צום הימל אַרויף,
פֿלאַטער צו וועלט־קאַמפֿן נײַע, פֿלאַטער נצחון אונדז צו!

מאַסט פֿון אַ שיף, געזונקען אין שטורעם פֿון שטורעמס,
שווים ווידער פֿון כוואַליעס אַרויס און אַרויף,
זיי ווידער פֿון וועלט־שיף דער שפּריץ און דער תּוך!

ניגון, דערוואָרגן אין שטראָמען יללה,
כאַפּ אויף זיך, צינד אָן זיך אין יעדערנס האַרץ,
און קנויט זיי אין ליכט פֿון דעם ליד פֿון דײַן פֿאָלק!

קלינגוואָרט דו, פֿונק־וואָרט אין אַשן פֿון יאוש,
ברען אויף און צעוויג זיך, זײַ פֿײַער־רוף, שטורם־גלאָק,
פֿלאַקער און קלינג אונדז און וועק אונדז און פֿיר!

כּותל מזרחי פֿון דריטן בית המקדש,
געמויערט פֿון פֿעלדזן פֿון אייביקע ווערק,
זאַפּ אײַן אַלע טרערן און אָטעם אויס טרייסט!

רינג לעצטער, רינג ערשטער פֿון קייט פֿון דער גאָלדנער,
גורט אָן אונדז! צום נעכטן באַלאַנגט שוין דער איין שריט צוריק —
מיר זענען אינמיטן פֿון צוויי שריט פֿאָרויס!

לייבוש בן רבֿקה פֿון זאַמאָשץ, יאָל פּרץ, וואָרט־נשׂיא פֿון וואַרשע,
מיר דאַרפֿן דיך, ווילן דיך, רופֿן בײַם ברעג פֿון אַ תּהום,
דיך און נאָר דיך, ווײַל נאָך דיר איז — לאָ קם!

1952

פֿראַנץ קאַפֿקאַ

עס איז אַ באַזונדערער צווײַג אין דער נײַער דײַטשער ליטעראַטור. די "פּראַגער גרופּע". טשעכיש פּראַג האָט נאָך פֿון די עסטרײַכישע צײַטן אַן געהאַט אַ היפּשע דײַטשע־רעדנדיקע באַפֿעלקערונג; צום גרעסטן טייל ייִדן. דאַריבער באַשטייט טאַקע די פּראַגער גרופּע פֿון דײַטשע שרײַבער כּמעט אויסשליסלעך פֿון ייִדן, און צווישן זיי ס'רוב נאַציאָנאַלע. מאַקס בראָד איז דאָ די הויפּטפֿיגור. פֿראַנץ ווערפֿעל, אַלבערט ערענשטיין, פֿראַנץ קאַפֿקאַ — — דרײַ פֿון די וויכטיקסטע פֿיגורן אין דער פּראַגער גרופּע.

פֿראַנץ קאַפֿקאַ איז געבוירן אין פּראַג אין יאָר 1883, געשטאָרבן פֿון לונגען־טובערקולאָז אין אַ סאַנאַטאָריום בײַ ווין מיט אַ יאָר צוריק, דעם 3טן יוני 1924. קאַפֿקאַס דערציילונגען (ער האָט אַרויסגעגעבן 6 ביכער בײַם לעבן, איינס איז אַרויס נאָכן טויט) האָבן געהאַט אַ גרויסן דערפֿאָלג אין די בעסטע קרײַזן פֿון דער דײַטשער ליטעראַרישער וועלט. ער איז גערימט געוואָרן אַלס איינער פֿון די בעסטע קריסטאַל־קלאָרע דײַטש־פּראַגע סטיליסטן פֿון דער קעגנוואַרט. מיט זײַן ווירטואָזן סטיל האָט ער באוויזן צו שרײַבן גאַנצע נאָוועלן אין צוויי זאַצן... אַ מייסטערשיק, וואָס איז מעגלעך נאָר אין דער לאַנגגאָטעמדיקער דײַטשער פֿילאָסאָפֿן־שפּראַך. אויך זײַן לעבן — דורכזיכטיק און איינפֿאַך, דורכגעשטראַלט פֿון די אידעאַלן און גע־דאַנקען פֿון זײַנע ווערק, איז געווען אַ באַשטעטיקונג, אַז קינסטלער און ווערק זענען איינס, און אַז דער וואָס פּרעדיקט וואַסער דאַרף נישט טרינקען קיין ווײַן. קאַפֿקאַ האָט געהאַט צווישן די דיכטער גליענדיקע אַנהענגער (זעלטן ווען קעגנער), וואָס האָבן אים פֿאַרגעטערט און כּסדר געשטעלט העכער ווי זיך. מאַקס בראָד טענהט כּסדר, אַז קאַפֿקאַ איז זײַן לערער, פֿירער און וועגווײַזער, וועלכן ער וועט אפֿשר קיין מאָל נישט דערגרייכן.

להיפּך, צו בראָדן איז קאַפֿקאַ זײַן לעבן־לאַנג געשטאַנען ווײַט פֿון דער ייִדיש־נאַציאָנאַלער באַוועגונג. ערשט אין די לעצטע חדשים פֿון זײַן לעבן האָט ער פֿלײַסיק זיך באַשעפֿטיקט מיט דער ייִדישער דיכטונג, געלערנט אויך העברעיִש און זיך געקליבן אין פּאַלעסטינע.

*

מיר ברענגען דאָ איינע פֿון קאַפֿקאַס מײַסטערהאַפֿטע נאָוועלן, "דער דאָרפֿ־

דאָקטער". צווישן דעם אַפּגרונט פֿון טויט און דעם באַרג פֿון דעם לעבן (און אַלע מענטשן לויפֿן באַרג־אַראָפּ, קאָפּ־אַראָפּ צום אַפּגרונט.) שטייט די אָרעמע, מענטש־לעכע שאָטן־געשטאַלט פֿון דעם דאָקטער, דעם אָרעמסטן אָפּהענטיקסטן, דעם דאָרפֿ־דאָקטער. לויפֿן זיי קאָפּ־אַראָפּ און אַלע כאַפּן זיך אָן נאָר אין דער לעצטער רגע אָן דעם דאָקטער: ראַטעווע! די דערציילונג אָטעמט מיט הייסער מענטשלעך־בלוטיקער רעאַליטעט און מיט אויפֿריכטיקער שרעק און מיסטיק. עכט בלוט און עכטער גייסט. מענטשלעכקייט! קאַפֿקאַס ליטעראַטור איז די **פֿול־מענטשלעכע** ליטעראַטור. ווי דער קלאַנג פֿון אָוונטגלאָקן ציטערט לאַנג דורך דער נשמה, און ווען ער פֿאַרלאָזט זי בלײַבט די נאַכט — — טיפֿע נאַכט בלײַבט אין דיר מענטש, נאָך פֿראַנץ קאַפֿקאַס אָוונט־אָנענדיקן וואָרט.

ליניע און קרײַז — קרײַז און ליניע

אָדער

ייִד און וועלט — וועלט און ייִד

אַן ערשטער, אומזיכערער שריט צו אַ נײַעם ייִדישן וועלט-באַנעם נאָך די יאָרן 1945-1933

אין יעדן מענטש, שיִער נישט זינט זײַן פֿריער קינדהייט, און אויך אין דער גאַנצער מענטשהייט, זינט איר פֿריער קינדהייט עגבערט אין פֿאַרבאַרגעניש, און אַמאָל אויך גאַנץ אָפֿן, די פֿראַגע: פֿון וואַנעט קום איך? ווייניקער אינטערעסירט די פֿראַגע: ווּהין גיי איך? און אַזוי ווי יעדער מענטש איז אַ וועלט — איז ממילא די פֿראַגע, אויב געהעריק געכפּלט, צו לעזן: פֿון וואַנעט קומט די גאַנצע וועלט? דאָס איז די פֿראַגע, וואָס שליסט אין זיך אײַן די גאַנצע קאָסמאָגאָניע. צוליב הונדערט און איינס סיבות, איז זי די אומפּראַקטישסטע. שוין צוליב דעם אומ־פּראַקטיש — ווײַל יעדער, וואָס פֿרעגט זי, ווייסט, אַז זי קען נישט פֿאַרענטפֿערט ווערן?

*

און אויך איך האָב מיר אין פֿאַרלויף פֿון יאָרן און יאָרצענדלינקער, פֿינעף יאָרצענדלינקער, ווײַל שוין אין מײַן פֿריסטער קינדהייט האָב איך מיך די פֿראַגע געפֿרעגט, געשאַפֿן אַן אייגענע קאָסמאָגאָניע. און אָט איז זי:

דאָס זײַן פֿון דער סובסטאַנץ — סובסטאַנץ לויט שפּינאָזאָס באַנעם — מאַני־פֿעסטירט זיך מיר אין דרײַ אַטריבוטן. איך רעד דאָ נישט וועגן די אַטריבוטן פֿון דער סובסטאַנץ גופֿא, נײַערט וועגן די אַטריבוטן פֿון דעם זײַן פֿון דער סובסטאַנץ. יאָ, דאָס זײַן פֿון דער סובסטאַנץ באַנעם איך דורך דרײַ אַטריבוטן:

דאָס אָרגאַנישע, באַוווסטע לעבן צענטראַליזירט אין איין דעפֿיניטיוון איך.

דאָס מאַטעריעלע עקזיסטירן — אָפּגעריסן און אָפּגעשיידט פֿון אַ דעפֿיניטיוון, גײַסטיקן איך.

דאָס אַבסאָלוטע זײַן אַליין.

דאָס זײַן האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער ליניע. אין אָנהייב איז געווען די ליניע. ניין, נישט אין אָנהייב, ווײַל די ליניע איז אָן אַן אָנהייב. און ווײַל זי איז נישט

געוועזן אין אָנהייב וועט זי אויך נישט זײַן בײַם סוף, ווײַל זי האָט נישט קיין סוף. די ליניע איז. פֿון דער ליניע איז געקומען דער קרײַז. אין אומענדליכע מאָדוסן מאַניפֿעסטירט זיך פֿאַר אונדז די ליניע און אין אומענדלעכע מאָדוסן מאַניפֿעסטירט זיך פֿאַר אונדז דער קרײַז. די ליניע האָט איין ווילן — אייביק צו זײַן און צו זײַן ליניע. דער קרײַז האָט איין באַגערן — אייביק צו זײַן און צו זײַן קרײַז.

*

דער ערשטער אַטריבוט פֿון דער ליניע איז זײַן. דער ערשטער אַטריבוט פֿון קרײַז איז לעבן. דער צווייטער אַטריבוט פֿון דער ליניע איז עקזיסטענץ, דער צווייטער אַטריבוט פֿון דעם קרײַז איז עקזיסטענץ. אין זייער ביידנס געמיינזאַמען אַטריבוט, עקזיסטענץ, שטויסן זיך אייביק צוזאַמען די ליניע און דער קרײַז און באַשאַפֿן דאָס אייביקע געבוירן און אייביקע אָפּשטאַרבן, וואָס זענען אין טיפֿן תּוך איינס.

*

די שטענדיקע צוזאַמענשטויסן פֿון ליניע און קרײַז באַשאַפֿן דעם ריטם אין אוניווערס. דער ריטם אין אוניווערס איז דאָס לעבן אין אוניווערס. אַזוי גיך עס הערט אויף דער צוזאַמענשטויס צווישן ליניע און קרײַז אויף אַ וועלכער נישט איז פֿלאַך פֿון דער סובסטאַנץ, גייט דאָרט מאָמענטאַן דער געגעבענער מאָדוס פֿון קרײַז אין אַ ליניע איבער, הערט אויף צו לעבן, אָבער נישט צו עקזיסטירן. ווײַל אין דעם אַטריבוט פֿון זײַן, וואָס איך רוף עקזיסטענץ, זענען ליניע און קרײַז שותּפֿים.

*

ליניע און קרײַז, און די אַטריבוטן עקזיסטענץ און לעבן. זענען ווי אַ צווילינג, וואָס איז צוזאַמען און אין איין צײַט און פֿון איין טראַכט אַרויס, און פֿון איין פֿאַטערס לענדן געבוירן געוואָרן. אָבער די ליניע איז נישט נאָר דער מענלעכער טייל פֿון דעם צווילינג, נאָר איז אויך אַלס ערשטע געבוירן געוואָרן.

*

אומענדלעך איז די צאָל פֿון די קרײַזן, וואָס זענען איינס, אומענדלעכע די ליניעס, וואָס זענען איינע. אַלע ליניעס זענען אין טיפֿן תּוך פּאַראַלעל, אַלע קרײַזן זענען אין טיפֿן תּוך אײַנגעשלאָסן אין איין איינציקן קרײַז. אַלע ליניעס, וואָס מיר באַנעמען מיט אונדזער שכל, זענען בלויז מאָדוסן פֿון דער ליניע, אַלע קרײַזן, וואָס מיר באַנעמען מיט אונדזער שׂכל, זענען מאָדוסן פֿון דעם קרײַז. לענג־און ברייט זענען אין דער אומענדלעכקייט בלויז מאָדוסן פֿון דער ליניע.

איך קען מיר פֿאָרשטעלן ליניע אָן קרײַז. איך קען מיר אָבער נישט פֿאָרשטעלן

קרײַז אַן ליניע. מאָדוסן פֿון דער ליניע, וואָס הערן אויף צו עקזיסטירן, ווערן ווידער דאָס זעלבע, וואָס זיי זענען פֿריער געווען — ליניע. מאָדוסן פֿון קרײַז, וואָס הערן אויף צו עקזיסטירן קענען אויך איבערגיין אין אַנדערע מאָדוסן פֿון קרײַז, אָבער זיי קענען אויך איבערגיין אין ליניע. און דאָס איז דער פֿונדאַמענטאַלער חילוק צווישן ליניע און קרײַז. זיי זענען אַ צווילינג, אָבער די ליניע איז די ערשטע געבוירן געוואָרן. זיי זענען אַ צווילינג, אָבער די ליניע איז דער מענלעכער, דער קרײַז — דער ווײַבלעכער טייל פֿון דעם צווילינג.

*

די צוזאַמענשטויסן פֿון ליניע און קרײַז זענען זייער אייביק שפּיל, דער מאָדוס פֿון זײַן, וואָס מיר רופֿן: לעבן. דאָס שפּיל מאַניפֿעסטירט און סימבאָליזירט זיך אייביק פֿאַר אונדזערע אויגן אין דעם שפּיל פֿון די געשלעכטער, דער ליניע פֿון מאַן און דעם קרײַז פֿון פֿרוי. אין אַט דעם שפּיל איז אויך פֿאַראַנען, ווי אין יעדן שפּיל, דער ערנסט פֿון דראַען. קוים טרעט די ליניע אַריבער אַט די גרענעץ און ווערט ערנסט, אָדער דער קרײַז טוט־עס, איז די קאַטאַסטראָפֿע נישט צו פֿאַרמײַדן.

*

אין דעם פּראָדוצירן און באַנוצן זיך מיט די אַטאָמישע באָמבעס זע איך די פֿאַרמעסטונג פֿון דער ליניע צו צעשטערן דעם קרײַז. שפּיל פֿון ליניע מיט קרײַז, וואָס דראָעט אַריבערצוגיין די גרענעץ פֿון דראָען, ממילא אויפֿהערן צו זײַן שפּיל. ווארום אין דעם צוזאַמענהאַלטן זיך פֿון די קרײַזן, אין יעדן אַטאָם באַזונדער, סימבאָליזירט זיך די נויטווענדיקייט פֿון דער אייביקער עקזיסטענץ פֿון קרײַז — אויב לעבן זאָל זײַן אויף אונדזער פּלאַנעט און אוניווערס בכלל. די עקספּלאָזיעס פֿון די אַטאָמישע באָמבעס, פֿאַראורזאַכט דורך מענטשן, מאַניפֿעסטירן און סימבאָליזירן מיט זיך די אַטאַקעס, שוין נישט מער צוזאַמענשטויסן, נאָר אַטאַקעס, פֿון דער ליניע אויפֿן קרײַז מיט רער דײַטלעכער כּוונה אים צו צעשטערן. דער קרײַז ווערט זיך מיט אַלע זײַנע כּוחות, סײַ פֿיזישע אין יעדן פּרט פֿון אַטאָם, סײַ גײַסטיקע אין יעדן כּלל פֿון אַטאָמען, וואָס רעפּרעזענטירן מיט זיך אַ מאָדוס פֿון לעבן, אָדער אַ כּלל־מאָדוס פֿון אַ סך לעבנס. דער קרײַז שלאָגט צוריק, וואַרפֿט זיך אויף דער ליניע. שטאַרקער איז אָבער די ליניע. און כאָטש אין דער ליניע, אין איר טיפֿן וועזן, איז דאָ מער ליבע צום קרײַז ווי האַס צו אים, (אַזוי ווי אין דעם מענטשלעכן צווילינג טאַקע) טאָמער וועט עס אָבער קומען צום אולטימאַטיון צוזאַמענטשטויס — וועט די ליניע, אָדער וועלכער נישט איז מאָדוס אירער, צעשטערן אין קאַמף דעם קרײַז. יעדער מאָדוס פֿון דער ליניע וועט אין קאַמף איבערדויערן דעם קרײַז; די ליניע, וואָס איז כּולל אַלע מאָדוסן פֿון דער ליניע, וועט אין אולטימאַטיון פֿאַרמעסט איבערדויערן דעם קרײַז, וואָס איז כּולל אַלע מאָדוסן פֿון קרײַז.

*

אויב עס איז עפּעס געווען איידער ליניע און קרײַז זענען געווען, איז געווען ליניע אָן קרײַז, אָבער עס איז נישט געווען קרײַז אָן ליניע. אויב די קריגערישע צוזאַמענשטויסן פֿון קרײַז און ליניע, דאָס ווײַטערדיקע פּראָדוצירן און אַטאַקירן מיט אַטאָמישע באָמבעס, וועט נישט אויפֿהערן, קען פֿאַרקומען אַ טיילווײַזע צעשטערונג פֿון דעם אוניווערס, דאָס הייסט פֿון יענעם טייל זײַנעם, ווו עס גרייכן אָט די אַטאַקעס, דאָס הייסט פֿון יענעם טייל זײַנעם, וואָס מיר מענטשן האַלטן אָקופּירט. עס קען אויך זײַן, אַז דאָס וועט זײַן בלויז אַ פּרעלודיום צו דער דורכאויסיקער צעשטערונג פֿון דעם אוניווערס צעשטערונג פֿון אַלע מאָדוסן פֿון קרײַז און ממילא דאָס אויפֿהערן פֿון דער עקזיסטענץ פֿון קרײַז. זײַן אַבסאָלוטע ווידערפּאַרייניקונג מיט דער ליניע. מיר האָבן פֿריער געזאָגט, אַז דער קרײַז איז אייביק צוזאַמען מיט דער ליניע. אָבער נאָך דעם אויפֿהערן פֿון קרײַז און ליניע וועט אויך אויפֿהערן דער באַגריף פֿון דער אייביקייט, וואָס מיר האָבן הײַנט. דעריבער איז אין די רייד אַ לאָגישע סתירה, אָבער נישט קיין אַבסאָלוטע סתירה. אין אַזאַ פֿאַל וועט אויפֿהערן סײַ לעבן און סײַ עקזיסטענץ און עס וועט בלײַבן דער ערשטער מאָדוס פֿון זײַן — דאָס זײַן אַליין — וואָס איז גלײַכצײַטיק אויך זײַן ערשטער פֿון די דרײַ אַטריבוטן, וואָס דורך זיי דערקענען מיר דאָס זײַן. דאָס אַבסאָלוטע זײַן קען זײַן בלויז אין דער ליניע. די ליניע קען זײַן בלויז מיט דעם אַבסאָלוטן זײַן. צו איר זײַן דאַרף זי נישט קיין עקזיסטענץ און נישט קיין לעבן.

דער מענטש, דער שותּף צום אוניווערס, אין בעסטן, שפּינאָזיסטישן זינען זאָג איך עס, האָט אַ רעכט צו באַנוצן זיך מיט אַלע כּוחות, וואָס דער אוניווערס פֿאַרמאָגט, אײַנשליסנדיק די אַטאָמישע קראַפֿט. און לעגאַל — אין אוניווערסאַלן זינען — וועט ער האַנדלען, ווען ער וועט זיך באַנוצן מיט דער אַטאָמישער קראַפֿט, צוזאַמענגלעבנאָבער נאָר צום דײַטלעכן גוטס פֿון אוניווערס און דאָס הייסט: צום און פֿרידלעכן שפּיל פֿון דער ליניע און פֿון קרײַז.

*

אַזוי צעשטערט דער מאַן טיילווײַז די פֿרוי ווען ער בויט מיט איר הילף די ווײַטערדיקע דורות. און דאָך — מחמת ליבע און ווײַטערלעבן — איז דער ציל אַזוי לעגאַל, אַז ער מאַכט אויך לעגאַל דאָס טיילווײַזע צעשטערן פֿון דער פֿרוי. און דאָס טאָן איז גוט אין די אויגן פֿון גאָט, און עס איז גוט אין די אויגן פֿון יעדן מענטש און גוט אַפֿילו אין די אויגן פֿון יעדער פֿרוי אינדיווידועל, וואָס מאַכט דורך דעם פּראָצעס פֿון צעשטערט ווערן. אָבער עס איז גוט נאָר דעמאָלט, ווען עס הערשט קעגנזײַטיקע דיסציפּלין און האַרמאָניע צווישן ליניע און קרײַז, מאַן און פֿרוי. אַדרבא, אַ פֿרוי אין וועלכער די טיילווײַזע צעשטערונג און אויפֿ־

בויאונג איז פֿאַרגעקומען פּילט זיך פּערפֿעקטער ווי יענע פּרוי, וואָס האָט עס נישט דורכגעמאַכט און אַזעלכע פּרויען זוכן זיך אַפֿילו צו קאָמפּענסירן אין זייער לעבן דורך אַנדערע מינים אויפֿבויערישע אַקטן.

עס איז כּדאַי נאָך מער צו מעדיטירן וועגן די דרײַ אַטריבוטן פֿון זײַן אין אוניווערס.

דאָס אַבסטראַקטע זײַן. עס איז אַ ריין קאָסמישער באַגריף. ער אַנט אונדז בלויז. פֿאַרשטיין דורכאויס קענען מיר אים בשום אופֿן נישט.

דאָס קאָנקרעטע עקזיסטירן. די קאָנקרעטע פֿאָרמען פֿון עקזיסטענץ קענען מיר אַבסערווירן אויף שריט און אויף טריט בשעת מיר אַליין לעבן. מיר זעען דאָס עקזיסטירן פֿון דער טויטער מאַטעריע אומעטום. מיר זעען אויך דעם אַריבערגאַנג פֿון לעבן צו עקזיסטענץ. אָדער פֿון העכערער און אינדיווידועלער פֿאָרם פֿון לעבן צו אַ נידריקערער און מולטיפּליצירטער פֿאָרם פֿון לעבן. דאָס עקזיסטירן איז דורכאויס קאָנקרעט פֿאַר אונדזערע חושים און ממילא דורכאויס צוגענגלעך צו אונדזער מוח, צו אונדזער באַגריפֿן־וועלט.

צום בעסטן באַנעמען מיר דאָס לעבן. מיר לעבן דאָך אַליין. און אַזוי ווי מיר לעבן אַליין, קענען מיר זיך אויך פֿאַרשטעלן לעבן אין דער עקזיסטענץ. מיר באַנעמען דאָס לעבן פֿון די פּלאַנצן. מיר באַנעמען לעבן אין טיילן פֿון די פּלאַנצן. מיר באַנעמען אינדיווידועל לעבן אין טיילן פֿון אונדזער גוף. צו אונדזערע רמ״ח אבֿרים האָבן מיר אַ שטאַרק אינדיווידועלן צוגאַנג. מיר האָבן רחמנות אויף איינצלנע גלידער אונדזערע — ווען זיי לײַדן. מיר פֿרייען זיך מיט זיי מיט זייערע ספּעציעלע פֿריידן.

אַז אַ מענטש הערט אויף אינדיווידועל אַלס יחיד צו לעבן, הערט דערמיט זײַן גוף און זײַן נשמה נישט אויף צו עקזיסטירן. גייט דעמאָלט זײַן גוף אַריבער אין זײַן עקזיסטענץ — און אַפֿילו אין אַ רעגרעסירנדיקער און דעגענערירנדיקער פֿאָרם פֿון לעבן — אָן לעבן לויט מענטשלעכן באַגריף פֿון טאָגטעגלעכן לעבן. און אויך די נשמה גייט איבער אין איר עקזיסטענץ אָן לעבן לויט דעם טאָגטעגלעכן באַגריף פֿון לעבן. דאָס דאָזיקע לעבן, ווײַטערלעבן פֿון דער נשמה, שטעלן מיר זיך אויף פֿאַרשידענע אופֿנים פֿאָר. אָפּלייקענען עס מיט דער פֿולער און איבער־צײַגנדיקער לאָגיק קען קיינער נישט.

די דריטע פֿאָרם, נאָך לעבן און נאָך עקזיסטענץ, איז דאָס אייביקע זײַן — וווּ גוף און נשמה ווערן ווידער איינס. ווערן נאָך איינסער ווי זיי זענען אַלס די צוויי אַטריבוטן — ווי שפּינאָזאַ פֿאַרשטייט זיי — געדאַנקלעכקייט און אויס־שפּרייטונג פֿון דער סובסטאַנץ. סובסטאַנץ קענען מיר זיך פֿאַרשטעלן דורך די צוויי אַטריבוטן. אָבער דאָס אַבסאָלוטע זײַן איז אויך אויסער די גרענעצן פֿון דער סובסטאַנץ — און דאָס קענען מיר זיך שוין נישט פֿאַרשטעלן, עס קען אונדז בלויז אָנען. די אַבסאָלוטע ליניע קען אונדז בלויז אָנען. שפּינאָזאָס סובסטאַנץ־באַנעם

איז דאָך געבונדן צו קרײַז און ליניע — כאָטש ער האָט דאָס, און אין דער פֿאָרם, קיין מאָל נישט אַרויסגעזאָגט — ממילא: דאָרט ווו עס הערט זיך אויף דער צווילינג קרײַז און ליניע — הערט אויך אויף די סובסטאַנץ.

די צוזאַמענשטויסן פֿון ליניע און קרײַז זענען דאָ, נישט נאָר אַבסטראַקט און אומבאַנעמלעך פֿאַר אונדזערע חושים, כאָטש באַגרײַפֿלעך פֿאַר אונדזער גײַסט, נאָר זיי מאַניפֿעסטירן זיך אין סימבאָלן אין אונדזער גאַנצן לעבן אַרום, סײַ אין קאָסמאָס, סײַ אין אונדזער לאָקאַלער גאַלאַקסע, דעם מילכוועג אין וועלכן אונדזער זונענסיסטעם באַוועגט זיך, סײַ אין אונדזער לאָקאַלן זונענסיסטעם. פֿאַרזונקען אין אייביקן קרײַזן איז אונדזער פּלאַנעט, אונדזער ערד. איר לעבן שעפּט זי פֿון איר אייביקן צוזאַמענשטויס מיט דעם אייביקן שטראַל, וואָס רעפּרעזענטירט די אייביקע ליניע.

*

די גאַנצע מעכאַניק איז געבויט אויף דעם געזעץ פֿון אַקס און ראָד. אַקס — די ליניע, און ראָד — דער קרײַז. אַזוי לאַנג אַקס און ראָד זענען צוזאַמען, ליניע אַרײַנגעריסן אין פֿרידלעכן שפּיל אין קרײַז. באַוועגט זיך עס און עס לעבט, איז דאָ לעבן. אַז די אַקס, די ליניע פֿאַלט פֿון קרײַז אַרויס בלײַבט שטיל דאָס ראָד. עס ווערט אויך שטיל ווען די ליניע ברעכט דורך דאָס ראָד און דאָס ראָד ווערט אויס קרײַז. דאָס ראָד, דער קרײַז גייט אויך ממילא אַריבער אין אַ ווילד און אַ געפּערלעך לעבן ווען די אַקס, די ליניע גייט אַוועק פֿון צענטער, מאַניפֿעסטירט אַ טענדענץ זיך צו צעשיידן מיט דעם קרײַז.

*

מאַן איז ליניע, אייביקע ליניע; ווײַב איז קרײַז, אייביקער קרײַז. אַפֿילו סעקסועל איז זייער ביידנס סימבאָל — ליניע פֿון מאַן און קרײַז פֿון פֿרוי. זייער אייביקער צוזאַמענשטויס איז לעבן. פֿרוי איז די אייביקע פֿרייד. אַפֿילו דעמאָלט ווען זי טרויערט איז עס נאָר אַ פֿאָרם פֿון דעם אויסדרוק פֿון בענקשאַפֿט נאָך פֿרייד. פֿרוי וויל אייביק קרײַזן אַרום דער ליניע. מאַן איז דער אייביקער ערנסט. אַפֿילו דעמאָלט ווען ער פֿרייט זיך איז עס נאָר אַן אויסדרוק פֿון בענקשאַפֿט צום ערנסט צוריק. מאַן רײַסט זיך אייביק פֿון קרײַז אַרויס, אָבער אין דעם רײַסן זיך דערפֿילט ער ערשט, אַז ער איז ליניע און דאָס פֿאַרשאַפֿט אים דעם שטאַרקסטן באַוווסטזײַן פֿון זײַן ערנסט. ער רײַסט זיך אייביק פֿון קרײַז אַרויס און אייביק אין קרײַז אַרײַן ציט עס אים צוריק.

זאָל אונדז נישט פֿאַרפֿירן דער צופֿאַל, וואָס אין דער גראַמאַטיק איז דאָס מין פֿון דער ליניע — נקבֿה. די ליניע. דאָס מין פֿון קרײַז — זכר. דער קרײַז. דאָס האָט — נאַטירלעך — קיין שום באַדײַטונג נישט .דאָס האָט אַ שײַכות צום קלאַנג פֿון וואָרט, זײַן איין — אָדער מער־טראַפֿיקייט.

*

גאָט איז ליניע און די וועלט איז קרייַז. גאָט איז, עקזיסטירט און לעבט. אין אים זענען אַלע דרייַ אַטריבוטן פֿון אוניווערסאַלן זייַן. גאָט איז און די וועלט עקזיסטירט און לעבט. דאָס אַבסאָלוטע זייַן קען זייַן אָן עקזיסטענץ און אָן לעבן. די עקזיסטענץ קען זייַן אָן לעבן. דאָס לעבן שליסט איַין אין זיך די פֿריערדיקע צוויי טריבוטן פֿון זייַן. לעבן איז דער העכסטער אויסדרוק פֿון זייַן, דער ציל פֿון זייַן. מעגלעך, אַז עס וועט אַ מאָל קומען צו נאָך אַ העכערער פֿאָרם פֿון זייַן, ווי עס איז לעבן, אַ פֿאָרם, וואָס איז מער ווי דאָס אַבסאָלוטע זייַן, דאָס עקזיסטירן און דאָס לעבן.

*

דער קרייַז קרייַזט אַרום דער ליניע אין אַלערליי ווינקלען פֿון אַלע גראַדן פֿון קרייַז. אין דעם בייַטן זיך פֿון די ווינקלען פֿון די ליניעס אין קרייַז איז די פֿאַרשידנאַרטיקייט פֿון לעבן. וואָס מער ווינקלען — אַלץ מער פֿאַרשידנאַרטיקייט. וואָס מער פֿאַרשידנאַרטיקייט — אַלץ מער לעבן. וואָס מער לעבן — אַלץ מער פּערפֿעקציע פֿון לעבן.

*

ליניע איז ליכט אָדער פֿינצטערניש, אָדער אַ געפֿלעכט פֿון זיי ביידן. די פֿאַרבן זענען די קרייַזן. נישט ליכט און נישט פֿינסטערניש אַליין, און נישט אין זייער צוזאַמענשטויס אַפֿילו, ווערן זיי לעבן. לעבן ווערן זיי ערשט אין צוזאַמענשטויס מיט פֿאַרבן — וואָס זענען קרייַזן. דרייַ גרונט־פֿאַרבן זענען פֿאַראַנען — מיינט אונדזער אויג. זאָל דערפֿון געדרונגען זייַן, אַז עס זענען פֿאַראַנען דרייַ גרונט־קרייַזן? בשום אופֿן נישט. אַט רעפּרעזענטירט אי דאָס ליכט און אי די פֿינסטערניש די ליניע. און דערפֿון דרינגט דאָך זיכער נישט, אַז עס זענען פֿאַראַנען צוויי ליניעס. שוואַרץ־ווייַס און אומענדלעכע פֿאַרבן זענען נישט מער ווי איינע פֿון די אומענדלעכע מאַניפֿעסטאַציעס פֿון ליניע און קרייַז, זייַן און — עקסיזטענץ־לעבן.

*

עטיק איז ליניע — עסטעטיק איז קרייַז. דער צוזאַמענשטויס פֿון דער עטיק מיט דער עסטעטיק באַשאַפֿט לעבן. די קולטור פֿון דער וועלט מאַניפֿעסטירט זיך אַלס עטישע גרויס־קולטור און אַלס שטייגערישע קליין־קולטור. די עטישע גרויס־קולטור איז ליניע, די שטייגערישע קליין־קולטור איז קרייַז. פּונקט ווי דער קרייַז און די ליניע זענען געווען אויף דער וועלט איידער זיי האָבן זיך מאַניפֿעסטירט אין דער ערשטער מדרגה פֿון עקזיסטירן און אין דער צווייטער מדרגה לעבן, אַזוי איז אויך די אידעע פֿון דער עטישער גרויס־קולטור און דער שטייגערישער

קליין־קולטור געווען אין דער וועלט איידער זיי האָבן זיך מאַניפעסטירט אין דיַיטלעכע פאָרמען. די ערשטע — די עטישע גרויס־קולטור — בעיקר אין דער פאָרם פון וואָרט, און די צווייטע בעיקר אין דער פאָרם פון טאַט. פונקט ווי קריַיז און ליניע זענען אין אַלע אייביקייטן געבונדן, אַזוי זענען עטיק און עסטעטיק געבונדן. דאָס אַבסאָלוטע זיַין פון דער עטיק קענען מיר אָנען, פונקט אַזוי ווי מיר קענען אָנען דאָס אַבסאָלוטע זיַין בכלל. אָבער זי פאַרלירט פאַר אונדז מענטשן יעדן זינען. די אַבסאָלוטע עטיק איז פאַר לעבעדיקע מענטשן פונקט אַזוי זינלאָז אַזוי ווי דאָס אַבסאָלוטע געזעץ, אַז צוויי מאָל צוויי איז פיר — אויב מיר שטעלן זיך הינטער די צוויי קיין שום עקזיסטענצן נישט פאָר, אָבער דאָס איז נישט מעגלעך, וויַיל ווען מיר זאָגן נאָר: צוויי — באַשאַפט אונדזער דמיון באַלד צוויי עפּעסן. און אַפילו ווען מיר זאָגן אַרויס אַן אַסטראַנאָמישע ציפער מיט צוויי — צוויי קווינטיליאָנען — זאָגט אונדזער דמיון באַלד: צוויי קווינטיליאָנען מיילן. און דאָס הייסט שוין — עפּעסן. דער נישט פילאָסאָפישער מענטש דער אונטער־מענטש, קען זיך פאָרשטעלן אַבסאָלוטע עסטעטיק אָן עטיק. אַבסאָלוטע עסטעטיק אָן עטיק איז פונקט אַזוי זינלאָז ווי קריַיז אָן ליניע.

*

עטישע גרויס־קולטור איז יודעיִש און שטייגערישע קליין־קולטור איז העלעניש. יודעיִזם איז ליניע און העלעניזם איז קריַיז. די אידעעס פון יודעיִזם און העלעניזם זענען געווען אויף דער וועלט לאַנג, לאַנג פאַר דעם אויפקומען פון די צוויי פעלקער, וואָס זענען — אַ דאַנק אַ לאַנגער קייט פון סיבות און ווירקונגען — געוואָרן די טרעגער פון די יודעיִשע און די העלענישע אידעעס. פונקט ווי די העלענישע אידעעס זענען נישט מער צוגעבונדן צו די גריכן — אַזוי זענען די יודעיִשע אידעעס נישט מער אויסשליסלעך צוגעבונדן צו די ייִדן. מען מוז אָבער צוגעבן, סיַידן בייזוויליקייט אָדער אַנטי־יודעיִשע אַפעקטן דיקטירן אַנדערש, אַז די יודעיִשע אידעעס זענען אין אַ גרעסערער מאָס צוגעבונדן צו די ייִדן ווי די העלענישע אידעעס צו די גריכן פון היַינטיקן טאָג. און אויך דאָס איז נישט קיין פאַרדינסט פון די ייִדן און נישט קיין שולד פון די גריכן — נײַערט אַן אויסווירקונג פון אַ לאַנגער קייט פון סיבות.

*

אויב פראַנקריַיך, אין דער ציַיט פון איר גרויסער רעוואָלוציע — האָט זיך פאַרנומען בעיקר מיט דער עטיק פון דעם גאַנצן מין מענטש, איז פראַנקריַיך אין יענער ציַיט געווען דער פאַנענטרעגער פון יודעיִזם אויף אונדזער פלאַנעט. און אפשר אין גאַנצן קאָסמאָס. עס זענען דאָך פאַראַנען מחשבֿות ביַי אַסטראָנאָמען, אַז עס קען געמאָלט זיַין, אַז אויף קיין שום אַנדערן פלאַנעט איז נישטאָ מער אַזאַ

הויכאָנטוויקלטע פֿאָרם פֿון לעבן, ווי דאָס לעבן פֿון דעו מין מענטש. אויב די פֿאַראייניקטע שטאַטן האָבן דאָס זעלבע געטאָן, זענען זיי, אין יענער צײַט, געווען די פֿאָנעטערגער פֿון יודעיִזם אויף אונדזער פּלאַנעט. און אויב דער ראַטן־פֿאַרבאַנד האָט זיך אַ צײַט לאַנג מיט די אידעעס פֿאַרנומען — איז ער, אין יענער צײַט, געווען דער פֿאָנענטרעגער. און — נאַטירלעך — ווו און ווען די יידן זענען געווען בעיקר — אין דער געגעבענער וועלט־סיטואַציע — די טרעגער פֿון דעם יודעיִשן געדאַנק, דעם געדאַנק פֿון אַבסאָלוטער גערעכטיקייט, זענען זיי געווען דערמיט אויך די פֿאָנענטרעגער, און ניט נאָר די טרעגער, פֿון דעם געדאַנק.

*

און — צוליב אַלערליי, לרובֿ אויסערלעכע — סיבות איז דער ייִד צום אָפֿטסטן געווען דער טרעגער פֿון יודעיִזם אין דער וועלט. מיט דער אַרײַנרוקן אין דעם פֿריערדיקן זאַץ די צוויי ווערטער: לרובֿ, אויסערלעכע — האָב איך, גלייב איך, אויסגעמעקט יעדן חשש אַפֿילו, אַז שאָוויניזם דיקטירט מיר די מחשבֿות. אין צײַטן, ווען דער ייִד האָט זיך מיט די אידעעס פֿון גאַנצן מין מענטש אין דער רעם פֿון דער וועלט, נישט פֿאַרנומען, איז ער נישט געווען דער פֿאָנענ־טרעגער פֿון יודעיִזם, כאָטש ער האָט היסטאָריש נישט אויפֿגעהערט צו זײַן אַ ייִד. ייִד און יודעיִזם איז נאָענט, אפֿשר צום נענטסטן — צוליב אַ קייט פֿון אויסערלעכע סיבות — אָבער נישט אידענטיש. גרויסע מאַסן פֿון יידישן פֿאָלק באַלאַנגען צו די אומצאָליקע קרײַזן פֿון דער שטייגערישער ייִדישער קליין־קולטור. אָבער האָבן לחלוטין קיין שום שייַכות נישט צו דער ליניע פֿון דער עטישער ייִדישער גרויס־קולטור. קיין סטאַטיסטיק איז קיין מאָל אין דעם פּרט נישט דורכגעפֿירט געוואָרן, וואָלט מען זי דורגעפֿירט, וואָלט מען זיך אפֿשר ממש דערשראָקן פֿאַר דעם פֿאַקט ווי ווייניק ייִדן עס זענען טרעגער פֿון יודעיִזם.

*

ווי אומעטיק די פּאָר ווערטער דאָ ווײַטער זאָלן נישט זײַן, זאָגן מוז איך זיי: פֿאָלק איז אין דער אמתן דאָס, וואָס אַ קליינע כּיתּה אין אָט דעם פֿאָלק חלומט וועגן אים. אַ מין כּת בעלי חלומות, אָדער בעלי מחשבֿות. אויך די גאַנצע מענטש־הייט איז נישט מער ווי דאָס, וואָס אַ קליינע כּיתּה מענטשן חלומען וועגן איר. און אַזוי מיט אַלע פֿעלקער. אַ מאָל איז עס אַ כּת שקרנים בלויז אין אַ געוויסן פֿאָלק, ווי עס האָט אונדז געלערנט די לעצטע דערפֿאַרונג אין דער וועלט־געשיכטע. דער אמת איז, אַז יעדעס פֿאָלק, און אויך אונדזער פֿאָלק, באַשטייט פֿון צוויי קאַרדינאַלע טיילן, דעם בלויז קוואַנטיטאַטיוון און דעם קוואַליטאַטיוון.

*

און אויב עס איז שוין צו רייד געקומען — זאָל דאָ געמאַכט ווערן אַ פּרווו

צו דעפֿינירן די צוויי באַגריפֿן, בעיקר פֿון ייִדישן שטאַנדפּונקט. נישט אינגאַנצן, אָבער דאָך, האָט אויך די באַמערקונג אַ שייַכות צו די אַלע מחשבֿות. אַ קוואַליטעטס־ייִד איז אַ ייִד, וואָס האָט אַ געוויסן סכום ידיעות וועגן זייַן פֿאָלקס פֿאַרגאַנגענהייט ביזן נעכטיקן טאָג ממש און באַמיט זיך כּסדר, לויט זייַנע אינערלעכע און אויסערלעכע מעגלעכקייטן, דעם סכום וויסן צו פֿאַרברייטערן און פֿאַרטיפֿערן. וואָס איז אַריענטירט אין דעם איצט פֿון זייַן ייִדיש פֿאָלק, איז אַנגעשלאָסן אין איינער פֿון די ייִדישע באַוועגונגען, ברענגט געוויסע קרבנות פֿאַר איר, סײַ פֿון זייַנע מאַטעריעלע מיטלען און סײַ פֿון זייַן צייַט און — דער עיקר — באַמיט זיך אייַנצושטעלן די שריט פֿון זייַנע נאָענטסטע און — ועל כּולם — די שריט פֿון זייַנע אייגענע קינדער, אויב ער האָט זיי, אין יענער ריכטונג. וואָס האָט אַ חלום פֿון אַ ייִדישער צוקונפֿט אין דער רעם פֿון דער וועלט, טראַכט וועגן איר און איז גרייט פֿאַר איר זיך מקריבֿ צו זייַן, אויב גרויסער קרבן וועט געפֿאָדערט ווערן. פֿאַרגאַנגענהייט, איצטיקייט, קומענדיקייט. שיִער נישט אַן אַנטראָפּאָמאָרפֿיזירטער טעטראַגראַמאַטאָן. אויך אין יענעם מיסטישן וואָרט איז "יוד" דאָס ערשטע אות. אָט דאָס איז אַ קוואַליטעטס־ייִד. קוואַנטום־ייִדן זענען אַלע איבעריקע. אַלע איבעריקע, וואָס צוליב וועלכער נישט איז סיבה האַלטן זיי זיך אַליין פֿאַר ייִדן, אָדער ווערן פֿון אַנדערע פֿאַר ייִדן געהאַלטן און קענען זיך פֿון דער פּעטליע נישט אַרויסרייַסן, אָדער ווילן עס נישט.

*

אין איינעם פֿון די פּאַראַגראַפֿן האָבן מיר געטראַכט וועגן דער מעגלעכקייט פֿון קעגנזייַטיקן איבערדויערן פֿון ליניע און קרייַז. מיר זענען געקומען צום אויספֿיר, אַז קרייַז אָן ליניע קען נישט עקזיסטירן און נישט לעבן. ליניע אָן קרייַז — יאָ. דאָס אַבסאָלוטע זייַן געהערט נישט צו די אַטריבוטן פֿון קרייַז. אין איר טיפֿסטן וועזן, אין איר טיפֿסטן מהות, ווייסט די ליניע פֿון דעם אמת, איר אמת. דער קרייַז ווייסט פֿון דעם אמת נישט אין זייַן טיפֿסטן וועזן. דער קרייַז ווייסט נישט, אַז ער קען נאָר אַ געוויסע צייַט ווייַטער־לעבן, אויב ער רייַסט זיך אָפּ פֿון דער ליניע. אַ געוויסע צייַט בלויז קען ער ווייַטער זיך לעבן־דרייען מיט דער אינערץ, וואָס די ליניע האָט אין אים אַרייַנגעגעבן. אָט פּונקט ווי אַ ראָד — און דאָס איז אַזוי קלאָר פֿאַר אַלעמענס אויגן — וואָס איז אַראָפּגעפֿאַלן פֿון דער אַקס אין מיטן לויפֿן.

*

באַוועגונג און קרימונג, און דערמיט לעבן, פֿרייד און שיינקייט זענען אייגנשאַפֿטן פֿון קרייַז. רו און גלייַכקייט זענען די אייגנשאַפֿטן פֿון דער ליניע. דערמיט שטעלט זיך די ליניע אויסער די גרענעצן פֿון שיינקייט. זי איז נישט העסלעך, זי שטייט בלויז אויסער די גרענעצן פֿון שיין און נישט שיין. לו יהי

שווארץ, ווייס און פארבן. שווארץ און ווייס זענען נישט שיין און נישט העסלעך. פארבן קענען זיין שיין, אדער העסלעך. נאטירלעך רעדט זיך עס דא וועגן אבסאלוטן ווייס און אבסאלוטן שווארץ. איז עס בלויז א צופאל, וואס דער טעות, אונטער וועלכן דער ייד פארבינדט זיך דירעקט מיט גאט, איז דורכאויס א קאמבינאציע פון ווייסע און שווארצע ליניעס? עס איז נישט קיין צופאל בלויז. די עטרה איז בלויז א העלענישער צוגאב צום טלית. צו זיינע עלעמענטן געהערט זי נישט. וועגן די אייגנשאפטן זייערע ווייסן די ליניע און דער קרייז. דער יודעיזם און דער העלעניזם. אבער דער העלעניזם ווייסט נישט (ווייל דאס אונטערבאוווסטזיין אין דעם פרט פעלט אים, ווייל וואלט ער דאס אונטערבאוווסטזיין געהאט, וואלט ער זיך אליין מיט דעם אפגעשוואכט, און דאס איז קעגן דער נאטור פון יעדער עקזיסטירנדיקער און אוודאי שוין לעבעדיקער זאך), אז אין טיפן תוך איז ער שוואכער פון יודעיזם. דער יודעיזם פארמאגט אבער אט דעם אונטערבאוווסטזיין פון זיין גרעסערער שטארקייט איבער דעם קרייז. עס איז נישט זיין פארדינסט, עס ליגט אין זיין נאטור. און ווייל עס ליגט אין זיין נאטור — נעמט ער זיך מיט דעם נישט איבער. אבער עס ליגט פארט אין זיין נאטור און ער האט עס אין זיין אונטערבאוווסטזיין און זיינע האנדלונגען זעען אפט אויס, אזוי ווי ער וואלט טאקע געהאט געהיימע פארבינדונגען מיט גאט. סימנים דערפון שלאגן זיך דורך, ווי בלוט פון א געהיימער ווונד דורך מלבושים, דורך האנדלונגען פון יידן, וואס זענען שוין אפילו זייער לאנג אפגעריסן פון יידישן שטאם, אדער לעבן אונטער רעזשימען, וואס פארטראגן נישט קיין ספעציעל יידישע האנדלונגען. אזוי ביי יידן־יחידים און אזוי ביי יידישע גרופעס. אזוי א מאל ביי אסימילירט־געשמדטע יידישע גרופעס אין דייטשלאנד און אזוי ביי יידן, וואס לעבן שוין דרייסיק יארן אונטער דעם סאוועטישן רעזשים. דער טיפער סוד פון יידישן קידוש השם איז טאקע צו פארשטיין נאר מיט דער הילף פון אט דעם אונטערבאוווסטזיין. אויך דער טיפער סוד פון דעם אייביקן ווונדערן זיך פון דעם העלענער איבערן יידישן קידוש השם. דארט האבן מיר צו טאן מיט א פארבאהאלטענעם סופעריאריטעטס־קאמפלעקס, אדער אפשר דארף מען דא זאגן "אונטער־קאמפלעקס", אין צווייטן פאל מיט א פארבאהאלטענעם אינפעריאריטעטס־אונטער־קאמפלעקס. (אנטקעגן דעםווארט "אונטערבאוווסטזיין").

*

דער יודעיזם איז נישט בעסער ווי דער העלעניזם, דער העלעניזם איז נישט שענער ווי דער יודעיזם. כאטש אין אלגעמיין ווערט אנגענומען אז אין ווען פון ערשטן איז שיינקייט, אין ווען פון צווייטן גוטסקייט. אין מהות פון דעם ווארט "גערעכטיקייט" אדער "רעכט" איז אויך דא דער מהות פון "ליניע" און דאס איז דער פונדאמענטאלער חילוק צווישן יודעיזם און העלעניזם.

*

מיר מענטשן, וואָס זענען צוגעבונדן מיט אונדזערע חושים צום לעבן — האָבן מער פֿון אַלץ ליב דאָס לעבן אַליין. און — אויב מיר פֿאַרשטייען דאָס לעבן טיפֿער — האָבן מיר אויך ליב דעם טויט. עס ליגט אין דער נאַטור פֿון דער זאַך, אַז ייִדן קענען לײַכטער באַנעמען די ליבע צום טויט ווי נישט ייִדן. מאָמענטן פֿון אַ שטאַרקערער ליבע צום טויט ווי צום לעבן זענען אויסנאַמס־מאָמענטן. פֿאַראַנען אַזעלכע. דאָס זענען רגעס פֿון גרויסע לײַדן — פֿיזישע צי גײַסטיקע — און אויך רגעס, ווען אונדזער לעבנס־ווילן גופֿא, אָדער לעבנס־ליבע גופֿא, ווערט צוליב סיבות מיד.

*

אויב מיר פֿאַרמאָגן געניג באַוווסטזײַן, קענען מיר זייער לײַכט ליב האָבן אי דאָס לעבן און אי דעם טויט, ווײַל מיר ווייסן דאָך דעמאָלט, אַז דורך דעם טויט הערן מיר נישט אויף צו עקזיסטירן. פֿון זײַן איז דאָך שוין אָפּגערעדט. נישט אונדזער גוף קרײַז — הערט אויף צו עקזיסטירן, און נישט אונדזער ליניע — נשמה. די ווײַטער־עקזיסטענץ פֿון אונדזערע גופֿים נאָך אונדזער טויט, נאָך מענטש־לעכן טויט, קענען מיר לײַכט אָבסערווירן מיט אונדזערע חושים. מיט די זעלבע, נישט גענוג פּערפֿעקטע חושים, קענען מיר אָבער נישט אָבסערווירן די ווײַטער־עקזיסטענץ פֿון אונדזערע נשמות, נאָך אונדזער טויט, און דעריבער זענען די באַגריפֿן פֿון דער ווײַטער־עקזיסטענץ פֿון דער נשמה פֿאַרנעפּלטע און סתּירותדיקע.

אַז די ייִדישע רעליגיע איז נאָך געווען נענטער צו איר אורקוואַל, נענטער צו איר געטלעך־געניאַלן באַשאַפֿער — ווער ער זאָל נישט האָבן געווען, צי פֿון אונדזער שטאַם, צי נישט — איז זי געווען אַזוי דורכגענומען מיט דעם באַוווסטזײַן פֿון דער ליניע אירער, אַז זי האָט אַפֿילו נישט געטראַכט פֿון אַ סוראָגאַט פֿון אַ "יענער וועלט". דעמאָלט האָט נאָך אין איר שטאַרק געלעבט דאָס באַוווסטזײַן, אַז די וועלט איז יענע וועלט גלײַכצײַטיק. וואָס ווײַטער די ייִדישע רעליגיע, די ייִדישע וועלט־באַנעמונג, איז אַוועק פֿון איר אורקוואַל, וואָס מער זי איז פֿאַרמישט געוואָרן מיט דער העלענישער וועלט־באַנעמונג, וואָס מער די קרײַזן האָבן אָנגעהויבן צו קרײַזן אַרום דער ליניע, אַלץ מער איז זי פֿאַרמענטשלעכט און פֿאַרלעבנט געוואָרן און אַלץ מער האָט זי געמוזט טראַכטן וועגן אַ "יענער וועלט" ממש. דער אמת איז אָבער, אַז "יענע וועלט" מיט איר גן עדן און גיהנום זענען אַ נישט־ייִדישע זאַך און קענען נישט האָבן קיין פּלאַץ אין באַנייטן יודעיִשן וועלט־באַנעם.

*

פּונקט ווי יחידים זענען מיט אַלע חושים צוגעבונדן צום לעבן — אַזוי זענען עס גאַנצע פֿעלקער. דאָס ייִדישע פֿאָלק, פּונקט ווי אַלע אַנדערע פֿעלקער, האָט

שטאַרק ליב דאָס לעבן. כּאָטש פּונקט ווי אין יחידים, קומען פֿאָר אויך אין פֿעלקער פֿעריאָדן פֿון מידקייט. אַז יחידים הערן אויף צײַטווײַליק צו לעבן — הערן זיי שוין אויף שטענדיק צו לעבן. נאָך דעם לעבן קענען זיי נאָר נאָך עקזיסטירן און נאָך אַריבער אין דער פֿאָרם פֿון זײַן, אָבער צום לעבן קענען זיי זיך אינדיווידועל שוין מער נישט אומקערן. אָבער פֿעלקער קענען יאָ צײַטווײַליק אויפֿהערן צו לעבן, אַריבער אין דער בחינה פֿון עקזיסטירן בלויז, און מיט דער צײַט ווידער אָנהייבן לעבן. פֿעלקער זענען וויביימער. עס איז פֿאַלש דאָס אָפֿטע פֿאַרגלייכן פֿון גאַנצע פֿעלקער־אָרגאַניזמען צו מענטשלעך־יחידישע אָרגאַניזמען, פֿעלקער־אָרגאַניזמען זענען ווי ביימער־אָרגאַניזמען. וואָלטן פֿעלקער געווען ווי יחידים — וואָלט אונדזער ייִדיש פֿאָלק געדאַרפֿט איצט — און אָפֿט שוין אין אונדזער געשיכטע — זײַן לאַנג טויט. איז דאָך פֿון אונדז איצט אָפּגעשניטן געוואָרן — מיט דעם אויסמאָרדן פֿון אונדזערע זעקס מיליאָנען — אַ האַנט און אַ פֿוס און דער קאָפּ — אויב מיר וואָלטן אַ פֿאָלק פֿאַרגלײַכט צו אַ מענטשלעכן יחיד. אָבער, אַז מיר פֿאַרגלײַכן אַ פֿאָלק, און זיך, צו אַ בוים — איז טאַקע פֿון אונדז אונדזער הויפּטשטאַם אָפּגעשניטן געוואָרן, אָבער דער אמתער קאָפּ פֿון אַ בוים איז גראָד אין זײַן נידער, אין די וואָרצלען — און מיר קענען רעגענערירן און אַפֿילו גיך רעגענערירן. שוין אין ערשטן זומער. ווײַל דער אומקום פֿון די זעקס מיליאָנען איז נישט געווען אַן אויסדרוק פֿון אונדזער מידקייט, אדרבא — די קאַטאַסטראָפֿע האָט אונדז פֿאַרכאַפּט אין אַ מאָמענט פֿון אויפֿלעבונג — דעריבער איז דער רעגענעראַציע־און ווידער־אויפֿלעבונגס־ווילן אַזוי שטאַרק אין אונדז, איצט, באַלד נאָך דער קאַטאַסטראָפֿע. עס זעט שיער נישט אַזוי אויס, אַז די קאַטאַסטראָפֿע האָט דערנענטערט אונדזער אולטימאַטיווע רעגענעראַציע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן, מיט אונדזער אייביקייט געמאָסטן, קנאַפּ פֿאַר 1939, אונדזערע משיחס־צײַטן.

*

מיר האָבן פֿריער געזאָגט, אַז אַן איינמאָל פֿאַרלוירן לעבן קען נישט ווידער־געפֿונען ווערן דורך דעם זעלבן יחיד אין אידענטישע באַדינגונגען. אָבער אַ פֿאַרלוירן לעבן, וואָס איז דורכגעגאַנגען די מעטאַמאָרפֿאָזע פֿון עקזיסטענץ, קומט ווידער אויף, נאָר נישט אונטער אידענטישע באַדינגונגען. קומט אויף אין אַן אַנדערן גילגול. די גרעסטע טראַגעדיע פֿון דעם מין מענטש באַשטייט אין דעם, וואָס כאָטש זײַן איצטיקייטס־זכּרון איז זייער גוט אַנטוויקלט, באַזיצט ער אָבער לחלוטין נישט קיין זכּרון פֿון פֿאַרגאַנגענע גילגולים. דאָס איז נוגע דעם יחיד־מענטש. אָבער דער קאָלעקטיווער מענטש באַזיצט דעם זכּרון פֿון פֿאַרגאַנגענע גילגולים. אַ בלאַט שטאַרבט יעדן האַרבסט און קומט, אַלס יחיד, קיינמאָל מער נישט אויף, אַזוי מיינט דאָס בלאַט, אָדער וואָלט געמיינט, ווען עס וואָלט געטראַכט. אָבער דער גאַנצער בוים, דער כּלל, ווערט יעדעס יאָר נײַ־געבוירן. די בלעטער

זענען די קרײַזן, די לעבנס־פֿאָרמען, וואָס רינגלען אַרום די ליניע, דעם בוים. כאָטש דער ייִד, דער יודעער, האַלט זיך זייער קראַמפּהאַפֿטיק אין לעבן, ווי לאַנג עס לאָזט זיך; אין אַנטשיידנדיקן מאָמענט, נאָענט פֿון טויט — נעמט ער דעם טויט אויף מיט מער רויִקייט ווי דער העלענער. אין אים איז שטאַרקער אַנטוויקלט דאָס אונטער־באַוווסטזײַן פֿון געדענקען פֿון פֿריערדיקע גילגולים — לעבנס. דער העלענער לעבט לײַכטזיניקער, שפּילט זיך און פֿאַרשפּילט לײַכטער דאָס לעבן. אין דער אַנטשיידנדיקער רגע שטאַרבט דער ייִד רויִקער. אין פּנים פֿון טויט ווערט קלאָר דער פֿונדאַמענטאַלער חילוק אין זייערע נאַטורן — דער נאַטור פֿון דער ליניע און דער נאַטור פֿון קרײַז. אויב עס וואָלט מעגלעך געווען אויפֿצוהייבן זיך הויך־הויך איבערן איצט, און דער עיקר אויב אַ ייִד וואָלט עס געקענט טאָן — און עס איז כּמעט אוממעגלעך דערווײַל — וואָלט מען דאָס שטאַרבן פֿון די זעקס מיליאָנען דערזען ווי דאָס שטאַרבן פֿון אַ זעקסמיליאָניקען סאָקראַטעס־רבי עקיבא.

*

דער נאַציזם איז געווען — און אויף וויפֿיל ער עקזיסטירט נאָך, איז ער עס נאָך — די אַבסורדאַלע און מאַקסימאַלע פֿאָרם פֿון העלעניזם. דער נאַציזם האָט געשטרעבט צום אוממעגלעכן, צום זעלבשטענדיקן לעבן פֿון קרײַז, אָן דער שטענדיק באַלעבנדיקער און ריטמישער ווירקונג פֿון דער ליניע, דעם יודעיִזם. דער נאַציזם האָט זיך פֿאַרמאָסטן אויף דעם גרעסטן אַבסורד, וואָס דאָס לעבן פֿון דעם פּלאַנעט האָט פּראָדוצירט. דאָס ראָד האָט זיך פֿאַרמאָסטן אומצוברענגען די אַקס, דער קרײַז — די ליניע. און עס איז אפֿשר נישט קיין צופֿאַל, וואָס דער נאַציזם האָט אַזוי פֿיל גערעדט וועגן דעם, אַז ער איז די אַקס. ווי האָט ער געקענט זײַן די אַקס, אַז ער איז געווען משוגע געוואָרענער קרײַז? און עס איז נאַטירלעך נישט קיין צופֿאַל, וואָס אַט דאָס ראָד, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פֿון דער אַקס, האָט אַליין געוואָלט ווערן אַקס, האָט זיך אַזוי גיך אַראָפּגעקײַקלט אין אָפּגרונט — מיטרײַסנדיק אַ שטיק וועלט מיט זיך.

די ליניע האָט זיך קיינמאָל נישט פֿאַרמאָסטן אומצוברענגען דעם קרײַז, ווי דער קרײַז — אין די יאָרן 1933־1945 — די ליניע. און אויב אַ וועלכער נישט איז פֿירשפּרעך פֿון דער ליניע האָט אפֿשר וועגן נישט איז, און צײַטנווײַז, געטראַכט וועגן דעם, אָדער גערעדט וועגן דעם, איז דער געדאַנק פּונקט אַזוי אַבסורדאַל ווי די פֿאַרמעסטונג פֿון דעם קרײַז.

*

דער קרײַז און די ליניע זענען אין אַלע אייביקייטן געבונדן מיט זיך, אויב לעבן דאַרף זײַן אויף דעם פּלאַנעט. אין אייביקן ריטם זענען געבונדן דער ייִד און די וועלט, די וועלט און דער ייִד. דער ייִד, דער אייביקער טרעגער פֿון איינס־

געדאַנק אין דער וועלט — אָנהייבנדיק מיט משה׳ס איינס־געדאַנק און ענדיקנדיק מיט שפּינאָזאַס איינס־געדאַנק; דער העלענער, דער אייביקער טרעגער פֿון פֿיל־געדאַנק אין דער וועלט. די שפּיל פֿון איינס מיט פֿיל און פֿיל מיט איינס איז לעבן. און לעבן איז דער זין פֿון דער וועלט. אָן קרייַז האָט די וועלט קיין זין נישט, קיין באַוועגונג נישט, קיין לעבן. אָן ליניע קען זיך דער קרייַז נישט באַוועגן, קען קיין זין נישט האָבן, קיין לעבן נישט.

*

כאָטש אונדזער ייִדיש פֿאָלק האָט אַזוי פֿיל בייַגעטראָגן צום וויסן וועגן אַטאָם, און כאָטש אַ פֿאָרשטייער פֿון אונדזער פֿאָלק — אייַנשטיין — האָט געהאָלפֿן בייַ דער אַנטוויקלונג פֿון דעם אַטאָם אַלס וואָפֿן, וואָס האָט אולטימאַטיוו אָפּגעשטעלט דעם שותּף פֿון דעם משוגע געוואָרענעם קרייַז, זענען אָבער אויך פֿאָרשטייער פֿון אונדזער פֿאָלק, מיטן זעלבן אייַנשטיינען בראש, איצט די ערשטע, וואָס וואָרענען וועגן דער גרויסער געפֿאָר. מחמת דאָס פֿאַרוואַנדלען די אַטאָמקראַפֿט אין אַ צעשטערנדיקן וואָפֿן איז גלייַך צו אַ משוגע געוואָרענער ליניע, וואָס וויל דעם קרייַז צעשטערן. און אויב די וואָרענער זענען נישט קיין ייִדן, שטייען זיי אונטער דער השפּעה פֿון יודעיִשע אידעען. איך וויל דאָ קיין ווייַטערדיקע נעמען נישט אָנרופֿן. די זאַך איז קלאָר גענוג.

*

יודעיִזם איז געגאַנגען אין איין גלייַכער ליניע, אָנהייבנדיק מיט משה ביז הייַנט. די ערשטע צוועלפֿהונדערט יאָר פֿון דעם גאַנג זענען גראַדליניק דאָקו־מענטירט אין תּנ״ך. דאָקומענטירט מיט דער קאַנאָניזירונג. דאָס וואָס ער שטעלט זיך געשיכטלעך אָפּ אַ האַלב מילעניום פֿריער קומט דאָ נישט אין פֿראַגע. קאַנאָן איז אויך גלייַכע ליניע. ייִדישער קאַנאָן איז דאָ אין רוקנביין פֿון אונדזער געשיכטע. ער איז נאָר נישט אַזוי דאָקומענטירט נאָך ווי ער איז עס אין תּנ״ך. אויך פֿאַר דעם איז איצט די צייַט געקומען. אַלע סימנים זאָגן דאָך, אַז מיר לעבן אין דער צייַט פֿון די צייַטן. דער קרייַז האָט קעגן דער ליניע געקריגט און איז באַזיגט געוואָרן. און עס זעט אויס ווי די ליניע פֿאַרמעסט זיך אויפֿן קרייַז. און אַזוי ווי די ליניע איז שטאַרקער — איז טאַקע איצט די לעבעדיקע וועלט אין שפּיל.

*

און אויך פֿון אונדזער ריין ייִדישן שטאַנדפּונקט איז איצט די צייַט פֿאַר אַ נייַעם קאַנאָן. אַזוי האָבן מיר זיך אַלע מאָל געפֿירט. נאָך אונדזער ערשטן חורבן האָבן מיר קאַנאָניזירט דעם חומש, נאָך אונדזער צווייטן חורבן — דעם נ״ך, נאָך אונדזער דריטן חורבן, וואָס מיר האָבן בלי שום ספֿק איבערגעלעבט ווי די

ערשטע צוויי חורבנות, דאַרפֿן מיר קאַנאַניזירן אונדזער צווייטוויזנטיעריקן חשבון חשבון מיט דער וועלט און מיט זיך.

*

ליניע זענען מיר! לכל הפחות אירע שליחים. אחד איז דאָס גרויסע וואָרט אונדזערס. איין גאָט איז געוועזן אונדזער ערשטע גרויסע איינס, וואָס מיר האָבן צו און אין דער וועלט געטראָגן נאָך אונדזער ערשטן חורבן. איין מענטשהייט, וואָס איז אידענטיש מיט איין וועלט, איז געוועזן אונדזער צווייטע, גרויסע איינס, וואָס מיר האָבן צו און אין דער וועלט געטראָגן נאָך אונדזער צווייטן חורבן. איין מענטש דאַרף זײַן די דריטע גרויסע איינס, וואָס מיר דאַרפֿן איצט קלאָר מאַכן פֿאַר דער וועלט אין אונדזער נײַעם קאַנאָן, נאָך אונדזער דריטן חורבן און גרעסטן קרבן.

*

קען זײַן, אַז ליניע איז אויך נישט מער ווי אילוזיע, אַז אין קאָסמישן פֿאַרנעם איז זי אויך נישט מער ווי קרײַז. פּונקט ווי קרײַז ווערט דער גלײַכסטער וועג אויף אונדזער פּלאַנעט, אויב ער ציט זיך נאָר פּערציק־טויזנט קילאָמעטער לאַנג אין איין ריכטונג. אָבער אָט אַזוי טראַכטן איז טאָקע אין גרונט גענומען העלעניש, טראַגיש, פּעסימיסטיש. און איך בין אַ ייִד.

*

און ווײַל איך בין אַ ייִד, ליגט עס אין מײַן נאַטור אין מיטן פֿון לאַבירינט דעם פֿאָדעם צו זוכן. זוך איך אים. און אָט דאַכט זיך מיר, האָט זיך מיר בײַם שרײַבן די אַלע בלעטער ביז איצט געדאַכט, אַז אַ פֿאָדעם האָב איך דערזען און אויפֿגעהויבן און איך האַלט מיך בײַ אים און עס דאַכט זיך מיר, אַז ער פֿירט מיך פֿון לאַבירינט אַרויס. און מיט זײַן הילף האָב איך נאָר וואָס געמאַכט דעם ערשטן אומזיכערן שריט צו אַ נײַער ייִדישער וועלט־באַנעמונג נאָך די יאָרן 1933־1945. אַ נײַער ? אפֿשר אַן אוראַלטער, אייביק דערזעלבער.

*

איין גאָט, איין וועלט, איין מענטש. די ליניע וויל לעבן האַרמאָניש מיט דעם קרײַז. דער קרײַז מוז לעבן האַרמאָניש מיט דער ליניע. דאָס איז נאָר מעגלעך דעמאָלט, ווען אַלע, אַלע וועלן פֿאַרשטיין, אַז איין מענטש אין אַזוי גרויס, און נאָך גרעסער, ווי איין גאָט, ווייל איין גאָט איז בלויז גאָט, איין מענטש איז גאָט און מענטש. מער. איין מענטש איז דער דריטער און לעצטער ייִדישער איינס־געדאַנק אין דער וועלט.

פֿון זעלבן מחבר:

אויף דער שוועל... — יוגנט־פּאָעזיע — לעמבערג 1912.
ראָזינענגראָז — לידער — ווין 1917.
שפּינאָזאַ — פּאָעזיע — ווין 1919.
צווייטע, פֿאַרענדערטע אויסגאַבע — ווין 1921.
נאַקעטע לידער — ווין 1921.
דער קרן פֿון אַלע מײַנע לידער — אויטאָ־אַנטאָלאָגיע — וואַרשע 1922.
פּרעהיסטאָרישע לאַנדשאַפֿטן — פּאָעמעס און באַלאַדן — וואַרשע 1924.
צו דער יידישער יוגנט — עסיי — וואַרשע 1924.
בלוט אויף דער פֿאָן — סאָציאַלע דראַמע — ווילנע 1929.
די פֿיר זײַטן פֿון מײַן וועלט — פֿיר געזאַנגען — ווילנע 1929.
ווײַב און מאַן — דרײַ דראַמעס — וואַרשע 1931.
קאָנטינענטן און אָקעאַנען — לידער, באַלאַדן, פּאָעמעס — וואַרשע 1937.
איבער אויסטראַליע — רײַזע־באַשרײַבונגען — וואַרשע 1937.
לידער און באַלאַדן פֿון די לעצטע דרײַ־פֿיר יאָר — מעקסיקע 1940.
מײַן לעקסיקאָן — יידישע בעלעטריסטן אין פּוילן — מאָנטרעאָל 1945.
67 לידער — בוענאָס־אײַרעס 1946.
מײַן לעקסיקאָן — יידישע פּובליציסטן אין פּוילן — מאָנטרעאָל 1947.
איינעמס יידישע מחשבֿות — עסייען — בוענאָס־אײַרעס 1949.
די קריינונג פֿון אַ יונגן יידישן דיכטער אין אַמעריקע — פּאָעמע — ניו־יאָרק 1953.
די לידער פֿון מײַנע לידער — אַ כּינוס פֿון דרײַצן זאַמלונגען — אילוסטרירט: יאָסל בערגנער — מאָנטרעאָל 1954.
מ. ראַוויטש־ביבליאָגראַפֿיע — צונויפֿגעשטעלט פֿון יעפֿים ישורין, דערגענצט פֿון וו. אָסטרעגער — מאָנטרעאָל 1954.
מײַן לעקסיקאָן — יידישע און העברעיִשע שרײַבערס אין ישראל — מאָנטרעאָל 1958.
דאָס מעשׂה־בוך פֿון מײַן לעבן — פֿון די יאָרן 1893—1908 — אילוסטרירט: אַדרי בערגנער — בוענאָס־אײַרעס 1962.
דאָס מעשׂה־בוך פֿון מײַן לעבן — פֿון די יאָרן 1908—1921 — אילוסטרירט: אַדרי בערגנער — בוענאָס־אײַרעס 1964.
עיקר שכחתי — לידער און פּאָעמעס, 1954—1969 — צייכענונגען: אַדרי און יאָסל בערגנער — מאָנטרעאָל 1969.

דאָס מעשׂה־בוך פֿון מײַן לעבן — יאָרן אין וואַרשע, 1931—1934 — אילוסטרירט מיט האָלצשניטן : אַדרי בערגנער — תל־אביב 1975.

חמישים שירים — אויסקלויב פֿון 1909—1954 — בחר ותרגם א״ד שפּיר, אילוסטרירט : יאָסל בערגנער — תל־אביב 1969.

ספר המעשׂיות של חיי, מיידיש משה יונגמאַן, חיתוכי־עץ : אַדרי ברגנר, רישום דיוקן המחבר : יוסל ברגנר — תל־אביב תשל״ו.

מײַן לעקסיקאָן — ייִדישע שרײַבערס, קינסטלערס, אַקטיאָרן, אויך כּלל־טוערס אין די אַמעריקעס און אַנדערע לענדער. באַנד 4, בוך 1, אַרויסגעגעבן פֿון וועלטראַט פֿאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור — תל־אביב 1980.

מײַן לעקסיקאָן — ייִדישע שרײַבערס, קינסטלערס, אַקטיאָרן, אויך כּלל־טוערס אין די אַמעריקעס און אַנדערע לענדער. באַנד 4, בוך 2, אַרויסגעגעבן פֿון וועלט־ראַט פֿאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור. צוגעגרייט צום דרוק און מיט אַ הקדמה פֿון רחל ראַוויטש — תל־אביב 1882.

פֿון דעם מחברס מאַמען:

הינדע בערגנער — אין די לאַנגע ווינטערנעכט — משפּחה־זכרונות — אַרויסגעגעבן פֿון די דרײַ זין : משה הררי — 1892־1921 ; הערץ בערגנער, מ. ראַוויטש — מאָנטרעאָל 1946.

הינדע בערגנער — בלילות החורף הארוכים, עברית : אריה אהרוני, הוצאת עם עובד — תל־אביב 1982.